Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/allworksofshalom0000vari

אַלע ווערק פון שלום-עליכם

פונ׳ם יאַריד

לעבענסבאַשרייבונגען

ערשטעס בוך

שלום-עליכם פאָלקס-פאָנד אויסגאַבע — ניו-יאָרק, 1927

פונ׳ם יאַריד

לעבענסבאשרייבונגען

ערשטעס בוך.

נעשריבען אין די יאָהרען 1913—1916.

Copyright, 1923, by Olga Rabinowitz
(Sholom-Aleichem), New York, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

אינהאלט

מיינע קינדער — א מתנה	7
די געשיכטע פונ׳ם בוך „פונ׳ם יאריד“ אין קורצען	9
פאר וואס עפּיס „פונ׳ם יאריד“ ?	15
די שטאדט	19
טאטע־מאמע	23
שמואליק דער יתום	28
אוצרות	32
דער רב אין גן־עדן	36
שמואליק ווערט פארשוואונדען	41
מאיר מעדוועדעווקער	45
פארלירען נאך א חבר	50
חבר סירקא	54
סירקא׳ס טראגעדיע	59
דער יצר־טוב מיט׳ן יצר־הרע	63
גנבה, קארטענשפּיעל און אנדערע עבירות	68
פיינעלע־אשמדאי	73
דער לץ	78
די משפּחה	83
דער פעטער ניסעל און די מוהמע הארעל	87
פינעלע שימעלע׳ס פאהרט קיין אדעס	94
משנה מקום — משנה מזל	104
דער עולם צעקריכט זיך	110
גערגעלע־גנב	115
מאיר־וועלוועל בעל־עגלה מיט זיינע „סוסים“	122
זיי געזונט, ווארשנקא !	129
די נסיעה	136
אין דער נייער היים	143
די גרויסע שטאדט	149
בין־הזמנים	156
מלמדים און לעהרערס	163
דער גמרא־מלמד	169
דער אמאליגער „חדר“	174
די בר־מצוה	180
דער „בחור“	189
די ערשטע ליעבע	195
די חלירע	201
די שבעה־זיצערס	209
ביי׳ם דניעפּער	216
אויפ׳ן פּאראם	222
אין באהסלאוו אויף דער „טארהאוויצע“	227
א שענער ברוך־הבא	232
צווישען פעלצען	236
א איד א פוינעל	242
ימים נוראים	247
סוכות	254
אוים יום־טוב — צוריק אהיים	260

מיינע קינדער –

א מתנה.

טייערע ליבע קינדער מיינע –

אייך ווידמע איך דאס ווערק פון מיינע ווערק, דאס
בוך פון מיינע ביכער דעם שיר השירים פון מיין נשמה
איך ווייס, אז מיין בוך איז ווי יעדעס מענטשענס ווערק, ניט
ריין פון חסרונות. נאר ווער נאך ווייס אזוי ווי איהר וואס
עס קאסט מיך? איך האב אוועקגעגעבן און פאראייניגט
אין דעם דאס בעסטע וואס איך פארמאג – מיין הארץ
ליידענט דאס פון צייט צו צייט. אפשר וועט איהר, אבער
טייערע קינדער, בעסער פארשטעהן – ווי אזוי ליעב צו
האבען אונזער פאלק און צו שעצען מיינע גייסטיגע אוצרות
וואס ליגען צוזאמען אין אלע פינסטערע ווינקעלעך פון
אונזער גרויסען גלות אויף דער גרויסער וועלט. דאס
וועט זיין דער בעסטער לוין פאר מיינע העכסטע בריינגען יאהרן
געטרייע ארבייט אויפ'ן פעלד פון אונזער מאמע-לשון
און ליטעראטור –

מייער. פינוטער – פראפעסאר

[illegible] 1916 ניו-יארק.

די געשיכטע פונ'ם בוך „פונ'ם יאַריד" אין קורצען.

דער מזל פון אַ בוך איז ווי דאָס גליק פון אַ מענטשען. עס באַדאַרף פריהער פאַרשוואַרצט ווערען, דורכגעהן אַלע שבעה מדורי גיהנום, ביז עס דערזעהט די ליכטיגע וועלט.

דאָס בוך „פונ'ם יאַריד" איז נאָך נישט אַלט קיין טאָג. עס איז ערשט היינט אַרוים פון דרוק — און האָט שוין הינטער זיך אַ גאַנצע היסטאָריע. ערלויבט מיר זי אייך דערצעהלען אין קורצע ווערטער.

דער ערשטער, וואָס האָט מיר אויפגעגעבען די אידעע ברייט און אַלזייטיג צו באַשרייבען די פאַרגאַנגענע פופציג־יאָהריגע עפּאָכע פון אונזער אידישען לעבען אין גלות, איז דוקא אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר, אַ איד, וועלכען דער פאַר־שטאָרבענער משורר י. ל. גאָרדאָן האָט געקרוינט מיט'ן נאָמען „קורא נכבד". איהם קען די גאַנצע וועלט. ער איז אונזערער איין אַדעסער משכיל, היינט אין אַמעריקע, אַ ליעבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, און זיין אמת'ער נאָמען איז אַ ב ר ה ם א ל י ה ו ל ו ב אַ ר ס ק י. ווי איין עכטער חסיד און איין אמת'ער גוטער פריינט, איז ער פאַר עטליכע יאָהרען געקומען צו מיר ספּעציעל אין דער שווייץ און אויפגעגעבען מיר אַ פּלאַן: היות אַזוי ווי איך האָב דורכגעמאַכט אַ גאַנצע עפּאָכע און בין אויסגעוואַכסען, קאָן מען זאָגען, אינאיינעם מיט דער אידישער פאָלקס־ליטעראַטור, — טאָמער וואָלט איך

איז נאָך גענוג גרויס. די עפּאָכע הויבט ערשט אָן צו צעוואַכסען זיך, די בילדער הויבען ערשט אָן צו וועבען זיך, די געשעהענישען הויבען ערשט אָן צו אַנטוויקלען זיך, און געשטאַלטען פון מענטשען לאַנג־פאַרשוואונדענע, און טיפען פון פאַרשוינען נאָך לעבעדיגע און גאַנץ בכבוד׳ע בעטען זיך אויף פּאַפּיער...

לאָמיר האָפען, אַז מיר וועלען דערפיהרען אונזער אַרבייט ביז צו אַ מעגליכען סוף.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

פעברואר 1916. ניו־יאָרק.

גענומען אויף זיך די טרחה צו פאַרקערפּערען די אויבענ־דערמאַנטע עפּאָכע אין דער פאָרם פון אַ גרויסען ראָמאַן?

די אידעע איז מיר אַריין אין קאָפּ. און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט, נאָר אין איין אַנדער פאָרם. אין דער פאָרם פון איין אויטאָביאָגראַפיע, אָדער ראָמאַן־ביאָגראַפיע.

עס איז אַוועק עטליכע יאָהר אַרבייט. דאָס בוך האָט גענומען וואַכסען אַ קאַפּיטעל נאָך אַ קאַפּיטעל. נאָר וואָס קומט אַרויס? אַ בוך האָט פיינט ליגען. אַ בוך האָט ליעב, אַז מע דרוקט עס און מע לייענט עס. ס'איז געקומען צום דרוקען — איז ניטאָ וואו. דרוקען אויף אייגענע אחריות — פעהלט אַ אידישען מחבר פאַדעם. דרוקען אין אַ זשורנאַל — איז די אידישע ליטעראַטור נאָך ניט אויסגעוואַכסען, זי זאָל האָבען אַ מאָנאַטשריפט, ווי ביי לייטען*. עטליכע מאָל האָב איך די אַרבייט מיט אַ ביטער האַרץ געמוזט אַוועקלעגען. אַזוי האָט זיך עס געצויגען, ביז איך בין מגולגל געוואָרען מיט'ן צווייטען גלות אין אַמעריקע. און אָט איז ערשט אַוועק איין יאָהר, האָב איך שוין „אַריבערגעמופּט" מיט'ן „יאַריד" אין אַ צווייטע וואוינונג. און ערשט אָט דאָ האָט די „וואַרהייט" געפונען פאַר ראַציאָנאַל די ערשטע צוויי טייל „פונ'ם יאַריד" אַרויסגעבען אין אַ באַזונדער בוך־פאָרם אין צוויי בענדער.

זעהען די געדאַנקען געדרוקטערהייט אין בוך־פאָרם, באַקומט דער פאַרפאַסער מעהר מוטה אויף צו געהן ווייטער זיין וועג, וועלכען ער האָט אויסדערוועהלט. און דער וועג

---

* אין אָריגינאַל קומען דאַ עטליכע איבערגעשטראָכענע שורות, וועלכע לייענען זיך דייטליך אַזוי: „בלייבט איבער וויעדער אַ מאָל אַ גאַזעט און אָבער אַ מאָל אַ צייטונג. זאָגען די וואַרשעווער צייטונגען, אַז זיי האָבען קיין פּלאַץ ניט פאַר גרויסע ווערק. פעליעטאָנען גיט זיי, סקיצען, נאָוועלען".

אָנמערקונג פון י. ד. בערקאָוויטש.

ערשטער טייל

צו וואָס ראָמאַנען,
ווען דאָס לעבן איז אַ ראָמאַן?

1

פֿאַר וואָס עפּיס „פֿונ׳ם יאַריד״?

א מין הקדמה. — פֿאַר וואָס דער מחבר האָט זיך גענומען שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפֿיע. — שלום־עליכם דער שרייבער דער־צעהלט די געשיכטע פֿון שלום־עליכם דעם מענטשען.

„פֿונ׳ם יאַריד״ קאָן הייסען פֿונ׳ם לעבען, וואָס איז געגליכען צו אַ יאַריד. יעדער איז אַ בעלן דעם מענטשענ׳ס לעבען צו פֿאַר־גלייכען, נאָך זיין השגה נאָך, צו עפּיס אַ זאַך. למשל, איינער אַ סטאָליר האָט אַמאָל געזאָגט: „דער מענטש איז געגליכען צו אַ סטאָליר; אַ סטאָליר לעבט און לעבט, דערנאָך שטאַרבט ער — אַזוי איז אַ מענטש אויך״... פֿון אַ שוסטער האָב איך אַליין גע־הערט אַ מיינונג, אַז דעם מענטשענ׳ס לעבען איז געגליכען צו אַ פּאָר שטיוועל: כּל זמן די פֿאָדעשוועס טראָגען זיך, זענען די שטיוועל — שטיוועל, און אַז די פֿאָדעשוועס טראָגען זיך אָפּ, איז — מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד. ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַ בעל־עגלה זאָל פֿאַרגלייכען דעם מענטשען צו, להבדיל, אַ פֿערד. דעריבער וואָלט גאָר קיין חידוש ניט געווען, ווען אַזאַ מענטש, ווי איך, וואָס האָט אָפּגעטאַראַמט אַ האַלבע מאה יאָהרען און געהט באַשרייבען

קורץ, איך האָב געהאַלטען ביי אָפּזאָגען די עטליכע גילדען, — האָב איך צו מיר אַזוי געזאָגט: „אַצינד איז די רעכטע צייט. חאַפּ אַריין און שרייב, וואָרום קיינער ווייסט ניט, ווען מ'וועט מאָרגען עס איז. דו וועסט מאַכען אַ שטאַרב, וועלען קומען מענטשען, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך און ווייסען דיך, און וועלען אויסטראַכטען זאַכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. צו וואָס טויג עס דיר? אמעהר נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצעהל, ווער דו ביזט, שרייב דיין אויטאָביאָגראַפיע!...

עס איז אָבער גרינג אויסצורעדען — „שרייבען איין אויטאָביאָגראַפיע", איין אמת'ע לעבענסגעשיכטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע! דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי אָפּגעבען דין־וחשבון פון מיין גאַנצען לעבען פאַר מיין לעזער, זאָגען וידוי פאַר דער גאַנצער וועלט. איהר ווייסט? שרייבען איין אויטאָביאָגראַפיע און מאַכען אַ צוואה איז כמעט אַלץ איינס... איז איין מאָל אַוועק. און נאָך אַ זאַך: עס איז שווערליך פאַר אַ מענטשען, וואָס רעדט פון זיך אַליין, ער זאָל זיך קאָנען אויפהויבען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָלביישטעהן קעגען דעם נסיון, ניט וועלען אויספּיינען זיך פאַר'ן פּובליקום, באַווייזען זיך פאַר אַ וואוילען בחור, וואָס סע קומט איהם אַ קניפּ אין בעקעל. איך האָב צוליעב דעם אויסגעקליבען אַ באַזונדערע פאָרם אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרם פון אַ ראָמאַן, פון אַ ביאָגראַפישען ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אַז איך וועל רעדען פון זיך זעלבסט, ווי פון אַ דריטער פּערזאָן. דאָס הייסט: איך, שלום־עליכם דער שרייבער, וועל אייך דערצעהלען די ריכטיגע ביאָגראַפיע פון שלום־עליכם דעם מענטשען, אָהן צערעמאָניעס, אָהן באַפּוצעכצען און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערצעהלט, למשל, אַ זייטיגער פּאַרשוין, אַ ווילד־פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געוועזען מיט איהם אומעטום, אַזעלכער, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט איהם אַלע שבעה מדורי גיהנום. און דערצעהלען וועל איך עס אייך ביסלעכווייז, שטיקלעכ־

די געשיכטעס פון זיין לעבען, — זאָל איהם איינפאַלען צו פאַר־גלייכען זיין פאַרגאַנגענהייט צו אַ יאַריד.

דער אמת אָבער איז ניט אַזוי. פונ׳ם יאַריד — מיינט מען דאָס דעם צוריקוועגס, אָדער דעם סך־הכּל, דעם רעזולטאַט פונ׳ם גרויסען יאַריד. אַ מענטש, אַז ער פאָהרט אויפ׳ן יאַריד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס פאַר אַ מציאות ער וועט דאָרט איינהאַנדלען און וואָס ער וועט דאָרט מתקן זיין... פליהט ער דעריבער פייל אויס׳ן בויגען, הענדום־פענדום — טשעפּעט איהם ניט, ער האָט קיין צייט ניט! פאָהרט ער אָבער צוריק, פונ׳ם יאַריד, ווייסט ער שוין וואָס ער האָט דאָרטען געהאַנדעלט און וואָס ער האָט דאָרט מתקן געווען, און פליהט שוין ניט אַזוי געשמיידיג. „ער האָט צייט". ער קאָן זיך שוין אָפּגעבען דין־וחשבון און האָט שוין ביד צו וויסען דעם רעזולטאַט פונ׳ם יאַריד, און ער האָט שוין די מעגליכקייט אויך די וועלט באַקאַנט צו מאַכען מיט די דאָזיגע רעזולטאַטען, דערצעהלען פּאַוואָלינקע, נישט נעהאַפּט, אַלסדינגג, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפען אויפ׳ן יאַריד און וואָס ער האָט געזעהען און וואָס ער האָט געהערט.

אַ סך מאָל האָבען מיך מיינע גוטע פריינט אויפגעפאָדערט, פאַר וואָס זאָל איך מיר ניט נעמען די מיה צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון מיין לעבען? ס׳איז שוין צייט, זאָגען זיי, און עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאַנט אויך. האָב איך געפאָלגט מיינע גוטע פריינט און האָב מיך עטליכע מאָל גענומען צו דער אַרבייט, און אַלע מאָל אוועקגעלעגט די פען, ביז... ביז ס׳איז גע־קומען די צייט, איך האָב זוכה געווען נאָך פאַר פופציג יאָהר צו באַגעגענען זיך פנים אל פנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיט׳ן מלאך־המות, גאָרנישט אויף קאַטאָוועס — איך האָב מיך שיער־שיער ניט איבערגעפּעקעלט אַהין, פון וואַנען מע קאָן קיין בריוועל ניט שרייבען, קיין זאַך ניט אַריבערשיקען און אפילו קיין גרוס ניט איבערגעבען.

2

די שטאָדט

דאָס קליינע שטעדטעלע וואראנקא — א מין כתרילעווקע. — א לעגענדע פון מאזעפע'ס צייטען. — איין אלטע קלויז, איין אלטער בית־עולם, צוויי יארידים.

אויפגעצויגען געוואָרען און געוואַכסען איז דער העלד פון דעם דאָזיגען ביאָגראפישען ראָמאן אין סאמע כתרילעווקע, וואָס איז שוין א ביסעל באקאנט אויף דער וועלט. געפינען געפינט זיך עס, אויב איהר זייט נייגיעריג צו וויסען, אין מאלאָראָסיע, אין פּאָלטאווער גובערניע, ניט ווייט פון דער אלטער היסטאָרישער שטאָדט פּערעיאסלאוו, און הייסען הייסט עס ניט כתרילעווקע, נאָר וואָראָנקאָ. פארשרייבט דאָס אייך.

אייגענטליך, וואָלט איך באדארפט אָנרופען דעם נאָמען פון דער שטאָדט, וואו ער איז געבוירען, און דעם דאטום, ווי עס פיהרען זיך אלע ביאָגראפישע שרייבער. בין איך מיך אָבער מודה, אז דאָס אינטערעסירט מיך ניט. מיך אינטערעסירט דווקא אָט דאָס קליינע כתרילעווקע, אָדער וואָראָנקאָ, ווייל קיין אנדער שטאָדט אויף דער וועלט האָט זיך איהם אזוי ניט איינגעגעסען אין זכרון, ווי אָט דאָס געבענטשטע כתרילעווקע־וואָראָנקאָ, און קיין אנדער שטאָדט אויף דער וועלט האָט נישט געהאט אזוי פיעל חן אין זיינע אויגען, אזוי אז ער קאָן עס ניט פארגעסען און וועט עס ניט פאר־געסען אייביג און אייביג.

ווייז, איינגעטיילט אין באַזונדערע מעשיות, אָדער עפּיזאָדען, איין עפּיזאָד נאָך דעם אַנדערען. און דער וואָס גיט כּח דעם מענטשען, ער זאָל געדענקען אַלסדינג, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט אין זיין לעבען, זאָל מיר בּיישטעהן, אַז איך זאָל נישט דורכלאָזען חלילה קיין זאַך, וואָס מיר האָט געטראָפען און וואָס קאָן האָבען אַ אינטערעס, און קיין פּאָ׳שוין, וואָס איך האָבּ ווען בּאַגעגענט אויף דעם גרויסען יאַריד, וואָס איך האָבּ דורכגעמאַכט אין די פופציג יאָהר פון מיין לעבען.

מע האָט דאָרט געפונען אמאָל אַ געהאַנגענעם גוי, וואָס האָט זיך אָנגע׳שכּור׳ט און אַליין זיך אויפגעהאַנגען, איז דערפון אַרויס אַ בּלבּול, אַז דאָס האָבּען איהם אידען אויפגעהאַנגען, האָט די שטאָדט געהאַט אויף זיך נאָכדעם אַ פּעקעל, מע האָט געוואָלט שמייסען די שענסטע בּעלי־בּתּים, אָדער מע האָט זיי טאַקי געשמיסען — איך וויל ניט אַזוי ווייט גריבּלען זיך, ווייל איך האָבּ פיינט טרויעריגע מעשׂיות, זיי מעגען זיין אפילו פון פאַרצייטען...

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אַזאַ הויכען בּאַרג אויף יענער זייט בּית־מדרש, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט כּמעט בּיז דער חמאַרע, און וואָס אויף יענער זייט — אַלע ווייסען עס — ליגט בּאַהאַלטען איין אוצר נאָך פון חמעלניצקי׳ם צייטען? דעם אוצר האָט מען — אַזוי דערצעהלען אַלטע אידען — וויפיעל מאָל גענומען זיך גראָבּען, און מע האָט אַלע מאָל געמוזט אָוועקלעגען די אַרבּייט, וואָרום גראָבּענדיג האָט מען געפונען בּיינער, הענט און פיס און קעפּ פון מענטשען אין תּכריכים — משמעות, אַז דאָס זענען געווען אידען, און אפשר נאָך קדושים... ווער ווייסט?

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אַזעלכע פיינע בּעלי־בּתּים, וואָס זענען, דאַכט זיך, אַלע מעהר ניט ווי קליינע קרעמערלעך און שיינקאַרעס, וואָס לעבּען, דאַכט זיך, נאָר פונ׳ם גוי און איינס פון דאָס אַנדערע, און פון דעסטוועגען פיהרען זיי זיך אַלע בּעל־הבּתּיש, יעדער האָט זיך זיין היים, זיין משפּחה און זיין אָרט אין בּית־מדרש — אין מזרח־וואַנט אָדער אין שפּיעגעלבּאַנק, וואָס מאַכט עס אויס? — און טאָמער איז ער אַליין ניט אַזאַ גרויסער יחסן און אַ גביר, האָט ער אַ קרוב אַ מיוחס אָדער אַ נגיד, וואָס ער לאָזט איהם פון מויל ניט אַרויס און דערצעהלט פון איהם אַזעלכע גוזמות, אַז דער קאָפּ דרעהט זיך אַזש?...

און אַזאַ אַלטען בּית־עולם, אַזאַ גרויסען און אַזאַ רייכען און אַזאַ אַלטען בּית־עולם, וואו דער גרעסטער טייל קברים איז שוין פאַרוואַכסען געוואָרען מיט גראָז, אַזוי, אַז מע ווייסט שוין גאָר־

און באמת גערעדט, וועלכע שטאָדט אויף דער גרויסער וועלט, עס מעג זיין אָדעס, אָדער פּאַריז, אָדער לאָנדאָן, אָדער אפילו ניו־יאָרק, קאָן זיך באַריהמען מיט אזא גרויסען ברייטען מארק און מיט אזוי פיעל אידישע קלייטען און קלייטלעך, טישען, טישלעך און שטעלעכלעך, מיט גאַנצע בערג פרישע שמעקענדיגע עפּעלעך און בארלעך, דינים און קאַוועגעס, וואָס ציעגען און חזירים האָבען חשק צו געניסען פון זיי צו יעדער צייט, און די מארקווייבער פיהרען מיט זיי שטענדיגע מלחמות, און מיר, חדר־יונגלעך, האָבען אודאי און אודאי חשק צו געניסען פון די אלע גוטע זאכען און קאָנען צו זיי ניט גרייכען?...

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אזא אלטען איינגעהויקערטען בית־מדרש מיט אזא שענעם געשניצטען אָרון־קודש מיט צוויי לייבען, וואָס זעהען־אוים ווי פויגלען, ווען ניט די לאַנגע צינגער און די שופרות, וואָס זיי האלטען אין מויל און בלאָזען? אינ׳ם דאָזיגען אלטען בית־מדרש, דערצעהלען אלטע אידען, האָבען זיך אונזערע זיידעס אמאָל פארשלאָסען פאַר מאזעפּען, ימח שמו, געזעסען דריי טאָג מיט דריי נעכט אנגעטהאָן אין טלית ותפלין און געזאָגט תהלים — און דורך דעם ניצול געוואָרען פונ׳ם טוידט. די זעלבע אלטע אידען דערצעהלען, אז דער אלטער רב נאָך האָט דאָס בית־מדרש געבענטשט, סע זאָל קיינמאָל ניט ברענען — ברענט דאָס ניט, עס מעג זיין וואָס פאַר א שרפה עס וויל זיך!

וועלכע שטאָדט פאַרמאָגט אזא באָד, וואָס שטעהט באַרג־אַראָפּ, סאמע ביי׳ם ברעג טייך, און פאַרמאָגט אזא ברונען, וואָס זיינע וואסערען נעמען זיך קיינמאָל ניט אוים? און דער טייך אליין — וואו האָט איהר נאָך אזא טייך אויף דער וועלט, וואו דורות און דורות חדר־יונגלעך, שקצים, באָדען זיך און פּאָליאָסקען זיך, לערנען זיך שווימען, האפּען פישלעך און מאכען קונצען, וואָס איז כדאי צו זעהען? וועגען דער דאָזיגער אלטער באָד, וואָס שטעהט אויף חידושים, האָבען אויך אלטע אידען צו דערצעהלען און דערצעהלען.

3

טאַטע־מאַמע

א וואראנקאווער נגיד מיט א סך פרנסות. — א חאליאסטרע קינדער. — פרומע די דיענסטמויד געוועלטיגט איבער זיי. — דער העלד איז א נאכמאכער, א קונדס.

א הויכער, מיט א שטענדיג פארזאָרגט פּנים, מיט א בּרייטען, ווייסען, געקנייטשטען שטערן, מיט א שיטער שמייכלענדיג בּערדעל, א בּעל־הבּית א איד און א בּעל־תּפלה, א למדן און א בּעל־תּנ״ך, א פרומער און א בּעל־לשון־קודש, א חסיד פון טאלנער רבּי׳ן און א ליעבּהאָבּער פון מאפּו, סלאָנימסקי און צעדערבּוים, א חקרן, א בּורר און א בּעל־עצה און א שפּיעלער אין שאָך און א מבין אויף פּערעל און בּריליאנטען — אָט דאָס וועט זיין די ריכטיגע פיזיאָגנאָמיע פון דעם העלד׳ס פאָטער, רבּ נחום וועוויק׳ס, וואָס האָט גערעכענט זיך אין שטאָדט פאר׳ן גרעסטען נגיד.

וויפיעל אזא נגיד פון וואָראָנקאָ האָט געקאָנט פארמאָגען — איז שווער צו זאָגען; נאָר געשעפטען האָט ער געהאט א גוזמא: ער איז געווען א פּאָססעסאָר, צוגעשטעלט בּוראקעס אין „זאוואָד״, געהאלטען די זעמסקע פּאָטשט, געהאנדעלט מיט תּבואה, געגרוזעט בּערלינעס אויפ׳ן דניעפּר, געהאקט וואלד און געשטעלט אָכּסען אויף דער בּראהע, נאָר פּרנסה האָט מען געצויגען פון דער „שניט־קראָם״. עס רעדט זיך נאָר אזוי א „שניט־קראָם״. דאָרט האָט

ניט, צי דאַרטען זענען דאָ ביינער פון מענטשען, אָדער ניין? פון דעם דאָזיגען בית־עולם איז שוין דוקא יאָ פאַרהאַן וואָס צו דער־צעהלען, און דוקא נישט אַזעלכע פריילליכע מעשיות, און טאַקי גאָר שרעקליכע זאַכען, — פאַרשטעהט זיך, פון אַמאָל, פון פאַרצייטען. נאָר אַקעגען נאַכט איז ניט כדאי צו רעדען פון בית־עולמס...

אַ קליין שטעדטעלע אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר אַ שענס, מלא חן. איהר קאָנט דורכשפּאַציערען דאָס גאַנצע שטעדטעל, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין איין האַלבע שעה, אויב איהר זענט בכח און האָט פּיס. אָהן אַ באַהן, אָהן אַ ים, אָהן אַ רעש, מיט צוויי יאַרידים סך־הכל דורכ'ן יאָהר, „קראַסנע טאָרגעס" און „פּאָ־קראָווע", — פון אידענ'ס וועגען געמאַכט געוואָרען, אידען זאָלען לייזען געלט און האָבען פּרנסה. אַ קליין, קליין שטעדטעלע, דער־פאַר איז דאָס אָבער פול מיט אַזעלכע שענע מעשיות און לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פון זיי אַליין געקאָנט אָנשרייבען אַ גאַנצען בוך. איך וויים, אַז מעשיות און לעגענדעס האָט איהר ליעב. דאָס איז ביי אייך, אייגענטליך, דער גאַנצער עיקר... קאָנען מיר אָבער ניט: מיר דאַרפען זיך האַלטען שטרענג אין די ראַהמען פון אַ ביאָגראַף און מיר מוזען אייך פריהער באַקאַנט מאַכען, ווי דער שטייגער איז, מיט די עלטערען פונ'ם העלד, מיט זיינע טאַטע־מאַמע. זייט צופריעדען, וואָס איך הויב־אָן גלייך פון זיינע טאַטע־מאַמע, און ניט פון זיין זיידען און עלטער־עלטער־זיידען, ווי אַנדערע ביאָגראַפען טהוען.

א גרויס בריה׳שאַפט איז עס געווען פון דער מאַמע אויסצו־האָדעווען אזא חאַליאַסטרע און אויסצושטעהן אַלעמענ׳ס קראַנק־הייטען. וואָרום אַזוי פלעגט אַ קינד קריגען פעטש מיט קלעפּ מיט בוכענצים, וויפיעל ס׳איז אין דעם אריין. נאָר טאָמער חלילה איז עמיצער קראַנק געוואָרען, אזוי איז שוין די מאַמע ניט אָפּגע־טראָטען פון בעטעל: „אַ מכּה דער מאַמע!״ איז דאָס אָבער געזונט געוואָרען און געשטעלט זיך אויף די פיסלעך — „אין חדר אריין, דו שייגעץ איינער, אין חדר אריין!״...

אין חדר האָבען געלערענט אַלע פון פיער יאָהר ביז... כּמעט ביז דער חתונה. און פון דער גאַנצער חאַליאַסטרע קינדער האָט זיך אויסגעצייכענט אַלס גרויסער שקאָץ דער מיטעלסטער, דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע, מיט׳ן נאָמען שלום, אָדער שלום נחום וועוויק׳ס.

מע באַדאַרף זאָגען דעם אמת, אַז גאָר קיין שלעכט יונגעל איז דאָס ניט געווען, אָט דער שלום נחום וועוויק׳ס, און לערנען האָט ער זיך געלערענט בעסער פון אַלע קינדער, נאָר פּעטש, קולעקעס, מיט קלעפּ, מיט שמיץ, ניט פאַר אייך געדאַכט, האָט ער אויך געקראָגען מעהר פון אַלע. מסתּמא איז ער ווערטה געווען.

— אָט וועט איהר זעהען, אידען, אַז פון דעם קינד וועט קיין גוטס ניט אַרויס! דאָס וואַכּסט עפּיס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, דער שוואַרציאָהר וויסט וואָס, אַ שטויבער, אַ סאַמאָוואָליץ, אַ זולל־וסובא׳ניק, אַ איוואַן פּאָפּערילע, איין אויסווירפלינג, אַ משומד און אַ כּל־בו׳ניק, און וואָס אין דער קאָרט!...

אַזוי האָט איהם אַטעסטירט פרומע די דיענסטמויד, אַ בּלינדע אויף איין אויג און אַ געשטופּעלטע, נאָר זעהר אַ קאַרגע און אַ געטרייע דיענסט. אַ געטרייע און איין איבערגעגעבענע און איין עהרליכע דיענסט. זי האָט גע׳הרג׳עט־געשלאָגען די קינדער, זיי געזשאַלעוועט עסען, אכטונג געגעבען, זיי זאָלען זיין גוט און פרום און עהרליך און כּשר צו גאָט און צו לייט. און מחמת די מאַמע

זיך געפונען אויך צעלניק, און באַקאַליי, און היי און האָבער, און היימישע רפואות פאַר גויים און גויעס, און אייזענוואַרג אויך. אין „שניט־קראָם" האָט זיך דער טאַטע נישט אַריינגעמישט. דאָס האָט געפיהרט אינגאַנצען די מאַמע, אַ אידינע איין אשת־חיל, אַ גיכע טהוערין און מיט סכנות אַ שטרענגע צו איהרע קינדער. און קינדער זענען געווען היבשליך, אַריבער אַ טוץ, און פון אַלערליי וואוכס און פון אַלערליי פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערלעך, מיט בלאָנדע און מיט געלע.

קיין גרויסען צימעס האָט מען מיט דעם קליינוואַרג, געוויינט־ליך, נישט געמאַכט. דאָס הייסט, שטאַרק בענקען האָט מען נאָך זיי ניט געבענקט, און אַז זיי זאָלען, חס־ושלום, נישט געווען קומען אויף דער וועלט, וואָלט אויך געווען אָהן איין אומגליק; נאָר אַז זיי זענען שוין דאָ, איז — „מהכתיתי, וועמען מאַכען זיי קאַלי? זאָלען זיי זיין מיט יאָהרען"... ווער ס'האָט זיך געקאָנט אויס־דרעהען פון פּאָקען און פון מאָזלען און פון אַלע איבעריגע קינדערשע שלעק־פורעניות'ען, דער איז אויסגעוואַכסען און אַוועק אין חדר אַריין, פריהער צו נטע־ליב דרדקי, דערנאָך צו רב זרח'על דעם גמרא־מלמד. און ווער עס האָט ניט געקאָנט ביישטעהן דעם בעל־דבר מיט די טויזענט אויגען, וואָס לאָקערט אויף קליינע עופה'לעך, דער האָט זיך באַצייטענס אָפּגעטראָגען אהין, פון וואַנען ער איז געקומען. האָט מען פאַרהאַנגען די שפּיעגלען, און טאַטע־מאַמע האָבען זיך אַוועקגעזעצט שבעה, אַראָפּגעוואָרפען די שיך פון די פיס און שטאַרק־שטאַרק געוויינט. אַזוי לאַנג געוויינט, ביז מע האָט אויפגעהערט. געזאָגט דעם פּסוק: „ה' נתן ה' לקח", אויס־געווישט די אויגען, אויפגעשטאַנען פון דער ערד און פאַרגעסען... אַנדערש איז עס אוממעגליך געווען אין דעם גרויסען טאַרעראַם מיט'ן יאַריד פון אַריבער אַ טוץ קינדער, צווישען זיי איינער אַ בעל־הבית'על שוין, וואָס סע שיט זיך איהם אַ בערדעל, און איינס אַ זויגעדיגס, נאָך ביי דער ברוסט.

שייגעץ״ האָט קאָפּירט דאָס גליקליכע פּאָר — דעם חתן, ווי ער פּייפט מיט דער נאָז, און די כּלה, ווי זי קוקט אויפ׳ן חתן מיט איין אויגעל און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, אַז זי האָט אַ נאַש־געגעבען סמעטענע.

קאָפּיערען, נאָכמאַכען, איבערקרימען — דערויף איז אונזער שלום געווען איין מזיק! האָט ער דערזעהען עמיצען דאָס ערשטע מאָל, אזוי האָט ער שוין געפונען אויף איהם עפּיס אַ חסרון, אָדער אזוי אַ „לעכעריגס״, און ער האָט זיך שוין אָנגעבלאָזען ווי אַ פּאַחיר, און ער האָט איהם שוין נאָכגעמאַכט. און חברה שקצים האָבען געלאַכט, און טאַטע־מאַמע האָבען צוגעשטעלט אַ בענקעלע פּאַר׳ן רבי׳ן, אַז „דער שייגעץ מאַכט נאָך דער גאַנצער וועלט, ווי אַ מאַלפּע — מע באַדאַרף איהם אָפּגעוואוינען דערפון!״

און דער רבי האָט זיך גענומען איהם „אָפּגעוואוינען״ דערפון — עס האָט אָבער ווינציג־וואָס געהאָלפען... עפּיס אַ „ניט־גוטער״ האָט זיך פאַרקלויבען אין דעם קינד, אַ מין ליץ, וואָס דער גאַנצער וועלט מאַכט ער נאָך און אַלעמען קרימט ער איבער, אָבער אַלעמען, אפילו דעם רבין אליין, ווי ער שמעקט טאַבעקע און ווי ער געהט דריבניטשקע מיט די קליינע פיסעלעך, און די רביצין, ווי זי פּיסקעלט זיך, רויטעלט זיך און בלינצעלט מיט איין אויגעל, בשעת זי דאַרף נעמען ביי׳ם רבין אויף שבת און קאָן ניט אויסרעדען „שבת״, נאָר „סאַבעס״, — און פּעטש זענען געפלויגען, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געצעהלט. אי שמיץ! סטייטש שמיץ!

בקיצור — ס׳איז געווען אַ לעבען.

איז געווען איין אשת־חיל, שטענדיג אין קראַם, האָט פרומע די מויד געפיהרט די שטוב ביד רמה און „דערצויגען" די קינדער, ווי אַ מאַמע. זי האָט זיי געוועקט, געוואַשען, געצוואָגען, געזאָגט מיט זיי ברכה, געפּאַטשט, גענעבען אָנבייסען, אָפּגעפיהרט אין חדר, געבּראַכט פון חדר, געפּאַטשט, גענעבען עסען, געלייענט מיט זיי קריאת־שמע, ווידער געפּאַטשט און בּאַלעגט שלאָפען, אַלע אינאיינעם, ס'זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, טאַקי מיט איהר אין איין בעט. די קינדער אין בעט — און זי בּיי זיי צופוסענס.

אַ שטיק גלות איז געווען פאַר די קינדער אָט די פרומע די מויד, און אַ יום־טוב איז געווען פאַר זיי פרומע'ס חתונה — לאַנג לעבען זאָל אידעלע־גנב מיט דער היטשקע געגרייזעלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענזענשמאַלץ, און מיט דער צונויפגעוואַכסענער נאָז, וואָס מע קאָן זי קיינמאָל ניט אויסשנייצען, מע זאָל זיין, דאַכט זיך, מיט אַכצעהן קעפּ. לאַנג לעבען זאָל ער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען (אָט אַ משוגע'נער!) חתונה האָבען פאַר דער בּלינדער פרומען. און חתונה האָט ער פאַר איהר געהאַט ניט גלאַט אַזוי, נאָר מחמת „ליעבע": ער האָט זיך אין איהר פאַרליעבט, הייסט עס, מיט סכנת־נפשות. ניט צוליעב דעם, וואָס זי האָט נאָר איין אויג און איז געשטופּעלט — חס וחלילה! נאָר צוליעב דעם, וואָס ער טהוט אַ שידוך מיט רב נחום וועוויק'ס. אַ קליינינגקייט — אַזאַ שידוך! חיה־אסתר אַליין (די מאַמע) האָט געפּראַוועט די חתונה, געווען די גאַנצע מחותּנת'טע, געבּאַקען לעקאַך, אַראָפּגעבּראַכט כּלי־זמר פון בּערעזאַן, געטאַנצט, געהוליעט בּיז טאָג און געוואָרען הייזעריג, ווי די וואַנט.

אוי־וועה, וואָס חברה האָבען זיך דעמאָלט אָנגעלאַכט און אָנגעטאַנצט! די שמחה איז געווען ניט אַזוי צוליעב דעם, וואָס אַ פייפער אַ גנב נעמט אַ בּלינדע מויד, נאָר איבּער דעם, וואָס מע ווערט פּטור פון „פרומע די מויד" אויף אייביג און אייביג! און אגב האָט מען זיך טאַקי אָנגעלאַכט אויך אויף דעם, וואָס „דער

פון וואנען האָבען זיך צו דעם ציקאווען בחור מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאר'חלומ'טע אויגען גענומען אזוי פיעל מעשיות, און אזעלכע שענע, רייכע מעשיות, מיט אזעלכע זעלטענע פאנטאסטישע בילדער? צי האָט ער זיי וואו געהערט אמאָל דער־צעהלען? אָדער דאָס איז געווען פון זיין קאָפּ אויסגעטראכט, לויטער פאנטאזיעס? עד היום קאָן איך דאָס ניט באגרייפען. איך וויים נאָר איין זאך: עס האָט זיך ביי איהם געגאָסען ווי פון א קוואל, נאָר פון אזא קוואל, וואָס שעפּט זיך ניט אוים קיינמאָל. און געגאנגען איז דאָס ביי איהם גלאט, ווי אויף בוימעהל, און געצויגען האָט זיך עס ווי א לאנגער זיידען־פאָדעם. און זים איז געווען די שטים, זים די שפּראך, זים ווי צוקער. און די בעקלעך רויט, און די אויגען פאר'חלומ'ט און נאסליך, ווי איבערגעצויגען מיט א דין רויכעל.

פארקלויבען זיך פרייטאָג נאָך האלבען טאָג, אָדער שבת נאָכ'ן עסען, אָדער יום־טוב פארנאכטליך, אויפ'ן הויכען וואראָנקאָווער בארג, וואָס „דער שפּיץ זיינער דערגרייכט כמעט ביז דער חמארע", האָבען זיך ביידע חברים אוועקגעלעגט מיט'ן פּנים אראָפּ צום גראָז, אָדער מיט'ן פּנים ארויף צום הימעל, און שמואליק האָט גענומען דערצעהלען א מעשה נאָך א מעשה: א מעשה פון א בן־מלך מיט א בת־מלכה, א מעשה פון א רב מיט א רביצין, א מעשה פון א פּרינץ מיט א פלעגהונט, א מעשה פון א פּרינצעסין אין א קרישטאָלענעם פּאלאץ, א מעשה פון צוועלף גזלנים אין וואלד, א מעשה פון איין אָקרענט, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט אויפ'ן פארגליווערטען ים. מעשיות פון'ם פּאָבסט, וואָס האָט געפיהרט ויכוחים מיט די גרעסטע רבנים, און מעשיות פון חיות, פון שדים און פון רוחות און פון בת־ליצנים, פון מכשפים, שרע־טעלעך, וואָווקעלאָקעס, פּיפּערנאָטערס, האלב־מענטש, האלב־חיה, און א מעשה מיט א הענגלייכטער פון פּראָג — און יערע מעשה האָט געהאט איהר טעם מיט איהר ריח, און א באזונדער כשוף איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיי אלע.

4

שמואליק דער יתום

מעשיות, פאנטאזיעס און חלומות. — קבלה און כשוף.

פארהאן פנימ׳ער, וואס זענען באשאפען געווארען פון גאט אויף צו פאר׳כשופ׳ען אייך מיט׳ן ערשטען קוק. „האב מיך ליעב!״ — אזוי שרייט צו אייך דאס דאזיגע פנימ׳ל, און איהר באקומט דאס ליעב, איהר ווייסט ניט פאר וואס.

אט אזא מין חנ׳עוודיג פנימ׳ל האט געהאט שמואליק דער יתום, א יונגעל אהן א טאטען, אהן א מאמען, וואס אויפגעהאלטען האט ער זיך ביי׳ם רב.

צו איהם איז דאס צוגעקלעפט געווארען שלום נחום וועוויק׳ס, דער העלד פון דער דאזיגער אויטאביאגראפיע, פון דער ערשטער מינוט, וואס זיי האבען זיך באקענט, זיך געטיילט מיט איהם מיט די אנבייסענס און מיט די מיטאגס האלב אויף האלב און געווארען חבר — אבער וואס חבר הייסט! נפש אחת — איין לייב, איין נשמה! פאר וואס? איבער זיינע מעשיות.

קיינער האט נישט געהאט אזוי פיעל מעשיות אויף צו דער־צעהלען, וויפיעל שמואליק. האבען מעשיות אויף צו דערצעהלען איז אבער נאך ניט איננאנצען. דאס דערצעהלען אליין איז אויך א זאך. דערצעהלען א מעשה דארף מען קאנען. און שמואליק האט געקאנט דערצעהלען מעשיות אזוי, ווי קיינער ניט!

— פאר וואס־זשע ביזט דו תמיד הונגעריג? און פאר וואס האט ער ניט אויף שבת?

— אזוי, ווארום ער וויל ניט. ער וויל בעסער אפקומיזן אויף דער וועלט, תשובה טהון. ער איז א בעל־תשובה. ער זאל וועלען, וואלט ער געוועזן רייך, ווי קורח; טויזענט רויטשילדס וואלט ער פארשטעקט אין גארטעל. ווארום ער ווייסט, ווי אזוי מע ווערט רייך. פאר איהם איז אנטפלעקט אלסדינגג. ער ווייסט אפילו דעם ארט, וואו דער אוצר ליגט באהאלטען.

— וואו ליגט דער אוצר באהאלטען?

— חכם! פון וואנען זאל איך וויסען? ווען איך זאל וויסען, וואו דער אוצר ליגט, וואלט איך דיר שוין לאנג געזאגט. איך וואלט אין מיטען ביינאכט געקומען צו דיר און וואלט דיך אויפגעוועקט פון שלאף: „סום, שלום, צום אוצר, וועלען מיר צונויפזשעברעווען דאס גאלד פולע זשמענים און אנשטופען פולע קעשענעס!"

און האט שמואליק אנגעהויבען צו רעדען וועגען אוצר, אזוי האבען די פאר׳חלומ׳טע אויגען ביי איהם זיך אנגעצונדען, די רויטע בעקלעך צעפלאמט, און אליין האט ער זיך אזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאקערט, אז ער האט אויך דעם חבר זיינעם אנגעווארעמט, צעהיצט, צעברענט און צעפלאקערט. שמואליק האט גערעדט, און זיין חבר, שלום נחום וועוויק׳ס, האט איהם געקוקט אין מויל אריין און מיט דארשט געשלונגען יעדעס ווארט.

דער חבר, שלום נחום װעװיק׳ס, האָט געהאַלטען אָפען מויל און אויהערען, קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט פונ׳ם דאָזיגען ציקאװען בחור׳על מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאר׳חלומ׳טע נאסליכע אויגען.

— פון װאנען װייסט דו דאָס, אלסדינג, שמואליק?

— נארעלע, דאָס איז נאָך גארניט. למאי איך װייס, װי אזוי מע צאַפט װיין פון דער װאנט? און בוימעהל פון דער סטעלי?

— װי אזוי צאַפּט מען דאָס װיין פון דער װאנט? און בוימעהל פון דער סטעלי?

— נארעלע, דאָס איז נאָך אויך בלאָטע! איך װייס אפילו, װי אזוי מע מאכט פון זאמד גאָלד און פון שערבלעך דימענטען מיט בריליאנטען.

— װי אזוי מאכט מען דאָס?

— װי אזוי? דורך קבלה. דער רב איז דאָך א בעל־קבלה. װער װייסט עס ניט? ער שלאָפט דאָך קיינמאָל ניט.

— װאָס דען טהוט ער?

— ביינאכט, װען אלע שלאָפען, איז ער אויף. זיצט ער אליין און פארנעמט זיך מיט קבלה.

— און דו זעהסט אלסדינג, װאָס ער טהוט?

— װי קאָן איך זעהען, נארעלע, אז איך שלאָף?

— פון װאנען־זשע װייסט דו, אז ער פארנעמט זיך מיט קבלה?

— װער װייסט עס נישט? דאָס װייסט דאָך א מינדסט קינד. פרעג װעמען דו װילסט. דאָס, װאָס דער רב קאָן, נארעלע, קאָן קיינער נישט. װיל ער — זענען אָפען פאר איהם אלע צװעלף ברונענס מיט קװעקזילבער און אלע דרייצעהן גערטנער פון סאמע זאפראן, און גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטען, מיט בריליאנטען — כחול הים, אזוי פיעל, אז סע גלוסט זיך אזש ניט!...

— און כ׳איז פארפאלען לעולם ועד, אויף אייביג און אייביג?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אז ס׳איז פארפאלען לעולם ועד, אויף אייביג און אייביג? און צו וואָס האָט גאָט באשאפען די קבלה? די בעלי־קבלה, נארעלע, האָבען שוין דערצו איין עצה.

— דהיינו, וואָסער איין עצה?

— זיי ווייסען שוין. זיי האָבען א שפרוך אזעלכען, און א פסוק פארהאַן אזעלכער אין תהלים, וואָס מע דארף איהם זאָגען פערציג מאָל פערציג...

— וואָסער א פסוק?

— ע, נארעלע, איך זאָל וויסען דעם פסוק! און אפילו איך זאָל שוין וויסען, איז דאָס אויך ניט אזוי גרינג. מע באדארף פאסטען פערציג תעניתים, אָפּזאָגען אלע טאָג פערציג קאפּיטלעך תהלים, און אויפ׳ן איין־און־פערציגסטען טאָג, באלד נאָכדעם, ווי די זון האָט זיך געזעצט, באדארף מען זיך ארויס׳גנב׳ענען אזוי קונציג, אז קיין בן־אָדם זאָל דיך ניט באגעגענען, — וואָרום טאָמער חלילה דערזעהט מען דיך, באדארף מען אָנהויבען נאָך א מאָל צו פאסטען פון אָנהויב פערציג תעניתים, — און ערשט דעמאָלט, אז ס׳וועט דיר אָפּגילטען, קיינער וועט דיך ניט באגעגענען, זאָלסט דו אוועקגעהן אין א פינסטערער נאכט אין אָנהויב חודש אויף יענער זייט בית־מדרש בארג־אראָפּ, און דאָרטען אָפּשטעהן פערציג מינוט אויף איין פוס, צעהלענדיג פערציג מאָל פערציג, און אויב ס׳וועט נאָר ניט זיין קיין טעות אינ׳ם צעהלען, וועט זיך דיר דער אוצר אנטפּלעקען פון זיך אליין...

און שמואליק דער יתום גיט צו פארשטעהן גאַנץ ערנסט זיין חבר, שלום נחום ווענויק׳ס, דעם סוד פונ׳ם אוצר מיט א שטיל קול, אלע מאָל שטילער, ווי אויסגעלייענט פון א בוך, ניט אָפּגע־שטעלט זיך אויף א רגע׳לע אפילו:

— און אנטפּלעקען וועט זיך דיר דער אוצר דורך א פייערעל, א קליין פייערעל. און אז דאָס פייערעל וועט זיך דיר באווייזען, באדארפסט דו גלייך צוגעהן צו דעם, צום פייערעל הייסט עס,

5

אוצרות

וואס איז איין אוצר? — א לעגענדע פון חמעלניצקי'ס צייטען. — וואונדער־שטיינער.

אז ס'איז פארהאן איין אוצר דאָ ביי אונז אין אונזער שטעדטעל — אין דעם איז דאָך קיין ספק ניט.

פון וואנען האָט זיך גענומען צו אונז איין אוצר? פון חמעלניצקין. חמעלניצקי האָט איהם דאָ באגראָבען נאָך פארצייטען. טויזענטער יאָהרען האָבען מענטשען געזאמעלט אוצרות מיט אוצרות, ביז ס'איז געקומען חמעלניצקי און האָט עס באשטאט.

— ווער איז געווען חמעלניצקי?

— חמעלניצקי, ווייסט דו ניט? נארעלע, חמעלניצקי — דאָס איז געווען א רשע, א המן, נאָך פאר חמעלניצקי'ס צייטען... דאָס ווייסט דאָך א מינדסט קינד! האָט אָט דער חמעלניצקי דער רשע, דער המן, אנגעראבעוועט, הייסט עס, מילי־מיליאָסען גאָלד ביי די אמאָליגע פריצים און ביי די רייכע אידען, און האָט דאָס אלסדינגג געבראכט צו פיהרען אהער צו אונז, קיין וואָראָנקאָ, — און דאָ האָט ער עס איינמאָל ביינאכט אויף יענער זייט בית־מדרש בארג־אראָפ, אקעגען דער שיין פון דער לבנה, באהאלטען, טיעף־טיעף אין דער ערד באגראָבען, און ס'איז מיט גראָז באוואכסען און מיט כשוף פאר'כשופ'ט, אזוי, אז קיין בן־אָדם זאָל עס ניט געפינען.

אַז מאָרגען, אם ירצה השם, טראָגט ער איהם אַרויס אין קעשענע עטליכע ניסלעך, אַ פּאָר באָקסערען מיט אַ צוקערקעלע, וואָס ער וועט אַרויס'לקח'ענען, מחילה, ביי דער מאַמע אין קליייטעל. און דערווייל בעט ער שמואליקען, ער זאָל דערצעהלען נאָך און נאָך. און שמואליק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען. ער ווישט־אָפּ די ליפּען און דערצעהלט נאָך און נאָך.

— ... און אַז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיגט מיט די אַלע מיני מאכלים און פאַרטרונקען מיט די בעסטע ווייַנען, נעמסט דו און טהוסט אַ רייב מיט'ן שטיינדרעלע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן אַ ווייכער געלעגער!" — באַווייזט זיך דיר אַ בעטעל פון עלפענביין, מיט גאָלד באַפּוצט, מיט איין איבער־בעט — ווייך ווי פּוטער, און מיט זיידענע קישעלעך צוקאָפּענס, און מיט איין אַטלעסענע קאָלדרע איבערגעדעקט. ציהסט דו זיך אויס און ווערסט אַנשלאָפען, און עס חלומ'ען זיך דיר מלאָכים מיט כּרובים, מיט שרפים, מיט'ן גן־עדן העליון, מיט'ן גן־עדן התחתון... אָדער, אַז ניט, טהוסט דו אַ רייב מיט'ן שטיינדרעלע, הויבּסט דו דיך גאָר אויף אין דער הויך ביז דער חמאַרע, און אַריבּער דער חמאַרע, און דו פליהסט זיך, ווי איין אָדלער, הויך־הויך! ווייט־ווייט!...

צי האָט אָט דער אָרעמער יתום מיט זיינע וואונדערליכע מעשיות זיך ווען אָפּגערופען נאָכדעם אין די שרייבּעכצען פון זיין חבר שלום, בעת שלום נחום וועוויק'ס איז געוואָרען אַ „שלום־עליכם" — דאָס איז שווער צו זאָגען. איין זאַך איז געוויס: זיין פאַנטאַזיע האָט ער געמאַכט רייכער, זיין השגה ברייטער, און שמואליק'ס חלומות און שמואליק'ס טרוימען וועגען אוצרות, וואונדערשטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאכען טראָגט ער ביי זיך טיעף אין הארצען נאָך עד היום. אפשר אין איין אַנדער פאָרם, אפשר אין אַנדערע געשטאַלטען — נאָר ער טראָגט זיי, ער טראָגט זיי ביז צו היינטיגען טאָג.

זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבן פאַר אָפּבריהען זיך, וואָרום דאָס פייערעל איז מעהר ניט אויף צו באַלייכטען, ברענען ברענט עס ניט, און דו באַדאַרפסט זיך נאָר אָנבויגען און זשעבּרעווען מיט ביידע זשמענים (שמואליק באַווייזט מיט ביידע הענט, ווי ער זשעבּ־רעוועט) גאָלד און זילבּער און דימענטען און בריליאַנטען, און שטיינער אַזעלכע, וואָס הייסען מיט'ן נאָמען „כּדכּד", און אַזעלכע, וואָס הייסען מיט'ן נאָמען „ישפה"...

— וואָס איז דען דער חילוק?

— אַי, נאַרעלע, ס'איז אַ גרויסער חילוק! „כּדכּד" איז אַזאַ שטיין, וואָס לייכט אין דער פינסטער, ווי אַ סטרינעווע ליכט, און „ישפה" האָט אין זיך אַ כּח: עס מאַכט פון שוואַרץ ווייס, פון רויט געל, פון גרין בּלוי, פון נאַס טרוקען, פון הונגעריג זאַט, פון אַלט יונג, פון טוידט לעבּעדיג... מע באַדאַרף נאָר מיט איהם געבּען אַ רייב אין דער רעכטער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן אַ רעכטער אָנבייסען!" — נעהט־אַרויס אַ זילבּערנע טאַץ, און אויף דער טאַץ צוויי פּאָר געבּראָטענע טייבּעלעך מיט פרישינקע פּלעצלעך פון געבייטעלטער מעהל, פּערווי סאָרט. אָדער: „ס'זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויס־געהן אַ גוטער וואַרעמעס!" — באַווייזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כּל'ערליי מינים עסענווארג און פּאַטראַוועס, מעדני־מלך, געבּראָ־טענע צונגען מיט געפּילטע העלזלעך, וואָס זייער געשמאַקער ריח צעגעהט זיך אין אַלע אבריס, און פרישע צוגעבּרענטע געפּלאָכטענע קוילעטשען וואַכּסען־אַויס פאַר דיינע אויגען, און ווייןָ לרוב פונ'ם בעסטען סאָרט, און ניסלעך, און באָקסערען, און צוקערקעס לרוב — אַזוי פיעל, אַז סע גלוסט זיך שוין אַזש ניט!

און שמואליק קערעוועט־אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ זייט און שפּייט־אויס, און זיין חבר זעהט נאָך זיינע פאַרשמאַכטע ליפּען און נאָך זיין בּלאַס פּנים מיט די פאַר'חלומט'ע אויגען, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ שטיקעל געבּראָטענע צונג, אַ געפּילט העלזעל, אָדער חאָטש אַ שטיקעל קוילעטש... און ער גיט זיך דאָס וואָרט,

„וויספע״, און ער איז דער פּרינץ, און די גאַנצע מיט די קאַטשקעס, וואָס שפּאַציערען־אַרום אין הויף, — דאָס זענען די ווילדע מענ־טשענפרעסער, און ער איז איבער זיי דער מלך, וואָס קאָן זיי טרייבען וואוהין ער וויל און קאָן טהון מיט זיי וואָס ער וויל, וואָרום זיי זענען דאָך זיינע אונטערטעניגע... עס איז גענוג געווען אַ שטיקעל גלאָז טאָמער האָט ער געפונען, זאָל עס ווערען ביי איהם פאַר־וואַנדעלט אין אַ טייערען וואונדערשטיין, אַ מין „כּדכּד״... אַ שטיינדעלע, אַ פּראָסט, פון דער ערד אויפגעהויבען — קאָן עס זיין אפשר דאָס שטיינדעלע „ישפה״ — ווער ווייסט? פּוילט ער זיך ניט, נעמט און טהוט דאָס אַ רייב, אַז קיינער זעהט ניט, אין דער רעכטער לאַץ און אַ זאָג, ווי שמואליק זאָגט: „ס׳זאָל מיר ארויסגעהן און ארויסגעהן...״

מעהר פון אַלץ אָבער האָבען זיך איינגעוואָרצעלט אין איהם שמואליק׳ס מעשיות וועגען „אוצרות״. ער איז געווען מעהר ווי זיכער, אַז ניט היינט איז מאָרגען, נאָר איין אוצר מוז זיך איהם אַנטפּלעקען. דאָס גאַנצע גאָלד וועט ער, געוויינליך, אַוועקגעבען דעם טאַטען מיט דער מאַמען. דער טאַטע וועט שוין ניט דאַרפען זיין אַזוי פאַרזאָרגט און פאַרטראָגען אין די געשעפטען. די מאַמע וועט פאַרשפּאָרען פריערען גאַנצע טעג אין קלייט. מיט דעם כּח פון׳ם שטיין „ישפה״ וועט ער זיי אויסבויען אַ פּאַלאַץ פון קריש־טאָל, ארומגערינגעלט מיט אַ גאָרטען פון סאַמע זאַפּראַן. און אין מיטען גאָרטען וועט זיך געפינען אַ ברונען פון קוועקזילבער. אַ פלעגהונט וועט היטען דעם אריינגאַנג, און פּיפּערנאָטערס, שרע־טעלעך מיט ווילדע קעץ וועלען זיך דראַפּען אויף די בוימער. און ער, דער פּרינץ אַליין, וועט אויסטיילען פון זיין ברייטער האַנט די וואָראָנקאָווער אָרעמעלייט נדבות, גרויסע נדבות און קליינע נדבות, איטליכען אַזאַ נדבה, ווי ער פאַרדיענט.

עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלען, אַז די צוויי גע־ליעבטע חברים, שלום נחום וועוויק׳ס און שמואליק דער יתום, זאָלען ווען אַמאָל זיך דאַרפען צעשיידען אויף אייביג און אייביג.

6

דער רב אין גן־עדן

די פריינטשאפט פון דוד מיט יהונתן. — דער לויתן מיט'ן שור־הבר. — ווי זעהען־אויס די צדיקים אויף יענער וועלט.

די שענע, וואונדערליכע מעשיות פון שמואליק דעם יתום האָבען זיין יונגען חבר אינגאַנצען פאַר'כשופ'ט און געבראַכט דער־צו, אַז די פּרינצען מיט די פּרינצעסינס זענען איהם געגאַנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפּט ביי די אַרבעל: „שטעה־אויף, שלום, טהו דיך אָן און קום מיט אונז!"... און נישט נאָר אין חלום — אויך אויף דער וואָהר האָט ער זיך געפונען כמעט שטענדיג צווישען פּרינצען און פּרינצעסינס, ערגיץ אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אָדער אויפ'ן פאַרגליווערטען ים, אָדער אויף אַ וויספּע, וואו עס געוועלטיגען ווילדע מענטשען, אָדער גאָר אין גן־עדן התחתון, וואו עס געפינען זיך צוועלף ברונענס מיט קוועקזילבער און דרייצעהן גערטנער פון זאַפראַן, און גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך, אַזוי־ווי מיסט; אָדער ער הויבט זיך אויף, מיט'ן שטיינדעלע „ישפה", גאָר אין דער הויך, אויף יענער זייט חמארעס... עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבען אָנרופען די אַלע זאַכען ביי'ם נאָמען און זעהען זיך מיט זיי אויף יעדען טריט און שריט.

עטליכע צונויפגעלעגטע באַלקענס אין הויף איינס אויף דאָס אַנדערע זענען שוין געווען גענוג פאַר איהם, ער זאָל זיך אַרויפ־כאַפּען אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פאָרשטעלען, אַז דאָס איז אַ

— דער „בעל־דבר".
— פון וואנען זאָל איך וויסען?
— דו זאָגכט, אז ער קומט, האָסט דו מסתמא איהם געזעהן.
— נארעלע! ווער עס זעהט דעם „בעל־דבר", דער קאָן נישט לעבען מעהר. הייגט ווי אזוי האָב איך איהם געקאָנט זעהען?
— פון וואנען־זשע ווייסט דו, אז ער קומט?
— ניין! וואָס דען וועט ער טהון? ער וועט ווארטען אויף כבוד?...

און אז דער רב איז געשטאָרבען, איז פאר די צוויי חברים געווען א יום־טוב. דער רב האָט געהאט אזא שענע לויה, ווי עס קאָן זיך פארגינען צו האָבען נאָר א רב אין א קליין שטעדטעל. די קלייטען האָט מען געשלאָכען און די חדרים האָט מען צעלאָזט, און די גאנצע „שטאָדט" איז איהם געגאנגען באגלייטען.

אויף צוריקוועגס זענען די פארליעבטע חברים, „דוד ויהונתן", געווען די לעצטע שבלעצטע. מע האָט זיך גענומען פאר די הענט און מע איז געגאנגען פאוואָלי, בכדי מע זאָל זיך קאָנען גוט אָנרעדען. און רעדען איז געווען פון וואָס. פונ'ם רב'ס טוידט און פון זיין קומען אויף יענער וועלט, ווי אזוי מע וועט איהם דאָרטען באגעגענען ביי די טויערען פון גן־עדן, און ווי אזוי מע וועט איהם אויפנעמען, און ווער וועלען זיין די, וואָס וועלען איהם מקבל־פנים זיין.

אלסדינג האָט שמואליק געוואוסט, אפילו וואָס ד אָ ר ט ע ן טהוט זיך. און פון אלסדינג האָט ער גערעדט אזוי, גלייך ווי ער וואָלט געווען דערביי. עס איז אויסגעקומען אזוי, אז דער רב איז גאָרניט געשטאָרבען. ער האָט זיך נאָר איבערגעטראָגען אין איין אנדער וועלט, אין א בעסערער וועלט, וואו מע האָט געווארט אויף איהם מיט'ן לויתן און מיט'ן שור־הבר און מיט'ן יין־המשומר און מיט אלע גוטע זאכען פון גן־עדן. א, דאָרט וועט ער ערשט אָנ־הויבען צו וויסען פון א לעבען, א ניי לעבען, א גליקליך לעבען, אין א פראכטפולען גן־עדן, אינאיינעם מיט אזעלכע מאגנאטען, ווי

ערשטענס, גלאַט למאַי זאָלען זיך חברים שיידען? און אויסער־דעם, האָבען זיי זיך געשוואָרען ביידע ביי גאָט און איבערגעשלאָגען מיט א ציצה, אז איינער אָהן דעם צווייטען זאָל ניט אוועקפאָהרען קיינמאָל ניט אין ערגיץ ניט, און אז וואָס ס׳זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפען און וואו זיי זאָלען ניט מגולגל ווערען, זאָלען זיי תמיד זיין איין נפש, איין נשמה. דאָס איז געווען א ליעבשאפט, ווי צווישען דוד מיט יהונתן. געהט רעכט זיך אויף אזא מעשה, אז דער רב, וואָס איז טאַקי געווען אפילו א איד א זקן, איך האָב מורא, אויב ניט א בן־שבעים, וועט נעמען און וועט זיך פּלוצים אין מיטען דערינען אוועקלעגען גאָר און וועט מאכען א שטארב, און דער יתום שמואליק וועט אוועקפאָהרען מיט דעם רב׳ס אלמנה ערגיץ אין א קליין שטעדטעל, וויים איך וואוהין, ערגיץ אין חערסאָנער גובערניע, און אז שמואליק זאָל פארשוואונדען ווערען, גלייך ווי ס׳איז גאָר קיינמאָל קיין שמואליק אויף דער וועלט ניט געווען!

מאָהלט אייך, ניט אזוי גיך טהוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. ניט אזוי גרינג לעגט זיך אוועק א רב און שטארבט־אוועק. דער רב, וואָס איז געווען תמיד א „חלוש", א קראנקער מענטש פון פאסטען תעניתים און פון גלאַט ניט עסען, האָט זיך אויף דער עלטער אוועקגעלעגט אין בעט, אָפּגעלעגען א געלעהמטער העכער א יאָהר, אָהן עסען, אָהן טרינקען, און נאָר געלערענט און נאָר געדאווענט, און געראנגעלט זיך מיט׳ן מלאך־המות. שמואליק האָט דערצעהלט פאר זיין חבר און געשוואָרען מיט כל השבועות, אז אלע פארנאכט, בין מנחה למעריב, פליהט־אריין דורך א שפּארינ־קעלע פון א פענסטער דער „בעל־דבר", שטעלט זיך אוועק ביי׳ם רב צוקאָפּענס און וואַרט, טאָמער וועט ער אויפהערען „זאָגען", וועט ער איהם מאכען „חיק"... איז אָבער דער רב קליגער פון איהם: ער הערט ניט אויף צו „זאָגען" אפילו אויף א רגע כמימרא; אָדער ער לערענט, אָדער ער דאווענט.

— ווי אזוי זעהט ער אויס?

— ווער?

7

שמואליק ווערט פאַרשוואונדען

דוד מיט יהונתן צעשיידען זיך אויף אייביג. — דער סוד פונ׳ם אוצר. — פארלוירען א חבר.

די גאנצע וואָך, וואָס די רביצין איז געזעסען שבעה נאָכ׳ן רב, האָט שמואליק דער יתום ארומגעבלאָנקעט איינער אליין איבער דער שטאָדט, ווי איין אמת׳ער יתום, וואָס איז נאָך מעהר פאר׳־יתומ׳ט געוואָרען. זיין גאנצער ארויסקוק איז געווען אויף דעם פארנאַכט, ווען מע צעלאָזט די קינדער פון די חדרים — דעמאָלט וועט ער זיך קאָנען זעהען מיט זיין חבר, שלום נחום ווענוויק׳ס, וואָס איז צו איהם נאָך מעהר צוגעבונדען געוואָרען זינט דער רב איז געשטאָרבען. עס האָט זיך געפיהלט אינסטינקטיוו, אז די צוויי געליעבטע חברים, „דוד ויהונתן״, באדארפען זיך באלד צעשיידען. ווי אזוי דאָס וועט געשעהען — האָבען זיי נאָך אליין ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען. זיי האָבען דעריבער אויסגענוצט יעדען פארנאַכט אויף צו פארברענגען אינאיינעם, זיין וואָס נעהענטער איינס נעבען דאָס אנדערע.

א גליק, וואָס ס׳איז זומער, און זומער לערענט מען נישט ביינאַכט אין חדר. קאָן מען דעריבער זיך פארקלויבען אינצווייען ביי נחום ווענוויק׳ס אין גאָרטען, און דאָרטען, אונטער א בארענ־בוים, אָפּזיצען א שעה און צוויי און דריי און שמועסען; אָדער אז ניט, קאָן מען זיך דורכגעהן פון דער שטאָדט ארויס, העט־ווייט

אברהם, יצחק און יעקב, און יוסף הצדיק, און משה מיט אהרונ׳ען, און דוד המלך, און שלמה המלך, און אליהו הנביא, און דער רמב״ם, און דער בעל־שם־טוב, און דער ריזשינער — ווי לעבעדיגע האָט זיי שמואליק אָפּגעמאָהלט, און ווי לעבעדיגע זענען זיי געשטאַנען פאַר די אויגען, יעדער מיט זיין געשטאַלט און מיט זיין פנים און מיט זיין אויסזעהן: אברהם אָבינו — א זקן מיט א ווייסער באָרד, יצחק — א לאַנגער און א דארער, יעקב אָבינו — א קראַנקער און א סוטולעוואַטער, יוסף — א „קראַסאַוועץ״, משה רבינו — א נידעריגער וואוכס, נאָר א ברייטער שטערן, אהרון הכהן — דוקא א הויכער מיט א לאַנגען יאַמשאָוועז שטעקען, דוד המלך — מיט א פיעדעל, שלמה המלך — מיט א גאָלדענער קרוין, אליהו הנביא — איין אָרעם אידעל, דער רמב״ם — איין אויסגעפּוצטער מיט א קיילעכיגער באָרד, דער בעל־שם־טוב — א פּראָסטער איד מיט א פּראָסטען שטעקען, דער ריזשינער — א שענער איד אין א זיידענער זשופּעצע...

עס האָט אַזש אָנגענומען א חשק צו זעהען זיך מיט די דאָזיגע אַלע לייט; עס האָט זיך פּשוט געגלוסט זיין מיט זיי דאָרטען אין גן־עדן, פאַרזוכען חאָטש א שטיקעל פונ׳ם לויתן מיט׳ן שור־הבר, חאָטש א טראָפּען פונ׳ם יין־המשומר. עס איז געווען באמת מקנא צו זיין דעם רב, ווי ער לעבט דאָס איצט דאָרטען א גוטען טאָג, נאָר פאַרגעסען, אז מע האָט איהם נאָר־וואָס אַראָפּגעלאָזט אין איין ענגען פינסטערען קבר, און אז מע האָט איהם פאַרשאָטען מיט קלעפּיגער שוואַרצער ערד און צוגעקלאָפּט מיט הילצערנע לאָפּעטעס, און אז שמואליק אליין טאַקי האָט געזאָגט נאָך איהם קדיש. וואָרום דער רב איז געשטאָרבען אָהן קינדער — ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט.

ער וועט חלילה ווערען ברוגז. שמואליק איז אָבער ניט אזא חבר, וואָס מיט איין וואָרט זאָל מען פארלירען ביי איהם אינגאנצען. און שמואליק הערט ניט אויף צו דערצעהלען מעשיות, וואָס עס וועט זיין אמאָל, אמאָל, אז ביידע חברים וועלען אויסוואכסען און ווערען גרויסע, וואָס זיי וועלען אויפטהון אין דער דאָזיגער שטאָדט, און ווי גליקליך זיי וועלען מאכען די וואָראָנקאָווער אידען. און עס גיסט זיך ביי איהם, ווי ריינער בוימעהל. און עס ציהט זיך ביי איהם, ווי גוטער האָניג. און עס ווילט זיך גאָרניט אוועקגעהן אין דער ווארעמער, זומערדיגער, פאר׳כשופ׳טער נאכט. נאָר מע מוז, מע מוז געהן אהיים שלאָפען — אניט, קאָן מען האפּען א מיאוס׳ען פסק!... און מע געזעגענט זיך אָפּ: „ביז מאָרגען, ביז מאָרגען!”

. . . .

עס איז אוועקגעגאנגען א מאָרגען און נאָך א מאָרגען, און נאָך א מאָרגען — ניטאָ שמואליק! וואו איז ער? — ער איז אוועקגעפאָהרען. אויפגעהויבען זיך אינאיינעם מיט דעם רב׳ס אלמנה און אוועקגעפאָהרען אין חערסאָנער גובערניע. ווען? ווי אזוי? אפילו נישט געזעגענט זיך?!...

א פארלוירענער, א צערודערטער איז געבליבען זיין חבר שלום איינער אליין, עלענט ווי א שטיין. אוועקגעפאָהרען זיין בעסטער, זיין ליעבסטער און זיין טייערסטער. אוועקגעפאָהרען! פינסטער געוואָרען די גאנצע וועלט: וואָס מיר וועלט, אז ס׳איז נישטאָ שמואליק! וויסט געוואָרען דאָס גאנצע לעבען: וואָס מיר לעבען, אז ס׳איז נישטאָ שמואליק! און דער איבערגעבליבענער עלענטער חבר האָט דערפיהלט א מאָדנע ענגשאפט אין האלז, און אין נאָז האָט איהם אָנגעהויבען צו קיצלען און אין הארצען צו שטיקען. האָט ער זיך פארקלויבען ווייט־ווייט אין א ווינקעלע און לאנג־לאנג געוויינט.

אויף יענער זייט מיהלען, אבי שקצים זאָלען נאָר ניט באַפאַלען און ניט אָנרייצען די הינט אויף די „פאַרשאָלטענע זשידיוהעס".

דאָרט, פון יענער זייט מיהלען, האָבען די צוויי חברים, שמואליק דער יתום און שלום נחום וועוויק׳ס, געקאָנט זיך אָנרעדען וויפיעל זייער הארץ גלוסט. און רעדען איז געווען פון וואָס. איין זאך האָט זיי אינטערעסירט ביידען: וואָס וועט זיין ווייטער? וואָס וועט זיין, טאָמער פאָהרט שמואליק אוועק? ווארום געהערט האָט שמואליק זאָגען, אז די רביצין קלויבט זיך ערגיץ ווייט, אין חערסאָנער גובערניע. זי האָט דאָרט א שוועסטער, שרייבט איהר די שוועסטער, זי זאָל קומען צו פאָהרען. איז ווי־באלד די רביצין פאָהרט — פאָהרט שמואליק אויך. וואָס וועט ער דאָ טהון איינער אליין? ער האָט דאָך אפילו ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּארען!...

פארשטעהט זיך, אז ער פאָהרט נישט אויף לאנג, און יעדענ־פאלס — ניט אויף שטענדיג. לאָז ער נאָר קומען אהין, אזוי זעצט ער זיך באלד לערנען „קבלה", און ווי נאָר ער דערגעהט דעם „סוד", אזוי קומט ער צו פאָהרען צוריק אהער, קיין וואָראָנקאָ, און נעמט זיך צו דער ארבייט — אויפזוכען דעם אוצר. ער וועט פאַסטען פערציג תעניתים, אָפּזאָגען אלע טאָג פערציג קאַפּיטלעך תהלים, און אויפ׳ן איין־און־פערציגסטען טאָג חאַפּט ער זיך ארוים בסוד, אז קיינער זאָל ניט וויסען, צעהלט־אָפּ פערציג מאָל פערציג, שטע־הענדיג אויף איין פוס פערציג מינוט אויפ׳ן זייגער...

— וואו האָסט דו א זייגער?

— איצט האָב איך ניט, דעמאָלט וועל איך האָבען.

— וואו וועסט דו נעמען?

— וואו איך וועל נעמען? איך וועל גנב׳ענען! וואָס האָט דאָס צו דיר?

שלום קוקט זיין חבר שמואליקען אין די אויגען אריין. ער האָט מורא, טאָמער האָט ער איהם אָנגעריהרט מיט א וואָרט, און

8

מאיר מעדוועדעווקער

א נייער חבר, וואס קאן זינגען. — חדר־יונגלעך קונדסים מאכען טהעאטער־שפּיעל. — פון א בארוויסען יונג א קונדס וואכסט־אוים א באריהמטער ארטיסט.

לאנג זאָרגען זיך און באַקלאָגען דעם פארלוירענעם שמואליקען האָט זיין געטרייער חבר נישט באדארפט. גאָט האָט איהם ממלא געווען און גיך צוגעשיקט א נייעם חבר.

אזוי איז דאָס געווען: וויבאלד דער אלטער רב איז געשטאָרבען, איז דאָך דאָס שטעדטעל געבליבען אָהן א רב, על־כּן האָט נחום וועוויק׳ס אוועקגעוואָרפען אלע געשעפטען און איז אוועקגעפאָהרען אין א צווייטען שטעדטעל, קיין ראַקיטנע, וואו עס האָט זיך געלאָזט הערען איבער דער וועלט א רב, א שם־דבר, מיט׳ן נאָמען ח י י ם מ ע ד ו ו ע ד ע ו ו ק ע ר. אָט דעם רב האָט דאָס נחום וועוויק׳ס אראָפּגעבראַכט קיין וואָראָנקאָ, און דאָס שטעדטעל האָט זיך מיט איהם משמח געווען, וואָרום חוץ וואָס ער איז געווען א גרויסער למדן און א ירא־שמים און א יודע־נגן, איז ער נאָך געווען דערצו א גרויסער אָרעמאַן אויך, האָט ער שוין אין איינוועגס צוגעקנעלט מיט די בעל־הבּתּישע קינדער (פון דער עלטערער כּתּה).

פון דעסטוועגען האָט מען חלילה דעם מלמד רבֿ זרח׳לען אינגאנצען נישט אָפּגעזאָגט. ווי נעמט מען דאָס און מע קוילעט־

ווי מיינט איהר: לעבּט ער נאָך ערגיץ, אָט דער ציקאַווער שמואליק מיט די פּאַר׳חלומ׳טע אויגען און מיט זיין שען, חנ׳עווריג לשון, וואָס גיסט זיך ווי ריינער בּוימעהל און ציהט זיך ווי גוטער האָניג? וואו איז ער, און וואָס איז ער, למשל, אצינד — א מגיד? א רב? א מלמד? א סוחר? א קרעמער? א מעקלער? אָדער נאָר איין אָרעמאַן, איין עני ואביון? אָדער אפשר האָט עס איהם פאַרטראָגען אינ׳ם גאָלדענעם לאַנד, אין אמעריקע, און ער „מאַכט א לעבּען״?... אָדער אפשר ליגט ער שוין דאָרטען, וואו מיר וועלען אלע ליגען איבּער הונדערט יאָהר און די ווערעם וועלען פון אונז הנאה האָבּען?...

ווער עס ווייסט עפּיס, ווער עס האָט געהערט פון איהם, — זאָל זיך אָפּרופען.

און נאָך וואָסערע ליעדלעך! האָט ער אָבער צו דער מעלה געהאַט א חסרון — א טבע פון איין אמת׳ען ארטיסט: ער האָט פיינט געהאַט זינגען גלאַט אזוי אומזיסט. איהר ווילט הערען זינגען — באַצאָהלט, זייט מוחל! א גראָשען א ליעדעל. און אז ס׳איז נישטאָ קיין געלט, איז איין עפּעל אויך גוט. פּאַר נויט — א האַלבער עפּעל, א פּאָר פלאָמען, א שטיקעל צוקערקע — קיין אומזיסט איז נישטאָ! דערפאַר האָט ער אָבער געזונגען אזעלכע ליעדלעך, מיט אזא זיס קול און מיט אזא געפיהל, אז א כפרה, כלעבען, אלע היינטיגע סאָבינאָוס, קארוזאָס, שאַליאַפּינס, סירא־טאַס און די אלע איבעריגע מנגנים פון דער וועלט!

„געה איך ארויס אויף דער ווילנער גאַס,
הער איך א קול מיט א גרויס געשריי:
אוי־וועה! —
מע ווייגט אזוי...״

אלע יונגלעך האָרכען, גאַפען, געהען־אויס פון זיסקייט, און ער — גאָרנישט! יאָסעלע סאָלאָוויי! היינט זיינע שטיקלעך פון דאַוונען! אמאָל, אז דער רבי, טאַקי זיין פאָטער, דער רב, רב חיים הייסט עס, האָט זיך ארויסגעחאַפּט אויף א רגע׳לע אין דרויסען, האָט זיך מאיר אוועקגעשטעלט מיט׳ן פנים צו דער וואַנט, דעם טישטוך אָנגעטהאָן פאַר א טלית, זיך גענומען ביי׳ם גאָרגעל מעשה חזן און ארויסגעלאָזט א געשריי פון די סליחות: „אל מלך יושב״ — גיך־גיך, און אויסגעלאָזט אויף א קול: „ויקרא־א ב־ש־ם!״ — קומט־אָן דער רבי:

— וואָס איז דאָס? חזנ׳ישע שטיק ווערסט דו פּראָוועו? אנו, משומד, לעג דיך נאָר אוועקעט אויפ׳ן בענקעלע אָט אזוי...

און עס הויבט זיך אָן איין עקזעקוציע.

נישט נאָר אין נגינה אליין האָט זיך אויסגעצייכענט מאיר׳על מעדוועדעווקער. ער האָט געהאַט נאָך א חולאת: שפּיעלען, פאַרשטעלען זיך, מאַכען אָנשטעלען: „מכירת־יוסף״, „יציאת־

אָפּ אַ אידען גלאַט אַזוי פון פּרנסה? איז רבֿ זרח׳על פאַרבליבען מלמד אויף תּנ״ך און אויף שרייבען (אידיש און רוסיש, און דייטש, און פראַנצויזיש, און לאַטיין, וועלכע נישט די קינדער, נישט דער רבי האָבען פאַרשטאַנען מיט וואָס מע עסט דאָס), און גמרא האָט מען געלערענט ביי׳ם נייעם רבֿ. און חאָטש שלום נחום וועוויק׳ס איז געווען טאַקי נאָך אַליץ אַ שייגעץ און נישט געוואָלט וואַקסען אין דער הויך, נאָר פון דעסטוועגען האָט מען איהם אריינגענומען אין דער גרויסער כּתּה, וואָרום אז דער נייער רבֿ האָט איהם פאַרהערט אַ פּרשה חומש מיט רש״י, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ קניפּ אין בעקעל: „אַ רעכטער שקאָץ!“ — און דעם פאָטער האָט ער געגעבען אַ זאָג, אז ס׳איז איין עבירה פאַר גאָט איבערלאָזען אַזאַ שקאָץ אויף טרוקענעם תּנ״ך; מע באַדאַרף איהם אַ נעם טהון צו דער גמרא. „נישקשה, ס׳וועט איהם גאָרניט שאַדטען“.

פאַרשטעהט מען, אז דער פאָטער איז געווען מלא גדולה, און דער „שקאָץ“ אַליין איז ניט געווען אַזוי צופריעדען מיט דער גמרא, איז ער אָבער דערפאַר געווען ביי זיך גדול׳דיג, וואָס ער זיצט אינאיינעם מיט די גרויסע, און געבלאָזען פון זיך, פאַרריסען די נאָז — אַ קליינינקייט!

אראָפּגעקומען איז רבֿ חיים דער רבֿ פון ראַקיטנע ניט אַליין, נאָר מיט צוויי זיהן: איינער אַ בעל־הבית׳על שוין, מיט אַ קנאָפּ אין גאָרגעל, מיט׳ן נאָמען אברהמ׳על, וואָס האָט געהאַט אַ קול־נגינה און געקאָנט שען דאַווענען פאַר׳ן עמוד, און דער אַנדערער, מאיר׳על, האָט נאָר געהאַט אַ שען קול אויף צו זינגען און אויך אַ קנעפּעל אין גאָרגעל, נאָר צום לערנען האָט ער געהאַט אַ שייט־האָלץ, ניט קיין קאָפּ. און ניט אַזוי נאָך אַ גראָבער קאָפּ, ווי אַ גרויסער שייגעץ, און מיט איהם איז דאָס שלום נחום וועוויק׳ס געוואָרען גיכען חבר. אַ ראַקיטנער יונגעל און דעם רבֿ׳ס אַ זוהן — מיט דער האַנט קאָן מען איהם ניט אָוועקמאַכען. דערצו האָט דער מאיר׳על געהאַט אַ מעלה: ער האָט געזונגען ליעדלעך,

וועדיעוו, געגומען און האָט טאַקי, ווי עס רעדט זיך, אויס־געביטען דאָס רענדעל... חאָטש דאָס מוז מען צוגעבען, אַז די מצוה פון כבוד־אָב האָט ער מקיים געווען, ווי דער בעסטער איד און אויפ׳ן שענסטען אַרט: ער האָט געקויפט פאַר זיין אַלטען, אָרעמען טאַטען איין אייגענע דירה אין ראַקיטנע, האָט איהם „אָפּגעשאָטען מיט גאָלד", געקומען צו איהם אַלע זומער צו־גאַסט, געבראַכט מתנות פאַר דער גאַנצער משפּחה, און רב חיים דער רב, וואָס האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שפּיצעל זיין זוהן האָט איהם אָפּגעטהאָן, בכדי ער זאָל זיך קאָנען אָנרופען „אַרטיסט אימפּעראַטאָרסקיך טעאַטראָוו", האָט געהאַט אַ גליקליכע עלטער... נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו זיין קינדהייט, בעת מאיר׳על מעדוועדעווקער האָט גאָר ניט געוואוסט, און אפילו ניט גע׳חלומ׳ט, אַז ער וועט אַמאָל הייסען מיכאַאיל יעפימאָוויטש מעדוועדיעוו און וועט מרעיש עולם זיין און איבערקעהרען וועלטען.

מצרים", „עשר מכּות", „משה רבינו מיט די לוחות", און נאָך און נאָך אַזעלכע אָנשטעלען.

למשל, ער האָט זיך פאָרשטעלט פאַר אַ גזלן, מיט אַ גרויסען שטעקען אין האַנט און מיט דער רביצינ'ס קאָלאָדאַטשמעסער, אַריינגעשטעקט אין דעם רבינ'ס גאַרטעל, און דוקא באָרוויס, און מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזען, און אויגען, רבונא דעלמא כּולא — טאַקי ווי בּיי אַ גזלן! שלום נחום וועוויק'ס איז געווען דער איד, דער אביון. מיט אַ גראָבען שטעקען אין האַנט, מיט אַ קישעלע פאַר אַ האָרב, איבערגעקעהרט דאָס היטעל אויף דער לינקער זייט, געהט ער נעבּאַך בּעטען אַ נדבה. פאַרבּלאָנזעט אין וואַלד. דער וואַלד — דאָס זענען די יונגלעך. און שלום נחום וועוויק'ס דער אביון געהט צווישען די בּוימער, אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבען שטעקען, זוכט אַ וועג און בּאַגעגענט זיך מיט — מאיר דעם גזלן! חאַפּט־אַרויס דער גזלן דאָס מעסער פון גאַרטעל און זינגט צו איהם אַ ליעד, און דוקא אויף רוסיש, און לאָזט־אויס:

„דאוואי דיע־ע־ענגי,
דאוואי דיע־ע־נגי!"

בּעט זיך בּיי איהם נעבּאַך דער אָרעמאַן, שלום, מיט טרערען, ער זאָל זיך דערבּאַרעמען איבּ ניט אויף איהם, איז אויף זיין ווייבּ און קינדער. זי וועט בּלייבּען איין אַלמנה, און די קינדער יתומים. חאַפּט איהם דער גזלן, מאיר, פאַר'ן גאָרגעל און טהוט איהם אַ וואָרף אין דער ערד אַריין — קומט אָן דער רבי, און עס הויבּט זיך אָן אַ חתונה:

— מילא דער (ער בּאַווייזט אויף זיין אייגענעם זוהן) איז אַ שייגעץ, אַ משומד, אַ מומר להכעיס. אָבּער דו, נחום וועוויק'ס יונגעל, ווי קומסט דו זיך גלייכען צו איהם, צו אָט דעם משומד?

דער רבי, רבּ חיים דער רב, איז, אפּנים, געווען אַ שטיקעל נביא: אין אַ סך יאָהרען אַרום האָט זיין מאיר מעדוועדעווקער, וואָס איז געוואָרען נאָכדעם דער בּאַריהמטער אַרטיסט מעד־

רב רב חיים מעדוועדעווקער וועט אין זיי אריינזעצען, און צו זיין יראת־שמים, וואס ער וועט אין זיי איינפלאנצען. זיי האבען בעסער חשק געהאט צו אנדערע זאכען. למשל, גרינגע אגרעסען רייסען פון א בוים, אדער טרייסלען בארלעך אדער פלאמען, עס מעג זיך זיין אפילו פון איין אייגענעם גארטען, איז א סך מעהר פארגעניגען, ווי שמאכטען איבער דער גמרא, אדער דאוונען מיט כוונה, ווי דער רב רב חיים האט געפאדערט פון זיינע תלמידים, אדער זאגען א קאפיטעל תהלים.

— די גמרא איז ניט קיין ציעג, זי וועט ניט אנטלויפען, דאוונען וועט גאט מוחל זיין, און תהלים לאזען זאגען אלטע אידען !...

אזוי האט איינגע'טענה'ט מאיר מעדוועדעווקער מיט זיין חבר שלום נחום וועוויק'ס און האט איהם בעסער געלעהרענט, ווי אזוי מע קלעטערט ארויף אין איין שמע־ישראל אויפ'ן העכסטען בוים, אדער ווי אזוי מע שפרינגט־אונטער און מע פארטשעפעט א צווייג פון א קארשען־בוים, קריכען די קארשען דעמאלט אליין אין מויל אריין. אי, עס ווערען נאכדעם שווארץ די ליפען, און נאך די שפיץ פינגער דערקענט מען, אז מע האט געריסען קארשען ? וואס קאן דא זיין ? „וועט מען אפשמייסען — א טייערע מעצאצע !"...

דאס שמייסען אין חדר איז געוועזן אזא געוויינליכע זאך, אז די חדר־יונגלעך האבען נישט געפיהלט קיין שום בזיון — פון קיין וועהטיג רעדט מען ניט ! „וואס איז דען אזעלכס, אז מע באקומט פונם רבין עטליכע לאקשען ? ביז דער חתונה וועט זיך עס פאר־היילען"... א בזיון איז געוועזן נאר פאר יענעם, וואס איז שוין געוועזן א חתן. אי דאס, האט ער נאר מורא געהאט פאר איין זאך : טאמער ווערט געוואוירע די כלה, און ניט אזוי די כלה, ווי דער כלה'ס חבר'טארינס, — וועלען זיי איהר אויסווארפען : „דער חתן מיט'ן געשמיסענעם דאס"...

9

פאַרלוירען נאָך אַ חבר

מע טרייסעלט בארלעך און מע חאפט שמיץ. — מע לערענט זיך גנב'ענען. — תשעה־באב ביי'ם גלח אין גארטען. — די עקזעקוציע.

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס די צוויי חברה־לייט, מאיר מעדוועדעווקער און שלום נחום וועוויק'ס, האָבען זיך צוגעבונדען איינס צום אַנדערען און געוואָרען נפש אחת. עפּיס האָט זיך געפונען אַ מחותנ'עשאַפט צווישען זייערע נשמות און אַ מין פאָר־געפיהל, אַז עפּיס וועט פון זיי אַמאָל אויסוואַכסען. און זייער פאָרגעפיהל האָט זיי ניט אינגאַנצען אָפּגענאַרט: אין אַ יאָהר צוואַנציג אַרום, אַז די צוויי האָבען זיך באַגעגענט (דאָס איז געווען אין ביעלאַצערקאָוו, קיעווער גובערניע, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זעהען), איז איינער געווען שוין אַ באַריהמטער אַרטיסט מ ע ד ו ו ע ד י ע װ, און דער אַנדערער האָט שוין געשריבען פעליעטאָנען אינ'ם „אידישען פאָלקסבלאַט” אונטער'ן נאָמען ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

נאָר מיר קעהרען זיך אום ווידער אַ מאָל צו זייער קינדהייט, ווען איינער האָט נאָך געהייסען מאיר'על מעדוועדעווקער, און דער אַנדערער — שלום נחום וועוויק'ס, און זיי האָבען נאָך שפּאַצירט איבער וואָראָנקאָווער גאַסען באָרוויס גלייך מיט אַלע בעלי־בתּי'שע יונגלעך. און מע מוז זאָגען דעם ריינעם אמת, אַז ביידע חברים האָבען נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו דער תּורה, וואָס דער

נאָר שרעקט זיך ניט — דאָס איז געווען ניט אויף לאַנג. נחום וועוויק׳ס האָט אראָפּגעבּראַכט אַ נייעם רב, פון בּאַרישפּאָלי, מיט׳ן נאָמען שמואל־אלי, אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן אויך אי גוט לערנען, אי שען זינגען, און דערצו שפּיעלט ער אין שאָך, וואָס ס׳איז גאָר אַ חריפות! איין חסרון נאָר האָט אָט דער שמואל־אלי: ער איז אַ בּיסעל אַ אינטריגאַנט און אַ חנופה׳ניק און האָט ליעב רעדען מיט יונגע ווייבּלעך, אַז קיינער זעהט ניט...

און אָט אַזוי איז פאַרלוירען געגאַנגען דער צווייטער חבר פון אונזער העלד.

מאיר איז נאָך ניט געווען קיין חתן און האָט דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט, האָט ער דעריבער געפיהרט זיין חבר שלום אויפ'ן „דרך־הישר", געלעהרענט איהם פּאַרקנייטשען דאָס דאַווענען, טראָגען פון קלייט אונטער דער מאַמע'ס נאָז באָקסערען, מיט קאָנפעקטען, מיט גויישע לעקאַכלעך, מיט נאָך גוטע זאַכען — דאָס הייסט ניט חלילה גע'גנב'עט, נאָר „גע'לקח'ענט", און דערפאַר שטראָפט מען ניט אויף יענער וועלט...

דאָס אַלסדינג וואָלט אפשר אָפּגעלאָפען גלאַט, ווען עס זאָל זיך ניט געווען טרעפען מיט מאיר'ען איין אומגליק: ער איז נעבאָך אַריבער איבער אַ פּלויט, אַריין צום גלח אין גאָרטען און אָנגעריסען אַ פולען בוזעם מיט באַרלעך. האָט דעם גלח'ס טאָכטער דערזעהען דורכ'ן פענסטער. איז דער גלח אַרויסגעלאָפען מיט אַ הונט און האָט איהם געחאַפּט. האָט איהם דער הונט צעריסען, איך בעט איבער אייער כּבוד, די הויזען, און דער גלח האָט אַראָפּ־געריסען בּיי איהם דאָס היטעל און געלאָזט איהם געהן, וואו די אויגען טראָגען.

וואָלט דאָס אפשר אויך נאָך נישט געווען אַזאַ־נ־אומגליק, ווען דאָס זאָל ניט געווען זיין תּשעה־בּאָב! סטייטש, אַלע אידען געהען־אַרום אין די זאָקען, קלאָגען און וויינען אויף חורבן בּית־המקדש, און ער, רב חיים דעם רב'ס זוהנדעל, שפּאַציערט־אַרום אָהן אַ היטעל און מיט צעריסענע הויזען!

די עקזעקוציע, וואָס דער יונג איז נעבאָך אויסגעשטאַנען, לאָזט.זיך ניט באַשרייבּען בּיי היינטיגע צייטען פון ריינעם פּראָגרעס. און נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס מע האָט שלום נחום וועוויק'ס געמוזט אָפּנעמען פון חדר, און קוקענדיג אויף נחום וועוויק'ס, האָבּען אַנדערע טאַטעס אויך אָפּגענומען זייערע קינדער. איז נעבאָך רב חיים דער רב געבּליבען אָהן אַ קנעלונג. האָט איהם דאָס רבנות מיט'ן חזנות געגעבּען ווינציג פּרנסה. האָט ער זיך געמוזט אַריבּערפּעקלען, מחילה, צוריק קיין ראַקיטנע. איז דאָס שטעדטעל געבּליבען וויעדער אָהן אַ רב.

פארשטעהט זיך, אז מיט די נייע בעלי־בתּים האָט סירקאָ ניט געהאט קיין שום מגע־ומשא, אין שטוב ניט ארייגגעשמעקט אפילו. מסתּמא האָט מען איהם לכתּחילה געגעבן אָנצוהערעניש מיט א שייט־האָלץ איבער׳ן קאָפּ, אז אין א אידישער שטוב זאָל א הונט ניט קריכען...

אין קיך ארייז האָט ער אויך ניט געהאט קיין דריסת־הרגל. „פרומע די מויד" מיט׳ן בלינדען אויגעל האָט איהם „אָפּגעלאָנ־טשעט" דערפון סך־הכּל מיט איין אָקרעפּ זודיג וואסער, וואָס זי האָט איינמאָל אין א ערב־שבּת אויסגעגאָסען אויף איהם מיט א כּיון און אָפּגעקאָכט איהם א שטיק פעל, און דוקא גאָר אין גוטען מוט, און נאָך געלאכט אויך.

אך, אָט די פרומע! א טאָטערש הארץ האָט געהאט אָט די מויד! ניט קיין הונט, ניט קיין קאַץ האָט זי נישט געקאָנט פאר־טראָגען. מיט טרערען אויף די אויגען האָט שלום נחום וועוויק׳ס איינמאָל קוים ארויסגעראטעוועט פון איהרע הענט די קאַץ, וואָס זי האָט צוגעבונדען צום פיסעל פון טיש און מיט׳ן שטעקען פונ׳ם בעזעם אזוי אומ׳ברחמנות׳דיג געשלאָגען, אז די קולות פון דעם אומגליקליכען באשעפעניש זענען געגאנגען אין הימעל ארייז!

— פרומעניו, הארצעניו, ליובעניו, וואָס טהוסט דו? א צער בעלי־חיים! גאָט וועט שטראָפען! שלאָג מיך בעסער, שלאָג מ י ך, אבי ניט די קאַץ! — האָט זיך שלום געבעטען און אונטער־געשטעלט דעם רוקען אָט דער דעספּאָטישער מויד, וואָס האָט זיך אליין ארומגעקוקט, אז שוין צו אכזריות׳דיג האָט זי זיך באגאנגען מיט דער קאַץ, און האָט זי אָפּגעגאָסען מיט א קוואָרט קאלט וואסער — קוים „אָטחאיוטשעט" דאָס האלב־טוידטע באשעפעניש.

און דאָס אַלסדינג איז געווען, מיינט איהר, איבער וואָס? איבער א נארישקייט: פרומען האָט זיך אויסגעדאכט, אז די „נאשערין" (קיין אנדער נאָמען האָט זי ביי איהר ניט געהאט!) האָט שוין עפּיס געחאפּט, ווארום זי האָט געטראָפען באלעקען

10

חבר „סירקאָ"

א הונט א חכם און א בעל דרך־ארץ. — צער בעלי־חיים. — א גלגול פון א מענטשען. — א געטרייער חבר.

איך מיין, אַז נאָכ'ן נאָמען אַליין איז ניט שווער צו שטויסען זיך, אַז סירקאָ איז געווען נישט קיין מענטש, נאָר אַ הונט, אַ געוויינליכער הונט מיט אַ גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהייסען „סירקאָ".

איך זאָג: אַ הונט אַ געוויינליכער — איך מוז מיך אָבער באַלד פאַרענטפערען, אַז ניין, ניט קיין געוויינליכער, ווי מיר וועלען עס באַלד געוואוירע ווערען. פריהער אָבער מוז מען זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם הונט'ס ביאָגראַפיע — פון וואַנען קומט צו אַ אידען אַ הונט? איז אַזאַ מעשה:

אַז נחום וועוויק'ס איז אַראָפּגעקומען פון שטאָדט אין שטעדטעל אַריין און איבערגענומען די „פּאָטשט" מיט'ן הויף, מיט'ן גאַנצען אינווענטאַר, האָט זיך אין הויף געפונען דער הונט סירקאָ, נאָך גאָר אַ יונגער, נאָר שוין אַ פאַרשטאַנדיגער, איין אמת'ער „בר־דעת", אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געקענט די נייע בעלי־בתים — איז איינס; און דאָס צווייטע: פאַר אַ אידען האָט ער געהאַט דרך־ארץ, נישט זאַטשעפּעט, חלילה, ווי אַנדערע הינט, וואָס האָבען אַ טבע — וויבאַלד זיי דערזעהען פאַר זיך אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אהא, אַזוי ווערען זיי מלא רציחה...

דערהערען דאָס גוטע וואָרט: „האָם!" דעמאָלט טהוט ער אַ שפּרונג־אונטער — און פאַרטיג.

ווינטער ביינאַכט, ווען די קינדער געהען אין חדר אַריין, האָט זיך סירקאָ נישט געקאָנט דערוואַרטען אויף זיינע חברים, און אַלע מאָל, אַרום זייגער נייען, איז ער אויסגעוואַכסען אונטער'ן פענסטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפרוירענע טאַפלים — אַ סימן, אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרמאַכען די ספרים און געהן אַהיים עסען וועטשערע. ביי'ם רבין איז סירקאָ געווען, להבדיל, אַ זייגער. „נישט אַנדערש — האָט ער געזאָגט — אַז אייער הונט איז אַ גלגול!" — און געלאָזט די קינדער פריי, נעמען די פּאַפּיערענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס און געהן אַהיים האָפּערדיג, מיט די פריילינע יונ'ישע לידער, סאָלדאַטסקי ניגונים:

ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע,
פּאָידיעם, פּאָידיעם נאַ קוואַרטירע,
אַכטער־באַכטער קאָלאָשקאַ,
וואָסים דיענגי ראַבאָשקאַ...

אָדער:

פּאָרא, פּאָרא!
פּאָרא וויביראַטסאַ!
אי סאָ וסיעמי גאָספּאָדאַמי
ראַספּראָשטשאַטסאַ — פּאָרא!...

סירקאָ איז געלאָפען אויף צו־פריהער און פאַר גרויס פרייד און התפעלות געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי — און אַלץ צוליעב די שטיקלעך ברויט מיט די אָפּגעלעקטע ביינדלעך פון דער וועטשערע. אַ הונט אַ חרוץ!

וויפיעל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אויפ'ן הארצען איז וויסט, אויף דער נשמה סומנע, אין דער היים געחאַפּט אַ פּסק, אין חדר פאַרבעסערט, — דעמאָלט פאַרקלויבט זיך שלום נחום וועוויק'ס ווייט אין גאָרטען, אויף יענער זייט בוימער, און סירקאָ מיט איהם.

זיך. „וואָס באַלעקט זיך פּלוצים, אין מיטען דערינען, א קאַץ?"... אַלעמען און יעדען איינציגען האָט פרומע חושד געווען: וויבאַלד א קאַץ — איז זי מסתמא א נאַשערין, א הונט — א מזיק, א גוי — א גנב, א קינד — א חזיר... און אזוי אַלע, די גאַנצע וועלט! נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צום הונט סירקאָ.

ארויסגעטריבען געוואָרען אזוי מיאוס סאַי פון שטוב, סאַי פון קיך, וואָלט איין אנדער הונט אויף זיין אָרט געוויס אָפּגעטראָטען פונ'ם דאָזיגען הויף: „לעבט אייך הונדערט און צוואַנציג יאָהר!" ניין, סירקאָ איז געווען ניט אזא מין. ער זאָל וויסען — דער טוידט זאָל זיין, וועט ער פון הויף ניט אוועק! דאָ איז ער געבוירען געוואָרען, דאָ וועט ער פּגר'ען... ובפרט, ער האָט געהאַט גוטע מליצים פאַר זיך: די קינדער פון דעם בעל־הבית. ער האָט נושא־חן געווען אין זייערע אויגען, חאָטש פרומע האָט זיך געפלייסט איהם צו פאַר'מיאוס'ען. א סך, א סך הינט וואָלטען זיך ווינטשען האָבען אזא אויסקומעניש מיט אזעלכע קעסט, ווי סירקאָ האָט געהאַט. פונ'ם שענסטען און פונ'ם בעסטען האָבען איהם חברה ארויסגעטראָגען אין די קעשענעס, פארשטעהט זיך, בסוד־סודות, אז קיינער זאָל ניט זעהען און אפילו ניט אָנשטויסען זיך, וואָרום ס'וואָלט געקאָנט זיין זעהר מיאוס פאַר ביידע צדדים. סירקאָ האָט שוין געוואוסט די צייט פון אָנבייסען, פון וואַרעמעס און פון וועטשערע, און האָט שוין ארויסגעקוקט מיט אַלע אויגען, ווען וועט מען איהם שוין ארויסטראָגען פון אַלע גוטע זאכען. ער האָט שוין געוואוסט אפילו, ביי ווען אין וואָסער א קעשענע אָנצושמעקען און האָט שוין אַליין געשטופּט די מאָרדע אהין — א הונט א חכם!

היינט די קונצען, וואָס חברה האָבען איהם אויסגעלעהרענט! אנידערלעגען איהם, למשל, אויפ'ן שפּיץ נאָז איין אָפּגעלעקט ביינדעל, אָדער א שטיקעל ברויט, און זאָגען איהם: „ניע ראוש!" (געוויינטליך, רעדט מען מיט א הונט אויף גוייש) — וועט ער אייך וואַרטען מיט דרך־ארץ וויפיעל איהר ווילט, ביז ער וועט

11

סירקאָ'ס טראַגעדיע

א מיאוס'ער בלבול. — דאס אומקומענדיש פון איין אומשולדיגען הונט. — הייסע טרערען.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגען, אז סירקאָ איז געווען א הונט א חכם, וואָס האָט פארשטאַנען, ווער עס האָט איהם מעהר ליעב פון אלעמען, און דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס מעהר ווי צו אלע קינדער האָט זיך סירקאָ דער הונט צוגע־בונדען צום פארפאסער פון די דאָזיגע כתבים, געשלאָסען מיט איהם חבר'שאפט אָהן ווערטער און ליעב געהאט, געווען נאָך איהם טאקי באמת די כפרה, און טאקי באמת גרייט געווען זיך מפקיר זיין פאר זיין חבר און פאר זיין האר. א שטומע צונג — נישט געווען בכח דאָס ארויסצובאווייזען, איבערגעבען מיט ווערטער, האָט ער עס ארויסבאוויזען, ווי א הונט, מיט זיין שפרינגען און מיט זיין קוויטשען און מיט זיין ווארפען זיך פאר איהם אין דער ערד אריין אויף זיין הינטישען שטייגער. ס'איז געווען א מנהג, אז זיין חבר און זיין האר זאָל איהם א זאָג טהון: „נא מיעס־טאָ!" — זאָל סירקאָ אוועק, ווי א סטאטיק, און ליגען, ווי א קעצעלע, שטיל, און נאָר מיט איין אויגעל לאָקערען, אבטונג געבען וואָס זיין האר טהוט.

צווישען דעם „האר" און זיין „קנעכט" סירקאָ איז געווען א שטילע ליעבע, און דער האר האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאר־

דאָרט, הינטער'ן פּלויט, אויף אַ בערגעל מיסט, זעצט ער זיך אַוועק מיט זיין געטרייען סירקאָ, וואָס ציהט־אויס די מאָרדע, קוקט גלייך אין די אויגען אריין, ווי אַ זינדיגער מענטש. „וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער בעת מעשה? פאַרשטעהט ער טאַקי יעדע זאַך, ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נשמה, ווי, להבדיל, אַ מענטש?"... און עס קומט איהם אויפ'ן זינען דעם רבינ'ס ווערטער: „דער הונט איז אַ גלגול פון אַ מענטשען"... און ער דערמאָנט זיך, וואָס שלמה המלך זאָגט אין קהלת: ומותר האָדם מן הבהמה אָין — קיין חילוק ניט פאַרהאַן צווישען אַ מענטשען און אַ בהמה... „אויב ס'איז קיין חילוק ניט פאַרהאַן, פאַר וואָס זשע איז ער אַ הונט און איך אַ מענטש?"... — אזוי טראַכט ער זיך און ער קוקט מיט רחמנות און, צו גלייכער צייט, מיט דרך־ארץ אויפ'ן הונט, און דער הונט — אויף איהם, ווי זיינער אַ גלייכען. אַ הונט אַ חבר! אַ טייערער, אַ געטרייער חבר — סירקאָ!...

קונציג, אַז מע זאָל גאָרניט פיהלען. די אָפּעראַציע איז ניט אַזאַ מסוכנ׳ע, נאָר שטאַרק אָנגענעם איז דאָס אויך ניט, אַז אַ גוי קריכט צו אייך מיט די נעגעל אין מויל אַריין און זוכט ביי אייך „בלויע הינטעלעך״ אונטער דער צונג...

דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געגעבען צו די הינט פון שטאָדט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט, גאָט ווייסט פון וואַנען, צוויי קאַצאַפּעס, הינטשלעגערס, אָנגעוואָפּענט מיט גראָבע שטריק און מיט אייזערנע קרוקעס, און די קאַצאַפּעס האָבען זיך אַ נעם געגעבען צו דער אַרבייט. אין איין טאָג האָבען די דאָזיגע תּלינים אַוועקגעלעגט אַ פּאָר צעהנדליג הינט. אויפ׳ן קוק האָבען זיי אייך געקאָנט אָפּ־שאַצען, וועלכער הונט ס׳איז משוגע און וועלכער ניט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטען, אשטייגער, אַז דער גורל וועט פאַלען אויך אויף דעם גוטען, קלוגען, סטאַטעטשנעם סירקאָ?

אַ סברה, אַז די קאַצאַפּעס האָבען באַקומען פון דער שטאָדט זייער לוין נאָכ׳ן צאָהל פון די אויסגע׳הרג׳עטע הינט, און וויבאַלד אַזוי, איז גאַנץ מעגליך, אַז ס׳זענען געוועזען נעבאַך אַ סך אומ־שולדיגע קרבנות — און סירקאָ איינער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זענען די קינדער געוואוירע געוואָרען שוין לאחר המעשה, קומענדיג פון חדר אהיים — און זיי האָבען אויפ־געהויבען אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין שטוב: „סטייטש, סירקאָ!... סטייטש, ווי האָט מען עס דערלאָזט אַזאַ מעשה!״...

פאַרשטעהט זיך, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ קאָנטער־רעוואָלוציע: „חדר־יונגלעך זאָלען האָבען אַ השגה אין זינען האָבען הינט!״... און מע האָט זיי מכבד געווען מיט רעכטע פּעטש, און אויף צו פאַרבייסען האָט מען זיי צוגעשטעלט אַ בענ־קעלע פאַר׳ן רבין, געבעטען, ער זאָל ניט זשאַלעווען קיין שמיץ. און דער רבי האָט צוליעב געטהאָן — ניט געזשאַלעוועט קייז שמיץ... אוי, שמיץ!...

שטעלען זיך, וואָס וועט זיין, אז סירקאָ וועט ניט זיין. וואָס הייסט, ער וועט ניט זיין? ווי איז דאָס מעגליך? סירקאָ איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אוועקפאָהרען און פארגעסען דעם זיי־געזונט?... וויפיעל מאָל האָבען גויים געפרובט פארנארען סירקאָן צו זיך אין דאָרף אריין, — איז ער דען נישט געקומען צו לויפען אויף מאָרגען אַ פארסאפּעטער מיט איין ארויסגעשטעלטער צונג און געוואָרפען זיך און געקאטשעט זיך און געשפּרונגען צו זיין האר אויפ'ן האלז און געקוויטשעט און געלעקט איהם דעם קאָלנער, און מע וואָלט געמעגט שווערען, אז טרערען זענען איהם געשטאנען אין די אויגען!

און דאָך... און דאָך איז געקומען דער טאָג, יענער פינסטערער וויסטער טאָג, וואָס דער גוטער געטרייער סירקאָ איז אוועק, אוועק אויף תּמיד, אויף אייביג, און אזוי אומגערעכט אוועק, אזוי מיאוס־פארדראָסיג, אזוי מורא'דיג־טראַגיש!

זומער האָט זיך געטראָפען די דאָזיגע טרויעריגע געשיכטע, אים סאמע תּמוז. דאָס איז געווען אַ זומער פון שרעקליכע היצען, אָהן אַ טראָפּען רעגען — מענטשען זענען ממש אויסגעגאנגען פון היץ. און דאָס ווייסט איהר דאָך, אז אין די גרויסע היצען זענען דִי הינט מסוכּן — זיי ווערען משוגע.

איז ארויס אַ קלאנג אין שטעדטעל, אז אַ הונט איז משוגע געוואָרען און האָט צעביסען נאָך עטליכע הינט, מע ווייסט ניט וועלכע. איז געפאלען אַ פּחד אויף די שטאָדט־לייט, און מע האָט זיך גענומען קודם צום פארזיכערונגס־מיטעל אויף צו פארהיטען קליינע קינדער, טאָמער איז עמיצער חלילה צעביסען געוואָרען פון אַ משוגע'נעם הונט.

דאָס דאָזיגע מיטעל איז באשטאנען אין דעם, וואָס מע האָט אלע קינדער אָפּגעשיקט צום אלטען טראָפּים, אַ גוי אַ זנאכאר, וואָס האָט שארפע נעגעל און מיט זיינע שארפע נעגעל קאָן ער „אראָפּנעמען בלויע הינטעלעך" פון אונטער דער צונג, און אזוי

12

דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע

עוזר דער קארנאסער — א מסור. — א סך אפיטרופסים. — די באבע מינדי'ס שבת־אויבסט. — מוסר־זאגער און מאראל־פרעדיגער.

טאמער וואלט א יונגעל פארגעסען, אז ער האט געהאט א הונט פאר א חבר, האט מען איהם דערמאנט אויף יעדען טריט און שריט: „סירקא האט דיר געלאזט געריסען"... און ביי אזא געלעגענהייט האט מען איהם שוין דערוויייל אריינגעזאגט א ביסעל מוסר — ער זאל האבען צו געדענקען אויף ווייטער. דאס מוסר־זאגען איז פאר איהם געווען א סך ערגער פון פעטש. ניט אומזיסט זאגט מען ביי אונז א שפריכווארט: „א פאטש פאר־געהט, א ווארט באשטעהט". ובפרט, אז דא איז געווען ביידע זאכען: אי פעטש, אי ווערטער. און ווערטער זענען געגאנגען פון אלע זייטען. ווער ס'האט געהאט גאט אין הארצען, דער האט געשטראפט, און דוקא מיט גוטע רעד. דאכט זיך, וואס געהער זיך אן א איד א שמש צו א נגיד'ס א יונגעל, בעת ער דאוועגט? און וואס איז זיין עסק, אשטייגער, וואס א נגיד'ס א יונגעל קוקט דורכ'ן פענסטער ארויס אקוראט בעת שמונה־עשרה? און א נגיד'ס א יונגעל, מיינט איהר, קוקט אומזיסט דורכ'ן פענסטער? ס'מעג זיך טאקי זיין שמונה־עשרה, ס'איז אבער פארט העכסט־אינטערעסאנט צו זעהען א זעלטענע סצענע, וואס ס'איז כדאי אנצוקוקען און זיך א מוסר אראפנעמען, ווי אזוי א הונט יאגט

נאָר דאָס אַלסדינג איז געווען גאָרנישט אַקעגען דעם, וואָס סירקאָ איז נעבאַך אומגעקומען אומזיסט־אומנישט!

מעהר פון אַלע איז געווען דערשלאָגען סירקאָ׳ס ליעבלינג — דער מחבר פון די דאָזיגע מעמוארען. דער האָט עטליכע טעג דורכאַנאַנד ניט געגעסען, עטליכע נעכט ניט געשלאָפען, געקאַטשעט זיך אויף אַלע זייטען, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, נישט געקאָנט מוחל זיין די שלעכטע בייזע מענטשען, וואָס האָבען ניט אין זיך קיין קאָפּ רחמנות, קיין צער בעלי־חיים, קיין טראָפּען יושר — און ער האָט שטאַרק־שטאַרק נאָכגעדענקט נאָך דעם, וואָס איז אַ הונט און וואָס איז אַ מענטש, להבדיל?... פאַר וואָס איז אַ הונט אַזוי געטריי צו אַ מענטשען, און פאַר וואָס איז אַ מענטש אַ תּלין?... און עס קומט איהם אויפ׳ן זינען סירקאָ מיט די קלוגע גוטע אויגען, און ער פאַלט־צו מיט׳ן פּנים צו דער קישען און באַנעצט זי מיט ביטערע, ביטערע טרערען.

צושטעלען אַ בענקעלע — דאָס איז ניט נאָר אַ מצוה, דאָס איז אַ חוב, וואָס יעדער איד איז מחויב צו טהון, וואָרום יעדער איד האָט קינדער און קיינער קאָן נישט ערב זיין, וואָס פון זיינע קינדער קאָן אמאָל אויסוואַקסען. באַדאַרף מען זיי גוט נאָכקוקען און העלפען האָטש מיט'ן מויל, אויב מע קאָן נישט מיט די הענט. דעריבער האָבען די קינדער געהאַט אַ סך מדריכים און אַפּיטרופּסים און אָנגעהערט זיך אַזוי פיעל מוסר, שטראָף־רעד און מאָראַל, אַז ס'האָט שטענדיג געזשומעט אין די אויהערען: „זשו ־ זשו ־ זשו — דאָס זאָלסט דו נישט טהון!" „זשו ־ זשו ־ זשו — דאָ זאָלסט דו נישט שטעהן!" „זשו ־ זשו ־ זשו — אהין זאָלסט דו נישט געהן!" אַלע האָבען געזשוזשוקעט: טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, דער רבי, די דיענסטמויד, די פעטערס, די מוהמעס, די באָבע, און איבערהויפּט די באָבע מינדי, וואָס פאַרדיענט דערמאָנט צו ווערען מיט אַ פּאָר ווערטער.

די באָבע מינדי — דאָס איז געווען אַ אידינע אַ הויכע און אַ טשעפּקע, איין אָפּגעפּוצטע און אַ פרומע מיט סכנת־נפשות! איהר עובדה איז געווען — אכטונג צו געבען אויף די קינדער און אויף זייער אידישקייט: אויסגלעטען די איניקלעך די פּאות מיט באַשפּייטע פינגער, אָפּרייניגען און אויסגלייכען די מלבושימ'־לעך, זיך צוהערען ווי זיי דאַווענען, בענטשען און לייענען קריאת־שמע פאַר'ן שלאָפען געהן. דערפאַר האָבען אַלע איניקלעך געמוזט קומען צו איהר שבת בייטאָג זאָגען דער באָבען אַ גוט־שבת, זיך אויסזעצען, ווי די סטאַטקעס, ביי דער וואַנט און זיצען און וואַרטען, ביז זי וועט געבען „שבת־אויבסט". געגעבען האָט זי דעם „שבת־אויבסט" עפּיס ניט אַזוי ביד רחבה, נאָר דערפאַר אויף ריינע גלאַנצענדיגע שעלעכלעך: איין עפּעלע, אַ פּערשקע, אַ באָקסער, אַ פייג, אָדער דריי־פיער איינגעדאַרטע ראָזינקעס, און מוסר האָט זי דערביי געזאָגט אָהן אַ שיעור! דער מוסר איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מע באַדאַרף פאָלגען טאַטע־מאַמע און

זיך נאָך אַ קאַץ. די קאַץ האָט זיך אָנגעבלאָזען און לויפט פייל אויס׳ן בויגען — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ אויפ׳ן פּארקאַן — ז׳ער הונט נאָך איהר. די קאַץ אַראָפּ פונ׳ם פּארקאַן — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ צום רינשטאָק — דער הונט נאָך איהר. די קאַץ דורכ׳ן רינשטאָק אויפ׳ן דאַך — דער הונט אַ מכה! בלייבט ער שטעהן, דער כלב שבכלבים, ווי אַ נאַר, און באַלעקט זיך און טראַכט זיך, אַפּנים: „וואָס האָב איך, הונט, נאָכצולויפען נאָך אַ קאַץ, וועלכע איז גאָרנישט מיין שטאַט, און וואָס האָב איך צו טהון אויפ׳ן דאַך?"...

— אָט אַזוי שטעהט אַ יונגעלע שמונה־עשרה? — זאָגט מלך דער שמש און דערלאַנגט איבער׳ן האַלז־און־נאַקען. — וואַרט, שייגעץ, איך וועל שוין דערצעהלען דיין טאַטען!...

אָדער, אַשטייגער, וואָס געהט עס אָן עוזר דעם קאַרנאָסען בעדער (אַמאָל איז עוזר געווען אַ שוסטער, אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אויסגעמאַטערט און האָט זיך באַשטעלט פאַר אַ בעדער), וואָס נחום וועוויק׳ס יונגלעך גליטשען זיך באַרג־אַראָפּ אויפ׳ן געזעס און רייבען־אויס די הויזען? האָט דאָס עוזר דער קאַרנאָסער בעדער באַדאַרפט דערזעהען פון באָד אַרויס און האָט זיך עס אַ ביסעל צעלאָזט אויף זיין פאָנפעוואַטע כלי:

— ממזרים! הולפּייעס! אַ רוח אין אייער פאָפּער און מופער אַריין! איהר נעמט נייע הויזען און מאַכט אַ פּעל, עובר אויף בל פשחית! אָט לויף איך אַוועק צו אייך אין חפר אַריין און שפעל אייך צו אַ פּענקעלע!"

פאַר די, וואָס פאַרשטעהען ניט פאָנפאַטש־לשון, מוז מען דאָס איבערזעצען: „ממזרים, הולטייעס, אַ רוח אין אייער פאָטער און מוטער אַריין! איהר נעמט נייע הויזען און מאַכט אַ תּל, עובר אויף בל תּשחית! אָט לויף איך אַוועק צו אייך אין חדר אַריין און שטעל אייך צו אַ בענקעלע!"...

נעץ אריין — און קוים האָט ער שוין אריינגעחאַפּט, איז מען שוין בּמילא נאָכגעגאַנגען איהם, ווי אַ קעלבּעל, און געטהאָן אַלסדינג, וואָס דער יצר־הרע האָט געהייסען טהון. און דער יצר־הרע האָט שוין אַזאַ גליק, אַז איהם פאָלגט מען אַ סך מעהר, ווי דעם יצר־טוב. עס העלפט נישט קיין שום מוסר־זאָגען מיט קיין שום מאָראַל פּרעדיגען. אדרבּה — וואָס מעהר דער יצר־טוב פלייסט זיך, אַלץ שטאַרקער אַרבּייט דער יצר־הרע. איך האָבּ מורא אַרויסצורעדען, נאָר מיר שיינט, אַז ס׳זאָל ניט זיין קיין יצר־טוב, וואָלט דער יצר־הרע נישט געהאַט וואָס צו טהון...

גוטע־פֿרומע לייט, און אַז מע באַדאַרף זיין אידען, און אַז גאָט וועט שטראָפֿען פֿאַר איטליכם ברעקעלע — פֿאַר ניט דאַוונען, פֿאַר ניט פֿאָלגען, פֿאַר ניט לערנען, פֿאַר שטיפֿען, און אפֿילו פֿאַר אַ שלעכטע מחשבה, און אפֿילו פֿאַר אַ פֿלעק אויף דער קאַפּאָטע, — אַזוי, אַז ס׳איז כּמעט נישט איינגעגאַנגען דאָס עפּעלע, די פֿערשקע, דער באָקסער, די פֿייג, אָדער די דריי־פֿיער איינגעדאַרטע ראָזינקעס.

נאָר וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט געהאַט דער באַבע׳ס מוסר אַקעגען יענעם קוואַל פֿון מוסר, וואָס דער רבי האָט נאָכדעם אויסגעגאָסען פֿאַר זיינע תּלמידים טאַקי דעם זעלבען שבת בייטאָג פֿאַר מנחה דאַוונען? טייכען טרערען האָט ער ארויסגעצויגען פֿון אַלעמענ׳ס אויגען — אַזוי שאַרף און בולט האָט ער אויסגעמאָהלט דעם יצר־טוב מיט׳ן יצר־הרע, דעם גן־עדן מיט׳ן גיהנום, מיט׳ן מלאך־הדומה, מיט׳ן ווארפֿען כּף־הקלע פֿון איין עק וועלט ביז׳ן אַנדערען! מילי־מיליאַסען שדים, רוחות און ניטגוטע האָט ער אויסגעשפּרייט פֿאַר די תּלמידימ׳ס פּים, געזעהען זיי ביי איטליכען אונטער די נעגעל, געוועזן זיכער, אַז יעדער איינציגער איז אַ יורש־גיהנום, וואָרום טאָמער האָט זיך אפֿילו געפֿונען איינער אַזעלכער, וואָס האָט ניט געזינדיגט, וואָס האָט געדאַווענט און געלערענט און געטהאָן אַלסדינג, וואָס דער יצר־טוב הייסט צו טהון, האָט ער דאָך געפֿאָלגט דעם יצר־הרע און געזינדיגט במחשבה. און אויב ניט במחשבה, האָט ער אין שלאָף, אין חלום עפּיס מהרהר געוועזן וועגען אַ זאַך, וואָס מע טאָר ניט...

הכּלל, ס׳איז נישט געוועזן זיך אויסצובאַהאַלטען פֿונ׳ם מזיק, פֿונ׳ם יצר־הרע, אין ערגיץ, סיידען לעג זיך אַוועק און שטאַרב! און דאָ, אויף צו־להכעיס, ווילט זיך דווקא אַ לעב טהון, און דווקא אַ שטיף טהון, און דווקא לאַכען, און דווקא נאַשען, און דווקא אָפּ־האַפּען דאָס דאַוונען, און דווקא טראַכטען פֿון דעם, וואָס מע טאָר ניט... דאָס איז שוין געוועזן דעם יצר־הרע׳ס אַרבייט, וואָס האָט געהאַט גענוג שליחים אויף אַריינצוחאַפּען דעם אומשולדיגען אין

און איינצוהיטען זיך פון זיי! אַט האָט איהר ביי איינער ארויס־געטרייסעלט פון ארבעל א פעטשיילע, אָדער א סטענגעלע, און אַט האָט שוין די אנדערע גויע אוועקגע׳לקח׳ענט אונטער דער נאָז א חלב׳ען ליכטעל, אָדער א באָקסער. וואָס טהוט מען? איז די מאַמע, חיה־אסתר נחום וועוויק׳ס, געפאַלען אויף איין עצה: אוועקגעשטעלט איהרע יונגלעך אין קלייט, זיי זאָלען אכטונג געבען, מע זאָל ניט גנב׳ענען — און חברה האָבען איהר גוט און געטריי אכטונג געגעבען: א חוץ וואָס מע האָט אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט באָקסערען, מיט טיטון, מיט ניסלעך און מיט טרוקענע פלאָמען, האָט מען זיך נאָך צוגעחאַפּט צום גרינעם קעסטעלע, וואו דער „פדיון״ איז געלעגען, און אקוראַט בעת די מאַמע האָט זיך פאַררעדט מיט א קונה׳טע, האָט מען אריינגערוקט אין קעשענע א פּאָר מזומנ׳ע מטבעות, הארטע זעכסערלעך, און מען איז אוועק מיט זיי דערנאָך אין חדר און דאָרט פאַרנאַשט אויף בלינעס, קאָרזשעס, מאָהנעלעך, ארבעסלעך און סעמעטשקעס, אָדער — גאָר פאַרשפּיעלט אין קאָרטען.

שפּיעלען אין קאָרטען איז געווען א מין חולאת, איין עפּידעמיע אין אַלע אידישע חדרים, וואָס גענומען האָט זיך עס פון חנוכה און איז פאַרבליבען אויפ׳ן גאַנצען ווינטער. עס איז באַוואוסט, אז חנוכה איז א מצוה צו שפּיעלען. ווער סע שפּיעלט אין דריידעל, און ווער סע שפּיעלט אין קאָרטען. אמת, מיר מיינען נישט חלילה קאָרטען ממש, אָפּגעדרוקטע קאָרטען; מיר רעדען דאָ פון געמאַכטע, פון אידישע קאָרטען, פון „למ״ד־אל״ף־קאָרטען״. נאָר ס׳איז אַלץ איינס. דער אייגענער יצר־הרע מיט׳ן אייגענעם אזאַרט. געקומען חנוכה, האָט דער רבי אליין נישט נאָר געהייסען שפּיעלען — ער האָט אויך גענומען אָנטייל אינ׳ם שפּיעלען און איז, אדרבה, פאַרקעהרט, געווען גאַנץ צופריעדען אָפּגעווינען ביי זיינע תלמידים דאָס גאַנצע חנוכה־געלט. און פאַר־שפּיעלען דעם רבין דאָס חנוכה־געלט איז געווען א פאַרגעניגען און א כבוד און א פרייד. יעדענפאַלס — בעסער צו פאַרשפּיעלען

13

גנבה, קאָרטענשפּיעל און אַנדערע עבירות

די קינדער העלפען דער מאמע אויפ'ן יאריד. — קארטען לכבוד חנוכה. — בערעל דער אלמנה'ס לעהרענט גנבה'נען. — א יונג איין אויסוואורף.

מיט נחום וועוויק'ס קינדער האָט זיך דער יצר־הרע באַגאַנגען, ווי א מערדער. לא די וואָס די קונדסים האָבען פארקנייטשט דאָס דאַוונען, העכער האַלב איבערגעהיפּערט און געזאָגט דער באַבען א גרויסען ליגען, אז זיי האָבען אויסער'ן דאַוונען נאָך געזאָגט עטליכע קאַפּיטלעך תהלים, — האָבען זיי נאָך פשוט אויסגע־לערענט זיך גנב'ענען, נאַשען, קאָרטען־שפּיעלען און נאָך אנדערע עבירות... פארשטעהט זיך, אז דאָס אלסדינג איז געגאַנגען בהדרגה, איינס האָט מיטגעשלעפּט דאָס אנדערע, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: עבירה גוררת עבירה... און געגאַנגען איז דאָס אָט ווי אזוי:

איך האָב אייך שוין, דאכט זיך, געזאָגט אויבען, אז די וואָראָנקאָווער אידען האָבען געלעבט פון'ם גוי, און איבערהויפּט פון די גרויסע יארידים, וואָס האָבען געהייסען מיט'ן נאָמען „קראַסנע טאָרגעס". אויף די דאָזיגע יארידים האָבען אידען ארויסגעקוקט, האָבען זיך געטומעלט, געמאַכט געשעפטען, געלייזט געלט, און גויים האָבען געטהאָן זייערס — זיי האָבען גע'גנב'עט, און איבערהויפּט די גויעס. ס'איז גאָר ניט געווען אויסצושטעהן

די פראגע איז נאָר געווען: ווען און וואו? און ווי אזוי שפּיעלט מען, אז דער רבי זאָל ניט געוואוירע ווערען? דער־פאר האָבען שוין געזאָרגט די חברים פון דער עלטערער כּתּה: אזעלכע יונגלעך, ווי אלי קיילע'ס, א חתן־בּחור, א געלער, מיט א זילבּערנעם זייגער, און בּערעל דער אלמנה'ס, גלאַט א בּחור מיט גראָבּע ליפּען און מיט מאָדנע געזונטע ציינער, וואָס קאָנען בּרעכען אייזען. עס האָט שוין דעמאָלט זיך געשיט איהם א בּערדעל — און ער אליין איז שולדיג אין דעם: ווייל ער רויכערט ציגייערען. אזוי האָט בּערעל אליין געזאָגט אויף זיך. „א סימן האָט איהר, — האָט ער גע'טענה'ט — אָט הויבּט איהר אָן צו רויכערען ציגייערען, וועט זיך בּיי אייך אויך אָנהויבּען אויסשיטען בּערדלעך"... און ער האָט אויסגעלעהרענט אויף א טשיקאַוועסט א סך חברים „רויכערען ציגייערען". און ניט נאָר רויכערען האָט ער זיי אויס־געלעהרענט — ער האָט זיי בּאַוויזען א וועג, ווי אזוי מע קריגט דעם מאַטעריאַל אויף צו רויכערען... דאָס הייסט, בּעסער גע־זאָגט — ער האָט זיי אויסגעלעהרענט גנבה'נען. פאַרשטעהט זיך, אז פאַר זיין אויסלעהרנען האָט בּערעל בּאַקומען בּאַצאָהלט — טאַקי מיט „טיטון" און מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיער.

און בּערעל האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם: דער, וואָס האָט איהם געפּאָלגט און געבּראַכט טיטון מיט פּאַפּיראָס־פּאַפּיער — דער איז געווען א וואויל יונגעל, א חבר. און ווער ס'האָט מורא געהאַט, אָדער נישט געקאָנט גנבה'נען — דער האָט בּיי איהם געהייסען „א קוואַטש און א לעמעשקע" און איז ארויס פון חבר'־שאַפט, און אז ס'איז איהם אָפּגעגאָלטען, האָט ער נאָך געחאַפּט געשלאָגען אויך, טאַקי פון איהם אליין, פון בּערלען הייסט עס. פאַרקריגען זיך אויף בּערלען אָדער בּאַקלאָגען זיך אויף איהם — איז געווען אוממעגליך, וואָרום דאָס וואָלט געהייסען ארויסגעגעבּען זיך אליין — און דערויף זענען געווען ווינציג העלדען. דעריבּער האָט מען געטהאָן אלסדינג, וואָס בּערעל דער אלמנה'ס האָט גע־הייסען, און מען איז געזונקען מיט איהם וואָס ווייטער אלץ

דעם רבין דאָס חנוכּה־געלט, איידער זיין פון רבין אַ געשמיסענער — דאָס וועט, דאַכט מיר, צוגעבּן יעדער פאַרשטענדיגער מענטש...

דערפאַר אָבער, אַז ס'איז אַוועק חנוכּה, איז געווען אויס יום־טוב און אויס קאָרטען! דאָס הייסט, דער רבּי האָט אָנגעזאָגט מיט'ן הארבּען וואָרט: הזהר והשמר — טאָמער וועט מען זיך דערוועגן עמיצער צוריהרען זיך צו אַ קאָרט, אָדער אפילו רעדען פון קאָרטען, אָדער טראַכטען וועגען קאָרטען, איז אחת דתו להמית — איז ער אַ געשמיסענער!...

אפּנים, אַז דער רבּי איז אַליין געווען אַמאָל אַ רעכטער קונדס און האָט ליעב געהאַט אַ קערטעל נישט נאָר לכבוד חנוכּה. וואָרום אַז ניט, פון וואַנען נעמט זיך צו איהם גאָר דער דאָזיגער געדאַנק?... ווי אַזוי די מעשה איז, נאָר זיינע תּלמידים האָבען דעם גאַנצען ווינטער נאָך חנוכּה געשפּיעלט אין קאָרטען מיט אַ סך מעהר היץ און מיט נאָך אַ גרעסערען אַזאַרט, ווי חנוכּה. מע האָט פאַר־שפּיעלט די אָנבּייסענס מיט די מיטאָגס, מע האָט פאַרשפּיעלט וואו ווער ס'האָט געהאַט אַ מזומנ'עם גראָשען, און אַז ס'איז ניט געווען קיין געלט און שפּיעלען האָט זיך געוואָלט, האָט מען גע־זוכט כּל־ערליי וועגען אויף צו קריגען געלט. ווער עס האָט זיך דערגריבּעלט צו רבּ־מאיר־בעל־נס־פּושקע און דורך אַ שטרויעלע מיט וואַכּס אַרויסגעקריגען פון דאָרטען איינציגווייז די פּאַרוויינטע גראָשענס, וואָס די מאַמע האָט אַהין אַריינגעוואָרפען אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט פאַר ליכט־בּענטשען. ווער עס האָט זיך איין עצה געגעבּן, דורך אַ שליחות אין מאַרק, עפּיס אַראָפּחאַפּען אַ פּאָר גראָשענס „קאָמיסיע”. און ווער עס האָט זיך פּשוט דעביוועט צום טאַטענ'ס בּייטעלע, אָדער צו דער מאַמע'ס קעשענע, בּיי דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפען, און אויסגעטרייסעלט פון דאָרט וויפיעל עס האָט זיך געלאָזט. און דאָס אַלסדינג איז געטהאָן געוואָרען מיט די גרעסטע פּחדים און מיט דער גרעסטער ריזיקע. און דאָס אַלסדינג איז אַוועק אויף קאָרטען־שפּיעל אין למ"ד־אל"ף!

14

פייגעלע־אַשמדאי

שקצים ווערען בעלי־תשובה. — א רוח, ניט קיין מיידעל. — א מכשפה וואָס קיצעלט.

פון דעסטוועגען דארף מען ניט מיינען, אז דער יצר־הרע האָט אינגאנצען אויסגעפיהרט און אז דער יצר־טוב איז אלע מאָל געווען הינטערשטעליג. מע דארף נישט פארגעסען, אז ס'איז געווען א ראש־חודש אלול אויף דער וועלט, מיט תשובה־טעג, מיט א ראש־השנה־יום־כפור, און גלאט תפלות, תעניתים און סגופים, וואָס עהרליכע אידען האָבען צוגעטראכט. נישט קוקענדיג אויף די קליינע גנבה'לעך, אויף די קאָרטען און אויף די אנדערע יונגעלשע עבירות, קאָן מען זאָגען גאנץ זיכערליך, אז דער מיטעל־סטער פון די ברידער, שלום נחום ווענויק'ס, איז געווען באמת פרום, מורא געהאט פאר גאָט און געגעבען זיך ניט איין מאָל דאָס וואָרט, אז ער וועט עלטער ווערען, וועט ער זיך פארבעסערען און וועט, אם ירצה שם, זיין גוט און פרום, אזוי ווי די באבע מינדי האָט געהייסען, און אזוי ווי דער רבי האָט געהייסען, און אזוי ווי אלע גוטע־פרומע לייט הייסען.

אָפטמאָל האָט זיך געטראָפען, אז ער האָט געוויינט ביי'ם דאווענען, זיך געשלאָגען על־חטא און דערוויטערט זיך פון די עלטערע ברידער און פון אלע יענע חברים־שקצים, וואָס רעדען־אָן שלעכטס טהון. און איין אמת'ער בעל־תשובה'ניק איז ער

טיעפער און טיעפער אין אָפּגרונט אריין, און גאָט ווייסט, וואוהין חברה וואָלטען מיט איהם פארגאנגען, ווען בערעל דער אַלמנה'ס זאָל ניט געווען האָבען זיין וויסטען סוף פון זיך אליין אויף אזא מין אופן, וואָס קיינעם וואָלט דאָס גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפאלען און וואָס זיינע חברים פון חדר זענען נאָך געווען אזוי יונג און אומשולדיג, אז זיי האָבען נאָך רעכט ניט פארשטאנען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטהאָן. זיי ווייסען נאָר, אז ס'איז געווען א מעשה איינמאָל אין א פרייטאָג, האָט מען געחאפּט דעם בחור אויף יענער זייט באָד, וואו ער האָט ארויסגעקאלופּעט א שטיקעל גלאָז פון א טאפּלי און אריינגעקוקט מיט איין אויג אינווענינג אריין צו די ווייבער, ווי זיי באָדען זיך...

וועה־וועה, וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטהאָן אין שטעדטעל! זיין מאמע, די אַלמנה, האָט גע'חלש'ט, און איהם האָט מען אָפּגענומען פון חדר און ניט אריינגעלאָזט אין בית־מדרש אריין, און קיין יונגעל, אבי נאָר א טאטענ'ס א קינד, האָט ניט געוואגט מעהר צו באגעגענען זיך מיט דעם „מומר־להכעיס". אזוי האָט מען איהם נאָכדעם א נאָמען געגעבען. און בכדי צו פארענטפערען, אפנים, דעם דאָזיגען נאָמען, האָט זיך בערעל דער אַלמנה'ס אין א צייט ארום, זיין מאמע די אַלמנה האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט, אָפּגע'שמד'ט און פארפאלען געוואָרען.

בראַנפּען, און צום סוף — סטאָפּ! וואָס איז די מעשה? אידען האָבען זיך אוועקגעשטעלט מחדש זיין די לבנה. „מיר זענען טאַקי, גאָטעניו, גוט הונגעריג און גוט מיעד און גוט אויסגעמוטשעט, נאָר איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אָן — דיין לבנה וועלען מיר דיר מחדש זיין".

אך, ווי גוט ס׳איז צו זיין א איד, און א עהרליכבער איד, א בעל־תשובה!

איז אָבער דער יצר־הרע — ניט געדאכט זאָל ער ווערען! מישט זיך אריין דער שטן המקטרג און מאכט קאָלי אינגאנצען. דאָס מאָל האָט זיך דער שטן המקטרג באוויזען אינ׳ם געשטאלט פון א דאָרפיש מיידעל מיט געגרייזעלטע האָר און מיט גרינע אויגען. פון וואנען האָט זיך גענומען דאָס מיידעל — וועט איהר האָרכען.

אויף אלע ימים נוראים, אזוי איז געוועזען א מנהג פון קדמונים, האָבען זיך צונויפגעפאָהרען פון די ארומיגע דערפער אינ׳ם קליינעם שטעדטעל וואָראָנקאָ דאָרפס־אידען (ישוב׳ניקעס), אָדער „יום־טוב׳ניקעס", ווי זיי האָבען דאָרט געהייסען. יעדער בעל־הבית האָט זיך געהאט זיין יום־טוב׳ניק מיט זיין יום־טוב׳ניטשקע. נחום וועוויק׳ס יום־טוב׳ניק איז געוועזען א ווייטער קרוב מיט׳ן נאָמען „ליפשיץ דער הלובאָקער", א פרומער איד מיט א ברייטען שטערן, א שטערן פון א בעל־מח, חאָטש באמת איז ער געוועזען נישט אזא גרויסער חכם. און א ווייב האָט ער געהאט אויך א פרומע, וואָס האָט ליעב געהאט דאַוונען און שמעקען טאַבעקע. קיין קינדער האָבען זיי נישט געהאט, נאָר א דיענסטמיידעל, א יתומה און א ווייטע קרובה, און געהייסען האָט זי פייגעל. ביי די קונדסים האָט זי געהאט איין אנדער נאָמען — „פייגעלע־אשמדאי", דער־פאר, וואָס דאָס איז געוועזען א ברען, א רוח, ניט קיין מיידעל, געהאט אין זיך יונגעלשע גענג, ליעב געהאט שטיפען מיט יונגלעך, אז קיינער זאָל ניט זעהען, דערצעהלען זיי מעשיות און זינגען ליעדלעך, צום מיינסטען — גויישע.

געוואָרען, אז ס'איז געקומען די צייט פון תשובה־טעג, פון ימים נוראים.

זיין גוט און פרום איז בכלל זעהר זיס און אָנגענעם. נאָר װער עס האָט אמאָל געפּרובט זיין א בעל־תשובה'ניק — דער װעט מודה זיין, אז קיין בעסערע זאך קאָן שוין גאָר אויף דער װעלט ניט זיין. א בעל־תשובה איז א מענטש, װאָס בעט זיך איבער מיט גאָט, נעמט־איין דעם יצר־הרע און באהעפּט זיך מיט דער שכינה. באַרעכענט נאָר: װאָס קאָן זיין בעסער פון דעם, אז מע בעט זיך איבער? און װאָס קאָן זיין זיסער פון נצחון? און װאָס קאָן זיין ליעבער פון דער שכינה? א בעל־תשובה פיהלט זיך גאַנץ, און שטאַרק, און ריין, און פריש, און ניי־געבוירען, און קאָן קוקען איטליכען גלייך אין די אויגען אריין. ס'איז גוט, אויסגעצייכענט גוט צו זיין א בעל־תשובה!

שוין אז דער חודש אלול איז אריינגעטראָטען און עס האָט זיך געלאָזט הערען דער ערשטער בלאָז פונ'ם שופר, האָט זיך דעם העלד פון דער דאָזיגער אויטאָביאָגראַפיע אויסגעוויזען, אז ער זעהט ליגען דעם יצר־הרע א געבונדענעם, זיך װאַלגערען אויף דער ערד און זיך בעטען רחמים, מע זאָל איהם אזוי שטאַרק ניט טרעטען מיט די פיס. און װער שמועסט ראש־השנה! און װער שמועסט יום־כּפּור! דאָס ליידען פונ'ם שװערען תענית, דאָס הונגעריג־זיין און דאָס װעלען א טרונק ביז צום שטאַרבען און איינהאַלטען זיך גלייך מיט אַלע גרויסע — דאָס אַלץ האָט אין זיך אזוי פיעל זיסקייט, אזוי פיעל רייץ און שענקייט, אז דאָס קאָן אָפּשאַצען נאָר דער, װאָס איז אליין א פרומער אָדער געװען אמאָל פרום. װאָס פאַר א פאַרגעניגען קאָן זיך פאַרגלייכען מיט יענעם פאַרגעניגען, װען מע געהט־ארויס איין אויסגעהונגערטער און איין אויסגעמאַ־טערטער מוצאי יום־כּפּור פון בית־המדרש, איין אָפּגערייניגטער פון אַלע זינד און מיט איין אויסגעלייטערטער נשמה, מע רעכענט צו געהן אהיים גיכער אָפּפּאַסטען זיך און מע פיהלט שוין דעם טעם גן־עדן פונ'ם קאָרענעם לעקאך, איינגעטונקען אין שטאַרקען

דאָזיגע מכשפה האָט זיי ניט נאָר בייגעקומען אַלעמען, נאָר זי האָט זיי יעדען איינציגווייז אַרומגענומען, צוגעקוועטשט צום האַרצען און געקושט, געקושט גלייך אין די ליפּען אַריין!...

אַ גליק, וואָס דאָס איז געווען פאַר הושענא־רבה, איידער דאָס קוויטעל איז נאָך אָפּגע׳חתמ׳עט, און מע קאָן נאָך אויסבעטען בײַ׳ם רבונו־של־עולם, ער זאָל דאָס דאָזיגע נײַשטווילענדיגע קושען זיך מיט אַ נקבה נישט פאַררעכענען פאַר אַ צו גרויסע עבירה, ווײַרום גאָט איז איין עדות, אַז דאָס איז געווען ניט במזיד, נאָר בשוגג...

פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די פייגעלע־אַשמדאַי? וואָס פאַר אַ באַשעפעניש איז דאָס געווען: אַ רוח? אַ שד? אַ גלגול? אָדער דער שטן המקטרג האָט זיך פאַרשטעלט אינ׳ם געשטאַלט פון אַ נקבה, בכדי צו ברענגען אומשולדיגע קינדער צו אַזאַ עבירה — זיך קושען קעגען זייער אייגענעם רצון מיט אַ מיידעל?...

איינמאָל — ס'איז געווען חול־המועד סוכּות, אַ וואַרעמע, אַ ליכטיגע נאַכט — האָט זי זיך צוגע'גנבה'ט צום געלעגער, וואו די יונגלעך זענען געשלאָפן (צוליעב די יום־טוב'ניקעס די קרובים האָט מען די קינדער אויסגעלעגט שלאָפן אין הויף, אויף דער ערד), און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ האַלב־נאַקעטע, גענומען זיך צע־פלעכטען די האָר און בעת מעשה דערצעהלען מאָדנע מעשיות. דאָס זענען ניט געווען די מעשיות, וואָס שלום'ס חבר, שמואליק דעם רב'ס, פלעגט דערצעהלען. דאָס זענען געווען מעשיות פון שדים, רוחות און לצים, וואָס טהוען־אָפּ שפּיצלעך אַלערליי: קעהרען־איבער די מלבושים אויף דער לינקער זייט, שטעלען־איבער דאָס מעבעל, בלעטערען־איבער די ספרים, ברעכען דאָס געפעס, שלעפּען־אַרוים די טעפּלעך פונ'ם אויווען, און נאָך אַזעלכע מעשים אשר לא יעשו. און פון מכשפים האָט זי גענומען דערצעהלען, פון מכשפים און מכשפות, ווי אַזוי אַ מכשפה, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי פאַרמוטשען הונדערט מענטשען נאָר מיט איהר קיצלען אַליין...

— קיצלען? וואָס הייסט דאָס: מיט איהר קיצלען?

— קיצלען ווייסט איהר ניט וואָס הייסט? אָט וועל איך אייך ווייזען, ווי אַזוי אַ מכשפה קיצעלט.

און פייגעלע־אשמדאי האָט זיך אַ לאָז געגעבען מיט די צע־פּאַטעלטע האָר, באַווייזען, ווי אַזוי אַ מכשפה קיצעלט. פריהער האָבען די יונגלעך געלאַכט; דערנאָך האָבען זיי גענומען זיך אָפּ־שלאָגען פון איהר, זיך באָרען. חברה האָבען זיך רעכט איינגע־פלאָנטעט איהר אין די צעפּאַטעלטע האָר, איהר איינגעטיילט קלעפּ מיט קולעקעס, מיט בוכענצים, ווי גאָט האָט געבאָטען. פייגעלע האָט זיך כּלומרשט באַשיצט, נאָר ס'איז געווען צו זעהען, אַז די קלעפּ זענען איהר איינגענעמען... זי האָט צוגענומען די קלעפּ און געוואָלט נאָך... דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט. די אויגען (העל־גרינע אויגען, ווי ביי אַ קאַץ) האָבען געגלאַנצט. אקעגען דער שיין פון דער לבנה האָט זי אויסגעזעהען, ווי איין אמת'ע מכשפה! נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די

פרעגען איין עצה, וואָס טהוט מען? צי זאָל ער מעלדען אין סטאַן? צי זאָל ער פאָהרען קיין טאַלנע צום רבין? צי זאָל ער זיך גאָר ארויסקלויבען פון הלובאָקע?

אויסגעהערט די מעשה, האָט איהם נחום וועוויק'ס מעהר ניט אַ פרעג געטהאָן: „און וואו שלאָפט דאָס דיענסטמיידעל? און ווי אזוי איז זי מיט דער בעל־הבית'טע?"... ליפשיץ האָט זיך אזש געפונען באַלעדיגט: ערשטענס, איז פייגעל זייערע איין אָרעמע קרובה, וואָס זיין ווייב וויל זי חתונה מאכען, געבען נדן, און ס'איז איהר ביי זיי גוט, ווי די וועלט; און צווייטענס, שלאָפט זי ווי אַ גע'הרג'עטע ערגיץ ווייס איך וואו, אין קיך, ביי דער פאַר־שלאָסענער טיר!

— האָט זי ניט עפּיס באַקאַנטע אין דאָרף?... — האָט איהם נחום ווייעדער אַ פרעג געגעבען, און ליפשיץ איז שוין גאָר אין כעס געוואָרען און צעשריגען זיך:

— פון וואַנען האָבען זיך גענומען צו איהר באַקאַנטע אין אַ דאָרף פון סאַמע גוֹיים? צי אפשר מיינסט דו, אַז דער לץ דאָס איז פייגעל?...

— חס וחלילה! — האָט איהם נחום וועוויק'ס געענטפערט און גוט אויסגעלאַכט זיך פון זיין נאַרישען קרוב, געפּרובט איהם איבערציינען, אַז קיין לצים און קיין „דאָמאָוויקעס" זענען בכלל נישטאָ. ליפשיץ האָט אָבער נישט געוואָלט הערען אפילו. ער האָט געשוואָרען, ער זאָל אזוי דערלעבען הערען שופר של משיח, ווי ער האָט אליין געהערט ביינאכט אַ סאָפען פון אַ מין לעבעדיג באַשעפעניש, אַ קראַצען פון נעגעל, און אויף מאָרגען האָט מען געזעהען אין קיך עפּיס משונה־מאָדנע סימנים פון היהנערשע פיסלעך אויפ'ן אויסגעשאָטענעם זאמד, וואָס אויף דער ערד.

דערזעהען, מיט וועמען ער האָט צו טהון, האָט נחום וועוויק'ס אַ דרעה געגעבען, ווי מע זאָגט, דעם דישעל צוריק: עס קאָן זעהר זיין, אַז דער לץ איז אַ לץ. נאָר וואָס דען? ער וואָלט אַ בעלן

15

דער לץ

א „דאַמאָוויק", וואָס טהוט־אָפּ מעשים. — געחאַפּט דעם לץ. — מע מאַכט חתונה איין אויסגעלאַזענע מויד און זי ווערט אַ אשה צנועה.

ווער פייגעלע־אַשמדאַי איז געווען — האָט זיך גיך אַרויס־באַוויזען, און אויף אַזאַ וואונדערליכען אופן, אַז ס'איז כדאַי צו דערצעהלען.

דעם זעלבען ווינטער — אַרום חנוכּה איז דאָס געווען — קומט צו פאָהרען אָט דער ליפשיץ פון הלובאָקע מיט אַ נייעס, אַז ביי איהם אין שטוב האָט זיך פאַרנאַדעט אַ לץ, אַ „דאָמאָוויק", וואָס מאַכט איהם אומגליקליך!... תּחילת האָט דער „לץ" — אַזוי דערצעהלט ליפשיץ — געמאַכט פון זיי נאָר חוזק: אַלע נאַכט האָט ער איבערגעבלעטערט די גמרות, צעריסען די סידורים מיט די חומשים, איבערגעקעהרט די טעלער אין שאַפע, צעבראָכען די טעפּ, אַריינגעוואָרפען אין פּאָמעניצע דאָס תּפלין־זעקעל, דעם גע־מאָהלטען מזרח, און משה מאָנטעפיאָרען אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער וואַנט — און מע זאָל דאָס הערען, איהר זאָלט זאָגען, אפילו אַ שאָרך פון עמיצען! שפּעטער האָט דער לץ אָנגעהויבען אויס־לעדיגען און איבערקעהערען זיי אַלע קעשענעס, אַרויס'גנבה'נען דאָס קליינגעלט פון טישקעסטעל, צוגענומען און פאַרטאַכטאָרעט ערגיץ דעם ווייב'ס פּערעל — אַ ריינער אומגליק!... איז ער, הייסט עס, איצטער געקומען צו זיין קרוב, צום נחום וועוויק'ס,

דיבוקים, לצים און „דאַמאָוויקעס", מכשפים און נאָך אַזעלכע זאַכען — ווייס איך וואָס! דאָס האָבען שונאים אויסגעטראַכט און נאַראָנים גלויבען זיי!...

דערויף האָט זיי ליפשיץ געענטפערט בתמימות, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז דער לץ זאָל זיך אַ נעם טהון צו זיי היינטיגע נאַכט, זיי זאָלען וויסען, מיט וואָס מע עסט דאָס. און אָט אַזוי האָט מען דעם אָווענט פאַרבראַכט אַלץ אין אַזעלכע שמועסען, געהייסען דערלאַנגען וויין, און ביידע ברידער האָבען זיך געמאַכט כלומרשט, ווי מען איז שוין שכור׳ליך, און מע האָט זיך געלעגט שלאָפען, אויסגעלאָשען די ליכט, און די געסט האָבען זיך גיך געלאָזט הערען מיט אַ חראָפען, איינער העכער פונ׳ם אַנדערען — אַ גאַנצער קאָנצערט.

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געשריי, מיט אַ געשלעג, מיט מאָדנע קולות, אויף אידיש און אויף גוייש, אַזוי אַז די ליפשיצעס האָבען זיך אויפגעחאַפּט אין איין ציטערניש, אָנגעצונדען פייער, און פאַר זייערע אויגען האָט זיך באַוויזען אַזאַ מין בילד: ביי נחומ׳ען אין די הענט איז געלעגען פייגעלע־אַשמדאַי אַ געבונדענע און געריסען זיך מיט אַלע כחות, און ניסעל (געווען אַ איד אַ גבר) האָט זיך געראַנגעלט מיט חוועדאָר דעם וואָלאָסטנאָי שרייבער פון דאָרף, וואָס האָט איהם צעביסען און צעבלוטיגט די הענט, נאָר ניסעל האָט איהם געפּאַקט, געבונדען ווי אַ באַראַן — און אַז ס'איז געוואָרען טאָג, האָט מען זיי ביידען, פייגעל די מויד און חוועדאָר דעם שרייבער, אָפּגעפיהרט אין וואָלאָסט אריין. דאָרט האָט מען געשטעלט צוויי עמער בראָנפען, און מע איז געקומען צו אַזאַ מין ספּראַווע: אַזוי ווי חוועדאָר איז אַליין דער וואָלאָסטנאָי שרייבער, זאָל ער זיך מודה זיין און אָפּגעבען אַלסדינג, וואָס ער האָט דורך דער מויד ביי די ליפּשיצעס אָוועקגע׳לקח׳ענט, וועט מען איהם נאָר מקיים פסק זיין, דאָס הייסט, פון דער גרינג אָפּשמייסען, און מע וועט מאַכען אַ שוויג.

געווען זיין דערביי... אויב ער וויל, לאָז ער מיטנעמען איהם, נחומ׳ען, צו זיך אין דאָרף אריין — ער וויל אליין זעהען מיט זיינע אויגען... און וויבאלד אז שוין יאָ פאָהרען, זאָל שוין מיט־פאָהרען אויך זיין יונגערער ברודער, ניסעל וועוויק׳ס, אָדער ניסעל ראבינאָוויטש.

— מיין ניסעל — האָט נחום געגעבען צו פארשטעהן — איז א יונגערמאן א חוואט, א מענטש וואָס פיהלט זיך, קיין עין־הרע, אין כח. ער האָט שוין אמאָל אויסגעפאטשט א סטאנאָוואָי פריסטאוו, איז צו גאָט א האָפענונג, אז ער וועט קאָנען גובר זיין א לץ אויך... פאָהרען מיר?

— מיט׳ן גרעסטען כבוד! — האָט זיך ליפשיץ אָנגעחאפּט מיט ביידע הענט, און אלע דריי האָבען זיך גוט אָנגעפּעלצט מיט ווארעמע יענאָטענע פּעלצען, זיך ארייגעזעצט אין א ברייטען שליטען און זענען אוועק צו ליפשיצען אין דאָרף אריין, קיין הלובאָקע.

געקומען אין דאָרף שוין פארנאכטליך, האָט מען די ליעבע געסט זעהר שען אויפגענומען, געקאָכט פון זייערטוועגען א מילכיגע וועטשערע, און מע האָט געשמועסט די גאנצע צייט פון דעם לץ, וואָס האָט זיך ביי זיי פארנאדעט.

שפּעטער, בעת פייגעל האָט דערלאנגט צום טיש, האָט נחום געמאכט א גאנץ ברייטען שמועס וועגען דעם, אז ער און זייער גאנצע משפחה, די ראבינאָוויטשעס, הייסט עס, האָבען פון גע־בוירען א מאָדנע הארטען שלאָף, חאָטש נעם און טראָג זיי ארויס מיט די בעטלעך, חאָטש שיסט אין זיי מיט הארמאטען! נאָר פון דעסטוועגען האָבען זיי פאר א דיבוק, פאר א לץ און פאר א „דאָמאָוויק” קיין מורא ניט, חאָטש זיי פיהרען מיט זיך געלט, וואָרום זיי זענען נישט קיין נאראָנים: דאָס געלט האַלטען זיי ביי זיך גוט איינגענעהט, מחילה, אין די אונטערשטע בגדים, וועלכע זיי טהוען קיינמאָל ניט אויס, און זיי גלויבען גלאָט ניט אין

16

די משפּחה

דריי ברידער — דריי פאַרשיידענע טיפּען. — אַ „דיעלאָ" מיט „קאַזנאַ". — דער פעטער פּיני טאַנצט אויף לייכטער.

דער פאָטער פונ'ם העלד פון די דאָזיגע באַשרייבונגען, נחום וועוויק'ס, האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער: פּיני וועוויק'ס און ניסעל וועוויק'ס — דער וואָס איז אויבען דערמאַנט. און איין אַנטיק איז דאָס, וואָס יעדער פון די דריי ברידער איז זיך געווען אַ טיפּ פאַר זיך און קיין ברעקעל נישט געראָטען איינס אין דאָס אַנדערע. דער עלטערער, נחום וועוויק'ס, איז געווען, ווי מיר ווייסען שוין, אַ מישמאַש פון אַ חסיד און אַ משכּיל, אַ פילאָזאָף און אַ שענער דאַווענער, אַ למדן און אַ חקרן, און בּטבע אַ מענטש אַ שטילער, אַ פאַרבאָרגענער און אַ גרויסער בעל־מרה־שחורה. דער אַנדערער, פּיני וועוויק'ס, — דער איז געווען שוין גאָר אַ גרויסער ירא־שמים, מיט גאָר אַ לאַנגען טלית־קטן, אַ שענער איד, איך מיין טאַקי אַ שענער אויפ'ן פּנים, מיט אַ שענער באָרד, שענע, שמייכלענדיגע אויגען, און בּטבע זעהר אַ לעבּעדיגער, אַ מענטש, וואָס קהל'ט זיך, אַ קאָכלעפעל, אַ בּריה אַ מוהל, חלילה נישט צוליעב געלט, נאָר פּשוט לשם מצוה. מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען אַ איד פון הו־האַ, שטענדיג פאַרטראָגען אין פרעמדע געשעפטען, לאָרענישען, דולענישען, פאַרלאָזענישען, אויסגלייכענישען, אַלמנות, יתומים און גלאַט אָרעמעלייט. היינט וואו איז עפּיס גבאות אין

און צו דער מויד האָט מען זיך גענומען מיט גוטע רעד, אַז איבער־געבעטן זי אין גוייִשע הענט וויל מען ניט בשום אופן, חאָטש זי איז איין אשמדאי, אַ הולטייקע און ערגער פון אַ משומדת... מע פאָדערט פון איהר נאָר, זי זאָל אויסזאָגען, וואו די פּערעל און די איבעריגע זאכען זענען, און מע גיט איהר אַ תּקיעת־כּף, אַז מע נעמט זי צו אין שטאָדט אריין און מע גיט איהר אַ חתן, טאַקי שוין און טאַקי באַלד און אויף'ן שענסטען אופן, מיט כּלי־זמר און מיט חתונה־קליידער און מיט אַ חופּה־וועטשערע, ווי איין עהרליכער, אַ כּשר'ער אידישער טאָכטער — קיין פויגעל וועט ניט וויסען פון דער גאַנצער מעשה, קיין האָהן וועט ניט קרעהען!

און אַזוי איז דאָס טאַקי געוועזן. אַ חתן האָט מען איהר נעגעבען אַ יונג מיט ביינער, משה־הערש האָט ער געהייסען, אַ דאַמסקי שניידער. די ראַבינאָוויטשעס זענען געווען די מחותּנים און די אונטערפיהרער. אויף דער חתונה איז געווען די גאַנצע שטאָדט און אויך „נאַטשאַלסטווע". מע האָט אויסגעטרונקען אָהן אַ שיעור פלעשער מיט וויין און מיט ביער, און ניסעל ראַבינאָוויטש מיט'ן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו האָבעןביידע אַזוי געטאַנצט, אַז מע האָט באַדאַרפט געהן קוקען אויף חידושים!

נאָך דער חתונה איז פייגעלע געוואָרען ניט צו דערקענען. פרום ווי אַ רביצין, ניט געקוקט קיין מאַנסביל גלייך אין די אויגען אריין, און מיט נחום וועוויק'ס יונגלעך איז זי גלייך ווי קיינמאָל נישט געווען באַקאַנט. און אַז מע האָט באַדאַרפט אין שטאָדט עמיצען מאַכען אַ נדבה, נעמען אַ פּעטשיילע און געהן איבער די הייזער, איז זי געווען פון די ערשטע. אַז מע שמועסט אַ אשה כּשרה, אַ גבאי'טע, איז דאָך ניט שייך! נאָר איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אָן: איהר מיידעלשער נאָמען „פייגעלע־אשמדאי" איז איהר פאַרבליבען אויף אייביג. וועגען דעם האָבען שוין גע־זאָרגט נחום וועוויק'ס קונדסים, און מעהר פון אַלע — דער מיטעלסטער און דער גרעסטער קונדס, דער שרייבער פון די דאָזיגע געשיכטען.

מיינט איהר אודאי, אז דאָס האָט איהם אָנגעלעהרענט ? האָט איהר א טעות. יענעמ׳ס געשעפטען, דאָרט וואו סע שמעקט מיט קהל און מיט א טובה פאר א אידען, זענען בילכער פון אייגענע געשעפטען. אוועקוואָרפען, למשל, א מארק אָדער א יאריד און לויפען אויף א ברית — פון דעם שמועסט מען ניט. דערויף איז מען דאָך עפּיס א מוהל ביי אידען. אָדער חתונה מאכען איין אָרעמע יתומה און טאנצען מיט די אָרעמע מחותּנים א גאנצע נאכט — דאָס איז דאָך אודאי א גרויסע מצוה, וואָס ניט אָפט קומט עס צו דער האנט.

רעדענדיג פון טאנצען, איז שווער זיך איינצוהאלטען און ניט באוואונדערען, פון וואנען האָט זיך גענומען צו אָט אזא אידען א יראַ־שמים, ער זאָל קאָנען טאנצען, און נאָך אזוי שען טאנצען ? וואו האָט ער זיך דאָס געלערענט, למשל ? און ווער איז געוועזן זיין רבי יענע יאָהרען ? טאנצען א „חסיד”, א „קאָזאַק” און א „פאָני” — פון דעם איז אָפּגערעדט.

— שטיל זאָל זיין ! רב פּיני וועוויק׳ס ועט טאנצען א חסיד !

— צערוקט זיך, עולם ! רב פּיני וועוויק׳ס וועט געהן א קאָזאַק !

אָדער :

— ווייבער, אויף א זייט ! רב פּיני וועוויק׳ס וועט אונז ווייזען א פאָני !

און דער גאנצער עולם צערוקט זיך, מאכט א ווארע. און דער פעטער פּיני „טאנצט א חסיד”, „געהט א קאָזאַק”, אָדער ער „ווייזט א פאָני”, און דער עולם שטעהט אויף קעפּ. עין לא ראתה !

וואָס אָרעמער ס׳איז געוועזן די חתונה, אלץ גרעסער איז געוועזן די שמחה. דאָס הייסט, וואָס די מחותּנים זענען געוועזן גרעסערע אָרעמעלייט, אלץ מעהר האָט דאָרט דער פעטער פּיני געטאנצט און באוויזען אזעלכע קונצען, וואָס טאקי עין לא ראתה — און טאקי נאָר לשם מצוה, בכדי צו משמח זיין חתן־כּלה. מע

בית־המדרש, אין קלויז, אין חברה־קדישא, אין חברה־משניות און חברה־תהלים? איך האָב מורא, אַז דאָס איז ביי איהם געווען טייערער פון איין אייגענעם מארק אָדער אַ יאריד. רבי־געלט האָט דאָס איהם אויך געקאָסט געננוג. נאָר ווײבאַלד ס׳איז אַ מצוה, וואָס מאַכט דאָס אויס? אדרבה, וואָס מעהר עס קאָסט רבי־געלט, אַלץ גרעסער איז די מצוה, און באַקלאָגען זיך דערויף טאָר מען נישט, וואָרום דעמאָלט איז שוין די מצוה אויס מצוה.

למשל, עס געדענקט זיך אַ מעשה: איינמאָל האָט געזאָלט זיין „טאָרגעס״ אויף דער „פּאָטשט״. בכדי מע זאָל זיך ניט שמייסען אין די מקחים און מע זאָל צו דער פּאָטשט ניט דער־לעגען קיין געלט, זענען אידען געפאַלען אויף אַ המצאה, אַז דער וואָס וויל נעמען די פּאָטשט, זאָל צעטיילען צווישען די קאָנקו־רענטען אַ געוויסע סומע געלט, וועט מען איהם נישט קאָלי מאַכען די מקחים. נאָר די קאָנקורענטען אַליין וועט מען דאָך ניט גלויבען, לעגט מען איין דאָס געלט אין אַ זיכערען אָרט און מע געהט אויף די טאָרגעס. און וואָס קאָן זיין נאָך אַ מעהר זיכערער אָרט, ווי ביי פּיני וועוויק׳ס? האָט מען איינגעלעגט ביי איהם דאָס געלט און מע איז אָוועק אויף טאָרגעס, און דער וואָס האָט דאָס געלט איינגעלעגט האָט אָפּגעטהאָן אַ שפּיצעל, זיך כלומרשט פון די טאָרגעס אַרויסגעגליטשט, דאָס געלט אָפּגענומען און ערשט דערנאָך אַרויסגעשטעלט אַלעמען אַ שענע פייג. אודאי האָבען די קאָנקו־רענטען גע׳מסר׳ט וואו מע דאַרף, און מע האָט צום ערשטען אַ נעם געגעבען זיך צו יענעם פאַרשוין, וואָס האָט דאָס געלט געגעבען, און דערנאָך צום צווייטען פאַרשוין, וואָס דאָס געלט איז געווען ביי איהם איינגעלעגט: רב איד, זייט זשע מוחל, וואָס איז דאָ געווען פאַר אַ מעשה? האָט זיי נעבאָך פּיני וועוויק׳ס דערצעהלט די מעשה, ווי דער אמת איז. האָט מען איהם גע׳משפּט פאַר באַ׳גנבה׳נען „קאַזנאַ״, און דאָס גליק איז געווען, וואָס אויפ׳ן אָרט פון טורמע האָט מען איהם אָפּגע׳משפּט נאָר מיט געלט־שטראָף.

17

דער פעטער ניסעל און די מוהמע האָרעל

דער פעטער ניסעל „הוליעט". — א חשוב ביי „נאטשאלסטווע". — א ווייב א צרה. — זיך פארשטעלט פאר א טשינאווניק, אנגעארבייט א חתונה, אוועק קיין אמעריקע. — א ניצוץ פון א פאעט.

אויב די צוויי עלטערע ברידער, נחום און פיני וועוויק׳ס, זענען געווען חסידים, איז דער דריטער, דער יונגסטער ברודער, ניסעל וועוויק׳ס, אָדער ווי ער האָט זיך שוין די לעצטע צייט גערופען ביי זיין פאמיליענאָמען, ניסעל ראבינאָוויטש, געווען שוין גאָר א וועלטליכער, געטראָגען זיך ווי א שטשאָגעל: הינטען אין דער קאפאָטע א שפאלט, — דאָס האָט געהייסען יענע יאָהרען מעשה פראנט, אָדער מעשה דייטש — לאקירטע שטיוועלעטען מיט שפראָנציקעס און שטארק־שטארק אונטערגעבויגענע פאות. און געהאלטען האָט ער זיך דעמאָקראטיש. דהיינו: אין בית־המדרש האָט ער געהאט, ווי אלע פאָרנעמסטע בעלי־בתים, איין אָרט אין מזרח, נאָר געזעסען איז ער אויף דער לעזשאנקע אין פאָליש, געהאלטען א חומש מיט׳ן „ביאור" און דערצעהלט, דוקא פאר׳ן פראָסטען עולם, מעשיות פון רב משה׳לע וויינשטיין, פון מאָנטע־פיאָרען און פון רויטשילדען אויך. דערצו האָט ער געהאט א באסאָווע שטימע, געקאָנט שען זינגען, ליעב געהאט א סך לאכען און געקאָנט מאכען לאכענדיג יענעם. מיינסטענס האָבען פון איהם געלאכט ווייבער און מיידלעך — די זענען ממש צעגאנגען פאר

האָט באַדאַרפט אויף חידושים געהן זעהן פיני וועוויק׳ס, ווי ער טאַנצט „אויף לייכטער” מיט ברענענדיגע ליכט, אָדער „אויף אַ שפּיעגעל”, און אַזוי גרינג, אַזוי גראַציעז, ווי דער גרעסטער פון די היינטיגע טענצער פון דער וועלט. אַזאַ מין טאַנצען וואָלט מען היינטיגע צייטען געקאָנט ווייזען אויף בילעטען און מאַכען אַ סך געלט. די קאַפּאָטע אַראָפּגעוואָרפען, דעם טלית־קטן אַרויס־געצויגען, די אַרבעל פאַרקאַטשעט, די הויזען במילא אַריינגעשטעקט אין די שטיוועל, און די פיס קוים־קוים וואָס זיי באַריהרען די ערד, און דער קאָפּ איז פאַרוואָרפען אַרויף, די אויגען צו, אויפ׳ן פּנים זעהט מען התפעלות מיט התרוממות, ווי בשעת דאַוונען. און די כּלי־זמר שפּיעלען אַ אידישע זאַך, און דער עולם פּליעסקעט, און די ראָד ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, און דער טענצער, אויסמיידענדיג די לייכטער מיט די ברענענדיגע ליכט, געהט־אַריין וואָס ווייטער אין אַלץ מעהר התפעלות און אין אַלץ מעהר התרוממות הנפש — ניין, דאָס איז ניט געוועזען קיין טאַנצען! איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז געוועזען גיכער אַ מין עבודת־הבורא, אַ ריינע גאָטעס־דיענסט. און איך שטעל זיך אָפּ און פרעג נאָך אַ מאָל די אייגענע קשיה: פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ אידען אַ ירא־שמים, ער זאָל דערגרייכען אַזוי ווייט אין דער קונסט פון טאַנצען? וואו האָט ער זיך עס אויסגעלערענט? און ווער האָט געקאָנט זיין דער רבי זיינער?

פאַררעדט זיך וועגען טענץ, האָבען מיר דערוויל פאַרגעסען דעם דריטען ברודער, ניסעל וועוויק׳ס, פון וועלכען מיר וועלען זאָגען עטליכע ווערטער אינ׳ם ווייטעריגען קאַפּיטעל.

ס׳איז גאָרנישט צו דערקענען, אז דאָס רעדט א איד, און דערצו איז ער אזוי אויסגעבונדען מיט נאַטשאַלסטווע, פאַטשט דעם סטאַראָסטאַ, ווי א הונט, שכור׳ט מיט׳ן סטאַרשינאַ א גאַנצע נאַכט טאַקי ביי זיך אין שענק, און מיט׳ן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו קושט ער זיך, ווי מיט א ברודער!...

נאָר אויף וויפיעל דער פעטער ניסעל איז געווען א חשוב אין שטאָדט, אויף אזוי פיעל איז ער געווען ניט קיין חשוב ביי זיין אייגען ווייב, ביי דער מוהמע האָדעל (אלע גרויסע מענטשען זענען ביי זייערע ווייבער גאָרנישט!). די מוהמע האָדעל איז געווען א ווייבעלע א קליינס און א שווארצס, נאָר דאָס דאָזיגע קליינע ווייבעלע האָט געהאלטען איהר גרויסען מאַן אין דער מורא — אימת מות!

עס איז געווען צו באוואונדערען, ווי אָט דער גרויסער הויכער פעטער ניסעל, דער חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, וואָס רעדט אזוי גוט רוסיש, און דער שטענדיג פרייליכער און אויסגעפּוצטער קאוואַליער און אָנגעלעגטער גאַסט ביי ווייבער, איז א בעלן געווען צו חאַפּען פון זיין אייגען קליינגעוואַכסען ווייבעלע אָדער מיט א קישעלע איבער׳ן קאָפּ, אָדער מיט א נאַסען בעזעם איבער דער אויסגעפּוצטער קאַפּאָטע! צום מיינסטען האָט זי ליעב געהאַט איהם בעזעמען דוקא יום־טוב, און דוקא שמחת־תורה, און דוקא פאַר׳ן גאַנצען עולם אין די אויגען: „ל אָ ז מ ע ן ו ו י ס ע ן ו ו אָ ס פ א ר א מ א ן ז י י ן ו ו י י ב ה אָ ט!“... ער אָבער האָט דאָס אָנגענומען פאַר א קאַטאָוועס, זיך פאַרשלאָסען מיט אלע אידען אין זאַל, אויפגעעפענט פלעשער מיט בראָנפען, אויפגעשלאָגען אלע פעסלעך מיט געזייערטע אוגערקעס אין קעלער, ארויסגענומען אלע טעפּ און טעפּלעך פונ׳ם אויווען — געמאַכט א חורבן, א פּאָגראָם אין שטוב, און אָפּגעקרענקט נאָכדעם דערפאַר פון דער מוהמע האָדעל דריי וואָכען כסדר. ס׳איז אָבער געווען כדאי — מע האָט זיך גוט אָנגעהוליעט!

געלעכטער, אַז ער האָט נאָר געוואָלט. מיט וואָס ער האָט זיי גענומען — איז שווער צו וויסען. נאָר ס'איז געווען גענוג, ער זאָל זיי זאָגען איין וואָרט — און די געלעכטערען זענען שוין גע־גאַנגען ביז'ן הימעל.

היינט וואָס פאַר א „הוליאַק" איז דאָס געווען! אָהן איהם א חתונה איז געווען א לויה, ניט קיין חתונה. ניסעל וועוויק'ס, אָדער ניסעל ראַבינאָוויטש, האָט געקאָנט מחיה־מתים זיין, א גאַנצע וועלט מאַכען רעדעוודיג, לאַכענדיג און טאַנצענדיג. דער חילוק צווישען איהם און צווישען פעטער פיני איז געווען, וואָס דער פעטער פיני האָט געקאָנט טאַנצען, און דער פעטער ניסעל האָט געקאָנט מאַכען טאַנצען אַנדערע. אַלע און אַלץ האָבען מיט איהם אויף א שמחה מיטגעטרונקען, מיטגעזונגען און מיטגעטאַנצט. דער ערשטער איז געווען דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו. מיט איהם האָט ער זיך געביטען מיט די היטלען — און ס'איז געווען ליהודים.

בכלל איז ניסעל ראַבינאָוויטש געווען מיט נאַטשאַלסטווע אויסגעבונדען, און האָט געפיהרט דאָס שטעדטעל ביד רמה, גלייך ווי ער וואָלט אַליין געווען א נאַטשאַלניק, א טשינאָווניק. דערצו האָט ער געהאַט א פּה־קדוש, גערעדט רוסיש, ווי איין עכטער פּאָני: „מעזשדו פּראָטשים, וואַשאַ מילאָסט, פּאַזוואָלטי וואַם פּאָקוריט נאַ נאַש שטשאָט אי טשטאָבי ניע בילאָ ניקאַקיך קאַקאָוו!"... (זייט זשע מוחל, אין איינוועגס פאַררויכערט אונזערען א פּאַפּיראָס, און אָהן א שום תירוץ!). נישט נאָר אידען — גויים האָבען פאַר איהם געהאַט דרך־ארץ: „חאָדים דאָ מיסעליאַ; ווין אי דילאָ סקאַזשעט, אי טשאַרקאַ הורילקאַ בודע". (לאָמיר געהן צו ניסלען: אי עסק וועט ער אונז זאָגען, אי א גלעזעל בראָנפען וועט זיין).

קהל'ען זיך האָט ער נאָך מעהר ליעב געהאַט, ווי דער פעטער פיני. שטענדיג האָט ער זיך מיט עמיצען, אָדער פאַר עמיצען, געלאָדען, און איהם האָט זיך אויסגעמאָהלט, אַז ער ווייסט אַלע זאַקאָנעס. א קלייניגקייט — א איד רעדט אַזוי גוט רוסיש, אַז

וואָרום דאָס, וואָס ער איז געווען אַ תּקיף, האָט איהם, אייגענטליך, אָפּגעקוילעט און סוף־כּל־סוף גליקליך געמאַכט איהם מיט די קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביגע יאָהרען. וועגען דעם ווערט דערצעהלט אַ מעשה, וואָס שמעקט אויסגעטראַכט צו זיין, נאָר איך געב זי איבער, ווי איך האָב זי געהערט.

אין אַ קליין שטעדטעל, ניט ווייט פון וואָראָנקאָ, דאַכט זיך, אין בערעזאַן, האָבען גויים געמאַכט אַ פּריגאָוואָר אויף אַ אידען, אַז מע זאָל איהם ארויסטרייבען. וואָס טהוט מען? איז מען געקומען צו לויפען צו ניסעל וועוויק'ס, אָדער צו ניסעל ראַבינאָ־וויטש: סטייטש, אַזאַ חשוב ביי נאַטשאַלסטווע, וואָס רעדט אַזוי גוט רוסיש און קושט זיך מיט'ן סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו!... דער פעטער ניסעל האָט זיך אַ וואָרף געגעבען צום פּריסטאַוו — ער קאָן דאָ גאָרנישט העלפען: דאָס ווענדט זיך נאָר אינ'ם „ספּראַוו־ניק". און דער ספּראַווניק איז, ערשטענס, אַ נייער מענטש און, צווייטענס, אַ גרויסער המן! וואָס זשע טהוט מען ווייטער? ווי לאָזט מען דאָס „ראַזאָרען" אַ אידען און מאַכען אַ תּל פון אַ גאַנצער משפּחה? „וואַרט נאָר אויס אַ ביסעל, בודיעט דיעלאָ ווּשליאַפּע — ס'ועט זיין רעכט!" — אַזוי האָט געזאָגט דער פעטער ניסעל און האָט אָפּגעטהאָן גאָר אַ קלייניגקייט: ער האָט געקריגען די גאַנצע אוניפאָרם, וואָס אַ טשינאָווניק טראָגט, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ „ספּראַווניק", געחאַפּט אַ פּאָטשט און איז אריינגעפאָהרען אין דאָרף אריין מיט אַ גלאָק, און האָט געשיקט רופען צו זיך דעם סטאַרשינאַ מיט דער גאַנצער „הראָמאַדע", און האָט זיך צעשריען אויף זיי: „קאַק ווי סמעיעטיע, טאַקיע־סיאַקיע?!" און גע־טופּעט מיט'ן פוס, ווי איין אמת'ער ספּראַווניק, אַז ס'איז נישט „פּאָ־זאַקאָנו", און האָט צעריסען דעם פּריגאָוואָר אויף שטיק־שטיקלעך און אָנגעזאָגט זיי, אַז טאָמער דערוועגען זיי זיך קלאָגען אויף איהם צום גובערנאַטאָר, זאָלען זיי וויסען, אַז ער, דער נייער ספּראַווניק הייסט עס, איז טאַקי דעם גובערנאַטאָר'ס איין אייגענער פעטער, פון דער מאַמע'ס צד, און זיין ווייב געהער זיך אָן אַ

שענער פון אַלסדינג איז געווען דאָס, וואָס דער פעטער ניסעל האָט אָהן דער מוהמע האָדעל נישט געטהאָן פון דאַנען אהין. ער האָט זי געהאַלטען פאַר א גרויסען בר־דעת; נישט מעהר, פלעגט ער אויף איהר מלמד־זכות זיין, זי איז פון קאָרסון, א שטאָדט אַזעלכע אין קיעווער גובערניע, און די קאָרסונער זענען אַלע „ספּילשליווע"... צו דערצו איז דאָ נאָר איין רפואה — האָט ער געזאָגט: — פּערעל. אַז גאָט זאָל איהם העלפען, ער זאָל איהר קאָנען קויפען גרויסע פּערעל, וואָלט איהר כאַראַקטער, זאָגט ער, זיך אינגאַנצען איבערגעביטען. „איך וויים נאָך א בעסערע רפואה", — האָט איהם דער עלטערער ברודער נחום געפּרובט עפּענען די אויגען און האָט איהם אריינגערוימט א סוד אויפ'ן אויהער, פון וועלכען דער פעטער ניסעל איז געוואָרען איין אויפּ־געציטערטער:

— זאָל גאָט היטען! זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין!

— פאָלג מיך, ניסעל! טהו ווי איך זאָג דיר, וועט דיר זיין אַז גוט און אַז וואויל!...

אין וואָס די דאָזיגע עצה איז באַשטאַנען, האָט זיך ארויס־געוויזען ערשט העט־העט שפּעטער, אין א צייט ארום. דעם דאָזיגען סוד האָט די מוהמע האָדעל אַליין צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט דערמיט, וואָס זי האָט געטאַרעלט און געשימפּט, געשמירט און געשאָלטען די גאַנצע משפּחה פון איהר מאַן: „די משפּחת'ערע" — קיין אַנדער נאָמען האָבען ביי איהר די ראַבי־נאָוויטשעס ניט געהאַט. „שלאָגען א ווייב איז ביי זיי א וואָכע־דיגער גאַנג... נאָר ס'וועט זיי פריהער אָפּדאַרען די האַנט, איידער זיי וועלען זיך צוריהרען"...

דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געוואוסט פונ'ם סוד, אַז ניסעל ראַבינאָוויטש האָט נעבאַך אָפּגעשניטענע יאָהרען פון זיין ווייב, חאָטש אפילו ביי דער וועלט איז ער א תקיף און ביי נאַטשאַלסטווע א גאַנצער קאָכלעפעל. הלואי וואָלט ער ניט געווען אַזא תקיף!

דאָס בילד פונ׳ם פעטער ניסעל וואָלט אָבער ניט געווען אינגאַנצען, ווען מיר זאָלען דורכלאָזען נאָך איין שטריך: אין דעם דאָזיגען מענטשען איז אפשר פארלוירען געגאנגען א פּאָעט; ער האָט ליעב געהאט זינגען אידישע ליעדער, אייגענע. אין דער צייט, וואָס ער איז געזעסען אין תפיסה, האָט ער באשאפען א ליעד אויף זיך אליין, אין אידיש, נאָכ׳ן אל״ף־בי״ת, און א שענע מעלאָדיע דערצו — א מעלאָדיע, וואָס איז זיך צעגאנגען אין אלע איברים. וויפיעל טאלאנטען זענען ביי אונז אָט אזוי פארלוירען געגאנגען, וואָס מע ווייסט פון זיי גאָרנישט!...

שטיקעל קרובה מיט׳ן „מיניסטער אָוונוטרעניך אי וניעשניך דיעל״ !...

ווער עס האָט גע׳מסר׳ט — ווייסט מען ניט. נאָר די גע־שיכטע מיט׳ן צעריסענעם פּריגאָוואָר און די מעשיות מיט׳ן גובער־נאטאָר און מיט׳ן „מיניסטער אָוונוטרעניך אי וניעשניך דיעל״ זענען אַרויס, ווי בוימעהל אויפ׳ן וואסער, און ס׳איז געוואָרען א „דיעלאָ״, און מע האָט איהם מחילה איינגעזעצט און גע׳משפּט, און דער שפּיץ איז געווען, אז דער בראווער פעטער ניסעל האָט נעבאך געמוזט ווערען א בורח, פּשוט, הייסט עס, נעמען און אנט־לויפען. עס האָט זיך איהם איינגעגעבען — ער איז אנטלאָפען, האָט זיך פריהער אָפּגעוואָלגערט א שטיקעל צייט אין אָדעס, זיך געמאכט א נייעם פּאס מיט א נייעם נאָמען און איז אוועק קיין אמעריקע, אזש קיין קאנאדע, די ערשטע צייט גוט אויסגעריסען געוואָרען, נאָר אין א פּאָר יאָהר ארום האָבען אָנגעהויבען געהן פון איהם „לעטערס״, אז ער „מאכט א לעבען״. שפּעטער האָט ער אריבערגעצויגען אהין זיין גאנצע משפּחה, וועלכע האָט אויך גע־שריבען בריעף, אז זיי „מאכען א לעבען״. נאָכדעם זענען אָנ־געקומען פון זיי אלעמען זעהר שענע „פּיקטשורס״ — גראפּען, אמת׳דיגע שררות! נאָר ווי אזוי מע „מאכט א לעבען״ און ווי אזוי איז בכלל דאָס לעבען אין אמעריקע — דאָס האָט מען נישט געקאָנט פון זיי ארויסבאקומען בשום אופן.

ערשט הענט־העט, אין א יאָהר עטליכע און דרייסיג ארום, אינ׳ם יאָהר 1905-6, אין דער צייט, ווען דער וואָס שרייבט די דאָזיגע ביאָגראפיע האָט אליין באדארפט אריבערוואנדערען איבער׳ן ים און איז געקומען בשלום קיין אמעריקע, האָט ער זיך אינטערעסירט צו באקומען גענויע ידיעות וועגען זיין פעטער. איז ער געוואוירע געוואָרען, אז דער פעטער ניסעל איז שוין א שוכן־עפר, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט א שענעם נאָמען און א שען פאר־מעגען. זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך זענען דאָס, וואָס מע רופט אין אמעריקע: אָ ל ר י י ט.

שטוב. נישטאָ קיין גרעסערער פון זיין טאַטען. נישטאָ קיין פרומערער פון זיין פעטער פיני. נישטאָ קיין פרייליכערער פון זיין פעטער ניסעל. און קוקענדיג אויף זיין הויכען טאַטען, נחום וועוויק׳ס, אונטער אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, אין דער שענער זיידענער קאַפּאָטע מיט׳ן ברייטען גאַרטעל און מיט דער נאַפּאָ־לעאָנקע אויפ׳ן קאָפּ; אָדער אויף זיין נידעריטשקער מאַמע, חיה־אסתר נחום וועוויק׳ס, בעת זי הויבט־אויף איהרע איידעלע, ווייסע הענט אַרויף ביי ליכט־בענטשען איבער די גרויסע, הויכע, גע־בלאָזענע זילבערנע לייכטער, אָדער אויף דער הויכער טשעפּקער באַבע מינדי, ווי זי רעדט זיך אויס מיט גאָט, ווי מיט אַ גאַנץ נאָהענטען שמעלקע, אָדער אויפ׳ן פעטער ניסעל דעם גבר, ווי ער האַקט רוסיש ווי אַ עכטער פאָני — האָט זיך שלום נחום וועוויק׳ס האַרץ אַלע מאָל אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גדלות קעגען אַנדערע קינדער, און ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט געהאַט דאָס גליק צו געבוירען ווערען אין דער דאָזיגער משפּחה, אונטער דער דאָזיגער גילדענער פאָהן, וואו ער האָט זיך געפיהלט גליקליך, ווי אַ פּרינץ, און זיכער, ווי אין אַ פעסטונג, ווי אין אַ קייזערליכען פּאַלאַץ.

און אָט האָבען זיך פּלוצים די זיילען פון דער פעסטונג גע־געבען אַ שאָקעל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען איינבויגען זיך אויף אומצופאַלען, און דער גאַנצער כשוף פונ׳ם גליקליכען שטעדטעל איז מיט אַ מאָל פאַרשוואונדען געוואָרען. דער יונגער פּרינץ איז געוואוירע געוואָרען, אַז ניט דאָ איז דער נאָפּעל פון דער ערד, אַז ס׳איז פאַרהאַן אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך גרעסערע שטעדט פון וואָראָנקאָ, און אַז עס געפינען זיך אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך רייכערע אידען פון די ראַבינאָוויטשעס. און געוואוירע געוואָרען איז ער אָט דאָס אַלסדינג פון זיין נייעם חבר, פינעלע שימעלע׳ס, פון וועלכען מיר דערצעהלען דאָ אין קורצען.

אויסער וועוויק׳ס קינדער, די ראַבינאָוויטשעס, איז געוועזען אין וואָראָנקאָ נאָך אַ איד אַ בעל־הבית, פון די נ ג י ד י ם , מיט׳ן

18

פינעלע שימעלע'ס פאָהרט קיין אָדעס

שימעלע רעדט מעהר אויף גוייש. — דערצעהלט גרויסקייט פון אפרתי'ז. — קלויבט זיך אריבער קיין אדעס. — זיין זוהן פינעלע האט איין אפעראציע — איין ארבעסעל איז אויהער. — דער אפשייד־ווארעמעס.

דעם העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע האָט זיך אויס־געוויזען, ווי עס ווייזט זיך אויס מסתמא יעדען אידישען יונגעל, אז זיין שטעדטעל — דאָס איז דער מיטעלפונקט פון דער וועלט, דער סאמע נאָפּעל פון דער ערד, און זיינע אידען — דאָס זענען די אויסדערוועהלטסטע ביי גאָט, וואָס צוליעב זיי איז באשאפען געוואָרען די דאָזיגע וועלט, און, פארשטעהט זיך, אז אין דער שפּיץ פון די אויסדערוועהלטסטע שטעהען וועוויק'ס קינדער, די ראבינאָוויטשעס, און דער ראש וראשון און דער סאמע שפּיעגעל, דער סאמע צימעס פון די ראבינאָוויטשעס — דאָס איז געווים זיין טאטע, נחום וועוויק'ס. וואָרום ווער זיצט אין בית־המדרש אויבענאָן אין מזרח־וואנט, דער צווייטער פונ'ם רב, ביי'ם סאמע אָרון־קודש? צו וועמען קומט מען צום אַלעם ערשטען גוט יום־טוב בעטען? און צו וועמען קלויבט מען זיך צונויף אַלע שבת־צו־נאכטס אויף מלוה־מלכּה און מע טרינקט און מע זינגט און מע טאנצט און מע הוליעט ביז'ן ווייסען טאָג אריין? ניין, נישטאָ קיין שענערעס פון זיין משפחה. נישטאָ קיין רייכערעס פון זייער

טינעס, האָט ער געזאָגט, זיצען אָט דאָ, אין אַזאַ העק, טשאָרט וואס פּאָבערי! איהר זאָלט זיין אין אָדעס, וואָלט איהר געוואוסט, פּאָ קראַני מיר, וואָס הייסט אַ שטאָדט! איהר זאָלט אַ קוק טהון ביי אפרתי׳ן אַ קאַנטאָר מיט סלוזשישטשעס, טשאָרט וואס פּאָ־בערי! וויפיעל גאָלד דאָרט וואַלגערט זיך איבער אין איין טאָג, מענגט איהר זיך עס ווינטשען פאַרמאָגען אַלע, סוקינע דיעטי, מיט מיר אינאיינעם!״...

דער עולם, פאַרשטעהט זיך, האָט שימעלען אויסגעהערט מיט אָפענע מיילער, זיך גע׳חידוש׳ט אויף אפרתי׳ס קאַנטאָר און אויפ׳ן געלט, וואָס דאָרטען וואַלגערט זיך איבער אַ טאָג; נאָר הינטער די אויגען האָט מען געמאַכט חוזק סאַי פון שימעלען, סאַי פון אפרתי׳ס קאַנטאָר. און מעהר פון אַלעמען האָט חוזק געמאַכט שמואל־אלי דער נייער רב און חזן, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּגעקומען פון באַרישפּאָלי, אַ יונגערמאַן אַ קלוגער און אַ גרויסער שייגעץ, איין עזות־מחוצף־פּנים. ער האָט געזאָגט: „שפּייט איהם אין פּנים, אָט דעם שימעלען! ערשטענס, פּאָהרט ער גאָרניט אַרויס; והשנית, איז ניט קיין אָדעס, נאָר אַ ביסעל נעהענטער, קיין רזשישטשעוו, און נישט ווייל די היגע מענטשען זענען סקאַטינעס, נאָר פּשוט, ווייל ער איז אַ בעל־חוב, די האָר זענען ניט זיינע — חאַ־חאַ־חאַ!״

נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, צי אָדעס, צי רזשישטשעוו, צי ווייל די וואָראָנקאָווער מענטשען זענען סקאַטינעס, צי ווייל ער איז אַ בעל־חוב, די האָר זענען ניט זיינע, — שימעלע האָט נישט געמאַכט קיין ליצנות: ער האָט באַלד נאָך פּסח גענומען אויס־פּאַרקויפען דאָס בעל־הבתישקייט פאַר האַלב געלט, אַ סך זאַכען האָט ער צעגעבען אומזיסט, אויסגעקליידט די מיידלעך אַזוי ווי די כּלות, און פאַר די יונגלעך באַשטעלט ביי ישראל דעם שניידער קורצע וויטיקלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסער שטאָדט, ווי אָדעס, און בכדי דאָס שטעדטעל זאָל נאָך מעהר קאָכען, האָט שימעלע באַפוילען הענין, זיין ווייב, זי זאָל מאַכען אַ סעודה —

נאָמען שימעלע. דאָס איז געווען א געפּאקט אידעל מיט א קיילעכיג בייכעל און מיט א סימפּאטיש שמייכלענדיג פּנים, דאָס מויל א ביסעל אויף א זייט. ער איז געווען ניט אזא גביר, ווי א פּאר־לעבער. „א קערבעל איז ביי איהם געווען א ממזר". וויפיעל ס'איז געווען האָט מען פּארלעבט. און אז ס'איז ניט געווען, האָט מען געבאָרגט און געליהען און ווייטער געלעבט א גוטען טאָג.

אין שטאָדט האָט מען איהם געהאלטען פּאר א שטיקעל אפּיקורס, ווייל ער האָט געטראָגען א „הענגקאָלנער" און א ביסעל שוין צו א קיילעכיג בערדעל, שטארק צוגעפּוצט; דערפאר האָט ער אָבער געהאט איין אָפענע האנט אויף געבען א נדבה, און אין מיטען דער וואָך, אז ס'האָט זיך איהם פארגלוסט, האָט ער פאר־רופען געסט, געמאכט א סעודה פון דער ברייטער האנט — חי געלעבט!

מעהר פון אלע ראבינאָוויטשעס האָט ער ליעב געהאט דעם פעטער ניסעל, געטראָגען, גלייך ווי ער, א צעשפּאלטענע קאפּאָטע און שטארק אונטערגעהאקטע פּאות, און ליעב געהאט, ווי דער שפּאָלער זיידע, רעדען מיט א אידען אויף גוייש: „עה, ווי סוקינע דיעטי! וואָס באלאבעטשעט איהר דברים בטלים? פּאָרא באָנו מאָליטסא!" א האנטשריפט האָט ער געהאט א זעלטענע — א „כתבא רבא", דערפאר, ווייל ער איז געווען א „ליוואק" (גע־שריבען מיט דער לינקער האנט, און אלע ליוואקעס שרייבען אויס־געצייכענט שען — דאָס איז דאָך ידוע). אין דער היים איז ער אלע מאָל געווען א גאסט, נאָר אויף יום־טוב. אָפּגע'יום־טוב'ט, איז ער ערגיץ אוועקגעפאָהרען, מע ווייסט ניט וואוהין, און גע־קומען אויפ'ן אנדערען יום־טוב און אָנגעבראכט אהיים אזוי פיעל מתנות, אז דאָס גאנצע שטעדטעל איז געגאנגען חאָראָאָם און גערעדט פון שימעלע'ס מתנות א לאנגע צייט נאָכדעם.

איינמאָל אונטער א פּסח איז ער געקומען פון ערגיץ צו פאָהרען און ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז ער פאָהרט־ארויס פון וואָראָנקאָ. וואוהין? אָ, ווייט! זעהר ווייט! אזש קיין אָדעס! „סקא־

וועהטיג, אז דער קונדם האָט געמוזט אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת מיט׳ן ארבעסעל. האָט ער פריהער באַקומען א רעכטע פאַרציע שמיץ — „א יונגעלע זאָל ניט לעגען קיין ארבעסלעך אין אויהער אריין״, און דערנאָך האָט מען מיט דרעטלעך און מיט שפּיזלעך און מיט „סירניקלעך״ געפּאָרקעט איהם אזוי לאַנג אין אויהער, ביז מע האָט איהם געמוזט אָפּפיהרען אין דער גרויסער שטאָדט אריין, קיין פּערעיאַסלאַוו, אויף איין אָפּעראַציע.

פון דער דאָזיגער נסיעה אין דער גרויסער שטאָדט אריין האָט פּינעלע נאָכדעם געהאַט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען גאַנצע פּעק, און ער איז ניט ווילענדיג אויסגעוואַכסען ביי זיינע חברים אין די אויגען מיט א גאַנצען קאָפּ העכער. א קלייניגקייט — א יונגעל איז אליין געווען אין פּערעיאַסלאַוו און אליין געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען אָהן א שיעור הייזער מיט בלעך גע־דעקט, מיט „פּעשעהאָדען״ (טראָטואַרען) אויף אלע גאַסען, ווייסע קלויסטערס מיט גרינע קאָפּעקעס און מיט גאָלדענע צלמים, געמויערטע קלייטען, קאַוועגעס און דינים גאַנצע בערג, עפּעל און באַרען אָהן א שיעור און אָהן א צאָהל, וואָס וואַלגערען זיך אויף דער הוילער ערד, און סאָלדאַטען, וואָס „מאַרשטירען״ אין די גאַסען, און נאָך כדומה אזעלכע חידושים ונפלאות!

פון דעמאָלט־אָן זענען פּינעלע שימעלע׳ס און שלום נחום וועוויק׳ס געוואָרען חבר, נפש אחת, און פאר קיינעם איז שימעלע׳ס אָפּפאָהר׳ען פון וואָראָנקאָ נישט געווען אזא קלאָפּ, ווי פאר שלומ׳ען! א חוץ וואָס ער האָט מקנא געווען פּינעלען, וואָס יענער פאָהרט און ער ניט, איז איהם שווער געווען זיך צעשיידען מיט זיין חבר, וועלכען ער האָט ליעב געקריגען ניט ווינציגער ווי זיינע פריהער־דערמאַנטע חברים.

ביי זייער לעצטען זעהעניש, פאר׳ן געזעגענען זיך, האָט דער גליקליכער פּינעלע שימעלע׳ס, פּיינטשיק אויסגעקליידט און איין אויסגעצוואָגענער, אריינגעלעגט די הענט אין די קעשענעס און גע־

מילכיגע ווארעניקעס, טשאָרט איך פּאָבערי — פאר דער גאנצער שטאָדט!

פארשטעהט זיך, אז געקומען אויף דער שמחה זענען אלע, די גאנצע שטאָדט, און דער ערשטער איז געווען דוקא שמואל־אלי, דער נייער רב און חזן, וואָס האָט הינטער די אויגען אזוי חוזק געמאכט פון שימעלען, געמאכט פון איהם גאָר אויסצודרעהען; דערפאר האָט ער אָבער אין די אויגען איהם אזוי גע׳חנפ׳עט, אז עס האָט פּשוט געשלאָגען צו דער גאל!

אינאיינעם מיט די גרויסע זענען געקומען צו דער סעודה, וואָס שימעלע האָט געמאכט, אויך קליינוואַרג. נאָר אָנשטאָט דעם, זיי זאָלען זיצען אין שטוב גלייך מיט אלע, זענען זיי בעסער געווען אין דרויסען ביי די בוידען, זעהען ווי מע פּאַקט זיך אין וועג אריין. און שלום נחום וועוויק׳ס האָט זיך מיט דעם יונגסטען פון שימעלע׳ס קינדער, מיט פּינעלען, א יונגעל מיט א פארזאָרגט פּנים׳על און מיט גרויסע ביינקאָוואטע אויגען, פארקליבען אין איינע פון די בוידען, ארויפגעקראָכען גאנץ אויבענאָן, זיך באזעצט און גע־שמועסט פון דער וויי טער נסיעה, וואָס זיי שטעהט־פאָר.

פּינעלע שימעלע׳ס איז געווען אין יענער צייט דער סאמע נעהענטסטער חבר פון שלום נחום וועוויק׳ס — און איהם האָט שלום ליעב געהאט דערפאר, וואָס ער ווייסט אלסדינג, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך, וואָרום א חוץ וואָס פּינעלע האָט זיך אָנ־געהערט א סך מעשיות פון גרויסע שטעדט פון זיין טאטען, שימעלען, איז ער אליין אויך געווען אין דער גרויסער שטאָדט, אין פּערעיאסלאוו, איבער א מעשה מיט איין ארבעסעל.

פּינעלע האָט, שפּיעלענדיג, געפּרובט ארייגלעגען איינמאָל איין ארבעסעל אין איין אויהער אריין און ארויסנעמען דאָס פונ׳ם אנדערען אויהער. פארשטעהט זיך, אז דאָס ארבעסעל האָט זיך איינגעשפּארט, נישט געוואָלט ארויס נישט פון דעם אויהער און נישט פונ׳ם אנדערען אויהער, און עס האָט בעסער אָנגעהויבען צו וואַכסען ביי איהם אינווענינג און ארויסגערופען אזא קאָפּ־

— וואָס הייסט, וואָס? — ענטפערט איהם פינעלע אזוי פראָסט און ערנסט. — וואָס טהוען אלע אידען אין אָדעס? וואָס טהוט אפרתי? אפרתי האָט אייגענע אמבארעס מיט ווייץ, מיין טאטע וועט האָבען אמבארעס מיט ווייץ. אפרתי האָט א קאנטאָר מיט מענטשען, מיין טאטע וועט האָבען א קאנטאָר מיט מענטשען. און געלט — געלט וועט זיך אונז שיטען אין די קעשענעס פולע זעק! דו שפּיעלסט זיך מיט אָדעס?...

און פינעלע האָט גענומען דערצעהלען די גרויסקייט פון אפרתי׳ן און די שענקייט פון דער שטאָדט אָדעס מיט איהרע דריי־עטאזשנע מויערען. „נארעלע, אונזער שטאָדט איז אקעגען אָדעס, ווי אזוי זאָל איך דיר זאָגען? — ווי, למשל, א פליעג קעגען א קלויסטער, אָדער ווי א מורעשקע קעגען א עלעפאנט!”

איהר וואָלט געמעגט שווערען, אז ער איז דאָרטען אליין געוועזען און געזעהן אלסדינג מיט זיינע אייגענע אויגען. זיין חבר האָט איהם געקוקט אין מויל אריין און געשלונגען מיט דאָרשט איטליכס וואָרט און שטארק, שטארק מקנא געוועזען! איין זאך נאָר איז איהם געוועזען א ביסעל קשה, און ער האָט זיך ניט געפוילט עס א פרעג טהון ביי זיין חבר פינעלען: וויבאלד אָדעס איז יאָ אזא טייערע שטאָדט און אפרתי דער מיליאָנשטשיק איז זייערער א קרוב, וואָס זשע האָבען זיי געשוויגען ביז אהער? פאר וואָס זענען זיי פריהער ניט ארויסגעפאָהרען אהינצוצו?... דערויף האָט פינעלע אָפּגעענטפערט, נאָר קיין סך נישט געטראכט:

— נארעלע! א קרוב, מיינסט דו, טאקי א נאָהענטער קרוב — א פעטער? צי א געשוועסטערקינד? צי א מחותן? עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! א וויייטער קרוב! אפילו ניט קיין שני־שבשלישי. זיי זענען נאָר ביידע, דאָס הייסט אפרתי און מיין מאמע, פון איין שטאָדט, פון מעזשירעטשקע. מיין מאמע׳ס מאמע איז פון מעזשירעטשקע און אפרתי׳ס טאטע, זאָגט מען, איז אויך געוועזען א מעזשירעטשקער...

נומען מאַכען חוזק פון וואָראָנקאָ. „וואָס איז וואָראָנקאָ? — אַ העק, אַ גרוב, אַ דאָרף, ערגער פון אַ דאָרף! און די מענטשען? — קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים! וואָס אין אָדעם פאַרמאָגט איין אפרתי, נאַרעלע, פאַרמאָגען דאָס ניט אַלע וואָראָנקאָווער אידען שוין מיט די נגידים אינאיינעם"...

דערנאָך האָט פּינעלע גענומען צו דערצעהלען גרויסקייט פון זיך און פון זייער משפּחה, ווי אַזוי זיי וועלען דאָס באַלד געבען אַ פאָהר־ארויס מיט די בוידען, אַז ס'וועט אַזש געהן אַ רויך! און ווי אַזוי זיי וועלען זיך עס אַ ביסעל אָנפאָהרען! און דערנאָך וואָס ס'וועט זיך טהון, אַז זיי וועלען דאָס געבען אַ פאָהר־אריין קיין אָדעם! אַלע גרויסע לייט וועלען זיי ארויסקומען אקעגען מיט אַ ברייטען שלום־עליכם און מיט פרישע קוילעטשען און מיט געבראָטענע קאַטשקעס און מיט גוטען ווישניק, און אפרתי וועט אויך זיין דאָרטען...

— ווער איז דאָס דער אפרתי? — פרעגט איהם שלום.

— אפרתי ווייסט דו ניט? — ענטפערט איהם פּינעלע, ווי אַ גרויסער. — אפרתי דאָס איז אונזערער אַ קרוב פון דער מאַמע'ס צד, אַ גביר, איין אדיר, אַ מיליאָנשטשיק! איך האָב דאָך דיר געזאָגט שוין, אַז וואָס דער איין אפרתי פאַרמאָגט אין איין קעשענע, נאַרעלע, פאַרמאָגען דאָס ניט אַלע היגע אידען מיט די נגידים אינאיינעם. קאָנסט פאַרשטעהן, ווי רייך ער איז, אַז פאָהרען פאָהרט ער ארויס מיט זעכס פערד „נאַשפּיץ" און איינער אַ רייטער פליהט אויף־צו־פריהער. אָנגעטהאָן געהט ער פון קאָפּ ביז די פיס אין זייד און אין סאַמעט, און צוויי טולעפּעס האָט ער: איינער איז אַ יענאָטענער און דער אַנדערער איז פון פיזעם. און עסען עסט ער אינדערוואָכען נאָר קוילעטש און נאָר געבראָטענע קאַטש־קעס און פאַרטרינקט מיט'ן בעסטען ווישניק...

— און וואָס וועט איהר דאָרטען טהון? — פרעגט איהם שלום און שלינגט די סלינע פון די געבראָטענע קאַטשקעס מיט'ן גוטען ווישניק.

געקיצעלט ביי די פיאטעס: „חא־חא! קיין אָדעס פאָהרט ער! צו אפרתי׳ן, הא־הא־חא!!!”...

אין דער מינוט האָט זיך דער פאַלשער שמואל־אלי געקויפט א שונא, א דם־שונא! דאָס איז געווען שלום נחום וועוויק׳ס: איהם איז ניט געווען צום לאַכען. אדרבה, איהם האָט זיך געוואָלט וויינען. ערשטענס, פארלוירען א חבר — פינעלען. צווייטענס, די קנאה: יענער פאָהרט אוועק. און וואוהין? אזוי ווייט! אזש קיין אָדעס! און ועל כולם — און דאָס איז דער עיקר, — וואָס דאָס אמאָליגע שענע חנ׳עווריגע שטעדטעל וואָראָנקאָ איז עפּיס ווי קלענער געוואָרען, קלענער און נידעריגער און טונקעלער, און עס האָט מיט א מאָל אָנגעוואוירען דעם גאַנצען חן, מיט׳ן גאַנצען גלאַנץ און מיט׳ן גאַנצען כשוף. און עס האָט איהם פאַר־קלעהמט ביי דער נשמה, און ער איז, א באַטריבטער, א פאַר־ביטערטער, מיט א צעוועהטיגט הארץ, אוועק אין חדר אריין...

נ. ב. אין א צייט ארום, עס זענען אוועק יאָהרען און יאָהרען, האָט זיך ארויסבאַוויזען, אז שמואל־אלי דער חזן האָט ניט אומ־זיסט אזוי געלאַכט: שימעלע איז אריבערגעפאָהרען מיט זיין געזינדעל נישט קיין אָדעס, נאָר קיין רזשישטשעוו, א קליין שטעדטעל אין קיעווער גובערניע, גאָרניט אזוי שטארק ווייט פון וואָראָנקאָ. צו וואָס האָט איהם געטויגט דער אָנשטעל פון אָדעס און פון אפרתי׳ן — דארף מען פרעגען ביי זיינע קינדער, וואָרום שימעלע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ.

מע קאָן ניט זאָגען, אז פינעלע'ס ענטפער זאָל זיין א תירוץ מספיק אויף דער פראגע, וואָס שלום האָט איהם אוועקגעשטעלט. נאָר די צייט איז זיך געגאנגען, און די צוויי חברים האָבען זיך אזוי פאררעדט וועגען אָדעס און וועגען אפרתי'ס יחוס פון מעזשי־רעטשקע און וועגען נאָך זאכען, אז זיי האָבען זיך גאָרניט אומ־געקוקט, ווי דער פריהמאָרגען איז אוועק. דער עולם האָט שוין בערוויל לאנג אָפגעגעסען די ווארעניקעס, געוועזען עפּיס מאָרגע אויפגערוימט, רויטליך און פארשוויצט, און מע איז שוין געשטאנען ביי די בוידען און גענומען געזעגענען זיך זעהר פריינטליך מיט שימעלען און מיט זיין משפחה, קושען זיך און ווינטשעווען אלדאָס גוטס. מעהר פון אלעמען האָט זיך געקושט שמואל־אלי דער רב און חזן, געהאלטען עפּיס מאָרגע די אויבערשטע ליפּ, ווי זי וואָלט וועלען לאכען, און צוגעווינטשעוועט די אָפּפאָהרענדיגע, ס'זאָל זיין אין א מזל'דיגער שעה, און געבעטען שימעלען, ער זאָל זיין אזוי גוט און לאָזען גריסען גאַנץ אָדעס, און אפרתי'ן — „למען השם, ניט פארגעסען אפרתי'ן לאָזען גריסען גאָר פריינטליך!"

— פּראָשטשאַוואיטע, סוקינע דיעטי! — האָט זיך שימעלע פריילין אָפּגעזעגענט צום לעצטען מאָל שוין פון בויד ארוים מיט'ן גאנצען שטערטעל. — פּראָשטשאַוואיטע! ניע פּאָמינאיטע לי־כאָם! און לאָז אייך גאָט העלפען, איהר זאָלט זיך ארויסקאַ־ראַטשקען פון דער דאָזיגער בלאָטע במהרה בימינו — הײדא!

— הײדא! — האָט איהם נאָכגעזאָגט אויך פינעלע, א שטעהענדיגער אין בויד, האלטענדיג ביידע הענט אין די קעשענעס, ווי א גרויסער, און קוקענדיג אויף זיין חבר שלום מיט ליעבשאַפט און מיט גדלות — און די בוידען האָבען זיך געריהרט.

און אז די בוידען זענען אוועק, איבערלאָזענדיג נאָך זיך א ריח פון פערד און א גאנצע וואָנט פון שטויב, האָט זיך שמואל־אלי געחאַפּט מיט ביידע הענט ביי די זייטען און האָט אזוי געלאכט, זיך אזוי געקאַטשעט, גלייך ווי צעהן טויזענט שדים וואָלטען איהם

עפּיס אַ גוטע זאַך, האָבּען זיי געקליבּען תענוג און צו גלייכער צייט האָט זיי באַנג געטהאָן זיך שיידען מיט׳ן קליינעם שטעדטעלע, וואו זיי האָבּען פאַרבּראַכט זייערע בעסטע קינדערשע יאָהרען, די סאַמע גאָלדענע צייט פון זייער יוגענט.

„וואָס וועט זיין — האָט זיך דער קליינער שלום געטראַכט — מיט דעם וואָראָנקאָווער אַלטען בית־מדרש, אַז אַלע אידען וועלען זיך צעפאָהרען? ווער וועט זיצען אויף זייערע ערטער אין מזרח־זייט? און דער באַרג, וואָס אויף יענער זייט בית־מדרש, וואָס וועט זיין מיט איהם? און מיט די אידישע קלייטען? און מיט׳ן אוצר?... ניט שוין־זשע וועט פאַרלוירען געהן אַזאַ גוטס, וואָס ליגט אָנגעגרייט פון אידענ׳ס וועגען טיעף אין דער ערד אַזוי פיעל יאָהרען? ניט שוין־זשע וועט דאָס אַלסדינג אונטערגעהן, כּלה ונאבד ווערען?!״...

וויפיעל מע האָט זיך ניט געהיט פאַר די קינדער ניט צו רעדען אין שטוב פון „אַזעלכע זאַכען״, האָבּען זיי דאָך געכאַפּט ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל״... „פּרנסה איז געשלאָגען״... פאַר וואָס אַז מע איז משנה דעם מקום, איז מען משנה דעם מזל? און וואָס איז, איינענטליך, אַזעלכעס „פּרנסה״ און ווי אַזוי „שלאָגט״ מען זי? — דאָס האָבּען קליינוואַרג נאָך ניט אַקוראַט פאַרשטאַנען. נאָר לויט דער מינע, וואָס די גרעסערע האָבּען בעת־מעשה געמאַכט, האָבּען די קלענערע זיך אָנגעשטויסען, אַז עפּיס טהוט זיך, עפּיס קומט־פאָר... שטענדיג אַ שטילער, אַ רוהיגער, אַ בעל מרה־שחורה, איז נחום וועוויק׳ס געוואָרען נאָך מעהר שטיל און נאָך מעהר מרה־שחורה׳דיג. תמיד איין איינגעבויגענער, איז ער געוואָרען נאָך מעהר איינגעבויגען. אויפ׳ן הויכען ווייסען שטערן האָבּען זיך אויסגעלעגט נאָך אַ מאָל אַזוי פיעל קנייטשען, ווי פריהער. איינ־צווייען פלעגט ער זיך פאַרשליסען מיט׳ן יונגערען ברודער, מיט׳ן פעטער ניסלען, רויכערען אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און עפּיס נאָר גע׳סוד׳עט זיך און נאָר געשטיקט זיך... מע האָט דעם לעצטען ווינטער אויפגעהערט בּיי די ראַבּינאָוויטשעס פּראַווען מלוה־מלכּהס

19

משנה מקום — משנה מזל

עס האַלט ביי פאַרלאָזען כתרילעווקע. — הערסעל מיט דער סין טהוט־אָן דעם שותף אַ ספּאַרעק. — דער באַבע מינדיי׳ס תכריכים.

פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען — קאָן דער פּאַרפּאַסער פון די דאָזיגע באַשרייבונגען נישט זאָגען. נאָר שימעלע האָט געמאַכט דעם ערשטען פּעטשאַטעק. תיכף נאָך זיין ארויספאָהרען האָבען די איבעריגע וואָראָנקאָווער בעלי־בתּים אויך גענומען שמועסען פון „משנה מקום — משנה מזל“ און פון אריבערפּעקלען זיך אין אַנדערע גרעסערע שטעדט: ווער קיין באַרישפּאָלי, ווער קיין רזשישטשעוו, ווער קיין וואַסילקאָוו און ווער נאָך ווייטער.

אויך אויף נחום וועוויק׳ס האָבען זיינע קינדער געהערט דער־צעהלען בסוד־סודות, אַז ער קלויבט זיך אריבער אין גיכען צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו, אין דער גרויסער שטאָדט, פון וואַנען ער איז אַמאָל אריבערגעפאָהרען אהער, קיין וואָראָנקאָ, בעת די קינדער זענען נאָך געוועזען גאָר קליינינטשקע, און אויסגעלאָזט האָט מען דעם סוד מיט די ווערטער: „משנה מקום — משנה מזל“...

ביי די קינדער האָט דאָס פּערעיאַסלאַוו אויסגעזעהען מורא׳דיג גרויס און פול מיט חן און פול מיט סוד. „פּערעיאַסלאַוו איז אַ מקום־פּרנסה“, — אַזוי האָבען צווישען זיך געשמועסט די גרויסע, און קליינוואַרג האָבען זיך צוגעהאָרכט צו די שמועסען, נאָך ווינציג פאַרשטאַנען, נאָר געפיהלט האָבען זיי, אַז דאָס פּערעיאַסלאַוו איז

„סטייטש, רב נחום, וואָס שווייגט איהר איהם? פאַר וואָס נעמט איהר איהם ניט צום רב, צו מענטשען?" נאָר אז ס'איז געקומען צום רב און צו מענטשען, האָט דער דאָזיגער הערסעל מיט דער סין זיך אויסגעלאַכט און אַרויסגערעדט זיך עפּים מורא'דיג גראָב (און דוקא מיט דער סין, ווי זיין שטייגער איז), אז ס'איז גאָר אַ בזיון דאָס פאַר'ן מויל צו ברענגען...

— אַ יונגאַטש קאָן! — האָט דער פעטער ניסעל גע'טענה'ט, געמאַכט מיט די הענט און גערויכערט מורא'דיג גראָבע פּאַפּי־ראָסען, און ער האָט זיך געשוואוירען, אז זיין נאָמען וועט ניט הייסען ניסעל, אויב ער וועט אָט דעם שייגעץ, דעם הולטאַי, דעם גראָבען יונג מיט דער סין ניט אַריינפּאַקען אין אַסטראָג אַריין, ווינציגסטענס, אויף פינף און צוואַנציג יאָהר!

— וואָסער פּאַקען? וואָסער אַסטראָג? וואָסערע פינף און צוואַנציג יאָהר? — אַזוי האָט איהם דער עלטערער ברודער, נחום, אָפּגעקיהלט מיט אַ ביטערען שמייכעל און אויך פאַררויכערט אַ גראָבען פּאַפּיראָס. — מע האָט מיר אָנגעטהאָן אַ ספּאָדעק, און מע מוז איצטער פאָהרען צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. משנה מקום — משנה מזל...

דאָס זענען געווען קלאָרע דבורים, וואָס חברה האָבען פאַר־שטאַנען, חאָטש איין זאַך איז זיי נאָך געווען אַ ביסעל ניט אַזוי פאַרשטענדליך: פון וואָסער אַ „ספּאָדעק" האָט זיך דאָ גערעדט? צוגעהן צום טאַטען און פרעגען — דערויף האָט קיינער נישט געוואַגט. צופיעל דרך־ארץ האָט מען געהאַט פאַר אַ טאַטען, מע זאָל צוגעהן צו איהם פרעגען: „טאַטע, וואָס פאַר אַ ספּאָדעק האָט מען דיר אָנגעטהאָן?" די קינדער האָבען נאָר געזעהען, אז דער טאַטע צאַנקט, געהט איינגעבויגען. יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רייסט־אויס אַ שטיק הארץ.

— איהר וועט דאָ בלייבען איבער'ן זומער לערנען, איין עבירה אין מיטען זמן אייך אָפּצורייסען, און אם ירצה השם אויף

פאַר דער גאַנצער שטאָדט. דעם לעצטען שמחת־תּורה און שמיני־עצרת האָט מען אפילו נאָך געהוליעט, דער פעטער ניסעל האָט אפילו זיך נאָך געביטען מיט׳ן סטאַנאָוואָי מיט די היטלען און בּלומרשט געטאַנצט מיט איהם אויפ׳ן דאַך אויך — נאָר ס׳איז שוין געווען ניט דאָס הוליען און ניט דאָס טאַנצען, וואָס פריהער. אפילו די מוהמע האָדעל איז געוואָרען געלאַסען, פאַרלוירען אַ סך פון איהר גיפט... עפּיס איז די גאַנצע משפּחה געוואָרען ווי צע־שרויפען. נאָר איין באָבע מינדי האָט זיך נאָך געהאַלטען שטאָלץ, ווי אַ דעמב. די אייגענע ריינקייט און טשעפּקעקייט, וואָס פריהער. די אייגענע ציכטיגקייט און זויבערקייט, וואָס אַלע מאָל. נאָר די שבּת־אויבּסטען זענען געווען, דאַכט זיך, שוין ניט די, וואָס תּמיד. די עפּעלעך אַ ביסעל צוגעפרוירען און צוגעלעגערט און אַ ביסעלע ווי אונטערגעפוילט, די ניסלעך פּייפּעדיג, און אין די פייגען האָבּען זיך פאַרפּלאָדעט ווערעם... געדאַוועגט און געבּענטשט האָט די באָבע מינדי, ווי פריהער, געשמאַק און הויך אויף אַ קול, ווי אַ מאַנסבּיל, פון איהר גרויסען ציכטיגען קרבּן־מנחה ארוים, און אויס־געשמועסט זיך מיט׳ן רבּונו־של־עולם. נאָר ס׳איז שוין געווען ניט דאָס דאַוונען און ניט דאָס אויסשמועסען זיך מיט גאָט. עפּיס האָט זיך געטהאָן אין דער משפּחה, עפּיס איז פאָרגעקומען ביי די ראַבּינאָוויטשעס אַ מין סוד.

אזוי האָט זיך עס געצויגען אַ גאַנץ ווינטער, ביז עס האָט פּלוצים אויסגעזעצט דער בּלאָטער, דער אמת איז אַרויף ווי בּוימ־עהל אויפ׳ן וואַסער, און די גאַנצע שטאָדט איז געוואַוירע געוואָרען פונ׳ם סוד, אַז נחום וועוויק׳ס שותּף פון דער פּאָסעסיע, אַ איד איין אָנגעפּעלצטער מיט אַ רויטער נאָז (הערשעל האָט ער גע־הייסען, נאָר ווייל ער האָט ניט געקאָנט אַרויסרעדען קיין שין, נאָר אַ סין, האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבּען „הערסעל מיט דער סין״), האָט זיין שותּף נחומ׳ען בּדיל־הדל געשטעלט, פּשוט בּאַ־גנבע׳עט, און חוץ לזה האָט ער איהם נאָך שטילערהייט אויסגעדונגען פון דער פּאָסעסיע! איז געוואָרען אַ ויצעקו אין שטאָדט:

מאטעריע?״... דער פרעגער איז געווען נישט קיין אנדערער, נאָר דער קלענסטער פון אַלע אין וואוקס און דער גרעסטער פון אַלע אין שקאָצעריי, דער שרייבער פון די דאָזיגע זכרונות. ער האָט דערפאַר באַקומען פון דער באַבע אַ שען ביסעל מוסר, און זי האָט איהם נאָך צוגעזאָגט צושטעלען אַ בענקעלע פאַר׳ן טאַטען. זי קלויבט זיך שוין פון לאַנג, האָט זי געזאָגט, אויף דעם קליינעם „ליץ״. זי ווייסט, זאָגט זי, גאַנץ גוט, אז ער מאַכט איהר נאָך הינטער די פּלייצעס, ווי אַזוי זי דאַווענט און ווי אַזוי זי בענטשט (און דאָס איז דוקא געווען איין אמת). זי וועט דאָס שוין אַלסדינג דערצעהלען, אַלסדינג! זי וועט זיך שוין קיהלען דאָס הארץ!... צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ווער־וואָס? די באַבע האָט אפילו ניט אָנגעהויבען צו דערצעהלען. אדרבה, פאַר׳ן אוועקפאָהרען, אז ס׳איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי זיך צעקושט מיט יעדען קינד באַזונדער, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן זיך קושען, און געוויינט, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן וויינען. און שפּעטער, אַז מע האָט שוין באַדאַרפט טאַקי זעצען זיך פאָהרען, האָט זי צום לעצטען מאָל זיך אָפּגערופען צו די קינדער:

— זייט זשע געזונט, קינדערלעך! גאָט זאָל העלפען, איהר זאָלט דערלעבען אַלע צו געהן נאָך מיין לויה...

אַזאַ מין ווינשעוואַניע!

סוכות וועט מען שיקען נאָך אייך אַ פוהר, וועט איהר קומען צו פאָהרען.

אזוי האָט נחום וועוויק׳ס געגעבען צו וויסען די קינדער איינ־מאָל אין אַ זומערדיגען טאָג, און צו זייער שטוב זענען צוגעפאָהרען צוויי בוידען, פונקט אזוי ווי דעמאָלט צו שימעלען, און מע האָט זיך גענומען פאַקען אין וועג און געזעגענען זיך מיט דער שטאָדט. ס׳איז אָבער געווען ניט דאָס פאַקען זיך און ניט דאָס געזעגענען זיך און ניט די פרייליכע ווארעניקעס, וואָס ביי שימעלען. עפּיס האָט זיך אַ באַזונדערער טרויער אויסגעגאָסען אויף אַלעמען און אַ מרה־שחורה איז געלעגען אויף אַלע פּנימ׳ער. די גאַנצע שטאָדט האָט מיטגעפּיהלט די ראַבינאָוויטשעס. „זאָל זיי גאָט העלפען; משנה מקום — משנה מזל; נעבאָך אַ רחמנות!" — אזוי האָט מען געשמועסט הינטער די אויגען, און די קינדער האָבען נאָך ווינציג־וואָס פאַרשטאַנען, פאַר וואָס און אויף וועמען איז עס אזא רחמנות? אויב שוין יאָ אַ רחמנות, איז עס געווען אויף דער באָבע מינדי, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָהרען באַדאַרפט צו־נויפלעגען איהר קאַסטען, זיך פאַקען אין וועג אריין. יונגוואַרג האָבען דערווייל געהאַט אַ געלעגענהייט האַפען אַ קוק, וואָס ביי דער באָבע אין קאַסטען טהוט זיך: אויסער די זיידענע אויס־געפּרעסטע טיכעלעך, וואָס זענען געלעגען אויסגעלעגט צווישען די בלעטער פון קרבן־מנחה, אויסער די יום־טוב׳דיגע זיידענע מלבושים און סאַמעטענע רעזעוואָלקעס, עפּיס מאָדנע גענייהט, מיט קור־צינקע אַרבעלעך און פייענע עקלעך — אויסער דעם גוטס און האָב, איז דאָרט געלעגען ווייט־ווייט אין אַ ווינקעלע זעהר אַ סך ווייס־שטאָף. דאָס איז געווען דער אַלטער׳ס תּכריכים, וואָס זענען געלעגען ביי איהר צוגעגרייט פון ווייס איך ווען אָן אויף איבער הונדערט יאָהר, אַז ט אָ מ ע ר וועט זי שטאַרבען, זאָל זי ניט דאַרפען אָנקומען צו אַ קינד... דאָס האָבען געוואוסט אַלע; פון דעסטוועגען האָבען חברה געהאַט אַ האַרץ אַ פרעג צו טהון ביי דער באָבע: „צו וואָס באַדאַרף זי האָבען אזוי פיעל ווייסע

נחום'ען. שפּיעלען אַ שאָך איז בײַ איהם אַ פאַרגעניגען. געווינען בײַ רבֿ נחום'ען אַ שאָך איז בײַ איהם אַ גליק. אַ מאָדנע טבע בײַ דעם שמואל־אלי'ן: פאַרשפּיעלט ער — שרייט ער, געווינט ער — שרייט ער. נאָר געווינען געווינט ער זעלטען. מעהרסטענטיילס פאַרשפּיעלט ער. און אַז ער פאַרשפּיעלט, שרייט ער, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, אַז ער איז געגאַנגען נישט מיט דעם ציגעל, וואָס ער האָט געוואָלט, און אַז ער זאָל געוועז גענען אַנדערש, וואָלט דער אַנדערער פאַרשפּיעלט!...

בײַ אַזאַ שפּיעל, אַז ס'איז געזעסען דער פעטער ניסעל, האָט ער נישט געקאָנט ליידען. האָט ער געפרעגט שמואל־אלי'ן: „וואָס שרייט איהר?" דער טאַטע נחום איז אָבער ניט געווען אַזאַ מענטש. ער האָט רוהיג אויסגעהערט שמואל־אלי'ן, ווי ער קאָכט זיך, פאַוואָלינקע געשמייכעלט זיך אין באָרד אַריין און געשפּיעלט ווייטער. די מאַמע חיה־אסתּר איז געווען אויסער זיך: אין אַזאַ צייט, אַ שעה פאַר'ן אוועקפאָהר, זעצט מען זיך אוועק שפּיעלען אין שאָך? „דאָס לעצטע מאָל, חיה־אסתּר, געזונט זאָלט איהר זיין! איהר פאָהרט אוועק, דער עולם צעקריכט זיך, קיינער בלייבט ניט, מיט וועמען וועל איך שפּיעלען אין שאָך?"

אַזוי בעט זיך שמואל־אלי דער חזן און פאַרשאַרט דאָס היטעל אַרויף, נעמט זיך צו דער אַרבייט און הויבט שוין אָן צו קאָכען זיך און צו שרייען, אַז ניט אַזוי איז ער געגאַנגען, ווי ער האָט געוואָלט, און נחום שמייכעלט און לאָזט איהם געהן אַנדערש.

דאָס שפּיעלען געהט אָבער בײַ זיי ניט ווי אַלע מאָל. עס קומען אַלע מינוט צו געהן נייע מענטשען זיך געזעגענען. מע קאָן ניט זיין אַזוי גראָב און מע מוז איבעררייסען אין מיטען שפּיעלען, אַז עס קומט צו געהן אַזאַ איד אַ שכן, ווי רבֿ אייזיק. ער מעג טאַקי האָבען אַ ציגען בעררעל און דאַווענען אויף אַ דין קול'כעל, איז ער אָבער אַ ליבאַוויטשער חסיד און זעהר איין עהרליכער איד. צי, אַשטייגער, באַלד נאָד איהם איז געקומען דן. דן איז אַ יונגער־מאַן מיט ווייסע האָר, דאָס הייסט געל, נאָר געל, ווי פלאַבס. ער

20

דער עולם צעקריכט זיך

שמואל־אלי שפּיעלט אין שאָך. — דער עולם קומט זיך געזעגענען. — ווייבער מיט פּאַרוויינטע אויגען פּיסקלען זיך. — מע דאַרף זיין פון אייזען, מע זאָל ניט לאַכען.

דער טאָג פון נחום וועוויק'ס אוועקפאָהרען איז געווען פאַר דער שטאָדט א תשעה־באָב און פאַר די קינדער — א שמחת־תורה: א קליינינגקייט אזא יום־טוב? ערשטענס, לערענט מען ניט. ווער וועט דאָס געהן אין אזא טאָג אין חדר אריין? און צווייטענס, איז גלאַט לעבעדיג — מע קלויבט זיך, מע פּאַקט זיך, מע רוקט שאַפעס, עס קלינגען גלעזער, גאָפּעל־מעסער, עס קומען בוידען, און עסען עסט מען ווי ערב־פּסח, בחפּזון'דיג! היינט די פּאָר גראָשענס, וואָס מע וועט באַקומען „אָטיזנע" (אָפּפאָהר־געלט)? דערווייל זעהט מען עס נאָך נישט. דערווייל קומען נאָך בעלי־בתּים זיך געזעגענען. דאָס הייסט, זיי קומען, מע זאָל זיי זאָגען „זייט געזונט", וועלען זיי זאָגען „פאָהרט געזונט" און אָנווינטשען דערביי אָהן א שיעור גוטע זאַכען, ווי געזונט און הצלחה און מזל און אלדאָס גוטס.

פריהער פון אלע איז געקומען שמואל־אלי דער רב און חזן. שמואל־אלי איז איין אָפּטער איינגעהער צו די ראַבּינאָוויטשעס. ער קומט אלע טאָג. ווי איין עהרליכער איד לאָזט נישט דורך דאַוונען, אזוי לאָזט ער נישט דורך קיין שאָך שפּיעלען מיט רב

זולל־וסובא׳ניק, דעם איוואן פּאַפּערילע, דעם ימח־שמו׳ניק, דעם אויסוואורפלינג, דעם כל־בו׳ניק... דאָס האָט זי געמיינט נישט קיינעם, נאָר דעם מחבר פונ׳ם דאָזיגען בוך, וואָס איז געשטאַנען בעת־מעשה אַ נעבאַכעל, גאָט די נשמה שולדיג. עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט געחאַפּט אַ רעכטע „אַטיזנע" פון דער מאַמע, ווען עס מישט זיך ניט אַריין די אַלטע באַבע מינדי און לייזט איהם ניט אויס פון מזומנ׳ע פּעטש. דערזעהען, אַז מיט איהר אייניקעל האַלט עס שמאָל, האָט זיך די באַבע מינדי אָנגערופען צום גאַנצען עולם:

— קינדערלעך! ביי אונז איז אַ מנהג פון קדמונים, אַז איידער מע געזעגענט זיך פאַר׳ן אוועקפאָהרען, באַדאַרף מען זיך צוזעצען האָטש אויף איין מינוט...

די באַבע מינדי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פאַר׳יתומ׳־טער קאַנאַפּע, וואָס צום איבערפיהרען איז זי געווען צו אַלט און פאַרקויפען איז ניט געווען וועמען, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אוועקגעזעצט נאָך איהר, און ס׳איז געוואָרען אַ ווייל׳ע שטיל, האָטש אַ פליעג דורכצופליהען. דערנאָך איז געקומען דער לעצטער אַקט, דער סאַמע שווערסטער — דאָס געזעגענען זיך און דאָס קושען זיך. און דאַנקען גאָט — מען איז דאָס אויך איבערגעקומען. די בוידען זענען גרייט. נאָך אַ מאָל „זייט געזונט!" און נאָך אַ מאָל „פאָהרט געזונט!" און ווידער אַ מאָל אַ ווישעניש פון אויגען און אַ שנייצען פון נעז, און פּיסקעס, פּיסקעס! גוואַלד, רבונו של עולם! געה האַלט זיך איין און מאַך ניט נאָך די ווייבער, ווי זיי קרימען זיך, ציטערען מיט די גוידערס און מאַכען פּיסקעס!... זיי לאָזען אפילו ניט געזעגענען זיך, ווי עס געהער צו זיין. עס ווערט מיט אַ מאָל שטאַרק אומעטיג אויפ׳ן האַרצען. אַ רחמנות אויפ׳ן טאַטען, אַ רחמנות אויף דער מאַמע, אַ רחמנות אויף דער באַבע מינדי. אָט טראָגט מען איהר אַלטען מיט אייזען געקאָוועטען קאַסטען; דאָרט ליגען איהרע תּכריכים... עס טהוט אַ צופּ, אַ נעם־אָן ביי דער נשמה. עס גלוסט זיך אַ וויין־טהון. ובפרט, אַז מע זעהט, אַז אַזאַ מענטש, ווי דער פעטער

איז בטבע א שווייגער, רעדט נישט מיט קיינעם. נאָר איצט, אַז רב נחום פאָהרט־ארויס פון וואָראָנקאָ, האָט זיך דן צערעדט. ער וואָלט אפילו געוועז, זאָגט ער, אויך ארויספאָהרען, ער זאָל האָבען וואוהין. האָפּט דאָס דער רוח! ער וואָלט א בעלן געוועזן פאר־קויפען זיין געשעפט, ער זאָל האָבען וועמען. האָפּט דאָס דער רוח!... שמואל־אלי קוקט אויף איהם, ווי א גזלן, און דן הערט נישט אויף צו שיטען מיט ווערטער. א מענטש האָט זיך צערעדט! אָנשווייגען ווערט ער ערשט דעמאָלט, ווען עס קומען צו געהן אנדערע זיך געזעגענען. און קומען קומט די גאַנצע שטאָדט, איינס נאָכ׳ן אנדערען. פריהער אידען, דערנאָך ווייבער. אַלע אראָפּגעלאָזט די נעז, אַלע פארזאָרגט. אנדערע פארוויינט. איין אידינע האָט געבראַכט צו טראָגען די קינדער מאָנפּאַסיע־קאָנפעקטען. א אידינע א צדקנית!...

שטארק פארוויינט זענען די צוויי ווייבער, וואָס האָבען חתונה געהאַט ביי די ראבינאָוויטשעס אין שטוב. דאָס זענען „פרומע די מויד" מיט׳ן בלינדען אייגעל און „פייגעלע־אשמדאי". די צוויי האָבען אזוי שטארק געוויינט די אויגען און געשנייצט די נעז און געמאַכט אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס, אַז שלום, דער קליינער „לץ", האָט זיך נישט געקאָנט איינהאלטען און האָט זיי ביידען, טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט, הינטער זייערע פּלייצעס, קונציג נאָכגע־מאַכט מיט די זעלבע פּיסקעס און מיט׳ן זעלבען שנייצען די נאָז, און חברה קליינוואַרג האָבען אַלע מאָל אויסגעשאָסען א הילכיגען געלעכטער. האָט זיך אָנגעהויבען א חתונה: „וואָס איז דער געלעכטער?" די מאַמע חיה־אסתר, א אידינע בכלל א בייזע, און דערצו נאָך פארצאָרנט און פארטאַרעראַמט פונ׳ם אָוועקפאָהרען, האָט אָוועקגעוואָרפען אַלע ארבייט און אויסגעלאָזט איהר צע־וועהטיגט הארץ צו די קינדער. זי האָט נאָר געוואָלט דערגעהן דעם שכל: „וואָס איז דער געלעכטער? און וואָס איז די גדולה?"... איז פרומע די מויד איהר געקומען צו הילף און געזאָגט, אַז זי וועט געהן שווערען ביי א „ריינינקייט", אַז דאָס שטאַמט פון אָט דעם קליינעם וועוריק, דעם סאַמאָוואָליץ, דעם

21

גערגעלע־גנב

מישה דער שוחט — א צדיק. — גערגעלע — א בחור מיט א צע־שפאלטענער ליפ. — די קונסט פון גנב'ענען עפעל. — געפאקט ביי דער פושקע טאבאק. — דעם רבינ'ס טוידט.

דאס דארף מען פארשטעהן, אז איבערגעלאזט האט מען קליינווארג אין שטעדטעל עפיס ניט גלאט אזוי אויף הפקר. דער פאטער האט פאר זיי געזוכט א מלמד מיט א מדריך, איין אפיטרופס, אינאיינעם. דאס הייסט: די קינדער זאלען ביי איהם אי לערנען, אי עסען קעסט, און דער רבי זאל אויף זיי השגחה געבען. און עס איז איהם אפגעראטען ארום און ארום. דער רבי מיט'ן אפיטרופס, מיט'ן בעל־משגיח, וואס ער האט געפונען פאר זיינע קינדער, איז געווען איין אויסגעשפיעלטער, א געראטענער, טאקי דעם אלטען וואראנקאווער שוחט'ס א זוהן, משה דער שוחט.

דאס איז געווען א זיידענער יונגערמאן, א צאצקע, א מופלג בתורה און א שענער בעל־תנ"ך, און גלאט א דימענט פון א מענטשען. דער חסרון איז אבער געווען, וואס אט דער רבי איז געווען נישט קיין געזונטער און בטבע שוין צו א גוטער, צו א ווייכער, געגאנגען מיט זיינע תלמידים אויף א נייעם דרך — ניט מיט שמיין, נאר מיט גוטע ווייכע ווארעמע רעד, צו וועלכע די קינדער זענען גארניט געוואוינט געווארען, און דעריבער טאקי האבען זיי אפגענארט דעם רבין פון קאפ ביז די פיס, מחילה געפיהרט איהם

ניסעל, ווישט אויך די אויגען, אַז קיינער זעהט ניט... דער פעטער ניסעל זאָל וויינען? ווי קומט עס?... דער טאַטע רופט־צו די חברה איינציגווייז, נעמט־אַרויס פון בייטעלע צו זילבערנע מטבעות. די מאַמע אויך. און די באָבע מינדי האָט נאָך פון פריהער אָנ־געגרייט איטליכען באַזונדער אין אַ פאַפּיערעל קליינגעלט — אחת לאחת וועט דאָס זיין אַ רעכטע מטבע! גאָט זאָל העלפען, די בוידען זאָלען שוין ריהרען. אָט האָבען זיי געריהרט. די רעדער קויקלען זיך. דער עולם האָט זיך גענעבען מיט אַ מאָל אַ שטופּ: „פאָהרט געזונט! זייט מצליח!" פון דער בויד אַרויס קוקט זיך אום די באָבע מינדי, גלייך ווי זי וואָלט וועלען נאָך אַ מאָל, צום לעצטען מאָל, געבען אַ קוק אויף דעם אָרט, וואָס זי האָט פאַרלאָזט אויף שטענדיג, אויף אייביג... עס נעמט זיי ווידער אָן איין אומעט און דאָס געפיהל פון רחמנות חאַפּט זיך אויף נאָך אַ מאָל ביי זיי אויף אַ ווייַלע און ווערט פאַרלאָשען — עס ווילט זיך איבערצעהלען דאָס ביסעל מינץ...

פונ׳ם גאַנצען טאַרעראַם מיט׳ן גאַנצען האַרמידער האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעלאָזט אַ שטילשווייגעניש. די בוידען זענען אוועק, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ געדיכטען שטויב, אַ ריח פון סמאָלע און אַ מאָדנע פוסטקייט. דער עולם האָט גענומען ביסלעכ־ווייז, איינציגווייז, ווי פאַרשעמט, זיך צעגעהן, דער אהער, דער אהין, עפּים גלייך ווי די אָפּגעשמיסענע. דער פעטער ניסעל — יענער איז גאָר אַנטרונען געוואָרען. געבליבען שפּעטער פון אַלע איז שמואל־אלי דער חזן. ער איז נאָך לאַנג־לאַנג געשטאַנען און נאָכגעקוקט די אָפּגעפאָהרענע, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגען פון דער זון, וואָס האָט באמת גאָרניט אַזוי שטאַרק גע־בראָטען און גאָרניט אַזוי שטאַרק געשיינט. דערנאָך האָט ער מיט אַ ביטער שמייכעלע אַ זאָג געגעבען צו זיך אַליין: „דער עולם צעקריכט זיך, אַזוי ווי ווערעם"...

און ער האָט אויסגעשפּיגען.

אז ווִיפיעל ס׳איז געווען ווייבלעך און מיידלעך, האָבען איהם אַלע געשאָלטען מיט טוידטע קללות: „גנב״, און „משומד״, און „חלירע״, און וואָס אין דער קאָרט, און געלאַכט בעת־מעשה צום טוידט! „אָט דער איז פון מיינע לייט!״ — האָט זיך געזאָגט שלום נחום וועוויק׳ס און איז געוואָרען מיט איהם חבר. פאַר־שטעהט זיך, בסוד, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, וואָרום אַ „טאַטענ׳ס אַ קינד״ וואָלט געקאָנט האָבען אַ מיאוס׳ען פסק פאַר אַזאַ חבר׳ען זיך מיט אַ קעכינ׳ס אַ יונגעל און אַ גנב דערצו.

עס איז אָבער געווען אַ באַזונדער מין זיסקייט אין דעם חבר׳ען זיך דוקא מיט אַזאַ יונגעל, מיט וועלכען מע קאָן זיך באַגעגענען נאָר פאַרנאַכטליך, בין מנחה למעריב, רעדען אַ פּאָר ווערטער, מאַכען אַ פּאָר קונצען, זיך לאָזען לויפעןביידע אַראָפּ אַ באַרג, וכדומה. עס איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגען אַריינ־רוקען איהם אין האַנט אריין, אַז קיינער זעהט ניט, אַמאָל אַ גראָשען, אַמאָל אַ צוקערקע און אַמאָל גלאַט אַ שטיקעל ברויט — גערגעלע האָט אַלסדינג גענומען בשמחה רבה, חלילה ניט ווי אַ נדבה, און נישט געזאָגט קיין דאַנק אפילו, נאָר צוגענומען מיט ביידע הענט, ווי אַ חוב, וואָס קומט איהם, און געהייסען זיך ברענגען מאָרגען נאָך אַ מאָל, געגעבען עצות, ווי אַזוי מע זאָל פון זיינעטוועגען „קריגען״, דאָס הייסט, מחילה, גנב׳ענען. נישט אויפ׳ן גראָבען אָרט חלילה, נאָר איידעל. למשל, דער אייגענער גערגעלע האָט אויסגעלעהרענט זיינע חברים, און דוקא אין אַ גאָר קורצער צייט, ווי אַזוי מע קאָן קריגען אומזיסט עפּעל אין מאַרק, אָדער באַרען. מע מיינט נישט פון פרעמדע גערטנער, חלילה. וואָרום וואָס פאַר אַ טאַטענ׳ס אַ קינד וועט זיך עס איינשטעלען אַריבערקריכען, ווי אַ גוי, איבער אַ פּלויט, אריינשפּרינגען אין אַ פרעמדען גאָרטען, וואו עס געפינט זיך אַ שומר, וואָס קאָן ברעכען אַ ביין, און אַ הונט אויף אַ קייט, וואָס קאָן דורס זיין אַ מענטשען? קריגען אומזיסט עפּעל ווִיפיעל מע וויל האָט זיי גערגעלע־גנב אויסגעלעהרענט נאָר שפּיעלענדיג זיך, און אפילו נישט עובר צו

אין באָר אריין: ניט גערואוועגט און ניט געלערנט, און שפּעטער־צו, אז משה דער שוחט איז שוין גאָר גוט קראַנק געוואָרען, באַקומען די „דאָר" און אוועקגעלעגט זיך, האָבען חברה אָנגעהויבען ארומצוגעהן פּוסטעפּאַס, שלאָגעןביידעקעס, זיך חבר'ען מיט גערגעלע־גנב, א יונגעל א יתום און א באָרוויסער, מיט ממזר'ישע אויגען, מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ — א רעכטער באַסיאַק! זיין אמת'ער נאָמען איז געווען גרשון, נאָר דאָס האָט איהם זיין מאַמע, שרה־פייגה די קעכין, זאָגט ער, אזוי פאַרצויגען, און דעם נאָמען „גנב" האָט איהם שוין צוגעלעגט, זאָגט ער, זיין שטיפטאַטע, יוסף־מאיר דער העקער, חאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט, זאָגט ער, ביי קיינעם קיין זאַך ניט אוועקגע'גנב'עט. מע זאָל איהם ניט געווען, זאָגט ער, א נאָמען געבען גנב, וואָלט ער אפשר קיין גנב קיינמאָל ניט געוואָרען. איצט וועט ער שוין, זאָגט ער, זיי אויף־צו־להכעיס, ווערען א גנב — הלואי עס זאָל נאָר זיין וואָס צו גנב'ענען!...

אזוי האָט זיך גערגעלע־גנב באַריהמט גאַנץ ערנסט און מיט א מינע פון א גרויסען פּאַר שלום נחום ווערוויק'ס, וואָס איז געווען איבערראַשט פון'ם יונגעל מיט די קלוגע אויגען און מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ. זייער באַקאַנטשאַפט האָבען זיי געשלאָסען טאַקי ביי משה דעם שוחט אין חדר. א גאַנצע וואָך איז משה דער שוחט געווען א מלמד, נאָר דאָנערשטאָג איז ער געווען א שוחט, און אלע ווייבלעך און אלע מיידלעך האָבען זיך דעם דאָנערשטאָג־דיגען טאָג דאָ צונויפגעזאַמעלט מיט זייערע עופות, גענז און קאַטשקעס. צווישען זיי איז געווען איינער א בחור'על מיט א צעשפּאָלטענער ליפּ — דאָס איז געווען גערגעלע — אויך מיט איין עוף, וואָס די מאַמע די קעכין האָט דורך איהם געשיקט צום שוחט קוילען אויף שבת. זיצענדיג צווישען די ווייבלעך און וואַרטענדיג אויפ'ן שוחט, האָט דערווייל אָט דער גערגעלע גע־ווילט דעם עולם, דאָס הייסט, ער האָט געמאַכט אזעלכע משונה אָנשטעלען, אזעלכע מאָדנע פּיסקעס און אזעלכע משוגע'נע העויות,

זויל. איין אָרעם יונגעל און א יתום — ווער וועט זיך פאר איהם אָננעמען? און דערצו נאָך א גנב! נאָטע דער שמש פון בית־מדרש האָט איהם געחאַפּט איינמאָל מיט א פרעמדען סידור, און רודע־בּתיה, וואָס באַקט בייגעל און בּלינעס, האָט בּיי איהם אויס־געטרייסעלט א האַלבּען קאָרזש פון בּוזעם — אַזעלכען איז א מצוה צו בּרעכען די בּיינער! דערצו האָט ער א מויל — סכּנת־נפשות! אויף אַלעמען האָט ער אייך איין אנדער חסרון, און אויף יעדען — א צונעמעניש, און ווייל אַליין איז ער הפקר און איינצושטעלען האָט ער נישט וואָס, האָט ער ליעב איטליכען באַזונדער אונטער־שטעלען זיין בּאָרוויסען פוס, ווי א קאָטשערע, אַזוי אז יענער זאָל זיך אויסציהען ווי לאַנג ער איז — מעג עס זיין דער רב אַליין, די רבּיצין אָדער די שוחט'קע — פּוץ אין דער ערד אריין! דאָס איז דעם קליינעם שלום'ען שטאַרק געפעלען, און מיט דער צייט האָט ער איהם אַזוי ליעב געקריגען, אז ער האָט איהם געטראָגען גאַנצע שטיקער בּרויט פון דער שוחט'קע'ס טיש אין קעשענע, מחילה בּגנבה, און אַמאָל טאַקי אַוועקגע'לקח'ענט פון דער צוקער־פּושקע א שטיקעל צוקער אויך. ער האָט ליעב געהאַט צוקער. מעהר פון אַלץ האָט אָבער גערגעלע ליעב געהאַט א ציגאַר־טיטון, אויסגעגאַנגען נאָך א פּאַפּיראָסעל! נאָר וואו קריגט מען אַזאַ זאַך, אַז דער רבּי איז קראַנק און רויכערט ניט, און דער טאַטע איז ניטאָ? האָט איהם גערגעלע געגעבען איין עצה, ער זאָל זיך אָפּטער א בּיסעל אַריינחאַפּען צום פעטער ניסלען — יענער רויכערט דאָך „פּערווע דיובּעק״!

דאָס איז געווען א וואוילע עצה. דער פעטער ניסעל האָט געהאַט א בּרייטע האַנט. די פּושקע טיטון איז בּיי איהם גע־שטאַנען אָפען, פראַנק און פריי, אויפ'ן געזימס, אונטער'ן שפּיגעל. אַהין האָט זיך דער קליינער שלום אָנגעהויבּען אָפטליך אַריינחאַפּען, אַריינשטעקען די יד, אָננעמען א פולע זשמעני דיובּעק און אריין אין די הויזענקעשענעס. בּאַדאַרף זיך טרעפען, מעשה שטן, אַז די מוהמע האָדעל דערזעהט עס (און דוקא זי דאַרף דערזעהען, ניט

זיין אויפ׳ן לאו פון „לא תגנוב״. ווי אזוי איז דאָס מעגליך? אָט וועט איהר האָרכען — און זאָגט איהר, אויב דאָס הייסט גע׳גנב׳עט.

זומער־לעבען. נאָר־וואָס אויפגעקומען עפּעל און בארען. שוין פארנאכטליך. ווייבער זיצען נאָך, אויסגעלעגט מיט זייער סחורה אויף די טישלעך, אָדער גאָר אויף דער ערד, רעדען פונ׳ם גערע־טעניש, וואָס הייגטיגס יאָהר איז אויף אויבסטען, פון דעם, וואָס קיין רעגען געהט ניט, און אז עס געהט ניט קיין רעגען, איז א שטויב, און אז ס׳איז א שטויב, איז דאָ א סך פליי... די מאנען פון די ווייבער זענען אין בית־מדרש, האפּען־אריין א מנחה־מעריב. דעמאָלט איז די בעסטע צייט. דעמאָלט לאָזען זיך ווייסע־חברה׳־ניקעס אויף דער ארבייט — צו קריגען אומזיסטע עפּעל. חברה געהען באָרוויס און אלע אָנגעוואָפּענט מיט שטעקלעך, און אויף די שטעקלעך טשוועקלעך, אויסגעבויגען ווי האטשקעלעך, און מע לאָזט זיך לויפען — דאָס ווערט אָנגערופען „פּאָטשט״. איינער איז דאָס פערד, און די איבעריגע זענען פארשוינדלעך, וואָס האלטען איהם ביי׳ם צוימעל, טרייבען איהם, הוקען־אונטער און פייפען און שרייען: „פּאָשאָל!״ און אקוראט אז עס קומט צו דער קופּע עפּעלעך אָדער בארלעך, טהוט גערגעלע א קאָמאנדע: „פּאלקי דאָלאָי!״ — טהוען חברה א שאר מיט די האטשקעוואטע שטעקלעך, און מחמת דער שטויב איז פונ׳ם לויפען זעהר גרויס, באמערקט מען ניט, ווי עס קאטשען זיך עטליכע אָנגעהאפּטע עפּעלעך אָדער בארלעך. אָפּגעלאָפען א ביסעל, ציהט זיך גערגעלע אויס, און נאָך איהם — די ווייסע־חברה׳ניקעס, אויף דער ערד און מע נעמט זיך צום „רויב״, צו די אָנגעהאפּטע עפּעלעך. מע שטופּט ווער אין די קעשענעס, ווער גליייך אין מויל אריין — חי געלעבט! ס׳איז ניט אזוי זים די גנבה, ס׳איז ניט אזוי אָנגעלעגט די עפּעלעך, ווי ס׳איז גלאַט פריילעך!

גערגעלע איז איבערהויפּט א פריילעכער יונג, האָטש ווער עס האָט גאָט אין הארצען — דער לעגט אין איהם אריין וויפיעל ער

האָט ער איבערגעהיפּט העכער האַלב דאַווגען! און טאַקי גלאַט ניט געדאַווענט ניט קיין מנחה, ניט קיין מעריב, נאָר ארומגעלאָפען מיט גערגעלע־גנב, געריייצט דעם גלח׳ס הינט דורך די גראַטעס, אָדער גע׳גנב׳עט עפּעלעך אין מאַרק. דאָ, אויף ד ע ר וועלט, האָט דאָס דער רבי ניט געוואוסט, ער וואָלט זיך עס גאָר אויף איהם נישט געגלויבט. אָבער דאָרט, אויף י ע נ ע ר וועלט, וואו ער ווייסט שוין אלץ, אלץ, אלץ?...

קיין אנדערער!). דאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער הימעל אויף דער ערד. עק וועלט! ס'איז גאָר ניט געווען אַזאַ שטראָף, וואָס דער קליינער פאַרברעכער זאָל דאָס ניט האָבן פאַרדיענט. ארבע מיתות בית־דין! עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז וואָס שטרענגער און וואָס גיכער דער פּסק זאָל שוין זיין, וואָלט געווען בעסער. האָט גאָט געטהאָן אַ נס. עס האָט זיך געטראָפען אַ גליק, וואָס איז געווען, אייגענטליך, איין אומגליק, אַ גרויסער אומגליק: מען איז געקומען צו לויפען פּלוצים צום פעטער ניסלען, אַז ער זאָל געהן וואָס גיכער, וואָרום משה דער שוחט איז פאַרביי, די גאַנצע שטאָדט איז דאָרט, ער גוסס'ט שוין...

דאָס איז געווען פאַר'ן קליינעם פאַרברעכער אַ נייער קלאָפּ, אפשר נאָך אַ גרעסערער פונ'ם ערשטען. קיין אנדער רבין האָבען די תּלמידים אַזוי ניט ליעב געהאַט, ווי אָט דעם רבין. דאָס איז געווען עפּיס אַ מלאך, ניט קיין רבי! ערשט דעמאָלט, ווען חברה נושאי־המטה האָבען איהם, איין איבערגעדעקטען מיט שוואַרצען, געגעבען אַ חאַפּ אויף די פּלייצעס און אַ טראָג־אַוועק אויפ'ן הייליגען אָרט און די גאַנצע שטאָדט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה, האָבען נחום וועוויק'ס קינדער זיך דערמאַנט, וואָס פאַר אַ בריליאַנטענער רבי דאָס איז געווען, און ווי ווייט זיי האָבען נישט געוואוסט איהם צו שאַנעווען — און אַ קוואַל פון טרערען האָט זיך אויפגעעפענט ביי זיי. נאָך איין אייגענעם ברודער באַדאַרף מען אַזוי ניט וויינען, ווי די האָבען געוויינט נאָך זייער יונגען רבין, משה דעם שוחט.

מעהר פון אַלע און וואָרעמער פון אַלע האָט געוויינט שלום. דער האָט זיך געפּיהלט קעגען איהם אַ פאַרזינדיגטער, אַ חוטא גמור. ערשטענס, האָט איהם דער רבי געהאַלטען פאַר'ן בעסטען און פאַר'ן עהרליכסטען, צום סוף האָט ער זעלטען געוואוסט דאַנערשטאָג דאָס לייענען. ער האָט זיך נאָר געמאַכט, אַז ער ווייסט, געשאָקעלט זיך און געזונגען און געדרעהט מיט דער האַנט — אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט! היינט וויפיעל מאָל

וואו נעמט מען פארב אויף צו באשרייבען די שמחה פון נחום וועוויק׳ס קינדער, אז מע האָט זיי איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיגען בריעף טאַקי אינאיינעם מיט דריי פּאָר שטי־וועלעך? אויף וואָס זאָל מען זיך פריהער פרעהען: אויף די נייע שטיוועלעך? אָדער אויף דעם, וואָס מע וועט צוויי טעג נאָכאַנאַנד פאָהרען אין אַ בויד מיט דריי פערד, צי אויף דעם, וואָס מע וועט איבערמאָרגען אויף דער נאַכט שוין זיין אין דער גרויסער שטאָדט, אין פערעיאַסלאַוו?

— קומט אהער, שקצים, עכברושים, ווייסע חברה׳ניקעס, זעצט אייך קאָרשט אוועקעט און מעסט־אָן אָט די שטיוועלעך! — אַזוי האָט געקאָמאַנדעוועט דער פעטער ניסעל, געשענקט אַלע דריי צו שנעל, וועמען אין נאָז אריין און וועמען אין איין אויהער.

דער פעטער ניסעל האָט ליעב געהאַט קינדער: אייגענע, פרעמדע — אַלץ איינס, און דעריבער איז באַקומען פון איהם אַ שנעל געוועזען ניט קיין שטראָף, נאָר אַ פאַרגעניגען, עס האָט גע־מיינט אפילו שמאַרצען דערנאָך אַ האַלבע שעה כסדר. פון דעם, וואָס מע האָט ליעב, איז אַ פּאַטש אויך אַ מתנה. און ליעב האָבען איהם די קינדער געהאַט דערפאַר שוין אַליין, וואָס ער איז געוועזען כמעט דער איינציגער אין דער משפחה, וואָס האָט קיינמאָל קיינעם ניט געשטראָפט, קיין מוסר נישט געזאָגט און נישט אַכטונג גע־געבען, ווי אַנדערע, מע זאָל לערנען אָדער דאַוונען. אדרבה, מיט קינדער קונדסים איז ער אַליין אויך געווען אַ קונדס, ליעב געהאַט אַ לאַך צו טהון און אַ שטיף טהון, אינאיינעם מיט זיי אריינלאָזען אַ רעכטע פּאָרציע שמעק־טאַבעקע אין נאָז אריין איין אַלטען אידען, וואָס איז אַנשלאָפען געוואָרען, זיצענדיג אין בית־המדרש, און ווינטשעוען איהם נאָכדעם „צו געזונט”, אז יענער האָט זיך אויפ־געחאַפּט מיט אַ ניסעריי און מיט אַ הוסטעריי. און ווער שמועסט שמחת־תורה — דעמאָלט איז ער געווען מעהר ווייסער־חברה׳ניק פון אַלע ווייסע־חברה׳ניקעס; ער אַליין האָט אָנגעטרונקען גדליה דעם שכור מיט בראָנפען און געהאָלפען די קינדער, זיי זאָלען

22

מאיר־וועלוועל בעל־עגלה מיט זיינע „סוסים"

דער פעטער ניסעל — מיט ווייסע־חברה׳ניקעס א ווייסער־חברה׳ניק. — מאיר־וועלוועל׳ס בויד מיט די דריי סוסים: „מאודריק", „טענצער" און די „יחסנ׳טע". — דער בעל־עגלה דערצעהלט זיין ביאגראפיע.

סוף זומער (אין דרויסען איז נאָך געווען רעכט ווארעם, נאָר געשמעקט האָט שוין מיט ראש־חודש אלול) איז אָנגעקומען א בויד מיט דריי פערד פון דער גרויסער שטאָדט, פון פערעיאסלאוו. צו־געפאָהרען צום פעטער ניסעל׳ס שטוב, האָט דער בעל־עגלה, א בארעדעוודיגער איד מיט׳ן נאָמען מאיר־וועלוועל, זיך צעשפּיליעט און ארויסבאקומען ערגיץ פון א וויטער קעשענע א בריוועל, גע־שריבען פון נחום וועוויק׳ס צו זיין ברודער ניסעל ראבינאָוויטש. אין בריוועל איז געשטאנען, אז מע שיקט נאָך די קינדער, ערשטענס, א פוהר, צווייטענס, דריי פּאָר שטיוועלעך, און, דריטענס, עסענ־ווארג: קיכלעך, הארטע אייער און בארען — דאָס איז „צידה לדרך" אויף צוויי טעג. און חוץ לזה, עקסטרע פון דער באבע מינדי, א ווארעמע קאָלדרע מיט איין אָלטען שאל אויף איינצוהילען די קינדער, טאָמער ווערט חלילה קאלט, אָדער עס געהט א רעגען. דעם בעל־עגלה האָט מען אָנגעזאָגט, אז ער זאָל, למען השם, אויפ־זעצען די קינדער אויפ׳ן אנדערען טאָג אין דער פריה באלד נאָכ׳ן דאווגען, און אז נעכטיגען זאָל ער מיט זיי אין באָרישפּאָלי, וועלען זיי קאָנען קומען, אם ירצה השם, אויפ׳ן אנדערען טאָג ארום מנחה־צייט אהיים, קיין פערעיאסלאוו.

מיר הויבען אָן פונ'ם מיטעלסטען, פונ'ם „קאָרענאָי". ביי מאיר־וועלוועל דעם בעל־עגלה האָט ער געהייסען מיט'ן נאָמען „מאודריק". פאַר וואָס מאודריק? ווייסט מען ניט. אפשר דערפאַר, ווייל מאודריק נעמט זיך פונ'ם וואָרט מאודריי, און מאודריי איז די טייטש *חכם*, האָטש קיין גרויסער חכם, דאַרף מען זאָגען דעם אמת, איז דער דאָזיגער מאודריק נישט געווען. ער איז נאָר געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָהרען — דאָס יאָ. דאָס האָט מען געקאָנט ארויסזעהען פון זיין אַלטער מאָרדע מיט די רינענדיגע אויגען און פון זיין אויסגעטריפּעטען עק און פון די הויכע ביינער, וואָס האָבען ארויסגעסטארטשעט פון זיין אמאָליגען ברייטען הינטען. און פון דעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער, איז דער גאַנצער וואָגען מיט דער גאַנצער משא געלעגען כמעט נאָר אויף איהם, מחמת יענע, די צוויי „פריסטיאזשנע", האָבען זיך נאָר *געמאַכט* ווי זיי שלעפּען.

די דאָזיגע צוויי „סוסים" האָבען אויך געהאַט נעמען. איינעם האָט מען גערופען מיט'ן נאָמען „טענצער", ווייל דער גאַנג זיינער איז געווען מיט א טענצעל. ער האָט געהאַלטען אין איין טאַנצען. אַלע פיער פיס האָבען ביי איהם געטאַנצט, נאָר יעדער פוס האָט געטאַנצט באַזונדער. זיי האָבען זיך ניט אויפגערעדט. און דערפאַר איז פון זיין טאַנצען קיין גוטס נישט ארויסגעקומען. ער האָט נאָר נעשטעהרט מאודריקען — איז איינס; און ווידער האָט ער אַזוי געטרייסעלט דעם וואָגען, אַז ס'האָט ארויסגעטרייסעלט די נשמה. מאָהלט אייך, מאיר־וועלוועל האָט זיך מיט איהם אָפּגערעכענט: „וועסט ביי מיר טאַנצען!" — האָט ער איהם געזאָגט און איינגעטייטשט א מאָל מיט דער בייטש און א מאָל מיט'ן שטעקעל פון דער בייטש. דעם גאַנצען וועג האָט ער איהם געהאַלטען אין איין שלאָגען, געלעהרענט מיט איהם בלק. דאָס האָט אָבער ווינציג־וואָס געהאָלפען. טענצער איז ניט נתפּעל געוואָרען און ניט אויפגעהערט צו טאַנצען. אדרבה, אז מע האָט איהם גוט דערלאַנגט, איז נאָך געווען ערגער: ער האָט אָפּגעטאַנצט מיט

בינדען גדליה׳ן הענט און פיס, ווי א באראן, פארשליסען איהם אין קאמער און דארטען צוקרעמפּעווען זיין האנט דורך א לאנגען שטריק צום סוואָלעק מיט א גלאָק, אזוי, אז ער וועט זיך אויס־ניכטערען און וועט וועלען אויפשטעהן, זאָל ער ניט ווילענדיג אָנ־הויבען קלינגען, ווי אויף א שרפה, און די גאנצע שטאָדט זאָל זיך צונויפלויפען מיט א ליארם און א געפילדער: „וועד ברענט?“...

פון דעם איז צו פארשטעהן, ווי שווער ס׳איז געווען מיט אזא פעטער זיך צעשיידען! ביי׳ם געזעגענען זיך האָט ער די חברה געטרייסט מיט ווערטער און מיט א זעץ אין די פּלייצעס: „נישקשה, ניטשעוואָ, מיר׳ן זיך נאָך זעהען! א י ך ו ו ע ל ד אָ א ו י ך ל אַ נ ג נ י ש ט פ אַ ר ב ל י י ב ע ן!“... אזוי ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט — ווי דער לעזער ווייסט שוין פון די פריהעריגע באשרייבונגען.

אָנגעטהאָן די נייע שטיוועלעך און געפיהלט זיך אין זיי מחיה׳דיג גוט, ווי אויסגעוואַכסען, האָבען חברה קודם־כל באקאנט זיך מיט דער בויד, מיט אלע דריי פערדלעך און מיט׳ן בעל־עגלה, וואָס וועט זיי פיהרען פון דאנען אין דער גרויסער שטאָדט אריין.

די בויד — א בויד ווי אלע בוידען, אויבען מיט א גרויען געלאטעטען דעקטוך, גוט אויסגעבעט מיט היי און מיט ראגאָזשעס, דאכט זיך, ווייך, דארף זיין א תענוג צו זיצען. דעם „תענוג“ זענען חברה געוואוירע געוואָרען נאָכדעם, אויפ׳ן אנדערען טאָג פון דער נסיעה, אז זיי האָבען שוין נישט געפיהלט איין ביין א גאנצען. דאָס איז די בויד. און די פערדלעך — זיי פארדיענען באשריבען צו ווערען האָטש אין קורצע ווערטער, נאָר יעדעם פערדעל באזונדער, וואָרום די דריי פערדלעך (ביי מאיר־וועלוועל בעל־עגלה האָבען זיי געהייסען „סוסים“) האָבען זיך אזוי אָנ־געקעהרט איינס מיט דאָס אנדערע, אזוי ווי עס קעהרט זיך אָן, למשל, א שטרויענער דאך מיט א פדיון־הבן. דאָס איז געווען א א י ד י ש ע ט ר אָ י ק ע.

נישט מחמת ער איז אזא צדיק אין א פעלץ און האָט מורא זיך צוריהרען צו א גע׳גנב׳עט פערד. וואָס געהט איהם אָן, אז יענער איז א גנב? ביזט דו א גנב, וועט מען דיך שמייסען אויף יענער וועלט. נאָר ער וואָלט זי נישט געקויפט איבער איין אנדער זאך. ער האָט פיינט פּאָליציע, אזוי ווי חזיר. ער וויל נישט האָבען קיין שום „דאָטשיניעניעס״ מיט פּאָליציע! והראיה, ער האָט אמאָל געהאט אוף זיך א פעקעל, איין אומגליק, א בלבול. שונאים בעלי־עגלות האָבען איהם אונטערגעשטעלט א פיסעל, יאנקעל בולגאטש, א רוח אין זיין קוטשמע!...

און דאָ געהט־אוועק ביי מאיר־וועלוועלען א זייטיגע מעשה, און נאָך א מעשה, און נאָך א מעשה, און פון די אלע מעשיות האָט מען געקאָנט שטארק חושד זיין, אז מאיר־וועלוועל האָט שטארקע „דאָטשיניעניעס״ מיט פערד־גנבים און מיט פּאָליציע...

דערפאר האָט ער אָבער געהאט א מעלה — ער איז געווען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, א בארעדעוודיגער און האָט מיט זיינע נייעז מאָס רעד זעהר גוט אונטערגעהאלטען די יונגע פארשווינדלעך דעם גאנצען וועג פון וואָראָנקאָ קיין באָרישפּאָלי און פון באָרישפּאָלי קיין פערעיאסלאוו — דאָס מויל האָט זיך איהם נית צוגעמאכט אויף קיין מינוט אפילו. אלסדינגג זענען פון איהם די קינדער געוואוירע געוואָרען, פון זינט ער איז געווען א יונגעל א שמייסער ביי יאנקעל בולגאטש, און דערנאָך, ווי אזוי ער האָט חתונה געהאט און אליין געוואָרען פאר זיך א בעל־עגלה, האָט איהם יאנקעל בולגאטש גע׳רודפ׳ט, געגראָבען, נאָר ער האָט איהם אין דער ערד! און פון זיין ווייב האָט ער דערצעהלט, ווי אזוי זי איז געווען אמאָל א מיידעל, און דוקא א שענע, א קראסאוויצע! און ווי אזוי ער איז געווען נאָך איהר די כפרה! שיער־שיער ניט איינגענומען א מיתה־משונה — אזא קראסאוויציע איז דאָס געווען! היינט, ווען ער ווערט צוריק א בחור, וואָלט ער אפילו ניט געוואָלט קוקען אויף איהר, נאָר דעמאָלט איז ער נאָך געווען א „יאט״...

ביידע הינטערשטע פיס, ווי איינער רעדט: „אז דו ווילסט, נא דיר!״... אין וואוכס איז ער געווען א קליינער, א סך קלענער פון מאודריקען, נאָר אַ מאָרדע האָט ער געהאַט אַ סך אַ קליגערע פון מאודריקען. גאָר קיין ערך ניט. ס׳איז מעגליך, אז מאיר־ווע‏לוועל האָט ניט מגזם געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַ־ריהמט, אז טענצער איז געווען אַמאָל גאָר פון די „געהויבענע סוסים״, נאָר ווייל ער איז פון אַ גוט אויג געחאַפּט געוואָרען אויף די רגלים און מע האָט מיט איהם גאָרנישט געקאָנט מאַכען, איז ער אַריינגעפאַלען צו איהם אין די הענט אריין און ער לעהרענט מיט איהם פון דעמאָלט אָן בלק.

דערפאַר האָט מאיר־ווע‏לוועל דעם דריטען סוס געלאָזט צו־רוה, זעלטען, פון יוצא וועגען, דערלאַנגט אַ שמיצעל. געווען איז דאָס אַ שקאַפּקע, אַ נידעריגע און אַ גראָבע, מיט מאָכנאַטע פיס, און געהייסען האָט זי ביי איהם די „יחסנ׳טע״, דערפאַר, וואָס זי קומט־ארויס פון אַ גרויסען יחוס: זי איז געווען אַמאָל — אַזוי האָט דערצעהלט מאיר־ווע‏לוועל, פאָהרענדיג אין וועג, — אַ גלח׳ס אַ פערד. ווי קומט זי צו איהם? איז דערינען אַ גאַנצע מעשה, וואָס מע קאָן זי ניט איבערדערצעהלען מיט אַלע פּישטשעווקעס: ערשטענס, איז דאָס שוין זעהר לאַנג — ווי קאָן מען זיך אָנ־געדענקען? און, צווייטענס, האָט זיך די מעשה נאָך דעמאָלט ביי מאיר־ווע‏לוועלען ניט געקלעפּט אַקוראַט. עס געדענקט זיך נאָר, אז די יחסנ׳טע איז געווען, ווי מאיר־ווע‏לוועל דערצעהלט מיט אַ שמייכעל, אַ גע׳גנב׳עטע. דאָס הייסט, נישט ער, חלילה, האָט זי גע׳גנב׳עט; גע׳גנב׳עט האָבען אַנדערע, נאָר ער האָט זי אַוועק־געקויפט בחצי־חנם, און בעת ער האָט זי געקויפט, האָט ער ניט אָנגעהויבען צו וויסען, ער זאָל אַזוי ניט וויסען פון קיין צער און פון קיין דלות, אז זי איז אַ גע׳גנב׳עטע, וואָרום ווען ער זאָל וויסען, אז זי איז אַ גע׳גנב׳עטע, און נאָך ביי אַ גלח דערצו, וואָלט ער זיך ניט צוגעריהרט צו איהר, מע זאָל איהם אָפּגילטען (דערביי מאַכט שוין מאיר־ווע‏לוועל איין ערנסטע מינע), טאַקי ממש אָפּגילטען!

23

זיי געזונט, וואַראָנקאַ!

דער העלד געזעגנט זיך אָפּ מיט זיין שטעדטעלע. — ער שווערמט וועגען אוצר. — ער איז גרייט אוועקצושענקען גערגעלעך זיינע אַלטע שיך. — אַ גאַרישער אינצידענט מיט „פרומע די מויד".

וויפיעל דאָס שטעדטעל האָט זיך ניט צוגעגעסען, וויפיעל די מענטשען זענען ניט נמאס געוואָרען, און וויפיעל פּינעלע שימעלע'ס האָט אין זיין צייט ניט געמאַכט עס צו קליינגעלט, האָט וואָראָנקאַ פאַר'ן אוועקפאָהר פון נחום ווענויק'ס קינדער אין דער גרויסער שטאָדט אריין צוריק באַקומען ביי זיי אין די אויגען דעם אמאָליגען חן מיט'ן אמאָליגען גלאַנץ, און עס האָט באמת האַרצעדיג באַנג געטהאָן מיט דעם זיך צו שיידען.

גלייך ווי מיט עפּיס אַ לעבעדיגער זאַך, גלייך ווי מיט אַ ליעבען און געטרייען חבר — אזוי האָט זיך שלום נחום ווענויק'ס געזעגענט מיט'ן שטעדטעל, אָנגעהויבען פון דעם הויף מיט'ן גאָרטען און מיט איטליכס בוימעלע, וואָס האָבען שוין איצטער געהערט צו איין אנדערען, און אויסגעלאָזט מיט'ן באַרג, וואָס אויף יענער זייט בית־המדרש, און מיט דער „לעוואדע", וואָס אויף יענער זייט שטאָדט, — די ערטער, וואו ער האָט פאַרבראַכט מיט זיינע בעסטע חברים, רעכענענדיג פון דעם ערשטען, פון שמואליק דעם יתום, ביז'ן לעצטען — ביז גערגעלע־גנב.

גאַנץ באַזונדער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף יענעם אָרט, וואו עס איז געלעגען, ווערליג שמואליק האָט געוואוסט כמעט

דאָס וואָרט „יאַט" האָבען חברה נישט רעכט פאַרשטאַנען; נאָר אַז מאיר־ווּעלוּועל האָט גענומען דערצעהלען אין זיין ווייטער־דיגער ביאָגראַפיע, ווי אַזוי זיין ווייב האָט איהם קאַרגער אַ יאָהר נאָך דער חתונה געבוירען אַ יאַטעל, און שפּעטער מיט אַ יאָהר נאָך אַ יאַטעל, און נאָך אַ יאַטעל, און נאָך אַ יאַטעל — האָבען זיך חברה אָנגעשטויסען וואָס דאָס איז.

געענדיגט דערצעהלען זיין אייגענע געשיכטע, איז מאיר־ווּעלוּועל בעל־עגלה אַריבער צו דער געשיכטע פון יאַנקעל בולגאַטש און פון אַנדערע בעלי־עגלות, אָנגערופען אַלעמען ביי די נעמען און באַקאַנט געמאַכט, וויפיעל און וואָסערע פערד יעדער האָט, ווער עס האָט פערד, טאַקי „סוסים", און ווער עס האָט „פּגירות, נבלות, פעל".

פון בעלי־עגלות איז מאיר־ווּעלוּועל אַריבער אויף פערד־הענדלער און אויף ציגיינערס און אויף גנבים און אויף „נביאים". דער הילוק פון אַ גנב ביז אַ נביא איז דער — אַזוי האָט מאיר־ווּעלוּועל געגעבען צו פאַרשטעהן: — וואָס דער גנב פיהרט־אַרויס דעם סוס פון שטאַל, און דער „נביא" — דער טרעפט און ווייזט־אָן, וואו דער סוס געפינט זיך. דעריבער מוז מען מיט די נביאים שלאָגען בלאַט נאָך מעהר ווי מיט די גנבים... ניין, די קינדער וועלען דאָס אין צוויי יאָהר נישט געוואוירע ווערען, וואָס זיי זענען געוואוירע געוואָרען פון מאיר־ווּעלוּועל בעל־עגלה אין די צוויי טעג פון זייער נסיעה.

אצינד, אַז מיר זענען שוין באַקאַנט מיט'ן בעל־עגלה, מיט זיין בויד און מיט זיינע דריי סוסים, מעגען מיר זיך אומקעהרען אויף אַ קורצע ווייל צוריק קיין וואָראָנקאָ און דערצעהלען, ווי אַזוי דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין שטעטעלע, איידער ער האָט דאָס פאַרלאָזען אויף שטענדיג.

עס אפילו אין חלום ניט געזעהען. די אלטע רודע־בתיה, וואס באקט בייגעל, בלינעס און קארזשעס און האלט־אוים מיט איהרע געשוואלענע הענט א גאנצע משפחה, וואלט שוין געמעגט אויף דער עלטער, נישקשה, זיך א ביסעל אפרוהען. און מלך דער שמש, און גדליה דער שכור — פאר וואס זאל מען זיי דורכלאזען? ציי, אשטייגער, שמואל־אלי דער חזן קלאגט זיך, אז ס'איז איהם דא ענג, ער האט א קול און וואלט געקאנט זינגען א סך בעסער פון די גרעסטע חזנים אין דער וועלט, ווען ער זאל האבען נאטען — באדארף מען זעהען, אז ער זאל האבען נאטען. בלייבט־איבער איצטער נאר איין גערגעלע־גנב. וואס טהוט מען מיט דעם יונג, אז ער זאל ווערען אוים גנב? קודם דארף מען זעהען, אז זיין מאמע זאל ווערען אוים קעכין, און זיין שטיפטאטען דעם העקער באדארף מען קויפען א שטוב איין אייגענע, און געלט באדארף מען איהם אנשיטען פולע קעשענעס, און זאגען איהם בפירוש, אז דאס איז ניט צוליעב איהם, נאר צוליעב זיין שטיפזוהן גערגעלע — ער זאל איהם אויפהערען צו שלאגען און צו רופען גנב...

ביי די געדאנקען וואכסט־אוים גערגעלע־גנב! א בארוויסער, ווי אלע מאל, און איין אפגעריסענער.

— ווי קומסט דו אהער?

— און דו?...

זיי צערעדען זיך און לאזען זיך געהן. שלום איז איהם מודיע, אז ער פאהרט־אוועק. גערגעלע ווייסט עס. ער האט שוין גע־הערט און געזעהען אפילו די בויד מיט די דריי פערד.

— געזעהען? וואס זאגסט דו אויף זיי?

— אויף וועמען?

— אויף די פערד.

— וואס זאל איך זאגען? פערד...

— און די בויד ווי געפעלט דיר?

— א בויד...

פאַר גנווים, באַהאַלטען דער אוצר ; ווי א פאַר'כּשופ'טער איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין א הייליגער שטילקייט, און א גאַנצע רייהע פון מחשבות האָבען זיך דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ : וואָס וועט זיין מיט'ן דאָזיגען אוצר, טאָמער חס ושלום געפינט איהם א גוי, ניט קיין איד ?... און צי איז דאָס מעגליך, אַז א גוי זאָל איהם געפינען ? — דאָס קאָן וויסען נאָר אזא מענטש, ווי זיין חבר שמואליק... וואו קאָן זיין איצטער שמואליק ? צי וועט ער זיך באַגעגענען אַמאָל מיט שמואליקען ? און וואָס וועט זיין, אויב זיי וועלען זיך באַגעגענען ? — אַז זיי וועלען זיך באַ־געגענען ערגיץ־וואו, איז דאָס ערשטע וועלען זיי מסתּמא ביידע קומען צו פאָהרען אהער אויף א קורצע צייט, ביידע אינאיינעם, באַקוקען נאָך א מאָל די אַלע ערטער, וואו זיי האָבען אינאיינעם פאַרבראַכט זייערע בעסטע יונגעלשע יאָהרען. און דערנאָך וועלען זיי זיך א נעם טהון צום אוצר אויף אַלע כּלים : פריהער וועט איינער פאַסטען תּעניתים, דערנאָך דער אַנדערער, און אַז זיי וועלען פאַרטיג ווערען מיט די תּעניתים און מיט'ן תּהלים־זאָגען, וועלען זיי נעמען זוכען דעם אוצר. און אַז זיי וועלען געפינען דעם אוצר, וועלען זיי זיך מיט איהם צעטיילען אויף דער האַלב, חלק כּחלק — און אַך ! סאַראַ יום־טוב דאָס וועט זיין ! דעם גרעסטען חלק, פאַר־שטעהט זיך, וועט באַקומען דער טאַטע, נחום וועוויק'ס. דערנאָך דער פעטער ניסעל — אויך א היבשען חלק. דערנאָך דער פעטער פיני און די איבעריגע קרובים פון דער משפּחה. נאָר א גרויסער טייל פונ'ם אוצר וועט אַריינפאַלען טאַקי דאָ גופא, צו די וואָראָנ־קאָווער אידען. משה דעם שוחט'ס ווייב, די אַלמנה נעכאַך — איהר דאַרף מען געבען אזוי פיעל, אַז זי זאָל ניט רעדען פון חתונה האָבען נאָך א מאָל און זאָל פאַרשפאָרען זיך שלעפען קיין חוואַסטעוו צו איהרע אָרעמע קרובים, וואָס האָבען אַליין קוים א טאָג איבער־צוקומען. די צוויי גבאי'טעס, „פרומע די מויד" און „פייגעלע־אַשמדאי", האָטש זיי האָבען דאָס גישט פאַרדיענט, וועלען אויך פון דעסטוועגען באַקומען אזוי פיעל, וואָס זייערע מאַנען האָבען

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צום פעטער ניסלען, וועל איך דיר עפּיס שענקען...

— עפּיס שענקען? פאַר וואָס ניט?... — גערגעלע איז גאַנץ צופריעדען, און ביידע מאַכען זיי גיכע טריט. געקומען אהיים צום פעטער ניסלען, טרעפען זיי דאָרט אַ גאַנצע חאַליאַסטרע פריינט און גוטע פריינט, וואָס האָבען דערהערט, אַז אַ פוהר איז געקומען צו פאָהרען נאָך נחום וועוויק'ס קינדער, זענען זיי דאָס געקומען זיך געזעגענען און לאָזען גריסען זייערע טאַטע־מאַמע גאָר פריינטליך...

צווישען דער חאַליאַסטרע האָבען זיך געפונען אויך די צוויי גבאי'טעס, „פרומע די מויד" און „פייגעלע־אשמדאי", דערוויילע אליין, אָהן זייערע מאַנען. שפּעטער אַ ביסעל וועלען קומען די מאַנען אויך זיך צו געזעגענען און צו לאָזען גריסען. אַלע קוקען אויף די קינדער מיט רעספּעקט — מענטשען פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָדט, קיין פּערעיאַסלאַוו! מע רעדט שוין צו זיי גאָר מיט איין אַנדער לשון. מע גיט זיי עצות, ווי אזוי זיי זאָלען פאָהרען און וואו זיי זאָלען זיך אָפּשטעלען אין באַרישפּאָלי. דער פעטער ניסעל שענקט זיי צו שנעל, ווי זיין שטייגער איז, און פרעגט די שקצים, אויב זיי וועלען אַמאָל צושרייבען אַ בריוועל? — אַ שאלה אַ ביסעל! זיי וועלען שרייבען אַלע וואָך, צוויי מאָל אַ וואָך, אַלע טאָג!... שמואל־אלי דער חזן בעט, זיי זאָלען איבערגעבען פון איהם גאָר אַ באַזונדערען גרוס דעם טאַטען און זאָגען, אַז זינט יענער איז אַרויסגעפאָהרען פון דאַנען, האָט ער, שמואל־אלי, נאָך איין שאָך אפילו ניט געשפּיעלט, וואָרום וואָראָנקאָ איז אַ פּוסטקע! די מוהמע האָדעל איז מיט אַ מאָל געוואָרען גוט, האָטש לעג זי צו צו אַ מכה. זי האָט געזאָגט, אַז זי פאַרשטעהט ניט, ווי אזוי שיקט מען דאָס אַרוים קינדער הונגעריגע? און וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּייז אין וועג אויף צוויי מעת־לעת קיכלעך, האַרטע אייער און באַרען? די קינדער וועלען דאָך אויסגעהן פון הונגער! און

גערגעלע איז נישט אויפגעלעגט, נישט גוט געלוינט. זיין חבר וויל איהם מאכען פרייליכער.

— דו ווייסט? איך האָב נאַר־וואָס פון דיר געטראַכט, ביזט דו אָנגעקומען אקוראַט אין מיטען...

— טאַקי? וואָס האָסט דו געטראַכט, אשטייגער?

— איך האָב געטראַכט... איך האָב דיך אין זינען געהאַט ביי'ם אוצר...

— ביי וואָסער אוצר?

שלומ'ען ווערט שלעכט: זאָל ער איהם זאָגען, צי זאָל ער איהם ניט זאָגען? גערגעלע פרעגט נאָך א מאָל: „וואָסער אוצר?" עס העלפט נישט — מע מוז איהם זאָגען. און ער דערצעהלט־אויס וועגען אוצר. גערגעלע ווערט נייגיעריג: „וואו זשע געפינט ער זיך, דער אוצר?" זיין חבר ווערט נאָך ערגער: זאָל ער איהם זאָגען, צי זאָל ער איהם ניט זאָגען? אין גערגעלע'ס אויגען צינדט זיך אָן א פייערעל: „וואָס האָסט דו מורא זאָגען — איך וועל איהם אויסהאַפּען?"... שלום האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט גאָר אָנגעהויבען, און ער רעדט צו איהם מיט דעם אייגענעם טאָן, ווי פינעלע שימעלע'ס האָט אמאָל מיט א י ה ם גערעדט — פון אויבען אראָפּ.

— נאַרעלע, און אז איך וועל דיר אפילו זאָגען וואו, וועסט דו אויך אהין נישט קאָנען צוקומען, וואָרום מע דאַרף דערצו קאָנען קבלה — איז איינס; און צווייטענס, באַדאַרף מען פאַסטען פערציג תעניתים און אויפ'ן איין־און־פערציגסטען טאָג...

— און אויפ'ן איין־און־פערציגסטען טאָג ביזט דו א שוטה! — שלאָגט איהם איבער גערגעלע און האַפּט א קוק אראָפּ אויף זיין חבר'ס שטיוועלעך. אפנים, זיי זענען איהם געפעלען.

— נייע?

זיין חבר ווערט ווי פארשעמט: שפּאָגעל־נייע שטיוועלעך אין דער צייט, ווען גערגעלע איז א באָרוויסער! און ער רופט זיך אָן צו גערגעלען:

א נארישער אינצידענט — נאר וויפיעל געזונט האט ער געקאסט! גערגעלע׳ס אנטרונען־ווערען האט פארביטערט זיין חבר׳ס געזעגענען זיך מיט׳ן שטערטעלע און אפגע׳סמ׳ט איהם די גאנצע זיסקייט פון דער ערשטער גרויסער שענער ווייטער נסיעה. וויפיעל ער האט נישט געוואלט נאכדעם אפטרייבען פון זיך דאס טרויעריגע בילד פון זיין באלעדיגטען חבר, איז עס דוקא געקראכען איהם אין פנים אריין, געשטאנען פאר די אויגען און גענאגט דאס הארץ: „האסט באלעדיגט, באלעדיגט איין ארעמען חבר!״...

ארויסגעפאהרען פון מארק, גע׳פטר׳ט די קלייטען, די הייזלעך, דעם בית־עולם און, להבדיל, דעם גויישען „צווינטער״, און אריבער־געפאהרען דאס בריקעל און געלאזט הינטער זיך שוין די לעווארע אויך — אויס וואראנקא! דעמאלט האט דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע מיט א מאל דערפיהלט עפים א מאדנע ענג־שאפט אין האלז, און א ווארעם געפיהל פון רחמנות צום קליינעם שטערטעלע האט איהם דורכגענומען דורך און דורך, גלייך ווי דאס שטערטעלע וואלט געבליבען א יתום... דאס דאזיגע געפיהל איינ־איינעם מיט׳ן פארדראס פון גערגעלע׳ס אנטרונען־ווערען האבען ווייך געמאכט זיין הארץ און באנעצט זיינע אויגען. אפגעקערעוועט דעם קאפ אויף א זייט, בכדי זיינע ברידער זאלען עס נישט בא־מערקען, האט ער אפגעווישט א טרער און האט שטילערהייט זיך אפגעזעגענט דאס לעצטע מאל מיט׳ן שטערטעלע: „זיי געזונט, וואראנקא, זיי געזונט!״...

זי האָט גענומען פּאַקען זיי אין וועג אריין וואָס זי האָט געקאָנט: שמאַלץ אין אַ קליין טעפּעלע, אַ סלאָיעקעל פּאַרצוקערטען אייַנגעמאַכטס, אַפּנים, פון פאַר־צ־יאָהרען זומער, און פּאָווידלע, נאָר אַזאַ זויערע, וואָס מע קאָן דערזעהען קראָקע מיט לעמבעריג!

אין דער צייט, וואָס די מוהמע האָדעל האָט געפּאַקט אין וועג אריין און די קינדער זענען געווען פאַרנומען מיט'ן געזעגענען זיך, האָט זיך דערווייל אָפּגעשפּיעלט אַ קליינע טראַגעדיע צווישען „פרומע די מויד" און גערגעלע־גנב. פרומע האָט דערזעהען גערגעלען, האָט זי אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט'ן בלינדען אויגעל און אַ פרעי געטהאָן ביי פּיי־גערגעלע־אשמדאי: „וואָס טהוט דאָ דער גנב?"... האָט גערגעלע ניט געוואָרט, ביז יענע וועט ענטפערען, און האָט פון זיין זייט אַ פרעג געגעבען: „וואָס טהוט דאָ די בלינדע?"... עס וואָלט געקאָנט ארויס דערפון אַ מיאוס'ער סקאַנדאַל, ווען שלום נעמט נישט זיין חבר גערגעלע פאַר אַ האַנט און פיהרט איהם ניט ארויס אין הויף אריין (אין אַזאַ טאָג מעג מען אַלסדינג, אפילו חבר'ען זיך מיט גערגעלע־גנב).

— איך האָב געזאָגט, איכ'ל דיר עפּים שענקען אַ זאַך? נאַ!...

און שלום נחום וועוויק'ס, צופריעדען פון זיין פילאַנטראָפּיע, שטרעקט־אויס זיין חבר גערגעלע־גנב זיינע אַלטע שטיוועלעך, ארויסגענומען פון אונטער דער פּאָלע. גערגעלע, אַפּנים, האָט זיך גערעכנט אויף איין אנדער מין מתנה, ניט אויף אַ פּאָר אַלטע שטיוועלעך. און דערצו איז ער געווען צעקאָכט פונ'ם אינצידענט מיט דער בלינדער פרומע און נישט צופריעדען מיט דעם, וואָס זיין חבר האָט פון איהם פאַרלייקענט דעם אָרט פונ'ם אוצר, און גלאַט נישט אויפגעלעגט דעם טאָג, האָט ער די שטיוועלעך ביי זיין חבר צוגענומען, נאָר ער האָט זיי באַלד געגעבען אַ שמייס־אוועק פון זיך מיט כעס, און ער איז אַ באָרוויסער אוועק פון הויף, זיך געלאָזט לויפען — און איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

. . . .

מאיר־וועלוועל האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַ שמייץ געגעבען די „סוסים" און געפאָהרען ווייטער.

ווער עס געדענקט דעם טעם פון פאָהרען דעם ערשטען מאָל, דער ווייסט, ווי אַזוי דער וועג לויפט, ווי אַזוי די ערד ווערט פארשוואונדען אונטער די רעדער און אונטער די פיס פון די פערד, ווי אַזוי אַלץ שוועבט פאַר די אויגען, ווי אַזוי סע שמעקט אַ פאַר־שפּעטיגט גרעזעל, אָדער אַ פאַרטשעפּעטע צווייג פון איין עלענטען בוים, ווי אַזוי די פרישע לופט האַפּט זיך אַריין דורך דער נאָז און דורך דעם האַלז אינוועניג אַריין און גלעט, גלעט — אַ מחיה! און עס הויבט אייך, און עס זינגט זיך אייך — ס'איז אייך גוט אָהן איין עק און אָהן אַ שיעור! דורכגעלאָזט אַלע הייזער מיט'ן בריקעל, מיט דער לעוואַדע, מיט'ן בית־עולם, פליהט איהר ווייטער און ווייטער, און איהר דערזעהט הויכע „לעבעדיגע מתים", וואָס דרעהען מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, עס נעמט אַזש אָן אַ פּחד. צום סוף, אַז מע קומט צו נאָהענט, זעהט מען, אַז ס'איז נאָר ווינטמיהלען. נאָר אָט באַלד ווערען זיי אויך פאַר־שוואונדען, און איהר זעהט מעהר ניט נאָר הימעל און פעלד, פעלד און הימעל, און עס גלוסט זיך אייך אַראָפּשפּרינגען פון וואָגען, אָדער בעסער אַרויספליהען פון וואָגען און אַריינשווימען אין דער דאָזיגער בלויקייט, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף. ניט ווילענדיג קומען געדאַנקען, ווי קליין דער מענטש איז און ווי גרויס איז דער, וואָס האָט באַשאַפען אָט די דאָזיגע שענע גרויסע וועלט, און אַ פאַרוויעגטער פון די געדאַנקען, הויבט זיך אייך אָן צו דרימלען. נאָר אָט שניידט זיך אויס פאַר די אויגען עפּיס אַ גרויסע פוהר, מיט אַ פּאָר גרויסע אָקסען מיט גרויסע הערנער, און אַ גוי, אַ באָרוויסער, מיט אַ גרויס היטעל, געהט צו־פוס, און מאיר־וועלוועל גריסט זיך מיט'ן גוי האַלב אויף גוייש און האַלב אויף אידיש: „זדאָראָווא, טשאַלאָוויטשע, האַרצוועהטיג אין בויך נעחיי טובי בודע, און בייכוועהטיג אוהאָלעוואו"... דער גוי ווייסט ניט, וואָס דער איד זאָגט צו איהם, צי גוטס, צי שלעכטס,

24

די נסיעה

די רייזע ביי מאיר־ווע‍לוועל בעל־עגלה אין בויד. — פילאזאפישע געדאנקען. — די ערשטע סטאנציע אין וועג — באָרישפּאָלי. — „געזינגע" בעלי־בתים פון דער אכסניה. — א נאכטלעגער אויף דער ערד. — דער העלד געזעגענט זיך אויף שטענדיג מיט ווארא‍נקא.

נאָר דער, וואָס איז אליין אויסגעוואַקסען אין א קליין שטעדטעל און איז דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען ארויסגע־פאָהרען פונ'ם קליינעם שטעדטעל אויף גאָט'ס וועלט, יענער וועט פארשטעהן און וועט מיטפיהלען דעם גליק מיט דעם פארגעניגען מיט דעם רחבת־הנפש, וואָס קליינוואַרג האָט געפיהלט פון דער דאָזיגער ערשטער אָנגעלעגטער נסיעה. די ערשטע צייט האָט מען זיך אין בויד גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. האָט מען זיך אָנגעלעהנט, ווי דער טאַטע צום סדר אויף דעם היסב־בעט, אָדער מע האָט אריינגעלעגט די הענט אין די קעשענעס און אויסגעצויגען זיך אין דער לענג, אָדער מע האָט זיך גאָר אויפגעשטעלט, אָנגע־האַלטען זיך מיט די הענט אין די רייפען פונ'ם ביידעל. דאָס האָט שוין מאיר־וועלוועל בעל־עגלה ניט געוואָלט ליידען. און חאָטש ער האָט געשלאָגען מיט חברה בלאַט און א גאַנצען וועג דערצעהלט זיי בעל־עגלה־מעשיות, פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם ניט געשאָדט מבטיח צו זיין, אז טאָמער וועלען זיי איהם ארויס־רייסען א שטיקעל בויד, וועט ער זיי ארויסרייסען די קישקעס.

באַרישפּאָלי — א נייע שטאָדט. בעסער וועט זיין, אז מיר וועלען זאָגען — א ניי דאָרף, א גרויס דאָרף. הייזלעך די זעלבע, וואָס אין וואָראָנקאָ, מענטשען אויך די אייגענע, נאָר נעזער אנדערע. א צופאל, אָדער ס׳איז טאקי אזוי, נאָר די חברה זענען געווען איבערראשט פון דעם, וואָס דער בעל־הבית פון דער סטאנציע, די בעל־הבית׳טע און זייערע פיער דערוואַקסענע טעכטער — אלע זענען זיי געווען מיט לאנגע נעז, און טאָמער איז קארג, האָט די דיענסט נאָך א לענגערע נאָז פון זיי אלע. דערהערט פונ׳ם בעל־עגלה, ווער די פארשווינדלעך זענען, האָט דער לאנגנאָזיגער בעל־הבית זיי אויפגענומען מיט כבוד, זיי אָפּגעגעבען שלום־עליכם, געהייסען דער לאנגנאָזיגער דיענסט, זי זאָל שטעלען דעם סאמאָוואר, א וואונק געגעבען צו דער לאנגנאָזיגער בעל־הבית׳טע, זי זאָל דערלאנגען פארבייסען, און א קאָמאנדעווע געגעבען צו די לאנגנאָזיגע טעכטער, זיי זאָלען אָנטהון די שיך — זיי זענען געגאנגען באָרוויס.

מיט די דאָזיגע באָרוויסע מיידלעך זענען די יונגע רייזענדע געוואָרען א ביסעל שפּעטער גאנץ היימיש. מיט גרויס נייגיעריג־קייט האָבען די מיידלעך זיך אויסגעפרעגט ביי די יונגלעך, פון וואנען און וואוהין זיי פאָהרען, און ווי אזוי זיי הייסען, און ווי געפעלט זיי באַרישפּאָלי — אלכדינג האָבען זיי געוואָלט וויסען, אפילו וויפיעל יעדער איז אלט. דערנאָך האָבען אלע אינאיינעם, די יונגלעך מיט די מיידלעך, פארזוכט פון דער זויערער פּאָווידלע, וואָס די מוהמע האָדעל האָט מיטגעגעבען, און די געלעכטערען זענען געגאנגען ביז׳ן הימעל ארויין.

דערנאָך האָט מען גענומען שפּיעלען „קוציבאַבע" אָדער אין „זשמורקעס" — א שפּיעל, וואָס מע פארבינדט איינעם די אויגען און מע לאָזט איהם, ער זאָל חאַפּען וועמען ער וויל. די מיידלעך האָבען זיך שטארק צעהיצט, און אז ס׳איז זיי געראָטען צו חאַפּען עמיצען פון די יונגלעך, האָבען זיי איהם אזוי שטארק געקוועטשט צו דער ברוסט, אז ס׳איז יענעם שיער די נשמה ניט ארויס...

שטעהט ער א ווײלע א פּאַרטומעלטער; דערנאָך טהוט ער א מאַך מיט'ן קאָפּ און א מורקע אונטער דער נאָז א דאַנק און פֿאָהרט ווײטער דעם גאַנצען טאָג, דעם ערשטען טאָג פֿון דער דאָזיגער װעלװעל, וואָס האָט אפילו קײן שמײכעל ניט געטהאָן, דרעהט־אויס דעם קאָפּ צו זײנע יונגע פּאַרשוינדלעך: „וואָס פּאַר א געלעכטער אויף אייך, ממזרים?“ א שענע מעשה, נאָר א קורצע — ער פרעגט גאָר, וואָס פּאַר א געלעכטער!... און אזוי געהט עס ווײטער דעם גאַנצען טאָג, דעם ערשטען טאָג פֿון דער דאָזיגער גליקליכער נסיעה אין סוף זומער.

די לעצטע טעג פֿון זומער — ווי שען זײ זענען! די פעלדער נאַקעט, ערטערווײז צעאַקערט, דאָס ברויט שוין לאַנג אראָפּגענומען, נאָר וואו־ניט־וואו וואַרפט זיך דורך א בלימעל, א זאַנג, א קווייטעל. אין די גוײשע גערטנער ליגען נאָך די קאַוועגעס און אַרבוזעס, וואָס דאַרפען פּאַרטיג ווערען, אויך לאַנגע טיקוועס, וואָס נעמען זיך אָן מיט זאַפט, און די הויכע סאָנישניקעס, וואָס האָבען זיך אויסגעצויגען מיט שטאָלץ, באַווײזען זײערע געלע רײכע קוטשמעס. און די גאַנצע וועלט איז נאָך פֿול מיט פליעגעלעך און מורעשקעס, וואָס זשומען און הודען, מיט הײשעריקלעך, וואָס שפּרינגען, מיט פערחלעך און פליטערלעך, וואָס טראָגען זיך און וויעגען זיך יום־טוב'דיג אין דער לופטען. און דער ריח פֿון פעלד פּאַרטראָגט אין נאָז אַרײן, און די וועלט אַרום און אַרום זעהט־אויס אזוי גרויס, און דער הימעל אויבען אזוי קײלעכיג, און צום צווײטען מאָל קומט אויף די געדאַנקען, אז די מענטשען זענען צו קלײן, צו קלײן פּאַר אזא גרויסער וועלט, און אז נאָר גאָט, וואָס איז מ ל ו א כ ל ה א ר ץ כ ב ו ד ו, — ער איז אָנגעמאָסטען פּאַר אזא וועלט...

— קריכט אראָפּ, ממזרים, מיר זענען שוין אין באָרישפּאָלי. דאָ נעכטיגען מיר אונטער, און „מירטשעמאָרגען“ פֿאָהרען מיר ווײטער.

דערפאַר, ער זאָל ניט טאַנצען דעמאָלט, ווען מע שפּיעלט ניט...

די זון האָט אַראָפּגעשיינט, און דער גאַנצער הויף איז געווען ווי איינגעטונקען אין גין־גאָלד, און בריליאַנטען האָבען געפינקעלט און געשפּיעלט זיך אומעטום — בריליאַנטען, דימענטען! אפילו די קופּע מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט דורכ׳ן גאַנצען זומער, און אפשר דורך צוויי זומערען, איז געווען מיט גאָלד באַדעקט. און ווער שמועסט, דער האָהן מיט די היהנער, וואָס האָבען זיך דאָ געפּאָרעט אויף דער קופּע, — די האָבען אויסגעזעהען ביז׳ן לעצטען פעדערעל זהב טהור. זייער קוואָקען האָט געגלעט. זייער שאַרען מיט די פיסלעך האָט געהאַט דעם זיבעטען חן. און אַז דער געלער האָהן איז אַרויף אויף דער קופּע און האָט צוגעמאַכט די אויגלעך און האָט אויסגעצויגען דעם לאַנגען, שענעם, כפול־שמונה׳־דיגען קוקאַריקו אויף זיין חזנ׳ישען שטייגער, האָט זיך דערפיהלט די שענקייט פון דער וועלט און ווידער אַ מאָל די גרויסקייט פון דעם, וואָס האָט באַשאַפען די וועלט. און עס האָט זיך געגלוסט איהם אָפּגעבען אַ שבח — נישט חלילה אוועקשטעלען זיך דאַוונען, ווי דער בעל־הבית פון דער באַרישפּאָלער סטאַנציע, אָדער ווי מאיר־וועלוועל בעל־עגלה — ניין, דערויף האָבען חברה קיין חשק ניט געהאַט, דאָס האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסען; נאָר אינ־ווענינג ביי זיך אין האַרצען דאַנקען און לויבען גאָט — דאָס יאָ.

— קריכט אין וואָגען אריין, ממזרים, מיר האָבען נאָך אַ טאָג צו פאָהרען! — האָט מאיר־וועלוועל זיי צוגעטריבען, באַצאָהלט פאַר היי און האָבער און געזעגענט זיך מיט די בעלי־בתים פון דער סטאַנציע. חברה האָבען זיך אויך גאַנץ פיין אָפּגעזעגענט מיט דער לאַנגנעזיגער משפחה, אריין אין בויד אריין, און אַ נייע פרישקייט, אַ נייע זיסקייט, אַ נייע רחבת האָט זיי אונטערגעחאַפּט און אַרומגענומען פון אַלע זייטען, באַלד נאָך דעם ווי דער וואָגען האָט טרייסלענדיג זיך אַרויסגעקאַטשעט פון באַרישפּאָלי און אַרויסגעפאָהרען ווידער אויף דער ברייטער וועלט פון פעלדער

ביינאַכט האָט מען די געסט באַלעגט אויף דער ערד, מיט היי אויסגעבעט, און בכדי זיי זאָלען זיך ניט געפינען באַלעדיגט, האָט זיי די לאַנגנאָזיגע בעל־הבית'טע באַוויזען, אַז אינ'ם צווייטען ווינקעל פונ'ם זעלבען חדר ליגען איהרע טעכטער אויך אויף דער ערד, „און וואַכסען פון דעסטוועגען, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשה'־דיג", — האָט זי צוגעלעגט און אויסגעשנייצט די לאַנגע נאָז. הברה וואָלטען דעם דאָזיגען געלעגער אָנגענומען מיט פאַרגעניגען, ווען זיי זאָלען זיך ניט שעמען פאַר די מיידלעך אויסצוטהון. און די מיידלעך האָבען זיך דוקא ניט געשעמט און האָבען גאַנץ גרינג אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קאָפּטלעך; געבליבען באָרוויסע און אין איינע קליידלעך, מיט נאַקעטע העלזער, האָבען זיי צעלאָזט די האָר און מאָדנע איבערגעקוקט זיך, געוואָרפען אויף די יונגלעך מיט די אויגען און געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

— לאָז זיין שטיל! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט דער בעל־הבית און האָט אויסגעלאָשען דעם ענגלאָמפּ. עס האָט זיך אָבער אין דער פינסטער נאָך געהערט אַ פאַרשטיקטער געלעכטער פון ביידע צדדים און אַ שאָראָך פון היי. אָבער נישט לאַנג, וואָרום ס'איז געקומען דער געזונטער יונגער אומשולדיגער שלאָף און האָט צוגעשלאָסען די געזונטע יונגע אומשולדיגע אויגען.

די „ברכות" פון אינדערפריה, וואָס דער בעל־הבית האָט געזונגען מיט'ן געוויסען ניגון, האָבען אָנגעזאָגט די קינדער, אַז ס'איז שוין טאָג און אַז מע דאַרף פאָהרען קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָס לעצטע וואָרט האָט ווי אַ בריה געגעבען און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט שמחה און מיט תענוג. מאיר־וועלוועל בעל־עגלה האָט צונויפגעלעגט דעם טלית־ותפילין און דאָס פנים האָט איהם גע־שיינט, ווי ביי אַ צדיק. דערנאָך איז ער אוועק שפּאַנען די „סוסים". דאָרט האָט ער זיך אויסגע'טענה'ט מיט „מאַודריקען", מיט „טענ־צערען" און מיט דער „יחסנ'טע" אויף זיין לשון, איינגעטיילט יערען באַזונדער, נאָר דעם גרעסטען חלק האָט באַקומען „טענצער",

25

אין דער נייער היים

פּערעיאַסלאַוו אַ כּרך. — אַ קאַלט באַגעגעניש. — דאָס זילבער איז פאַרזעצט, פּרנסה געשלאָגן. — דער טאַטע איז פאַרזאָרגט.

נאָך צוויי טעג טרייסלען זיך און העצקען זיך, וואַרפן זיך און קאַטשען זיך, און אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, און אָנגעהערט זיך מיט בעל־עגלה־מעשיות, האָבן די יונגע רייזענדע אויפ'ן צווייטן טאָג פאַרנאַכט דערפיהלט, אַז זיי זענען שוין אָט־אָט אין דער היים. נאָך אַ ביסעלע און עס האָבן זיך אין דער פינסטערער נאַכט אָנגעהויבן באַווייזען קליינע פייערלעך — סימנים פון אַ שטאָדט. דערנאָך האָבן די רעדער גענומען קלאַפּן איבער שטיינער, און די בויד האָט געטראַסקעט נאָך ערגער ווי פריהער. דאָס איז שוין געווען די אמת'ע שטאָדט, די גרויסע שטאָדט פּערעיאַסלאַוו. מיט אַ רעש און מיט אַ האַרמידער האָט זיך מאיר־וועלוועל'ס בויד צוגעקאַטשעט צו אַ פינסטערען הויף, וואו ס'איז געהאַנגען איבער'ן טויער אַ פאַררויכערטע לאַנטערנע מיט אַ בעזעמעל פון היי — אַ סימן אויף איין איינפאָהר־הויז.

אַז זייערע עלטערען'ס פּרנסה איז איצט איין איינפאָהר־הויז — דאָס איז פאַר די קינדער געווען אַ סורפּריז און אַ באַלעדיגונג. סטייטש, זייער טאַטע נחום וועט אויפנעמען געסט? זייער מאַמע חיה־אסתּר וועט קאָכען פאַר זיי וואַרעמעס? זייער באָבע מינדי וועט זיי באַדיענען? קיין שטאַרקערען אָראָפּפאַל,

און גערטנער, פון זאמד און פון וואלד און פון הימעל און ווייטער הימעל. עס האָט שוין אָנגעהויבען ווערען א ביסעל צו־פיעל הימעל. עס האָט שוין אָנגעהויבען א ביסעל צועסען זיך — ניט אזוי דער הימעל, ווי דאָס פאָהרען, און ניט אזוי דאָס פאָהרען, ווי דער בעל־עגלה מאיר־וועלוועל מיט זיינע מעשיות. און אגב האָט אָנגעהויבען פויקען אין קאָפּ, שווינדלען אין די אויגען און שטעכען אין די זייטען פונ'ם טרייסלען, וואָס ס'האָט געטרייסעלט, און פונ'ם ווארפען, וואָס ס'האָט געוואָרפען. טער־טער־טער־טער! עס האָט אויסגעוויזען, אז ס'וועט אייביג אזוי טערקען, עס וועט גאָר קיינמאָל ניט אויפהערען. און עס האָט זיך אָנגעהויבען וועלען אראָפּקריכען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען בענקען נאָך דער ערד, בענקען אהיים, בענקען נאָכ'ן שטעדטעלע, נאָך וואָראָנקאָ. און דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע האָט זיך פארשלאָגען אין א ווינקעלע ביי מאיר־וועלוועלען אין בויד, אָפּגעזיפצט פון דער גרינג און מיט הארץ געזעגענט זיך מיט דעם נאָך א מאָל און נאָך א מאָל און געשעפּטשעט שטילערהייט, זיינע ברידער זאָלען עס ניט הערען:

— זיי געזונט, וואָראָנקאָ! זיי געזונט, זיי געזונט!...

האָט מען זיי א פרעג געגעבן: „ס׳מאכט איהר?“ וואָס קאָן מען ענטפערען דערויף? „גאָרנישט“... די ערשטע איז געווען די באָבע מינדי, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אז די קינדער קאָנען וועלען עסען. „איהר זענט הונגעריג?“ נאָך א מין הונגעריג! „איהר׳ט עפּיס עסען?“ נאָך א מין עסען! „מנחה־מעריב גע־דאווענט?“ נאָך א מין דאווענען!...

די מאמע האָט זיך א וואָרף געגעבן אין קיך מאכען עפּיס עסען, און דער טאטע האָט דערווייל פאַרהערט די קינדער, וואו זיי האַלטען אין לערנען. אָ, זיי האַלטען ווייט! נאָר וואָס דרעהט מען זיי א מח, אז עס ווילט זיך גאָר באטראכטען די נייע היים, די נייע שטובּ?

און זיי בּויגען דעם קאָפּ אויף אַלע זייטען און קוקען זיך ארום, וואו זיי זענען אין דער וועלט. זיי דערזעהען פאַר זיך א גרויסע, נאָר א סומנע, א נארישעוואַטע שטוב מיט א סך חדרים׳־לעך, איבערגעצוימט מיט דיגע ברעטלעך. דאָס זענען חדרים פאַר אורחים, און אורחים — גיט איינער. אין מיטען שטוב איז א זאַל. אין זאַל האָבּען חברה דערקענט דאָס גאַנצע וואָראָנקאָוועך מעבעל: דעם קיילעכיגען רויטען טיש אויף דריי לאָפּעס, די אַלטע פּאַנירטע רויטע קאַנאַפּע מיט׳ן אויסגעטריפּעטען געזעס, דעם קיילעכיגען פּאַנירטען רויטען שפּיעגעל מיט די צוויי אויסגעשניצטע הענט פון אויבּען, ווי בּיי כּהנים צום דוכנ׳ען, און די גלעזערנע שאַפּע, פון וואַנען עס האָבּען ארויסגעקוקט נאָר די פּסח׳יגע פּיעלפּאַרבּיגע טעלער, דאָס זילבּערנע חנוכּה־לעמפּעל מיט׳ן אַלטען זילבּערנעם הדס־בּעכער, וואָס איז געמאכט געוואָרען ווי איין עפּעל אויף א גרויסער צווייג מיט בּלעטלעך. די אַלע איבּעריגע זילבּערנע־גע־גילטע כּוסות, בּעכער, בּעכערלעך, גאָפּלען, מעסערס און לעפּעל און דאָס גאַנצע זילבּער — איז נישט געווען שוין מעהר. וואו איז דאָס אהינגעקומען? ערשט העט־שפּעטער, אין א צייט ארום, זענען זיי געוואוירע געוואָרען, אז טאטע־מאמע האָבּען עס איינ־איינעם מיט דער מאמע׳ס פּערעל און ציערונג פאַרזעצט בּיי א

קיין גרעסערען בזיון האָבען זיי זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען. און דער טרוימער שלום, וואָס האָט שטענדיג גע'חלומ'ט פון בעסערע צייטען, וואָס האָט זיך ארומגעטראָגען מיט זיין אוצר, האָט דער־נאָך אין דער שטיל געטרויערט, געוויינט אין דער פארבאָרגעניש און שטארק געבענקט צוריק צום ליעבען קליינעם וואָראָנקאָ. ער האָט ניט פארשטאנען, פאר וואָס האָבען די גרויסע געהאט געזאָגט: משנה מקום — משנה מזל? א שענער „משנה מקום — משנה מזל" — נישטאָ וואָס צו רעדען!...

— קריכט־ארויס, ממזרים, מיר זענען שוין געקומען! — אזוי האָט מאיר־וועלוועל אָנגעזאָגט די בשורה נאָכדעם ווי ער האָט מיט א לאַנגען „טפררו" זיך אָפּגעשטעלט ביי'ם גאַניק פונ'ם איינ־פאָהר־הויז.

צעבראָכענע, צעלאָמעטע און הונגעריגע, האָבען חברה גענומען איינציגווייז ארויסקריכען פון בויד און אויסגלייכען זיך די ביינער. גיך האָט זיך געעפענט די שטוב־טיר און עס האָבען זיך אָנגעהויבען באווייזען אויפ'ן פינסטערען גאַניק פיגורען, איינע נאָך דער אַנ־דערער, וואָס מע האָט זיי אין דער פינסטערניש פון דער נאכט געקאָנט דערקענען נאָר נאָכ'ן קול. די ערשטע פיגור איז געווען א הויכע און א ברייטע. דאָס איז געווען די באָבע מינדי. זי האָט אויסגעצויגען דעם אַלטען קאָפּ און א זאָג געגעבען: „אָ! גע־לויבט ביזט דו גאָט, זיי זענען שוין געקומען". די צווייטע פיגור איז געווען א קליינינטשקע, א זשוואווע. דאָס איז געווען די מאמע חיה־אסתּר. זי האָט ווי א פרעג געגעבען עמיצען א דריטען: „שוין געקומען?" — „שוין געקומען!" — האָט איהר אָפּגעענט־פערט מיט פרייד א דריטע פיגור, א לאַנגע און א דינע. דאָס איז געווען דער טאַטע, רב נחום וועוויק'ס, איצט שוין רב נחום ראבינאָוויטש (אין דער גרויסער שטאָדט האָט מען דעם ציידען וועוויק געגעבען דימיסיע).

א באגעגעניש איז דאָס געווען נישט אזא, ווי די קינדער האָבען געוואָרט. מע האָט זיך אפילו צעקושט, נאָר קאַלטליך. דערנאָך

אַ שום מעבעל — אַ מין דורכגאַנגס־חדר פון זאַל אין קיך אריין, — האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפּיע לאַנג נישט געקאָנט אנשלאָפן ווערן. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געבאָמבעלט אַלערליי מחשבות און געדאַנקען מיט קשיות, קשיות און קשיות: פאַר וואָס איז דאָ אַזוי פינסטער און אומעטיג? פאַר וואָס זענען דאָ אַלע אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס איז דאָס מיט דער מאַמען, וואָס זי איז געוואָרען אַזוי קאַרג מיט סכנות? וואָס איז דאָס מיט׳ן טאַטען, וואָס ער איז געוואָרען אַזוי איינגעבויגען, סוטולעוואַטע און אַזוי שטאַרק פאַרעלטערט, אַז עס קלעהמט דאָס הארץ קוקענדיג אויף זיין געל־געקנייטשט פּנים? ניט שוין זשע איז דאָס אַלסדינג נאָר צוליעב דעם, וואָס מע האָט געזאָגט אין וואָראָנקאָ, א ז ד י פּ ר נ ס ה א י ז ג ע ש ל אָ ג ע ן? ניט שוין זשע איז אָט דאָס דער „משנה מקום — משנה מזל״? וואָס טהוט מען דערצו? דערצו איז — דער אוצר. אך! ווען ער ברענגט מיט זיך חאָטש אַ קליינעם חלק פון יענעם אוצר, וואָס ליגט באַהאַלטען אין וואָראָנקאָ!...

דערמאָנט זיך אינ׳ם אוצר, קומט איהם אויפ׳ן זינען זיין חבר שמואליק דער יתום מיט זיינע וואונדערליכע מעשיות וועגען שענע אוצרות פון גאָלד און זילבער, דימענטען און בריליאַנטען, וואָס געפינען זיך אין גן־עדן התחתון, און וועגען יענעם אוצר, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט וואָראָנקאָווער בית־מדרש נאָך פון חמעלניצקי׳ס צייטען... און עס חלומ׳ען זיך איהם אוצרות, גאָלד און זילבער, דימענטען און בריליאַנטען. און זיין חבר שמואליק קומט איהם צו חלום, דער ליעבער שמואליק מיט זיין חנ׳עווריגען פּנים, מיט זיינע גלאַנצענדיגע, מיט פעטען אָנגעשמירטע האָר. און עס מאַהלט זיך איהם אויס, אַז ער הערט זיין ווייך־הייזעריג קול, ווי ער רעדט צו איהם זיס־פריינטליך, ווי איין אַלטער, און ווי ער טרייסט איהם מיט גוטע ווערטער: „זאָרג ניט, שלומ׳אַני טייערער, אָט האָסט דו פון מיר אַ מתנה — אַ שטיין פון יענע צוויי שטיינער; קלויב דיר אויס וועלכען דו ווילסט — דעם

פערעיאסלאווער נגידֿ און נישט געקאַנט שוין מעהר אויסקויפען קיינמאָל.

— געהט וואשט אייך! — זאָגט די באַבע מינדי נאָך דעם, ווי די מאַמע חיה־אסתּר האָט געבּראַכט צו טראָגען פון קיך עפּיס נישט אַזאַ געהויבענע וועטשערע: צוגעוואַרעמטע קאַשע מיט פאַסאָלים, און דאָס דאַרף מען עסען מיט ברויט, און דאָס ברויט איז אַלטגעבּאַקען! די מאַמע אַליין שניידט דאָס מיט אַ מעסער און טיילט־אויס יעדען זיין חלק — דאָס איז ביי זיי קיינמאָל נישט געווען. אַ קבּצנ׳ישער מנהג!... און דער טאַטע זיצט ביי דער זייט און הערט נישט אויף צו עקזאַמענירען, וואו האַלט מען אין תּנ"ך. דער טאַטע זעהט־אויס צופריעדען. די קינדער האַלטען ווייט. און ווער שמועסט, דער מיטעלסטער, שלום, דער איז קלאָר בּעל־פּה, קאָן זאָגען גאַנצע קאַפּיטלעך ישעיה אויף אויסווענינ, ווי אַ וואַסער.

— נו, גענוג שוין, לאָזען זיי געהן שלאָפען! — זאָגט די מאַמע און נעמט־צו דאָס איבּערגעבּליבּענע ברויט פון טיש און פאַרשליסט דאָס אין שאַפע. דאָס איז אויך נישט געווען ביי זיי דאָרטען אין וואָראָנקאָ. דאָס איז גאָר אַ מיאוס׳ער מנהג!...

עס איז שווער צו זאָגען: צי ווייל דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ שווערער און מע איז געווען צעבּראָכען אויף שטיק־שטיקלעך, אָדער אפשר דערפאַר, וואָס דאָס באַגעגעניש איז געווען עפּיס נישט איבּעריג פריינטליך און די אויפנאַמע קבּצניש׳דיג — נאָר די נייע היים, וואָס חברה האָבּען וועגען איהר אַזוי פיעל גע׳חלומ׳ט, האָט נישט געפונען ביי זיי אין די אויגען יענעם חן, וואָס זיי האָבּען געמיינט און געוואָלט. צו־פיעל האָבּען זיי, אפנים, געוואַרט פון דעם — דעריבּער האָבּען זיי זיך געפיהלט ווי אָפּ־געשמיסענע און זענען געווען צופריעדען, אז מע האָט זיי געהייסען לייענען קריאת־שמע און געהן שלאָפען.

ליגענדיג דערנאָך אויף שטרויענע זעק, אויסגעבּעט אויף דער ערד, אַלע קינדער אינאיינעם, אין אַ גרויסען פינסטערען חדר אָהן

26

די גרויסע שטאָדט

מע געהט באקענען זיך מיט דער משפחה. — די מוהמע חנה מיט איהרע קינדער. — אלי און אברהמעל פארהערען דעם העלד, וואו ער האלט אין תנ"ך. — ביי'ם פעטער פיני פארהערט מען איהם אין שרייבען.

אויף וויפיעל די שטאָדט האָט ביינאכט אויסגעוויזען וויסט און פינסטער, אויף אזוי פיעל האָט זי אין דער פריה געשיינט און געבלישטשעט און געפונען חן און לייטזעליגקייט אין די אויגען פון די וואָראָנקאָווער יונגלעך, די קליינשטעדטעלדיגע קינדער, וואָס האָבען געהאַפּט התפעלות פון איטליכס ברעקעל באזונדער. זיי האָבען נאָך קיינמאָל אויף זייער לעבען נישט געזעהען, אז גאַסען זאָלען זיין אזוי ברייט און לאנג און האָבען פון ביידע זייטען הילצערנע „פּעשעחאָדען" (טראָטוארען); אז שטיבער זאָלען זיין געדעקט מיט בלעך; אז פענסטער זאָלען זיין פון דרויסען מיט געפארבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדען; אז קלייטען זאָלען זיין געמויערטע פון ציגעל און האָבען אייזערנע טירען. היינט דער מארק, די קלויסטערס און, להבדיל, די בתי־מדרשים מיט די שוהלען, און אפילו די מענטשען — אלע און אלין איז אזוי גרויס און אזוי שען און אזוי ריין און אזוי יום־טוב'דיג־פרייליך! ניין, פינעלע שימעלע'ס האָט ניט מגזם געוועזען, אז ער האָט דער־צעהלט „וואונדירים" פון דער דאָזיגער גרויסער שטאָדט. אזוי ווי

שטיין, וואָס הייסט „ישפה", אָדער דעם שטיין, וואָס הייסט „כּדכּד"... שלום איז אין פאַרלעגענהייט. ער ווייסט ניט, ער האָט פאַרגעסען, וועלכער שטיין איז בעסער — דער שטיין, וואָס הייסט „ישפה", אָדער דער שטיין, וואָס הייסט „כּדכּד"? און אזוי ווי ער טראַכט דאָ אזוי, שפּרינגט־אונטער גערגעלע־גנב, חאַפּט־אויס ביידע שטיינער און ווערט מיט זיי פאַרשוואונדען. און פינעלע שימעלע'ס — פון וואַנען האָט ד ע ר זיך גענומען אהער? — האַלט די הענט אין די קעשענעס און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. „פינעלע, וואָס לאַכסטו?" „פון דיין מוהמע האָדעל מיט איהר פּאָווידלע — חאַ־חאַ־חאַ!"...

— שטעהט־אויף, חברה פלעצעל! זעה נאָר, ס'איז זיי גאָר־ניט צו דערוועקען! מע דאַרף אָרויסטראָגען דעם הקדש! מע דאַרף קאָכען וואַרעמעס! און זיי שלאָפען — אַ זיסער שלאָף אויף זיי! — קלאָגט זיך די מאַמע חיה־אסתּר, אַ קליינינטשקע, אַ זשוואַווע, אַ פאַרפּאָרעטע, אַ פאַרטאַרעראַמטע פון דער אַרבייט אין שטוב און אין קיך — איין מענטש אליין.

— אי־אָ־נו, דאַוונען! — העלפט איהר אונטער די באָבע מינדי, האַלט אַ קרבן־מנחה אין האַנט און מישט אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל און זאָגט מיט כּוונה, טאָר ניט מפסיק זיין.

— נאָכ'ן דאַוונען וועט איהר זיך דורכגעהן צו דער משפחה אָפּגעבען אלעמען שלום־עליכם, און אין חדר וועט איהר שוין אָנהויבען געהן, אם ירצה השם, נאָך יום־טוב.

אזוי לעגט־צו דער טאַטע ווייכער פון אלע. ער געהט אָנגעטהאָן אין עפּיס אַ מאָרנע חאַלאַטעל, אויף קעץ אונטערגעשלאָגען, חאָטש ס'איז נאָך וואַרעם אין דרויסען, און איין איינגעהויקערטער, אַ פאַרזאָרגטער, פאַרציהט ער זיך מיט אַ שטאַרקען פּאַפּיראָס און זיפצט אזוי טיעף, אז עס רייסט־אויס אַ שטיק האַרץ. עפּיס דאַכט זיך אויס, אז ער איז גאָר קלענער געוואָרען. עלטער און קלענער... און עס ווילט זיך לויפען פון שטוב אַרויס וואָס גיכער, לויפען אין דרויסען אַרויס, אָנקוקען די שטאָדט, זיך באַקענען מיט דער משפּחה.

זעלטענע־זעלטענע שענהייטען. ווי נאָר קליינוואַרג זענען אריינ־געקומען, אזוי איז געוואָרען א טומעל, א געשריי און א געפּילדער:

— אָט דאָס זענען זיי? אָט דאָס איז ער, דער בעל־תּנ״ך? אַנו, קום נאָר אהער, שעם זיך ניט! זעהט נאָר, ווי ער שעמט זיך עס א ביסעל, חאַ־חאַ־חאַ!

דער טאַטע האָט זיך, אַפּנים, נישט געקאָנט איינהאַלטען פון צו געבען זיך א באַריהם מיט זיין זוהן, אז ער איז א גוטער בעל־תּנ״ך, האָט מען איהם געקרוינט דאָ טאַקי באַלד אויפ׳ן אָרט מיט׳ן נאָמען: „בעל־תּנ״ך".

— גיס־אָן דעם בעל־תּנ״ך א גלעזעל טיי און געב איהם איין עפּעל מיט א באַר, לאָז ער פאַרזוכען, דער בעל־תּנ״ך, אונזערע פּערעיאַסלאַווער אויבּסטען.

— שאַט, ווייסט איהר וואָס? לאָז מען אריינרופען אהערצו אַלין מיט אברהמלען, וועלען זיי איהם פאַרהערען.

און מע האָט אריינגערופען אַלין מיט אברהמלען.

אַלי און אברהמעל זענען שוין היבשע בחורים מיט פיינע בערדלעך און קעהרען זיך אָן צו דער מוהמע חנה׳ס משפּחה פון איהר מאַנ׳ס צד. זיצען א הויף קעגען א הויף. זייער פאָטער, יצחק־יענקעל, איז איין אָפּגעקומענער נגיד, לאָדט זיך כּל ימיו מיט „קאַזנאַ", טראָגט איין אויהערינגעל אין לינקען אויהער, א שענע קיילעכיגע באָרד, קוקט ניט אויף קיינעם, רעדט ניט מיט קיינעם, און שטענדיג שמייכעלט ער מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: „וואָס האָב איך מיט אייך צו שמועסען, אז איהר זענט אַלע בהמות?"

די אריינגעקומענע בחורים האָבען גלייך, אָהן צערעמאָניעס, א נעם געגעבען דאָס וואָראָנקאָווער בחור׳על צום עקזאַמען, איהם פאַרהערט אין תּנ״ך אויף אויסווענדיג פון איין עק ביז׳ן אַנדערען. און מע דאַרף מודה זיין, אז דאָס וואָראָנקאָווער בחור׳על האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטען גאָר־גאָר גלענצענדיג. ער האָט ניט נאָר געטראָפען איטליכס וואָרט וואו עס שטעהט, אין וואָסער א

אויף רעדלעך האָבען זיך געגליטשט זייערע פיס איבער די הילצערנע „פעשעהאָרען", געהענדיג מיט'ן טאַטען צו דער משפחה, זיך באַ־קענען און אָפּגעבען שלום. און נאָר ווייל דאָ איז געווען דער טאַטע, האָבען זיי פאַר דרך־ארץ נישט געקאָנט זיך אָפּשטעלען אויף יעדען טריט און באַוואונדערען די חידושים ונפלאות, וואָס זייערע אויגען האָבען דערזעהען. ווי דער שטייגער איז, איז אויף צו־פריהער געגאַנגען דער טאַטע, און די קינדער האָבען זיך נאָכ־געשלעפּט נאָך איהם, פון הינטען.

אריינגעטראָטען אין אַ גרויסען הויף און דורכגעשפּאַנט דורך אַ גרויסען גלעזערנעם ליכטיגען קאָרידאָר, איז מען אריינגעקומען אין אַ רייכער פּריצ'ישער שטוב מיט געוועקסעלטע פּאָרלאָגעס, ווייכע קאַנאַפּעס און שטוהלען, הויכע ביז דער סטעלי שפּיגלען, געשניצטע שאַפעס, גלעזערנע קאַנדעליאַבּרעס אויף דער סטעלי, מעשענע העסעס אויף די ווענט — איין אמת'ער „פּאַלאַץ", אַ „דירה־מלוכה"!

דאָס איז געווען דער מוהמע חנה'ס שטוב — אַ מאָדנע שטוב. אַ שטוב אָהן אַ טאַטען (די מוהמע חנה איז איין אלמנה). די קינדער האָבען נישט געהערט זייער מאַמע, נישט זייער רבין, נישט קיינעם. אַ קליינע אנארכיע. איטליכער האָט זיך געטהאָן וואָס ער האָט געוואָלט. און אלע צווישען זיך האָבען געהאַלטען אין איין קריעגען זיך, געגעבען זיך איינס דאָס אנדערע צונעמענישען, און געלאַכט האָט מען הילכיג, און גערעדט האָבען אלע אינ־איינעם, און געטומעלט אזוי שטאַרק, אזש דער קאָפּ האָט זיך אייך געדרעהט.

די מוהמע חנה אליין — אַ אידינע אַ הויכע, אַ גרויסאַרטיגע. עס וואָלט איהר אָנגעשטאַנען זיין אַ גראַנד־דאַמע, פון די, וואָס שמעקען טאַבּעקע פון אַ גאָלדען פּושקעלע, אויף וועלכען סע שטעהט אויסגעמאָהלט אַ פּרינץ פון די אַמאָליגע פּרינצען, מיט אַ גרויי צעפּעל און מיט זיידענע זאָקען. די מוהמע חנה איז געווען, ווייזט אוים, אמאל אַ יפת־תואר. דאָס איז צו זעהען נאָך די טעכטער:

לאַנגע ביז די קניהעס. די טעכטער — צניעות׳דיג אָנגערוקט די פעטשיילעס איבער׳ן פּנים, קוקען ניט קיין פרעמדען גלייך אין די אויגען אריין, נאָר אז מע דערזעהט אַ פרעמדען, ווערט מען רויט, ווי אַ צוויק, און מע לאַכט אויף קרעדיט. די מוהמע טעמע, אַ אידינע אַ פרומע מיט ווייסע ברעמען, און ביי דער זייט איהר מאַמע — צוויי טראָפּענס וואַסער די מוהמע טעמע, גאָרניט צו דערקענען, ווער ס׳אַ מאַמע, ווער ס׳אַ טאָכטער, ווען די מאַמע זאָל ניט טרייסלען מיט׳ן קאָפּ: ניין־ניין.

דאָ, ביי׳ם פעטער פיני, האָט דער טאַטע נחום שוין נישט באריהמט זיך מיט זיין „בעל־תּנ״ך״. אין דער דאָזיגער שטוב האַלט מען נישט פונ׳ם תּנ״ך. ווער לערענט תּנ״ך? תּנ״ך לערנען אַפּיקורסים. דערפאַר האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען פון באריהמען זיך מיט זיינע קינדער׳ס כתב. זיינע קינדער, האָט ער געזאָגט, שרייבען, אז עס לאָזט זיך אויס די וועלט.

— אָט דער קליינער — האָט ער אַ ווייז געגעבען אויפ׳ן בעל־תּנ״ך — האָט אַ הענטעל, אַ כתבא רבה!

— אנו, ווייזט נאָר אהער אַ טינט און פען! — האָט דער פעטער פיני אַ שאַף געגעבען און האָט פארקאַטשעט די ארבעל פון ביידע הענט, גלייך ווי ער אליין באַדאַרף עפּיס טהון איין ארבייט. — אַ טינט און פען זאָל מיר באַשאַפען ווערען, ווען מיר איהם פאַרהערען שרייבען, אָט דעם „כתבא רבה״. אָבער גיך! און באַלד!

דעם פעטער פיני׳ס באַפעהל איז געווען אַ באַפעהל פון אַ שטרענגען גענעראַל, און אַלע קינדער, די יונגלעך מיט די מיידלעך, האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען אין אַלע ווינקעלעך נאָך אַ טינט און פען.

— אַ שטיקעל פּאַפּיער! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט וויע־דער דער גענעראַל. ס׳איז אָבער נישט געווען אין ערגיץ קיין איבעריג שטיקעל פּאַפּיער.

קאַפּיטעל, אין וואָסער פּסוק, נאָר אפילו געזאָגט, וואו סע געפינען זיך אַלע איבעריגע ווערטער פונ׳ם זעלבען שורש. דער טאַטע האָט געקוואָלען, געקלויבען תענוג, ממש געוואָרען ברייטער ווי לענגער. דאָס פּנים זיינס האָט איהם געשיינט. די קנייטשען, וואָס אויפ׳ן שטערן, האָבען זיך אויסגעגלייכט, און אַליין האָט ער זיך עפּיס ווי אויסגעגלייכט, געוואָרען גאָר איין אנדער מענטש.

— אז ס׳איז יאָ אזוי, לאָז מען געבען דעם בעל־תנ״ך נאָך איין עפּעל און נאָך אַ באַר און נאָך ניס, און קאָנפעקטען, קאָנ־פעקטען! — האָבען דער מוהמע חנה׳ס טעכטער די יפת־תוארס געקאָמאנדעוועט, און דער נאָמען „בעל־תנ״ך" איז איהם פארבליבען אויף אַ לאַנגע צייט ניט נאָר אין דער משפחה — מע האָט איהם שוין דערנאָך אין בית־מדרש, צווישען יונגלעך קונדסים, אנדערש ניט גערופען, ווי „דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ״ך". אויך די גרויסע, ווער עס האָט נאָר געהאט גאָט אין הארצען, דער האָט איהם גע־חאַפּט פאַר איין אויהער: „זאָג נאָר, דו קליינער בעל־תנ״ך, וואו שטעהט ערגיץ אָט דער און דער פּסוק?"

דעם בעל־תנ״ך איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דער מוהמע חנה׳ס שטוב מיט דער מוהמע חנה׳ס קינדער, פּיני מיט מאָכען, צוויי יונגלעך־שקצים, מיט וועלכע ער איז גיך געוואָרען חבר. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז קיין שענערע און קיין רייכערע שטוב, ווי דער מוהמע חנה׳ס, איז ניטאָ ניט נאָר אין פּערעיאַסלאַוו, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט. וואָרום וואו האָט איהר געזעהען, אז עפּעל זאָל מען שלעפּען פון אַ פאַס, ניסלעך פון אַ זאַק און קאָנפעקטען פון אַ טאָרבע?...

גאַנץ אנדערש האָט אויסגעזעהען דעם פעטער פּיני׳ס שטוב. אַ שטוב אַ אידישע, מיט אַ סוכּה, מיט אַ סך ספרים, גאַנץ ש״ס, אַ זילבערן חנוכּה־לעמפּעל, אַ לאַנגע וואַכסענע הבדלה. נאָר ווי קומט עס צו דער מוהמע חנה? אַ פרומע שטוב. אַלע זענען דאָרטען פרום. אזוי ווי דער פעטער פּיני, אזוי זיינע קינדער. די זיהן זיין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך ביז צו דער ערד, מיט אַרבע־כּנפות׳ען

מי נגיד ? הנגיד ה״ה הבחור המפורסם מוהר״ר יצחק בהרב הנגיד המפורסם מוהר״ר פינחס ראבינאָוויטש בק״ק פּערעיאסלאוו״.

איבערזעצט אויף אידיש וועט דאָס אויסקומען אזוי :

„דאָס דאָזיגע סידור׳על געהערט. צו וועמען געהערט דאָס סידור׳על ? צו וועמען עס געהערט געהערט עס. פאָרט צו וועמען ? צו דעם, וואָס האָט געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט ? ווער עס האָט געקויפט האָט דאָס געקויפט. פאָרט ווער האָט דאָס געקויפט ? ווער עס האָט געגעבען געלט. ווער האָט געגעבען געלט ? ווער עס האָט געגעבען האָט געגעבען. פאָרט ווער האָט געגעבען ? ווער ס׳איז א נגיד. ווער איז א נגיד ? ווער ס׳איז א נגיד איז א נגיד. פאָרט ווער איז א נגיד ? א נגיד איז דער באַריהמטער בחור יצחק דער זוהן פונ׳ם באריהמטען נגיד פינחס ראבינאָוויטש אין דער שטאָדט פּערעיאסלאוו״.

עס איז שווער צו באשרייבען, וואָס פאר א פוראָר דאָס האָט געמאַכט, הן מצד הלשון והן מצד הכתב ! און דער עיקר — דאָס כתב ! דער „כתבא רבה״ האָט זיך שוין גוט געפלייסט, אז דער טאַטע זיינער זאָל חלילה ניט פארשעמט ווערען. ער האָט אָנגע־שטרענגט אַלע כוחות. ער האָט געשוויצט, ווי א ביבער. ער האָט אויסגעקלויבען דאָס סאַמע שענסטע און סאַמע קלענסטע פּערעל־כתב, וואָס מע דארף אָנטהון דערצו א שפּאַקטיוו, מע זאָל דערזעהען די אותיות׳לעך. ער האָט אָנגעווענדט דערצו דעם גאַנצען כח פון קאַליגראַפיע, וואָס ער האָט ארויסגעפיהרט בירושה פון זיין וואָראָנקאָווער רבין רב זרח׳על, וועלכער האָט באַשאַפען אין יענעם שטעדטעלע, קאָן מען זאָגען, א גאַנצען דור פון קאַליגראַפען, וואָס האָבען זיך צעקראָכען איבער דער וועלט און וואָס צייכענען זיך אויס כמעט אַלע מיט זייער שען־שרייבען עד היום הזה.

— שאט! ווייסט איהר וואָס? לאָז ער אָנשרייבען אָט דאָ אויף מיין סידור׳על.

אויף דער דאָזיגער המצאה איז געפאַלען דעם פעטער פיני׳ס יונגערער זוהן, איצעל, אַ טשיקאַווע בחור׳על מיט אַ שפּיצעכיג קעפּעל און מיט אַ לאַנג נעזעל.

— נעם שרייב! — האָט דער טאַטע באַפוילען צו זיין „בעל־תנ״ך״.

— וואָס זאָל איך שרייבען?

— שרייב וואָס דו ווילסט.

איינגעטונקען די פּען, האָט דער בעל־תנ״ך, אָדער דער „כתבא רבה״, אַ ביסעל אַ טראַכט געגעבען, נישט געהאַט וואָס צו שרייבען, האָטש טהו זיך אָן אַ מעשה! דעם פעטער פיני׳ס הויזגעזינד האָט שוין מסתמא איבערגעטראַכט, אז דער „כתבא רבה״ קאָן שרייבען נאָר דעמאָלט, ווען מע זעהט ניט. נאָר דאָ איז איהם געקומען אויפ׳ן זכרון דאָס, וואָס כמעט אויף יעדען אידישען ספר פלעגט יענע יאָהרען שטעהן געשריבען, און שלום האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבעל, געגעבען אַ דרעה מיט דער האַנט, איינגעטונקען נאָך אַ מאָל די פּען און אין עטליכע מינוט אַרום איז געוועזן אָנגעשריבען אָט ווי אַזוי:

„אעפ״י שאָסרו חכמים לכתוב על הספר, אלא משום סימן בעלמא מותר״. אויף אידיש וועט דאָס הייסען אַזוי גוט ווי:

ח אָ ט ש א פ י ל ו א ו י ף א ס פ ר ש ר י י ב ע ן ט אָ ר מ ע ן נ י ט, נ אָ ר צ ו ל י ע ב א ס י מ ן מ ע ג מ ע ן.

דאָס איז געוועזן אַ מין הקדמה, נאָך וועלכער עס קומט די דאָזיגע באַקאַנטע אויפשריפט:

„זה הסדור שייך. למי שייך? למי ששייך שייך. פאָרט למי שייך? למי שקנה. מי קנה? מי שקנה קנה. פאָרט מי קנה? מי שנתן מעות. מי נתן מעות? מי שנתן נתן. פאָרט מי נתן? מי שהוא נגיד. מי נגיד? מי שהוא נגיד נגיד. פאָרט

קודם כל באדארף מען אָנקוקען די שטאָדט. חברה האָבען זי נאָך כמעט גאָרניט געזעהען. אחוץ ווי ביי דער מוהמע חנה׳ן און ביי׳ם פעטער פיניע און אחוץ ווי אין גרויסען בית־מדרש, אין אלטען בית־מדרש און אין דער קאלטער שוהל, דאָרט וואו צאלי דער חזן דאווענט, זענען די וואָראָנקאָווער קינדער כמעט אין ערגיץ נישט געווען. נאָך פארהאן גענוג גאסען און גענוג ערטער. פארהאן די „אלטיצע", און פארהאן די „טרובײלא" (טייכען אזעלכע), און פארהאן די לאנגע בריק. און וואו זענען די „פידוואָרקעס", וואָס אויף יענער זייט בריק? די „פידוואָרקעס" — דאָס איז א באזונדערער מין שטאָדט, וואָס געהערט פון דעסטוועגען צו פערע־יאסלאוו. „ארנאָלד פון די פידוואָרקעס" שטאמט פון דאָרט. ארנאָלד קומט אָפט אריין צו נחום ראבינאָוויטשען א ביסעל פאר־ברענגען, רעדען פונ׳ם רמב"ם און פונ׳ם כוזרי און פון ברוך שפינאָזא און פון משה מענדעלסאָן און פון נאָך אזעלכע גרויסע מענטשען, וועלכע שלום האָט ניט געקאָנט זיך אָנגערענקען, חוץ איינעם מיט׳ן נאָמען דרעפער — דער האָט זיך איינגעפונדרעוועט ביי איהם אין זכרון: דרע־פער... „ארנאָלד איז שטארק געלערענט. — זאָגט אויף איהם דער טאטע נחום, וואָס האלט פון איהם איין עולם ומלואו. — ארנאָלד זאָל ניט זיין קיין איד, וואָלט ער געקאָנט זיין א פראָקוראָר". פאר וואָס עפיס א פראָקוראָר? און פאר וואָס זאָל א איד ניט קאָנען זיין? — דאָס האָט נאָך שלום נישט געקאָנט פארשטעהן. פון אנטיסעמיטיזם האָט ער געוואוסט נאָר איין זאך: הינט. דורך זיין אייגענעם ערפאהרען. אין וואָראָנקאָ האָבען שקצים׳לעך אָנגערייצט אויף איהם הינט, וואָס האָבען איהם אוועק־געלעגט און צעביסען, איבערגעלאָזט א סימן ביז צו היינטיגען טאָג.

אָט דעם „ארנאָלד פון די פידוואָרקעס" האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע א סך צו פארדאנקען אין זיין שפעטער־דיגען שטודירען, און מיר וועלען זיך דעריבער מיט איהם נאָך באגעגענען. דערווייל איז בין־הזמנים און ערב יום־טוב. צייט צו שליסען באקאנטשאפט מיט נייע חברים און גלאט יונגלעך.

27

בין־הזמנים

ארנגאלד פון די פידוואַרקעס. — נייע חברים. — גרמיזא דער מלמד א בעל־קורא. — די וואַראַנקאַווער ווייסע־חברה׳ניקעס באַווייזען וואָס זיי קענען.

בין־הזמנים — ווער ווייסט דאָס פאַרשטעהן? וואַקאַציע, וואַקיישאָן, פעריען, קאַניקולעס — דאָס זענען אַלץ ווערטער פון׳ם זעלבען באַגריף. זיי זאָגען אָבער נישט דאָס, וואָס דאָס וואָרט „בין־הזמנים" זאָגט דעם אידישען יונגעל.

דאָס קינד, וואָס קומט פון דער שול, אָדער פון גימנאַזיע, אויף וואַקאַציע אהיים, האָט זיך גענוג אָנגעשפּיעלט דאָרטען, וואו מע לערענט, גענוג אָנגעטאַנצט און אָנגעהוליעט, גענוג אָנגעלאָפען זיך און גענוג אָנגעשטיפּט זיך מיט די חברים דורכ׳ן יאָהר — עס קאָן זיין מעהר געשטיפּט, ווי געלערענט. דאָס אידישע חדר־יונגעל — דער האָט נעבאַך דאָס גאַנצע יאָהר געהאָרעוועט, גע־זעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט און געלערענט — געלערענט, געלערענט און געלערענט. און מיט א מאָל — בין־הזמנים! אַנדערהאַלבען חדשים דורכאיינאַנד, פון חצי אלול ביז סוף תשרי, ווייסט מען נישט געהן אין חדר — וואָס קאָן זיין א גרעסערער יום־טוב? און דערצו געהען נאָך די יום־טובים אויך: ימים נוראים! סוכות! שמחת־תורה! און דאָס אַלסדינג אינאיינעם גענומען — אויף א ניי אָרט, אין דער גרויסער שטאָדט, אין פּערעיאַסלאַוו!

בעסער ליעב זיך חבר׳ען מיט אזעלכע יונגלעך, ווי מאָטעל סריבנע, א בחור׳על מיט לאנגע פאה׳לעך, וואָס שפּיעלט אויפ׳ן פּיעדעל, אָדער אלי דאָדי׳ס — א יונגעל א ברען, וואָס האַלט אין איין לאַכען, און נאָך אזעלכע. מיט זיי דאַוועגט ער אין איין בית־המדרש, קוקט מען אין איין מחזור אריין, מאכט מען אינאייגעם „שטוקעס״: מע קרימט־איבער רפאל דעם שמש, ווי ער קוקט מיט׳ן אויגעל און זינגט: „אכצעהן גילדוין אום כּהן!״ וואָווע קאָרעצקין, ווי ער פּייפט מיט דער נאָז. בעני קאַנאָווער, ווי ער עסט טאַבּעקע. יצחק־ביגדור, ווי ער מאכט מיט די פּלייצעס. שלום ווילענסקי, ווי ער גלעט זיך דאָס בערדעל און קאָכיקעט מיט דער נאָז. ס׳איז דאָ, ברוך השם, וועמען נאָכצומאכען. ס׳איז געגנוג גרמיזא דער מלמד, ווי אזוי ער לייענט אין דער תורה. איהם האָט שלום נחום ראַבּינאָוויטש׳עס געשטודירט צוויי שבתים כּסדר, ווי אזוי גרמיזא דער מלמד צעשאָקעלט זיך אויף איין פוס, דער־נאָך פאַרקרימט ער דאָס געשטופּעלטע פּנים, שטעלט־ארויס די געלע צייהן, ציהט־אויס דעם לאַנגען האַלז, טהוט א פּיהר מיט דער שפּיצעכיגער נאָז אין דער לופטען ארויף און אראָפּ און לאָזט־ארויס מיט א משונה־מאָדנע גאָרגעל־שטימע: „ר א ה נ ת ת י ל פ נ י ך ה י ו ם א ת ה ח י י ם ו א ת ה ט ו ב ו א ת ה מ ו ת ו א ת ה ר ע...״ מע קאָן שטאַרבען פאר געלעכטער! אלע די, וואָס האָבען געהערט שלומ׳ען נאָכמאכען גרמיזא׳ן, ווי ער לייענט, האָבען געשוואָרען, אז ס׳איז גרמיזא מיט די ביינער! נאָר גרמיזא אליין, אז ער איז געוואוירע געוואָרען, אז ער מאכט איהם נאָך, איז ער געווען ניט צופריעדען. ער האָט זיך ניט גע־פוילט און איז אוועק צו נחום ראַבּינאָוויטשען אהיים און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, אז ער, גרמיזא, האָט געהערט זאָגען, אז ביי רב נחומ׳ען איז דאָ א יונגעל, וואָס מאכט איהם נאָך, ווי אזוי ער לייענט אין דער תורה. דאָס האָט אָנגעמאכט א שטיקעל הארמידער. נחום האָט איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט מאכען א „ספּראַווקע״, לאָזען נאָר די קינדער קומען אהיים. די

פון די חשוב׳ע בעל־הבתישע יונגלעך פארנעמען דעם אויבענאָן משה׳ל יצחק־ביגדור׳ס, א בחור׳על א געלס, איין אויסגעצוואָגענס, מיט איין אלפאגאָווע קאפאָטקעלע, און א גדלן א יונג, וואָס סע שטעהט איהם ניט אָן מיט זיך אליין צו רעדען — און איז גערעכט. ערשטענס, האָט זיין טאטע יצחק־ביגדור איין אייגענע שטוב מיט א ווייסען גאניק. היינט איז דאָ ביי דעם יצחק־ביגדור׳ען זייגערס אין שטוב מיט זייגערלעך אָהן א צאָהל און אָהן א שיעור. אז עס קומט זייגער צוועלף און די זייגערס הויבען־אָן שלאָגען, קאָן מען פארטויבט ווערען. אליין איז דער יצחק־ביגדור א איד, וואָס לאָדט זיך מיט דער גאנצער וועלט און האָט אויגען פון א גזלן. אלע יונגלעך פון בית־המדרש ציטערען פאר זיין קוק.

דער צווייטער נאָך משה׳לען געהט זיאמע קאָרעצקי — א יונגעל פון די גאָר גרויסע שקצים, א ביסעל א סאָטולעוואטער, נישט מיט יעדען איז ער א מחותן און נישט יעדער איז מיט איהם א מחותן, וואָרום זיין טאטע איז א „גלוח״ מיט איין אונטער־געשאָרענער באָרד, איין אדוואָקאט אין פעטערבורג, און טראָגט מאָרנע ברילען אויף דער נאָז, וואָס מע רופט זיי „פענצנע״. אָט דער זיאמע האָט אויסגעלעהרענט די גאנצע שטאָדט קינדער שווימען, באָדען זיך, גליטשען זיך אויפ׳ן אייז און נאָך א סך זאכען, וואָס ניט אלע אידישע קינדער קענען עס.

נאָך זיאמען געהט ישראלי בענדיצקי׳ס זוהנדעל, א בלייכער און א ציטעריגער, חייטעל רודערמאַן — א מלמד׳ס א יונגעל מיט גראָבע פיסקעס, אברהמעל זאָלאָטושקין — א שווארצער, ווי איין אראפ, די מערפערטס און די ליפסקים — אָפגעפוצטע בנים׳לעך מיט אויסגעוועכסעלטע שטיוועלעך. מיט די האָט מען בעדארפט האָבען א זכיה צו רעדען, וואָרום ווער פארמאָגט אזעלכע אויס־געוועכסעלטע שטיוועלעך אין דערוואָכען? נאָך זיי געהען די קאנאָווערלעך — קינדער מזיקים, וואָס האָבען צו טהון מיט הינט, מוטשען קעץ. מיט די אלע וויל שלום זיך ניט חבר׳ען. ער האָט

דיענסט. די וואָראָנקאָווער יונגלעך האָבען באַוויזען די פּערע־יאַסלאַווער יונגלעך, אַז חאָטש זיי זענען פון אַ קליין שטעדטעלע, פון דעסטוועגען ווייסען זיי אַ סך זאַכען אַזעלכע, וואָס די פּערע־יאַסלאַווער יונגלעך ווייסען זיי נים. למשל, זיי ווייסען נים, אַז צו יעדען נאָמען קאָן מען צוזעצען אַ גראַם, נעמט וואָס פאַר אַ נאָמען איהר ווילט. אַשטייגער: „מאָטעל" — מאָטעל קאַפּאָטעל, דרומען דראָטעל, יוסף סאָטעל, ארץ כנאָטעל. „לייבעל" — לייבעל קאַפּייבעל, דרומען דרייבעל, יוסף סייבעל, ארץ כנייבעל. „יאַנ־קעל" — יאַנקעל קאַפּאַנקעל, דרומען דראַנקעל, יוסף סאַנקעל, ארץ כנאַנקעל. און אַזוי איטליכען, אויף וואָס פאַר אַ נאָמען איהר ווילט.

היינט ווייסען נים די שטאָדטישע קינדער פון תשרק־לשון, דאָס הייסט, פון רעדען פאַרקעהרט. צום ביישפּיעל: „טאָ דוטס־פאח אַ שטאָפּ" — הייסט דאָס: „אָט חאַפּסט דו אַ פּאַטש". „אָן ריד אַ גייף" — „נאַ דיר אַ פייג". מיט צוגעמאַכטע אויגען האָט שלום געקאָנט אָוועקרעדען אויף דעם לשון אַ שעה כּסדר. ס'איז דאָך אַ מחיה נפשות — מע קאָן אַזוי אָוועקרעדען פון וועמען איהר ווילט, יענעם אין די אויגען, און יענער זאָל נים ווייסען, ווער ס'האָט איהם געשלייערט. היינט וואָס זענען דאָס פאַר יונגלעך, די פּערעיאַסלאַוער, אַז זיי לאָזען־דורך אַ גלח פאַרבייגעהן, גלייך ווי אַ גלייכען מענטשען, און זאָגען איהם קיין וואָרט אפילו? ניין, די וואָראָנקאָווער יונגלעך זענען נים אַזעלכע נאַראָנים. זיי וועלען נים דורכלאָזען קיין גלח גלאַט אַזוי. אַלע יונגלעך, וויפיעל זיי זאָלען נים זיין, וועלען זיי זיך אויסשטעלען דעם גלח פון הינטען און וועלען זינגען אויף אַ קול מיט אַ ניגון: „גלח־צאָפּ, אַ רוח אין דיין קאָפּ! מיר אַ ברויט, דיר אַ טוידט! מיר אַ וואָגען, דיך באַגראָבען! מיר אַ שליטען, דיך באַשיטען!" די פּערעיאַסלאַווער יונגלעך זאָגען, אַז דאָ, אין פּערעיאַסלאַוו, טאָר מען פאַר אַ גלח אַזעלכעס נים זינגען, וואָרום מע קאָן חאַפּען אַ מיאוס'ען פּסק. נאָט אייך נאָך אַ נייעס! גאָר מורא האָבען פאַר אַ גלח! ס'איז

קינדער זענען געקומען אהיים, און מע האָט זיך צו זיי אַ נעם געגעבן. דער טאַטע האָט געטראָפען, אַז דאָס דאַרף זיין שלומ׳ס אַרבייט.

— קום נאָר אַהער, שלום. זאָג נאָר, ווי אַזוי מאַכסטו דו דאָס נאָך גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תּורה?

— ווי אַזוי איך מאַך איהם נאָך? אָט ווי אַזוי.

און שלום האָט זיך נישט געפוילט און האָט זיך צעשאָקעלט אויף איין פוס, פאַרקרימט דאָס פּנים, ווי גרמיזא, אַרויסגעשטעלט די צייהן, אויסגעצויגען דעם האַלז, אַ פּיהר געגעבען מיט דער נאָז אין דער לופטען אַרויף און אַראָפּ און אָנגעהויבען אויף אַ משונה־מאָדנע גאָרגעל־שטימע: „ר א ה נ ת ת י ל פ נ י ך ה י ו ם א ת ה ח י י ם...“

שלום האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען דעם טאַטען אַזוי לאַכען, ווי ער האָט געלאַכט יענעם טאָג. ער האָט גאָרנישט געקאָנט קומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט און אויסגעהוסט און אויסגעווישט די אויגען, האָט ער זיך אָנגערופען צו אַלע קינדער:

— זעהט איהר, וואָס בין־הזמנים מאַכט? מע געהט אַרום פּוסטעפּאַס, עס ליגט אין זינען דער רוח ווייסט וואָס, נאָכמאַכען גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תּורה (דאָ האָט דער טאַטע נישט געקאָנט איינהאַלטען זיך און האָט באַהאַלטען דאָס לאַכענדיגע פּנים אין דער פּעטשיילע). אם ירצה השם, באַלד נאָך סוכּות נעם איך צו צו אייך אַ רבּין, און איהר׳ט אָנהויבען געהן אין חדר אַריין. אויס בין־הזמנים!

וויבאַלד אַז יאָ אויס בין־הזמנים, באַדאַרף מען דאָך טאַקי געבען אַ לעב־אונטער, ווי עס געהער צו זיין!

און חברה האָבען גענומען אויסנוצען זייער פרייהייט אויפ׳ן סאַמע בּרייטסטען אופן, זיך באַקאַנט מיט וואו ערגיץ אַ זלידני אַ יונגעל, נישט איבערגעקלויבען, מיט יעדען געשלאָסען חבר׳שאַפט, געהוליעט ווי די רעקרוטען, איידער מע גיט זיי אָפּ אין דער

28

מלמדים און לעהרערס

רב אהרן חאדאראווער — א מלמד א בעל־מגזם. — א גאנצע סעריע פון מלמדים. — מאניש דער מלמד מיט'ן „ביינדעל". — די תלמידים חאפּען א קערטעל אין חדר.

די טעג פון בין־הזמנים זענען נאָך ניט אוועקגעגאנגען, די ימים־טובים זענען נאָך געווען פאָראויס, און נחום ראַבּינאָוויטש האָט שוין געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען א מלמד פאר די קינדער. מלמדים זענען געווען עטליכע. ערשטענס, טאקי דער אויבּענדערמאנטער גרמיזא, וואָס לייענט אזוי שען אין דער תּורה. נאָך איהם איז געגאנגען רבּ אהרן חאָדאָראָווער, זעהר א וואוילער מלמד, נאָר א מאָדנער בעל־מגזם. ער האָט ליעבּ צו דערצעהלען מעשיות פאר זיינע תּלמידים, משונה־ווילדע מעשיות פון פאר־צייטען. למשל, א מעשה פון זיין זיידען, וואָס איז געווען א גבר און האָט ניט מורא געהאט פאר קיינעם. איינמאָל איז דער זיידע זיינער געפאָהרען ווינטער בּיינאכט פארבּיי א וואלד, זענען ארויס־געלאָפען פון וואלד צוועלף הונגעריגע וועלף — און דאוואי לויפען נאָכ'ן שליטען. אז זיין זיידע חאפּט זיך ניט אראָפּ, נעמט די וועלף, שטעקט זיי אריין די האנט אין מויל אריין און קעהרט זיי איבּער אלע צוועלף אויף דער לינקער זייט!

און נאָך א מעשה פון זיין זיידען, ווי אזוי ער האָט איינמאָל אָפּגעראטעוועט די גאנצע שטאָדט פון איין אומגליק. גויים האָבּען

ניט גוט, אז א גלח געהט־איבער דעם וועג — דאָס יאָ. אָבער מורא האָבען? — פערעיאַסלאַוו איז טאַקי א גרויסע שטאָדט און א שענע — וואָס איז דאָ צו רעדען? — דאָרט, אין וואָראָנקאָ, איז אָבער געווען פרייליכער, אז ס'איז געקומען בין־הזמנים. אזוי האָבען זיך געטראַכט די וואָראָנקאָווער קינדער און האָבען געוואָלט פון דעסטוועגען, אז אָט די טעג פון בין־הזמנים דאָ אין פערע־יאַסלאַוו זאָלען זיך נאָך ציהען און ציהען.

לערענט ער! איינעם פון די צוויי, האָט נדר צוגעזאָגט די קינדער, אַז ער וועט, אם ירצה השם, דינגען.

זענען זיי שוין באַוואָהרענט, הייסט עס, מיט אַ מלמד. איצט בלייבט־איבער שרייבען. וואו וועלען די קינדער לערנען שרייבען? וואָס אָנבאַלאַנגט אידיש, האָבען זיי ביי׳ם וואָראָנקאָווער רבֿ זרח׳־לען שוין אויסגעלערענט זיך שרייבען. וואָס טהוט מען אָבער מיט רוסיש? האָט אפילו אַ גוטער פריינט, אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרען אויבען, געגעבען איין עצה, מע זאָל די קינדער אוועקפיהרען גלייך אין דער „יעווריייסקע אוטשי־לישטשע", וועט קאָסטען וואָלוועל און ס׳וועט זיין גוט. האָט דערהערט די באָבע מינדי און האָט געשוואוירען, אַז כּל זמן זי לעבט, וועלען איהרע אייניקלעך זיין אידען — און עס האָט נישט געהאָלפען קיין שמע־ישראל. איז געוואָרען אַ רעד וועגען לעהרערס. נח בוסעל איז אַ גוטער לעהרער, איז ער אַ בעל־עגלה׳ס איין איידעם. איצי דער שרייבער, וואָס לערענט בריעפענשטעלער, האָט אַ שענע האַנט, איז ער שוואַך אין „לשון". אברהם דער שרייבער, טאַקי איצי׳ס אַ ברודער, איז שוואַך איןביידע זאַכען. וואָס טהוט מען? איז געבליבען מאָניש דער מלמד. דאָס איז אַ איד מיט אַלע מעלות: ער איז אַ בעל־תּנ״ך, קען דקדוק, פאַר־שטעהט אַ בלאַט גמרא און שרייבט רוסיש, אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט! אמת, ער ווייסט ניט וואָס ער שרייבט, און אַז ער שרייבט, איז דאָס נישט על־פּי גראַמאַטיקע — מאַכט נישט אויס. די קינדער זענען נאָך צו יונג, זיי זאָלען קענען גראַמאַטיקע. לאָזען זיי פריהער קענען דקדוק — דאָס איז בילכער. אי וואָס מאָניש דער מלמד שלאָגט זיך? לאָזען די קינדער נאָר וועלען לערנען, וועט מען זיי ניט שלאָגען. שלאָגט דען אַ רבי אומזיסט? והראיה: די קינדער האָבען דאָס אַרויסגעזעהען דערנאָכדעם בחוש. מאָניש האָט פיינט געהאַט, ווי אַנדערע מלמדים, שלאָגען אָדער שמייסען. ער האָט געהאַט אינ׳ם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנט אַ ביינדעל. מיט׳ן דאָזיגען ביינדעל, אַז ער האָט אייך

זיך צונויפגעקליבען איינמאָל אין אַ זונטאָג אויף אַ יאַריד, האָבען זיך גוט אָנגעשיכּור'ט און דאַוואַי שלאָגען אידען. איז זיך מיישב זיין זיידע, ער האָט געהאַלטען סאַמע אין מיטען דאַוונען, וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם טלית ותפלין, קלויבט־אויס דעם גרעסטען פון אַלע גויים, איוואַן פּאַפּערילע האָט מען איהם גערופען, און נעמט איהם אָן מיט ביידע הענט פאַר די פּיס, און דאַוואַי שלאָגען מיט איוואַנען איבער גויישע קעפּ. האָבען די גויים אָנגעהויבען פאַלען, זענען זיי געפאַלען אַזוי ווי פליעגען. און אַז ער האָט אויסגעלעגט אַלע גויים ביז איינעם, האָט ער איוואַנען אָפּגעלאָזט און געזאָגט צו איהם: „אַצינד קאָנסט דו געהן אַהיים, און איך וועל געהן דאַוונען"...

אַ חוץ וואָס זיין זיידע איז געווען אַ גבר, איז ער נאָך געווען אַ צעטראָגענע בריאה, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ער, אַז ער פלעגט זיך פאַרטראַכטען — אַזוי דערצעהלט רב אהרן חאַדראַקווער אויף זיין זיידען — איז געווען מיט סכּנת־נפשות! איינמאָל איז ער ארומגעגאַנגען איבער'ן שטוב אַ פאַרטראַכטער, ארומגעגאַנגען, ארומגעגאַנגען און ארומגעגאַנגען. ער טהוט אַ קוק — ער שטעהט אויפ'ן טיש!...

אָט אַזאַ מין מלמד איז דאָס געווען רב אהרן חאַדראַקווער. נאָך איהם זענען געגאַנגען אַ גאַנצע סעריע מלמדים, ווי רב יהושע דער מלמד, מאיר־הערש דער מלמד, יקיר־שמחה דער מלמד, און דער קאָידענאָווער מלמד, און מענדעל דער גראָבער. האָט אָבער יעדער פון זיי געהאַט זיין חסרון: האָט ער געקענט לערנען — איז ער נישט געווען קיין בעל־תּנ"ך; איז ער געווען אַ בעל־תּנ"ך — האָט ער נישט געקענט לערנען. פון אַלע מלמדים וואָלט מענדעל דער גראָבער געווען דער בעסטער מלמד, ער זאָל ניט האָבען דעם חסרון, וואָס ער שלאָגט זיך. קינדער, אַז מע דערמאַנט זיי דעם נאָמען „מענדעל דער גראָבער", ציטערען זיי. מאָהלט אייך, מאָניש דער מלמד שלאָגט זיך אויך, נאָר מיט אַ גאַנג. יענער, מענדעל דער גראָבער, קאָן הרג'ענען אויף טוידט. דערפאַר אָבער ווי אַזוי

קאַרטען, — ניט אין די וואַראַנקאַווער ל"א־קאַרטען! פע! נאָר טאקי אין אמת'ע קאַרטען. און געשפּיעלט האָט מען אין „טרי־ליסטיק", אָדער אין „סטארשי קאָזיר" — א שפּיעל, וואָס די ארעסטאַנטען שפּיעלען אין די טורמעס. די קאָרטען אליין זענען אויך געווען „ארעסטאַנטסקי" קאָרטען — שווארצע, פעטע, אָנגעשוואָלענע. פון דעסטוועגען האָט מען פארשפּיעלט אלע אָנבייסענס מיט אלע מיטאָגס, און וואו ס'איז געווען ערגיץ א פּאָר גראָשענס זענען זיי אריין אין די קאָרטען.

דאָס גאַנצע געלט האָבען אָפּגעוואונען די עלטערע בחורים, אזעלכע, ווי, למשל, זיאַמע קאָרעצקי, א טשיקאַווע בחור'על, וואָס איז דערמאַנט אויבען. ער האָט ארויפגעפיהרט זיינע יונגע חברים אויף אלע גוטע זאכען. זיין פּרינציפּ איז באַשטאַנען אין דריי כללים: 1) טאַטע־מאַמע ניט פאָלגען; 2) דעם רבין פיינט האָבען; 3) פאר גאָט קיין מורא ניט האָבען.

א מעלה האָבען געהאַט די גרויסע בחורים'לעך, אז זיי האָבען אָפּגעוואונען דאָס געלט ביי די קליינע, האָבען זיי זיך נאָך געריי־צט און געמאַכט חוזק. אמת'ע קאָרטענשפּיעלער טהוען דאָס נישט... פון דעסטוועגען דאַרף מען נישט מיינען, אז זיי איז דאָס גרינג אָנגעקומען. זיי אליין זענען אויך אויסגעשטאַנען גענוג צרות. ערשטענס, האָט מען געמוזט אונטערקויפען די רביצין, זי זאָל ניט דערצעהלען דעם רבין, אז מע שפּיעלט אין קאָרטען. און צווייטענס, האָט דער רבי געהאַט א זוהן, פּייוועל, נאָר גערופען האָט מען איהם „ליפּ", מחמת ער האָט געהאַט א גראָבע ליפּ. האָט מען באַדאַרפט אָט די „ליפּ" קיכלען און חנפה'נען און אונטער־שמירען אמאָל מיט איין אָנבייסען, אמאָל מיט א נאַשעריי, און מעהרסטענטייל מיט ניסלעך. די „ליפּ" האָט ליעב געהאַט קנאַקען ניסלעך. אָנקוקען, ווי די „ליפּ" קנאַקט ניסלעך, האָט גע־שלאָגען צו דער גאַל. ובפרט נאָך פאר פרעמד געלט. נאָר וואָס זאָל מען טהון? אז די „ליפּ" וועט דערצעהלען דעם רבין, אז די קינדער שפּיעלען אין קאָרטען, וועט זיין בעסער?

דערלאַנגט אין זייט אריין, אָדער הינטען אין דער פּלייצע, אָדער אריינגעקוועטשט אייך אין שלייף אריין, האָט איהר געקאָנט דער־זעהען דעם עלטער־זיידען פון יענער וועלט. אָט אזא ביינדעל איז דאָס געווען! שלום האָט זיך געפלייסט, ווי ווייט מעגליך, ער זאָל דאָס דאָזיגע „ביינדעל" אויסמיידען. און עס וואָלט איהם אפשר געראָטען, ווייל ער איז געווען פון די, וואָס האָבען דאָנערשטאָג די גמרא געוואוסט, אָדער געמאכט זיך, אז זיי ווייסען. פון תנ"ך איז דאָך אָפּגערעדט. ביי'ם שרייבען איז ער אויך געווען נישקשה'־דיג. דערפאר אָבער, אז ס'איז געקומען צו שקאָצעריי — דאָ האָט ער שוין געמוזט פארזוכען דעם טעם פונ'ם „ביינדעל", וואָס ליגט איהם נאָך עד היום אין זכרון. נאָר נישט דאָס איז געווען דער חסרון, וואָס נחום ראַבּינאָוויטש איז ניט געווען צופריעדען מיט'ן מלמד מאָניש. דער חסרון איז געווען, וואָס ס'האָט זיך ארויס־באוויזען, אז מאָניש הויבט ניט אָן צו וויסען, וואָס דקדוק איז. אז מע האָט איהם א פרעג געגעבען: „רב מאָניש, פאר וואָס לערענט איהר ניט מיט די קינדער קיין דקדוק?" האָט ער גע־ענטפערט: „ווייס איך וואָס, דקדוק, רקדוק, שמינדרעק בלע"ז!" — און האָט זיך נאָך אויסגעלאכט אויך. דאָס האָט נחומ'ען שרעקליך פארדראָסען, און אז ס'איז געקומען צום צווייטען זמן, האָט ער די קינדער פון מאָנישען אָפּגענומען און אוועקגעגעבען צו איין אנדער מלמד.

יענער איז שוין געווען א „מדקדק", געוואוסט דעם „מסלול" אויף אויסווענדיג. האָט ער אָבער געהאַט איין אנדער חסרון — ער האָט ליעב געהאַט זיך קהל'ען. אלע טאָג האָט ער געהאַט וואָס צו טהון: איז ניט קיין חתונה איז א ברית, איז ניט קיין ברית איז א פדיון־הבן, א בר־מצוה, א גט, אָדער גלאַט א פאר־לאָזעניש, א בוררות, איין אויסגלייכעניש. נאָר פאר ווענען ס'איז א חסרון און פאר ווענען א מעלה. פאר די קינדער איז דער רבי געווען א מלאך פון גאָט און דער חדר — א גן־עדן. מע האָט געקאָנט שפּיעלען אין וואָס פאר א שפּיעל איהר ווילט, אפילו אין

29

דער גמרא־מלמד

משה־דוד רודערמאַן — אַ גמרא־מלמד. — זיין זוהן שמעון הערגעט בייַ שמר׳ען זיך. — די שטאָדט ראַטעוועט איהם ארוים פון מאַנאַס־טיר. — דער פעטער פּיני קאָכט זיך.

דאָס איז געווען אַ רבי אַ ליטוואַק, מיט׳ן נאָמען משה־דוד רודערמאַן, אַ איד אַ יאַדישלעווער, איין איינגעהויקערטער, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען, אַ גרויסער למדן, אַ שענער בעל־תנ״ך און אַ מדקדק — מיט אַלע מעלות. און דערצו נאָך אַ פרומער, איין אמת׳ער ירא־שמים. געהט ריכט זיך, אַז אויף דעם אידען וועט אויך זיין אַ פגם, און נאָך וואָסער אַ פגם! דער פגם איז געווען דער, וואָס דעם דאָזיגען מלמד׳ס זוהן לערענט אין דער „אויעזדנע״. אין דער גאַנצער שטאָדט זענען דעמאָלט געווען מעהר ניט ווי צוויי בחורים, וואָס האָבען געלערענט אין דער „אויעזדנע״: משה־דוד רודערמאַנ׳ס זוהן, שמעון רודערמאַן, אַ בחור, וואָס סע האָט זיך פריה אָנגעהויבען אויסשיטען בייַ איהם אַ שוואַרץ בערדעל, און טאַמאַרקין, דעם אדוואָקאַט׳ס זוהנדעל, חיים טאַמאַרקין, אַ בחור׳על אַ קורצער און אַ גראָבער, מיט קליינע אויגלעך און מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, געטראָגען דאָס העמדעל איבער די הויזען, ווי אַ שייגעצעל, געשפּיעלט מיט די נויישע שקצים׳לעך אין „מיאַטש״, קיינמאָל נישט געגאַנגען אין שוהל אריין, אחוץ יום־כּפּור, און שטילערהייט געגרויכערט גראָבע „ציגאַרעטען״.

פון די אַלע מלמדים און לעהרערס און פון די אַלע לערנעכטסען האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט ווינציג נחת. אַלע שבת האָט ער די קינדער פאַרהערט און זיפצענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. מעהר פון אַלע קינדער האָט ער געטראָגען אויפ'ן קאָפּ דעם מיטעלסטען, דעם „בעל־תנ"ך". ער האָט, אַפּנים, געוואַרט פון איהם אַ סך מעהר. „וואָס וועט זיין? — האָט ער געפרעגט. — וואָס וועט זיין דער תּכלית? אַט־אַט, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, ווערסט דו בר־מצוה, און דו ווערסט אפילו קיין צוויי ווערטער ניט קאָנען זאָגען!"... און ער האָט גענומען זוכען אַ **רעכטען** גמרא־מלמד, און ער האָט איהם געפּאַקט.

איך — וואָס? ווער? ווּעמען? וואָס אַ שטאָדט קאָן אויס־טראַכטען!" נאָר אַז מע קלינגט איז אַ חאָגע. שטעלט אייך פאָר, אַז ס׳איז דעם זעלבען טאָג שבת פּלוצים געוואָרען אַ געלויף, ווי אויף אַ שׂרפה. די גאַנצע שטאָדט איז געלאָפען צום מאָנאַסטיר. וואָס איז די מעשה? „די מעשה איז אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע: איהר ווילט זעהען אַ שענס? געהט, זייט מוחל, צום מאָנאַסטיר, וועט איהר אָנקוקען, ווי די צוויי חברה־לייט פון דער „אויעזדנע" האָבען זיך ארויפגעקליבען גאַנץ הויך אויפ׳ן שפּיץ קלויסטער, שטעהען דאָרטען אָהן היטלען און פרעסען ברויט, מיט חזיר באַשמירט, בפרהסיה, אַלע זאָלען זעהען!"...

די בהלה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳איז קיינעם ניט איינ־געפאַלען צו פרעגען: ווי איז דאָס מעגליך צו זעהען פון אונטען ארויף, אויף אַזאַ הויכען מאָנאַסטיר, מיט וואָס דאָס ברויט איז באַשמירט: מיט חזיר? מיט פּוטער? אָדער מיט האָניג?... די גאַנצע שטאָדט איז געגאַנגען האָדראָס. די וועלט האָט זיך געוויעגט: „מילא, אויף טאַמאַרקינ׳ס זוהנדעל איז חאָטש קיין חידוש ניט — זיין פאָטער, דער אַלטער טאַמאַרקין, איז אַליין אַ טריפניאַק, אַ איד אַ „זאַקאָניק", אַ שרייבער פון „פּראָשעניעס", און זיין זוהנדעל חיים איז געווען, זאָגט מען, אַ גוי נאָך ביי דער מאַמען אין בויך. אָבער משה־דוד רודערמאַן? אַ איד אַ ירא־שמים און אַ מלמד! דער בעסטער מלמד אין שטאָדט! ווי קאָן מען עס דערלאָזען אַזאַ זאַך?"

לאָזט זיך אויס, אַז ס׳זענען דאָ אידען, וואָס האָבען געוואוסט פריהער, אַז ס׳וועט אַזוי זיין. פון וואַנען האָבען זיי דאָס גע־וואוסט? זיי האָבען דאָס פארשטאַנען מיט׳ן שׂכל, אַז מע טאָר ניט געהן מיט אַ קינד צופיעל מיט סטורדעס. „ממה נפשך — האָט איהר אוועקגעגעבען אייערע קינדער אין דער „אויעזדנע", דאָס הייסט, איהר זענט מסכּים, זיי זאָלען זיין גויים, דאַרפט איהר ניט פאָדערען פון זיי, אַז זיי זאָלען טראָגען ארבע־כנפות׳ען; און אַז עס האָט זיך געמאַכט, זיי האָבען דורכגעלאָזט אַ מנחה, באַדאַרף

דאָס זענען געווען די פּיאָניערען, אזוי צו זאָגען, די ערשטע שוועלבעלעך פון דער השׂכּלה אין דער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו, די איינציגע צוויי אידישע קינדער צווישען עטליכע הונדערט שקצים׳־לעך. די שקצימ׳לעך האָבען תּחילת געקוקט אויף די צוויי „זשידע־ניאַטעס״, ווי אויף חידושים, ווי אויף קינדער פון איין אנדער וועלט. דערנאָך האָבען זיי אוועקגעלעגט די „זשידעניאַטעס״ אויף דער ערד אין מיטען הויף פון דער „אויעזדנע״ און אָנגעשמירט זיי די ליפּען מיט חזיר. דערנאָך איז מען געוואָרען חבר, געשלאָסען ברודערשאַפט, גאָר נפש אחת. גויישע שקצימ׳לעך זענען נאָך דעמאָלט — אוי וועה! — געווען ריין פון מענטשענהאַס, נישט געוואוסט פון קיין אידענהעצעס, און דער גיפט פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיי נאָך נישט אָנגעריהרט. קוים האָט מען דעם „זשידיאָנאָק״ אוועקגעלעגט, אָנגעשמירט די ליפּען מיט חזיר און דורכגעבראָכען די ביינער, איז חאָטש ער איז א „הערשקאָ״, פון דעסטוועגען איז ער א חברה־מאַן גלייך מיט אַלע...

דאָס אָפּגעבען נחום וועוויק׳ס קינדער צו משה־דוד רודערמאַן איז ניט אָפּגעלאָפען גלאַט. דער פעטער פּיני, אז ער איז געוואוירע געוואָרען, אז זיין ברודער נחום האָט אָפּגעגעבען די קינדער צו אזא מלמד, וואָס האָט א זוהן אין דער „אויעזדנע״, האָט ער גע־ארבייט מעשׂים. ער האָט גע׳טענה׳ט, אז פון דער „אויעזדנע״ איז איין טריט צו שמד. פאַר וואָס?

— אָט אזוי: אז מיר׳ן לעבען, וועלען מיר זעהען...

און כּך הוה. עס איז, אפנים, באַשערט געווען, אז דער פעטער פּיני זאָל איצטיגס מאָל זיין א נביא. און אזוי איז געווען די מעשׂה:

איינמאָל אין א שבּת איז ארוים א קלאַנג אין שטאָדט, אז די צוויי אידישע יונגלעך, וואָס לערנען זיך אין דער „אויעזדנע״, שמעון רודערמאַן און חיים טאַמאַרקין, האַלטען ביי שמד׳ען זיך! פאַרשטעהט זיך, אז קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבען: „וויים

האָט אָבער דער פעטער פיני איצטיגס מאָל געהאַט אַ ביטערען טעות: זיין ברודער נחום האָט זיך פאַר׳עקשנ׳ט און בשום אופן ניט געוואָלט אָפּנעמען זיינע קינדער פון אזא גוטען מלמד.

— וואָס האָב איך צו איהם? ניט גענוג יענער האָט געהאַט אזוי פיעל עגמת־נפש מיט אזא בזיון, זאָל מען לאָזען אַ אידען אַ מלמד אין מיטען זמן אָהן ברויט?

דער פעטער פיני האָט אויסגעהערט דעם ברודער מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „הלואי זאָל איך ליגען זאָגען, נאָר דו פיהרסט די קינדער אויף אַ גוטען דרך"... דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, געגעבען אַ קוש די מזוזה און איז אוועק אַ ברוגז׳ער.

מען אָפּווישען די ליפּען און נישט צעבּרעכען אויף זיי קיין שטעקען און נים שלאָגען, ווי מע שלאָגט א הונט"...

אזוי האָבּען גע'טענה'ט בּכבוד'ע בּעלי־בּתּים. און מע האָט צונויפגענומען מענטשען, און מע האָט זיך איין עצה געהאַלטען, וואָס טהוט מען? ווי אזוי ראטעוועט מען ארוים צוויי אידישע קינדער פון דער שמד? מע האָט איינגעלעגט די וועלט, געוועקט זכות־אָבות, אויפגערודערט „נאטשאלסטווא"... פארשטעהט זיך, אז מעהר פון אַלע האָט געארבּייט דער פעטער פּיני. דער האָט פארקאטשעט די אַרבּעל, צעלאָזט די שענע בּאָרד, ארומגעלאָפען דעם גאנצען טאָג א פארשוויצטער, נישט געגעסען, נישט גע־טרונקען — בּיז, דאנקען גאָט, ס'איז אָפּגעגאָלטען. מע האָט די צוויי חברה־לייט ארויסגענומען פון מאָנאסטיר.

דער שפּיץ איז געווען: איינער פון זיי, חיים טאמארקין — דער האָט זיך טאקי גע'שמד'ט שפּעטער מיט עטליכע יאָהר, און שמעון רודערמאן האָט מען אוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר, אריינ־געגעבּען דעם פיינעם בּחור אין דער ראבּינער־שול, אויף „קאזיאָנע שטשאָט", און ער האָט מיט גאָט'ס הילף נים נאָר געענדיגט אויף ראבּינער, נאָר טאקי געווען נאָכדעם ראבּינער, און דווקא נים ווייט פון פּערעיאסלאוו — אין לובּען.

— נו? ווער איז געווען גערעכט? אצינד וועסט דו שוין דייגע קינדער, צו גאָט א האָפענונג, אָפּנעמען פונ'ם ראָזיגען מלמד?

אזוי האָט דער פעטער פּיני געזאָגט צו זיין בּרודער נחום, צופּריערען פון אַלע זייטען: ערשטענס, וואָס ס'איז איהם גע־ראָטען ארויסצונעמען צוויי אידישע קינדער פון דער שמד; צווייטענס, וואָס זיין בּרודער'ס קינדער וועלען שוין נים לערנען בּיי א מלמד, וואָס קען דקדוק און האָט א זוהן אין דער „אויעזדנע"; און דריטענס, וואָס זיינע ווערטער זענען מקוים געוואָרען, אז א אידיש קינד לערענט אין די שקאָלעס, איז ער מוכן ומזומן צו דער שמד...

די מאַשין האָט געהאַט אַ ראָד מיט אַ הענטעל, און פון אויבען איז געלעגען מיט'ן פּנים אַראָפּ אַ זאַק מיט רעטשקע. פונ'ם דרעהען די ראָד האָבען זיך די רעטשקע פּאַוואָלינקע געשאָטען אין יאַשטשיק אַריין, פונ'ם יאַשטשיק זענען זיי פּאַוואָלינקע געפאַלען אויפ'ן שטיין, דער שטיין האָט זיי פּאַוואָלינקע געריבען, אָפּגעשיילט די שאָלעכץ און געמאַכט פון די רעטשקע — גרויפּען. אָט דאָס האָט געהייסען אַ „זשאָרנע".

פאַרשטעהט זיך, אַז דער גאַנצער אַנטיק פון דער „זשאָרנע" איז געלעגען אינ'ם דרעהען. וואָס מעהר מע דרעהט, מעהר שיטען זיך גרויפּען. און בעלנים אויף דרעהען זענען געווען אַ סך, כּמעט אַלע תּלמידים. יעדער וויל קומען צו הילף דעם רבין משה־דוד, וואָס קאָן נישט לעבען פון מלמדות אַליין און מוז נעבאַך אָנ־קומען צו זייטיגע פּרנסות: ע ר רייסט גרויפּען, ז י באַקט לעקאַך. ביי'ם לעקאַך באַקען, מיינט איהר, איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו טהון? ס'איז אַ סך דאָ וואָס צו טהון! און דאָ קאָנען אויך די קינדער צוהעלפען. ניט אַזוי ביי'ם באַקען, ווי ביי'ם „אויספּאַטשען". קאָרענעם האָניג־לעקאַך באַדאַרף מען פּאַטשען, לאַנג פּאַטשען, מיט ביידע הענט, ביז ער ציהט זיך, ווי אַ האָניג־טייג קאָן זיך ציהען. און ווער נאָך קאָן אַזוי פּאַטשען, ווי אַ חדר־יונגעל? בעלנים פּאַטשערס צווישען די חדר־יונגלעך זענען דאָ אַזוי פיעל, אַז מע שלאָגט זיך אַזש פאַר'ן פּאַטשען. יעדער וויל פריהער.

דער לעזער באַדאַרף זיך נישט וואונדערען, וואָס איז דאָס פאַר איין עובדה — תּלמידים זאָלען „רייסען" גרויפּען, „פּאַטשען" לעקאַכער! למאי ביי די וואָראָנקאָווער מלמדים האָבען זיי גע־טהאָן אַ סך גרעבערע אַרבייט? למשל, ביי'ם רבין רב זרח'על און ביי אַנדערע מלמדים האָבען נחום וועוויק'ס קינדער גאַנץ פיין געשמירט די ערד אויף שבת, פּאָרלעכווייז אַרויסגעטראָגען די פּאָמעניצע, איינציגווייז געבראַכט צו טראָגען וואַסער פונ'ם גויישען ברונען, און על־פּי גורל געניאַנטשעט זיך מיט'ן קינד אויך. פון

30

דער אַמאָליגער „חדר"

א בילד פונ׳ם אמאליגען „חדר". — די תלמידים העלפען דעם רבין און דער רביצין ביי דער ארבייט. — דער רבי מאכט ברכה. — זיין מוסר זאגען ברענגט צו נייע זינד.

ניין, מע האָט די קינדער פון דעם פאַרפלעקטען, נאָר גע־ראָטענעם מלמד רודערמאַן נ י ש ט אָפּגענומען. אדרבה, זיי זענען פאַרבליבען ביי איהם אויך אויפ׳ן אנדערען זמן און אויפ׳ן דריטען זמן — און אַלע זענען געווען צופריעדען: דער רבי פון זיינע תלמידים, די תלמידים פון זייער רבין און דער טאַטע — פון די תלמידים מיט׳ן רבין.

מעהר פון אַלעמען זענען געווען צופריעדען די תלמידים. גאָט האָט זיי צוגעשיקט א רבין, וואָס שלאָגט זיך ניט, לגמרי ניט. ער ווייסט גאָרניט וואָס הייסט שלאָגען זיך. סיידען אמאָל, אז א יונגעל האָט שוין שטאַרק דעקוטשעט, אָדער ניט געוואָלט דאַווענען, אָדער ער האָט געהאַט אזא פאַרשטאָפּטען קאָפּ, חאָטש „פלעקער טעסען", — דעמאָלט איז שוין דער רבי רודערמאַן ארויס פון די כלים, אוועקגעלעגט דעם בחור אויפ׳ן בענקעל, אראָפּגענומען די פּליסענע ווייכע יארמעלקע פונ׳ם קאָפּ, פון דער גרינג אָפּגע־פּיצקעט — און געה!

נאָך א מעלה האָט געהאַט רודערמאַן דער מלמד — ער האָט געהאַלטען א „זשאָרנע", אזא מאַשין אויף צו „רייסען" גרויפּען.

אויף וואסער האלטען, און א האנטוך, וואס איז תמיד נאס, אויף די הענט אפצווווישען. און אין מיטען שטוב א לאנגער טיש מיט צוויי לאנגע בענק. — דאס איז, אייגענטליך, דער חדר, די שול, וואו דער רבי שטודיערט מיט זיינע תלמידים. אלע, סאי דער רבי, סאי די תלמידים, שרייען. דער רביצינ'ס קינדער, וואס שפישלען זיך אויפ'ן אויווען, שרייען. די רביצין, וואס פארעט זיך ביי דער „קיך", שרייט אויף איהרע קינדער, למאי זיי שרייען. די עופות, וואס אונטער'ן פארפיטשניק, קוואקען: דאס האט די קאץ אראפ־געשפרונגען פון דער לעזשאנקע, א שטילינקע, א רוהיגע, א גלאַ־טינקע, זיך אריינגעחאפט אונטער'ן פארפיטשניק און ספאלאשעט די עופות, ניט געדאכט זאל זי ווערען!

אט אזוי האט אויסגעזעהען דער אמאליגער וואראנקאווער חדר. ניט פיעל שענער האט אויסגעזעהען דער חדר אין דער גרויסער שטאדט, אין פערעיאסלאוו. דער פערעיאסלאווער רבי האט, גלייך ווי דער וואראנקאווער, געקנעלט מיט זיינע תלמידים, זיצענדיג ווינטער אין א וואטאווען חאלאט מיט א פלוסענער יארמעלקע, און זומער אין איין ארבע־כנפות, אין א העמד מיט ברייטע ארבעל. ווינטער נאכ'ן שלאף האט ער געטרונקען, אנ־שטאט טיי, „ליפעווע צוויט", און זומער — קאלט וואסער פון א הילצערן קווארטעל, דורכגעזייט דורך איינעם פון די ברייטע ארבעל פונ'ם העמד, געמאכט דערויף פריהער מיט גרוים כוונה א ברכה „שהכל נהיה בדברו", און אלע תלמידים האבען איהם געענטפערט אמן. טאמער האט א יונגעל געבראכט עפים א פרי, האט דער רבי געמאכט „בורא פרי העץ", און די תלמידים האבען געענטפערט אמן. טאמער האט א יונגעל געבראכט א גרינע אוגערקע, האט דער רבי אפגעשיילט די אוגערקע, געמאכט אויף איהר „בורא פרי האדמה", און די תלמידים האבען געענטפערט אמן.

ס'איז אלסדינג געווען כדאי, אבי ניט לערנען. צו שטארק האט זיך צוגעגעסען דאס לערנען. א גאנצען טאג געלערענט. ווינטער ביינאכט געלערענט. אויפגעשטאנען פארטאג און גע־

געהן מיט איין עוף צום שוחט שמועסט מען ניט. עס איז געווען א כבוד פאַר די קינדער העלפען דער רביצין אָפּפליקען דאָס עוף. אַבי איין ארבייט, אַבי ניט געלערענט. ערגער פון אַלע ארבייט איז געווען דאָס לערנען, דאָס לערנען אין חדר. דאָ וועט, דאַכט מיר, זיין דאָס אָרט אָפּצומאָהלען דעם חדר, ווי ער האָט אויס־געזעהען אין יענע צייטען, בכדי די קומענדיגע דורות, וואָס וועלען זיך אינטערעסירען מיט'ן אמאָליגען אידישען לעבען אין דער גליקליכער „טשערטא", זאָלען עס האָבען פאַר די אויגען.

א קליין גוייש שטיבעל אויף היהנערשע פיסלעך, מיט שטרוי געדעקט, אמאָל א ביסעלע איינגעבויגען אויף א זייט, און אמאָל אָהן א דאַך, ווי אָהן א היטעל. איין פענסטערעל, און אז א סך — איז צוויי. די ארויסגעזעצטע טאפלי איז אָדער פארקלעפּט מיט א פּאפּיער, אָדער פארשטעקט מיט א קאָפּענקישעלע. די ערד איז א „געוואלקעוועטע", באשמירט מיט לעהם, און אויף שבת און יום־טוב — באשאָטען מיט זאמד. א גרויסען טייל פונ'ם חדר פארנעמט דער אויווען מיט'ן אויפ'ן־אויווען און מיט דער „לע־זשאנקע". אויף דער לעזשאַנקע שלאָפט דער רבי, און אויפ'ן אויווען — זיינע קינדער. ביי דער וואַנט שטעהט א בעט — דער רביצינ'ס בעט — מיט א סך קישענס צוקאָפּענס און קליינינקע קישעלעך כמעט ביז דער סטעלי. דאָרט אויפ'ן בעט, אויף א ווייסען ליילעך, ליגט אמאָל א בלאַט לאָקשען, אמאָל קיכלעך און בייגעל (אויב די רביצין פארנעמט זיך מיט בעקעריי), און אמאָל א קינד (אויב ס'איז געפעהרליך קראַנק). אונטער'ן אויווען א „פּאָדפּיטשניק" (אין דער ליטא רופט מען עס „קאָטוך"). דאָרט האָדעוועט מען עופות, געוויינליך אויף פּרנסה. ביי דער קרומער מעוברת'ער וואַנט — א שאַפע אויף האלטען ברויט, קריגלעך און טעפּלעך. אויף דער שאַפע — דאָס אייזערנע געפעס, א זיפּ, א דערקאַטש, א ריבאייזען וכדומה אַזעלכע כלים. פון פאָרענט, סאַמע ביי'ם אריינגאַנג, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און א גרויסע פּאָמעניצע תמיד פול, און א צובער א הילצערנער, וואָס רינט,

אזוי לאָזט־אויס דער רבי זיין מוסר שבת בייטאָג, און די קינדער הערען־צו מיט קאָפּ און וויינען, האָבען חרטה, שלאָגען זיך על־חטא, געבען זיך דאָס וואָרט, שוין זיין גוט און פרום. נאָר קוים איז דער רבי אויפגעשטאַנען פון טיש און די קינדער נאָך איהם, אזוי איז פארגעסען געוואָרען דער גאַנצער מוסר; די יענע וועלט מיט׳ן גיהנם מיט אלע מלאכי־חבלה זענען פארשוואונדען געוואָרען, ווי א שאָטען, וואָס געהט־איבער, ווי א חלום, וואָס פליהט אוועק, און הברה האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע זינד און צו זייערע שילד: געהיפערט ביי׳ם דאַוונען, דורכגעלאָזט א מנחה׳לע, נישט געלייענט קיין קריאת־שמע. ווער מיר נעגעל־וואסער? וואָס מיר דאַוונען? אז אין דרויסען שיינט די זון, און די שאָטענס דראפּען זיך אויף די ווענט, ווינקען צו אייך, רופען אייך: אין דרויסען ארויס, יונגעלע, אין דרויסען! דאָרט איז גוט! דאָרט איז וואויל! איין שפרונג א רעכטער — און דו ביזט ביי׳ם בריקעל. נאָך א שפרונג — און דו ביזט אויף יענער זייט בריקעל, וואו עס לויפט א טייכעל, וואו עס זשומעט א וואסערעל, וואו עס גרינט א גרעזועלע, וואו עס געלט א בלומעלע, וואו עס פליהט א פויגעלע, וואו עס טאנצט א היישעריק... און דאָס גרינע־געלע פעלד בעט זיך ביי אייך, איהר זאָלט אייך א וואָרף טהון אויף דער ווייכער שמעקענדיגער ערד, ווי איהר שטעהט און געהט. און דאָ קומט־אָן דער טאטע, אָדער די מאמע, אָדער איין עלטערער ברודער, אָדער א שוועסטער — „האָסט דו שוין גע־דאַוונט? אין חדר אריין, שקאָץ איינער, אין חדר אריין!“...

לערענט. אפילו שבת בייטאָג אויך געלערענט. און טאָמער ניט געלערענט, איז חאָטש אזוי געזעסען שבת בייטאָג אין חדר און אויסגעהערט דעם רבינ'ס מוסר.

דעם רבינ'ס מוסר — דאָס איז געווען א רייכע פאנטאזיע פון „טויזענט איין נאכט". פונ'ם רבינ'ס מוסר האָט מען זיך געזעהען מיט „יענער וועלט", געפיהלט דעם טעם פון „חבוט־הקבר", זיך צוגעהערט, ווי דער מלאך־הדומה קומט־צו מיט שטילע טריט, עפענט אייך אויף דעם בויך, נעמט־ארויס די קישקעס און מהוט אייך א שמיץ מיט זיי איבער'ן פנים: „רשע, מה שמך — שייגעץ, ווי אזוי רופט מען דיך?"... און דערנאָכדעם, ווי צוויי מלאכי־חבלה נעמען אייך און ווארפען אייך „כף־הקלע", ווי א מיאטש, פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען. און טאָמער האָט איהר אמאָל געזאָגט א ליגען, הענגט מען אייך אויף פאר דער צונג אויף א פלעקעל, און איהר הענגט, ווי א יאטקע־פלייש. און טאָמער האָט איהר פארגעסען אמאָל אָפגיסען נעגעלוואסער, שטעלען זיך אוועק צוויי מחבלים און רייסען אייך מיט אָפצווייגעס די נעגעל פון די פינגער. און טאָמער האָט איהר אמאָל פרייטאָג זיך געשניטען די נעגעל און אומגעהרן אראָפגעלאָזט א נאָגעל אויף דער ערד, לאָזט מען אייך אראָפ אויף דער וועלט און מע הייסט אייך געהן זוכען דעם נאָגעל.

דאָס איז פאר קליינע עבירה'לעך. היינט ווי איז שוין פאר גרויסע עבירות? למשל, פאר היפערען אין דאוונען? פאר דורכ־לאָזען א מנחה? פאר ניט לייענען קריאת־שמע? פאר א שלעכטע מחשבה? פאר הרהורים און חלומות? — נישטאָ קיין רחמנות דאָרטען, נישטאָ! תשובה, תפלה און צדקה — דאָס איז נאָר דאָ, אויף דער וועלט. אויף יענער וועלט איז שוין שפעט, פארפאלען! „דאָרט זענט איהר שוין מיט אלע רשעים גלייך. דאָרט געהט איהר שוין גלייך אין אייביגען פייער, אין זודיגען קעסעל אריין, אין גיהנם, שקצים, אין גיהנם!"...

שטאַרט מיט זיין בר־מצוה. טאַטעס האָבען מקנא געווען. מאַמעס האָבען זיך געוואונטשען אַזעלכע קינדער.

ס'איז געווען איין אמת'ער יום־טוב. א גרויסאַרטיגער יום־טוב. און אין איהם האָבען זיך באַשעפטיגט א סך הענט, אונטער דער קאָמאַנדע פון דער באָבע מינדי, וואָס האָט אויסגעזעהען אין איהר שבת'דיגען אָנטהון, מיט'ן שטערנטיכעל, ווי איין אמת'ער קאָמאַנדיר. זי האָט געקאָמאַנדעוועט, וועמען מע זאָל רופען און וועמען ניט, ווער ס'זאָל זיצען אויבענאָן און ווער ניט, וואָסערע טעלער מע זאָל שטעלען, וואָסערע בראָנפענס און וואָסערע וויינען מע זאָל טרינקען. מיט אַלעמען האָט זי זיך איבערגעקריעגט, אויף אַלעמען זיך אָנגעבייזערט, ניט געשאָנעוועט אפילו דעם בר־מצוה־העלד אַליין, ער זאָל זיך האַלטען, ווי א מענטש, ניט האָבען קיין טבע בייסען די נעגעל חאָטש צווישען מענטשען, ניט לאַכען אַליין און ניט מאַכען לאַכענדיג די איבעריגע קינדער, קורץ — ניט זיין קיין ימח־שמו'ניק.

— גאָט האָט רחמנות געהאַט, האָסט דערלעבט די בר־מצוה, איז שוין צייט, זאָלסט ווערען א שטיקעל מענטש! — האָט זי איינגע'טענה'ט מיט איהם, באַשפּיגען די פינגער און אויסגעגלעט איהם דאָס לעצטע רעשט פון די פּאה'לעך, וואָס זי האָט קוים „אָפּגעוואָיעוועט" ביי איהר זוהן: נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין לאַנג חשק געהאַט זיי גאָר אינגאַנצען אָפּשערען, האָט די באָבע מינדי ניט דערלאָזט.

— אז איך וועל שטאַרבען און מיינע אויגען וועלען עס ניט זעהען, — האָט זי איהם געזאָגט, — וועסט דו דעמאָלט מאַכען דיינע קינדער פאַר גויים. און איצט, כּל זמן איך לעב נאָך, וויל איך זעהען אויף זייער פּנים חאָטש א סימן פון אידישקייט.

א חוץ דעם גרוסען עולם, וואָס מע האָט צונויפגערופען גלייך פון שוהל אויף בר־מצוה, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע משפּחה. פאַרשטעהט זיך, אז דער רבי משה־דוד רודערמאַן, אין דער שבת'דיגער געווענטענער קאַפּאָטע, מיט'ן אָפּגעבליאַקעוועט פּלוסען

31

די בר־מצוה

דער בר־מצוה נעמט־אוים. — א גאלעריע טיפען פון פערעיאסלאווער בעלי־בתים. — א מאמע׳ס טרערען.

ארײנטראכטענדיג זיך אינ׳ם לערנען אין יענעם מין „חדר", ביי יענע מינים מלמדים, וואָס זענען באשריבען אין די פריהעריגע קאַפּיטלעך, האָבענדיג פאר זיך די רביצין, וואָס מע דארף איהר העלפען, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וואָס מע דארף זיי פאָלגען א גאנג, און כל־ערליי מינים שקאָצעריי, פון באָדען זיך זומער אין טייך ביז שפּיעלען ווינטער אין קאָרטען און קנעפּלעך, היינט גלאט דאָס ארומלויפען און ארומשפּאציערען איבער דער שטאָדט, — איז שווער צו פארשטעהן, פון וואנען האט זיך גע־נומען ביי די קינדער דאָס, וואָס זיי האָבען געקענט? מע דארף נישט פארגעסען דאָס אויך, אז דעם רבין האט מען גענארט, דעם טאטען האָט מען גענארט און אפילו דעם רב, צו וועלכען מע האָט געפיהרט די קינדער פארהערען, האָט מען אויך אָפּגענארט. היינט וואו האָט זיך גענומען מאטעריאל אויף אָפּצונארען א גאנצע שטאָדט מיט אידען, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אויף דער בר־מצוה צו נחום ראבינאָוויטש׳עס זוהנדעל? דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע געדענקט פאר קלאָר, אז ער האָט נישט אָנ־געהויבען צו וויסען פון דעם, וואָס מע האָט איהם אויסגעשטעלט, ער זאָל זאָגען אויף זיין יום־טוב — און דאָך האָט געקלונגען די

פנימ׳ער, נישט דורכגעלאָזט קיינעם. אָט איז יצחק־בּיגדור, וואָס ריהרט מיט די פּלייצעס און קוקט מיט די גזלנ׳ישע אויגען. אָט איז דער אַלטער יהושע סריבּנע — מע זאָגט, ער איז שוין אַ בּן־מאה, אַלט הונדערט יאָהר. די צונג איז בּיי איהם אין מויל ווי אַ גלעקעל, מחמת קיין ציינער האָט ער שוין ניט. אָט איז זיין זוהן בּערקע, שוין אויך גענוג אַלט, די אויגען האַלט ער צו און דעם קאָפּ אויף דער זייט. אָט איז אָשר ניידיס, וואָס אַלע רופען איהם דער „פּעטער אָשר" — טאַקי אַ פּעטער, אַ בּרייטער, אַ גראָבּער. די זיידענע קאַפּאָטע אויף איהם שפּאַלט זיך און אַליין איז ער גרוי, ווי אַ טויב. און אָט איז יאָסי פּרוכשטיין מיט די גרויסע אריינגעשטעלטע ציינער, מיט די גלענצענדע בּרילען און מיט׳ן שיטערען בּערדעל — איין אפּיקורס אַ איד, וואָס שפּיעלט מיט נחום ראַבּינאָוויטשען אין שאָך און לייענט אַזעלכע בּיכלעך, ווי „מסתּרי פּאריז", „שבילי עולם" און נאָך אַזעלכע זאַכען. נעבּען יאָסין שטעהט זיין יונגערער בּרודער, מיכאל פּרוכשטיין, אַ יונגער־מאַן אַ חכם, אַ ממזר, וואָס לייקענט־אָפּ אַלסדינג, הייסט דער שיקסע פאַרלעשען דאָס ליכט אום שבת און האַלט שטאַרק פון אַזעלכע אידען, ווי משה בּערנער און בּעני קאַנאַווער, וואָס אַלע ווייסען, אַז אין דער יוגענט האָבּען זיי אַמאָל פּאַרקוקט אין אַ זייט, בּעת דער שערער האָט זיי צורעכטגעמאַכט די בּערדלעך... ישראל בּענדיצקי איז אויך געווען בּתוך הבּאים. אַמאָל האָט מען איהם גערופען ישראל דער כּלי־זמר, נאָר איצט האָט ער שוין געהאַט איין איינענע שטוב, אַ שטאָדט אין מזרח, אַ בּאָרד האָט ער זיך צעקעמט אַ בּרייטע, אַ שווארצע, אַ גלענצענדיגע, און חאָטש ער זאָגט זיך ניט אָפּ איצט אויך פון צו שפּיעלען אויף אַ געהויבּענער חתונה, נאָר פון דעסטוועגען וועט איהם קיינער נישט רופען כּלי־זמר, אפילו הינטער די אויגען. און ער איז טאַקי אַ שענער איד, פיהרט זיך מעשה בּעל־הבּית. אז ער לאַכט, לאַכט ער מיט אַלע ציינער, קליינע, שיטערע, ווייסע ציינער. אפילו רפאל דער שמש מיט׳ן אויגעל האָט דער בּר־מצוה נישט דורכגעלאָזט. רפאל איז

היטעל, ווי א לאַטקע אויפ'ן קאַפּ, איז אויך געווען בתוך הבאים. ער האָט זיך אָבער געהאַלטען זעהר קליין און פון דער ווייטען. פון דער מעשה אָן מיט'ן זוהן, וואָס האָט זיך געוואָלט שמד'ען, איז ער געוואָרען ביי זיך שטאַרק אראָפּגעפאַלען. ער האָט זיך כמעט גאָר ניט צוגעריהרט ניט צום קידוש, ניט צום פאַרבייסען, געזעסען פאַררוקט אין א ווינקעלע, איינגעבויגען אין דרייען, און שטילערהייט געהוסט אין די ברייטע ארבעל פון דער שבת'דיגער געווענטענער קאַפּאָטע.

נאָר אָט איז געקומען די מינוט פונ'ם עקזאַמען. דאָס בר־מצוה־בחור'על האָט זיך באַדאַרפט אוועקשטעלען און ארויסבאַווייזען דעם עולם וואָס ער קען, — האָט מיט א מאָל דער רבי רודערמאַן אויפגעחאַפּט זיך; זיין פּלייצע האָט מיט א מאָל אויסגעגלייכט זיך; די געדיכטע שווארצע ברעמען האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינע אויגען האָבען זיך איינגעגעסען, איינגעצויגען אינ'ם תלמיד, און זיין גראָבער פינגער האָט מיט א קוועטש, ווי דאָס שטעקעלע פונ'ם דיריזשאָר, אונטערגעזאָגט דעם תלמיד די אויסגעשטעלטע ווערטער.

און דער תלמיד, דער בר־מצוה הייסט עס, איז תחילת שיער ניט אומגעפאַלען פאַר שרעק, געפיהלט א מאָדנע טרוקענקייט אין מויל און א שווינדעל אין די אויגען. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז ער געהט אויף אייז. אָט־אָט צעשפּאַלט זיך דאָס אייז, און טראַך — ער טהוט א פאַל מיט'ן גאַנצען עולם. נאָר וואָס ווייטער־ווייטער, איז ער, אונטער דעם רבינ'ס קוק און אונטער דעם רבינ'ס קוועטש מיט'ן גראָבען פינגער, געוואָרען ביי זיך שטאַרקער און שטאַרקער, און ער האָט אָנגעהויבען שפּאַנען, ווי אויף איין אייזערנער בריק, און ער האָט דערפיהלט א וואַרעמקייט אין אַלע אברים, און עס איז אוועק ביי איהם, ווי א מזמור.

האַלטענדיג אין מיטען דער ארבייט און דרעהענדיג מיט'ן פינגער נאָכ'ן רבינ'ס גראָבען פינגער, האָט דער בר־מצוה פון דעסטוועגען גוט געקוקט אויפ'ן עולם, געזעהען דעם אויסדרוק פון אַלע

זיך געקוויקעלט און אפגעשיינט קעגען דער זון אויף איהר גליקליך, יונג, ווייס, נאר שוין געקנייטשט פנים.

וואס זענען דאס געווען פאר טרערען? טרערען פון פרייד? פון תענוג? פון גדלות? פון דער שלעכטער צייט? אדער אפשר האט א מאמע'ס הארץ איינגערוימט איהר א סוד אויפ'ן אויהער, אז אט דאס בר־מצוה־בחור'על, וואס קלינגט איצט אזוי שען, וועט אין גיכען, נאר אין גיכען, זאגען קדיש נאך איהר נשמה?...

ווער ווייסט, וואס א מאמע קאן ווייגען?

געשטאַנען האַלב איינגעבויגען און אײנגאַנצען אַרײנגעטהאָן אין דעם, וואָס דער בר־מצוה האָט גע׳דרש׳עט, און עס האָט זיך אויס־געוויזען נאָך זיין דאַרען פּנים און אויסגעבויגענער נאָז, אַז אָט־אָט טהוט ער אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער׳ן טיש און רופט־אויס מיט זיין שבת׳דיגען נוסח: „צע־הען גיל־דוין אום כהן!״...

אַלעמען און אַלץ האָט דער בר־מצוה באַמערקט. און אַלע פּנים׳ער האָבען אויסגעזעהען יום־טוב׳דיג. נאָר יום־טוב׳דיגער פון אַלע איז געווען דעם פעטער פיני׳ס פּנים. געזעסען גאַנץ אויבענאָן, נעבען בר־מצוה׳ס פאָטער, אין זיין שבת׳דיגער זיידענער קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטען זיידענעם גאַרטעל, מיט אַ בלוי סאַמעטען היטעל אויפ׳ן קאָפּ, האָט דער פעטער פיני געקוקט אויפ׳ן בר־מצוה פון אונטען אַרויף, געשמייכעלט זיך אין באָרד אַריין, ווי איינער רעדט: „מילא, קענען קען ער, דער ימח־שמו׳ניק — דאָס זעהט מען... נאָר צי דאַווענט ער אָבער אַלע טאָג? צי היט ער אָפּ נעגעל־וואַסער? צי לייענט ער קריאת־שמע פאַר׳ן שלאָף? צי טראָגט ער ניט אום שבת? — דאָס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק!״...

— דערפאַר איז אָבער דער פאָטער פונ׳ם בר־מצוה געווען — איהם נישט אין פּנים אַריינצוקוקען. עס איז געווען צו זעהען, אַז קיין מעהר גליקליכער מענטש, ווי ער, איז אויף דער וועלט נישטאָ. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען אַרויף, די ליפּען האָבען זיך איהם געריהרט, נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט דעם זוהן, געקוקט אויפ׳ן עולם, אויפ׳ן ברודער פיני, אויפ׳ן רבין רודערמאַן, אויפ׳ן בר־מצוה אַליין און אויף דער מאַמע פונ׳ם בר־מצוה.

און די מאַמע, די קליינינטשקע חיה־אסתּר, איז געשטאַנען גאָר אומבאַמערקט, מיט דרך־ארץ, ביי דער זייט, צווישען די איבעריגע ווייבער, אין דער שבת׳דיגער זיידענער פעטשיילע, אַ פאַרגאַפטע, שטילערהייט, זיפצענדיג, זיך אויסגעקנאַקט אַלע פינגער, און צוויי בלישטשענדיגע טרערען, ווי צוויי בריליאַנטען, האָבען

צווייטער טייל

32

דער „בחור"

זיין ברודער הערשעל ווערט א חתן. — דאס פארהערעניש מיט א סופלער. — א תפילין־זעקעל, א זייגער און א כלה.

— אצינד ביזט דו שוין, מיט גאָט'ס הילף, א בחור. אוים יונגעל, אוים שייגעץ, אוים קונדס. צייט ווערען א מענטש און איין עהרליכער איד, וואָרום די צייט שטעהט ניט: אָט־אָט, אָקערשט ווי מע זעהט נים, ווערסט דו א חתן...

דאָס איז געווען דאָס ביסעל מוסר, וואָס מע האָט אריינגערעדט דעם בר־מצוה אויף מאָרגען נאָך דעם פייערליכען שבת, און דער רבי האָט איהם געהאָלפען אָנטהון די תפילין. ער האָט איהם איינגעקרעמפעוועט דעם „של־יד" אויף דער לינקער האנט, אז די פינגער האָבען זיך אָנגעגאָסען און געוואָרען בלוי, און דער גרויסער „של־ראש" האָט זיך אלע מינוט אראָפּגערוקט צווישען די אויגען, אָדער אראָפּגעפּאָהרען א ביסעל אויף א זייט, יעדענפאַלס שטארק חשק געהאַט אראָפּגליטשען זיך אראָפּ. דעם בר־מצוה האָט געקאָסט מיה איינצוהאלטען גלייכגעוויכט, נישט געקאָנט זיך א ריהר טהון פריי און אפילו א קוק צו טהון אויף די ווייסע־חברה'ניקעס, וואָס האָבען מיט נייגיעריגקייט ארומגערינגעלט דעם בר־מצוה, זעהען, ווי ער דאווענט צום ערשטען מאָל אין תפילין. און מע דארף דעם אמת זאָגען, אז ווען ניט זיי, אָט די ווייסע־חברה'ניקעס, וואָלט דער בר־מצוה איצטיגס מאָל גע־

דער פאַרהערער גענומען אַרויסבאַווייזן פֿאַר די מחותּנים, וואָס ער קען. צוליעב דעם האָט ער זיך אַ נעם געגעבן צום חתנ׳ס רבין, אַריינגעלאָזט זיך מיט איהם אין אַ לאַנגען דיספּוט וועגען דקדוק. וואָס דער רבי האָט געזאָגט, האָט ער געזאָגט פאַרקעהרט. דערנאָך האָט ער אַ חאַפּ געגעבן דעם רבין, דער רבי זאָל איהם זאָגען, פאַר וואָס שטעהט אין קהלת „זבובי מות יבאיש", מיט אַ לשון יחיד, און ניט „יבאישו", מיט אַ לשון רבים? דערויף האָט איהם דער רבי געענטפערט: למאי שטעהט אין קהלת טאַקי „וזכור את בוראיך", מיט אַ לשון רבים, ניט „וזכור את בוראך", מיט אַ לשון יחיד? דערנאָך האָט ער אַ חאַפּ געגעבן דעם רבין גאָר מן הצד: „זאָגט נאָר, איך בעט אייך, וואו שטעהט „ויתהלכו מגוי אל גוי"?" דער רבי איז געוואָרען אַ ביסעל מטושטש, אַ ביסעל פאַרשעמט, און געענטפערט: „דאָס איז פונ׳ם דאַוונען „הודו לה׳ קראו בשמו"... דער יונגערמאַן האָט זיך ניט בארוהיגט: „און וואו שטעהט „הודו לה׳ קראו בשמו"?" דער רבי איז געוואָרען נאָך מעהר מטושטש און האָט געענטפערט: „דאָס דאַרף זיין מסתּמא אין תּהלים ערגיץ?"... דאָ האָט דער געלער יונגערמאַן אויס־געבראָכען אַ געלעכטער: „האָט קיין פאַראיבעל ניט, רבי, דאָס שטעהט נישט אין תּהלים ערגיץ, דאָס שטעהט איין מאָל אין תּהלים, און איין מאָל, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט, אין דברי־הימים"...

פאַר׳ן רבין איז דאָס געווען אַ טוידטקלאַפּ. טראָפּענס שוויים זענען איהם אַרויסגעטראָטען אויפ׳ן פּנים. ער איז געווען אַ געהרג׳עטער. „דער יונגערמאַן איז אַ דרעהער!" — אַזוי האָט ער געזאָגט צו די קינדער און געווישט זיך דעם שוויים מיט דער פּאָלע. — „טאָמער טהוט ער אַ פאַרהער דעם חתן, איז דער חתן אַ פאַרפאַלענער און דער שידוך איז אויס שידוך"... און אַזוי ווי אין דעם שידוך איז געווען פאַראינטערעסירט אויך ער, דער רבי טאַקי, דאָס הייסט, ניט אַזוי אינ׳ם שידוך, ווי אינ׳ם שדכנות־געלט, איז ער געפאַלען אויף איין עצה און האָט אַריינגערוימט אַ

דאווענט מיט הארץ, מיט כּוונה און מיט ליעבּשאפט. עס איז איהם געפעלען די צערעמאָניע פון תּפילין־לעגען; עס איז איהם געפעלען די טייטש פון די ווערטער „וארשתּיך"; עס איז איהם געפעלען דער מחיה׳דיגער יוכטען־ריח פון די פּרישע, נאָר־וואָס אויסגעמאכטע רצועות; עס איז איהם געפעלען, וואָס מע זאָגט איהם, אז ער איז שוין א בּחור; עס איז איהם געפעלען, וואָס מען איז איהם מצרף צו א מנין. די משמעות, אז ער איז שוין א איד גלייך מיט אלע אידען, א מענטש גלייך מיט אלע מענטשען. אפילו רפאל דער שמש מיט׳ן אוינגעל קוקט אויף איהם שוין גאָר אנדערש, מיט פאַרבּאָרגענעם דרך־ארץ. פון די חברים שמועסט מען ניט, אז זיי זענען איהם מקנא, וואָרום ער גערענקט, אז ער אליין האָט אמאָל מקנא געווען זיין עלטערען בּרודער הערשעל צו זיין בּר־מצוה. און ניט אזוי אויף דער בּר־מצוה, ווי אויף דעם, וואָס בּאלד נאָך דער בּר־מצוה איז זיין בּרודער געוואָרען א חתן, און די כּלה האָט איהם געשענקט איין אויסגענייהט תּפילין־זעקעל, און דער מחותּן — א זילבּערנעם זייגער. בּיידע פאקטען, דאָס הייסט, ווי אזוי דער בּרודער הערשעל איז א חתן געוואָרען און וואָס ס׳איז געוואָרען פון׳ם מחותּנ׳ס מתּנה, פון׳ם זייגער, דארפען בּאשריבּען ווערען חאָטש אין קורצען.

הערשעל איז געווען א בּר־מצוה־יונגעל א ציקאווער, א שענער, און א טשעפּקע בּחור׳על, דאָס הייסט, ער האָט ליעבּ געהאט געהן ריין אָנגעטהאָן; נאָר קיין קאָפּ צום לערנען האָט ער ניט געהאט, און קיין גרויסער ווילער איז ער אויך ניט געווען. פון דעסטוועגען, א טאטענ׳ס א קינד, נחום ראבּינאָוויטש׳עס א זוהנדעל — מע האָט איהם גערעדט די פיינסטע שידוכים, און ס׳איז געקומען צו פאָהרען א שענער איד מיט א שווארצער בּאָרד, א מחותּן פון וואסילקאָוו, נישט אליין, נאָר מיט א פארהערער, א יונגערמאנטשיק מיט א געל בּערדעל, א גראָטענער, א קענער, א בּעל־תּנ"ך און א בּעל־לשון־קודש, נאָר א ביסעל א נודניק, איין איינגעגעסענער, האָט ליעבּ אריינקריכען יענעם אין די בּיינער. צום אלעם ערשטען האָט

און אויסגעדרעהט זיך צום שיינענדיגען מחותּן פון כּלה׳ס צד, האָט ער אַ זאָג געגעבען: — „אייך קומט מזל־טוב. איהר זעהט דאָך, דער יונג איז קלאָר אומעטום, ווי אַ וואַסער. ווען מיר געהן, הייסט עס, צובייסען?“...

צי עס האָבען געוואוסט פון דעם אָנשטעל טאַטע־מאַמע אויך, אָדער דאָס האָבען אָפּגעאַרבייט נאָר דער רבּי מיט׳ן חתן אַליין? און אפשר האָט דער פאַרהערער אויך געוואוסט פון דעם פּאָקום? — דאָס איז שווער צו זאָגען. יעדענפאַלס,ביידע צדדים זענען געוועזן צופריעדען, ביידע האָבען זיך חלילה ניט אָפּגענאַרט...

אצינד געהען מיר אַריבּער צו דער געשיכטע מיט׳ן זייגער. פאַרשטעהט זיך, אַז באַלד נאָכ׳ן פאַרהערען איז די מאַמע גע־פאָהרען אָנקוקען די כּלה. די כּלה איז איהר געפעלען — זי איז אַ קלוגע; האָט מען געפּראַוועט אַ קנס־מאָל, געשריבען תּנאים און געבּראָכען טעלער, און דער מחותּן האָט געקויפט דעם חתן אַ מתּנה — אַ זילבערנעם זייגער. וויפיעל ס׳איז פאַרהאַן מינוטען אין אַ שעה, אַזוי פיעל מאָל האָט דער חתן געקוקט אויף׳ן זייגער. אַ מצוה האָט מען פאַרדיענט אינ׳ם חתן, אַז מע האָט איהם גע־פּרעגט, ווי האַלט דער זייגער. און דער חתן האָט געהיט דעם זייגער, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג. פאַר׳ן שלאָפען־געהן האָט ער פאַר׳ן זייגער קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. שבּת, פאַר׳ן געהן אין שוהל אַריין, איז ער אויסגעגאַנגען מיט׳ן זייגער אין אַלע שיפלאָדען און אין אַלע קאַמאָדען; ער האָט אַלץ געציטערט, מע זאָל חלילה נישט אוועק׳גנב׳ענען דעם זייגער...

ויהי היום, איינמאָל פאַרגלוסט זיך דעם חתן, אַ טשעפּקע בחור׳על, אויספּוצען דעם קאָסטיום. געטראָגען האָט מען דעמאָלט גוטען טריקאָ מיט אַ וואָרסע, און אַזאַ טריקאָ האָט אַ טבע — ער נעמט אויף זיך פלעקען און שטויב גאַנצע פודען. אַ שטעקעל האָט דער חתן געטראָגען אַ יאַמשאָווע, וואָס בויגט זיך. האָט ער דעם קאָסטיום אויפגעהאַנגען אין דרויסען אויפ׳ן גאַניק און מיט דעם יאַמשאָווע שטעקעל גענומען אויסקלאַפּען דעם שטויב פונ׳ם

סוד אויפ׳ן אויהער דעם חתנ׳ס ברודערעל, שלומ׳ען, אז ער זאָל זיך פארקלויבען הינטער דער ברייטער פאנירטער קאנאפע, און אויף דער קאנאפע האָט ער אוועקגעזעצט דעם חתן. דערנאָך האָבען זיך די מחותּנים אויסגעזעצט ארום דעם האלבקיילעכיגען פאנירטען טיש מיט די לאַפּעס, און דער געלער יונגערמאנטשיק האָט א נעם געגעבען דעם חתן אויפ׳ן צימבעל. אין דער זעלבער צייט האָט דעם חתנ׳ס מאמע געגרייט צום טיש, געשטעלט לעקאך און בראָנפען, געוועז, אפּנים, זיכער, אז דער עקזאמען וועט אָפּלויפען גלאַט. „אנו, זאָג נאָר, בחור׳על, וואו שטעהט „לפיד בוז לעשתּות שאנן נכון למועדי רגל״?״ — „אין איוב!״ — האָט זיך געלאָזט הערען פון הינטער דער פאנירטער קאנאפע ארויס. „אין איוב!״ — האָט דער חתן נעזאָגט, ווי א מזיק, הויך אויפ׳ן קול. „אמת, אין איוב. אצינד ווייסט דו ניט, וואו געפינט זיך ערגיץ אין תּנ״ך נאָך א וואָרט פונ׳ם שורש „לעשתּות״?״ — פרעגט ווייטער דער געלער פארהערער. „ביום ההוא אָבדו עשתּונותיו״, אין תּהלים!״ — פישטשעט דער סופלער פון הינטער דער קאנאפע, און דער חתן זאָגט איהם נאָך וואָרט אין וואָרט. „זענען מיר מיט׳ן תּנ״ך, הייסט דאָס, אזוי גרויס ווי פארטיג. — זאָגט דער פארהערער און ווארפט מיט די אויגען אויפ׳ן טיש, וואו די קליינע חיה־אסתּר פּאָרעט זיך ביי׳ם לעקאך און איינגעמאכטס. — אצינד וועלען מיר זיך ארייג־טהון א ביסעל אין דקדוק אריין. וואָס פאר א פּועל איז אָבדו? וואָס פאר א בנין? וואָס פאר א גוף? וואָס פאר א מספּר? און וואָס פאר א זמן?״ האָט דער קליינער שלום ארויסגעקוויטשעט שטילערהייט פון הינטער דער קאנאפּע ארויס, און דער חתן האָט איהם נאָכגעזאָגט איטליכס וואָרט: „אָבדו איז א פּועל עומד, א בנין קל, א גוף נסתּר, א מספּר רבּים און א זמן עבר, און עס וועט זיין: אָבדתּי, אָבדתּ, אָבדתּ, אָבד, אָבדה, אָבדנו, אבדתּם, אבדתּן״...

„נענוג, נענוג, נענוג!״ — האָט אויסגערופען דער פארהערער צופריעדען, געריבען די הענט און געקוקט אויפ׳ן געגרייטען טיש,

33

די ערשטע ליעבע

ראָזע בערנער די שולמית פון שיר־השירים. — איים פרוכשטיין — א נעפעהרליכער קאנקורענט. — סקריפענדיגע שטיוועלעטען און פראנצוויזיש. — פיעדעל־שפיעלען. — זיסע חלומות.

ווען זיי זאָלען נישט געווען זיך באַגעגענען דערנאָך אין לעבען א סך מאָל, וואָלט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע זיכער געמיינט, אז די, וועלכע האָט איהם צו פערצעהן יאָהר געפלעפט, איז געווען נאָר א דמיון, א פאנטאזיע, א חלום. געהייסען האָט זי ראָזע, און ער האָט זי קיינמאָל נישט געזעהען, זי זאָל געהן אליין. שטענדיג מיט א חאליאסטרע „קאוואליערען”, די פיינסטע אידישע בחורים, די רייכסטע יונגעלייט פון שטאָדט, און אמאָל אויך כריסטען, אָפיציערען. א רוסישער אָפיציער זאָל שפאַציערען מיט א אידיש מיידעל — דאָס אליין איז געווען אזא סענסאציע, וואָס די שטאָדט האָט מיט דעם געקאָכט. און נישט א יעדעם מיידעל וואָלט זיך דאָס דערלויבט, און נישט א יעדען מיידעל וואָלט דאָס די שטאָדט מוחל געווען. נאָר ראָזע — זי מעג עס, איהר קאָן מען דאָס מוחל זיין, וואָרום זי איז ראָזע, וואָרום זי איז די איינציגע אין שטאָדט, וואָס שפיעלט פיאנע, די איינציגע אין שטאָדט, וואָס רעדט פראנצוויזיש, און רעדט הויך, און לאכט הויך —א קליינינקייט ראָזע? און דערצו איז זי א טאטענ׳ס א קינד. איהר פאָטער איז איינער פון די רייכסטע און פאָרנעממסטע

קאָסטיום, אָבער גוט, וויפיעל ס'איז נאָר געווען כח, און אז אין קעשענע פונ'ם קאָסטיום ליגט דער זייגער — האָט ער אקוראט פארגעסען. זעלבסטפארשטענדליך, אז פונ'ם זייגער איז געוואָרען א חורבן, א פראָשעק פון שטיקלעך זילבער, פאָרצעליי און גלאָז און א סך קליינע רעדעלעך. און דער חתן האָט אויפגעהויבען זיין קול און האָט זיך צעוויינט. עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום טרייסטען מיט קיין שום צוזאָגעכצען, אז מע וועט איהם קויפען איין אנדער זייגער — עס האָט אויסגעריסען א שטיק הארץ!

דער בר־מצוה שלום האָט געקוקט אויף זיך אויך, ווי אויף אָט אזא מין בחור. זיין אידעאַל איז געווען אין יענער צייט דריי זאכען: א תפילין־זעקעל, ווי ביי זיין ברודער הערשעל, א זייגער און א כלה. די כלה האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ניט אַנדערש, ווי אינ'ם געשטאַלט פון א בת־מלכה, איינע פון יענע יפהפיות, וואָס זיין חבר שמואליק דער יתום פלעגט זיך אָנדער־צעהלען פון זיי. זי איז איהם געווען אזוי קלאָר, אז ער האָט זי געזעהען אָפט אין חלום, און איינמאָל, באַלד נאָך דער בר־מצוה, האָט ער זי דערזעהען אויף דער וואָהר און — ער האָט זיך פאַר־ליעבט אין איהר, ווי עס ווערט באשריבען אָט דאָ באַלד אין א באזונדער קאפּיטעל.

אויף א מייל. אט דאס איז געווען דער גליקליכסטער פון אלע ראזע׳ס קאוואליערען, און איהם האט די שטאדט געקרוינט פאר איהר חתן. דערפאר געקרוינט, ווייל ער איז יאסי פרוכשטיינ׳ס זוהן, און יאסי פרוכשטיין איז א נגיד, און א נגיד מיט א נגיד זענען גלייכע מחותּנים. און אויסער דעם, איז ער דער איינציגער בחור אין פערעיאסלאוו, וואס רעדט פראנצויזיש; ער רעדט פראנצויזיש און זי רעדט פראנצויזיש — קאן דען זיין נאך מעהר גלייך, ווי דער דאזיגער שידוך? און נאך א זאך: זי שפּיעלט פּיאנע און ער שפּיעלט פּיעדעל, און אז דיביידע שפּיעלען, מעג מען פארזעצען וואס מע האט און מע קאן שטעהן א גאנצע נאכט אונטער׳ן פענסטער און הארכען. שלום איז געשטאנען ניט איין מאל ביי ראזען אונטער׳ן אפענעם פענסטער זומער פארנאכט אין דרויסען און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימעלשע טענער, וואס די שענע ראזע האט מיט איהרע שענע פינגער ארויסגעצויגען פון דער גרויסער שווארצער גלאנצענדיגער פּיאנע מיט די ווייסע ביינדלעך, און צו די זיסע הימעלשע געזאנגען, וואס דער קורצפּיסיגער חיים פרוכשטיין האט ארויסגעריסען פון די דינע סטרונעס פון זיין קליין בייכיג פּיעדעלע — און אך! וואס ער האט איבערגעלעבט אין די מינוטען! ער האט געשעפּט תּענוג און געערגערט זיך, געבענטשט און געשאלטען צו גלייכער צייט. געשעפּט תּענוג פון דער שענער זעלטענער הימעלשער מוזיק, און געערגערט זיך, וואס ניט ער שפּיעלט דאס מיט ראזען, נאר איין אנדערער. געבענטשט האט ער די הענט, וואס ציהען־ארויס אזעלכע זיסע הימעלשע טענער מיט אזעלכע זיסע מלאכימ׳שע געזאנגען פון טוידטע אינסטרומענטען, און געשאלטען דעם טאג, וואס ער איז געבוירען געווארען ביי נחום ראבינאוויטש, ניט ביי יאסי פרוכשטיין, און וואס חיים פרוכשטיין איז א נגיד׳ס א זוהן, און ער, שלום, איז נעבאך אויף גרויסע צרות! ניט נאר קאן ער ניט אויספיהרען ביי זיין טאטע־מאמע לאקירטע שטיוולעטען מיט סקריפּקעס און אויף הויכע אפּצאסען — זיינע שטיוועלעך, וואס

אידען אין שטאָדט, אַ איד איין אַריסטאָקראַט: אין דער יוגענט, זאָגט מען, איז ער געווען אַ גלות. איצט איז ער שוין אַלט און גרוי, האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, טראָגט ברילען, האָט קישעלעך אונטער די אויגען. די אייגענע קישעלעך אונטער די אויגען האָט גע׳ירש׳ענט פון איהם זיין טעכטערל ראָזע, און זיי פּאַסען זיך איהר אַזוי צו איהרע שענע בלויע אויגען, און צו איהרע זיידענע אויסגעבויגענע ברעמען, און צו איהר אידיש־גריכיש נעזעל, און צו איהר קלאָר־ווייס געזיכט, און צו איהר קליינער, נאָר מאַיעס־טעטיש גרויסאַרטיגער פיגור, וועלכע האָט געפּלעפט דאָס האַרץ פונ׳ם ציקאַווע פאַר׳חלומ׳טען חדר־יונגעל שלום נחום וועוויק׳ס, וואָס האָט זיך דורך איין קוק פון איהרע שענע שולמית־אויגען פאַרליעבט אין דער דאָזיגער שולמית מיט׳ן הייליגען פייער פון איין אומשולדיג בר־מצוה־יונגעל.

יאָ, שולמית. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר־השירים, פאַר־מאָגט אַזעלכע שענע געטליכע אויגען. נאָר די שולמית, וואָס אין שיר־השירים, קאָן אַזוי זיס־ליעבליך און שטרענג־טיעף אריינ־דרינגען אייך אין דער נשמה אריין, ווען זי קוקט אויף אייך. און אַ קוק געגעבען האָט זי אויף שלומ׳ען, קאָן איך אייך ערב זיין, מעהר ניט אַז איין מאָל, און אַז אַ סך — איז צוויי מאָל. אויך דאָס — פאַרבייגעהענדיג אין גאַס שבת בייטאָג מיט אַ גאַנצער חאַליאַסטרע „קאַוואַליערען”, צווישען וועלכע ס׳איז געווען איינער אַ גליקליכער מיט׳ן נאָמען חיים פּרוכשטיין. חיים איז יאָסי פּרוכשטיינ׳ס אַ זוהנדעל, אַ בן־יחיד, אַ קורצפּיסיגער, זעהר אַ קורצפּיסיגער, נאָר מיט אַ לאַנגער נאָז, און אויף דער נאָז — רויטע ווייספּערלעך, און צייהן גרויסע, מורא׳דיג גרויסע. נאָר אָנגעטהאָן איז ער, ווי דער גרעסטער פּראַנט. שטיוועלעטען לאַקירטע און סקריפּענדיגע אויף הויכע, זעהר הויכע אָפּצאַסען — בכדי ער זאָל אויסזעהען העכער. אַ זשילעט אַ ווייסע, ווי געפּאַלענער שניי. די האָר פּאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקוראַט אין מיטען און שטענדיג אָנגעשמירט מיט שמעקענדיגע פּאַרפומען, וואָס לאָזען זיך הערען

נאָך אפשר אריבערי־אָגען — און דעמאָלט ערשט וועט ער קומען צו איהר, צו ראָזען, גלייך אהיים, און ער וועט איהר זאָגען מיט׳ן לשון פון שיר־השירים: „שובי שובי השולמית — קעהר זיך אוים צו מיר, שולמית, מיט׳ן פנים אויף איין וויילע און הער זיך איין, ווי אזוי איך שפיעל אויפ׳ן פיעדעל!" און ער וועט געבען א פיהר מיט׳ן סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס, און שולמית־ראָזע וועט דאָס דערהערען, וועט זי שטוינען, און זי וועט איהם פרעגען: „פון וואנען?" — וועט ער איהר ענטפערען: „פון זיך אליין". און חיים פרוכשטיין וועט שטעהן פון דער זייט און וועט גאפען און וועט איהם, שלום׳ען, מקנא זיין — וועט ער צוגעהן און וועט וועלען זאָגען ראָזען עפּים אויף פראַנצויזיש, וועט שלום זיך אריינמישען אין מיטען, איהם איבערהאקען און וועט צו איהם זאָגען אויך אויף פראנצויזיש: „היט זיך, רב חיים, מיט אייער לשון, ווארום איך פארשטעה איטליכס וואָרט!" וועט ער נאָך מעהר גאפען, און שולמית־ראָזע וועט א פרעג טהון ביי שלום׳ען: „דו רעדסט פראַנצויזיש אויך? פון וואנען?" — וועט איהר שלום זאָגען: „פון זיך אליין". דעמאָלט וועט שולמית־ראָזע אויפשטעהן און וועט נעמען שלום׳ען פאר א האנט און וועט איהם זאָגען: „קום". וועלען זיי געהן אין צווייען, ער מיט ראָזען, אויפ׳ן שפּאציער איבער די פערעיאסלאווער „פעשעחאָדען" און וועלען רעדען ביידע אויף פראַנצויזיש, און די גאנצע חאליאסטרע קאוואליערען, און דער קורצפיסיגער חיים פרוכשטיין בתוכם, וועלען זיי נאָכגעהן פון הינטען, און די גאנצע שטאָדט וועט טייטלען מיט די פינגער: „ווער איז דאָס גליקליכע פּאָרעל?" וועט מען זיי ענטפערען: „איהר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך ראָזע מיט איהר אויסדערוועהלטען!" „ווער זשע איז איהר אויסדערוועהלטער?" „איהר אויסדערוועהלטער — דאָס איז דאָך דער וואָראָנקאָווער בעל־תנ"ך און כתבא־רבה שלום נחום וועוויק׳ס, שלום ראבינאָוויטש"... און שלום הערט דאָס אלסדינג, נאר ער מאכט זיך ווי ער הערט ניט, און ער געהט ווייטער און ווייטער,

ער טראָגט, זענען אָפּגעפּאָהרען, די אָפּצאַסען אויסגעדרעהט, די פּאָדעשוועס אָפּגעריבען. און אז ער זאָל זאָגען, ער וויל לאַקירטע שטיוולעטען, וועט מען איהם פרעגען: אויף וואָס? און אז ער זאָל זאָגען, אז ער וויל, זיינע שטיוועלעך זאָלען סקריפּען, וועט ער קריגען פּעטש...

אָך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער האָט איין אוצר! אָט א יענעם אוצר, וואָס זיין וואָראָנקאָווער חבר שמואליק דער יתום פלעגט איהם דערצעהלען וועגען דעם אזוי פיעל שענע מעשיות. נאָר בלאָטע! ס'איז נישטאָ קיין אוצר. דאָס הייסט, ס'איז דאָ, נאָר ס'איז שווער איהם צו געפינען — ער ליגט זעהר טיעף פאַר־באָרגען. און אז מע געפינט איהם שוין — אנטלויפט ער און באהאלט זיך נאָך טיעפער... און דער אומגליקליכער שלום האָט פארשאָלטען דעם טאָג, למאי ער איז געבוירען געוואָרען ביי די מיוחסים, ביי די ראַבינאָוויטשעס, ניט ביי די פּרוכשטיינס. און ער האָט פיינט געקריגען מעהר פון אלעמען אָט דעם קורצפיסיגען חיים פרוכשטיין מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווייספערלעך, פיינט געקריגען בתכלית השנאה — דערפאַר, וואָס גאָט האָט איהם, דעם קורצפיסיגען חיים, געבענטשט מיט אלע דריי גוטע זאכען: מיט סקריפּענדיגע שטיוולעטען, מיט רעדען פראַנצויזיש און מיט שפּיעלען פּיערדעל.

און דער אומגליקליכער שלום האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען און געשוואָרען זיך ביי דער לבנה און ביי די שטערען דאָ אין דרויסען, און ביי די זיסע הימעלשע טענער און ביי די זיסע מלאָכים'שע געזאַנגען, וואָס גיסען זיך פון דאָרטען, פון אינווענינג, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך אויסלערנען שפּיעלען אויפ'ן פּיערדעל, אזוי ווי דער גליקליכער חיים פרוכשטיין, און אז ער וועט מיט זיין פּיערדעל־שפּיעלען פארשטעקען אין גאַרטעל צעהן אזעלכע, ווי חיים פרוכשטיין, און רעדען פראַנצויזיש וועט ער זיך אויסלערנען, אזוי ווי חיים פרוכשטיין, און ער וועט מיט גאָט'ס הילף זיך אויסגלייכען מיט חיים פרוכשטיין, און ער וועט איהם

34

די חלירע

די עפּידעמיע. — די רייבערס. — די באבע מינדי קאמאנדעוועט. — זי רייסט קברים, זוכט זכות־אבות, ארבייט מיט די דאקטוירים. — דער מאמע׳ס טוידט. — דער פעטער פּיני לאזט ניט וויינען — ס׳איז שבת.

אָנגעהויבּען האָט זיך עס תּחילת זומער, באַלד נאָך פּסח, אַזוי ווי אויף קאַטאָוועסען; נאָר שפּעטער־צו, ארום נאָך־שבועות, אַז ס׳זענען אויפגעקומען אויבּסטען און גרינע אָגרעסען זענען געוואָרען וואָלוועל, בּחצי־חנם, האָט זיך עס צעשפּיעלט שוין אויף דער אמת׳ען, און עס האָבּען זיך אָנגעהויבּען לאָזען הערען אַלץ אָפטער און אָפטער די ווערטער: „אונטערגאַנג״, „עפּידעמיע״ און „חלירע״. בּיי׳ם וואָרט „חלירע״, אַז ס׳איז ארויסגערעדט געוואָרען, איז דאָס אנדערש ניט ארויסגערעדט געוואָרען נאָר מיט אַ שפּיי־אויס דערבּיי, און ס׳איז געפאַלען אַ מורא, אַ פּחד אויף דער שטאָדט.

פארשטעהט זיך, אַז דער פּחד איז געפאַלען נאָר אויף די גרויסע, אויף די עלטערע. פאַר קליינוואַרג איז דאָס, אדרבּה, געווען אַ שטיקעל יום־טוב. מע האָט אָנגעהויבּען אכטונג געבּען אויף זייער עסען און אויף זייער טרינקען, טאַפּען זיי אַלע אין דער פריה און אויף דער נאַכט בּיי די קעפּלעך, זיך געהייסען באַווייזען די צונג, און סוף־כּל־סוף — צעלאָזט די חדרים, בּיז

האַנט בײַ האַנט, מיט דער שענער ראָזען, און ער זעהט איהרע שענע בלויע אויגען, ווי זיי קוקען אויף איהם און לאַכען. און ער פיהלט איהר קליין ווארעם הענטעל אין זײַן האַנט, און ער הערט, ווי דאָס הארץ בײַ איהם קלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק. און די שטיוועלעך אונטער איהם האָבען ווי פון זיך אַליין אָנגעהויבען צו רעדען: „סקריפּ־סקריפּ, סקריפּ־סקריפּ". און דאָס איז שוין אַ וואונדער פאַר איהם אַליין. מילא, פיעדעל־שפּיעלען און פראַנצויזיש־רעדען — דאָס האָט ער זיך אויסגעלערענט. אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער קען. אָבער די שטיוועלעך — פון וואַנען האָבען זיי גענומען דעם סקריפּ? אויך פון זיך אַליין? אָדער אפשר ווייזט זיך איהם אויס? און ער קוועטשט־קוועטשט מיט ביידע פיס, שטאַרק־שטאַרק, און ער כאַפּט אַ שטורך פון זײַן עלטערען ברודער, מיט וועלכען ער שלאָפט אין איין בעט: „וואָס דריגעסט דו מיט די פיס, ווי אַ לאָשעקעל?" און ער כאַפּט זיך אויף — ניט שוין זשע איז דאָס געווען נאָר אַ חלום?... און ער הערט נישט אויף צו טראַכטען פונ'ם דאָזיגען חלום. און ער הערט נישט אויף צו חלומ'ען אויף דער וואָהר. און עס גיסען זיך צונויף בײַ איהם דער חלום מיט דער וואָהר, די פאַנטאַזיע מיט דער ווירקליכקייט... און עס ציהט זיך אַזוי — ער ווייסט נישט וויפיעל צײַט, ביז עס קומט אַ גאַסט קיין פּערעיאַסלאַוו, אַ שרעקליכער גאַסט, איין אונטערגאַנג, איין עפּידעמיע. ווי איין אוראַגאַן וואַלגערט ער אום אַלסדינג מיט'ן פּנים אַראָפּ און מאַכט איין איבערקעהרעניש, אַ חורבן אין אַ סך הייזער, און אויך בײַ נחום ראַבינאָוויטשען אין שטוב, און עס ווערט פאַרשוואונדען די שענע שולמית־ראָזע און זײַן ליעבע צו דער שענער שולמית־ראָזע, ווי אַ חלום, ווי אַ פאַנטאַזיע, ווי אַ נעכטיגער טאָג...

דער גאַסט — דאָס איז געווען די חלירע.

אין שטוב אריין". דערויף האָט איהר נחום אָפּגעענטפערט מיט א שמייכעל, אז „די חלירע איז ניט אזא קרענק, וואָס מע פאר־שלעפּט זי; ווענען ס'איז באשערט, טרעפט זי איהם אין דער היים"...

אפנים, אז דער קליינינטשקער חיה־אסתּר איז עס באשערט געווען. איינמאָל, אין א שענעם פריהמאָרגען, איז זי אויפגע־שטאנען און האָט דערצעהלט פאר דער שוויעגער, פאר דער באבע מינדי, וואָס פאר א מאָדנער חלום ס'האָט זיך איהר גע'חלומ'ט. ס'האָט זיך איהר גע'חלומ'ט, אז ס'איז פרייטאָג־צו־נאכטס און זי בענטשט ליכט. פּלוצים קומט צו געהן פרומע־שרה סריבניטשקע, די וואָס איז ערשט יענע וואָך געשטאָרבען פון דער עפּידעמיע, און נעמט און טהוט א בלאָז — פו! — און פארלעשט איהר די בענטש־ליכט... אויסגעהערט דעם מאָדנעם חלום, האָט די באבע מינדי זיך אויסגעלאכט און, געוויינטליך, „אויסגעלעגט" איהר צו גוטען, נאָר געזעהען האָט מען, אז אויף ביידע ווייבער איז געלעגען א שרעק אויפ'ן פּנים. דערנאָך האָט זיך די מאמע חיה־אסתּר צוגעלעגט, זיך געהייסען דערלאנגען א שפּיעגעל, א קוק געטהאָן אין שפּיעגעל אריין און א זאָג געגעבען צו דער באבע מינדי: „שוויעגער, ס'איז שלעכט! טהוט א קוק אויף מיינע נעגעל"... אודאי האָט זי די שוויעגער אויסגעלאכט און אויסגע'בטל'ט אלע בייזע וויסטע חלומות אויף די שונאים'ס קעפּ, און שטילערהייט האָט זי צעשיקט די עלטערע קינדער, זיי זאָלען אויפזוכען און אראָפּברענגען דעם טאטען, וואָס איז געווען דעמאָלט פארנומען אין זיין „אוטשאסטאָק" מיט „רייבען". און נישט געוואַרט אויפ'ן טאטען, האָט די באבע מינדי פארדוקט גרויסע „טשאוואונעס" און טעפּ מיט וואסער אין אויוון אריין און אליין דערווייל גענומען ראטעווען די קראנקע. זי האָט געטהאָן אלסדינג, וואָס אין א מענטשענ'ס כּח איז צו טהון, און האָט ניט פארגעסען אויך צו שיקען נאָכ'ן דאָקטאָר קאָזאטש־קאָווסקי, דער בעסטער דאָקטאָר אין שטאָדט. ער איז א כּריסט, א דיקער, מיט א רויט פּנים. אויף איהם, אויף דעם קאָזאטש־

גאַט וועט העלפֿען, דער אונטערגאַנג וועט אַוועק אַהין, פֿון וואַנען ער איז געקומען. דער אונטערגאַנג האָט אָבער ניט אַזוי גיך געוואָלט אַוועק, און די חלירע האָט געבושעוועט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

די שטאָדט האָט אָבער אויך ניט געשוויגען, געטהאָן אַלסדינג, און קודם כּל זיך אַ נעם געגעבען צום „רייבען". גיך און געשווינד איז באַשאַפֿען געוואָרען אַ חברה „רייבערס". זייער עובדה איז געווען — קוים איז עמיצען געוואָרען „נישט־גוט", איז מען געקומען צו איהם, אוועקגעלעגט און „געריבען". אַ סך מענטשען האָט מען טאַקי מיט אָט דעם רייבען אָפּגעראַטעוועט. צווישען די חברה „רייבערס" האָבען זיך פֿאַרשריבען די פֿיינסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָדט. די שטאָדט גופא איז איינגעטיילט געוואָרען אין „אוטשאַסטקעס", אויף יעדען „אוטשאַסטאָק" — באַזונדערע „רייבערס". דער העלד פֿון דער ביאָגראַפֿיע האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ און מיט פֿאַרוואונדערונג, ווי אויף אמת'ע העלדען, גבורים. עס איז געווען צו זעהען, אַז זיי האָבען קיין ברעקעל מורא ניט, ניט פֿאַר דער חלירע, ניט פֿאַר'ן טויט. איינס דאָס אַנדערע האָבען זיי זיך געשטאַרקט, גערעדט מיט אַ שמייכעל, געטרונקען לחיים און געווינטשעוועט, „דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבען און די עפּידעמיע זאָל געשטילט ווערען"...

פֿאַרשטעהט זיך, אַז די ראַבינאָוויטשעס זענען אויך געווען צווישען די „רייבערס". יעדען אויפֿדערנאַכט, געקומען פֿון זיין „אוטשאַסטאָק", האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט צו דערצעהלען נייעס און נייעס: וויפֿיעל מאָל און וועמען מע האָט היינטיגען טאָג „געריבען". וועמען מע האָט „אָפּגעריבען", און וועמען ניט. אַלע זענען געשטאַנען אַרום איהם און געקוקט מיט דרך־ארץ און אויסגעהערט מיט נייגיעריגקייט און מיט שרעק די דאָזיגע נייעס. די קליינינטשקע חיה־אסתּר האָט געבראָכען די פֿינגער, און, קוקענדיג אויף איהר חאַליאַסטרע קינדער, האָט זי אַ זאָג געגעבען פֿאַר־בייגעהענדיג: „ער זאָל חאָטש ניט פֿאַרשלעפּען, חלילה, די חלירע

פנים איין אויסזעהן — גלייך ווי זי וואָלט געטאַרעראַמעוועט אויף א התונה, נישט אַרום א געפעהרליך קראַנקער שנור, וואָס ליגט אויף חלירע און וואָס באָרעט זיך מיט'ן טוידט. עס האָט אויסגעזעהען, אַז ניט די מאַמע חיה־אסתר באָרעט זיך מיט'ן טוידט, נאָר זי, די באָבע מינדי, באָרעט זיך פאַר איהר, פיהרט א מלחמה מיט'ן מלאך־המות, וואָס לאָזט זיך שוין הערען מיט זיינע גרינגע שווארצע פליגלען. ער לאָזט זיך הערען, נאָר זעהען זעהט מען איהם נאָך ניט. די קינדער ווייסען נאָך ניט, וואָס דאָ טהוט זיך, נאָר זיי פיהלען מיט זייער אינסטינקט, אַז דאָ קומט עפּיס פאַר א גרויסע זאַך, וואָס איז נאָך א סוד פאַר זיי. אויף דער באָבע מינדי'ס פּנים לייענען זיי: „דער טוידט וויל צונעמען ביי די קינדער זייער מאַמע, נאָר איך וועל עס מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף נישט דערלאָזען!”... און אַז זי זאָגט, זי וועט נישט דערלאָזען, קאָן מען איהר גלויבען. דער באָבע מינדי מוז מען גלויבען! איינמאָל, בעת דער דאָקטאָר קאָזאַטשקאָווסקי איז געווען ביי דער קראַנקער, וועלכע האָט שוין געהאַלטען, אפּנים, זעהר שמאָל — דאָס האָט מען געקאָנט זעהען נאָכ'ן דאָקטאָר'ס רויט פּנים, וואָס איז געוואָרען נאָך רויטער, האָט די באָבע מינדי צונויפגערופען אַלע קינדער, האָט זיי אויסגעשטעלט אין דער רייהע איינציגווייז, פוני'ם עלטסטען (א בעל־הבית'על שוין מיט א בערדעל) ביז'ן קלענסטען (א מיידעלע פון קוים א יאָהר), און אַז דער דאָקטאָר קאָזאַטשקאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קראַנקער'ס חדר, איז זי איהם געפאַלען פאַר די פיס, געקושט אין די הענט און צוגעפיהרט איהם צו דער חאַליאַסטרע: „נאַ זעה, פריץ־לעבען, וויפיעל יוערעם, וויפיעל יתומים די קראַנקע לאָזט איבער, טאָמער חלילה, די שעה זאָל ניט זיין! טאַקי א יושר, האָב רחמנות, פריץ־לעבען, אויף די דאָזיגע ווערעם, אויף די אומשולדיגע שעפעלעך!”... מיר דאַכט, אַז אפילו א שטיין האָט דאָס געקאָנט ריהרען. עס האָט געריהרט אפילו דעם דאָקטאָר קאָזאַטשקאָווסקי. ער האָט צענומען מיט די

קאָווסקי דעם דאָקטאָר, זאָגען אידען מבינים, אז ער איז אזוי געזונט, אז ער וועט אמאָל שטארבען געהענדיג. און חאָטש דער דאָקטאָר קאָזאטשקאָווסקי איז טאקי דער בעסטער דאָקטאָר, פון דעסטוועגען האָט די באָבע מינדי אראָפּגעבראכט אויך יענקעל דעם רופא — ער איז א איד און מע קאָן זיך מיט איהם בעסער דורכשמועסען. יענקעל דער רופא איז טאקי מעהר ניט ווי א רופא, נאָר א טענדעוועדענדע (אזא מין הענגקאָלנער) טראָגט ער, ווי א דאָקטאָר, און שרייבט רעצעפּטען, ווי א דאָקטאָר, און לייענט לאַטיין, ווי א דאָקטאָר, און געלט נעמט ער אויך, ווי א דאָקטאָר. דאָס הייסט, אז מע גיט איהם אין האנט אריין א מטבע, נעמט ער צו די מטבע, כלומרשט ווי איבערגוואלד, און טאַפּט אין קעשענע די מטבע, און טרעפט אלע מאָל, וויפיעל דאָרטען איז. א סימן — טאָמער איז ווינציגליך, הייסט ער זיך געבען איין אנדער מטבע, נאָר איידעל, מיט א שמייכעל און מיט א גלעט די לאנגע האָר און מיט א צורעכט־מאכען די ברילען.

מיט איהם, מיט דעם יענקעל דעם רופא, האָט זיך די באָבע מינדי פארשלאָסען ביי זיך אין אלקירעל, פריהער ארויסגעטריבען די קליינע קינדער אין דרויסען ארוים, און האָט זיך דאָרט מיט איהם לאנג־לאנג געשושקעט, ביז דער טאטע איז געקומען. און אז דער טאטע איז געקומען ניט טוידט ניט לעבעדיג, איז די באָבע מינדי אָנגעפאלען אויף איהם, געגעבען איהם א מיאוס'ען פסק, און ס'איז געווען א קאָמעדיע צו זעהען, ווי דער טאטע פארענטפערט זיך פאר איהר... אך! ווער עס האָט ניט געזעהען אין יענע טעג די באָבע מינדי, דער האָט קיין שענס ניט געזעהען. א אידינע א קאָמאנדיר! א אידינע א פעלדמארשאל! די זיידענע טונקעל־גרינע פעטשיילע מיט די זילבערנע עפּעל ארויסגעמאָהלט, וואָס אויפ'ן קאָפּ, פארבונדען מיט ביידע עקען אהינטער, די ארבעל פון דעם וואָלענעם שאָקאָלאדפארביגען קלייד פארקאטשעט ארויף, דער שווארצער ריפּסענער פארטוך אויפ'ן קלייד און די ריין־אויסגע־וואשענע הענט האָבען צוגעגעבען איהר אלט געקנייטשט שטרענג

מאַמע'ס קליינע, נאָר שטאַרקע הענטלעך, וואָס לאָזן זיך פיהלען...
איצט אָבער האָבן דאָס קליינוואַרג פאַרגעסען. פאַרגעסען די
פעטש מיט די קולאַקעס מיט די סטוסאַקעס און פּאַטילעטשניקעס,
און דערמאַנט זיך בעסער, ווי די מאַמע פלעגט אַריינלעגן די האַנט
אין קעשענע זוכען פאַר יעדען קינד אַ גראָשען. ווי די מאַמע
פלעגט זיי איינגעבען אַלע ראָש־חודש ווערעמקרויט מיט האָניג.
ווי די מאַמע פלעגט ניט אָפּטרעטען פון בעט, אז אַ קינד האָט זיך
אוועקגעלעגט. ווי דער מאַמע'ס קליין הענטעל האָט געטאַפּט ביי'ם
קאָפּ, געהאַלטען ביי'ם דופק, געגלעט די בעקלעך. ווי די מאַמע
האָט גענייהט אַלע ערב יום־טוב מלבושים'לעך פאַר די קינדער.
ווי די מאַמע פלעגט אַלע ערב שבת צוואָגען די קעפּלעך. ווי די
מאַמע האָט געלאַכט פסח ביי'ם סדר, אז קינדער האָבן זיך אָנ־
גע'שכור'ט פונ'ם ארבע־כוסות־וויין. און נאָך און נאָך זאַכען
האָבן די קינדער דערמאַנט זיך, געלעגען יעדער באַזונדער איינ־
געגראָבען מיט די פּנים'ער אין די קישענס און צעגאַנגען געוואָרען
פאַר געוויין... אָבער נאָך גרעסער און שטאַרקער איז געוואָרען
דער געוויין, אז זיי האָבן דערהערט דעם טאַטען וויינען — אַ
טאַטע זאָל גאָר וויינען! — און אז זיי האָבן דערהערט, ווי די
באָבע מינדי יאָמערט און קלאָגט און לייענט מיט אַ ניגון, ווי פון
אַ תּחינה, טענה'ט זיך אויס מיט'ן רבונו־של־עולם: „פאַר וואָס
האָט ער ניט צונעגומען בעסער זי, די באָבע מינדי, איידער אַזאַ
יונג צווייגעלע, אַ מאַמע פון, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל ווערעם?"...
דאָס פאַרגלייכען איהרס די קינדער צו ווערעם רופט־אַרויס ביי די
קינדער אין דער דאָזיגער טרויעריגער מינוט נישט ווילענדיג אַ
שמייכעל: וואָס עפּיס גראַד ווערעם? נאָר פּלוצים עפענט
זיך די טיר און ווי אַ וויכער רייסט זיך אַריין אין שטוב אַריין
דער פעטער פיני מיט זיינע צוויי זיהן גלייך פון אַלטען בית־
המדרש — דאָרטען דאַוועגט דער פעטער פיני — מיט אַ ברייטען
גוט־שבת. דערזעהען, ווי דער עולם וויינט און קלאָגט און
יאָמערט — אז ער צעשרייט זיך ניט אויף אַ קול און צעבייזערט

הענט: „וואָס קאָן ער טהון? ער טהוט אַלסדינג, וואָס ער קאָן. אַט ווֶעמען מע באַדאַרף בעטען!”... און ער האָט אַ ווייז געגעבען מיט׳ן פינגער אַרויף: צו גאָט, הייסט עס... נאָר אַ דאַנק פאַר דער עצה, פריץ־לעבען! צו גאָט באַדאַרף זי איהם ניט פאַר אַ מליץ־יושר! צו גאָט ווייסט זי שוין אַליין דעם וועג. זי איז שוין געוועזען אין שוהל. זי האָט זיך שוין פאַרזאָרגט מיט תהלים־זאָגער אויף אַ גאַנצען מעת־לעת. זי איז שוין געוועזען אויפ׳ן הייליגען אָרט אויך, געריסען קברים, געוועקט זכות־אָבות. אַזאַ מאַמע, ווי איהר נחום׳ס ווייב, באַדאַרף נישט לאָזען איהר זוהן איין אַלמן און די קינדער יתומים! אַזאַ צדיקית, ווי חיה־אסתר, טאָר ניט שטאַרבען! „ניין, גאָטעניו, דו ביזט אַ גוטער גאָט, דו וועסט דאָס נישט טהון!”...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפען קיין זאַך. גאָט איז טאַקי אַ גוטער גאָט, נאָר די קליינינטשקע חיה־אסתר איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען. זי איז געשטאָרבען. שבת אין דער פריה איז דאָס געוועזען, דעמאָלט, ווען אידען זענען נאָך אין שוהל.

געשטאָרבען? — פאַר חברה קליינוואַרג איז דאָס געוועזען נאָכ׳ן רבינ׳ס טוידט (משה דעם שוחט׳ס) דער צווייטער טוידט, וואָס זיי האָבען מעהר געפיהלט ווי פאַרשטאַנען — און עס האָט זיי וועה געטהאָן שטאַרק־שטאַרק! אמת, זייער מאַמע איז ניט געוועזען אַזאַ ווייכע, אַזאַ צוגעלאָזטע, ווי אַנדערע מאַמעס. אמת, מע פלעגט חאַפּען פון איהר אָפטע פעטש, סטוסאַקעס און בוכענצים — „קינדער זאָלען ניט זיין קיין נאַשערס און ניט וועלען נאָך! קינדער זאָלען ניט האָבען קיין טבע זיך פלאָנטען פאַר די פיס! קינדער זאָלען ניט ליעב האָבען שטשירען די צייהן, ראַהאָטשען זיך!” דאָס האָט באַדאַרפט הייסען, אַז קינדער זאָלען ניט לאַכען. און קינדער האָבען דוקא יאָ געלאַכט, וואָרום ווי קאָן מען ניט לאַכען, אַז עס לאַכט זיך? אַזאַ געלעכטער האָט זיי געקאָסט טייער. זיי האָבען באַצאָהלט מיט אָנגעריסענע אויהערען און מיט אויפגעלאָפענע באַקען פון דער

35

די שבעה־זיצערס

דער טאטע קוקט־אריין אין ספר איוב. — מע רעדט איהם שידוכים. — די קינדער ווערט מען אפשיקען קיין באהסלאוו צום זיידען משה־יאסי.

קיינמאל האט דער העלד פון די באשרייבונגען אזוי נישט געבענקט נאכ'ן אוצר, וואס זיין חבר שמואליק האט איהם אמאל דערצעהלט, ווי אין דער צייט, ווען ער און דער טאטע און אלע זיינע ברידער און שוועסטער זענען געזעסען אין די זאקען אויף דער ערד „שבעה" נאך דער מאמען.

„ווען איך האב איצט איין אוצר — האט ער זיך געטראכט — אט יענעם אוצר, וואס ליגט דארט אינ'ם קליינעם שטעדטעלע באַ־האלטען, חאטש נישט אינגאנצען, חאטש א טייל פון יענעם אוצר — אך, ווי וואלט עס מיר איצט צו־נוץ געקומען!... די באבע מינדי וואלט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאגען און צו אוים'טענה'ן זיך מיט'ן רבונו־של־עולם, איהם פירהאלטען, אז ער האט נישט גוט געטהאן, וואס ער האט צוגענומען פריהער די שנור, ניט זי, די שוויגער... דער טאטע וואלט אויפגעהערט צו זיפצען און קרעכצען און צו טענה'ן, צו וואס לעבט ער אויף דער וועלט און וואס איז ער אהן חיה־אסתר'ען?... און אויך זיי, די קינדער, וואו וואלטען זיי איצט געוועזען? געווים ערגיץ מיט אלע יונגלעך ביי'ם טייך, געשוואומען, געחאפט פישלעך, אדער גלאט געלאפען אין דער וועלט

זיך אויפ׳ן טאטען און אויף דער באבע מינדי: „וואס איז דאס? אום שבת וויינט איהר? רשעים! גזלנים! וואס טהוט איהר עם? איהר זענט משוגע? צי חסר־דעה? צי איהר האט פאר־געסען, אז מיר האבען היינט שבת, און שבת טאר מען ניט וויינען?! נחום, וואס טהוסט דו? מע טאר ניט — ס׳איז שבת! וואס ס׳זאל ניט זיין — איז שבת בילכער!״... און אליין האט זיך דער פעטער שוין אפגעקערעוועט אויף א זייט, כלומרשט אויסגעשנייצט די נאז, מחילה, נאר אין איינוועגס געחאפט א קוק מיט איין אויג אהין, וואו די מאמע ליגט איין איבערגעדעקטע מיט שווארצען. האט ער אויסגעווישט אין דער גיך די אויגען, מע זאל ניט זעהען, אז ער וויינט, חאטש אין קול גופא האבען זיך געלאזט הערען טרערען, און גערעדט האט ער שוין א ביסעל וייכער:

— פאלג מיך, נחום! געגנוג! דו נעמסט אויף זיך צופיעל!... נו, גענוג שוין! מע טאר ניט — ס׳איז שב...

דער פעטער פיני האט נישט געקאנט ארויסרעדען דאס ווארט „שבת״, ווארום די טרערען, וואס ער האט די גאנצע צייט גע־שלונגען, האבען זיך איהם אוועקגעשטעלט אין האלז פאפעריק. האט ער נישט געקאנט מעהר באהערשען זיך, איז ער צוגעפאלען צום טיש אויף דער לינקער האנט, ווי מע פאלט „תחנון״, און האט זיך צעוויינט, ווי א קליין קינד, און אויסגערופען אויף א דין קול: „חיה־אסתר! חיה־אסתר!״...

טאַטענ'ס זיפּין: „גוואַלד, וואָס טהוט מען? וואָס הויבּט מען אָן צו טהון?"...

— וואָס הייסט, וואָס טהוט מען? — פאַלט אויף איהם אָן דער פעטער פיני שוין אויפ'ן לעצטען טאָג שבעה. — וועסט טהון דאָס, וואָס אַלע אידען טהוען — וועסט, אם ירצה השם, חתונה האָבען...

חתונה האָבען?... דער טאַטע וועט חתונה האָבען? מיר וועלען האָבען אַ נייע מאַמע? ווי אַזוי וועט זי זיין?... — אַזעלכע געדאַנקען קריכען אין קאָפּ אריין. די קינדער קוקען אויפ'ן טאַטען, וואָס וועט דער טאַטע זאָגען?... דער טאַטע וויל ניט הערען, ניט זעהען. ער זאָגט:

— חתונה האָבען? איך זאָל חתונה האָבען? נאָך אַזאַ חיה־אסתּר'ען זאָל איך געהן חתונה האָבען? און דאָס זאָגסט דו, איין אייגענער ברודער? ווער נאָך האָט זי אַזוי געקענט, ווי דו?...

עס שטיקען איהם די טרערען. ער קאָן ניט רעדען מעהר. דער פעטער פיני ווישט אָפּ די ליפּען, מאַכט אַ שוויינ.

— צייט מנחה דאַוונען. — זאָגט דער פעטער פיני, און אַלע שבעה־זיצערס, דער טאַטע מיט די קינדער, שטעהען־אויף פון דער ערד, שטעלען זיך דאַוונען מנחה, און אַלע קינדער, זעכּס בנים, צווישען זיי איינער אַ בעל־הבית'על שוין מיט אַ גאַל בערדעל, אליהו הייסט ער, טהוען אַ קלאַפּ־אָפּ דעם קדיש — אַ מחיה צו הערען! די משפּחה קוקט מיט גדלות אויף די „קדישים", פרעמדע ווייבער זענען מקנא: „מיט אַזעלכע קדישים נישט אָנקומען גלייך אין גן־עדן אריין — איז שוין עס וועלט!"...

דאָס זאָגט אַ שטיקעל קרובה, בלומה רופט מען זי, אַ ראַבּעטיני אידינע, האָט אַ מאַן, איז ער אַ שטומער. זי האָט אוועקגעוואָרפען איהר מאַן מיט איהרע קינדער און איז געקומען העלפען עפּיס טהון — אין שטוב, אין קיך אָדער ביי די קינדער. די קינדער קאָנען זיך ניט באַקלאָגען, אַז מע האָט אָן זיי פאַרגעסען. אדרבּה, זינט די מאַמע איז געשטאָרבען, זענען זיי געוואָרען ביי אַלעמען

אריין — אזא זון! אזא היץ! וואָלוועל וויינשעל, ווייספערלעך בחצי־חנם, און גרינע אוגערקעלעך, נאָך מיט די שפּיץ־נאָדלען, לאָזען זיך שוין הערען. אָט באַלד וועלען אויפקומען אויך דינים געלע, שמעקענדיגע, און אַרבוזעס רויטע ווי פייער, הירזשענדיגע ווי זאמד, זיסע ווי צוקער, — אַך, איין אוצר! אַך, איין אוצר!"... און די געדאַנקען הויבען איהם אויף און טראָגען איהם אַוועק אין איין אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און חלומות, זיסע, גוטע חלומות. און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז ער האָט איהם שוין, דעם אוצר — פּלוצים האָט ער זיך איהם אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע טייערע זאַכען, סגולות און שטיינער, אַז ער האָט שוין דאָס גאָלד און זילבער און די האַלבע אימפּעריאַלען און די דימענטען און בריליאַנטען, און אַז דער טאַטע איז איבערראַשט: „פון וואַנען האָט זיך, שלום, פּלוצים גענומען צו דיר אַזא גוטס?" „איך קאָן דיר ניט זאָגען, טאַטע, פון וואַנען, וואָרום קוים זאָג איך דיר פון וואַנען, הויבט זיך עס אויף און עס ווערט פאַרשוואונדען"... און שלום פיהלט זיך אויפ'ן זיעבעטען הימעל, וואָס ס'איז איהם געראָטען אַרויסציהען דעם טאַטען פון דער נויט, און עס טהוט איהם נאָר באַנג, האַרצעדיג באַנג, וואָס די מאַמע נעבאָך איז נישטאָ דערביי. „נישט באַשערט! — זאָגט די באָבע מינדי. — אַלע איהרע יונגע יאָהרען איז זי נעבאָך אָפּגעקומען אויף דער וועלט צוליעב די קינדער, און איצט, אַז ס'איז געקומען צום לעבען, זענען אויסגעגאַנגען די יאָהרען!"...

נאָר אָט דערהערט זיך אַ זיפץ פונ'ם טאַטען: „גוואַלד, וואָס טהוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טהון?" — און דער קליינער בעל־החלומות קעהרט זיך אום פון יענער גליקליכער וועלט פון פאַנטאַזיעס און חלומות צוריק אַהער, אין דער דאָזיגער וויסטער וועלט פון זאָרג און טרערען, וואו מענטשען רעדען פון מעהל אויף באַקען חלה, פון געלט אויף געהן אין מאַרק, פון אורחים, וואָס ווילען ניט פאָהרען, פון פרנסה, וואָס איז „געשלאָגען", — און די אַלע רעד ווערען צוגערעקט מיט'ן טאַטענ'ס קרעכץ און מיט'ן

לעבעדיג ניט מאַכען! פאַר'ן אוועקגעהן זאָגט זי, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערען, טהוט אַ שמעק טאַבעקע פון אַ קליין זילבערן פּושקעלע און מאַכט אַ גוואַלד, מע זאָל עפענען האַטש איין פענ־סטער, וואָרום מע וועט דאָ דערוואָרגען ווערען, צו אַלדי גוטע יאָהר!... דערנאָך קומט די מוהמע טעמע, אַ אידינע אָהן צייהן, שאָקעלט אַ ביסעל מיט'ן קאָפּ, דאָס פּנים לאַכט, נאָר די אויגען וויינען. זי רעדט־אויס דאָס הארץ, דערצעהלט אַ נייעס: אַז מיר'ן אַלע שטאַרבען...

דאָס איז משפחה. דערנאָך קומען פרעמדע. אַלערליי פאַר־שוינען, אַזעלכע, וואָס גלויבען שטאַרק אין גאָט און אין יענער וועלט, און אַזעלכע, וואָס האַלטען ווינציג־וואָס פון גאָט און פון יענער וועלט. למשל, „אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס" — דער מאַכט חוזק פון אַלסדינג. לית דין ולית דיין. סע שטעהט, זאָגט ער, בפירוש געשריבען: „ומותר האָדם מן הבהמה אָין" — קיין חילוק נישט צווישען אַ מענטשען און, להבדיל, אַ בהמה... אַ שרעק, וואָס דער אַרנאָלד צערעדט זיך אָן! על ה' ועל משיחו! און אַלסדינג קומט־אויס ביי איהם אַזוי קיילעכיג, אַזוי געשליפען! ער איז דער איינציגער, וואָס געהט־אוועק מיט אַ זיי־געזונט. אַ מענטש, וואָס גלויבט ניט אין קיין זאַך, איז דאָך ניט שייך! כּדאי צו וויסען, וואָס וועט זיין מיט אַזאַ אַרנאָלדען, ווען ער נעמט און טהוט אַ שטאַרב־אוועק? „מיך מעגט איהר נעמען באַלד נאָך מיין טוידט און פאַרברענען אויפ'ן פייער און דאָס אַש צעשפּרייטען אויף אַלע זיבען ימים — אהרט מיך אויך ניט!"... אַזוי זאָגט אַרנאָלד און האַפּט אַ מיאוס'ען פּסק פון דער באָבע מינדי: „לאָזען שוין, זאָגט זי, אייערע שונאים רעדען פאַר אייך!" און אַרנאָלד — ס'זאָל איהם ריהרען! ער לאַכט זיך אויס, געהט אוועק, און עס קומט־אָן יאָסי פּרוכשטיין מיט די גרויסע צייהן און בייזערט זיך אויפ'ן טאַטען, למאי ער וויינט אַזוי. „ער האָט זיך אויף איהם, זאָגט ער, אַזעלכעס ניט געריכט"... דאָדי יצחק־ביגדור'ס זאָגט אויך דאָס אייגענע. ער שווערט ביי זיין הייליגע נאמנות, אַז ווען

חשוב'ער — יתומים! עס זענען געווען מאָמענטען, וואָס דאָס שבעה־זיצען איז ביי זיי געווען גאָר אַ גאַנצער יום־טוב. ערשטענס (און דאָס איז דער עיקר פון אַלע עיקרים!), מע געהט ניט אין חדר. צווייטענס, מע גיט זיי זיסע טיי מיט בולקע, וואָס זיי זענען דערצו גאָרניט געוואוינט געוואָרען, און מע טאַפּט זיי ביי די קעפּלעך און ביי די בייכלעך און מע פרעגט זיך נאָך אויף זייערע מאָגענס. זיי האָבען שוין גאָר באַקומען „מאָגענס"! היינט וואָס איז ווערטה גלאַט זיצען אַלע מיט'ן טאַטען אויף איין קאָלדרע, זעהען, ווי דער טאַטע קוקט־אַריין מיט זיין גרויסען געקנייטשטען שטערן אין אַ ספר „איוב" אריין, הערען, ווי אידען און ווייבער קומען צו געהן, אַלע מאָל נייע פּאַרשוינען, מנחם־אָבל זיין, רעדען עפּיס אַלע אַזעלכע מאָדנע דבורים, קומען־אַריין אָהן אַ גוט־מאָרגען, געהען־אַוועק אָהן אַ זייט־געזונט, בלינצלען עפּיס אַזוי מאָדנע מיט די אויגען און מורמלען עפּיס אונטער דער נאָז: „מ... מ... מ... ציון וירושלים!"...

פּאַר'ן קליינעם ווייסען־חברה'ניק, פּאַר שלומ'ען, זענען אָט די וויזיטען אַ גאַנצער אוצר פון טיפּען און בילדער, וואָס איינס צום אַנדערען זענען ניט גלייך און וואָס בעטען זיך אויפ'ן פּאַפּיער. דער ערשטער קומט דער פעטער פּיני. ניט אַליין, נאָר מיט זיינע צוויי אויבענדערמאַנטע זיהן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס — ישראליק און איצעל. דער פעטער פּיני פאַרקאַטשעט די אַרבעל און רעדט. די זיהן שווייגען. דער פעטער פּיני רעדט פון אַ דין — ווען, אייגענטליך, עס דאַרפען זיך ענדיגען די זיעבען טעג שבעה: אין דער פריה, צי אויף דער נאַכט? ער שטעהט־אויף, זאָגט־צו, אַז ער וועט נאָך אַ קוק טהון ביי זיך אין אַ פּאָר ספרים, וועט ער וויסען אַקוראַט. דערווייל געזעגענט ער זיך ניט, זאָגט עפּיס אויף דער גיך אינאיינעם מיט ביידע זיהן „ציון וירושלים" — און פּאַשאָל. נאָך איהם קומט די מומע חנה מיט איהרע טעכטער, הויבען־אויף אַ קוויטשעריי אויפ'ן טאַטען: געוואַלד שוין! געוואַלד! ער זאָל אויפהערען וויינען אויף דער מאַמע, וואָרום ער וועט זי

אזוי ווייט פאראינטערעסירט, אז ער האָט שוין כמעט אָנגעהויבען צו פארגעסען אָן דער מאמע, נאָך וועלכער ער זאָגט אלע אין דער פריה און פארנאכט קדיש, אָן דעם טאטען, וואָס הערט ניט אויף צו זיפצען און צו קרעכצען, אָן דעם אוצר, נאָך וועלכען עס בענקט זיך איהם אזוי שטארק. איהם האָט געצויגען איצט צו עפּיס אנדערש: צו דער נסיעה, צו דער נייער גרויסער שטאָדט — קיין באָהסלאוו, צום זיידען משה־יאָסי מיט דער באבע גיטעל פון דער מאמע׳ס צד, וואָס, מע זאָגט, זיי זענען אזוי רייך! אזוי רייך!...

ביי איהם טרעפט זיך אזא־נ־אומגליק, וואָלט ער, חא - חא, אריינ־
געוואָרפען אין מאיר־בעל־נס־פּושקע... אז דאָרי געהט אוועק, ווערט
א געלעכטער, וואָרום אלע ווייסען, אז דאָרי יצחק־בינדור'ס האָט
א ווייב, הייסט זי פייגה־פּערעל — איז דאָס א פייגה־פּערעל פון
גאָט !... דאנקען השם יתברך, וואָס מע קאָן שוין חאָטש געבען
א לאַך. דער טאַטע קוקט נאָך אלץ אריין אין ספר „איוב", נאָר
ער ווײנט שוין ניט אזוי שטארק, ווי ער האָט געוויינט די ערשטע
טעג. און ער בייזערט זיך שוין ניט אויפ'ן פעטער פּינין, למאי
ער ווארפט־אריין א וואָרט וועגען חתונה האָבען. ער זיפצט נאָר,
און קרעכצט נאָר, און פרעגט : „וואָס טהוט מען מיט די קינדער ?
מיט די קינדער וואָס טהוט מען ?"

— מיט די קינדער וואָס טהוט מען ? — ענטפערט איהם דער
פעטער פּיני און גלעט זיך די באָרד. — די עלטערע וועלען זיך
לערנען, ווי זיי האָבען געלערענט ; און די קלענערע וועסט דו
אָפּשיקען צו זייער זיידען קיין באָהסלאוו.

דאָס מיינט ער דעם זיידען משה־יאָסי מיט דער באָבע גיטעל
פון דער מאַמע'ס צד, וועלכע די קינדער האָבען קיינמאָל נישט
געזעהען, נאָר געהערט דערצעהלען, אז ערגיץ ווייט, אין א שטאָדט
וואָס הייסט באָהסלאוו, האָבען זיי א זיידען מיט א באָבען, וואָס
זענען, זאָגט מען, גאַנץ רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אהין, הייסט
עס, וויל מען זיי אוועקשיקען ? זעהט איהר, דאָס איז דוקא א
פּלאַן ! ערשטענס, דאָס פאָהרען — דאָס אליין וואָס איז ווערטה ?
צווייטענס, זעהען א נייע שטאָדט. היינט באַקענען זיך מיט א
זיידען און מיט א באָבען, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל ניט גע־
זעהען, — דאָס איז ביי אייך גאָרניט ? עס בלייבט איבער נאָר
איין זאַך : וועמען רעכענט דאָס דער פעטער פּיני צווישען די
„עלטערע" און וועמען צווישען די „קלענערע" ? ס'איז גאָר קיין
ספק ניט, אז א יונגעל, וואָס איז שוין בר־מצוה, ער מעג זיך האַלטען
מיט א קאָפּ נידעריגער פון א הונט, באַדאַרף גערעכענט ווערען
צווישען די „עלטערע" — און דאָס האָט דעם בר־מצוה־בחור'על

אין די בעקלעך, און זי געזעגענט זיך מיט זיי אויף שטענדיג, אויף אייביג, ווארום גאט ווייסט, אויב זי וועט נאך זוכה זיין מיט זיי זיך צו זעהען נאך א מאל... און אזוי ווי דאס הארץ האט איהר געזאגט: אז די קינדער זענען געקומען נאכדעם צוריק אהיים פון באהסלאוו, איז שוין די באבע מינדי געוועזן דארט, וואו די מאמע זייערע — א קבר נעבען א קבר, — און דער טאטע האט געזאגט קדיש נאך זיין מאמע אינאיינעם מיט די קינדער נאך זייער מאמע. דאס איז געוועזן א יאהר פון קדישים, דאס יאהר פון חלירע — אהן א שיעור קדיש־זאגערס! א גאנצע שוהל האט געזאגט קדיש.

דער חילוק פון א מענטשען ביז א מענטשען! אויף וויפיעל מאיר־וועלוועל דער בעל־עגלה, וואס האט געפיהרט די קינדער פון וואראנקא קיין פערעיאסלאוו, איז געוועזן א מענטש א לעבעדיגער, א ריהרעוודיגער און א בארעדעוודיגער, אויף אזוי פיעל איז שמעון־וואלף דער בעל־עגלה, וואס האט געפיהרט די קינדער פון פערע־יאסלאוו קיין באהסלאוו, געוועזן א פארזארגטער, א פארשלאפענער און א שווייגער — זאל גאט היטען! חאטש טעסעט אין איהם פלעקער, חאטש שיסט אין איהם מיט הארמאטען, וועט ער אייך קיין ווארט ניט ארויסלאזען פונ'ם מויל, אחוץ: „קריכט אין וואגען", אדער: „ארויסט פונ'ם וואגען". די קינדער זענען אויס־געגאנגען צו וויסען: ווען וועט שוין זיין דער דניעפער? ווען וועט מען איהם איבערפאהרען מיט'ן פאראם? און וואס הייסט עס „פאראם"? נאר געהט טהוט עפים — אז א איד רעדט ניט! זיצט ווי א נאפודעלע אויף דער קעלני, שמייסט די פערדלעך, סמאצקעט זיי צו מיט די גראבע ליפען, און פון צייט צו צייט הערט מען נאר די איינציגע ווערטער: „ננא, חלירע, א חלירע אויף אייך!" אדער: „ננא, פגירות, א פגירה אויף אייך!" און אז ניט, שעפטשעט ער עפים מיט די ליפען צו זיך אליין און זינגט

36

בײַ׳ם דניעפּער

די נסיעה קײן באָהסלאַוו. — שמעון־װאָלף בעל־עגלה אַ שװײַגער. — מע װאַרט אױפ׳ן פּאַראָם. — דער בעל־עגלה כאַפּט אַ מנחה בײַ׳ם ברעג טײַך. — עס דאַװנט זיך געשמאַק.

איינמאָל — סוף זומער, פאַר ימים נוראים איז דאָס געװען — איז צוגעפאָהרען צום גאַניק אַ בויד, און מע האָט אויפגעזעצט די קלענערע קינדער, פיער יונגלעך און צוויי מיידלעך, — שלום דער בר־מצוה־בחור׳על איז געװען צװישען זײ — מיטגעגעבען צו צװײ העמדלעך, עסענװאַרג אויף אַ פאָר טאָג און אַ בריעף צום זיידען משה־יאָסי מיט דער באָבע גיטעל און אָנגעזאָגט זײ אַ מאָל צװאַנציג, זײ זאָלען זײן געהיט בײַ׳ם אַריבערפאָהרען מיט׳ן פאַראָם איבער׳ן דניעפּער.

פאָהרען איבער׳ן דניעפּער — און נאָך מיט אַ פאַראָם דערצו! קיינער פון זײ האָט קיין פאַראָם קײנמאָל ניט געזעהען און װײסט גאָר ניט, מיט װאָס מע עסט עס. נאָר מען איז זיך משער, אַז עס דאַרף זײן ניט שלעכט, און מע פאַרגעסט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען, און מע פאַרגעסט אַלסדינג, און מע קלערט נאָר װעגען דער נסיעה, װעגען דניעפּער, װעגען פאַראָם. נאָר מע דערמאָנט זיך, אַז די מאַמע איז געשטאָרבען. ס׳איז דאָ אַ באָבע מינדי, װאָס זאָגט זײ אָן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, זײ זאָלען ניט פאַר־געסען און חלילה ניט דורכלאָזען זאָגען קדיש נאָך דער מאַמע, און זי גלעט זײ מיט קאַלטע גליטשיגע פינגער, און זי קושט זײ

דער זון מיט א זילבערנעם קאָליר, און שפּיעלט און שעמערירט אין די אויגען? אָט דאָס זאָל זיין דער דניעפּער? ! חברה זיצען קוים איין אין וואָגען. און דער וואָגען, ווי אויף־צו־להכעיס, נעהט פּאַוואָלי, וואָרום איידער מע קומט־צו צום דניעפּער, באַדאַרף מען דורכמאַכען נאָך א זאַמד און נאָך א זאַמד, געל און געדיכט און טיעף, טיעף ביז די קניעס. פּאַוואָלי, טריט ביי טריט, שלעפּען זיך די פערדלעך, קוים וואָס זיי רייסען־אַרויס די פיס פון זאַמד. טיעף שניידען די רעדער, און דער וואָגען קרעכצט, און נעהענטער און נעהענטער באַווייזט ער זיך, דער דניעפּער, מיט זיין גאַנצער ברייטקייט און שענקייט. יאָ, דאָס איז ער, דער דניעפּער. ער גלאַנצט, שיינט־אָפּ אויף דער זון און שמייכעלט צו די יונגע אורחים, וואָס זענען געקומען צו איהם דאָס ערשטע מאָל מקבל־פּנים זיין דעם אַלטען זקן. „שלום עליכם, וואָס מאַכסט דו, זיידע?”...

א הויכער, גרינער, ערטערווייז פאַרגעלטער אָטשערעט ביי׳ם ברעג טייך, צעלאָזט מיט די לאַנגע, שאַרפע, שפּיציגע בלעטער, וואָס שפּיעגלען זיך אָפּ אין וואַסער, גיט איהם צו, דעם אַלטען, א באַזונדערען חן. ס׳איז שטיל.

לאַנג און ברייט האָט ער זיך צעוואָרפען, ווי א ים, אַהין און אַהער. און דאָס וואַסער לויפט ערגיץ, לויפט, נאָר שטיל. וואוהין? ס׳א סוד. דער בלויער הימעל קוקט־אַראָפּ פון אויבען און שפּיעגעלט זיך אָפּ אין וואַסער אינאיינעם מיט דער זון, וואָס האַלט נאָך ניט ביי׳ם אונטערגעהן. ריין דער הימעל. ריין דאָס וואַסער. ריין דאָס זאַמד. ריין די לופט. און שטיל. א שטילקייט פון גאָט. ברייט. א ברייטקייט פון גאָט. און עס דערמאַנט זיך פון תהלים: „למרחב־יה”... פררררר! דאָס איז אַרויסגעפלויגען פון אָטשערעט אַרויס מיט א געשריי א פויגעל. דורכגעשניטען, ווי א פייל, די ריינע שטילע לופט, לאָזט ער זיך מיט א זיג־זאַג שוועבען ווייט־ווייט, נאָר ער האָט באַלד חרטה, קעהרט זיך אום צוריק מיט א זיג־זאַג און ווערט פאַרשוואונדען ווייעדער צוריק אינ׳ם געל־גרינעם

עפּיס שטיל אויף אַ דין קול'כעל. דאָס זאָגט ער תּהלים אויף אויסוועניג.

און אַזוי ווי מענטשען זענען פאַרהאַן אַלערליי, פאַרשיידענע כאַראַקטערען, אַזוי זענען, להבדיל, פערד אויך פאַרהאַן אַלערליי סאָרטען. די פערד פון שמעון־וואָלף דעם בעל־עגלה זענען שטאַרק געראָטען אין זייער בעל־הבית: זיי זענען שלעפעריג און האָבען אַ טבע — זיי ניסען. אַ גאַנצען וועג ניסען זיי. ניסען און פאָרשקען און שמייסען מיט די עקען און שלעפען זיך, און שלעפען זיך. עס דאַכט זיך אויס, אַז מע שלעפּט זיך שוין אַזוי — מע האָט שוין כּמעט פאַרגעסען פון ווען אָן. און גאָט ווייסט, אויב מע וועט זיך אַמאָל דערשלעפּען ערגיץ צו אַ ישוב. הימעל און ערד און זאַמד. זאַמד אָהן אַ שיעור. און טאָמער איז קאַרג, שטעלען זיך די פערדלעך גאָר אַנידער אין מיטען דרינען, שמעון־וואָלף קריכט־אַראָפּ פון וואָגען, לאָזט־אויס אויף זיין דין קול'כעל מיט אַ ניגון אויסגעצויגען: „אַש־ר־י כּל חו־סי בו"... דערנאָך טהוט ער אַ זאָג צו די קינדער: „אַרויסט פון וואָגען!" די קינדער קריכען־אַרוים פון בויד. וואָס וועט דאָ זיין? גאָרנישט. אַזוי ווי ס'איז זאַמדיג, איז פאַר די פערד צופיעל משא, וועט מען געהן אַ ביסעל צו־פוס. מילא, אויך אָהן איין אומגליק — צו־פוס איז צו־פוס. אדרבה, צו־פוס איז נאָך פרייליכער. נישמעהר — דאָס יונגסטע יתומה'לע, אַ יאָהר אַלט, וויל ניט בלייבען אַליין אין וואָגען: וויינט עס, מוז מען דאָס טראָגען אויף די הענט — איז שוין עפּיס ניט אַזוי פויגעלדיג. אַ גליק, וואָס דאָס ציהט זיך ניט אַזוי לאַנג. באַלד ווערט דער וועג ווידער אַ וועג, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה טהוט אַ זאָג צו די קינדער: „קריכט אין וואָגען". קלעטערט מען אַרויף צוריק אין בויד אַריין און מע גלייכט זיך אויס די ביינער. ביז עס קומט ווידער צו אַ טיעפען זומפּיגען זאַמד, איז ווידער: „אַרויסט פון וואָגען", און ווידער: „קריכט אין וואָגען". נאָר שאַט! וואָס גלאַנצט דאָס עפּיס דאָרטען פון דער ווייטען? וואָס בלישטשעט עס אַזוי ווי גלאָז און שיינט־אָפּ אויף

בעל־עגלה ארומגעבונדען די קאַפּאָטע מיט א פּעטשיילע, אריינ־געשטעקט די בייטש און אוועקגעשטעלט זיך מיט׳ן פּנים צו מזרח, צוגעמאַכט די אויגען, מעשה עהרליכער איד, צעשאָקעלט זיך און אויף זיין דין קול׳כעל געגומען דאַוונען מנחה. שמעון־וואָלף׳ם מנחה דאָ אין דרויסען, אונטער׳ן פאַרפאַרבטען הימעל, ביי׳ם ברעג פונ׳ם אַלטען שענעם שמעקעדיגען דניעפּער, האָט זיך צונויפ־געגאָסען מיט׳ן זשומען און מיט׳ן מורמלען פונ׳ם וואַסער און ארויסגערופען ביי די פריילּיכע יונגע וואָיאַזשערען א נייע שטימונג. עס פאַרגלוסט זיך זיי אויך דאַוונען מנחה. דאָס איז געווען ביי זיי, מע קאָן זאָגען, די ערשטע פּרייוויליגע, נישט־גע־צוואונגענע מנחה, אָט אדאָ אונטער׳ן הוילען הימעל, נאָהענט צו גאָט. עס האָט זיך זיי קיינמאָל אזוי ניט געוואָלט דאַוונען, ווי אצינד, אין דעם פאַרנאַכט, אונטער דעם הימעל, אויפ׳ן ברעג פון אָט דעם דניעפּער. דורכגעלאָזט די קטורת, — נישקשה, אין וועג קאָן מען זיך באַגעהן אָהן קטורת — האָבען זיי אָנגעהויבען גלייך פון „אשרי יושבי ביתך" — פיינטשיק, מיט א ניגון, און אוועק־געשטעלט זיך אַלע פיער שמונה־עשרה מיט׳ן פּנים צו מזרח, צו־געמאַכט די אויגען און צעשאָקעלט זיך, ווי דער בעל־עגלה: „האל הגדול הגבור והנורא — דער גאָט דער גרויסער, דער שטאַרקער, דער מורא׳דיגער"... דאָס זעהט מען ערשט רעכט אָט דאָ, אין דעם פאַרנאַכט, אונטער דעם הימעל, אויפ׳ן ברעג פון דעם דניעפּער. און עס דאַוונט זיך אזוי גוט, אזוי זיס, אזוי געשמאַק, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריהער!

אָטשעָרעט. עס נעמט אָן אַ חשק, ווי אַט דער פויגעל, ארויספליהען פון וואָגען ארויס, זיך לאָזען פליהען אויבען איבער׳ן וואסער, אָדער, ווענינסטענס, זיך אויסטהון נאקעט און ארייננשפרינגען אין וואסער אריין, זיך פּאַליאָסקען און שווימען, שווימען, שווימען...

— ארויסט פון וואָגען! — טהוט שמעון־וואָלף אַ קאָמאַנדעווע־אויס, קריכט אליין אויך ארויס פון וואָגען, פארשטעקט די בייטש אין גארטעל, טראָגט־צו ביידע הענט צום מויל, פאררייסט דעם קאָפּ ארויף און לאָזט־ארויס אַ מאָדנע פארדומפּען קול, ווי פון אַ צעבראָכענעם פּאס:

— פּאַראָ־אָ־אָ־אָם! פּאַראָ־אָ־אָ־אָם!

די משמעות, אז דער פּאַראָם איז אַ לעבעדיגע זאך, וואָס געפינט זיך ערגיץ דאָרט אויף יענער זייט, און מע באדארף איהם ארויסרופען. חברה קליינוואַרג, ארויסגעקראָכען פון וואָגען און אויסגעגלייכט זיך די פארזעסענע פארגליווערטע איברים, שטעלען זיך אוועק העלפען דעם בעל־עגלה ארויסרופען דעם פּאַראָם, גלייך מיט איהם צוגעטראָגען די הענט צום מויל, פאררייסען די קעפּ ארויף און אויסגעשריגען מיט אַ קוויטש:

— פּאַראָ־אָ־אָם! פּאַראָ־אָ־אָם!

און עס פּאַלט־אָן אויף זיי אַ געלעכטער — זיי ווייסען ניט וואָס. עס לאַכט זיך זיי אָהן אַ שום „וואָרום". עס לאַכט זיך זיי, ווייל ס׳איז זיי גוט, ווייל זיי זענען יונג און געזונט, און זיי געפינען זיך ביי׳ם דניעפּער, און זיי פאָהרען באלד אויפ׳ן דניעפּער מיט׳ן פּאַראָם — ווער איז צו זיי גלייך?... נאָר אָט הויבט־אָן צו גע־זעגענען זיך די זון מיט׳ן טאָג. מיט איהרע לעצטע, נאָר שאַרפע, גינגאָלדענע שטראַהלען שפּיעגעלט זי זיך אָפּ אינ׳ם זילבערנעם וואסער פונ׳ם דניעפּער — און מע הערט אויף צו לאַכען. עס לאַכט זיך ניט מעהר. צו שטיל איז אָט דאָ, ביי׳ם ברעג פונ׳ם דניעפּער. אַ הייליגע שטילקייט. און עפּיס קיהלבליך איז געוואָרען, און דאָס וואסער שמעקט מיט אַ מאָדנעם ריח, און עס זשומעט, עס מורמעלט, עס לויפט... און דערצו האָט שמעון־וואָלף דער

אז דאָס איז ניט קיין באשעפעניש, ניט קיין לעבעדיגע זאך, נאָר אזא מין שיף, א בארקע, אָדער א בערלינע, און אויף דער בערלינע שטעהען פוהרען, פערד און מענטשען — און אָט אָ דאָס איז געווען, אייגענטליך, דער „פּאראָם", וואָס חברה האָבען אויף איהם אזוי לאַנג ארויסגעקוקט, און אָט אויף דעם פּאראָם וועלען זיי דאָס איצטער זיך לאָזען פאָהרען, אריבערפאָהרען דעם דניעפּער! איצט איז שוין א ביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען. איצט קאָן מען זיך שוין א ביסעל צוזעצען אויפ'ן זאמד און צוווארטען, ביז דער פּאראָם וועט צוגעהן און זיך אָפּשטעלען. וואָרום ניט אזוי גיך געהט א פּאראָם. ער געהט זעהר, זעהר פּאַוואָלינקע, קוים־קוים וואָס ער ריהרט זיך. די זון געהט שוין א סך ניכער פון איהם. אָט איז זי נאָר־וואָס געווען אין עק הימעל, און אָט נידערט זי, ווי בארג־אראָפּ, זעצט זיך און זינקט און ווערט פארשוואונדען אויף יענער זייט טייך, לאָזט איבער נאָך זיך א ברייטען, רויטען פלעק. דאָס ווינטעלע ווערט קיהלער און קיהלער. די קינדער האָבען זיך דערוויילע אוועקגעזעצט אין זאמד. דער עלטערער האָט דאָס קליינינטשקע, וואָס איז א יאָהר אלט, אויף די הענט גענומען; דאָס עופה'לע איז געשלאָפען.

דער פּאראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מענטשען מיט די פוהרען מיט די פערד זענען פּאמעליכען, איינציגווייז און שטיל, אָהן ווערטער, אראָפּ פונ'ם פּאראָם, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה איז ארויף אויפ'ן פּאראָם, אויך קיין איינציג וואָרט ניט ארויסגעלאָזט, גלייך ווי אלע וואָלטען זיך אָנגערעדט, אז ס'איז „אָסור לדבר". פריהער האָט ער ארויפגעפיהרט דעם וואָגען מיט די פערדלעך, אפילו ניט אויסגעשאָלטען זיי, ווי זיין שטייגער איז, מיט דער חלירע. דערנאָך האָט ער א מאך געגעבען מיט דער האנט צו זיינע יונגע פארשוינדלעך, זיי זאָלען אויך ארויף אויפ'ן פּאראָם. נאָך א מינוט — און דער פּאראָם, מיט'ן ווילען פון איין מענטשען, וואָס האָט זיך אָנגעלעהענט מיט'ן גאנצען כח איבער'ן

37

אויפ'ן פּאַראָם

א אומגעריכטע באגעגעניש אויפ'ן פּאראם. — עשו, א קליין גויעצעל, א משומד. — זיי האבען זיך דערקענט. — צעגעהען זיך אחן ווערטער.

די קליינע וואָיאַזשערען־יתומים זענען נאָך ניט אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, אז זיי האָבען דערזעהען פון דער ווייטען, אויפ'ן גלאַנץ פונ'ם דניעפּער, פריהער א שווארצען קנויל, וואָס באקומט אויפ'ן שיין פון דער פארגעהענדיגער זון אלע מאָל אנדערע פארבען. דער דאָזיגער קנויל וואַכסט, ווערט אלע מאָל גרעסער און גרעסער, טוקט זיך, פארגעהט און באווייזט זיך ווידער א מאָל. דערנאָך האָבען זיי דערהערט א מאָדנעם גערויש און א גערודער, א קייקלען זיך פון רעדלעך און א קרעכץ פון א שטריק. האָבען זיי געמאַכט בקיצור מיט דער מנחה, אויף דער גיך אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און צוגעלאָפען צום ברעג, דערזעהען א גראָבען קאנאַט, וואָס ציהט זיך איבער דער ברייט פונ'ם דניעפּער, צוגעקרעמפּעוועט צו א קלאָץ פון דער זייט וואסער. און דער קנויל איז געוואַכסען און איז אויסגעוואַכסען אין א מין הילצערנע מגושמ'דיגע בריאה, א מין באשעפעניש אינ'ם געשטאַלט פון א שטוב, וואָס ריהרט זיך און שווימט אויפ'ן וואסער. אויבען, אויפ'ן רוקען פונ'ם באשעפעניש, געפינט זיך עפּיס א מין רעדעל, וואָס דרעהט זיך, און מיט'ן כח פון אָט דעם רעדעל ריהרט זיך אָט דאָס מגושמ'דיגע באשעפעניש איבער'ן וואסער, פּאַמעליכען, נאָר זיכער, און אלץ נעהענטער און נעהענטער צום ברעג, ביז מע קאָן שוין זעהען דאָס באַשעפעניש פון דער נאָהענט און באטראכטען עס פון אלע זייטען,

דאָס אויף אַלע כּלים, מאַכט מיט דער פּלייצע אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַזש די ביינער טרישטשען! „עשו — טראַכט זיך שלום בּיי זיך אין האַרצען — עשו!... דאָס קאָן נאָר אַ גוי, נישט קיין איד. ווי קומט אַ איד צו אַזאַ גראָבּער אַרבּייט? ואת אָחיך תעבוד — און דיין בּרודער וועסט דו דיענען, — שטעהט אין חומש. גאַנץ גוט, וואָס איך בּין יעקב׳ס איין אייניקעל, ניט עשו׳ס"...

און עס טהוט איהם וועה דאָס האַרץ פון דעסטוועגען אויפ׳ן דאָזיגען יונגען גויעץ, אויפ׳ן דאָזיגען עשו׳ס אייניקעל: נאָך צו אַ יונגער פאַראָמשטשיק, צו אַ יונגער עשו... און ער קוקט זיך איין אין איהם אין פּנים אַ ביסעל נעהענטער — און... ער שפּרינגט־אָפּ צוריק! עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער איז איהם קענטליך. קענטליכע אויגען!... און שלום פוילט זיך ניט, געהט־צו נאָך אַ מאָל, שוין גאָר נאָהענט, צום גויעץ: ס׳איז גאָרניט קיין גויעץ — ס׳איז נאָך גאָר אַ יונגער שייגעץ, מיט אַ מורא׳דיג פאַרשוואַרצט, פאַרגרעבּט פּנים, מיט מורא׳דיג פאַרשוואַרצטע, פאַרגרעבּטע הענט. אויגען — אידישע, און הענט גויישע... און ער דערמאַנט זיך אינ׳ם פּסוק: „והידים ידי עשו" — עשו׳ס הענט... נאָר למאי איז ער איהם אַזוי קענטליך? וואו האָט ער איהם געזעהען?...

און ער הויבּט זיך אָן צו גראָבּען אין זיינע זכרונות, און עס קומט איהם אויפ׳ן זינען איינער פון זיינע וואָראָנקאָווער חברים, בּערעל דער אַלמנה׳ס, אַ שוואַרצער בּחור מיט מגושמ׳דיגע גרויסע צייהן. ניט שוין זשע איז דאָס ער? ניין, עס קאָן ניט זיין! עס דאַכט זיך איהם נאָר אויס!... נאָר, רבּונו־של־עולם! ס׳איז דאָך פּאָרט ער!... דאָס גויעצעל, דערזעהען, אַז מע קוקט זיך אין איהם איין, האָט נאָך מעהר אָנגערוקט דאָס היטעל, נאָר מן הצד געחאַפּט אַ קוק אויף דעם, וואָס בּאַטראַכט איהם אַזוי געשמאַק. זייערע אויגען האָבּען זיך בּאַגעגענט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און — זיי האָבּען זיך דערקֶענט...

גראָבען קאַנאַט, איז אוועק זיין וועג גאַנץ שטיל, אַזוי שטיל, אַז כמעט מע הערט גאָרניט, ווי ער גיהט. עס דאַכט זיך אויס, אַז ניט דער פּאַראָם גיהט אַהין, נאָר, פּאַרקעהרט, דער טייך, דער דניעפּער, גיהט צוריק, טרעט־אָפּ, מאַכט אַ „בואי־בשלום“, שטעהט־אויס שמונה־עשרה. און ערשט דאָ זעהט מען, ווי גרויס דער דניעפּער איז, ווי ברייט און ווי שען, גרויסאַרטיג שען. מע פאָהרט און מע פאָהרט — און מען איז נאָך ווייט פונ׳ם צווייטען ברעג.

די זון איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען אויף יענער זייט טייך, און די לבנה איז אַרויס, פריהער אַ רויטע, דערנאָך איז זי געוואָרען ווייס, אַ העל־ווייסע, אַ זילבערנע לבנה. איינציגווייז, ווי שבת־ליכטלעך, האָבען זיך אָנגעצונדען די שטערען אינ׳ם טיעפען הימעל, און דער דניעפּער האָט אין אָוועגט באַקומען איין אַנדער פּאַרב מיט איין אַנדער פּנים, מיט איין אַנדער געשטאַלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך איינגעהילט אין אַ טונקעל מלבוש. און אַ נייע, פרישע, שטילע קיהלקייט האָט ער אַרויסגעגעבען פון זיך, אַ גלאַטע, גרינגע קיהלקייט. עס האָט זיך געטראַכט טויזענטער, טויזענטער מחשבות: פון דער נאַכט, פונ׳ם הימעל, פון די שטערען, וואָס האָבען זיך אָפּגעשפּיעגעלט אינ׳ם וואַסער פונ׳ם רוהיגען דניעפּער. די דאָזיגע שטערען זענען דאָך יעדעס שטערענדעל אַ נשמה פון אַ מענטשען... און פונ׳ם כח פונ׳ם פּאַראָם האָט זיך געטראַכט, ווי אַזוי איין מענטש, סך־הכל איין גויעץ, טרייבט איהם. ער לעהענט זיך אָן מיט איין האַנט אויפ׳ן קאַנאַט, ציהט דעם קאַנאַט, דרעהט זיך דאָס רעדעל — און דער פּאַראָם גיהט.

שלום איז אַ בעלן אָנצוקוקען דעם גויעץ פון דער נאָהענט, ווי אַזוי ער אַרבייט ביי׳ם קאַנאַט און טרייבט דעם פּאַראָם. און ער גיהט־צו נאָהענט צום גויעץ, צום פּאַראָמשטשיק. נאָך גאָר אַ יונגער גויעץ אין אַ גרויער סוויטקע, גרויסע שטיוואַלעס, און מיט אַ קוטשמע אויפ׳ן קאָפּ, הערט נישט אויף מיט׳ן גאַנצען כח זיך אָנצושפּאַרען אויפ׳ן מורא׳דיגען גראָבען קאַנאַט. שלום קוקט זיך איין אינ׳ם דאָזיגען פּאַראָמשטשיק דעם גויע׳ז, ווי ער אַרבייט

38

אין באָהסלאַוו אויף דער „טאַרהאָוויצע"

אנגעקומען קיין באָהסלאוו גלייך אויפ'ן יאריד. — זיי ווייסען ניט, אַאסער משה־יאָסי איז זייער זיידע. — א איד מיט א טלית־קטן נעמט זיך אונטער ברענגען די קינדער צום זיידען.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אז די קליינע וואָיאַ־זשערען־יתומים זענען אריינגעפאָהרען מיעדע, הונגעריגע און שלע־פעריגע אין דער שטאָדט באָהסלאוו. פון יענער זייט וואלד האָט זיך אויפגעהויבען די זון, א קלאָרע, א בריליאַנטענע, א ווארעמע זון. צום אלעם ערשטען זענען זיי דורכגעפאָהרען פארביי א מורא'דיג גרויסען בית־עולם, מיט אזוי פיעל איינגעבויגענע, האלב־איינגעפאלענע שטיבלעך און אלטע מצבות מיט אָפּגעריבענע אותיות „ת. נ. צ. ב. ה.", אז לויט דעם רייכען בית־עולם האָט מען געקאָנט מיינען, אז די שטאָדט איז מי יודע וואָס פאר א כּרך! פונ'ם בית־עולם איז מען אריין גלייך אין דער „טאָרהאָוויצע" — א מארק אָדער א מין יאריד אזעלכער, וואו אלץ איז אויסגעמישט אינאיינעם: גויים, און פערד, און בהמות, און חזירים, און ציגיינער, און וועגען, און רעדער, און חאָמאָטעס, און אידען פון כּל המינים: אידען מיט פעלכלעך, אידען מיט היטלען, אידען מיט „קראסנע" סחורה, אידען מיט בולקעס, מיט אייערבייגעל, מיט קיכלעך, מיט עפּעלקוואָס און מיט וואָס איהר ווילט. היינט ווייבער! ווייבער מיט קאָשיקעס, ווייבער מיט עפּעלעך, און ווייבער מיט עופות, און ווייבער מיט געפּרעגעלטע פיש, און גלאט ווייבער. און דאָס אלץ

דאָס דאָזיגע אומגעריכטע באַגעגעניש רופט־ארויס א שלל מיט געדאנקען: בערעל א גוי? א איד א גוי?... און ער דערמאַנט זיך, אז מע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט געזאָגט, אז בערעל האָט זיך גע׳שמד׳ט... ניט אומזיסט האָט מען נאָך דעמאָלט געזאָגט אויף איהם, אז ער איז א „מומר־להכעיס"... צוגעהן צו איהם, לאָזען זיך דערקענען, אויספרעגען זיך ביי איהם — דער־לאָזט איהם עפּיס ניט, שלום׳ען. עס פיהלט זיך א פרעמדקייט, א דערווייטערטקייט, א קעלט און צו גלייכער צייט — א רחמנות. א רחמנות אויף א אידען, וואָס איז געוואָרען א גוי. צוליעב וואָס? צוליעב דעם, ער זאָל אָנטהון א גרויע סוויטקע, א גרויס מאַכנאַטע היטעל און ווערען א העלפער ביי׳ם פּאַראָמשטשיק, א באַטראַק?... און דער „באַטראַק" — גאָרנישט! ער זאָל אפילו א ריהר טהון זיך. אפּנים, ער קאָן ניט קוקען זיין חבר אין די אויגען אריין... ער קוקט אראָפּ, אין וואַסער אריין, גלייך ווי מע זעהט עפּיס דאָרטען. בערעל דער גויעץ האָט זיך נאָך מעהר איינגעהילט אין דער סוויטקע, נאָך מעהר אָנגערוקט דאָס היטעל, באַשפּיגען ביידע הענט און א נעם געגעבען זיך צו דער ארבייט נאָך מיט מעהר פרישקייט, אָנגעלעהענט זיך מיט אַלע כחות אויפ׳ן מורא׳דיג גראָבען קאַנאַט. דער קאַנאַט האָט געקרעכצט. די רעדלעך האָבען זיך געקוויקעלט. דער פּאַראָם האָט זיך געגליטשט אַלץ ווייטער און ווייטער — מע איז געקומען צו פאָהרען.

— סריכט אין וואָגען! — האָט דער שווייגענדיגער בעל־עגלה אויסגעקאָמאַנדעוועט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך ארויסגעקוויקעלט מיט׳ן וואָגען פונ׳ם פּאַראָם, געגעבען א שמיים די פערד־לעך, מכבד געווען זיי מיט די ווערטער „חלירע" און „פּגירות" — און איז אוועק, איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם דניעפּער מיט׳ן פּאַראָם מיט׳ן באַטראַק פונ׳ם פּאַראָמשטשיק, וואָס איז נעבאַך געווען אמאָל א אידיש קינד, יעקב אָבינו׳ס איין איינִיקעל. און היינט וואָס? נעבאַך! נעבאַך!...

— וואנען? — פון יענער זייט דניעפּער. — פון רזשישטשעוו? — וואָס עפּיס רזשישטשעוו? פאַר וואָס ניט קאַניעוו? — ניט פון רזשישטשעוו, ניט פון קאַניעוו, נאָר פון פּערעיאַסלאַוו! — וואוהין? — איהר זעהט דאָך וואוהין — ניט קיין יעהופּעץ, קיין באָהסלאַוו האָט ער זיי געבראַכט צו פיהרען. — צו וועמען? — הערסט דו, מע זאָל וויסען, צו וועמען, וואָלט דאָך גוט געווען! צו אַ זיידען, זאָגט ער, צו זייערען אַ זיידען. — וואָסער זיידען? — הערסט דו, מע זאָל וויסען, צו וואָסער זיידען, וואָלט דאָך גוט געווען!...

— שאַט! ווייסט איהר וואָס? לאָז מען אַ פרעג טהון ביי די קינדער, ווי אַזוי הייסט דער זיידע זייערער; זיי קעהרען וויסען. — פון וואנען זאָלען זיי וויסען? — פאַר וואָס זאָלען זיי ניט וויסען?... ביז עס רוקט זיך אַרויס איינער אַ איד, וואָס פאַרקויפט בייגעל, מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק אויפ׳ן קאַשקעט. מיט ביידע עלענבויגענס שטופּט ער פאַנאַנדער דעם עולם:

— לאָזט מיך! איך וועל זיי פרעגען. קינדער! ווי אַזוי רופט מען אייער זיידען?

די קינדער זענען פונ׳ם האַרמידער מיט׳ן געשריי שוין גאָר צעטומעלט. נאָר פון דעסטוועגען דערמאָנען זיי זיך, אַז ער הייסט משה־יאָסי. יאָ, משה־יאָסי הייסט ער. — געוויס משה־יאָסי? — געוויס!... ווייסט מען שוין, הייסט עס, אַז דער זיידע זייערער הייסט משה־יאָסי. בלייבט איבער איין זאַך: וואָסער משה־יאָסי? פאַרהאַן עטליכע משה־יאָסים. פאַרהאַן משה־יאָסי דער סטאָליר, משה־יאָסי דער בּלעכער, משה־יאָסי לאה־דוואָסי׳ס און משה־יאָסי דעם האַמאַרניק׳ס. נאָר פרעגט זיי עפּיס גרינגערס!

— שאַ, ווייסט איהר וואָס? ווי אַזוי רופט מען אייער טאַטען? — דאָס זאָגט שוין איין אַנדער איד, ניט יענער פון די בייגעל, נאָר אַ איד מיט אַ טלית־קטן, ווייזט אויס — אַ בית־מדרש־איד. די קינדער זאָגען, אַז זייער טאַטען רופט מען נחום. דערהערט אַזאַ זאַך, שטופּט דער איד מיט׳ן טלית־קטן אַוועק אַלע

רעדט און קוויטשעט און גראגערט. און די פערד מיט די בהמות מיט די חזירים העלפען־אונטער. און די בעטלערס זינגען און שפיעלען אויף דער לירע — מע קאָן טויב ווערען. און א שטויב שטעהט אזעלכער, וואָס מע זעהט קוים איינס דאָס אנדערע. און ריחות אזעלכע, אז מע קאָן דערשטיקט ווערען.

חברה זענען געקומען אין א גוטער צייט — אין א מארק־טאָג. דער בעל־עגלה האָט זיך קוים דורכגעשלאָגען מיט זיין בויד דורכ׳ן יאריד, אָנגעווינטשעוועט דער שטאָדט מיט׳ן יאריד אכצעהן חלירעס, ווי זיין שטייגער איז, ביז ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין דער רעכטער שטאָדט אריין, וואָס האָפּט שטארק דעם אָנבליק פונ׳ם בית־עולם — די זעלבע איינגעפאלענע שטיבלעך־מצבות, צווישען וועלכע עס וואַרפען זיך דורך וואו־ניט־וואו א פּאָר נייע הייזלעך אויך, וואָס זעהען־אויס פרעמד, ווי נגיד׳ישע מחותנים איינגעלאַדען אויף איין אָרעמער חתונה, — און דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבען דער אמת׳ער טומעל: שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה האָט געוואוסט, אז מע האָט איהם באַשטעלט, ער זאָל אָפּ־פיהרען זיינע יונגע פארשוינדלעך קיין באָהסלאוו, צו זייערען א זיידען מיט א באבע. מע האָט איהם אפילו געהאָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דעם זיידען מיט דער באבע, נאָר ער האָט שוין פארגעסען. ווייסט זיי דער שווארצער יאָהר! שמעון־וואָלף האָט זיך געשוואוירען, אז דעם גאַנצען וועג האָט ער זיי געדענקט, ווי איהר זעהט איהם א אידען, און ווי נאָר ער איז אריינגעפאָהרען אין דעם דאָזיגען יאריד, אזוי זענען זייערע נעמען ארויסגעפלויגען ביי איהם פונ׳ם קאָפּ — א חלירע!... (אויף ועמען — זאָגט ער ניט).

דערווייל קומט־צו א איד, און נאָך א איד, און נאָך א איד, און נאָך צוויי אידען, און נאָך דריי אידען, און ווייבער פון כל המינים, ווייבער מיט קאָשיקעס און ווייבער אָהן קאָשיקעס, און עס ווערט א הארמידער מיט א רעדעריי — אלע רעדען זיי אינ־איינעם און מע דערצעהלט איינס דאָס אנדערע חידושים: אז עפּיס קינדער האָט א בעל־עגלה געבראכט צו פיהרען. — פון

דאָס איז געזאָגט געוואָרען צו א יונגעגמאַן מיט איין אויס־געבוינענער נאָז, וואָס הייסט מאָטעל. מאָטעל פארזוקט דאָס הימעל ארויף:

— פאר וואָס זאָל מען ניט קאָנען?

— פאר וואָס? פאר שבת! האָסט פארגעסען, אז הערשקע איצי־ליאבע׳ס בויעט א שטאָל פון יענער זייט?

מאָטעל טהוט זיך ניט קיין ריהר און פרעגט ווייטער:

— און אז ער בויעט א שטאָל פון יענער זייט, איז וואָס?

— וואָס הייסט איז וואָס? האָט ער אָנגעפיהרט געהילין!

— אָנגעפיהרט געהילין? לאָז איהם וואויל באַקומען!...

— וואָס איז צו רעדען מיט א שטיק האָלץ?!...

און וואָס מעהר מאָטעל איז רוהיג, היצט זיך יענער אלין מעהר, ביז ער געהט־ארויס פון די כלים, טהוט א שפיי אויף מאָטלען, רופט איהם אָן מיט׳ן נאָמען „שוטה בן פיקהאָלין". ער נעמט די קינדער פאר א האנט: „קומט, קומט מיט מיר — איך וועל אייך צופיהרען. מע דארף געהן צופוס". און דער איד מיט׳ן טלית־קטן און מיט׳ן שיינענדיגען פנים לאָזט זיך מיט די יונגע וואָיאזשערען־יתומים פונ׳ם יאריד ארויס צופוס, צו זייער זיירען משה־יאָסי און צו זייער באבע גיטעל.

אנדערע אידען און נעמט די קינדער גאָר אויף איין אמת׳ען „דאפּראָס״:

— אייער טאטען, זאָגט איהר, רופט מען נחום? הייסט ער ניט ראבינאָוויטש?

— ראבינאָוויטש.

— און אייער מאמע האָט געהייסען חיה־אסתר?

— חיה־אסתר.

— איז זי געשטאָרבען?

— געשטאָרבען.

— פון דער חלירע?

— פון דער חלירע.

— אָט אזוי זשע רעדט!

דער איד מיט׳ן טלית־קטן דרעהט זיך אוים צום גאנצען עולם. דאָס פּנים שיינט איהם.

— אויב אזוי, פרעגט מיך, איך וועל אייך זאָגען אקוראט! זייער זיידע איז משה־יאָסי דעם האמארניק׳ס, זייער באָבע איז גיטעל משה־יאָסי דעם האמארניק׳ס. זייער זיידע, משה־יאָסי הייסט עס, ווייסט שוין, אַז זיין טאָכטער חיה־אסתר איז געשטאָרבען פון דער חלירע, ניט דאָ געדאכט, און זייער באָבע, גיטעל משה־יאָסי׳ס, ווייסט נאָך ניט. מע וויל איהר ניט אָנזאָגען די בשורה: איין אַלטע אידינע, אַ קאַליקע נעבאך...

דער איד מיט׳ן טלית־קטן דרעהט זיך אוים צו די קינדער מיט׳ן זעלבען שיינענדיגען פּנים:

— קריכט אראָפּ, קינדער, פון וואָגען, וועט מען אייך ווייזען, וואו אייער זיידע זיצט. צופאָהרען אהין קאָן מען ניט — צו א שמאָל געסעל. סיידען פון יענער זייט? וועט מען אָבער נישט קאָנען אויסקערעווען זיך מיט׳ן וואָגען. ווי מיינסט דו, מאָטעל, מע וועט קאָנען?...

גענעהמען קול אַ פרעג געטהאָן בײַ זײ: „װער זענט איהר, קינדער?" עפּים אײגענעס, נאָהענטעס, האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם קול, און די קינדער האָבען איהר אַ זאָג געגעבען: „אַ גוט מאָרגען. מיר זענען פון פּערעיאַסלאַװ"...

דערהערט דאָס װאָרט „פּערעיאַסלאַװ" און דערזעהען אַ גאַנץ רעמעל מיט קינדער, צװישען זײ אַ מײדעלע נאָך קײן יאָהר ניט אַלט, האָט די אַלטע באַלד ארומגעחאַפּט די גאַנצע טראַגעדיע, און זי האָט פאַרבראָכען מיט איהרע אױסגעדרעהטע הענט און אױס־געשריען אױף אַ קול:

— אױ, אַ װעהטיג איז מיר! אױ, אַ דונער איז מיר! מײן חיה־אסתּר איז געשטאָרבען! — און גענומען זיך שלאָגען מיט די הענט אין קאָפּ. — משה־יאָסי! משה־יאָסי! װאו ביזט דו? אהער גײה! משה־יאָסי!

אױף איהר געשרײ איז געקומען צו לױפען פון אַ זײטיג אַלקירעל אײן אַלטער, אַ נידעריגער, אין טלית און תּפילין, מיט אַ משונה מגושמ'דיג פּנים, מיט אַ ברײטער בולבעװאַטער נאָז, מיט מורא'דיג גרױסע געדיכטע ברעמען, אָנגעטהאָן אין שמאַטעס און אין שקראַבעס. — „אָט דאָס איז דער זײדע משה־יאָסי? אָט דער איז דאָס אַזױ רײך? אַזױ רײך?"...

דאָס ערשטע, װאָס דער זײדע משה־יאָסי האָט געטהאָן — ער האָט גענומען שרײען אױף די קינדער, בײזערען זיך און מאַכען אױף זײ מיט די הענט. און מחמת ער האָט געהאַלטען אין מיטען דאַװנען און נישט געטאָרט, אַפּנים, מפסיק זײן, האָט ער גערעדט צו זײ אױף לשון־קודש: „אי־אָ־נו, רוצחים! גזלנים!"... און צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט אױף לשון־קודש, און דאָס קול האָט געציטערט: „אי־אָ־נו, ידעתּי... בתּי... ה' נתן וה' לקח!"...

דאָס האָט באַדאַרפט הײסען, אַז ער װײסט, אַז די טאָכטער איז געשטאָרבען, און דער גאָט װאָס האָט געגעבען, דער אײגענער

39

אַ שענער ברוך־הבא

די געלעהמטע באבע גיטעל. — דער זיידע משה־יאסי מיט דער בולבעוואטער נאז און גערדיכטע ברעמען. — דער פעטער איצי און די מוהמע סאסי.

די פערעיאסלאווער יתומים האָבען געהאַט דאָס רעכט פאַרשטעלען זיך דעם זיידען משה־יאָסי'ס שטוב — אַ מין פּאַלאַץ. דער זיידע משה־יאָסי אַליין האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַ פּאַטריארך אין אַ זיידענער זשופּעצע. אַ קליינינקייט — מע זאָגט, זיי זענען אַזוי רייך, אַזוי רייך! צום סוף האָט זיי דער בית־מדרש־איד מיט'ן שיינענדיגען פּנים צוגעפיהרט צו אַ גאַנץ געוויינליכען׳ שטיבעל, פּראָווּדע מיט אַ גלעזערנעם גאַניק, און האָט זיי אַ זאָג געגעבען: „אָט־אָ־דאָ זיצט אייער זיידע, משה־יאָסי האַמאַרניק'ס". אַליין איז דער איד נעלם געוואָרען. ער האָט נישט געוואָלט זיין דערביי. די קינדער האָבען דורכגעשפּאַציערט דעם גלעזערנעם גאַניק, געעפענט די טיר און דערזעהען פאַר זיך אַקוראַט אַקעגען דער טיר, אויף אַ הילצערן בעט, זיצען אַ מענטשען ניט קיין מענטשען, אַ באַשעפעניש ניט קיין באַשעפעניש, אינ'ם געשטאַלט פון אַ נקבה, אָהן פּיס, מיט עפּיס מאָדנע אויסגעדרעהטע הענט. די ערשטע מינוט האָבען זיי געוואָלט געהן צוריק. נאָר דאָס באַשעפעניש האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין זיי מיט איהרע גלאַנצענדיגע רויטע אויגען און האָט מיט אַ זעהר איינ־

דאָס האָט שוין, אפּנים, די באָבע גיטעל נישט געקאָנט איבערטראָגען, און ווי ווייט דער בראָך איז ניט געווען פאַר איהר גרויס, איז זי אָנגעפאַלען אויפ׳ן זיידען:

— אַלטער דאורין! וואָס האָסט דו צו די קינדער נעבאָך? וואָס זענען זיי שולדיג? פון וואַנען זאָלען זיי דיר וויסען, אַז דו ליגסט דאָרט ערגיץ אויף די פעלצען און דאוועגסט? אַ שענער ברוך־הבּא! קומט אהער, קינדערלעך, צו מיר. ווי אַזוי רופט מען אייך?

און איינציגווייז האָט זי צוגערופען צו זיך די קינדער, און איינציגווייז האָט זי זיי אויסגעפרעגט ביי די נעמען, געגלעט און געקושט און באַנעצט מיט איהרע געזאַלצענע טרערען, באַוויינט שוין ניט איהר טאָכטער, נאָר די קליינע עלענטע יתומים׳לעך נעבאָך... זי האָט זיך געשוואָרען, אַז זי האָט כּמעט געוואוסט, אַזוי זיכער, ווי ס׳איז היינט טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, אַז איהר חיה־אסתּר איז געשטאָרבען, וואָרום ס׳איז שוין עטליכע נעכט, אַז זי קומט צו איהר צו־חלום און פרעגט זיך אַלץ נאָך אויף איהרע קינדער, זי זאָל איהר זאָגען, ווי געפעלען איהר איהרע קינדער?...

— לאָז מען זיי געבען עפּיס עסען. משה־יאָסי, וואָס שטעהסט דו, ווי אַ נעכטיגער? זעהסט דאָך, אַלטער דאורין, אַז די קינדער זענען נעבאָך פאַרשמאַכט, אויסגעהונגערט און ניט געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. ווינד איז מיר — אַבּי ער זאָגט זיי מוסר! אַ שענער זיירע! אַ שענער ברוך־הבּא!...

גאָט האָט גענומען... האָט דאָס אָבער דער אַלטער ווינציג־וואָס בארוהיגט, און זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגען און צו שלאָגען זיך מיט די הענט אָן קאָפּ און צו שרייען: „חיה־אסתּר! מיין חיה־אסתּר איז געשטאָרבען!" — ביז עס זענען זיך צונויפגעלאָפען נאָך מענטשען, עפּיס איינער אַ איד מיט אַזעלכע לאַנגע פּאות, וואָס די קינדער האָבען אַזעלכע אין פּערעיאסלאוו נישט באגעגענט. דאָס איז געווען זייער מאַמע'ס איינציגער ברודער, דער פעטער איצי. נאָכ'ן פעטער איצי איז אריינגעלאָפען אַ אידינע מיט אַ פארפלאַמט פּנים, מיט פארקאַטשעטע אַרבעל און מיט אַ פּאַלאָניק פון קיך. דאָס איז געווען זיין ווייב — די מוהמע סאָסי. און מיט איהר איז אריינגעקומען אַ מיידעלע מיט רויטע בעקלעך און מיט קליינע ליפּעלעך — זייערע אַ בת־יחיד'קע, אַ שענינקע, נאָר אַ שעמעוודיגע, מיט'ן נאָמען חוה־ליבע. און אחוץ זיי זענען זיך צונויפגעלאָפען נאָך אידען און ווייבער, נאָהענטע שכנים, און אַלע מיט אַ מאָל האָבען גענומען רעדען, טרייסטען די באָבע גיטעל מיט ווערטער: אַז וויבאַלד די טאָכטער איז שוין טוידט, היינט וואָס וועט העלפען דער געוויין? און דאָס, וואָס די ערד דעקט צו, איז דאָך פארפאַלען. און די יונגע געסט האָט מען אחוץ גענומען זאָגען מוסר, אַז מע קומט ניט אריין אָט אַזוי, הולאָם אויף דער קאראָבקע, און מע זאָגט ביט אָן יענעם גלייך אַזאַ בשורה... חאָטש גאָט איז יודע דעם אמת, אַז די קינדער האָבען, אייגענטליך, גאָר ניט אָנגעהויבען צו „זאָגען".

דערווייל האָט דער זיידע משה־יאָסי אויסגעטהאָן דעם טלית און תּפלין און האָט פון זיין זייט גענומען פירהאַלטען די אייניקלעך, למאי זיי זענען נישט אריינגעקומען פריהער צו איהם. זיי זאָלען זיין בעלי־דרך־ארץ, וואָלטען זיי באַדאַרפט זיך זעהען פריהער מיט איהם, פּאַוואָלינקע איבעררעדען, וואָלט ער, דער זיידע הייסט עס, פּאַוואָלינקע איבערגערעדט מיט דער באָבע, זי צוגעגרייט ביסלעכ־ווייז, ניט אַזוי, הענדום־פּענדום! אַזוי טהוען פרא־אָדמס, ניט קיין מענטשען...

קיינעם. נאר אויף די משכנות האט געוועלטיגט דער זיידע. צו־נעמען א משכון און ארויסגעבען א משכון — דאס איז געווען זיין ארבייט. אנגעדענקען זיך, צו וועמען וואסער משכון עס געהערט — האט מען בעדארפט האבען א קאפ פון א מיניסטער. עס קאן זיין, אז דער זיידע משה־יאסי האט טאקי געהאט אויף זיך אפשר א קאפ פון א מיניסטער, האט ער זיך אבער ניט געוואלט פארלאזען אויף זיין מיניסטערשען קאפ אליין. א קשיא, וואס סע מאכט זיך! איז ער געפאלען אויף א המצאה — זיין אייגענע המצאה: אויף יעדען משכון האט ער צוגענייהט מיט א נאדעל־פאדעם — און דוקא אליין — א שטיקעל פאפיער, און אויף יעדען שטיקעל פאפיער האט ער אנגעשריבען מיט זיין האנט: „זה הקאפאטע שייך לבעריל". אדער: „זה הפעלץ שייך להערל איוואן". אדער: „זה הקארעלען שייך להערלית יאוודאחע". אי, ס'האט זיך געמאכט אמאל, אז בערעל איז געקומען צו געהן אויסקויפען די קאפאטע און מע האט איהם ארויסגעגעבען איין אנדערענ'ס א קאפאטע, וואס יענער הייסט אויך בערעל? — איז דא איין עצה: מע טראגט־ארויס ביידע בערעלס קאפאטעס, און מע הייסט איהם, ער זאל דערקענען. א איד וועט דאך ניט געהן זאגען אויף א פרעמדער קאפאטע, אז ס'איז זיינע. זעהט איהר, מיט א גוי, אז סע מאכט זיך אזא זאך, איז שוין ניט אזוי גוט. איז דערצו אויך דא א המצאה (א איד א למדן גיט זיך איין עצה): מע הייסט איוואנען, ער זאל זיך מטריח זיין זאגען עפיס א סימן אויף זיין פעלץ. יעדער איוואן קען אזוי גוט זיין פעלץ, אז עפיס א סימן מוז ער אויף איהם האבען. ס'איז לא ימלט! פון דעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף די אלע המצאות, זענען גאנץ אפטליך ארויס מיאוס'ע מחלוקת'ען צווישען דער באבע מיט'ן זיידען. די באבע האט אלץ גע'טענה'ט צום זיידען:

— איך פרעג דיך, אלטער דאורין וואס דו ביזט, אז דו האלטסט שוין יא ביי שרייבען און שרייבסט שוין יא „זה הקאפאטע

40

צווישען פעלצען

דעם זיידענ'ס בוכהאלטעריע. — זיין מוסר־זאגען, זיינע ספרים און זיין צדקה. — וואס וועט זיין, אז משיח וועט קומען. — דעם זיידענ'ס עקסטאז.

דאָס ערשטע, וואָס דער זיידע משה־יאָסי האָט פירגענומען פאר זיינע אייניקלעך, אז זיי האָבען אָפּגעדראַווענט און אָפּגע־געסען, — ער האָט זיי פארהערט.

פאָרגעקומען איז דער עקזאמען טאקי ביי איהם, אין זיין חדר מיוחד, וואוהין קיין בן־אָדם האָט נישט געטאָרט אריינקומען. נישט געטאָרט און נישט געקאָנט, וואָרום ס'איז ניט געווען וואו.

דאָס איז געווען א חדר'ל עטוואָס גרעסער פון א שטייג, וואו מע האלט עופות. אין דער דאָזיגער שטייג האָט זיך געפונען, ערשטענס, דער זיידע, דערנאָך זיינע ספרים, גאנץ ש"ס און פוסקים און קבלה־ספרים, און חוץ לזה זענען דאָרטען געווען משכנות: זילבערנע לעפעל, טעצלעך, הדס'לעך און לעמפעלעך, קופערנע פאהנען, סאמאָווארען, אידישע קאפּאָטעס, גויישע קארעלען, סוויטקעס און פעלצען, דערהויפּט פעלצען, אָהן א שיעור פעלצען!

דאָס איז געוועזען א מין לאָמבארד, געפיהרט פון דער באבע גיטעל שוין פון יאָהרען־לאנג. זיצענדיג א געלעהמטע אין בעט, האָט זי געפיהרט דאָס געשעפט ביד רמה, געהאלטען דאָס ביסעל מזומן ביי זיך אונטער די קישענס, נישט צוגעלאָזט צו דער קאסע

— דיין טאטע זאָל זיין א מענטש — אזוי האָט דער זיידע מיט איהם איינגע׳טענה׳ט — דיין טאטע זאָל ניט זיין אָנגעשמעקט מיט׳ן תנ״ך און מיט׳ן דקדוק און מיט משה דעסעווער און מיט די איבעריגע אפיקורס׳ישע גענג, וואָלט ער דיך על־פי יושר באַדארפט איבערלאָזען דאָ ביי מיר חאָטש אויף עטליכע זמנים, וואָלט איך דיך מיט גאָט׳ס הילף געמאכט פאר איין עהרליכען אידען. עס וואָלט פון דיר ארויס דער אמת׳ער חסיד מיט׳ן אמת׳ען בעל־קבלה מיט׳ן אמת׳ען ברען. און אזוי וואָס וועט פון דיר זיין? א גאָרנישט מיט א נישט, א פוסטעפּאסניק, א שייגעצעל, א קנאקער, א פייפער, א ימח־שמו׳ניק, א דער־רוח־ווייסט־וואָס, א הולטיי, א רשע־מרושע, א שמר׳ילניק, א מחלל־שבת׳ניק, א טריפ־ניאק, א פושע באלקי ישראל!...

— משה־יאָסי! טאָמער וואָלט געווען גענוג מוטשען א קינד?

„לאנג לעבען זאָל די באָבע גיטעל!" — טראכט זיך דער אויסגעלייזטער פונ׳ם זיידענ׳ס הענט, אויף וועמען עס וואָרטען שוין באָהסלאָוועו יונגלעך־קונדסים אין דרויסען.

פון דעסטוועגען זענען געווען מינוטען, וואָס דער זיידע משה־יאָסי איז איהם געווען אויך צום הארצען, ליעב און טייער. איינמאָל האָט ער איהם געטראָפען זיצענדיג מיט׳ן טלית־זאק אונטער דער האנט ביי דער באָבע אין בעט. ער האָט זי עפּיס זעהר שטארק גע׳חנפה׳ט, גערעדט שטילערהייט, געדונגען זיך און געבעטען ביי איהר נאָך געלט, און זי האָט נישט געוואָלט געבען מעהר. דאָס האָט ער זיך געדונגען ניט פאר זיך — פאר צדקה, פאר זיינע אָרעמע חסידים, וואָס אין קלויז, און זי האָט גע׳טענה׳ט איינס: „מע דארף ניט. זי האָט איהרע אייגענע יתומים — אויף זיי איז מעהר רחמנות"...

נאָך איין מאָל האָט ער געטראָפען דעם זיידען זיצען ביי זיך אין חדר מיוחד, אָנגעטהאָן אין טלית און תפלין, דעם קאָפּ פארוואָרפען, די אויגען צוגעמאכט, עפּיס גאָרנישט בהאי עלמא. און אז ער האָט זיך אויפגעחאפּט, האָבען ביי איהם די אויגען געשיינט

שייך לבעריל", — וואס וועט דיך אהרען, אז דו וועסט שוין צו־שרייבען נאך איין ווארט — „בעריל זאאיקע"? אדער אז דו שרייבסט שוין יא „זה הפעלץ שייך להערל איוואן", — שרייב שוין אינגאנצען דעם נאמען זיינעם: „איוואן זלאדי". אדער: „זה הקארעלען שייך להערלית יאוודאכע די קארנאסע"...

איז אבער דער זיידע משה־יאסי — ס'זאל איהם צו קיין חרפה ניט זיין אויף יענער וועלט — געווען במחילת־כבודו א מורא'דיגער עקשן. אט דוקא ווייל זי וויל אזוי, וויל ער ניט. און ער איז געווען ניט אינגאנצען אומגערעכט: א אידינע א קאליקע, ליגט אין בעט — און פארגינט זיך אזוי צו קאמאנדעווען מיט א מאן, איהם רופען „אלטער דאורין" פאר די אייניקלעך אין די אויגען! ער איז דאך עפּיס נישט קיין אבי־ווער — רב משה־יאסי דעם האמארניק'ס! א איד, וואס זיצט יומם ולילה על התורה ועל העבודה. אדער ער לערענט, אדער ער דאווענט. היינט פאסט ער אלע תעניתים און אלע מאנטאג און דאנערשטאג, און קיין שטיקעל פלייש קומט גלאט ניט אריין אין מויל אריין צו איהם א גאנצע וואך, חוץ שבת און יום־טוב. אין שוהל קומט ער פריהער פון אלעמען און געהט־ארויס שפּעטער פון אלעמען. מאכט קידוש דעמאלט, ווען אלע אידען שלאפען שוין — ווארטשעט זי טאקי, די באבע גיטעל, און בייזערט זיך. מילא, פאר זיך אהרט איהר שוין ניט — זי איז שוין געוואוינט געווארען צו הונגערען. אבער אויף די קינדער נעבאך, אויף די יתומים, איז א רחמנות!

פון אלע קינדער די יתומים האט דער זיידע משה־יאסי ליעב געקריגען נאר איינעם — שלומ'ען. טאקי א שקאץ, א יונגעל א ברען, דערפאר אבער א גוט קעפּעל. פון איהם וואלט געקאנט זיין א לייט, ער זאל נאר א ביסעל מעהר וועלען זיצען מיט'ן זיידען אין זיין הדר מיוחד, צווישען די פעלצען, און ניט האבען קיין טבע לויפען מיט באהסלאווער יונגלעך צום „ראס", זעהען ווי מע חאפּט פיש, אדער אין וואלד אריין טרייסלען בארלעך, אדער נאך אזעלכע קונדסערייען.

כּביכול, בכבודו ובעצמו, שטעהט און בּאַדיענט זיי, די צדיקים, ווי א טאַטע. און פון אויבען, פונ׳ם הימעל, לאָזט זיך אַראָפּ פּונקט אויפ׳ן זעלבען אָרט, וואו דאָס אַמאָליגע בית־המקדש איז געשטאַנען, א נייַ בית־המקדש, פון סאַמע גינגאָלד און פון די טייערסטע שטיינער, דימענטען און בּריליאַנטען, און די כּהנים דוכנ׳ען, און די לויים זינגען, און דוד המלך קומט־אַרוים אַקעגען מיט א פּיעדעל און זינגט: „רננו צדיקים בּיי! בּיי!"...

דאָ הויבּט אָן דער זיידע משה־יאָסי זינגען אויף א קול, צי־קנאַקען מיט די פינגער, און די אויגען פאַרגלאַנצט ער אַרויף, און דאָס פּנים לויכט איהם, און אַליין איז ער נישט בּהאי עלמא: ער איז דאָרטען ערגיץ, ווייט־ווייט, אויף **יענער** וועלט, אויף **יענער** וועלט!...

און געלויכטען, און זיין מגושמ׳דיג פנים האָט אויסגעזעהען שוין נישט אַזוי מגושמ׳דיג. „די שכינה האָט אויף איהם גערוהט״... און ער האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין, און מיט אַ שמייכעל אויף די מורא׳דיג גרויסע געדיכטע וואָנסעס:

— אדום וועט נישט לאַנג געוועלטיגען... די ישועה איז נאָהענט, נאָהענט, נאָהענט!... קום אהער, מיין קינד, זיץ אַ ביסעל, וועלען מיר שמועסען פונ׳ם קץ, פון משיח׳ען — וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען...

און דער זיידע משה־יאָסי האָט גענומען דערצעהלען פאַר זיין אייניקעל, וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען, מיט אַזא התלהבות, מיט אַזוי פיעל היץ און מיט אַזעלכע פלאַמענדיגע פאַרבען, אַז דעם אייניקעל האָט זיך ניט געוואָלט אָפּטרעטען פונ׳ם זיידען, און ניט ווילענדיג איז איהם געקומען אויפ׳ן זינען זיין ערשטער און זיין בעסטער חבר שמואליק. דער חילוק צווישען די צוויי איז געווען דער, וואָס שמואליק האָט גערעדט פון אוצרות, מכשפים, פרינצען און פרינצעסינס — אַלץ פון אַזעלכע זאַכען, וואָס זענען שייך צו ד ע ר וועלט; און דער זיידע משה־יאָסי האָט מבטל געווען ד י וועלט לגמרי און האָט זיך אריבערגעטראָגען אינגאַנצען, אינאיינעם מיט׳ן אייניקעל, וואָס האָט איהם אויסגעהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, אהין, אויף י ע נ ע ר וועלט, דאָרטען, צווישען סאַמע צדיקים און מלאָכים און שרפים און כּרובים, ניט ווייט שוין פונ׳ם כּסא־הכּבוד, גאָר־גאָר נאָהענט שוין טאַקי צו א י ה ם אַליין, צום מלך מלכי המלכים הקדוש־בּרוך־הוא... דאָרטען זענען געווען דער שור־הבּר מיט׳ן לויתן, און דער טייער־סטער בּוימעהל, וואָס הייסט „אפרסמון״, און דער טייערסטער וויין, דער „יין המשומר״, און צדיקים זיצען און לערנען און האָבען הנאה פון דער שכינה און פונ׳ם „אור הגנוז״, פון יענער ליכטיגקייט, וואָס בּעת גאָט האָט בּאַשאַפען די וועלט, האָט ער געזעהען, אַז די מענטשען זענען ניט ראוי צו אַזא ליכטיגקייט, האָט ער עס איבּערגעלאָזט אויף לעתיד־לבוא... און הקדוש־בּרוך־הוא אַליין,

אין דעם זעלבען דאָרף איז געזעסען נאָך א איד, מיט'ן נאָמען נח, געהאלטען די קרעטשמע. געווען איז דער נח א איד א תם, איין אָדם פשוט, נאָר א גרויסער ירא־שמים, טאָג ווי נאכט געדאווענט און געזאָגט תהלים, אפנים, א בעל־תשובה און א „נסתר". די גאנצע טהוערין איז געווען זי. זיין עובדה איז געווען נאָר צאָהלען ראטע אין הויף און דינגען די קרעטשמע פון איין יאָהר אויפ'ן אנדערען. כל ימיו האָט ער מורא געהאט, טאָמער וועט איהם עמיצער אויסדינגען די קרעטשמע, וואָרום בעלנים זענען געווען א סך, חאָטש פרנסה האָט ער געהאט פון דער קרעטשמע בצמצום, קוים־קוים דורכגעקומען, געווען א בעל־מטופל מיט קינדער.

ויהי היום — קומט ער צו געהן איינמאָל צום פריץ דינגען די ארענדע און טרעפט א גוזמא געסט, א גאנצע סעודה. נאָך דער סעודה קלויבט מען זיך, כנהוג, נא־פּאָליוואניע, אויף דער אכאָטע הייסט עס. עס שטעהען שוין צוגעגרייט פערד און קאַרעטעס און בריטשקעס און ליניייקעס און הינט פון כל המינים, און די יעגערס מיט די גרויסע פעדערען און מיט די פייפלעך, כיד המלך. אלסדינגג, הייסט עס, פּארטיג ארום און ארום. „נישט געטראָפען די גוטע צייט, — טראכט זיך נח — דער פריץ וועט נישט וועלען רעדען איצט פון דער ארענדע". צום סוף האָט ער א טעות געהאט. אויפגעשטאנען מיט די געסט פון טיש און געוואָלט זיך שוין ארויפזעצען אויף די פערד, האָט דער פריץ דערזעהען דעם אידען שטעהן איינגעבויגען ביי א זייט, אָפגעריסען קריעה־בליאה. מאכט ער צו איהם מיט א פרייליך פנים: „א ? יאק סיע מאש פאַן ארענדארזשי ? — וואָס מאכט א איד א רענדאר ?"... זאָגט איהם נח כך וכך: „אדוני פריץ, איך בין געקומען וועגען דער קרעטשמע". צעלאכט ער זיך, דער פריץ, ס'איז געווען כטוב לב המלך ביין, שטארק אונטער'ן גלעזעל, און רופט זיך אָן צו איהם: „אויף וויפיעל יאָהר ווילסט דו דען די קרעטשמע ?" זאָגט ער צו איהם: „וועלען וואָלט איך געוואָלט אויף עטליכע יאָהר, נאָר אזוי ווי דער מנהג איז ביי דיר, יאסנאַ־

41

אַ איד אַ פויגעל

אַ מעשה פון פּאַרצייטען. — ווי אַזוי אידען האָבען אַמאָל געלעבט צווישען פּריצים. — אַ טראַגעדיע פון איין אָרעמען רענדאַר.

מע באַדאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער זיידע משה־יאָסי איז אַלע מאָל געווען נאָר אויף יענער וועלט, און אַז ער האָט ניט געהאַט פאַר זיינע אייניקלעך צו דערצעהלען גאָרנישט פון דער וועלט. אָ! ער האָט געהאַט זעהר אַ סך צו דערצעהלען פון אַמאָליגע אידען, אַמאָליגע חסידים, אַמאָליגע בעלי־קבלה און אַמאָליגע פּריצים, להבדיל, ווי זיי האָבען זיך באַגאַנגען מיט די אידען.

איין מעשה אַזעלכע, וואָס ער האָט דערצעהלט פאַר זיינע אייניקלעך, אַ מעשה, ווי אַ איד איז אומגעקומען אויף קידוש־השם. געדענקט זיך גאַנץ באַזונדער, און די דאָזיגע מעשה ווערט דאָ איבערגעגעבען בקיצור, ווייל דער זיידע משה־יאָסי איז געווען, ער זאָל מוחל זיין, אַ גרויסער מאריך און האָט ליעב געהאַט אָפטמאָל איבערשפּרינגען פון איין ענין אויפ׳ן אַנדערען און פאַרפאָהרען מחילה קיין בויבעריק.

די מעשה האָט זיך געטראָפען שוין לאַנג, נאָך פאַר זיין זיידען, עליו השלום, דעם אַלטען האַמאַרניק. פאַר וואָס האָט מען איהם גערופען „האַמאַרניק"? ווייל האַמאַרני האָט געהייסען דאָס דאָרף, וואו ער איז געזעסען, געהאַלטען אַ מיהל אין דער אַרענדע.

אהיים, דערמאנט ער זיך, אז ער איז א בעל־מטופל מיט קינדער, הויבט ער אָן זיך בעטען ביי׳ם פריץ, ער זאָל איהם געבען האָטש עטליכע מינוט אויף אָפּצוזאָגען וידוי. זאָגט איהם דער פריץ: „דאָבזשע, איך געב דיר נאָך איין מינוט אויף זאָגען וידוי". איין מינוט? וואָס קאָן א איד זאָגען אין איין מינוט, אחוץ „שמע־ישראל"? ובפרט, אז מע שטופּט איהם שוין ארויף אויפ׳ן לייטער. זאָגט ער „שמע־ישראל" און „ברוך שם כבוד מלכותו", און נעמט קריכען אויפ׳ן לייטער, און טרערען גיסען זיך איהם. וואָס זאָל ער טהון? א גזירה מן השמים. א בעל־מטופל מיט קינדער. מסתמא איז איהם באשערט אומצוקומען אויף קידוש־השם. און אפשר וועט נאָך גאָט רחמנות האָבען און טהון א נס? דער אויבערשטער אז ער וויל — קאָן ער! געווען א גרויסער בעל־בטחון. אמאָליגע אידען!

ארויפגעקראָכען אויפ׳ן שפּיץ דאַך, הערט ער נישט אויף צו לייענען קריאת־שמע שטילערהייט און צו וויינען, גיסען מיט טרערען, און נאָך אַלץ ניט פארלוירען אינגאנצען דעם בטחון אויף גאָט, טאָמער וועט דער אויבערשטער פאָרט רחמנות האָבען. אז דער אויבערשטער וויל — קאָן ער! דער פריץ דערווייל האָט קיין צייט ניט. הייסט ער איהם, ער זאָל שטעהן גלייך — שטעהט ער גלייך. דערנאָך הייסט ער איהם, ער זאָל זיך אָנבויגען — בויגט ער זיך אָן. ער זאָל צענעמען די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזעהען ווי א פויגעל — זעהט ער אויס ווי א פויגעל... און דער פריץ — צי ער האָט עס טאקי געמיינט אויף איין אמת, אָדער ער האָט נאָר געטריבען קאטאָוועס און דער אויבערשטער האָט געמאכט אזוי, ס׳זאָל אויסקומען אויף איין אמת — ער האָט אויסגעשאָסען און געטראָפען נח׳ן גלייך אין שטערן אריין, און נח איז אומגעפאלען, ווי א געשאָסענער פויגעל, און האָט זיך אראָפּגעקויקעלט אראָפּ פונ׳ם דאַך. און נאָך באותו היום האָט מען איהם געבראכט צו קבר־ישראל. דער פריץ האָט אָבער געהאלטען וואָרט. צעהן יאָהר כסדר האָט ער נישט גע־

וועלמאָזשנע פּאַן חראַביע..." לאָזט איהם דער פּריץ ניט אויס־רעדען און מאַכט צו איהם: „דאָבזשע, איצטיגס מאָל געב איך דיר אָפּ די קרעטשמע אויף דעם אייגענעם מקח, וואָס אויף אַלע מאָל, אויף אַ זמן פון צעהן יאָהר. נאָר מיט איין תּנאי: זאָלסט מיר זיין אַ פויגעל". קוקט איהם אָן דער איד: „וואָס הייסט, איך זאָל דיר זיין אַ פויגעל?" ענטפערט איהם דער פּריץ: „גאַנץ פּשוט. דו דאַרפסט אַרויף, זאָגט ער, אויפ'ן דאַך פון אָט דער שטאַל. זעהסט דו? דאָרטען דאַרפסט דו זיך פאַרשטעלען, זאָגט ער, פאַר אַ פויגעל, און איך, זאָגט ער, וועל זיך ציעלען אין דיר און פּרובען טרעפען גלייך אין קאָפּ אַריין. האָסט דו עס צו־קייעט?" ווערט אַ געלעכטער צווישען די פּריצים, און דער איד כּלומרשט לאַכט אויך. ער טראַכט זיך: „דער פּריץ טרייבט קאַטאָוועס, גענומען איין איבעריג ביסעל וויין"... „נו? — פרעגט איהם דער פּריץ. — איז דאָס געמאַכט?" טראַכט זיך נח: „וואָס ענטפערט מען איהם דערויף?" און טהוט איהם אַ פרעג אויף טשיקאַוועסט: „וויפיעל צייט גיסט דו אויף צו באַטראַכטען זיך?" זאָגט איהם דער פּריץ גאַנץ ערנסט: „יעדנאַ מינוטאַ" — איין מינוט הייסט עס, מעהר ניט. „די ברירה איז ביי דיר, זאָגט ער. אָדער דו קריכסט אַרויף אויפ'ן דאַך און פאַרשטעלסט זיך פאַר אַ פויגעל, אָדער מאָרגענדיגען טאָג, זאָגט ער, ווערסט דו אַרויס־געוואָרפען פון דער קרעטשמע". איז דאָך איהם פּרחה נשמתו געוואָרען. וואָס טהוט מען? מיט אַ פּריץ שפּיעלט מען זיך ניט. ובפרט, אַז יענער הייסט שוין טראָגען לייטערס — אפּנים, ס'איז גאָרניט קיין קאַטאָוועס? רופט ער זיך אָן נאָך אַ מאָל צום פּריץ: „און וואָס וועט זיין, טאָמער חלילה טרעפסט דו טאַקי?" ווערט נאָך אַ גרעסערער געלעכטער צווישען די פּריצים, און נח בלייבט שטעהן אַ צעטומעלטער. ער ווייסט ניט, צי דער פּריץ מאַכט חוזק, צי ער מיינט דאָס מיט איין אמת? זעהען זעהט עס אויס ווי איין אמת, וואָרום מע הייסט איהם די רגע קריכען אויפ'ן דאַך, אָדער געהן אהיים אָפּריינינגען די קרעטשמע. וויל ער שוין געהן

42

ימים נוראים

דער באהסלאווער טייך „ראס". — דער באהסלאווער וואלד. — די באהסלאווער אלטע קלויז. — די באבע גיטעל שלאגט מיט די אייניקלעך כפרות. — דער זיידע בענטשט זיי ערב יום־כפור און זיינע אויגעז זענען נאס.

עס איז שווער צו זאָגען, וואו איז געווען מעהר לעבען, מעהר פּאָעזיע — ביי'ם טייך „ראָס", אָדער אין באָהסלאווער וואלד, אָדער אין דער אלטער קלויז? עס איז שווער צו זאָגען, וואָס פון די דריי האָט געהאַט אין זיך א גרעסערען יצר־הרע? ביי'ם „ראָס" — דאָרט איז א לעבען! דאָרט איז פריילין! דאָרט טרינקען־אָן בעלי־עגלות זייערע פערד; דאָרט שעפּען־אָן וואסער־פיהרערס וואסער אין זייערע פעסלעך; דאָרט שטעהען ווייבלעך און מיידלעך, באָרוועסע, מיט רויטע פולקעס, און וואשען גרעט, קלאָפּען און שפּריצען מיט'ן פּראַטש, אזש פונקען פליהען; דאָרט באָדען זיך, פּאָליאָסקען זיך, לערנען זיך שווימען און חאפּען פישלעך יונגלעך אָהן א שיעור, טהוען זיך אויס צווישען די שטיינער, שפּרינגען אין טייך אריין — און אלע שרייען, אלע פילדערען: „זעה, ווי איך שווים! זעה, ווי איך ליג אויפ'ן רוקען! זעה בעסער, ווי איך געה טריט־וואסער! זעה, ווי איך טוק זיך! זעה, ווי איך מאך בולבעס!"... אלע רעדען, אלע באווייזען קונצען, אלע קאָנען. די פערעיאסלאווער יתומים זענען זיי שרעקליך מקנא. איינער פון דער חברה געהט־צו א נאקעטער, ווי די מאמע האָט

ריהרט די אַלמנה פון דער קרעטשמע, וויפיעל מע זאָל איהם ניט כּוסיף זיין אויף דער אַרענדע — אמאָליגע פּריצים!

אַזעלכע שענע מעשיות פון „אמאָליגע" אידען און פון „אמאָליגע" פּריצים האָט דער זיידע געהאַט לרוב, און חברה וואָלטען זיך ניט אָפּגעזאָגט זיי אויסהערען נאָך און נאָך, ווען דער זיידע משה־יאָסי זאָל ניט האָבען קיין טבע אַרויסציהען פון יעדער מעשה אַ מוסר־השכּל, אַז מע באַדאַרף זיין איין עהרליכער איד און האָבען בטחון, און פונ'ם מוסר־השכּל זאָל ער ניט ליעב האָבען אַריינפאַלען גלאַט אין מוסר אַריין און נעמען שטראָפען די קינדער, פאַר וואָס זיי געבען נאָך דעם יצר־הרע, ווילען נישט דאַוונען, נישט לערנען, נישט גאָט דיענען, וואָלטען וועלען טאָג ווי נאַכט נאָר חאַפּען פּישלעך, אָדער רייסען באַרלעך, אָדער גלאַט שקאָצעווען מיט אַלע באָהסלאַווער יונגלעך, ימח שמם וזכרם זאָלען זיי ווערען!

וואָרום טאָמער דערוויסט זיך דער זיידע משה־יאָסי, אַז זיינע אייניקלעך באַגעגענען זיך מיט אַזעלכע יונגלעך, וועט זיך טהון חושך!...

זיי איז גרינג צו זאָגען „ניט באַגעגענען זיך" — אַז מיט דעם אברהמלען מוז מען זיך באַגעגענען האָטש צוויי מאָל אַ טאָג, אין דער פריה און אויף דער נאַכט — ביי׳ם קדיש זאָגען. אברהמעל איז אויך אַ יתום. ער זאָגט קדיש נאָך זיין טאַטען אין דער אַלטער קלויז. אַך, וויפיעל קדישים דאָרטען איז! און אַלע זאָגען קדיש אין מזרח!... משה־יאָסי דעם האַמאַרניק׳ס אייניקלעך, אַז זיי זענען געקומען מיט׳ן זיידען דאָס ערשטע מאָל אין דער אַלטער קלויז, האָט זיי דער זיידע צוגעפיהרט גלייך צום שמש און האָט איהם אָנגעזאָגט מיט׳ן הארבען וואָרט, אַז ער וויל, אַז זייער אָרט אויף זאָגען קדיש זאָל זיין נעבען עמוד, וואָרום דאָס זענען „טאַטענ׳ס קינדער"... דער שמש, אַ זקן מיט איין אויסגעבויגענעם רוקען און מיט אַלטע טראַכאָמעריגע אויגען, וואָס זעהען־אויס ווי אַרומגעליאַמעוועט מיט רויטען, האָט אויסגעהערט דעם זיידען מיט דרך־ארץ, נישט געענטפערט קיין וואָרט, אריינגעהאַפּט אין נאָז אַ רעכטען שמעק טאַבּעקע, גיך אָפּגעטרייסעלט די פינגער און אונטערגעטראָגען אויך דעם זיידען דאָס פּושקעלע, אַ קלאַפּ געגעבען מיט׳ן נאָגעל איבער׳ן דעקעל און מכבד געווען איהם מיט אַ שמעק טאַבּעקע אָהן ווערטער. דאָס האָט באַדאַרפט הייסען: „גוט, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען טאַטענ׳ס קינדער, זענען זיי שוין, זייט זיכער, ביי מיר דאָס שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג, וואָס איז שייך!"...

די באָהסלאַווער אַלטע קלויז האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כּח, אַז די פּערעיאַסלאַווער יתומים, ווי מע האָט זיי דאָרט גערופען, האָבען זיך צוגעבונדען צו איהר, גלייך ווי זיי וואָלטען דאָרט געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען. אַלסדינג האָט ביי זיי אויסגעזעהען מורא׳דיג גרויס און שען און הייליג. אויף אַלסדינג

איהם געהאט. אברהמעל רופט מען איהם. א בחור'על שווארץ ווי א טאָטער, אויגען ביינקאָוואטע, א פּנים ווי א לאָקשען־ברעט, א נעזעל ווי א פּאסאָלי. „ווי אזוי רופט מען דיך?" „שלום". „שווימען קאָנסט דו?" „ניין". „וואָס זשע שטעהסט דו? קום אהער, וועל איך דיך אויסלעהרנען"... איהר פארשטעהט? ניט לעהרנען, נאָר אויסלעהרנען! — דאָס איז גאָר אנדערע ווערטער.

נישט ווינציגער פּאָעזיע איז אין וואלד. דער באָהסלאָוווער וואלד איז רייך אין בארלעך. די בארלעך זענען אפילו הארט ווי שטיינדלעך און זויער — עסיג! נאָר פּאָרט בארלעך. און קאָסטען גאָרנישט. איהר קאָנט אייך רייסען וויפיעל איהר ווילט — הפקר! מע באדארף נאָר קאָנען דערלאנגען. וואלד־בארלעך וואכסען הויך. מוז מען ארויפקלעטערען ארויף אויפ'ן בוים און טרייסלען דעם בוים מיט אלע כּחות, אניט וועלען די בארלעך ניט פאלען. אויסער בארלעך זענען אין באָהסלאָווער וואלד פארהאן ניסלעך אויך. האָזענע ניסלעך. זיי ווערען שפּעט פארטיג און זענען באוואכסען מיט א מין שאָלעכץ — ביטער־גאל. און קיין יאָדערען זענען אין די ניסלעך נישטאָ. זיי וועלען ערשט אמאָל זיין. נאָר עס מאכט ניט אויס. פּאָרט ניס. מע קאָן אָנלעגען פולע קעשענעס. דאָס וואָס מע רייסט אליין — איז אָנגעלעגט. און רייסען בארלעך און טרייסלען ניס באדארף מען קאָנען. אברהמעל קאָן. אברהמעל איז אויף אלסדינג א חוואט. איז א גוטער בטבע, א מזג טוב, א מענטש אָהן א גאל. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז א קבצנ'ס א יונגעל. זיין מאמע איז איין אָרעמע אלמנה און א קעכין ביי די יאמפּאָלסקים. געוואוירע געוואָרען דערפון איז דער פּעטער איצי און האָט עס באלד אָפּגעטראָגען דער באבע גיטעל אין אויהער אריין. האָט די באבע גיטעל צוגערופען דאָס אייניקעל שלום צו איהר בעט, איהם געשענקט א באר פון אונטער דעם קישען און אָנגעזאָגט עטליכע מאָל, ער זאָל זיך ניט דערוועגען מעהר באגעגענען זיך און זיין באקאנט מיט אזעלכע יונגלעך, ווי אברהמעל,

וועט שוין געדענקען, ווען איהר האָט זיך אַריינגעחאַפּט צווישען משוגעים”...

דער פעטער איצי דערוויל האָט שוין אָפּגעגעסען און אָפּ־געבענטשט, אריינגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער אנדערער האַלבער שטוב: „נישטאָ דער טאַטע? חאַ־חאַ!” לאַ־די ער האָט אָפּ־געגעסען, לאַכט ער נאָך!... קוים מיט צרות, גאָט האָט רחמנות געהאַט — דער זיידע איז שוין דאָ! אריינגעפלויגען, שלעפּענדיג די רעזעוואָלקע מיט די ארבעל אויף דער ערד, איז ער מיט א ברייטען גוט יום־טוב, און גלייך צום קידוש מאַכען, אָבער מיט אַזעלכע קולות, אז די גאַנצע גאַס האָט געמוזט הערען.

— צוליעב די קינדער, צוליעב די יתומים נעבאך, וואָלסט דו, דאַכט זיך, געמעגט אמאָל פאַרבויגען דיינע משוגענע שטיק און מאַכען עס בקיצור? — האָט איהם די באָבע פּירגעהאַלטען. נאָר ס׳איז געוועזן אַרויסגעוואָרפען. ער האָט נישט געהערט. ער איז נאָך אַלץ געוועזן פאַר׳דבקה׳ט און אריינגעטהאָן אין די עולמות העליונים, מיט איין האַנט געגעסען, מיט דער אנדערער געמישט עפּיס איין אַלטען ספר, און, שאָקלענדיג זיך פון דער גרינג, אריינ־געקוקט אהין מיט איין אויג, מיט׳ן אנדערען אויג געחאַפּט א קוק אויף די אייניקלעך און געזיפצט, שטאַרק געזיפצט. דאָס זיפצען איז געוועזן טאַקי אויף די אייניקלעך די יתומים, וואָס זייערע נשמות ליגען אין גשמיות, האָבען זינען אין די אכילה, געבען־נאָך דעם יצר־הרע מיט אַלע זיינע תּאוות... נאָכ׳ן עסען האָט ער זיי דאָס פּירגעהאַלטען, געזאָגט א היבשע ביסעל מוסר, געזעהען, ס׳זאָל זיי אויספאַלען באָקאָם דער פרישער קוילעטש מיט די געפילטע פיש מיט׳ן זיסען פאָסטערנאַק־צימעס מיט די אַלע איבעריגע יום־טוב׳־דיגע מאכלים, וואָס די באָבע גיטעל האָט, ליגענדיג אין בעט א גע־לעהמטע, נאָר מיט איהר שכל געקאָנט צוגרייטען על צד היותר טוב.

דאָס איז געוועזן ראש־השנה. ערב יום־כּפּור איז געוועזן נאָך שענער. דער ערב יום־כּפּור האָט זיך אויסגעפיינט אין באָהסלאָוו ביי׳ם זיידען משה־יאָסי מיט צוויי זעלטענע צערעמאָניעס, וואָס

איז געלעגען א באזונדער חתימה פון אלטער שענקייט, פון פאר־גאנגענער גרויסקייט, פון פארצייטיגע הייליגקייט — א שטיק בית־המקדש.

נאר אויב די באהסלאווער אלטע קלויז האט אויסגעזעהען ביי די פערעיאסלאווער יתומים אין אלע טעג פון א גאנץ יאהר ווי א שטיק בית־המקדש, איז זי צו ימים נוראים, צו ראש־השנה און יום־כפור, געווארען פאר זיי טאקי א גאנצער בית־המקדש. זיי האבען נאך קיינמאל אזוי פיעל אידען ניט געזעהען און האבען נאך קיינמאל אזא דאוונען ניט געהערט. דאס איז געווען א מיש־מאש פון אלערליי מינים חסידים און חב״דניקעס, וואס האבען ביי׳ם דאוונען איינגעלעגט די וועלט, געפאטשט מיט די הענט, געקנאקט מיט די פינגער און געזונגען מאדנע ניגונים, געברומט און געבאמקעט און מיט א מאל פארגאנגען זיך און פאר׳דבקה׳ט זיך אויף עטליכע מינוט, און ווידער געבומען זינגען און ברומען און באמקען און קנאקען מיט די פינגער. פאר די פערעיאסלאווער יתומים איז אזא מין דאוונען געווען א נייעס, א גאנצער ספעקטאקל. נאר שענער פון אלץ איז געווען דאס, וואס דער זיידע משה־יאסי האט מיט זיין דאוונען איבערגעשטיגען אלע דאוונער פון דער אלטער קלויז. ער איז געווען ניט קיין חב״דניק, נאר גלאט א מאדנער חסיד מיט אייגענע גענג, אייגענע מנהגים און אייגענע משוגעת׳ען. ער האט זיך פארגונען בלייבען אין קלויז שבת און יום־טוב לאנג־לאנג נאך אלעמען. דער פעטער איצי, וואס האט געוואוינט אין דער אנדערער האלבער שטוב, האט שוין געהאלטען אין עסען, פון אויוען האט זיך געלאזט הערען א ריח פון געפילטע פיש און יום־טוב׳דיגע מאכלים, עס האט געקלעהמט דאס הארץ און אזש דערלאנגט ביז׳ן לעפעלע — און דער זיידע האט נאך אלץ געדאווענט, געזונגען און געבאמקעט. די באבע גיטעל האט עטליכע מאל בשתיקה אונטערגערוקט די אייניקלעך, חיה־אסתר׳ס קינדער, צו שטיקלעך לעקאך — ס׳זאל זיי ניט איבער׳חלש׳ען דאס הארץ, און א זאג געגעבען צו זיי מיט א געלעכטער: „איהר

מאָדנע יום־טוב'דיג אָנגעטהאָן און יום־טוב'דיג געשטימט איז געווען דער זיידע משה־יאָסי. אויף דער אַלטער צעהאַקטער אַטלעסענער קאַפּאָטע האָט ער געטראָגען אַ מאָדנע מין טיזליק פון אַ מאָדנע מין הארטען שרייענדיגען שטאָף, וואָס מע קריגט שוין ניט היינטיגע צייטען אין ערגיץ, מע זאָל וועלען באַצאָהלען דערפאַר מי יודע וויפיעל. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ שטריימעל מיט אַ סך עקען, און אויפ'ן אָפּענעם האַלז — אַ ברייטען קלאָר־ווייסען קאָלנער מיט צוויי שפּיצען. אויף דער קאַפּאָטע — אַ בייגאַרטעל אַ ברייטען מיט לאַנגע קאָטעסען מיט באָמבעלעך. די מורא'דיג ברייטע וואָנסעס מיט די מורא'דיג געדיכטע גרויסע ברעמען האָבען איצטיגס מאָל אויסגעזעהען ניט אַזוי בייז, ווי אַלע מאָל, און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגעזעהען ביי איהם איצטיגס מאָל וויידך, מוחל'דיג־ווייך, און גאָר פריינטליך.

— קומט אהער, קינדער, וועל איך אייך בענטשען! — האָט ער יום־טוב'דיג־ברייט אריינגערופען די יתומים צו זיך אין זיין ענגען פינסטערען חדר'על מיט די פּעלצען, ארויפגעלעגט אויף יעדען פון זיי ביידע הענט מיט די ברייטע ארבעל פון זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, צוגעמאַכט די אויגען, פאַררויסען דעם קאָפּ ארויף און געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט עפּיס שטילערהייט, און שטאַרק געזיפצט און געקרעכצט. און אַז ער האָט אָפּגעזאָגט, האָבען די יתומים איהם אַ קוק געגעבען אין פּנים, האָבען זיי דערזעהען זיינע אויגען לויכטען, נאָר זיי זענען רויט, די ברעמען נאַס, און די וואָנסעס נאַס, און די באָרד נאַס — נאַס פון טרערען.

האָבען געמאַכט אויף די יתומים אַ באַזונדערען איינדרוק. די ערשטע צערעמאָניע איז געווען דאָס שלאָגען כפרות מיט אַ נאַכט פריהער פאַר ערב יום־כפור. שלאָגען כפרות האָבען זיי געשלאָגען אין דער היים אויך, נאָר דאָ, אין באָהסלאַוו, איז געווען איין אַנדער מין כפרות שלאָגען. די באַבע גיטעל האָט גענומען די דאָזיגע מצוה אויף זיך. זי, הייסט עס, האָט געשלאָגען מיט איהר חיה־אסתר'ס יתומים כפרות. זיצענדיג אַ געלעהמטע אין בעט, האָט זי צוגערופען די גאַנצע חאַליאַסטרע צו זיך, געגעבען יעדען זיין כפרה, די יונגלעך צו העהנער און די מיידלעך צו היהנער, גענעפענט איהר גרויסען סידור און אָנגעוויזען מיט איהרע אויסגעדרעהטע פינגער אויפ'ן „בני־אָדם". די עלטערע האָבען דעם „בני־אָדם" געזאָגט אַליין, און מיט די קלענערע, מיט די מיידלעך, האָט די באַבע געזאָגט דעם „בני־אָדם" וואָרט ביי וואָרט און הויך אויף אַ קול און מיט אַ ניגון: „בני־אָדם יושבי חושך וצלמות! אסירי עני וברזל!"... און געוויינט בעת מעשה אַזוי, ווי מע קאָן וויינען נאָר סיידען אויף אַ טוידטען. און ווער שמועסט, אַז ס'איז געקומען צו דער יונגסטער פון די יתומה'לעך, צום מיידעלע, וואָס איז אַלט קוים אַ יאָהר, האָט די באַבע שיער גע'חלש'ט פאַר געוויין! אויף איהר קוקענדיג, האָבען זיך די קינדער אויך צעוויינט, און אויף זיי קוקענדיג — אויך די עלטערע, און ס'איז געוואָרען אַ יללה מיט סכנת־נפשות. אין יענעם ביטערען שבת, בעת די מאַמע זייערע איז געלעגען מיט שווארצען איבערגעדעקט אויף דער ערד, האָבען די יתומים קיין צעהנט־חלק אפילו ניט געוויינט, ווי אַצינד, ביי דער באַבע'ס „בני־אָדם".

די צווייטע צערעמאָניע איז געווען אויף מאָרגען, ערב יום־כפור, נאָכ'ן קומען פון דער אַלטער קלויז, וואו חברה האָבען באַקומען לעקאַך פונ'ם גבאי ראשון פולע קעשענעס. דער זיידע משה־יאָסי האָט נאָך נעכטען אָנגעזאָגט, באַלד נאָך כפרות שלאָגען, אַז די קינדער זאָלען נאָכ'ן דאַוונען אין דער פריה, למען השם, קומען צו איהם זיך בענטשען.

פון קלויז און געמוזט וואַרטען ביז דער זיידע וועט אַמאָל דער־מאַנען זיך קומען און מאַכען דעם ערשטען קידוש. מע קאָן דאָך ניט זיין אַזוי גראָב קעגען אַ טאַטען — כּבוד־אָב! אַלע ווײַלע איז דער פעטער איצי אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און אַריינגעקוקט אין סוכּה אַריין, און אַלע מאָל מיט איין אַנדער אויסרעד: „ניטאָ נאָך?"... „היינטיגס יאָהר שפּעטער ווי אַלע יאָהר ביי די חסידים!"... „המ... אָט באַלד געהען־אויס די ליכט און מע וועט דאַרפען עסען אין דער פינסטער"... אויפ׳ן פעטער איצי האָבען די קינדער דערלעבט אַ נקמה: אַ האַרטער איד, אָהן אַ נשמה — לאָז ער אויך וויסען, וואָס הייסט זיין הונגעריג!...

נאָר אָט איז געקומען דער זיידע מיט׳ן טיזליק, אָפּגעגעבען דעם ברייטען גוט־יום־טוב, אַרויסגעקריגען רב יעקב עמדינ׳ס סידור, אַ קורצער סידור, נאָר אַ גראָבער, אַ געפּאַקטער, און אַוועקגעזעצט זיך זאָגען די אושפּיזין, און האָט געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט און געזאָגט... און פון קיך האָבען, ווי אויף צו־להכעיס, זיך געלאָזט הערען די פיש מיט זייער געפעפערטען געפּילעכטס, און די פרישע צוגעברוינטע חלות האָבען זיך געריצט: „אונז אַז איהר׳ט איינ־טונקען אין דער הייסער פיש־יויך, וועט איהר פיהלען דעם אמת׳ען טעם גן־עדן"... און דער זיידע, משה־יאָסי דעם האַמאַרניק׳ס, טהוט זיך זיינס: ער זאָגט! די ליכט אין סוכּה לעשען זיך — און ער זאָגט! די קינדער חלש׳ען עסען, געהען־אויס שלאָפען — און ער זאָגט! מיט אַ מאָל האָט דער זיידע זיך געגעבען אַ חאַפּ־אויף, צוגעלאָפען צום טיש און געגעבען אַ לעג־אַוועק דעם יום־טוב׳דיגען קידוש, איז געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען. נאָך איהם — דער פעטער איצי ביי זיין טיש. נאָכ׳ן פעטער איצין — חיה־אסתּר׳ס יתומים, איינציגווייז, און די באָבע גיטעל בעת מעשה האָט געלאָזט אַ טרער — הקיצור, עס האָט נאָך לאַנג גענומען, ביז מע האָט דערלעבט איינטונקען די המוציא אין האָניג און דערזעהען זיך מיט׳ן שטיקעל פיש און דערפיהלען דעם פעפער אויפ׳ן שפּיץ צונג...

43

סוכות

א בשותּפות'דיגע סוכּה. — דער זיידע דאַווענט, און די קינדער ווילעז עסעז. — שמחת־תורה איז דער זיידע זיך משמח מיט דער שכינה.

דאָס ערשטע פּלעקעל פון דעם זיידען משה־יאָסי'ס סוכּה איז אַריינגעשלאָגען געוואָרען, פאַרשטעהט זיך, מוצאי יום־כּפּור, תּיכּף נאָכ'ן אָפּפאַסטען זיך. געבויעט האָט די סוכּה דער פעטער איצי, און די יתומים האָבען איהם אונטערגעהאָלפען. נאָר געקאָמאַנדעוועט האָט דער זיידע, געגעבען עצות, ווי איין אויבּעראַרכיטעקטאָר: „דאָס אַהער!" „דאָס אַהין!" „דאָס וועט אַריין!" „דאָס וועט ניט געהן!" נאָך מעהר קונץ — וואָס דער זיידע מיט'ן פעטער רעדען ניט צווישען זיך קיין וואָרט. ברוגז. די באָבּע האָט דער־פון יסורים: אַ בּן־יחיד, דער איינציגער קדיש איבּער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און רעדט ניט מיט'ן טאַטען — וואו האָט מען געהערט אַזאַ רציחה?...

אין דער בּשותּפות'דיגער סוכּה זענען געשטאַנען גרייט צוויי טישען, פאַר'ן זיידען באַזונדער און פאַר'ן פּעטער באַזונדער. אויף יעדען טיש איז געווען צוגעגרייט באַזונדער וויין אויף קידוש, באַזונדערע חלה, באַזונדערע לייכטער מיט ליכט. די מוהמע סאָסי האָט זיך געבּענטשט ליכט בּיי איהר טיש, און די באָבּע גיטעל האָט מען אַרויסגעטראָגען מיט'ן בּעטעל, זי זאָל בּענטשען ליכט בּיי איהר טיש. דערנאָך איז געקומען צו געהן דער פעטער איצי

דערפאר אָבער האָט זיך אויף מאָרגען, שמחת־תּורה, די דעקאָראַציע אינגאַנצען איבערגעביטען. דעם זיידען משה־יאָסי איז געווען ניט צו דערקענען. די קינדער גערענקען נאָך פון דער אַלטער היים, פון וואָראָנקאָ, וואָס פאר אַ שמחה ס'איז געווען, אַז ס'איז געקומען שמחת־תּורה. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען שכּור־לוט. פונ'ם רב ביז'ן פריסטאַוו, להבדיל, האָבען אַלע גע־טרונקען בראָנפען, געהוליעט, געטאַנצט און געמאַכט אַזעלכע אָנשטעלען, וואָס מע האָט באַדאַרפט שטאַרבען פאַר געלעכטער.

אויך אינ'ם האַלב־גוייִשען פּערעיאַסלאַוו איז שמחת־תּורה געווען שמחת־תּורה'דיג. אפילו אַזאַ איד, ווי דער פעטער פּיני, איז געווען שכּור־לוט און געטאַנצט אַ קאָזאַק. מע האָט באַדאַרפט געהן אויף חידושים קוקען, ווי אַ איד אַ חסיד מיט אַ לאַנגען טלית־קטן טאַנצט אַ קאָזאַק! פון דאָדי כּהנאָווען שמועסט מען ניט. דאָדי, אַז ער האָט זיך אָנגע'שכּור'ט, האָט ער געזידעלט די גוטע פריינט, אויסגעוואָרפען זיי וואָס אין דער קאָרט, כּלומרשט אין גוטען מוטה, קושענדיג. מע'האָט זיך אַריינגעריסען צו יענעם אין שטוב מיט אַ גוט־יום־טוב, אַרויסגעשלעפּט פון אויווען וואָס ס'איז געווען, פון קעלער אַרויסגעטראָגען די זויערע אוגערקעס, און בראָנפען האָט זיך געגאָסען אַזוי ווי וואַסער. נאָר וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען יענע אַלע שמחת־תּורהס געהאַט אַקעגען דעם שמחת־תּורה, וואָס די פּערעיאַסלאַווער יתומים האָבען בּייגעוואוינט דאָ, אין דער אידישער שטאָדט באָהסלאַוו? די הייזער, די גאַסען, די שטיינער פון די גאַסען — אַלץ, אַלץ האָט געזונגען, געפּליעסקעט, געטאַנצט און געפרעהט זיך. נישט נאָר עלטערע אידען — יונגלעך זענען געווען שכּור, געוואַלגערט זיך פון די פיס. מע דאַרף נישט מעהר ווי דער פעטער איצי, אַ איד אַ שטילער, אַ ווילדער בעל־מרה־שחורה, — איז ער אויך געווען בגילופין, פאַרלעגט די פּאות אויף יענער זייט אויהערען, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געגאַנגען אַ דייטש! נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָרנישט אַקעגען דעם, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזען אין יענעם טאָג דער זיידע משה־יאָסי.

דאָס איז געווען די ערשטע טעג סוכּות. די אַנדערע טעג סוכּות איז געווען נאָך ערגער. אַזוי אַז שמחת־תּורה אויף דער נאַכט האָט שוין דער פּעטער איצי נישט געקאָנט אויסהאַלטען. ער האָט אַריינגערופען די פּערעיאַסלאַווער יתומים צו זיך און האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, איהר ווילט זעהען אַ שענע זאַך? טאָ געהט זיך דורך אין קלויז אַריין, וועט איהר עפּיס אָנקוקען...

לאַנג בעטען האָט מען זיי ניט באַדאַרפט. מע האָט זיך גענומען פאַר די הענט און מע איז אַוועק. אין גאַס איז געווען חושך־פינסטער. אַלע אידען זענען געזעסען אין די הייזער און געגעסען. אַלע שוהלען זענען שוין געווען געשלאָסען און שטאָק־פינסטער. נאָר אין דער אַלטער קלויז האָט זיך נאָך געלייכט. שטיל האָבען חברה אויפגעעפענט אַ שטיקעל טיר, אַריינגעקוקט און דערזעהען אַזעלכעס, וואָס זיי האָבען נישט געגלויבט זייערע אויגען. אין דער גאַנצער קלויז איז געווען מעהר ניט ווי איין מענטש — דער זיידע משה־יאָסי, אין אַ טלית, מיט רב יעקב עמדינ׳ס סידור אין איין האַנט און מיט אַ ספר־תּורה אין דער אַנדערער האַנט. צוגעטוליעט די ספר־תּורה צום האַרצען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום באַלעמער מיט פאַוואָלידיגע טריט, געזאָגט אויף אַ קול, ווי אַ חזן, די הקפות: „עוזר דלים, הושיעה־נא!“...

אויף די קינדער איז אָנגעפאַלען אַ פּחד מיט אַ געלעכטער אינאיינעם, און זיי האָבען זיך גענומען ביי די הענט און זיך געלאָזט לויפען אין איין אָטעם צוריק אַהיים.

— נו? וואָס׳ט איהר געזעהען? איאָ, אַ שענס?...

מיט די ווערטער האָט זיי באַגעגענט דער פּעטער איצי, און בעת מעשה האָט ער געלאַכט, נאָר די אויגען האָבען געטרערט. און די קינדער האָבען געוואָרפען איין אויגען. ניט אויפ׳ן זיידען — ניין, נאָר אויפ׳ן פּעטער איצי.

האָבען איהם געמאכט אַ הורראַ, געהאָלפען איהם זינגען זיין שמחת־תּורה׳דיגען ניגון, און די פּנים׳ער פון זיינע פּערעיאַסלאַוור אייניקלעך האָבען געפלאַמט פאַר בּושה. און ער, דער זיידע משה־יאָסי, זאָל דאָס אויף עמיצען אפילו אַ קוק טהון! ער טהוט זיך זיינס: ער געהט מיט זיין געליעבּטער שכינה אַ פריילִיכס. איין עק פּעטשיילע האלט ער, דעם אנדערען האלט הקדוש־ברוך־הוא, און ער שמייכעלט און קנאַקט מיט די פינגער, טאַנצט און העפּעט און זינגט שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת־תּורה —
לאַמטעדרידאָם, היי־ראַ!
שישו ושמחו בשמחת־תּורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־ראַ, דרי־ראַ־ראַ —
תּורת משה, האַ!...

אויסגעטרונקען האָט ער בסך־הכּל איין גלעזעל בראָנפען מיט א האלב גלעזעל וויין. נאָר שכּור איז ער געווען, ווי אכציג שכּורים מיט א מאָל קאָנען אזוי ניט זיין שכּור, און ארויסבאווייזען אזעלכע גבורות, אז די גאנצע שטאָדט האָט מיט איהם געקלונגען:

— וואָס זאָגט איהר צו משה־יאָסי דעם האמארניק׳ס!

— געהט, וועט איהר זעהען, וואָס משה־יאָסי דעם האמארניק׳ס טהוט!

און משה־יאָסי דעם האמארניק׳ס האָט נישט געטהאָן גאָר־נישט. ער איז נאָר ארומגעגאנגען אין די גאסען און געטאנצט. און נאָך ווי אזוי געטאנצט! געטאנצט און געשפּרונגען, גע־פּליעסקעט און געזונגען. און נישט אליין האָט ער געטאנצט, נאָר אינצווייען — מיט דער „שכינה", מיט הקדוש־ברוך־הוא... צענומען א פּעטשיילע און געהאלטען ביי איין עק — ביי׳ם אנדערען עק האָט באדארפט האלטען די „שכינה" — און געדרעהט זיך, ווי מע דרעהט זיך מיט א כּלה, געמאכט פּארשיידענע טריט: אהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אהין און צוריק, און ווידער רעכטס און לינקס, און אזוי כּסדר, דעם קאָפּ פּארריסען ארויף, די אויגען געהאלטען צו, אויפ׳ן פּנים אויסגעגאָסען א גליקליך שמייכעל, צונעקנאקט זיך מיט די פינגער, געהעפּעט און געזונגען אלע מאָל שטארקער און שטארקער:

משה שמח בשמחת־תּורה —
לאמטעדרידאָם, היי־דא!
שישו ושמחו בשמחת־תּורה —
לאמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־דא, דרי־דא־דא!
תּורת משה, הא!...

וואָס ווייטער איז דער עולם געוואָרען אלץ גרעסער און ענגער. וויפיעל יונגלעך ס׳איז געווען אין שטאָדט זענען זיי ארויס אויף דער גאס מקבּל־פּנים זיין משה־יאָסי דעם האמארניק׳ס, זעהען, ווי ער טאנצט און דרעהט זיך, זינגט און פּליעסקעט. יונגלעך שקצים

כל־זמן די קינדער זענען נאָך געווען געסט, האָבען זיי זיך געפּיהלט ניט שלעכט אין דעם באָהסלאַוו, נאָר וואָס ווייטער האָבען זיי אָנגעהויבען אַלץ מעהר געוואוירע ווערען, אַז זיי זענען דאָ איבעריג. דער זיידע משה־יאָסי איז זיך געזעסען ביחידות אין טלית און תפילין אויף די פּעלצען, אָדער גערדאַוועט, אָדער געלערענט, אָדער געבאָמקעט, צוגעקנאַקט מיט׳ן פינגער, אָדער געזיפצט און שטילער־הייט גערעדט מיט גאָט, אָדער דערצעהלט פאַר די קינדער זייגע שענע מעשיות פון אמאָל, אָדער געזאָגט מוסר, פאַר וואָס זיי זענען ניט פרום, ווילען נישט גאָט דיענען, פאַרלענגערען דערמיט דעם קץ, דורך זיי קומט ניט משיח און דורך זיי ליידען נעבאָך אידען אין גיהנם און טויזענטער־טויזענטער נשמות קאָנען ניט געלייטערט ווערען... דאָס אַלסדינג האָבען די קינדער שוין געהערט וויפיעל מאָל אין חדר פון זייער רבין, אין דער היים פון דער באַבע מינדי און פון גלאַט אידען, וואָס האָבען ליעב זאָגען מוסר און סטראַשען מיט׳ן גיהנם, און דאָס אַלסדינג האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסען. זיי איז געווען אַ סך מעהר אינטערעסאַנט צו זעהען די פּאָליטיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט דאָ ביי זייער זיידען משה־יאָסי מיט דער באַבע גיטעל אין שטוב.

טאָג ווי נאַכט זענען דאָרטען געווען אינטריגעס מיט סודות, מיט שושקערייען מיט רכילות׳ען. דער פעטער איצי מיט דער מוהמע סאָסי האָבען געהאַלטען אין איין קלאָגען זיך אויף דער באַבע גיטעל, אַז ס׳איז שווער ביי איהר אַ גראָשען ארויסצובאַקומען פון אונטער די קישענס, און אויפ׳ן זיידען, אַז ער איז שוין צו פרום, אַזוי פרום, אַז ער איז שוין עובר־בטל... „שוין צו אַלט" — האָבען זיי גע׳טענה׳ט שטילערהייט, מאָדנע דערביי געשמייכעלט און צונויפגענומען די ליפּען... און די באַבע גיטעל האָט זיך באַקלאָגט אויף איהר שנור און אויף איהר בן־יחיד, אַז זיי געבען איהר ניט אָפּ קיין כבוד, ווי אַ מאַמען, און אַז זיי קוקען שוין ארויס — זי ווייסט עס גאַנץ גוט, — זי זאָל צומאַכען מיט איין אויג; אויף דער ירושה, אויף דער ירושה קוקען זיי ארויס!...

44

אוים יום־טוב — צוריק אַהיים

אינטרינגעס און פּליאַטקעס צווישען דער משפּחה. — די קינדער ווערען אוים מיוחסים אין באָהסלאַוו. — עס ציהט זיי צוריק אהיים.

שווער אויפ'ן הארצען, אומעטיג אויף דער נשמה און שטארק־שטארק וואַכעדיג איז געוואָרען די קינדער אויף מאָרגען נאָך יום־טוב, אז מע האָט גענומען צעוואַלגערען די סוכּה. אָהן א טראָפּען רחמנות האָט דער פעטער איצי (א מענטש אָהן א הארץ!) קודם־כּל ארומגעריסען די ווענט, אראָפּגעריסען דעם סכך, צענומען די ברעטער, מיט איין אומגעהייערער רציחה ארויסגעשלעפּט די צוויעקעס (וואָס האָט ער געהאַט צו די צוויעקעס?). נאָר די פיער סטויפּעס האָט ער געלאָזט שטעהן — און דאָס איז געווען א סך ערגער, וואָרום די פיער הוילע סטויפּעס האָבען געזאָגט עדות אויפ'ן חורבן, געקלאָגט און באַקלאָגט זיך: „זעהט, אידישע קינדער, וואָס פון א אידישער סוכּה קאָן ווערען!"... די אידען, וואָס ערשט נעכטען זענען זיי געווען שכּור־לוט, געטאַנצט און געפּליעסקעט און געמאַכט זיך נאַריש ווי קינדער, זענען מיט א מאָל געוואָרען אַלע ניכטער, סטאַטעטשנע און כּמעט זיך געשעמט קוקען איינס דאָס אנדערע אין די אויגען אריין. א מאָרנער אומעט האָט ארומגענומען די שטאָדט, א זעלטענע מרה־שחורה האָט זיך אָנגע־רוקט אויף באָהסלאַוו. און אומעטיגער און טרויעריגער פון אַלע זענען געוואָרען די קינדער, די פּערעיאַסלאַווער יתומים. וואָרום

וואָלט דאָס אויך ניט אויסגעמאַכט. הייזעריג איז ער, זאָגט ער, געוואָרען פון שמחת־תּורה. היינטיגען שמחת־תּורה האָט ער גע־טרונקען בראָנפּען. דאָס הייסט, בראָנפּען טרינקט ער אַלע מאָל. נאָר צוליעב שמחת־תּורה האָט ער געמאַכט גאָר־גאָר אַ היבּשע כּוסה! אַ סברה, אַז מע האָט איהם געמינטערט... און דאָס, וואָס ער האָט אַ פליך אויפ׳ן קאָפּ, איז איבּער דעם, וואָס קינדרווייז פלעגט ער זיך ניט לאָזען ניט צוואָגען, ניט קעמען. געווען איין עקשן. האָט מען איהם מיט גוואַלד געמוזט רייסען די האָר איינציג־ווייז. נאָר די אַלע זאַכען, זאָג איך נאָך אַ מאָל, האָבען זיך מיט דער נסיעה גאָרניט אָנגעקעהרט. געשעאָדט האָט צו דער נסיעה איין אַנדער זאַך: חאָטש נח איז געשיקט געוואָרען פון פּערע־יאַסלאַוו קיין באָהסלאַוו ספּעציעל, ער זאָל ברענגען צו פיהרען פון דאָרטען נחום ראַבּינאָוויטש׳עס קינדער, פון דעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט בּיישטעהן דעם נסיון — טאָמער וועט איהם גאָט צושיקען אויף צוריקוועגס חאָטש אַ פּאָר פּאַרשוינדלעך, וועט דאָס זיין ווי געפונען. האָט ער זיך ארומגעדרעהט אין מאַרק מיט דער בּייטש אַ טאָג און צוויי און דריי, די פערדלעך האָבען גע־חראָמקעט דעם האָבער — און פּאַרשוינדלעך ניט אַ לעק! די קינדער איז דאָס וואַרטען געווען על אַפּם ועל חמתם! און אָט זאָגט מען זיי אָן די גוטע בּשורה — זיי פאָהרען! אַ סימן: נח האָט שוין אפילו אַרויסגעקאַטשעט דעם וואָגען און שמירט שוין די רעדער. „איצט מעגען שוין קומען כּל מלכי מזרח ומערב — פּאַרפאַלען! איצט מעג מען איהם אָנשיטען אָט אַ די בּויד מיט גאָלד, ער זאָל בּלייבּען איין איבּעריגע שעה אין באָהסלאַוו, מעג די שטאָדט פאַרבּרענט ווערען, אָדער איינגעזונקען ווערען! אַז איהר קענט ניט רב נח׳ן!”... די קינדער האַפּען זיך אריין אין שטוב אריין. זיי קלויבּען זיך אין וועג אריין, געזעגענען זיך אָפּ מיט די באָהסלאַווער חברים, מיט דער אַלטער קלויז און מיט׳ן געלען קלייזעל און מיט׳ן „ראָס” און מיט׳ן זיידען און מיט דער באָבּען. דער זיידע משה־יאָסי בּעת מעשה זאָגט זיי מוסר, פּאַר־

זיי אויף צו־להכעיס, וועט זי אָבער נאָך לעבען און לעבען, חאָטש דער טוידט איז איהר טויזענט מאָל מעהר ניחא, וואָרום וואָס טויג איהר דאָס לעבען, משטיינס געזאָגט, א קאַליקע, באַגראָבען אזא טאָכטער, אזא חיה־אסתר, א מאַמע פון אזוי פיעל קינדער, ווינד איז איהר און וועה!... מיט די אויסגעדרעהטע עלענבויגענס קוועטשט זי ארויס א טרער פון איהרע קאַלי אויגען, רופט־צו די קינדער, שאַרט מיט די אויסגעדרעהטע הענט אונטער די קישענס, נעמט־ארויס און שענקט זיי איטליכען באַזונדער א פּאָר גראָשענס. דערזעהט דאָס די קליינע חוה־ליבע מיט די רויטע בעקלעך און מיט די קליינע ליפּעלעך און טראָגט עס אָפּ באַלד צו דער מוהמע סאָסי. און די מוהמע סאָסי גיט עס באַלד איבער דעם פעטער איצין, און ביידע שושקען זיי זיך, אז פאר איהרע א י י ג ע נ ע קינדער זשאַלעוועט מען א קאָפּיקע, און די פ ר ע מ ד ע קינדער צעטיילט מען מאַיאָנטקעס גאַנצע!... און די קינדער הערען דאָס, און עס געהט זיי ניט איין. עס שלאָגט זיי צו דער גאַל.

וואָס ווייטער אַלץ ערגער. די קינדער פיהלען, אז זיי זענען דאָ איבעריג. זיי זעהען, ווי מע קוקט אויף זיי בעת זיי עסען, זיי הערען הינטער די פּלייצעס, אז מע רעדט פון זייערע „אַפּעטיטלעך". עס שטעלט זיך זיי שוין דער ביסען אין האַלז. עס איז זיי שוין דאָרט אַלסדינג נמאס און טריפה. זיי קוקען שוין ארויס אויף א בריוועל פון׳ם טאַטען, ווי אויף משיח׳ן, — ווען וועלען זיי שוין פאָהרען אהיים?...

דער גוטער גאָט האָט זיי געהאָלפען, דאָס גוטע בריוועל איז שוין דאָ: דורך א פּערעיאַסלאַווער בעל־עגלה אָנגעקומען מיט א צושריפט, אז מיט׳ן דאָזיגען בעל־עגלה טאַקי — ער הייסט נח — זאָלען די קינדער זיך אויפזעצען און פאָהרען אהיים. לאָזט זיך אויס, אז דער בעל־עגלה איז טאַקי א בעל־עגלה מיט א בויד און מיט סוסים, ווי עס געהער צו זיין, און הייסען הייסט ער טאַקי נח, חאָטש ער אליין זאָגט אויף זיך, אז ער הייסט רב נח; האָט ער אָבער א חסרון — ער איז א הייזעריגער און האָט א פּליך.

— גאָט וואָלט מיר געהאָלפען. — ענטפערט די באָבע רוהיג. — אָט האָט דאָך מיר גאָט געהאָלפען אויסהאָדעווען אזא קדיש ווי דו, וואָס קוקט־אַרוים אויף מיין ירושה, האָט מורא, ס׳וועט איהם ניט קלעקען...

— איצי! — רופט איהם די מוהמע סאָסי פון איהר חדר׳על. — איצי! קום אהער, איך דאַרף דיר עפּים זאָגען!...

די קינדער קוועלען־אָן פון דער באָבע גיטעל, וואָס זי האָט אזוי קונציג אָפּגעשניטען דעם פעטער איצין, און זענען זיך מחיה, וואָס זיי פאָהרען שוין צוריק אהיים.

א ביסעל איז זיי נאָר אריין אין נאָז דאָס וואָרט „שטיפּ־מאמע", וואָס זיי האָבען דאָ דערהערט צום ערשטען מאָל. זיי וועלען, הייסט עס, האָבען א שטיפמאמע? וואָס איז דאָס אזעלכעס „שטיפמאמע"? און מיט וואָס איז א שטיפמאמע אזוי ביטער, וואָס די באָבע גיטעל האָט שוין באצייטענס אויף זיי רחמנות?... ס׳איז כּדאי, כּלעבען, אָנצוקוקען די שטיפמאמע. ס׳איז כּדאי שוין צו פאָהרען אהיים.

אהיים! אהיים! אהיים!

שטעהט זיך, און הייסט זיי זיין עהרליכע אידען, און די באבע גיטעל ווישט די אויגען מיט איהרע אויסגעדרעהטע הענט. נאָר פונ׳ם פעטער איצי מיט דער מוהמע סאָסי הערען זיי א קאַלטען „פאָהרט־געזונט״. די צוויי וואָלטען דוקא געווען צופריעדען, וואָס די „פרעמדע קינדער״ פאָהרען אוועק, איז זיי פארשטעהרט געווען די שמחה, וואָס ניט אַלע פאָהרען זיי אוועק. עס פאָהרען נאָר די יונגלעך. די צוויי מיידלעך זענען געבליבען אין באָהסלאָוו. וואָס איז די מעשה? א פראָסטע מעשה. די באבע גיטעל האָט געזאָגט: זי וועט זיי ניט לאָזען. זי וויל ניט, איהר חיה־אסתּר׳ס קינדער זאָלען ארייינפאַלען צו א שטיפמאַמע.

טענה׳ט דער פעטער איצי מיט א שמייכעלע, גלעט זיך די פאות און קוקט אויף די קישענס, וואו עס ליגט דער באבע׳ס פארמעגען:

— נו, און אז די יונגלעך פאַלען־אריין צו א שטיפ־מאַמע, איז גוט? חע־חע!

— וואָס גלייכסט דו יונגלעך צו מיידלעך? וואָס האָרכט א יונגעל א שטיפמאַמען? א יונגעל געהט־אוועק אויף א גאַנצען טאָג אין חדר אריין. און א מיידעל וואָס? א מיידעל בלייבט אין דער היים ניאַנטשען דער שטיפמאַמע׳ס קינדער...

דער פעטער איצי איז מיט דעם נאָך אַלץ ניט באפריעדיגט. ער גלעט זיך די פאות, קוקט אויף די קישענס און שמייכעלט און רעדט טיעף דיפּלאָמאַטיש, קוים וואָס מע שטויסט זיך:

— און ווי וואָלט געווען, למשל, ווען אַלע קינדער זאָלען זיין מיידלעך? חע־חע!

— וואָלט איך אַלע מיידלעך — ענטפערט איהם די באבע — געלאָזט ביי זיך.

דער פעטער איצי רעדט ווייטער, נאָר אָהן א שמייכעלע, און אַלץ פארשטעלט:

— וואו וואָלסט דו גענומען געלט, למשל, אויף אויסצוהאַלטען אזוי פיעל מיידלעך? (שוין אָהן א חע־חע).

אַלע ווערק פון שלום-עליכם

פונ׳ם יאַריד

לעבענסבאשרייבונגען

צווייטעס בוך

שלום-עליכם פאָלקס-פאָנד אויסגאַבע — ניו-יאָרק, 1927

פונ'ם יאַריד

לעבענסבאשרייבונגען

צווייטעס בוך

געשריבען אין די יאָהרען 1913—1916.

Copyright, 1923, by Olga Rabinowitz
(Sholom-Aleichem), New York, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

אינהאלט

א מענה־לשון פון א שטיפמאמע 7
אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער 14
דער קאלעקטאר 20
די גערעטענע איידעמס 28
ארנאלד פון די פידוואקעס 34
גימנאזיסטעל כאלאמאן 42
די „פענסיע“ 49
חבר אלי 56
צווישען חזנים און כלי־זמרים 65
לא תגנוב! 72
דעם חזנ'ס מיידעל 83
שמחת־תורה צו הקפות 90
דער קריזיס 99
ער גיט שטונדען 109
א אידיליע 116
די צעשטעהרטע האפענונגען 125
דער סוף פון דער אידיליע 133
א האלב יאהר נע־ונד 139
ווידער אין דער היים 148
ער פאהרט אויף א רייכע שטעלע 155
אין חלום און אויף דער וואהר 162
א מעשה מיט א זייגער 168
א מלאך פון גאט אינ'ם געשטאלט פון א מענטש'ען 175
איין אומגעריכטער עקזאמען 182
א איד א פאמעשטשיק 189
דאס לעבען אין דארף 196
דאדי דער עקאנאם 204
דער פריזיוו 211
די מוהמע טויבע פון בארדיטשעוו 219
דער ערשטער ארויספאהר 227
פראטעקציעס 236
קופערניק 245
א שטעלע פון א „סעקרעטאר“ 251
די „ווייבארעס“ 259
צו מיין ביאגראפיע 271
די צוואה פון שלום־עליכם 283
די עפיטאפיע פון שלום־עליכם 291

אַ מענה־לשון פון אַ שטיפמאַמע

א שטיפמאמע. — קללות נאכ'ן אלף־בית. — דאס ערשטע ווערק — א לעקסיקאן פון קללות.

וואָס האָבען זיך מענטשען אָנגעהאפּט — „שטיפמאמע״ ? ווערליג די קינדער האָבען זיך אָנגעהערט „שטיפמאמע״ און „שטיפמאמע״, האָבען זיי געמעגט מיינען, אז א שטיפמאמע איז טאקי באמת מיט הערנער. אז אויף יעדען טריט און יעדען שריט האָט מען זיי געסטראשעט מיט דער שטיפמאמע: „ווארט־אויס, שקצים, אָט וועט דער טאטע ארויספאָהרען אויף דער וועלט און וועט אייך ברענגען א שטיפמאמע, וועט איהר וויסען, וואָס פאר א גאָט מיר האָבען!״... וואָס דארפט איהר מעהר — טאָמער ווארעמט די זון ניט אזוי פויגעלדיג, זאָגט מען: „די זון ווארעמט, ווי א שטיפמאמע״... עס מוז דאָך עפּיס זיין אין דעם. א וועלט איז דען משוגע ?

מיט א מאָל איז דער טאטע נעלם געוואָרען. ס'איז אוועק א וואָך, און א וואָך, און נאָך א וואָך. וואו איז אהינגעקומען דער טאטע ? מע זאָגט ניט! עלטערע רעדען צווישען זיך, נאָר שטילערהייט, די קינדער זאָלען ניט הערען, און מעהר אויפ'ן וואונק. נאָר איין מאָל האָט אין חדר דער רבי זיך ארויסגעהאפּט מיט א וואָרט. ער האָט א פרעג געגעבען ביי די קינדער: „נישטאָ נאָך דער טאטע פון בארדיטשעוו ?״ צו דער דאָזיגער דיפּלאָמאטישער

צו פיהרען פון באַרדיטשעווּ א שטיפמאַמע". „מזל טוב ! — האָט זיך אַריינגעמישט די רביצין. — איהר זאָלט דערלעבען אָנזאָגען בעסערע בשורות!"... און דער רבי האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אַהיים פאַר דער צייט.

געקומען אהיים, האָבען די קינדער געטראָפען די גאַנצע משפחה : דעם פעטער פיני מיט זיינע זיהן, די מוהמע חנה מיט איהרע טעכטער, אַלע ארום טיש. מע האָט געטרונקען טיי, כּלומרשט געגעסען לעקאַך און איינגעמאַכטס און געריוכערט פּאַפּיראָסען, און גערעדט פוסטע רעד, וואָס א וואָרט צו א וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט, וואָרום קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט. יעדער איז געווען אַריינגעטהאָן אין זיינע אייגענע געדאַנקען, און אַלע אינאיינעם האָבען געהאַלטען אין איין קוקען אויף דער שטיפמאַמע און אין איין באַטראַכטען און אָפּ־שאַצען די מציאה, וואָס דער טאַטע האָט איינגעהאַנדעלט אין באַרדיטשעוו — און, דאַכט זיך, מע איז געווען צופריעדען מיט'ן אָנקוק. א אידינע א בכבוד'ע, ניט קיין נאַרישע, און דער עיקר — א ליעבּליכע, א צוגעלאָזטע, א גוטע, א מענטש אָהן א גאַל! היינט וואָס האָבען זיי דאָ געפּילדערט, געמאַכט אָנשטעלען — „שטיפמאַמע" ?...

ערשט העט־שפּעטער, אין א וואָך אַרום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפמאַמע אַרויסגעוויזען מיט איהר היציגען טעמפּעראַ־מענט און קודם כּל אַרוים מיט איהר שפּראַך, מיט איהר אמת באַרדיטשעווער שטיפמאַמע־לשון, א שפּראַך א גלאַטע, א רייכע, א בלומענדיגע. אויף איטליכס וואָרט א קללה, און צום גראַם, און דוקא אין גוטען מוט. למשל : עסען — עסען זאָלען דיך ווערעם ! טרינקען — טרינקען זאָלען דיך פּיאַווקעס ! שרייען — שרייען זאָלסט דו אויף די צייהן ! פּאַרנייהען — נייהען זאָל מען אייך תּכריכים ! געהן — געהן זאָלסט דו אין דער ערד ! שטעהן — שטעהן זאָלסט דו פּראַווצעס ! זיצען — זיצען זאָלט איהר אין געהאַקטע וואונדען ! ליגען — ליגען זאָלט איהר אין דער ערד !

פראגע האָט די רביצין צוגעזעצט פון איהר זייט נאָך מעהר דיפּלאָמאַטיש: „וואָס זשע? אַזוי גרינג קומט עס אָן איין אַלמן אראָפּצובּרענגען אַ שטיפמאַמע פאַר די יתומים?”... ווייסען מיר שוין, הייסט עס, אַז דער טאַטע איז אין באַרדיטשעוו, און אַז ער זוכט אַ שטיפמאַמע צו זיינע קינדער. וואָס זשע, פרעגט זיך, באַדאַרף מען זיך דאָ באַהאַלטען? וואָס איז דאָ דער סוד? והראיה: אַז ער האָט באַדאַרפט צו קומען אַהיים מיט דער סחורה פון באַרדיטשעוו, האָט ער פריהער צוגעשיקט אַ „שטאַפעט”, אַז גאָט האָט איהם מזכּה געווען זיין גליכען, וואָס איז אַ מציאה אין אַלע אופנים, הן אין יחוס, הן אין געלט, און אַז ער וועט אין גיכען, אם ירצה השם, קומען מיט דער מציאה, און ער בעט, מע זאָל איהר ניט זאָגען אַזוי גיך, וויפיעל קינדער ער האָט — צו וואָס זאָל זי דאָס וויסען מיט אַ מאָל? מיט דער צייט וועט זי דאָס אַליין געוואוירע ווערען. סאַי־ווי־סאַי זענען ניט אַלע קינדער חל אויף איהר: די עלטערע זענען דאָך עלטערע, און די צוויי מיידלעך — די זענען דאָך ביי זייער באָבע. ער וואשט זיך ניט אָפּ די הענט חלילה פון זיי. קינדער זענען קינדער. נאָר ביי אָט אַזעלכע ביטערע אָבסטאָיאַטעלסטוועס איז געזינטער, אַז מע פאַרלייקענט עטליכע קינדער אויף אַ קורצע צייט. „יותר אין לחדש רק חיים ושלום. השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל זיך זעהען אין גיכען בשלום. ממני...”

דער דאָזיגער בריעף וואָלט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק, ווען ניט דער קנייטש מיט די קינדער. ערגער פון אַלץ איז דאָס געווען פאַר די קינדער גופא. אמת, זיי האָבען געפיהלט, אַז דער טאַטע האָט זיי ליעב, אַז זיי זענען איהם טייער איטליכס קינד באַזונדער, נאָר וואָס זיי זענען אויף אַ ווײלע געוואָרען אַ מין קאָנטראַבּאַנדע־סחורה — דאָס האָט זיי אַ ביסעל אַ פּאָרקע געגעבען און אַרויס־גערופען מאָדנע מחשבות און געדאַנקען. אָבער ניט אויף לאַנג, וואָרום אָט איז מען געקומען צו זיי אין חדר אַריין און מע האָט זיי אָנגעזאָגט אַ בשורה: „דער טאַטע איז געקומען און געבּראַכט

זיך אָנגעהערט פון זיין שטיפמאמע, צונויפזאַמלען זיי אינאיינעם, מאַכען אַ מין ווערטערביכעל. האָט ער זיך ניט געפוילט, געזאַמעלט און געזאַמעלט, און אַז ער האָט זיי אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסעל, האָט ער זיי גענומען סאָרטירען נאָכ׳ן אַלף־בית, אָפּגעשוויצט אַ פּאָר גוטע נעכט און צונויפגעשטעלט אַ גאַנץ פיינעם לעקסיקאָן, על־פּי אַלף־בית, וועלכער עס ווערט דאָ געגעבען נאָר אויפ׳ן זכּרון:

א — אביון, אומגליק, אידיאָט, אייזעל, איינגעגעסענע בריאה, אָפּגעריסענער נאַר, אשמדאי.

ב — באָלוואַן, באָדיונג, בטלן, בייטעלשניידער, בלינדערהאָץ, בעדער, בעזעם, בעטלער, בערענטרייבער, בעל־עגלה, באַשעפעניש.

ג — גוי, גולם, גדלן, גזלן, גנב, געשלייערטע האנזי.

ד — דאָנאָשטשיק, דבר־אחר, דלות, דערקאַטש.

ה — האָלעדראַנציס, האַצמאַך, האָצעקלאָץ, הולטיי, הינטשלעגער, הינקעדיגער שניידער, המן, הפקר־יונג.

ו — וואַנץ, וויסטע סאַליקע, ווערוריק, ווערעמיגער, וצדקתך.

ז — זאַאיקע, זאַק פּאָלאָווע, זויערע קיסליצע, זומערפויגעל, זויפער, זיצפלייש.

ח — האַליפוסניק, חאַפּער, חוזק, חזיר, חיים־יענקעל, חכם־בלילה, חלירע.

ט — טאָטער, טאָרבע, טויגעניכטס, טפּש, טערקישער פעפער, טריפה קישקע.

י — יאַטקעהונט, יונגאַטש, יורקע, ימח־שמו׳ניק, ים־קאָטער.

כּ — כּזבן, כּל־בו׳ניק, כּלב שבּכּלבים.

ל — לאָבוס, לאַבאַזניק, לאָדער, לא־יוצלח, לאַמטערנשיסער, ליגנער, למד־ואו׳ניק, לעדיגגעהער.

מ — מאַלפּע, מאַמעטליווע בחור, מאָנדריש, מגיד, מלמד, משומד.

נ — נאַריש פּנים, נאַפּודעלע, נאַשער, נודניק, נכפּה׳ניק.

ס — סאַוואָולע, סוואָלעטש, סווישטשון, סמאַרקאַטש.

ע — עזות־פּנים, עני ואביון, עפּוש, עקדיש, עקשן.

רעדען — רעדען זאָלט איהר פון היץ! שווייגען — אנשוויגען זאָלט איהר ווערען אויף אייביג! זאָגען — געזאָגט זאָל אייך ווערען אלדאָס בייז! האָבען — האָבען זאָלסט דו מכּות בכורות! ניט האָבען — ניט האָבען זאָלסט דו קיין גוטס ווייל דו לעבּסט! טראָגען — טראָגען זאָל דיך דער רוח אויף די פּלייצעס! ארייג־טראָגען — אריינטראָגען זאָל מען דיך א קראַנקען! ארויס־טראָגען — ארויסטראָגען זאָל מען דיך א טוידטען! ארומ־טראָגען — ארומטראָגען זאָל מען דיך אויף די הענט! אוועק־טראָגען — אוועקטראָגען זאָל מען דיך אויפ'ן בית־עולם! צי, אַשטייגער, למשל, נעמט אזא אומשולדיג וואָרט, ווי שרייבען? איז שרייבען זאָל מען דיר רעצעפּטען! פאַרשרייבען — פאַר־שריבען זאָלסט דו ווערען צום טוידט! אָפּשרייבען — אָפּשרייבען זאָל מען דיך פון קדחת! ארייגשרייבען — א משוגענעם אויס־מעקען און דיך ארייגשרייבען!... און אמאָל איז זי געווען אויפ־געלעגט און א וואָרט האָט זיך ארייגגעכאַפּט איהר אין מויל אריין — האָט זיך עס געדרעהט און געפלאָכטען און געגאָסען זיך און געצויגען זיך, ווי א גוטער בּוימעהל, גאָר אָהן איין אָפּשטעל, און אין איין אָטעם, ווי ביי א גוטען חזן די עשרת בני המן: „ס'זאָל דיך אָנכאַפּען, רבונו של עולם, א שטעכעניש און א ברע־כעניש, א רייסעניש און א בייסעניש, א טריקעניש, א פאַרטרי־קעניש, איין אויסטריקעניש, איין איינטריקעניש, א דארעניש, א פאַרדארעניש, איין איינדארעניש, א שרימפּעניש, איין איינשרימ־פּעניש, ליעבער גאָט! הארציגער פאָטער, געטרייער!"...

דער העלד פון דער דאָזיגער בּיאָגראַפיע איז זיך מודה, אז א היבּש בּיסעל קללות און שלאָגווערטער אין זיינע שפּעטערדיגע ווערק האָט ער געגאַשט פון דער שטיפמאמע און פון איהר מענה־לשון. נאָך גאָר־גאָר אין די יונגע יאָהרען, ער האָט נאָך גאָר־ניט געוואוסט, וואָס שרייבען באַטייט, און האָט נאָך גאָר אפילו ניט גע'חלומ'ט, אז ער וועט אמאָל זיין א שרייבער, האָט זיך איהם, אלס קוריאָז, פאַרוואָלט פאַרשרייבען אלע קללות, וואָס ער האָט

ס׳איז גראַד געווען אין אַ גוטער מינוט, ווען זי איז געווען אויפ־געלעגט, צי ווייל זי האָט זיך געשעמט צו זיין אין כעס, — נאָר ס׳איז אָנגעפאַלען אויף איהר אַ מאָדנער בייזער געלעכטער. יענע האָט אַזוי געלאַכט, אַזש געקוויטשעט. מע האָט געמיינט, אַז זי וועט דעם שלאַק באַקומען! מעהר פון אַלץ זענען איהר געפעלען די ווערטער „פופיק” און „קשקשת”. „פופיק” האָט ביי איהר געהייסען טאַקי דער העלד פון דער דאָזיגער באַשרייבונג. און „קשקשת” (קאַשקעט) — מיט דעם נאָמען האָט זי געקרוינט איין עלטערען בחור׳על דערפאַר, וואָס ער האָט געטראָגען אַ נייעם קאַשקעט.

נו, געהט זייט אַ נביא, אַז ס׳וועט זיך ענדיגען גאָר מיט אַ געלעכטער! אודאי האָט דער מחבר פונ׳ם לעקסיקאָן ביי זיך אין הארצען געבענטשט גומל, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי גוט אויסגעלאָזט.

פ — פאַסקודניאַק, פּאַציאַרע, פאַרטאַטש, פאַרך, פּוסטע־פּאַסניק, פּופּיק, פּיפּערנאָטער, פּלעצל, פּעטעלעלע, פּעמפּיק, פּרא־אָדם, פּריטשעפּע.

פ — פאָנפאַטש, פאַלשער מענטש, פאַרשלעפּטע קרענק, פּוילּיאַק, פּייפער, פּליאַסקעדריגע, פלאָכט, פלאָקענשיסער, פּער־דאַטש, פרעסער.

צ — צבועק, צדיק־אין־פּעלץ, צורה־מלוכה, צלם־קאָפּ, צע־בראָכענער שאַרבן, צרעת.

ק — קאַטאָרזשניק, קאָכלעפעל, קאַליקע, קאַרטאָפלישלינגער, קאָרטענשפּילער, קאַפּעלישמאַכער, קבצן, קוימענקעהרער, קישקע־אָהן־א־דנאָ, קלעק, קריכער. קשקשת.

ר — רויטער, רוצח, רכילות'ניק, רעטאַך, רשע מרושע.

ש — שאַרלאַטאַן, שבת־גוי, שוטה בן פּיקהאָלץ, שוסטער, שייגעץ, שליאַטענטש, שיקסע, שלאַנג, שלים־מזל, שמאַטע, שמר־קאָפּ, שמינדער־בגעץ, שמענדריק, שנויץ מיט ברויט, שקראַב.

ת — תרח.

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגען, דאָס ערשטע ווערק, וואָס דער קומענדיגער שלום־עליכם האָט פאַרפאַסט, און א נאָמען גע־געבען האָט ער עס: „א מענה־לשון פון א שטיפמאַמע"... מיט דעם ווערק האָט זיך געטראָפען א מעשה, וואָס האָט זיך געקאָנט ענדיגען מיט גאָר א מיאוס'ער קאַטאַסטראָפע.

מחמת עס האָט געמוזט זיין אויסגעשטעלט שטרענג נאָכ'ן אלף־בית, האָט דער פאַרפאַסער שטאַרק געשוויצט, עטליכע מאָל איבערגעשריבען דאָס ווערטערבוך. האָט דער טאַטע, אפנים, באַמערקט, אז דער חברה־מאַן אַרבייט עפּיס זעהר געשמאַק. איז ער אונטערגעגאַנגען איינמאָל ביינאַכט פון הינטען, אַריינגעקוקט אינוועניג און א נעם געגעבען צו זיך דעם כתב־יד און איבער־געלייענט פון אלף ביז תיו. און לא־די, וואָס ער האָט עס אליין געלייענט, האָט ער עס נאָך דורכגעלייענט פאַר דער שטיפמאַמע. און עס איז געשעהען א נס: ס'איז שווער צו וויסען, צי וויי

ביי ראַבינאָוויטשען אין איינפאָהר. אַ גאַנץ בינטעל אידען אַרום טיש, מע טרינקט און מע רעדט אַלע אינאיינעם און מע גרעגערט און מע רויכערט — דעם רויך האַטש שניידט מיט אַ מעסער! און רעדען רעדט מען פון וואָס איהר ווילט. דער רעדט פונ׳ם יאַריד — אַ יאַריד־מענטש. דער רעדט פון ווייץ — אַ איד, וואָס האַנדעלט מיט ברויט. דער רעדט פון דאָקטוירים — אַ איד אַ קראַנקער, וואָס הוסט. און דער רעדט גאָר פון חזנים — אַ איד, וואָס האָט ליעב נגינה, און טהוט איהם עפּיס. און יענער זיצט זיך אין אַ ווינקעל, שאָקעלט זיך און דאַווענט דערווייַלע פון פאָרענט מיט אַ קול פון אַ נקבה. און דער בעל־הבית אַליין, רב נחום ראַבינאָוויטש, אַ איד אַ חלוש, ווי אַ־יך איז שוין באַקאַנט, מיט אַ קעצען האַלאַטעל, מיט אַ קיילעכיג יאַרמעלקעלע אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ גראָבען פּאַפּיראָס, זיצט צווישען די אורחים אויבענאָן, ווי אַ מלך, און הערט זיי אויס אַלעמען אין איין צייט, אָבער נאָר מיט איין אויהער, ווייל מיט׳ן אַנדערען אויהער הערט ער זיך צו, אפשר ניט ווילענדיג, צו דער שטיפמאַמע׳ס מענה־לשון, וואָס גיסט זיך אַזוי ווי בוימעהל און ציהט זיך אַזוי ווי האָניג. דאָס רעכענט זי זיך מיט איהרע שטיפקינדער אויפ׳ן ניכטערען האַרצען, טיילט זיי אויס ברכות יעדען באַזונדער מיט דער פולער האַנט. דערלאַנגט דעם אַ זעץ אין זייט אריין, דעם אַ סטוסאַק אין האַלז־און־נאַקען, און יענעם איז זי מכבד מיט׳ן רעכטען פוס אין בויך אריין. זי וויל, אַז איינער זאָל געהן פאַרוויעגען איהר דאָס קינד, אַז דער אַנדערער זאָל געהן אין מאַרק אריין איהר העלפען טראָגען דעם קויש, און אַז דער דריטער זאָל געהן גלאַט אין דער ערד אריין... און די קינדער פאָלגען, טהוען אַלץ וואָס מע הייסט זיי, וואָרום די צייט איז שלעכט, פּרנסה איז געשלאָגען, אין חדר געהט מען נאָר אַ האַלבען טאָג, דעם אַנדערען האַלבען טאָג העלפט מען אויס דעם טאַטען ווי ווייט מע קאָן. ווער אין שטוב אַרום די אורחים, און ווער אין דרויסען אויפ׳ן בענקעלע ביי׳ם טויער — צו פאַררופען די דורכפאָהרענדיגע בעלי־עגלות: „אהער פאַרפאָהרט, אהער!“...

46

אויפ'ן בענקעלע ביי'ם טויער

דער „איינפאהר". — דאָס פאררופענע אורחים. — ווידער חלומות וועגען אוצר.

ווייסט איהר, וואָס הייסט איין „איינפאָהר"? — איין „איינפאָהר" איז ניט קיין אכסניה און ניט קיין האָטעל, נאָר עפּיס אַזעלכעס, וואָס געפינט זיך צווישען די דאָזיגע צוויי מינים, אָדער — ביידע מינים אינאיינעם. די אכסניה, אָדער דער טיפּ האָטעל, וואָס נחום ראבינאָוויטש האָט געהאַלטען אין דער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו און געלעבּט דערפון, איז געווען דער אמת'ער „איינפאָהר". אַ גרויסער הויף מיט גרויסע שטאַלען פאַר פערד און וואָגענס און מיט גרויסע חדרים מיט בעטלעך פאַר די אורחים. מיינסטענס זענען אין די חדרים געשטאַנען צו עטליכע בעטלעך, און דער אורח, וואָס איז פארפאָהרען, האָט נאָר אָפּגעדונגען אַ בעטעל, ניט קיין גאַנצען חדר. סיידען אַ נגיד, איין אָפּגעפּוצטער, אַ מיוחס. אַזעלכע זענען אָבער געווען זעלטען, און די האָבּען געהייסען „פעטע" אורחים. דאָס רוב אורחים זענען געווען „בעטלעך". די האָבּען נישט באַדאַרפט באַזונדער קיין סאַמאָוואַרען מיט קיין באַדיענערס. איין סאַמאָוואַר אַ גרויסער איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין „זאַל", און יעדער פון די „בעטעל־אורחים" האָט זיך געהאַט זיין טשייניק מיט זיין ביסעל טיי — גיסט אייך, אידישע קינדער, און טרינקט אייך וויפיעל אייער הארץ געלוסט!... אַ מחיה געווען אָנצוקוקען אין דער פריה, אָדער אויף דער נאַכט,

זון, און ווינטער אויף דער קעלט געפרוירען ווי א הונט, איינ־געהילט אין א צעריסען פעלצעל מיט אזעלכע שטיוועלעך, וואָס האָבען זיך געבעטען צום שוסטער, און ער האָט געקלאָפּט א פוס אָן א פוס און ארויסגעקוקט, טאָמער וועט זיך באווייזען א בעל־עגלה, אָדער א בוכטע מיט אורחים, וועט ער אויפשטעהן, זיך לאָזען אקעגען: „אהער פאָהרט! פארפאָהרט אהער!” זענען אָבער בעלי־עגלות, ווי אויף צו־להכעיס, דורכגעפלויגען פארביי און זענען גאָר פארפאָהרען אין א צווייטען, א רייכערען איינפאָהר, טאקי אקעגען, צו ראובן יאסנעגראַדסקי. דאָרט זענען, זאָגט מען, פארהאַן חדרים גרויסע, מיט ווייכע בענקלעך, מיט שפּיעגלען, מיט נאָך און נאָך זאכען, וואָס די ראַבינאָוויטשעס פארמעגען דאָס ניט. דערפאַר איז דאָרט תּמיד פול געפּאקט מיט פעטע אורחים, און ביי זיי, ביי די ראַבינאָוויטשעס אין איינפאָהר, איז פּוסט, חאָטש הינט צו פארטרייבען. און דאָס פארדריסט שלומ׳ען זעהר שטארק — אויף וועמען? אויף גאָט! פאַר וואָס האָט גאָט ניט געמאכט אזוי, אז ער זאָל בעסער געבוירען ווערען ביי ראובן יאסנעגראַדסקי, איידער ביי נחום ראַבינאָוויטשען פאַר א זוהן?...

און ראובן יאסנעגראַדסקי ווערט ביי איהם א סימבאָל פון מזל, פון עשירות און פון אלדאָס גוטס. און א סך פעטע אורחים ווערט ביי איהם א אידעאַל, א צווייטער „אוצר”, פון וועלכען ער חלומ׳ט אצינד, ווי ער האָט גע׳חלומ׳ט אמאָל, אין שמואליק׳ס צייטען. און עס שטעלט זיך איהם פאָר אין יעדען פוהרעל, וואָס פאָהרט־דורך פארביי, אז דאָס פאָהרט א בעל־עגלה מיט בכבוד׳ע פארשוינען, פעטע אורחים אין בערענע פעלצען. עס פאָהרט־דורך דער בעל־עגלה אקוראַט נעבען זייער איינפאָהר, און איידער שלום באווייזט ארויסצורעדען דאָס וואָרט: „אהער!” האָט דער בעל־עגלה שוין אליין אָפּגעשטעלט די פערדלעך: „טפּררררו!” — און עס קריכען־ארויס פון דאָרטען איינס נאָך דאָס אנדערע די בכבוד׳ע פארשוינען אין זייערע בערענע פעלצען. און מע טראָגט־אראָפּ נאָך זיי געלע לעדערנע טשעמאָדאנעס, אָנגעפּאַקט מיט כל טוב, יעדער

אודאי איז אין דרויסען אויפ׳ן בענקעלע ביי׳ם טויער שוין בעסער, ווי אויסצושטעהן דעם הו־הא, מיט׳ן גיהנום, מיט׳ן גלות־שטיפמאמע אינווענינ אין שטוב. דאָס זיצען ביי׳ם טויער אויפ׳ן בענקעלע איז גאָר קיין ארבייט ניט. דאָס איז א שפיעלכעל, א פארגעניגען. ווער שמועסט זומער, אז די בעלי־עגלות פליהען מיט א הוק און מיט א פייף און מיט א קנאק. דאָס פאָהרען זיי פונ׳ם פאראחאָד מיט פארשווינדלעך, ווילען איבעריאָגען איינס דאָס אנדערע, הויבען זיי אויף אזא שטויב, אז מע זעהט ניט ארוים די פאסאזשירען, וואָס פאר א פנים זיי האָבען. נאָר אז אין וואָגען געפינען זיך פאסאזשירען — דאָס זעהט מען. און אלע יונגלעך מיט אלע משרתים פון די איינפאָהר־הייזער טהוען זיך א לאָז אקעגען דעם בעל־עגלה מיט א פרייליכען געפילדער: „אהער, פעטער! אהער פארפאָהרט!" און דער בעל־עגלה ענטפערט זיי אָפּ מיט דער בייטש, פליהט־דורך פארביי און ווערט פארשוואונדען אינ׳ם געדיכטען שטויב, לאָזט־איבער די יונגלעך און די משרתים מיט א נאָז.

דאָס איז אָבער נאָר זומער־צייט, בעת נאוויגאציע, ווען דער דניעפּער געהט. ווינטער, אז דער דניעפּער שטעלט זיך אוועק, לעבט דער איינפאָהר פון איין אנדער סאָרט אורחים. ווינטער פאָהרען אריין גרויסע בוכטעס, אָדער בוידען, געפּאַקט מיט א מין סחורה, וואָס איז איינגעוויקעלט אין צינאָווקעס און שטינקט מיט טאראן. דאָס זענען שוין ניט קיין אורחים אויף צו עסען שבתים און פארנעמען בעטלעך. זיי זענען ניט קליין צו ליגען אלע אינ־איינעם אויף דער ערד, אָדער אין הויף ביי די וועגען, און זיי געבען צו לייזען נאָר פאר היי און האָבער. פון אזעלכע פארשוינען האָט מען ווינציג נחת, און פרנסה נאָך ווינציגער. הייגט דאָס זיצען אליין אויפ׳ן בענקעלע ביי׳ם טויער אויפ׳ן פראָסט איז אויך עפּיס ניט אזוי זיס. דער העלד פון די דאָזיגע באשרייבונגען געדענקט גאנץ גוט יענע צייט, ווען ער איז געזעסען אויפ׳ן בענקעלע ביי׳ם טויער. זומער אין דער גרעסטער היץ געבראָטען זיך אויף דער

אין שטוב א דורכגעפרוירענער דורך און דורך, און טרעפט דעם טאטען אינ׳ם קעצענעם חאלאטעל, איינגעבויגען אין דרייען איבער א ספר, און די שטיפמאמע גליהט ווי אויף פאקען: „נישט גע־קומען קיינער? וואס וועט זי טהון מיט׳ן ברויט, וואס זי האט אנגעבאקען, און מיט די פיש, וואס זי האט אנגעקאכט? חאטש נעם ווארף זיי ארויס פאר די הינט! צי איהר מיינט אפשר, אז ס׳וועט זיין פון אייערטוועגען? — ווענדט זי זיך צו די שטיפ־קינדער. — איהר זענט גאר נעבאך קראנק צו עסען אלטגעבאקען ברויט! ס׳וועט זיך אייך אודאי שטעלען פאפעריק אין האלז, אדער אייער מאגען וועט עם חלילה ניט פארדייען! א קליינינקייט, אזעלכע איבערגעוואשענע קינדערלעך, א גאנצע חאליאסטרע, קיין עין־הרע, און אלע אזוי איידעל געפאצקעט! מע האט זיי גאר־ניט געקאנט איבערלאזען, ווי די מיידלעך, אין באהסלאוו ביי׳ם זיידען מיט דער באבע, זיי זאלען בעסער דארטען קרענקען, איידער נעמען זיי אהער, נעמען זאל אייך דער רוח, זיי זאלען העלפען עסען, עסען זאלען אייך ווערעם און טאטשען אייער לייב לעבע־דיגערהייט, ס׳זאל פאלען פון אייך שטיקער, ווי סע פאלט פון מיר, אז עס קומט דער ווינטער, קומען זאל אויף אייך איין אויס־חאפעניש מיט איין איינדארעניש מיט איין איינשרימפעניש״...

דא געהט אוועק א באקאנטער מענה־לשון, און שלום דער בעל־החלומות פארגעסט, אז ס׳איז איהם קאלט, און ער לויפט־ארויס צוריק אויף דער קעלט, צוריק צום טויער אויפ׳ן בענקעלע. דארט איז בעסער. דארט קאן מען חאטש זיצען רוהיג און חלומ׳ען וועגען דעם, טאמער וועט גאט פארט צושיקען עפים פעטע אורחים מיט בערענע פעלצען, מיט געלע לעדערנע טשעמאדאנעס, וואס וועלען זיך אפשר פארט אפשטעלען ביי זיי אין איינפאהר, ניט אקעגען ביי ראובן יאסנעגראדסקי?... גאט, אז ער וויל, קאן ער!

טשעמאָדאַן וועגט אַ פּוד! און זיי מאַרשירען־אַריין אין שטוב אַריין, און זיי הייסען זיך געבען איטליכען באַזונדער אַ נומער, און בעטען, מע זאָל זיי דערלאַנגען סאַמאָוואַרען, און הייסען קאָכען וואַרעמעס און וועטשערע. און עס קומט־אַריין צו זיי דער טאַטע אין דער יאַרמעלקע, מיט אַ שמייכלענדיג פּנים, און שטעקט זיי אָפּ אַ ברייטען שלום־עליכם און פרעגט זיי, צי רעכענען זיי דאָ שבת האַלטען? צעלאַכען זיי זיך און זאָגען: „וואָס עפּיס איין שבת? פאַר וואָס ניט דריי שבתים? און לאָזען לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זענען גאָר סוחרים, וואָס זענען געקומען קויפען ווייץ, און ביי קויפען ווייץ וועט דער טאַטע קאָנען חאַפּען אַ שען פאַרדיענסטעל קאָמיסיע, און טאַקי פאַר וואָס ניט אָפּלעקען אַ ביינדעל?... אין דעם קומט־אָן די שטיפמאַמע, אַרויפגעחאַפּט אויף זיך די שבת׳דיגע זיידענע פּעטשיילע; דאָס פּנים פלאַקערט איהר פאַר פרייד, און זי קוקט מיט איין אויג אויף די פּעטע אורחים און טהוט אַ פרעג שטילערהייט: „ווער האָט דאָס זיי געבראַכט צו פיהרען?” „ס׳איך האָב זיי פאַררופען, איך!” — ענטפערט איהר שלום מיט גדלות, און איז גליקליך מיט׳ן ליגען, וואָס ער האָט דאָ נאָר־וואָס אָפּגעטאָקט. גליקליך, וואָס אויך ביי זיי וועט אמאָל זיין אַ גוטער טאָג, חאָטש איין טאָג אַ גוטער. און אַ שבת אַ גוטער — אַך! וואָס פאַר אַ פריילעכער שבת ביי זיי וועט זיין! און פאַר וואָס עפּיס נאָר איין שבת? פאַר וואָס ניט אַלע דריי שבתים?...

דאָס אַלסדינג וואָלט געווען זעהר גוט, ווען ס׳זאָל ניט זיין קיין דמיון, קיין חלום. די דאָזיגע פּעטע אורחים אין די בערענע פּעלצען מיט די געלע טשעמאָדאַנעס זענען טאַקי צוגעפאָהרען און טאַקי אָפּגעשטעלט זיך, נאָר ניט ביי זייער איינפאָהר — אקוראַט אקעגען האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט, ביי ראובן יאַסנעגראַדסקי׳ס איינפאָהר... „אַך! וואָסערע שלעכטע, שלעכטע אורחים! וואָס וואָלט זיי געאַהרט, זיי זאָלען בעסער געווען פאַרפאָהרען צו אונז?” — טראַכט זיך דער שטענדיגער בעל־דמיון און קומט־אַריין

פארדיענט קוים דאָס שטיקעל ברויט. קיין נאַרישע אידינע, ווי געזאָגט, איז זי ניט געווען, נאָר א פארביטערטע נשמה, נישט קיין איינגעהאַלטענע בשעת כעס און בטבע איין אָפענטליכער מענטש: וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. דערפאר, וואָס דער טאטע האָט איהר קיינמאָל ניט געשטעהרט אין איהר מענה־לשון, האָט זי איהם ניט געשטעהרט אין זיינע זאכען — ארייננקוקען אין א בוך, שפּיעלען א שאָך אָדער אזוי פארברענגען מיט א מענטשען. און די מענטשען, מיט וועלכע דער טאטע האָט פאר־בראכט, זענען געווען לויטער משכילים, אויפגעקלערטע יונגעלייט און גלאט „קאָפּמענטשען״, מע קאָן זאָגען, די סמעטענע פון דער דעמאָלטיגער שטאָדט־אינטעליגענץ. דאָס איז געווען א גאַנץ בינטעל משכילים, וואָס פארדיענען אויסגערעכענט צו ווערען ביי די נעמען און אָפּגעמאָהלט צו ווערען, ווי זיי שטעהען און געהען, מיט זייער גאַנצער פיגור.

דער ערשטער באדארף באשריבען ווערען „דער קאָלעקטאָר״, א איד א בעל־בשר, א שווערער איד, נאָר א „קאָפּמענטש״ און — ווי מע האָט אונטערגעשמועסט — א שטיקעל אפּיקורס, חאָטש ער האָט געטראָגען א לאנגע קאפּאָטע און געדיכטע פּאות. נחום ראבינאָוויטש האָט געזאָגט אויף איהם, אז דער איד איז „עמוק״ און אז ער „ווייסט א שלל״. גאַנצע טעג האָבען זיי געקאָנט אוועקזיצען אינצווייען און רעדען אָהן א שיעור. פון וואנען האָט זיך גענומען ביי זיי אזוי פיעל רעד? אָפטמאָל פלעגט דער קאָלעקטאָר קומען מיט א ביכעל, אָפטמאָל נעמען א ביכעל. ביי דער שטיפמאמע האָט ער געהאט א צונעמעניש: „דער קאָלטון״ — דערפאר, וואָס ער האָט געהאט א קאָלטונעוואטע באָרד. נאָר אין שטאָדט האָט ער געהייסען „דער קאָלעקטאָר״. געהאנדעלט מיט צעטלען, זאקסישע און ברוינשווייגער צעטלען. געטראָגען האָט ער שווארצע ברילען (געהאט קאלי אויגען), זומער און ווינטער איז ער געגאנגען אין טיעפע קאלאָשען. קיין שטיוועל ניט, נאָר קאלאָשען, ווייסע זאָקען און קאלאָשען. א

47

דער קאָלעקטאָר

זאַקסישע און בּרוינשווייגער לאָטעריי־צעטלען. — גרויסע האָפע־נונגען, נישטיגע געווינסען. — ער שרייבּט אַ ראָמאַן אויפ'ן שניט פון מאַפּו'ס „אהבת ציון“.

צו בּאַוואונדערען, וואָס פאַר אַ שטאַרקער מענטש אָט דער שוואַכער איד, דער שטילער און פאַרטראַכטער נחום ראַבּינאָוויטש, האָט בּאַדאַרפט צו זיין, אַז ער האָט געקאָנט אַריבּערטראָגען דעם גלות פון דער שטיפמאַמע, אויסהערען איהר מענה־לשון מיט איהרע בּרכות, צוזעהען, ווי זי פייניגט זיינע קינדער, און נישט אַרויס־טרעטען מיט אַ וואָרט אפילו! וואָס דער מענטש האָט איבּער־געטראָגען אינווענינג בּיי זיך אין האַרצען — קאָן מען ניט וויסען. אַרויסבּאַוויזען האָט ער עס אָבּער קיינמאָל ניט און אַרויסגעזאָגט האָט ער עס קיינעם ניט. און דערפאַר, אַפּנים, האָט זי געלעגט אויף איהם כּבוד, געעהרט, רעספּעקטירט, נישט בּאַגאַנגען זיך קעגען איהם אַזוי גראָבּ, ווי צו זיינע קינדער, למשל, און געשעצט איהם אַזוי הויך, ווי ס'איז נאָר מעגליך געווען פאַר אַזאַ אידינע, וואָס האָט אַליין אויך קיין האָניג ניט געלעקט, נעבּאַך גוט אויס־געריסען געוואָרען, געהאָרעוועט ווי איין אָכּס אויף אַזאַ גרויסער שטובּ מיט אַ חאַליאַסטרע קינדער, אייגענע און פרעמדע.

און אפשר האָט זיך איהר רעספּעקט גענומען דערפון, וואָס זי האָט געזעהען, מיט וואָס פאַר אַ כּבוד מע האַלט איהר מאַן אין שטאָדט, חאָטש אַלע וויסען, אַז ער איז ווייט פון אַ נגיד,

שלום, זיצענדיג אין דרויסען אויפ׳ן בענקעלע בײ׳ם טויער, דערזעהט פון װײטען דעם קאָלעקטאָר, װי ער שפּרײזט מיט די טיעפע קאַלאָשען גלײך צו זײ, — לויפט ער אָנזאָגען דעם טאַטען א בשורה: „ער געהט!״ — „װער?״ — „דער קאָלעקטאָר״. — „און אז דער קאָלעקטאָר, איז װאָס?״ — „װאָס הײסט? הײנט איז דאָך דער לעצטער טאָג פון דער ציהונג!״...

אזוי זאָגט שלום צום טאַטען, און ער באַמערקט, װי דעם טאַטענ׳ס געל־געקנײטשט פּנים איז בלאַס געװאָרען. אין זײנע פאַרזאָרגטע אויגען האָט זיך באַװיזען א פײערעל און איז באַלד פאַרלאָשען געװאָרען.

דער קאָלעקטאָר קומט־אַרײן א פאַרסאַפּעטער — ער האָט אײן אַסטמאַ. „בײ איהם בלײב עס״, זאָגט די שטיפמאַמע. מוז ער פריהער איבערהאַפּען דעם אָטעם און זאָגט א גוט־מאָרגען. דער טאַטע פרעגט נישט בײ איהם גאָרנישט. ס׳זאָל עפּיס זײן, װאָלט ער דאָך אַלײן געזאָגט... יענער זעצט זיך אװעק, פאַרשאַרט דאָס היטעל, װישט זיך מיט דער פּאָלע דעם פאַרשװיצטען שטערן און דערצעהלט א נײעס, אז ס׳איז הײס מיט סכנת־נפשות! ממש עס ברענט! עס ברענט!... א פּויזע. בײדע שװײגען. דערנאָך בינדט ער אויף די פּעטשײלע, א פאַרסמאָלצעװעטע, א רויטע, מיט גרינע פּליאַמעס און שמעקט מיט הערינג. דאָרט ליגען בײ איהם אַלע לאָטערײ־צעטלען. ער נעמט־אַרויס מיט ציטערענדיגע באַװאַקסענע הענט א גרויסען בויגען פּאַפּיער מיט א סך ציפערען פון אויבען ביז אראָפּ, זוכט און זוכט מיט די שװאַרצע ברילען. שאַט! ער האָט געפונען! ער שטעלט־אָן די שװאַרצע ברילען אויפ׳ן טאַטען:

— אײער נומער, רב נחום, איז, דאַכט זיך, אויב איך האָב קײן טעות ניט, זעכצעהן טויזענט דרײ הונדערט פיער און אכציג?

— איך פאַרשטעה ניט, װאָס איהר פרעגט בײ מיר. — ענטפערט איהם דער טאַטע מיט א שמײכעל. — מיר דאַכט, אז

גרויסער אביון, נאָר אַ מורא'דיגער בעל־בטחון. געווען זיכער, אַז זיינע קונדען מוזען אַמאָל אויסנעמען דאָס גרויסע געווינס, און דורך דעם וועט ער שוין אַליין אויך געהאָלפען ווערען. און געווינען, האָט ער געזאָגט, וועט ניט קיין אַנדערער, נאָר נחום ראַבינאָוויטש. ער איז איהם מבטיח, וואָרום קיינער בּאַדאַרף ניט אַזוי נויטיג דאָס גרויסע געווינס, האָט ער געזאָגט מיט אַ טעם, ווי רב נחום ראַבינאָוויטש... עס קאָן זיין, אַז דאָס אייגענע האָט ער מבטיח געווען אויך זיינע אַנדערע קונדען. ער האָט זיי געהאַט אַ סך, כּמעט די גאַנצע שטאָדט אידען האָבּען געשפּיעלט לאָטעריי. נאָר נחום ראַבינאָוויטש האָט אין איהם געגלויבּט, ווי אין אַ רבּין, און גלייך מיט איהם אַרויסגעקוקט אויפ'ן גרויסען געווינס, ווי אויף משיח'ען, געזיפצט און געבּענקט און געוואַרט, אַז אָט־אָט קומט דער קאָלעקטאָר מיט דער גוטער בשורה: „מזל־טוב, רב נחום, איהר האָט געוואונען די פינף און צוואַנציג טויזענט"...

דער העלד פון דער באַשרייבּונג געדענקט, אַז אַלע מאָל, ווען ס'האָט געהאַלטען בּיי דער לעצטער ציהונג פון דער לעצטער קלאַס, האָט דער טאַטע ניט געקאָנט איינזיצען אויף איין אָרט, געזיפצט מעהר ווי אַלע מאָל, שטאַרק געגעהניצט און געצויגען זיך, ווי אין אַ פיעבּער. גלייך מיט'ן טאַטען האָט אויך שלום געפיעבּערט און אַרויסגעקוקט אויף דעם גליקליכען טאָג, אפשר נאָך מעהר ווי דער טאַטע. ער איז געווען זיכער, אַז ניט קיינער, נאָר זיין טאַטע איז דער קאַנדידאַט אויפ'ן גרויסען געווינס. דאָ האָט זיך איבּערגע'חזר'ט ווידער אַ מאָל דער אוצר פון זיין חבר שמואליק. ער האָט געטראַכט וועגען דעם גאַנצע טעג. ער האָט געקאָנט אויסוועניג די נומערען פונ'ם טאַטענ'ס צעטלען. ער האָט זיי געזעהען אין חלום. ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז גאָט זאָל זיין אַזאַ שלעכטער. וואָס וועט איהם אַהרען, דעם רבונו־של־עולם, אַז ס'וועט אַרויס דעם טאַטענ'ס נומער? דאָס איז דאָך שוין בּיי גאָט אַזוי גרינג, וואָס גרינגער קאָן שוין גאָר ניט זיין...

נומער? אכט טויזענט זעכס הונדערט דרייצעהן? לאָז גאָט געבען מיט גליק, אין א גוטער שעה זאָל זיין!... וואָס קוקסט דו זיך אזוי איין, — זאָגט ער צו שלומ׳ען — דו קונדאס איינער? (א קוועטש דעם „אס״). וואו האלסט דו אינ׳ם „שירי־תפארת״, דו שייגאץ איינער? (א קוועטש דעם „אץ״).

דער „שירי־תפארת״ פון נפתלי הערץ וויזעל — דאָס איז א ביכעל, וואָס דער קאָלעקטאָר האָט געהאט געבראכט צו טראָגען דעם „שייגאץ״, ער זאָל לייענען, מיט נאָך ביכלעך פון אָדם הכהן לעבענזאָהן און פון קלמן שולמאן און פון רב יצחק בער לעווינזאָהן. און דער שייגאץ (שלום) האָט זיי געשלונגען, זיצענדיג אין דרויסען אויפ׳ן בענקעלע ביי׳ם טויער. און דער טאטע האָט אָנ־געקוואָלען, וואָס זיין זוהן לייענט שוין אזעלכע ביכלעך, און גע־פרעגט ביי איהם, צי פארשטעהט ער חאָטש וואָס ער לייענט? שעמט זיך שלום זאָגען, אז ער פארשטעהט, וואָרום ווי אזוי רעדט מען דאָס מיט א טאטען? ענטפערט פאר איהם דער קאָלעקטאָר, אז ער פארשטעהט זעהר גוט, דער „שייגאץ״, פאר וואָס זאָל ער ניט פארשטעהן? זעהט איהר, מאפו און סמאָלענסקין איז פאר איהם נאָך א ביסעל פריה, פאר אזא ווערוריק, נאָך צו פריה! — אזוי לאָזט אויס דער קאָלעקטאָר, און מהאי טעמא, ווייל דער קאָלעקטאָר האָט געזאָגט, אז ס׳איז נאָך צו פריה, האָט דער ווערוריק באקומען ערשט רעכט חשק צו אָט די דאָזיגע ביכלעך, און ער האָט בגנבה זיך צוגעחאפט צו מאפון און צו סמאָלענסקינען און א נאַש געגעבען בסוד, אז קיינער זאָל ניט זעהען, א ביסעל מאפו און א ביסעל סמאָלענסקין.

דאָס ערשטע, וואָס איז איהם געקומען צו דער האנט, איז געווען דער ערשטער אידישער ראָמאן „אהבת ציון״ פון אברהם מאפו. מאפו׳ס „אהבת ציון״ האָט ער איינגעשלונגען אין איין שבת, פון אָנהויב ביז׳ן סוף, ליגענדיג אויפ׳ן בוידעם און ברענענדיג ווי א שטרויענער דאך. ער האָט געוויינט מיט ביטערע טרערען אויפ׳ן אומגליקליכען אמנון, געוויינט און געחליפעט! און האָט

איהר האָט א גוטען זכּרון: איהר ווייסט אַלעמענ'ס נומערען אויף אויסוועניג.

— אויף אויסוועניג — זאָגט איהר? סע קאָן זיין. הכּלל, זעכצעהן טויזענט, זאָגט איהר, דריי הונדערט מיט פיער און אכציג.

ער קוקט דורך די שווארצע ברילען און טאפּט מיט די פינגער אינ'ם ציפערדיגען פּאַפּיער. שלום פיהלט, אז אָט־אָט שפּרינגט איהם ארוים דאָס הארץ. נו? לאָמיר שוין הערען!... נאָר דער קאָלעקטאָר האָט צייט. ער רעדט זיך פּאַוואָלי:

— אייער נומער, רב נחום, האָט געוואונען... יאָ, ער האָט געוואונען...

שלום זעהט, ווי אויפ'ן טאַטענ'ס פּנים פליהט דורך א געל חמארעלע און ווערט פארשוואונדען. און אליין גלוסט זיך איהם אויסשרייען מיט א קוויטש: קוקוריקו! — נאָר ער האלט זיך איין און שלינגט איטליכס וואָרט, וואָס געהט־ארוים פונ'ם קאָלעקטאָר'ס מויל:

— געוואונען... אָבער א קליין געווינסעל. גאָר א קליין געווינסעל! עס וועט זיך אָננעמען, אחר נכּיון פּעט און כּל ההוצאות, אזוי גרוים... אזוי גרוים...

דער קליינער חלש'ט שיער!

— אזוי גרוים, ווי אכט רובעל מיט זעכציג. קומט פון אייך, אפּנים, אויב איך בין מיך ניט טועה, צוועלף מיט פופציג, און פון פריהער, אויב איהר געדענקט, דריי מיט אכציג. האָבען מיר, הייסט עס, א קיימא־לן פון זעכצעהן מיט דרייסיג? נמצא, אז איהר בלייבט מיר שולדיג אויף להבא אזוי גרוים, אפּנים, ווי זיעבען מיט זיעבעציג. הא? איז דאָס אזוי, צי ניין? אצינד ווילט איהר דאָך מסתּמא א ניי צעטעל? וועל איך אייך געבען. נעמט, רב נחום, קלויבט אייך אוים א נומער. היינטיגס מאָל, אם ירצה השם, וועט איהר שוין געווים געווינען. דאָס איז אזוי זיכער, הערט איהר, ווי מיר האָבען היינט יום גימל אויף דער גאנצער וועלט! שוין? האָט איהר שוין אויסגעקלויבען? וואָס פאר א

שריבען, ביז... ביז די שטיפמאמע האט דערהערט, סע סקריפעט עפּיס, און דערזעהען, אז עס לייכט זיך, האָט זי זיך ניט געפוילט און איז אראָפּ פון בעט א באָרוויסע, זיך אונטערגע'גנבה'ט און דערזעהען דעם חברה־מאן זיצען און שרייבען, האָט זי אויפגעהויבען אזא גוואלד, אז די גאנצע שטוב האָט זיך אויפגעחאפּט אין איין שרעק, געמיינט, אז סע ברענט. דער גאנצער גוואלד איז אָבער געוועזן נאָר איבער'ן קעראָסין, וואָס איז אויסגעברענט. „גאז וועלען זיי ברענען, ברענען און שרפה'נען זאָלט איהר, ליעבער גאָט! א מיתה משונה! א חלירע! א שרפה! א מגפה!"...

אודאי האָט דער טאטע דעם ניט־געענדיגטען ראָמאן „בת־ציון" צוגענומען צו זיך, איינאיינעם מיט'ן גע'גנבה'טען „אהבת ציון", און דער מחבר פון דער „בת־ציון" האָט שוין געוואָרט אויף א רעכטען פּסק. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז דער טאטע האָט דעם „בת־ציון" באוויזען, צום אלעם ערשטען, דעם קאָלעקטאָר. האָט דער קאָלעקטאָר זיך גאָר ניט געקאָנט אָנקוקען אינ'ם כתב און אינ'ם לשון און אין דער מליצה! און ער האָט געשענקט דעם „קונדאס" אזא קניפּ אין באק, אז ס'איז געבליבען שטעהן א בלויער סימן.

— איהר ווייסט גאָר ניט, רב נחום, וואָס פאר א פּרי דאָס איז! שטראָף מיך גאָט, אויב איהר ווייסט! פון איהם וועט עפּיס אויסוואקסען! אָט וועט איהר זעהען, וואָס פון איהם וועט אויסוואקסען!... קום נאָר אהער, דו שייגאיץ איינער, לאָם איך דיר שענקען האָטש נאָך א רעכטען קניפּ אין דיינע רויטע פּאמ־פּעשקעס, א רוח אין דיין פּאָרענט און מיטען אריין!

זיך שטערבליך פֿארליעבט אין דער שענער געטליכער תּמר'ען גלייך מיט דעם העלד פֿונ'ם ראָמאַן, מיט אמנונ'ען, אויב ניט מעהר נאָך פֿון אמנונ'ען, געזעהען זי אין חלום און גערעדט מיט איהר אויף שיר־השירים שפּראך, ארומגענומען זי און געהאלזט זי און געקושט זי...

. . . .

אויף מאָרגען איז דער פֿארליעבטער שלום א גאַנצען טאָג ארומגעגאַנגען, ווי א שאָטען, מיט א מורא'דיגען קאַפּוועהטיג, פֿארלוירען דעם אפּעטיט צום עסען, אָבער טאַקי לחלוטין, — וואָס ס'איז געוועזען פֿאר דער שטיפֿמאַמע א רעטעניש: „גע'פּגר'ט א בער אין וואלד! ניט אנדערש!" — אזוי האָט די שטיפֿמאַמע געזאָגט און גענומען נאָכקוקען און נאָכפֿאָרשען, וואָס איז די מעשה, וואָס דער בחור האָט אויפֿגעהערט צו עסען?...

דער סוף פֿונ'ם „אהבת ציון" איז געוועזען אָט וואָס פֿאר א סוף. פֿון די אורחים, וואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי זייי אין איינפֿאָהר, זענען אריינגעפֿאלען איהם אָפּטמאָל עטליכע גראָשענס פֿאר פֿאָלגען א גאַנג. אָט די גראָשענס האָט שלום אויסגעגעבען אויף פּאַפּיער, צונויפֿגענייהט דאָס פּאַפּיער אין א ביכעל, צעווירעט אָלע בלעטלעך פֿוןביידע זייטען, און האָט זיך אוועקגעזעצט צו דער ארבייט — שרייבען א ראָמאַן אויפ'ן שניט פֿון מאַפּו'ס „אהבת ציון", איין איינגענעם ראָמאַן, נאָכגעגאַנגען מאַפּון פּיס־טריט, מיט'ן לשון און מיט'ן סטיל און מיט'ן גאַנצען פּלאַן, נאָר אונטער איין אנדער נאָמען: ניט „אהבת ציון", נאָר „בת־ציון", און די העלדען האָבען ניט געהייסען ניט אמנון און ניט תּמר, נאָר שלמה און שולמית. און אזוי ווי ביי טאָג איז ניט געוועזען קיין סך צייט צו שרייבען — א האלבען טאָג דארף מען געהן אין חדר און א האלבען טאָג העלפֿען אין איינפֿאָהר, — לכן האָט ער געמיינט אויסנוצען דערצו אויך די נאכט, אוועקגעזעצט זיך ביי א לאָמפּ און געשריבען מיט קליינע אותיות'לעך, און געשריבען און גע־

איהר שענער טאָכטער האָט אראָפּגעבראכט איין אײדעם פון יאנגאָטין, א פּארשוין, וואָס מע האָט געמעגט איהם אָנקוקען אויף בילעטען! ניט קיין איבעריגער חכם און ניט קיין גרויסער למדן, דערפאר א פּארשוין! שבת נאָך דער חתונה, אז מע האָט געפיהרט דאָס פּאָרעל איין שוהל און פון שוהל, האָבען אידען און ווייבער זיך געשטופּט קאָפּ אויף קאָפּ, איינגעקוקט זיך און באוואונדערט און געשאצט, ווער פון די צוויי איז שענער? און דוקא הויך אויף א קול. אייניגע האָבען געזאָגט, אז ז י איז שענער, אנדערע האָבען געדרונגען, אז ע ר איז שענער. דער „ער" מיט דער „זי" האָבען דאָס ביידע געהערט, זיך פאררויטעלט און דערפון געוואָרען נאָך שענער. מעהר האָבען די עלטערען ניט געדארפט, אבי זיי האָבען אויסגענומען, זייער סחורה איז געפעלען, און די שטאָדט רעדט פון זיי. וואָס נאָך דארף מען האָבען צו פּאָפּולאריטעט?...
אָפּטמאָל האָט זיך געמאכט, אז מע האָט זיך געשלאָגען פאר איידעמס. דאָס הייסט, מע מיינט ניט, חלילה, זיך געשלאָגען מיט שטעקענס. געשלאָגען הייסט — מחותּנים האָבען זיך געקריעגט און געזידעלט, ווער עס האָט א שענערען איידעם. מחותּנת'טעס האָבען זיך געשטעלט פייגען, און עס איז טאקי דערגאנגען אמאָל צו פּעטש אויך, און ראָמאנאָווסקי דער „מיראָוואָי סודיא", א גוי א חרוץ, וואָס פארשטעהט אידיש, האָט זיי געזאָגט מוסר... פּאָרט א גוי! ווי קאָן א גוי פארשטעהן דעם תּענוג פון פיהרען איין איידעם שבת אין שוהל אריין, אוועקזעצען איהם אין זיינע נייע בגדים פון קאָפּ ביז פיס גאנץ אויבענאָן אין מזרח, אויף דער אויסשטעלונג, איהם אָפּגעבען מפטיר, און ער זאָל ארויפגעהן אויף דער בימה און אָפּקלינגען א הפטרה'לע, אז ס'זאָל קנאקען, און די ווייבער פון עזרת־נשים זאָלען זיך שטופּען דורך די פענסטערלעך: „וואו איז ער? וואו?"... ניין, דאָס וועט א גוי קיינמאָל ניט פארשטעהן, ער מעג זיין דער גרעסטער חכם אין דער וועלט!

מעהרסטענטיילס אָבער איז דער דאָזיגער ארטיקעל געוועזן אזא מין, וואָס ווערט גיך אָפּגענוצט, טהוט א גלאנץ און ווערט

48

די גערֶאטענע איידעמס

דער „מיראוואי סודיא", א גוי, זאגט מוסר די אידעז. — לייזער־יאסעל און מאגידאוו — צאצקעוואטע איידעמס. — טויזענט בלאט גמרא אויסוועניג.

נאָכ'ן „קאָלעקטאָר" זענען אָפטע אריינגעהערס צו נחום ראבינאָוויטשען געווען די „גערֶאטענע איידעמס", די אמת'ע זיידענע יונגעלייט, די צאצקעס, די אינטעליגענץ פון שטאָדט.

איטליכע שטאָדט מיט איהרע השגות און מיט איהרע מאָדעס. אין פערעיאסלאוו איז געווען אין יענער צייט א מאָדע — איידעמס. ביי די דאָרטיגע בעלי־בתים איז דאָס געווען א מין ספּאָרט, וואָס מע האָט זיך דערויף אויסגעבראכט, זיך געלאָזט קאָסטען געלט, אבי צו קריגען א רעכטען איידעם. באצויגען האָט מען די סחורה, מיינסטענס, פון דער פרעמד. זעלטען ווער עס האָט א שידוך געטהאָן אין דער היים. סיידען אזעלכער, וואָס האָט ניט צו באַצאָהלען. ווער אָבער עס האָט געקאָנט און געוואָלט געבען נדן, דער האָט זיך געבראכט צו פיהרען פון דער ליטא אָדער פון פוילען איין איידעמעל א צאצקע, יעדער נאָך זיין גוסט, נאָך זיין פאסאָן, נאָך זיין השגה און נאָך זיין פארמעגען.

למשל, דער פעטער פיני האָט זיך געבראכט איין איידעמעל דוקא ניט פון ווייט, פון לובען, א יונגערמאן א בן־תורה, א רוחניות, וואָס האָט ניט געוואוסט קיין צורת מטבע. די מוהמע חנה פאר

מתּנות און קעסט און וואָס איהר ווילט. און אז מע האָט זיי אראָפּגעבראכט, האָט געקלונגען די שטאָדט, ממש געגאַנגען „חאָ־דאָראָם״! חתונות זענען געווען אזעלכע, וואָס ליגען עד היום אין טעם און זענען א לאַנגע צייט ניט פארגעסען געוואָרען. מע האָט גערעדט פון זיי נאָכדעם אין שטאָדט און אויסער דער שטאָדט און אין אנדערע שטעדט ארום און ארום אין דער גאַנצער סביבה. א קליינינקייט, וואָס די צוויי חתונות האָבען אָפּגעקאָסט!... אויב די טעכטער זענען געווען גליקליך, אָדער ניט — דאָס איז זיך א באזונדערע זאך. אויף וויפיעל אונז איז באוואוסט, האָט איינע פון זיי זיך גע׳גט מיט איהר מאַן שוין דערנאָכדעם, אז זי האָט געהאט פון איהם א מתּנה — עטליכע קינדערלעך, — און זי איז אוועק קיין אמעריקע... די אנדערע — דער מאַן איהרער איז, דאכט זיך, אָדער א מלמד, אָדער א שדכן, אָדער ביידע זאַכען אינ־איינעם, פאר זיכער איז שווער צו זאָגען, נאָר אז ער איז איין אָרעמאַן — דאָס איז געוויס. מיר רעדען אָבער נישט פון איצט. מיר רעדען פון דעם, וואָס איז געווען אמאָל, מיר רעדען פון דעמאָלט! דעמאָלט זענען די פאָטער און מוטער, די שווער און שוויגער, הייסט עס, געווען אויפ׳ן זיעבעטען הימעל! איינע פאר דער אנדערער האָבען זיך די שוויגערס באריהמט מיט די „מציאות״, וואָס זיי האָבען איינגעהאנדעלט. איינע האָט זיך ארויסגערעדט פאר די ווייבער, אז זי האָט געבראכט א פּרוכת׳על אין שוהל אריין. האָט די אנדערע זיך אויסגעדריקט נאָך שאַרפער, אז זי האָט אריינגעבראכט א ספר־תּורה׳לע אין אָרון־קודש׳על אריין (צוליעב׳ן פּרוכת׳על מיט׳ן ספר־תּורה׳לע איז שוין דער אָרון־קודש ביי איהר געוואָרען איין „אָרון־קודש׳על״...).

און באריהמען זיך האָבען זיי געמעגט. זיי האָבען געהאט מיט וואָס. לייזער־יאָסעל איז געווען א עלוי: א יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געקענט — אזוי האָט מען געשמועסט — טויזענט בלאַט גמרא בעל־פּה; 1,000 — ניט קיין 999! פון תּנ״ך שמועסט מען ניט. היינט א בעל־לשון־קודש, און א בעל־מליץ, און א כּתבא רבה,

וואָכעדיג, ווי יעדער מין סחורה, וואָס הויבט־אָן ווערען אַלט, אָדער געהט־אַרויס פון דער מאָדע. אַ יאָהר, צוויי יאָהר — און דער געוועזענער איידעם, די צאַצקע, דער געכטיגער פּרינץ, ווערט אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, עס הויבט זיך איהם אָן אויסשיטען אַ בערדעל, און ס׳איז צו זעהען, ווי ער הויבט־אָן צו טראָגען אויף זיך דעם עול פון פּרנסה. אַ רחמנות צו קוקען, ווי אַזוי דער געוועזענער איידעם, דער נעכטיגער פּרינץ, וואָס איז, דאַכט זיך, ערשט פאַראַכטאָגען שבת געשטאַנען אין בית־מדרש אין מזרח אויף דער אויסשטעלונג, האָט אָפּגעטראָטען מחילה דעם אויבענאָן אַ נייעם איידעם אַ צאַצקע, אַ נייעם פּרינץ, און ער קוקט אויף איהם און איז איהם מקנא, און זיין יונג ווייבעל, וואָס איז ערשט אָט דאָ ניט לאַנג געווען אַ קעניגין, שטופּט זיך מיט אַלע ווייבער גלייך פון עזרת־נשים אַהין, צום פענסטערעל: „וואו איז ער? וואו?“... אָט אַזוי איז אַלסדינג אויף דער וועלט. מיר וואָלטען דאָ באַדאַרפט זאָגען: דור הולך ודור בא, און עס וואָלט געווען אַ יושר אַריינצולאָזען זיך אַ ביסעל אין לעבענס־פילאָזאָפיע, נאָר מיר האַלטען ביי די גראָטענע איידעמס, געהען מיר דעריבער אונזער וועג.

צוויי אַזעלכע גראָטענע איידעמס זענען געווען, קאָן מען זאָגען, איין אויסנאַם פונ׳ם כלל איידעמס, און זיי זענען דעריבער פאַרבליבען אין דער שטאָדט פּערעיאַסלאַוו מיט׳ן גאַנצען גלאַנץ אויף אַ לאַנגער־לאַנגער צייט נאָך זייער חתונה, ניט אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַלע אַנדערע איידעמס, און ניט אַרויס אַזוי גיך פון דער מאָדע. איינער האָט געהייסען לייזער־יאָסעל, דער אַנדערער — מאַגידאָוו. דעם ערשטען האָט אַראָפּגעבראַכט פון קאָרסון אַ נגיד אַ לעדער־הענדלער, וואָס האָט געהאַט ניט קיין איבעריג שענע טאָכטער און האָט אָבער געקאָנט רעכט באַצאָהלען. דעם אַנדערען האָט אויסגעשריבען פון דער ליטא ערגיץ אַ נגיד אַ ליווראַנט, וואָס שטעלט־צו פערד אין „קאַזנא“, איהם געגעבען ביידע זאַכען: אי אַ שענע טאָכטער, אַ געזונטע שטיק, אי היבשליך נדן, אַ חוץ

איהם געצאַפּעלט, און דאָס האַרץ איז איהם געוואַכסען, און דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט, ווי ביי איינעם, וואָס קלעטערט אויף א גאַנץ הויכען לייטער, און מענטשען שטעהען אַרום איהם און זעהען, ווי ער קלעטערט גוט, און געבען איהם אונטער היץ און מאַכען איהם קוראַזש. א קליינינקייט, אַזעלכע מענטשען לויבען איהם, זאָגען, אַז „מ ע ו ו י י ס ט נ י ט, ו ו אָ ס פ ו ן א י ה ם ק אָ ן א מ אָ ל ז י י ן!"... און דער טאַטע — שמועסט מען ניט. יענער איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל! יעדער זיפּ'ן פון דעסטוועגען האָט אויסגעריסען א שטיק האַרץ. דאָס זיפּצען האָט באַדאַרפט זאָגען: „איך ווייס אַליין, אַז מע קאָן גאָר ניט וויסען, וואָס פון דעם ימח־שמו'ניק קאָן אמאָל זיין; נאָר גיט מיר איין עצה, אידישע קינדער, וואָס טהוט מען מיט איהם? ווי אַזוי מאַכט מען איהם פאַר א „מענטשען"? אדרבה, גיט עפּיס איין עצה?"...

און עס האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט איהם געגעבען איין עצה, א שאַרפע, א ראַדיקאַלע, נאָר א רעכטע עצה — און איהם האָט דער טאַטע געפאָלגט. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענטען מיט'ן נאָמען „אַרנאָלד", א יונגערמאַן א פילאָזאָף פון הינטער דער שטאָדט, פון די אַזוי־גערופענע „פּידוואָרקעס". איהם שענקען מיר א באַזונדער קאַפּיטעל.

און א ברען, א ליז, א פארשלעפּטע קרענק .... בסוד האָט מען אפילו אונטערגעשמועסט, אז ער איז א ביסעל „געחאפּט״ : פאר־קנייטשט דאָס דאַוונען, האַלט ניט פון תעניתים, טראָגט דאָס נאָז־טיכעל אים שבת, שרעקט זיך ניט איבער פאר א נקבה — און נאָך אזעלכע זאכען האָט מען געקאָנט האָרכען, ביי'ם פעטער פיני אין שטוב, למשל. דאָס איז אָבער אַלסדינג געווען בטל אקעגען די טויזענט בלאַט גמרא אויסוועניג.

דער צווייטער איידעם, מאגידאָוו, איז אויך געווען א עלוי, אויך טויזענט בלאַט גמרא אויסוועניג — 1,000 — ניט קיין 999 — און אויך א בעל־תּנ״ך און א בעל־דקדוק און א בעל־לשון־קודש און א שענער בעל־דברן, נאָר שוין נישט קיין ליז און נישט קיין פארשלעפּטע קרענק, ווי לייזער־יאָסעל. אדרבה, שוין א ביסעל צו א חקרן, צו א טיעפער, פארדרעהטער מח. אַלסדינג, וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, איז פונקט קאַפּויר. א שטיק עקשן — א „ליטוואק״ !

פארשטעהט זיך, אז נחום ראבינאָוויטש האָט ניט דורכגעלאָזט אזא טייערע געלעגענהייט, אז די דאָזיגע געראָטענע איידעמס זאָלען פארהערען זיין קליינעם בעל־תּנ״ך און זעהען, ווי דער ימח־שמו'ניק שלום שרייבט לשון־קודש.ביידע איידעמס האָבען געפונען, אז דער ימח־שמו'ניק איז טאקי א ימח־שמו'ניק, און מע טאָר איהם ניט לאָזען געהן לאבוד. מע דארף זעהען פאר איהם עפּים א „תּכלית״, מאכען דאָס קינד פאר א „מענטשען״. איינער פאר'ן אנדערען האָבען זיי איהם אָפּגעלויבט אין טאָג אריין, גע־זאָגט, אז „מע קאָן גאָר ניט וויסען, הערט איהר, וואָס פון דעם ימח־שמו'ניק קאָן אמאָל זיין״... און דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילען, וואָס רייבט זיך ארום יונגעלייט, האָט אויך צוגעבאָמקעט, אז ער זאָגט שוין לאנג, אז מע קאָן גאָר ניט וויסען, וואָס פון דעם „שייגאַץ״ (א קוועטש אויף דער „אַץ״) קאָן אמאָל זיין... און דער ימח־שמו'ניק, אָדער דער שייגאַץ, וואָס איז גע־שטאנען דערביי, האָט דאָס אלסדינג געהערט, און די נשמה האָט

שפּאַציערען שבת בייטאָג יונגלעך און מיידלעך. דאָס הייסט, ניט חלילה יונגלעך מיט מיידלעך אינאיינעם — יונגלעך באַזונדער און מיידלעך באַזונדער, נאָר ס׳איז שוין במילא, אַז מע באַגעגענט זיך איבער דער בריק געהענדיג, שטעלט מען זיך אָפּ, חאַפּט מען אַ קוק, וואַרפט מען זיך דורך מיט אַ וואָרט. אַמאָל טהוט מען זיך אַ שאַר אויך, אַ ריהר־אָן איינס דאָס אַנדערע מיט׳ן עלענבויגען, און דער בחור מיט׳ן מיידעל ווערען רויטליך, יונגע הערצלעך קלאַפּען... פון עטליכע מאָל אַזוי באַגעגענען זיך אויף די „פּיד־וואָרקעס" הויבט מען אָן זיך איבערשרייבען בסוד־סודות מיט בריוועלעך, און עס פּיקט זיך אויס אַמאָל אַ ראָמאַן. מיט וואָס אָט אַזאַ ראָמאַן ענדיגט זיך — דאָס וועלען מיר האָבען אַ געלע־גענהייט זעהען ווייטער. דערווייל האַלטען מיר נאָך ביי „אַרנאָלדען פון די פּידוואָרקעס", און אָט מיט איהם ווילען מיר זיך דאָס באַקענען.

דאָרט, אויף די „פּידוואָרקעס", האָט נחום ראַבּינאָוויטש געהאַט אַ באַקאַנטען און אַ גוטען פריינט מיט׳ן נאָמען „בנימין־קלמן פון די פּידוואָרקעס". אַמאָל, שוין גאַניץ לאַנג, האָט בנימין־קלמן פון די פּידוואָרקעס געהאַנדעלט תּבואה בשותּפות מיט נחום ראַבּינאָוויטש, אינאיינעם „געגרוזעט" באַרקעס און בערלינעס קיין קעניגסבערג און קיין דאַנציג. די לעצטע צייט איז ער אַ ביסעל אַראָפּ, אָנגעוואוירען דעם גלאַניץ, געהאַנדעלט קליין, געגאַנגען האַרט ביי די ווענט. נאָר די גוטפריינטשאַפט פון די געוועזענע שותּפים איז פאַרבליבען די זעלבע, וואָס אַמאָל. ער איז אָפּט אַריינגע־קומען אַ ביסעל זיצען און שמועסען. געשמועסט האָט, אייגענטליך, בנימין־קלמן. ער האָט ליעב געהאַט רעדען. צום מיינסטען — דערצעהלען מעשיות פון זיין יונגערען ברודער אַרנאָלד. „מיין אַרנאָלד! וואו האָט איהר נאָך אַזאַ קאָפּמענטש, ווי מיין אַרנאָלד? אַזאַ קענער, ווי מיין אַרנאָלד? אַזאַ עהרליכען מאַן, ווי מיין אַרנאָלד? וואָס ווייסט איהר, וואָס פאַר איין אַרנאָלד דאָס איז! שוין איין מאָל איין אַרנאָלד!"... און אַזוי ווייטער.

49

אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס

די פאַרשטאָדט פון פּערעיאַסלאַוו. — אַרנאָלד איין אַפּיקורס. — יציאת־מצרים אַ לעגענדע. — וואָס דרעפּער זאָגט אויפ׳ן רמב״ם. — ראַבינער־שול און גימנאַזיע.

כמעט יעדע שטאָדט פון דער געבענטשטער „טשערטאַ״ האָט זיך איהר פאָרשטאָדט, איהר „כלאָבאָדקע״ וואָס איהר באַפעל־קערונג באַשטעהט מעהר פון גויים איידער פון אידען, און די אידען, וואָס זיצען דאָרט, זענען ניט די אידען, וואָס אין שטאָדט. איין אַנדער טיפּ אידען. זיי זעהען־אויס מעהר דאָרפיש, זענען ניט אַזוי פּיפּיג, ווי די שטאָדט־אידען, אַ ביסעל פּאַרגרעבט, טראָגען גרויסע שטיוועל, שמעקען מיט פּעלץ. אָנשטאָט „געננוג״ זאָגען זיי „האָדי״. לאַכען לאַכען זיי הויך און מיט אַ קמץ: חאָ־חאָ! און די רי״ש רעדען זיי אַרויס האַרט, ווי צוויי רי״שען, אָדער נאָך מעהר: „ררבי! דערר פּעטערר מררדכי האָט אייך גערררופען אויפ׳ן בררית״...

אין דער געגענט פון פּערעיאַסלאַוו געפינט זיך אַזאַ מין סלאָבאָדקע, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער שטאָדט מיט אַ הילצערנער בריק און מיט אַ טייכעל, און רופען רופט זיך עס מיט׳ן נאָמען אויף אידיש: „די פּידוואָרקעס״. דאָס איז איין ערטעל מיט איין אַנדער אויסזעהען, מיט איין אַנדער אַטמאָספערע. אַהין געהט מען זיך דורך אַמאָל, אַז מע האָט צייט, חאַפּען פרישע לופט, ווייל דאָרטען זענען דאָ סעדער, דאָרט וואַכסט גראָז. אַהין געהען

זיין פען, ווי פאַר'ן מלאך־המות. אויסבאַהאַלטען זיך פאַר איהם איז אוממעגליך, און אונטערקויפען איהם — פאַרמאָגט קיינער ניט אזוי פיעל געלט. „זיי וועלען זיך דערשפּיעלען! — אזוי פּלעגט בנימין־קלמן זאָגען מיט א שמייכעלע. — לאָז מיין ארנאָלד נאָר וועלען זיך פאַצקען די הענט, אזוי באַשרייבּט ער זיי אין „קיעוו־ליאַנין" פון קאָפּ ביז פיס אַלעמען, לאָזט ניט איבער איינעם ניט קיין באַשריבּענעם! איהר שפּיעלט זיך מיט מיין ארנאָלדען?"...

שענער פון אַלץ איז דאָס — און זעהר כאַראַקטעריסטיש, — וואָס ארנאָלד איז געזעסען מיט זיין ברודער בנימין־קלמן אויף די פּידוואָרקעס אונטער איין דאך ימים ושנים ברוגז'ע, ניט אויס־גערעדט א וואָרט צווישען זיך, נאָר איינער פאַר'ן אנדערען האָבּען זיי זיך געלאָזט די פינגער שניידען! „מיין ארנאָלד"... „מיין בנימין־קלמן"... קיינער, ניט אויף די פּידוואָרקעס, ניט אין שטאָדט, האָט געזעהען אמאָל ביידע ברידער געהן אינאַיינעם, אָדער געהערט אויס־רעדען זיי א וואָרט. אפילו ביי איין טיש ניט געזעסען. ארנאָלד האָט זיך געהאַט ביי בנימין־קלמנ'ען אין שטוב זיין חדר'על, פול מיט ספרים און ביכער ביז דער סטעלי, און געלעבּט זיך גאַנץ אַליין — א מין פּרוש. מאָדנע ברידער! א מאָדנער מענטש אָט דער ארנאָלד! און דער איז דאָס געוועזן פון די אָפּטע אריינגעהער צו נחום ראַבּינאָוויטשען. זיין אריינגעהן איז אָבער געוועזן ניט ווי דאָס אריינגעהן פון די איבעריגע משכּילים. ער איז אריינ־געקומען ניט גלאַט פּלאַפּלען, רעדען דברים בטלים, נאָר אָדער מיט א בוך, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ניט געזעהען, אָדער מיט א בלאַט „קיעווליאַנין", אָדער מיט א טענה צו דער שטאָדט און צו איהרע רעדעלפיהרער. שלום האָט פאַר איהם געהאַט מעהר רעספּעקט, ווי פאַר אַלע אנדערע. ער איז ניט אָפּגעטראָטען פון איהם, געקוקט איהם גלייך אין מויל אריין און איינגעהערט זיך, ווי ארנאָלד פּין די פּידוואָרקעס רעדט. אָט דאָס איז דער ארנאָלד, וואָס וועט אָ פּ ג ע ב ע ן דעם „עקזאַמענט" און וועט זיין א נאָטאַריוס? אָט דאָס איז דער ארנאָלד, וואָס שרייבּט אין „קיעוו־

נישט נאָר דער ברודער בנימין־קלמן — אַלע האָבן גערעדט פון אַרנאָלדען. „אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס" איז געווען אַ מין העלד אין שטאָדט. ערשטענס, אַ באַיאָהרטער בחור, אָדער איין אַלמן, און אפשר אַ גרוש, נאָר סאַי־ווי־סאַי — אָהן אַ ווייב. אַ איד אָהן אַ ווייב איז דאָך גלאַט אַ זעלטענהייט. אַ חוץ דעם, איז ער אַ נאָטאַריוס. אַ א י ד אַ נ אָ ט אַ ר י ו ס — דאָס איז דאָך שוין אודאי אַ זעלטענהייט! איהר האָט עפּיס אַ סך געזעהען אידישע נאָטאַריוסען ביי אונז? דאָס הייסט, ער איז נאָך דער־וויילע נישט קיין נאָטאַריוס, נאָר ער וועט זיין אַ נאָטאַריוס. וואָרום ער שטודירט אויף נאָטאַריוס. ער שטודירט שוין פון לאַנג. ער דאַרף נאָר אָפּגעבען „עקזאַמענט", אַזוי ווערט ער באַלד אַ נאָטאַריוס. סיידען ער וועט ניט אָפּגעבען דעם „עקזאַמענט". נאָר פאַר וואָס זאָל ער ניט אָפּגעבען? „ער וועט געוויס אָפּגעבען, — אַזוי זאָגט בנימין־קלמן — און ער וועט געוויס זיין נאָטאַריוס, ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. איהר שפּיעלט זיך מיט מיין אַרנאָלדען?"...

וואָס אַ נאָטאַריוס איז — דאָס ווייסען אַלע, און שלום אויך. פאַרהאַן אין פּערעיאַסלאַוו אַ נאָטאַריוס, איז ער אַ גוי און הייסט נאָוואָוו. נאָוואָוו דער נאָטאַריוס. נאָר וואָס הייסט „אָפּגעבען עקזאַמענט" — דאָס ווייסט ער שוין ניט. ו וָ אָ ס דאַרף ער אָפּגעבען, און ו ו ע מ ע ן דאַרף ער אָפּגעבען, און ו ו י אַ ז ו י גיט מען דאָס אָפּ „עקזאַמענט"? — דאָס זענען פון די זאַכען, וואָס מע הערט פון זיי און מע רעדט זיי נאָך, נאָר מע זאָל פאַרשטעהן וואָס דאָס איז — דאָס ניט. למשל, אויף אַרנאָלדען פון די פּיד־וואָרקעס זאָגט מען, אַז ער שרייבט אין די גאַזעטען, און אַז די גאַנצע שטאָדט, סאַי אידען, סאַי כּריסטען, האָבען מורא פאַר איהם, ער זאָל זיי ניט באַשרייבען אין „קיעווליאַנין". פאַרשטעהט ניט שלום, ערשטענס, וואָס האָבען זיי מורא? און צווייטענס, ווער איז געווען דער „קיעווליאַנין"? ער הערט אַלע זאָגען, זאָגט ער נאָך, אַז אַלע ציטערען פאַר אַרנאָלדען, פאַר זיין מויל און פאַר

א שענער איד מיט א שענער באָרד, נאָר ארנאָלד האַלט ניט פונ'ם פעטער פיניַן. ער האַלט פון זיין ברודער נחומ'ען א סך מעהר. דערפאַר, זאָגט ער, וואָס נחום ראבינאָוויטש איז א איד אָהן א מאַסקע און נישט קיין פארנארישטער חסיד; איהם קאָן מען זאָגען וואָס מע וויל, רעדען נישט נאָר אויפ'ן רבין, אפילו אויף משה־רבינו'ן. שלום אליין האָט געהערט ארנאָלדען זאָגען דעם טאַטען, אז ער, ארנאָלד פון די פּידיוואָרקעס, גלויבט ניט אין יציאת־מצרים! ס'איז א „לעגענדע", האָט ער געזאָגט. די גאַנצע מעשה איז א „לעגענדע". שלום האָט אָפּגעשאַצט דאָס וואָרט „לעגענדע", אז עס נעמט זיך מסתמא פונ'ם וואָרט „ליגען". א „לעגענדע" הייסט, אפנים, א קליין ליגענדעל. נאָך גוט, וואָס ניט קיין גרויסער ליגען... הערט א שענם: איינמאָל איז ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס געקומען צו לויפען מיט א גראָבען בוך: „נאַט זעהט, וואָס דרעפּער זאָגט אויף אייער רמב"ם! דער רמב"ם איז געווען הויף־דאָקטאָר ביי'ם טערקישען סולטאַן דרייצעהן יאָהר. האָט ער זיך צוליעב דעם גע'שמד'ט. דרייצעהן יאָהר געווען א טערק. אייער רמב"ם, אייער „מורה־נבוכים" — וואָס וועט איהר היינט זאָגען?"...

א גליק, וואָס דער פעטער פיני איז דערביי ניט געווען! וועה־וועה, וואָס וואָלט געווען, אשטייגער, ווען דער פעטער פיני זיצט דערביי?...

פאַר אָט דעם חברה־מאַן האָט זיך, אפנים, שלומ'ס פאָטער באַריהמט מיט זיין זוהנ'ס שרייבעכצען און מיט איהם, אפנים, זיך איין עצה געהאַלטען, וואָס טהוט מען מיט'ן קינד, ווי אזוי מאַכט מען איהם פאַר א „מענטשען"? שלום איז אָנגעקומען אויף די דאָזיגע רעד פון ארנאָלדען:

— די שרייבערייעכצען זיינע בין איך אייך מוחל. נעמט וואַרפט זיי אַרויס אויפ'ן מיסט. אזעלכע שרייבערייעכצען זענען ניט ווערטה דאָס פּאַפּיער. און דעם קליינעם, אויב איהר ווילט

ליאנין", נאָר ער וויל זיך ניט פּאַצקען די הענט? צו וואָס דאַרף מען זיך פּאַצקען די הענט, אַז מע שרייבט אין „קיעווליאַנין"?... און ער לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון אַרנאָלדען. דער אַרנאָלד איז איהם געפעלען. זעהר אַ סימפּאַטישער, איין איינגענומענער פּאַרשוין. נישט קיין גרויסער, אַ דאַרינקער, נאָר אַ פעסטער, ווי פון שטאָל אויסגעגאָסען. אַ געל בערדעלע, און דוקא גוט אונטער־געשוירען, קיין סימן פון קיין פּאות. אַ קורץ רעקעלע, אַ דין שטעקעלע, און אַ צינגעלע — שאַרף ווי אַ גאָלמעסער! פּעך און שוועבעל! רעדט על ה' ועל משיחו! לאַכט־אָפּ פון די חסידים, מאַכט אַ תל פון די „פאַנאַטיקער". „עהרליך דאַרף מען זיין — וואָס טויג מיר פרומקייט? מען איז אייך מוחל אייער פרומקייט, זייט בעסער עהרליך!" — און זיין שאַרפער גיפטיגער געלעכטער הילכט־אָפּ ווייט־ווייט!

וואונדערט זיך שלום, ווי אַזוי שטעלט זיך איין אַ איד אַזוי צו רעדען און אַזעלכעס צו זאָגען? אפנים, אַז ער מעג. אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס מעג אַלסדינג, וואָרום ער הייסט אַרנאָלד און איז אַ נאָטאַריוס, דאָס הייסט, ער וועט זיין אַ נאָטאַריוס.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער פעטער פּיני זיצט אויך דערביי און הערט, ווי אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס דרשנ'ט. קאַטשעט ער זיך פּאַר געלעכטער און זאָגט: „אַרנאָלד! אוי, אַרנאָלד, אַרנאָלד!" דער פּשט דערפון, אפנים, דאַרף זיין: „ווי טראָגט אויף זיך די ערד אַזאַ רשע, ווי דו ביזט?!"... פון דעסטוועגען האַלט אפילו דער פעטער פּיני אויך פון אַרנאָלדען. איבער זיין עהרליכקייט. זיין עהרליכקייט האָט אַ שם אין שטאָדט. אַ משוגענער עהרליכער! אַ מענטש, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, זאָגט אַלעמען דעם ריינעם אמת, און גלייך אין די אויגען, און דער עיקר, ער לאַכט זיך אויס פון די גבירים, שפּייט אויף געלט! נו, זאָגט שוין איהר אַליין, ווי אַזוי האַלט מען ניט פון אַזאַ מענטשען? האַלט אָבער אַרנאָלד ניט פון אייך, ניט פון קיינעם. למשל, פונ'ם פעטער פּינין איז ער אויך ניט נתפעל. טאַקי

א שענס: ווי אזוי איין אָרעם־בּחור פון דער ישיבה האָט זיך אוועקגעלאָזט א באָרוויסער קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבּינער־שול... ווי אזוי א מלמד׳ס א יונגעל, א ליטוואק, איז פארפאלען געוואָרען אויף עטליכע יאָהר, געמיינט, ער איז אין אמעריקע. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז ער האָט אָפּגעגעבּען „עקזאמענט" אויף אלע אכט קלאסען גימנאזיע, און איצט שטודירט ער, זאָגט מען, אויף דאָקטאָר. דאָס קאָן נאָר א ליטוואק!

— שאט! וואָס דארפט איהר א סך? אמעהר נעמט אונזער יענקעל דעם רופא׳ס זוהנדעל. וויפיעל, מיינט איהר, געהט איהם אָפּעט צו ווערען א דאָקטאָר?

— פאָלג מיך א גאנג! עס דארף נאָך אוועקגעהן א יאָהר מיט א מיטוואָך, ביז יענקעל דעם רופא׳ס זוהנדעל וועט אמאָל זיין א דאָקטאָר...

יענקעל דעם רופא׳ס זוהנדעל — דאָס איז דער גימנאזיסט, אָדער „גימנאזיסטעל סאָלאָמאָן", וואָס איז דערמאנט ביי אונז אויבּען, און פון איהם געהען מיר דערצעהלען אין קומענדיגען קאפּיטעל.

איהם מאכען פאר א מענטשען, נעמט און גיט איהם אוועק אין דער „אויעזדנע". פון דער „אויעזדנע" זענען פאר איהם דערנאָך אַלע וועגען אָפען: ווילט איהר אין ראבינער־שול — איז אין ראבינער־שול. ווילט איהר אין גימנאזיע — איז אין גימנאזיע...

מיט שלומ'ס אריינקומען איז דער שמועס איבערגעריסען געוואָרען. און הגם ארנאָלד'ס קריטיק איבער זיינע „שרייבערייעכצען" איז געווען פאר'ן יונגען שריפטשטעלער עפּיס ניט אזוי פויגעלדיג, און איין אָרט האָט מען זיי אוועקגעגעבען עפּיס ניט אזא בכבוד'יגען (אויפ'ן מיסט), פון דעסטוועגען איז שלום געוואָרען אָט דעם ארנאָלדען פון די פּידוואָרקעס דער גרעסטער גוטער פריינט — נאָר פאר'ן וואָרט „גימנאזיע", וואָס האָט געקלונגען אין זיינע אויהערען ווי די שענסטע מוזיק און געהאט דעם זיעבעטען חן ביי איהם אין די אויגען. ניט אזוי נאָך דאָס וואָרט „גימנאזיע", וואָס ער האָט נאָך, אייגענטליך, ניט געוואוסט מיט וואָס מע עסט דאָס, ווי דאָס, וואָס ער וועט זיין א „גימנאזיסט"! א קליינינגקייט, א גימנאזיסט? א גימנאזיסט האָט ער געוואוסט, געקענט, געזעהען מיט זיינע אויגען. דאָס איז געווען דער אייציגער אידישער גימנאזיסט אין פּערעיאסלאוו. און ניט קיין גימנאזיסט, נאָר א „גימנאזיסטעל", מיט ווייסע זילבערנע קנעפּלעך און מיט א זילבערנער צאַצקע אויפ'ן קאשקעטעל. און געהייסען האָט ער אויך שלום, נאָר גערופען האָט מען איהם סאָלאָמאָן — א יונגעל גלייך מיט אַלע יונגלעך, נאָר פאָרט ניט גלייך, פאָרט א „גימנאזיסטעל", גאָר איין אנדער מין באשעפעניש, ווי מיר ווען דאָס באַלד ארויסזעהען. דערווייל האלטען מיר נאָך ביי דער עצה, וואָס ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס האָט אויפגעגעבען. ער האָט מיט זיין אידעע אריינגעלאָזט א גריל, און פון דעמאָלט אָן האָבען די ווערטער „קלאַסען", „עקזאַמענט", „ראבינער־שול", „גימנאזיע", „דאָקטאָר" זיך באזעצט ביי די ראבינאָוויטשעס אין שטוב. פון וואָס מע זאָל ניט רעדען, איז מען ארויף אויף איינע פון די אויבענדערמאַנטע ווערטער. איטליכער האָט געהאט וואָס צו דערצעהלען

שכל, אז מע האָט אַ רעמאַטיז אין אַ פוס, זאָל מען טרינקען טראָן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ מאָגען מיט אַ פוס? — און נאָך אַזעלכע זאַכען. היינט האָט ער אייך אַ מעלה — ער דינגט זיך ניט. ער נעמט וויפיעל מע גיט איהם. קוקט גאָר אפילו גישט. ער שאַרט נאָר מיט די פינגער עטליכע מינוט און טרעפט שוין אין דער פינסטער, וואָס פאַר אַ מטבע מע האָט איהם אַריינגערוקט. אויב ס׳איז איין אָפּגעריבענער דרייער, וואָס האָט ניט קיין שום ווערטה, גיט ער אייך אָפּ צוריק און זאָגט, אז מע דאַרף גאָרניט. ווערט אייך איבער דער טבע, גיט איהר איהם שוין איין אַנדער מטבע.

און נאָך אַ מעלה האָט ער: ער לאָזט זיך רעדען און האָט אַליין אויך ליעב רעדען. רעדען, דערצעהלען מעשיות, און צום מיינסטען — פון זיינע קינדער, וואָסערע געראָטענע קינדער ער האָט. איינער, דער עלטערער, שלום הייסט ער — סאָלאָמאָן — איז ער שוין אַ גימנאַזיסט. ער וועט, אם ירצה השם, ענדיגען די גימנאַזיע און וועט אַריין אין אוניווערסיטעט און וועט אַרויס פון דאָרטען אַ דאָקטאָר, אַ פאַרטיגער דאָקטאָר. טאַקי אַ גאַנצער דאָקטאָר!

— כ׳וואָלט שוין געהרען, ס׳זאָל שוין זיין יום־טוב! — זאָגט יענקעל דער רופא מיט אַ זיפץ. — אם ירצה השם, אויף יום־טוב קומט ער צו פאָהרען, מיין סאָלאָמאָן, וועט איהר זעהען אַ גימנאַזיסטעל!...

שלום וואָלט שוין אויך געהרען, ס׳זאָל שוין זיין יום־טוב, און ער זאָל אָנקוקען דאָס גימנאַזיסטעל, וואָס פאַר אַ פנים האָט דאָס אַ גימנאַזיסטעל.

קוים דערלעבט יום־טוב, פסח. אָט דאָ וועט ער שוין זעהען, וואָס הייסט אַ „גימנאַזיסטעל".

יענקעל דער רופא איז ניט אַזאַ גרויסער דאַוונער, וואָס זאָל לויפען יום־טוב אין שוהל אַריין. ער איז דאָך עפּיס אַ דאָקטאָר!

50

גימנאַזיסטעל סאָלאָמאָן

יענקעל דעם דאָקטאָר׳ס זוהנדעל א גימנאזיסטעל. — ער איז איהם שרעקליך מקנא. — דער וויינקעלער „יוזשנאהא בערעגא“. — ווימאראזיג פון ראזינקעס. — „צערקאוונע כשר לפסח“.

עס זענען געווען אין פערעיאסלאוו עטליכע דאָקטוירים, און יעדער מיט זיין צונעמעניש: דער גראָבער דאָקטאָר, דער האָר־באַטער דאָקטאָר, דער שווארצער דאָקטאָר. די אַלע דאָקטוירים זענען געווען קריסטען, און נאָר איין דאָקטאָר איז געווען א איד, אי דאָס — ניט קיין גאַנצער דאָקטאָר, א האַלבער דאָקטאָר — י ע נ ק ע ל ד ע ר ר ו פ א. געהאַלטען האָט ער זיך אָבער, ווי א גאַנצער דאָקטאָר. געטראָגען א טענדעווערענדע, פארשריבען א רעצעפּט און אָנגערופען איהם דוקא הויך און דוקא אויף לאַטיין:

— איהר וועט מוחל זיין איינעמען אַלע צוויי שעה איין עסלעפעל „קאַלי בראָמאַלי“, און אַלע דריי שעה א טיילעפעלע „נאַטרי בראָמאַטרי“, וועט אייך מאָרגען ווערען בעסער. און אז ס׳וועט ניט ווערען בעסער, וועט אייך ווערען ערגער, וועט איהר מיך רופען, וועל איך קומען נאָך א מאָל...

די שטאָדט האָט ליעב געהאַט יענקעל דעם רופא א סך בעסער, ווי אַלע דאָקטוירים. דערפאַר, ווייל מיט יענקעל דעם רופא קאָן מען זיך דורכשמועסען, געוואוירע ווערען, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, וואָס סע שפּארט אונטער׳ן לעפעלע? און וואָס איז דער

חע־חע־חע. ער וועט שוין זיין א דאָקטאָר. טאקי א גאנצער דאָקטאָר, חע־חע־חע.

יענקעל דעם רופא׳ס זוהנדעל וועט זיין א דאָקטאָר? א גאנצער דאָקטאָר? ! — וואָס־וואָס, נאָר מיט פּרנסה וועט ער שוין זיין באוואָהרענט... אפילו גרויסע, אַלטע אידען וואונדערען זיך, חאָטש מע פארשטעהט ניט, און זיי אליין פארשטעהען ניט, ווער שטעהרט זיי, למשל, אז זייערע קינדער זאָלען זיין דאָקטוירים? קיינער שטעהרט זיי ניט. נאָר אז זייערע טאטעס האָבען זיי ניט געוואָלט מאכען פאר דאָקטוירים, ווילען זיי ניט, אז זייערע קינדער זאָלען זיין דאָקטוירים. טרייסטען זיי זיך דערמיט, וואָס זייערע קינדער ווענען דערפאר זיין אידען. אי וואָס — פּרנסה? עט! „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני". דער פּשט איז: ווער עס גיט לעבען, דער וועט געבען צום לעבען, און גליק איז ביי גאָט... אָט האָט יוזי פינקעלשטיין ניט געענדיגט אויף דאָקטאָר און איז, פון דעסטוועגען, חוץ זיין שאָדען אויף אונז אלעמען גע־זאָגט געוואָרען חאָטש האלב!...

— איז וויפיעל, זאָגט איהר, רב יענקעל, דארף ער נאָך לערנען, אייער דאָס, אייער גימנאזיסטעל? — פרעגען איהם די אידען, קוקענדיג פון אויבען אראָפּ.

— מיין סאַלאָמאָן? — זאָגט יענקעל דער רופא און גלעט זיך דאָס בערדעל און טאנצט־אונטער אויף איין פוס. — אָ! ער דארף נאָך לאנג־לאנג שטודירען! — און ער רעכענט־אויס אויף די פינגער, וויפיעל יאָהר ער דארף נאָך שטודירען אין גימנאזיע, וויפיעל יאָהר אין אוניווערסיטעט, און דערנאָך ארבייטען אין א שפּיטאָל, אָדער גאָר אריין אין וואָיענע האָספּיטאל, ווערען וואָיענע דאָקטאָר, דאָס הייסט, כּמעט אליין אָפיציר, מיט פּאלעטען, חע־חע־חע...

און ס׳איז ניטאָ קיין מעהר גליקליכער מענטש אויף דער וועלט, דאכט זיך, ווי יענקעל דער רופא, — א קליין אידעלע מיט איין איינגעפאלענער נאָז, נאָר מיט געגרייזעלטע שטארק־אָנגעפּא־

טאקי נאָר א האלבער דאָקטאָר, און דאָך א דאָקטאָר. פון דעסט־וועגען צוליעב'ן זוהנדעל, דעם גימנאזיסטעל, איז ער שוין אויך געקומען אין שוהל אריין. איין אויסגעצוואָגענער, איין אָנגעפּאָ־מאדעטער און א גליקליכער. ער זיצט אין שפּיעגעלבאנק, אקוראט אקעגען מזרח. נעבען איהם שטעהט זיין זוהנדעל שלום, אָדער סאָלאָמאָן, אָנגעטהאָן אין א מונדירעל מיט זילבערנע קנעפּלעך פון אויבען ביז אראָפּ, מיט א מאָדנע היטעלע אויפ'ן קאָפּ, א היטעלע מיט א צאצקע. אין די הענט האלט ער א קליין סידור'על און דאווענט, ווי א געוויינליכער מענטש, און אלע בעלי־בתּים און אלע קינדער לאָזען ניט אראָפּ קיין אויג פונ'ם גימנאזיסטעל מיט די זילבערנע קנעפּלעך. דאכט זיך, א מענטש גלייך מיט אלע מענטשען, א יונגעל גלייך מיט אלע יונגלעך — און פאָרט ניט גלייך: א גימנאזיסטעל! און עס רייסט זיך ארויס א טיעפער זיפץ פון הארצען.

אָפּגעדאווענט, חאפּט זיך יענקעל דער רופא נאָך ניט אוועק־צוגעהן פון שוהל. ווענמען ער דארף נאָך זאָגען א גוט יום־טוב, ווער עס דארף איהם זאָגען א גוט יום־טוב. און דער עיקר וועט דאָך ווערען א שמועס מסתּמא פון זיין זוהנדעל דעם גימנא־זיסטעל. און כּך הוה.

— אָט דאָס איז ער, אייער גימנאזיסטעל, רב יענקעל? נא דיר אָפּ שלום.

און מע שטעקט איהם אָפּ שלום פון אלע זייטען. דאכט זיך, א יונגעל — און אידען מיט בערד געבען איהם שלום־עליכם! אנדערע שטעלען זיך אָפּ א ביסעל שמועסען מיט יענקעל דעם רופא טאקי פון זיין זוהנדעל: וואו לערענט ער? און וואָס לערענט ער? און וואָס וועט זיין, אז ער וועט שוין אויסלערנען? צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען?...

— צו וואָס וועט ער זיך דערלערנען? — זאָגט יענקעל דער־רופא מיט א געלעכטערעל. — ער וועט זיך שוין דערקצרנקן,

מע קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר א גדולה, וואָס פאַר א יום־טוב ס'איז געוואָרען ביי שלומ'ען אין הארצען יענעם טאָג, אז דער טאַטע האָט איהם געגעבען צו וויסען, אז מאָרגען, אם ירצה השם, הויבט ער אָן געהן אין די קלאַסען. ער איז שוין געווען, זאָגט ער, ביי'ם דרעקטער, איינגעגעבען א „פּראָשעניע", דערוויילּ אין „פּריגאָטאָוויטעלנע".

— אין זעכס וואָכען וועסט דו ענדיגען די „פּריגאָטאָוויטעלנע", וועסט דו אריין, אם ירצה השם, אין דער „אויעזדנע", און פון דאָרטען, אז גאָט וועט וועלען, אין גימנאַזיע, און פון דאָרטען נאָך ווייטער... ביי גאָט איז אלץ מעגליך, אבי זאָלסט נאָר וועלען זיך צוסטארען א ביסעלע.

שלום האָט שיער ניט ארויסגעלאָזט קיין קוויטש — ער זאָל זיך ניט שעמען פאר'ן טאַטען. א שאלה, אויב ער וועט זיך צוסטארען! ער האָט נאָר ניט געוואוסט אקוראט, וואָס איז „אויעזדנע", ווער איז דער דרעקטער און וואָס הייסט „פּריגאָטאָוויטעלנע"? ער האָט גוט געדענקט, וואָס ארנאָלד האָט געזאָגט, ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס. און פאַר די אויגען איז איהם געקומען יענקעל דעם רופא'ס גימנאַזיסטעל מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיט'ן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאצקע, — און דאָס הארץ איז איהם געוואָרען פול, און דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט, און טרערען פון פרייד האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. נאָר ער איז געבליבען שטעהן ווי א סטאטיק, א נעבאכעל, וואָס קאָן קיין צוויי ניט צעהלען. דער סטאטיק האָט אָבער ארויס־געקוקט אויף דער מינוט, ווען ער וועט קאָנען בלייבען אליין, וועט ער זיך שוין ראַסקאָשעווען: ער וועט שענקען זיך אליין צוויי פּעטש אין ביידע באַקען, אָדער אין ביידע ליטקעס, אָדער גאָר געבען זיך א וואָרף אויף דער ערד און איבערקוליען זיך דריי מאָל

מאָדעטע האָר און מיט אַ טענדעווערענדע, ווי איין אמת'ער דאָקטאָר. און ס'איז ניטאָ קיין מעהר גליקליכער אויף דער וועלט, ווי אָט דאָס גימנאַזיסטעל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיט'ן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע. ביידע געהען זיי פון שוהל, ארומגערינגעלט פון אַ סך בעלי־בתים. אידען רייבען זיך ארום יענקעל דעם רופא. יונגלעך רייבען זיך ארום זיין גימנאַזיסטעל, ווילען זיין וואָס נעהענטער, וואָס נעהענ־טער. עס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז עפּיס גאָר איין אנדער מין באַשעפעניש. ע ר ש מ ע ק ט ג אָ ר א נ ד ע ר ש...

ניין, שלום האָט נאָך אויף זיין לעבען קיינעם אַזוי ניט מקנא געווען, ווי אָט דעם גליקליכען גימנאַזיסטעל. „פאַר וואָס איז ער ניט אויף זיין אָרט? פאַר וואָס איז ער בעסער ניט יענקעל דעם רופא'ס זוהן? ער הייסט דאָך אויך שלום... דאַכט זיך, וואָס וואָלט גאָט געאַהרט, אַז נחום ראַבינאָוויטש זאָל זיין יענקעל דער רופא און יענקעל דער רופא זאָל זיין נחום ראַבינאָוויטש?"... ער האָט איהם געזעהען נאָכדעם אין חלום. ער האָט פון איהם גע־חלומ'ט אויף דער וואָהר. ער איז איהם ניט ארויסגעקראָכען פון קאָפּ אויף אַ מינוט. ער איז געוואָרען ביי איהם אַ משוגעת, אַ „אידעע־פיקס", דער צווייטער חיים פּרוכשטיין... ער האָט איהם מקנא געווען, שטאַרק מקנא געווען! צוגעהן צו איהם און רעדען האָט ער נישט געהאַט קיין מוט. ווי אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ גימנאַזיסטעל?... ווי אַזוי טרעט מען צו צו אַ יונגעל, וואָס הייסען הייסט ער שלום און רופען רופט מען איהם סאָלאָמאָן?... נאָר פאָרגעשטעלט האָט ער זיך אין דער פאַנטאַזיע, אַז ער איז אליין אַ גימנאַזיסטעל, און הייסט שוין אליין אויך ניט שלום, נאָר סאָלאָמאָן, און אַז ער טראָגט אַ מונדירעל מיט זילבערנע קנעפּלעך און אַ צאַצקע אויפ'ן היטעלע, און אלע יונגלעך זענען איהם מקנא, און אלע אידען חידוש'ען זיך: „אָט דאָס איז נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהנדעל, ד ע ר ג י מ נ אַ ז י ס ט ע ל?... אָט דער האָט אַמאָל געהייסען שלום?"...

51

די „פענסיע"

דער טאטע שטאהל און אייזען פאר'ן „קלאסניק". — דער העלד באקומט א סטיפענדיע. — א רעש אין שטאדט. — די חלומות וועגען אוצר הויבען־אן מקוים צו ווערען.

נישט אזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך. דאָס אריינטרעטען אין דער „אויעזדנע" איז ניט אָנגעקומען אזוי גרינג און ניט אָפּגעלאָפען גלאַט. דער ערשטער שטיין אין וועג איז געוועזן דער פעטער פיני. ער האָט געארבייט מעשים: סטייטש, נעמען קינדער און מאכען זיי פאר גויים בידים! — האָט ער גע'טענה'ט, זיך שטארק געערגערט, און האָט זיך ניט בארוהיגט, ביז ער האָט ניט גענומען ביי'ם ברודער דאָס וואָרט, אז ער וועט חאָטש ניט לאָזען זיינע קינדער שרייבען אים שבת. דעם תּנאי האָט טאקי נהום ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיט'ן דירעקטאָר (סמאָטריטעל) פון דער „אויעזדנע" בפירוש, אז שבת באדארפען זיינע, ראַבינאָוויטש'עס, קינדער זיין פריי. נאָך א תּנאי האָט ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיט'ן דירעקטאָר (דאָס איז געווען א צייט, וואָס אידען האָבען דיקטירט תּנאים), אז זיינע קינדער זאָלען ניט זיין אין קלאַס, ווען דער גלח גיט־אָפּ זיין שטונדע — און אויסגעפיהרט האָט ראַבינאָוויטש.

די צווייטע שוועריגקייט פאר די קינדער איז געווען די שפּראך. זיי האָבען ביי'ם אריינטרעטען אין קלאַס פארשטאנען

הין־און־צוריק, אָדער אַוועקשפּרינגען אויף איין פוס ווייט־ווייט און אויסרופען מיט אַ ניגון:

סאָלאָמאָן! סאָלאָמאָן!
גימנאַזיסטעל סאָלאָמאָן!...

— און דערווייל געה, זיי מוחל, פאַרוויעגען דאָס קינד, דער־נאָך וועסט דו זיך זעצען העלפען האַקען ראָזינקעס...

דאָס, פאַרשטעהט זיך, זאָגט די שטיפמאַמע. און בכדי דעם לעזער זאָל ניט זיין קשה, וואָס איז פאַר ראָזינקעס, וואָס מע דאַרף זיי האַקען, באַדאַרף מען איהם דאָ געבען צו וויסען, אַז ווייל פּונ׳ם איינפאָהר אַליין קאָן מען נישט לעבען, האָט נחום ראַבינאָוויטש געעפענט אַ קעלער, אַ ווייַן־קעלער, און אויפגעהאַנגען אַ שילד:

„פּראָדאַזשאַ ראזניך ווין יוזשנאַהאָ בערעגאַ״.

ער אַליין טאַקי האָט געמאַכט די ווייַנען פון געהאַקטע ראָזינקעס אונטער אַלערליי נעמען, פון וועלכע עס געדענקט זיך „ווימאָראָזיג״, „חערעס״, „מאַדעראַ״ און נאָך אַ סאָרט רויטער ווייַן מיט׳ן נאָמען „צערקאָוונע כּשר לפּסח״. דעם סאָרט ווייַן האָבען די קינדער ליעב געהאַט מעהר פון אַלע ווייַנען — איבער דעם, וואָס דער „צערקאָוונע כּשר לפּסח״ איז געוועזן זיס און טערפּקע. זייַן זיסקייט האָט זיך גענומען פון אַזאַ מין סיראָפּ, וואָס מע האָט איהם אַריינגעטהאָן, און זייַן טערפּקייט האָט געשטאַמט פון די קערלעך פון די ראָזינקעס. און פון וואַנען האָט זיך גענומען זייַן רויטקייט — דאָס האָט דער טאַטע געהאַלטען בסוד... אַלע מאָל, ווען מע האָט די קינדער נעשיקט אין קעלער נאָך אַ קוואָרט ווייַן, האָבען זיי זיך צוגעחאַפּט צום „צערקאָוונע כּשר לפּסח״ און אויסגעזשליאָקעט צוויי מאָל אַזוי פיעל — און פון דעסטוועגען האָט זיך געצויגען פונ׳ם ווייַן דאָס שטיקעל ברויט גאָר נישקשה׳דיג, מעהר פון אַלע אַנדערע פּרנסות.

מיט׳ן פנים צו דער וואַנט און האָט געדאַוועט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. נאָר אָט האָט זי זיך צעלאָזט מיט איהר מענה־לשון אויף שלומ׳ען, למאי ער געהט אַרום און לערענט:

— ער מיינט, דער שענער קלאָסניק, אַז חריין איז זיין פעטער און אַז ער איז שוין אַ גאַנצער פריץ און איז שוין פטור פון אַלס־דינג, אַ חוץ עסען! די סך משרתים, וואָס מע האָט דאָ, מיט די דיענסטען! נישקשה, עס מעג דיר נאָך אָנשטעהן, דו שענער קלאָסניק מיט די אויסגעדרעהטע שטיוועלעך, זיך מטריח זיין אַריינטראָגען דעם סאַמאָוואַר, עס וועט חלילה ניט אָפּפאַלען פון דיר קיין האָר אפילו, און צום אַפּעטיט וועט דאָס דיר ניט שאַדטען, און צום שידוך אודאי ניט...

דער „קלאָסניק" איז שוין גרייט געווען אָוועקלעגען דעם „אוראָק" און לאָזען זיך אין קיך אַריין נאָכ׳ן סאַמאָוואַר, אַז עס טהוט זיך ניט אַ וואָרף דער טאַטע און חאַפּט איהם ניט אָן פאַר אַ האַנט און צעלאָזט זיך ניט מיט אימפּעט אויף לשון־קודש (נישט געוואָלט אין דאַווענען מפסיק זיין):

— אי־אָ־נו־פע — לא! לא! בשום אופן! מע דאַרף ניט! איך הייס ניט! איך וויל ניט! — האָט ער אויסגעלאָזט אויף אידיש און איז אָנגעפאַלען אויף דער שטיפמאַמע מיט אַ פייער, אפשר דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז זיין ווייב, אַז זי זאָל זיך ניט דערוועגען מעהר שאַפען מיט איהם פון דאַנען אהין! מיט אַלע קינדער קאָן זי זיך שאַפען, נאָר ניט מיט שלומ׳ען! שלום איז ניט גלייך צו אַנדערע! שלום באַדאַרף לערנען!

— איין מאָל פאַר אַלע מאָל! אָט אַזוי וויל איך, און אָט אַזוי איז דאָס, און אָט אַזוי וועט דאָס זיין!

צי דערפאַר, וואָס יעדער דעספּאָט, יעדער שלאַק־פּורעניות, אַז ער דערהערט אַ הויך וואָרט, דערשרעקט ער זיך און ווערט אַנשוויגען, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען דעם טאַטענ׳ס

אזוי ווינציג רוסיש, אז אלע האָבען פון זיי געמאַכט חוזק — סאַי דער לעהרער, סאַי די חברים. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז די בענק לאַכען. און דאָס האָט דעם ציקאַווען שלומ'ען פאַרדראָסען. ער איז געוואוינט געווען אָפּצולאַכען פון דער גאַנצער וועלט, צום סוף לאַכט מען גאָר פון איהם!... און די חברים, די שקצים'לעך, האָבען אויך ניט געשוויגען. קוים האָט זיך געענדיגט דאָס לערנען אין קלאַס און די אידישע קינדער, די „זשידעניאַטיעס", האָבען זיך באַוויזען אין הויף, אזוי האָט מען זיי, במחילת כבודם, אַוועקגעלעגט אויף דער ערד, און דוקא אין גוטען מוט, צוגעהאַלטען די הענט מיט די פיס, און גוט אָנגעשמירט זיי די אידישע פּיסקעס מיט גויישען חזיר... געקומען דערנאָך אהיים מיט באַטריבטע הערצער, האָבען זיי מורא געהאַט צו דערצעהלען דעם אמת, מע זאָל זיי ניט אָפּנעמען פון די קלאַסען. די שטיפמאַמע האָט אזוי אויך געקאָכט און געגראָבען אויף די „קלאַסניקעס" (אזוי האָבען גע־הייסען ביי איהר די קינדער נאָכ'ן אריין אין דער אויעזדנע). און ווייל שלום איז געווען מעהר מתמיד פון אלע, האָט זי איהם גע־רודפ'ט מעהר פון אלעמען. האָט זיך אָבער געטראָפען א מעשה און מע האָט איהר אָפּגעהאַקט די פליגעל, איז זי געוואָרען שטיל. וכך היה מעשה:

איינמאָל, אין א שענעם פריהמאָרגען, האָט שלום געלערענט, אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב און איינגע'חזר'ט דעם „אוראָק" אויף אויסווענדיג, און דער טאַטע איז געשטאַנען אין טלית און תפלין און האָט געדאַווענט. און די שטיפמאַמע האָט זיך געטהאָן איהר אַרבייט: זי האָט געיאָדעט דעם טאַטען, אויפגעוואָרפען איהם די אַלטע עבירה, וואָס ער האָט אמאָל פאַרלייקענט פון איהר די עלטערע און די קלענערע קינדער, די מיידלעך, זיך דורכגעשמועסט וועגען דעם, וואָס פאַר א גוטען אַפּעטיט, קיין עין־הרע, זיינע קינדער האָבען צום עסען און וואָסערע גוטע מאָגענס זיי פאַר־מאָגען. נישט פאַרגעסען אָנריהרען אויך די „משפּח'טערע" זיינע... דאָס אַלסדינג האָט דעם טאַטען נישט געריהרט. ער איז געשטאַנען

רופט איהם, האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש ניט געלאָזט לאַנג בעטען, אָנגעטהאָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע, נאָך שטאַרקער אונטערגע־קאַטשעט די אונטערגעקאַטשעטע פאות און איז אַוועק צום דירעק־טאָר הערען, וואָס וועט ער זאָגען. לאָזט זיך אויס אַזאַ געשיכטע: אַזוי ווי זיין זוהן שלום לערענט זיך אויסגעצייכענט גוט, וואָלט ער, אייגענטליך, „פּאָ־זאַקאָנו", באַדאַרפט איהם צונעמען אויף „קאַזיאָנע שטשאָט". נאָר אַזוי ווי ער איז אַ איד, קאָן ער איהם שענקען אַ פּענסיע (דאַכט זיך, אויב ניט הונדערט צוואַנציג רובעל אַ יאָהר, אָדער הונדערט צוואַנציג רובעל אַ האַלב יאָהר).

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ מאָרנעם רעש און אַ טומעל אין שטאָדט. איינער נאָכ'ן אַנדערען איז מען געקומען געוואוירע ווערען, צי ס'איז אמת?

— וואָס זשע? אַ ליגען?

— פּענסיע?

— פּענסיע.

— נאַזנאַטשעט פון קאַזנאַ?

— ניט פון קאַזנאַ, נאָר פון נאַראָדנע פּראָסוויעשטשעניע.

אַ מענטש, וואָס געהער זיך אָן מיט „נאַראָדנע פּראָסוויע־שטשעניע" — אַ קאַטאָוועס אַ ביסעל? !... פאַרנאַכט קלויבען זיך צונויף די משפּחה — אָנקוקען וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט, „דער בעל הפּענסיע"?... אַך! ווער עס האָט ניט געזעהען דעמאָלט דעם טאַטען, ווי ער האָט געשיינט און געלויכטען, דער האָט גאָר קיין גליקליכען מענטשען אויף זיין לעבען נישט געזעהען! אפילו די שטיפמאַמע, וואָס האָט זיך משמח געווען גלייך מיט אַלע און איז דעם דאָזיגען טאָג געווען מאָרנע גוט, מכבד געווען די משפּחה מיט טיי און מיט איינגעמאַכטס, האָט באַקומען חן אין די אויגען פונ'ם בעל הפּענסיע, וואָס האָט איהר פאַרגעסען און מוחל געווען אַלסדינג. „וואָס ס'איז געווען — איז געווען"... איצט איז ער אַ העלד. אַלע קוקען אויף איהם. אַלע רעדען פון איהם. אַלע לאַכען און פרעהען זיך. דער מוהמע חנה'ס קינדער, וואָס

ערשטער וויעדערשטאנד זינט זיי קענען זיך און פיהרען אזא זים לעבען, — נאָר ס'איז געשעהן אַ נס: די שטיפמאמע האָט צו־געביסען די צונג און איז אנשוויגען געוואָרען, ווי אַ קעצעלע. פון דעמאָלט אָן איז זי צו שלום'ען געוואָרען גאָר איין אנדער מענטש. דאָס הייסט, שטעכווערטלעך און קללות האָט זי ניט געזשאלעוועט, אלע מינוט איהם אויפגעוואָרפען די „קלאָסען", געגעבען אָנצו־הערעניש בדרך גוזמה, אז עס געהט אוועק אַ פוד פאפיער אַ וואָך און דריי בוטעלקעס טינט אַ טאָג, און זי פלעגט פארגעסען מיט אַ כיון אָנצוגיסען דאָס לעמפעל אויף ביינאכט, אָנצוגרייטען אָנ־בייסען, און נאָך אזעלכע זאכען. דערפאר אָבער שאפען זיך האָט זי מיט איהם מעהר ניט געשאפט. סיידען אזוי, אין גוטען מוט, אז ער האָט געוואָלט פאָלגען אַ גאנג, אָדער אַ קוק טהון צום סאמאָוואר, אָדער פארוויעגען דאָס קינד — מהכתיתי.

— שלום? — זאָגט צו איהם די שטיפמאמע ווייך און מיט אַ ניגון, ווי מע רעדט אין בארדיטשעוו. — וואָס איז דאָס, וואָס דו, אז דו טהוסט נאָר אַ קוק צום סאמאָוואר, אזוי הויבט ער אָן זידען?

אָדער:

— שלום? קום נאָר אהער! פאר וואָס ווערט דאָס קינד ביי דיר אנשלאָפען מיט דער מינוט?

אָדער:

— שלום? וואָס געדויערט ביי דיר אַ שפּרונג אין מארק הין און צוריק? אַ האלבע מינוט! קיין האלבע מינוט אויך ניט!...

און דערצו האָט איהם צוגעשפּיעלט די הצלחה אויך אַ ביסעל. אז עס הויבט אָן געהן אַ מענטשען, געהט עס. איינמאָל אין קלאָס האָט דער „סמאָטריטעל" פון דער „אויעזדנע", אַ גאנץ וואוילער גוי, אנגענומען שלום'ען ביי'ם אויהער און געהייסען, אז דער טאטע זאָל קומען צו איהם צו געהן אין דער קאנצעליאריע. ער דארף איהם עפּיס זאָגען. דערהערט, אז דער „אָדון דער דירעקטאָר"

וואו איז אהינגעקומען דער אויסגעבויגענער רוקען? די טיעפע קנייטשען אויפ'ן שטערן? דאָס געלע פארזאָרגטע פנים? גאָר איין אנדער מענטש געוואָרען! און ער זיפצט שוין גאָר ניט מעהר. און די גאנצע משפחה — שטעלט זיך איהם פאָר — רינגעלט איהם ארום, גיט איהם אָפּ גרויס כבוד, איהם און זיין זוהן שלומ'ען, דעם אויסדערוועהלטען, דעם גליקליכען, וואָס פון איהם וייסען היינט אלע, אפילו „קאזנא" און אפילו די „נאראָרנע פראָסוויעשטשעניע" — אלע, אלע, אפשר טאקי ביז'ן קיסר — ווער ווייסט?...

האָבּען ליעבּ טרייבּען מיט איהם קאַטאָוועס, פרעגען איהם: „וואָס רעכענט ער צו טהון מיט אזוי פיעל געלט?" גלייך ווי זיי ווייסען ניט, אז פונ'ם געלט וועט ער ניט זעהען א גראָשען אין די אויגען. גלייך ווי זיי ווייסען ניט, אז דאָס געלט וועט צוגויז קומען דעם טאַטען אין געשעפט אריין, אינ'ם וויינקעלער „יוזשנאהאָ בערעגא"...

שאַט! אָט איז ער אויך דאָ — דער גראָבער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילען און מיט די טיעפע קאָלאָשען. ער וויל נאָר א קוק טהון מיט זיינע בּלינדע אויגען דעם קונדאס (א קוועטש אויפ'ן אס) און געבען איהם, דעם שייגאץ (א קוועטש אויפ'ן אץ), א קניפּ אין בעקעל, ארויסרייסען א שטיק פלייש! אויך די „איידעמס", לייזער־יאָסעל און מאַגידאָוו, זענען אריינגעקומען צום טאַטען אָפּגעבען מזל־טוב און א ביסעל זיצען און שמועסען פון השכלה און פון ליכטיגקייט, פון פּראָגרעס און פון ציוויליזאציע... און נאָך זיי איז געקומען ארנאָלד פון די פּידוואָרקעס און האָט א ביסעל פארשטעהרט שלומ'ען די שמחה. ערשטענס, האָט ער באַוויזען די אידען, אז זיי זענען בהמות, זיי ווייסען ניט וואָס זיי רעדען. די פענסיע איז ניט קיין פענסיע, נאָר א סטיפּענדיע. פענסיע איז פענסיע, און סטיפּענדיע איז סטיפּענדיע... והשנית, איז שלום ניט דער איינציגער — ס'איז דאָ נאָך איינער אין דער אויעזדנע, וואָס האָט באַקומען א סטיפּענדיע, אויך אויף הונדערט צוואַנציג רובעל, און דאָס איז געווען שלומ'ס נייער חבר פון דער אויעזדנע. אלי האָט ער געהייסען. נאָר וועגען איהם שפּעטער. דערווייל איז דער העלד פון אונזער באשרייבונג געווען אויפ'ן זיעבּעטען הימעל. ער האָט ארויסגעזעהען בחוש, אז זיינע אמאָליגע חלומות וועגען זיין חבר שמואליק'ס „אוצר" הויבּען־אָן פּאַוואָלינקע מקוים צו ווערען... און זיין פאַנטאַזיע האַפּט איהם אויף אויף איהרע פליגלען און פארטראָגט איהם ווייט־ווייט, אין עולם־הדמיון אריין. און ער זעהט זיך ארומגערינגעלט מיט זיינע חברים, וואָס קוקען אויף איהם מיט שטראַהלענדיגע אויגען און זענען איהם מקנא. און דעם טאַטען זעהט ער, נאָך גאָר א יונגערמאַנטשיק עפּיס.

לעבעדיגער און האמעטנער. פריהער איינציגווייז, דערנאָך מחנות־ווייז, און אידישע קינדער — א גאַנצע חאַליאַסטרע. אידען מיט אַרבע־כּנפות׳ען ווארפען זיך אין פייער אריין ראַטעווען, ווייבער קוויטשען, קליינע קינדער וויינען, בחורים זאָגען ווערטלעך, אונ־טערגעוואַכסענע מיידלעך לאַכען. ראַבינאָוויטש׳עס קינדער זענען אויך דאָ. פּלוצים דערהערט שלום עמיצענ׳ס קול, א קול פון א יונגעל, און גלייך צו איהם אויפ׳ן אויהער:

— זיי פאָהרען!

— ווער?

— די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע“. קום, וועלען מיר העלפען לעשען.

און ביידע יונגלעך נעמען זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפען איבער׳ן גאַנצען מאַרק צו באַגעגענען די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע“. לויפענדיג, ווערט שלום געוואוירע, אז זיין חבר רופט מען אלי און אז ער איז דאָדי דעם שרייבער׳ס א יונגעל. און אלי ווערט געוואוירע, אז זיין חבר הייסט שלום און אז ער איז נחום ראַבינאָוויטש׳עס א יונגעל.

זייער צווייטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען א ביסעל שפּעטער, שוין דוקא ביטאָג, אויך אין גאַס און אויך אויף איין אומזיסטיגער פאַרשטעלונג. עפּיס א שוואַרצער מיט ווייסע צייהן ווייזט א מאַלפּע, און די גאַנצע שטאָדט מיט יונגלעך לויפען איהם נאָך. דאָס איז איינס פון די חידושים, וואָס מע זעהט זעלטען אין פּערע־יאַסלאַוו. אָדער מע פיהרט אַרום א בער מיט אויסגעברענטע אויגען, וואָס טאַנצט אויף א שטעקען. אָדער א וואַנקאַ רוטוטיו מיט רויטע הויזען, וואָס מאַכט אָנשטעלען. אָדער א ציגיינער ווייזט א מאַלפּע. דער ציגיינער און די מאַלפּע האָבען ביידע איין פּנים, גלייך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. ביידע האָבען אַלץ איינע געקנייטשטע באַוואַכסענע פּנימ׳ער, אַלץ איינע אויסגעקראָכענע קעפּ, און קוקען ביידע מיט אַלץ איינע רחמנות׳דיגע אויגען און ציהען־אויס די באַוואַכסענע ברודיגע דאַרע הענט, מע זאָל זיי עפּיס

חבר אלי

אלי דאדי'ס. — די ערשטע - באקאנטשאפט אויף א שרפה. — שמועסען וועגען קאסמאגראפיע מיט'ן פעטער פיני. — דער העלד איז מחלל שבת בפרהסיה. — ער ווערט געקרוינט מיט'ן נאמען „פיסאטעל".

א פנים א ווייס, א קיילעכיגס, א ביסעלע א געשטופּעלטס. האָר שטעהענדיגע, האַרטע, שווארצע, גערדיכטע, שטעכעדיגע — א גאַנצע גריווע. אויגען לאַכענדיגע, צייהן געזונטע, ווייסע. פינגער קורצע. א געלעכטער א הילכיגער, א שיסענדיגער. א טעמפּעראַמענט א פייעריגער. — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פון שלום'ס חבר אלי, פון דער ערשטער קלאַס אויעזדנע ביז'ן סוף.

זייער ערשטע באקאנטשאפט איז געשלאָסען געוואָרען ביי־נאַכט אויף א שרפה.

א שרפה — דאָס איז א ספּעקטאַקל, איין אומזיסטיגע פאָר־שטעלונג, א העכסט־אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונג פון אַלערליי טיפּען אידען און ווייבער, איין אָפּשפּיעגלונג פון אַלערליי סצענעס, טרויעריגע און פריילעכע — מע דאַרף נישט קיין טעאַטער. די נאַכט איז שטיל, דער הימעל איז טיעף, שטערען פינקלען. וואו־ניט־וואו לאָזט זיך הערען דאָס בילען פון א הונט. און דאָס שטיבעל ברענט זיך ווי א ליכטעל, רוהיג, פּאַמעליך. ס'האָט צייט. פון אַלע גאַסען ציהען זיך מענטשען. פריהער שלעפעריג, דערנאָך

סטאַלאַ, סטאַלו, סטאַל, סטאַלאַם, אַ סטאַליע. אַ מעסער איז נאָזש. און נאָזש איז: נאָזש, נאָזשאַ, נאָזשו, נאָזש, נאָזשאָם, אָ נאָזשיע. הײנט געאָגראַפיע! װער נאָך װײסט אַזױ װי זײ, פאַר װאָס איז די ערד קײַלעכיג? װער דרעהט זיך אַרום װעמען — די ערד אַרום דער זון, צי די זון אַרום דער ערד? און פון װאַנען נעמט זיך אַ װינט? און װאָס איז פריהער — דער דונער, אָדער דער בליץ? און פון װאַנען נעמט זיך אַ רעגען?

פון אַלע לערנעכצען, װאָס מע לערענט אין די קלאַסען, געפעלט שלום׳ס טאַטען נאָר געאָגראַפיע. מחמת פון געאָגראַפיע װערט מען געבילדעט, אױפגעקלערט. חשבונ׳ען איז אױך אַ גוטע זאַך. מאַטעמאַטיקע שאַרפט־אױס דעם מוח. אָבער נישט מעהר. אָט איז יאָסי פּרוכשטײן אַ פּראָסטער איד, ניט געלערענט אין ערגיץ, פון דעסטװעגען גיט איהם די שװערסטע „זאַדאַטשע“, װעט ער זי אײך מאַכען אױפ׳ן קאָפּ. צי, אַשטײגער, נעמט דעם קאָלעקטאָר. װאו האָט ער שטודירט? ערגיץ אין דער ישיבה. נו, קען ער נישט, מײנט איהר, קײן אַלגעברע? פון לײזער־יאָסלען שמועסט מען ניט, און אַרנאָלד פון די פּידװאָרקעס — פון יענעם איז אָפּ־געערדט. אַרנאָלד איז דאָך גרײט אָפּגעבען „עקזאַמענט“. נײן, זאָגט אײך װאָס איהר װילט, געאָגראַפיע איז ניט מאַטעמאַטיקע. געאָגראַפיע דאַרף מען לערנען. געאָגראַפיע דאַרף מען קענען. און שלום קען געאָגראַפיע. זײן פאָטער האָט ליעב מיט איהם צו פאַרברענגען נאָר װעגען געאָגראַפיע. און איז צופריעדען, און איז גליקליך, אַז עס זיצט דערבײ אַ דריטער.

אַ קאָמעדיע איז, אַז דער פעטער פּיני זיצט דערבײ. דער פעטער פּיני גלעט די באָרד, שמײכעלט, מאַכט חוזק פון דעם קלײנעם פילאָזאָף, װי ער צעשפּרײט זיך דאָס אַ ביסעל מיט זײן געאָגראַפיע. אַ יונגעל אַ שנעק האָט אַ העזה צו זאָגען פאַר אײן עלטערען אידען, פאַר אַ פעטער, אַז די ערד דרעהט זיך, ניט די זון. אי, עס שטעהט בפירוש: „שמש בגבעון דום“? — דו, זון, אין גבעון, בלײב שטעהן? בלײבט אַ קשיא... „צי, אַשטײגער,

געבען. און רעדען רעדט דער ציגיינער מיט אזא מאָדנע קול און אויף אזא מאָדנע שפּראַך, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מאַכט אזא מאָדנע גרימאַסע דערביי, אז מע מוז לאַכען: „דאַי, באַרין! האַראָש אָבעזשיאַן! אַמעריקאַנסקו!"... און חברה שיסען־אויס א געלעכטער. די דאָזיגע צוויי באַגעגענישען זענען שוין גאַנץ גענוג, אז אזעלכע צוויי יונגלעך, שקצים, ווי שלום נחום ראַבי־נאָוויטש'עס און אלי דאָדי דעם שרייבער'ס, זאָלען ווערען חברים. דאַרף נאָך גאָט פיהרען אזוי, אז זיי טרעפען זיך ביידע אין איין קלאַס אין דער אויעזדנע, א באַנק נעבען א באַנק, און אקוראַט דעמאָלט, ווען דער לעהרער האַלט־אָפּ זיין ערשטע לעקציע פאַר'ן גאַנצען קלאַס. דערזעהט שלום זיין נייעם חבר אלי, ווי ער ציהט־אויס די האַנט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, מאַכט דעם ציגיינער'ס גרי־מאַסע: „דאַי, באַרין! האַראָש אָבעזשיאַן! אַמעריקאַנסקו!" — זייט א בריה, האַלט זיך איין און צעלאַכט זיך ניט. אודאי באַ־קומען ביידע חברים א מיאוס'ען פּסק, בלייבען ביידע איבער „אָהן וואַרעמעס", און זייער פריינטשאַפט ווערט געשלאָסען אויף שטענדיג, אויף אייביג.

פון דעמאָלט־אָן ווערען זיי נפש אחת, איין זעל, איין נשמה. וואו איינער, דאָרט איז דער צווייטער. ביידע אינאיינעם לערנען, און לערנען גוט. מע האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען, אז מע זאָל איבערשטייגען אלע גויים, מע זאָל זיין די ערשטע, די בעסטע תּלמידים אין קלאַס. און מע האָט אויסגעפיהרט. מע האָט ווייט־ווייט איבערגעשטיגען אלע גויים און מע איז געגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס די ערשטע בעסטע תּלמידים, אָבער אויך די ערשטע און די גרעסטע שקצים אין שטאָדט. וואָס די צוויי האָבען זיך דער־לויבט אָפּצוטהון אין שטאָדט האָבען דאָס אנדערע יונגלעך נישט געוואַגט. די בעסטע יונגלעך, פענסיאָנערען, סטיפּענדיאַנטען — א קליינינקייט? היינט זייער קענען רוסישע גראַמאַטיקע! וואָס פאַר א וואָרט מע זאָל ניט אַרויסרעדען, איז באַלד צו דער גראַ־מאַטיקע. למשל, א טיש איז סטאָל. און סטאָל איז: סטאָל,

חלומ'ט אויף דער וואָהר, מע בויעט אינאיינעם לופטשלעסער, וואָס וועט זיין אמאָל, אז מע וועט ענדיגען די אויעזדנע ? וואוהין וועט מען פאָהרען ? אויף וואָס וועט מען שטודיערען ? וואָס וועט מען זיין ? און דער אמת מוז דאָ געזאָגט ווערען, עס האָט געהערשט, אזוי צו זאָגען, א גויישע שטימונג, און קיין אידישער אינהאלט איז אין די דאָזיגע זיסע חלומות ניט געוועזען, וואָרום דער חבר אלי איז געוואַכסען אין א שטוב, וואָס איז געווען ווייט פון אידישקייט, חאָטש — איינס צום אנדערען געהערט זיך ניט — פעטש פאר ניט וועלען דאוונען האָט אלי געחאפט פון זיין טאטען נישט ווינציגער ווי אלע אנדערע יונגלעך פון זייערע טאטעס. איך האָב מורא, אז אלע טאטעס זענען אזוי. איהר קאָנט נאָך היינט אויך באגעגענען טאטעס, וואָס אליין טהוען זיי כל דבר אָסור און ווילען, אז זייערע קינדער זאָלען זיין גוט און פרום, ניט אין זיי געראָטען...

ניט וועלען דאוונען — דאָס איז געווען ביי חברה יונגווארג איין אלטע קרענק נאָך פון חדר. היפּערען אין דאוונען איז געווען א וואָכעדיגער גאנג. און פון זינט זיי זענען אריין אין די „קלאסען", האָבען זיי דאָס דאוונען גאָר אינגאנצען פארבויגען. דער טאטע האָט דאָס געוואוסט, נאָר געמאכט זיך כּלא־ידע. האָבען זיך אָבער געפונען אזעלכע, וואָס האָבען נאָכגעקוקט און געעפּענט דעם טאטען די אויגען, ער זאָל זעהען, ווי זיינע קינדער געהען ביסלעכווייז אראָפּ פון דרך־הישר — און דאָס האָט געפיהרט דערצו, אז די קינדער זאָלען נאָך מעהר ניט וועלען דאוונען און זאָלען אין דעם ניט וועלען דאוונען פיהלען א מין עונג רוחני. ניט אומזיסט האָט דער רבי געגעבען צו פארשטעהן זיינע תלמידים, די קליינע בעלי־עבירה'ניקעס, דעם שכל פון איין עבירה, **אז די עבירה אליין איז ניט אזוי מורא'דיג, ווי די תאוה פון טהון איין עבירה...** שלום געדענקט נאָך עד היום דעם טעם פון דער ערשטער עבירה, פון „חילול־שבת". אזוי איז געווען די מעשה :

דו זאָגסט, אַז דער דונער קומט פריהער פאַר'ן בליץ. אַי, מיר זעהען פריהער דעם בליץ און ערשט נאָכדעם קומט דער דונער?" — פרעגט ביי איהם דער פעטער פיני אויף אַ טשיקאַוועסט און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. „צי דו זאָגסט, אַז די ערד איז אַ כדור, קיילעכיג, הייסט דאָס, ווי איין עפּעל. מיט וואָס ווייסט דו דאָס מיר באַווייזען?" ענטפערט איהם שלום: „אויב איהר ווילט זיך מטריח זיין, פעטער, שטעהט־אויף, זייט מוחל, מאָרגען גאַנץ פריה און טהוט אַ קוק אויפ'ן שפּיץ מאָנאַסטיר, בעת די זון געהט־אויף, וועט איהר זעהען, ווי דער שפּיץ קלויסטער ווערט באַלייכט פריהער פון אַלסדינג"... „אוודאי האָב איך מעהר ניט וואָס צו טהון, נאָר אויפשטעהן דיר כּאור און קוקען אויפ'ן שפּיץ קלויסטער צוליעב דיין געאָגראַפיע — חאַ־חאַ־חאַ!"...

ניין, דער פעטער פיני איז ניט צופריעדען ניט מיט דער געאָגראַפיע, ניט מיט די קלאַסען און ניט מיט דעם, וואָס זיין נחומ'ס זוהן איז אַ חבר מיט דאָדי דעם שרייבער'ס יונגעל. ער וועט איהם אַרויספיהרען ווער ווייסט אויף וואָסערע דרכים... דער פעטער פיני האָט געהערט אויף זיי עפּיס ניט אַזעלכע שענע זאַכען. ער האָט געהערט, אַז די יונגלעך געהען שבת שפּאַציערען אויף די פּידוואָרקעס, און אַז זיי טראָגען טיכלעך אים שבת, און אַז זיי רעדען — רעדען זיי צווישען זיך אויף רוסיש, ניט אויף אידיש.

אוי־וועה — ס'איז נעבאַך אַלסדינג געווען אמת, קודש קדשים! נאָך מעהר: זיי געהען אַלע שבת אויף די פּידוואָרקעס, אָבער ניט שפּאַציערען, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען... זיי טראָגען ניט נאָר טיכלעך אים שבת, נאָר קליינגעלט אויף צו קויפען באַרלעך, און רעדען אַזעלכע זאַכען — אַך! ווען דער פעטער פיני זאָל נאָך וויסען, פון וואָס מע רעדט, און ווי אַזוי מע רעדט!... דער פעטער פיני זאָל נאָך וויסען, ווי אַזוי די צוויי בחורימ'לעך שיפען זיך אויף אַ שיפעל, פאַרקלויבען זיך אינצווייען העט־ווייט אויף יענער זייט טייך. דאָרט, אויפ'ן גרינעם גראָז, לייענט מען ביכלעך (רוסישע) און מע זינגט לידלעך (גויישע) און מע

סטאַ פּיסאַל — ניע זנאַיו,
אַ יאַ, דוראַק, טשיטאַיו...*

און איידער ער באַווייזט איבערצולייענען וואָס ער האָט דאָ אָנגעשריבען, דערפּיהלט ער, ווי עמיצענ׳ס צוויי פינגער האַלטען איהם ביי׳ם לינקען אויהער, אָבער שטאַרק!...

איך מיין, אז קיינעם פון די לעזער וועט ניט איינפאַלען צו טרעפען, ווער האָט דאָס געקאָנט זיין אָט דער, וואָס האָט געפּאַקט דעם העלד פון דער ביאָגראַפיע מיט דער דאָזיגער מיאוס׳ער עבירה פון חילול שבת בפרהסיה? פאַרשטעהט זיך, אז ניט קיין אַנדערער, נאָר דער פעטער פּיני! גראָד ער באַדאַרף הייגט פריהער פון אַלעמען אויפשטעהן פון שלאָף און פריהער פון אַלעמען געהן מיט אַ וויזיט גוט־שבת זאָגען! וואָס ווייטער איז געווען — איז איבעריג צו דערצעהלען. יעדער קאָן זיך פאָרשטעלען, אז עס האָט ניט געהאָלפען קיין זאַך, קיין בעטען זיך, קיין טרערען — דער פעטער פּיני האָט דעם בחור, איין אויסגעשמירטען אין קרייד, אָפּגעפיהרט גלייך אהיים און איבערגעגעבען איהם אויפ׳ן טאַטענ׳ס הענט. נאָר דאָס איז געווען גאָרניט אקעגען דעם, וואָס איז געשעהען נאָכדעם, אז די גאַנצע שטאָדט איז געוואוירע געוואָרען פון דער מעשה און ס׳איז דערגאַנגען צו דער נאַטשאַלסטווע פון דער אויעזדנע. עס האָט געהאַלטען דערביי, אז מע זאָל דאָס בחור׳על „אויסשליסען". דער טאַטע האָט געוויינט מיט טרערען און האָט נעבאַך געמוזט געהן צום אָדון צום דירעקטאָר (סמאָטריטעל), בעטען פאַר זיין זוהן רחמים, און נאָר צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים אין קלאַס, אַ סטיפּענדיאַנט, האָט מען אויף איהם געלעגט כּבוד, רחמנות געהאַט אויפ׳ן טאַטען און ניט „אויסגעשלאָסען". דערפאַר האָבען די לעהרערס געבענטשט דעם תלמיד מיט אַ נייעם נאָמען. אז זיי

---

* ווער ס׳האָט געשריבען — ווייס איך ניט,
נאָר איך, שוטה, לייען דאָס.

שבת בייטאָג. אידען האָבען אָפּגעגעסען ווארעמעס און געהאַלטען אין רעכטען שלאָף. אין גאַס איז נאָך ניטאָ קיין משוגענער הונט. שטיל און רוהיג, חאָטש ציה זיך אוים. די זון באַקט, ווי אין דער מדבר. די ווענט פון די געפּארבטע הייזער און די הילצערנע פּארקאַנעס פון די הויפען בעטען זיך, מע זאָל עפּים אויף זיי אָנצייכענען, אָנשרייבען. שלום האַלט די הענט אין די קעשענעס. דאָרט ליגט ביי איהם א קריידעל פון די קריידלעך, וואָס ווערען באַנוצט אין קלאַס צו דער מאַטעמאַטיקע. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען — נישטאָ קיין מענטש. די לאָדען זענען פארהאַקט. און דער יצר־הרע רעדט איהם אָן: „מאָהל!"... וואָס זאָל ער מאָהלען? נעמט ער אויף דער גיך און טהוט א מאָהל־אוים דאָס באַוואוסטע ליעדעל, וואָס אַלע קינדער זינגען און מאָהלען בעת מעשה:

טאָטשקא, טאָטשקא, זאַפּיאַטאיא,
מינוס, ראָזשיצא קריוואיא,
רוטשקא, רוטשקא, אי קרוזשאָק,
נאָזשקא, נאָזשקא, אי פּופּאָק...*

פּארטיג א מענטשעל מיט א קיילעכיג פּנים, מיט הענטלעך און מיט פיסלעך און מיט א מויל, וואָס לאַכט... דער מאָהלער איז צופריעדען מיט'ן בילד. עס פעהלט נאָר איין אויפשריפט. שלום קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען — נישטאָ קיין מענטש. די לאָדען זענען פארהאַקט. און דער יצר־הרע רעדט איהם אָן: „שרייב!"... וואָס זאָל ער שרייבען? נעמט ער און שטעלט אוועק פון אונטען, אונטער'ן בילד, מיט שענע קיילעכיגע אותיות אויף רוסיש, צום גראַם:

---

* א פּונקט, א פּונקט, און א קאָמא,
א פּאַסיקעל א גלייכס, א פּנים'על א קרומס,
א הענטעל, א הענטעל, און א קיילכעל,
א פיסעל, א פיסעל און א בייכעל.

53

צווישען חזנים און כלי־זמרים

א מעשה מיט א אידיש ביכעל, וואס רופט־ארויס געלעכטער. — חזנים מיט א „קאלאווראטור". — יהושע־העשעל דער כלי־זמר מיט זיין תאליאסטרע. — דער יצר־הרע פון פיעדעל.

צו „שרייבעריי" האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע געהאט א נייגונג פון תמיד אָן. זיין אידעאל איז געווען צו זיין א מחבר, א שרייבער, ניט נאָר מיט'ן קריידעל אויף די ווענט, נאָר טאקי באמת א שרייבער, א פארפאסער פון א בוך. אויף איהם האָט נביאות געזאָגט נאָך זיין אלטער פריינט דער קאָלעקטאָר, אז ער וועט אמאָל זיין א שריפטשטעלער און וועט שרייבען העברעאיש, אזוי ווי צעדערבוים, גאָטלויבער, יהל"ל און נאָך א סך אנדערע „גדולים". האָט אָבער ארנאָלד פון די פידוואָרקעס געדרונגען פארקעהרט: אז אויב אָט דער חברה־מאַן וועט אמאָל שרייבען, וועט ער שוין זיין בעסער א רוסישער שרייבער, ניט קיין העברע־אישער. אין „המליץ", האָט ער געזאָגט, זענען פארהאַן אָהן איהם גענוג דילעטאנטען, איגנאָראנטען, מלמדים און בטלנים! ניט צעדערבוים, ניט גאָטלויבער, ניט יהל"ל, נאָר טורגעניעוו און גאָגאָל, פושקין און לערמאָנטאָוו — אָט וועט ער מיט איהם באדארף שטעהן פאר די אויגען!...

מיט איינעם וואָרט, אָדער העברעאיש, אָדער רוסיש. אז דער „חברה־מאַן" וועט אמאָל שרייבען אידיש — דאָס איז קיינעם אויף די געדאנקען ניט געקומען, וואָרום אידיש איז דען אויך א

האָבּען איהם באַדאַרפט אַרויסרופען אין קלאַס צו דעם בּרעט, האָבּען זיי ניט געזאָגט, ווי בּיז אהער: ראַבּינאָוויטש! זיי האָבּען איהם אַרויסגערופען אָדער „חוראָזשניק״ (מאָהלער), אָדער „פּיסאַטעל״ (שריפטשטעלער). און צעצויגען האָט מען דאָס וואָרט אויף דריי קלאַפּטער די לענג:

— פּי־סאַ־טעל!...

אָט דער נאָמען איז איהם פאַרבּליבּען אויף לאַנג, שוין בּיז'ן סוף.

ווייטענס און קוקט אין אַלעמענ׳ס פּנים׳ער, ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם אידען, וואָס האָט געמאַכט אָט דאָס ביכעלע, און זיין טיעפּסטער וואונטש איז, אַז גאָט וועט העלפען, ער וועט אויס־וואַכסען און ווערען אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבען אַזאַ מין ביכעלע, וואָס אידען וועלען דאָס לייענען און וועלען לאַכען און וועלען איהם שעלטען אין גוטען מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין טאַטענ׳ס טאַטען אריין...

נאָר ווי די מעשה איז — אויב ער וועט זיין אַ שרייבער אָדער ניט, אויב ער וועט זיין אַ העברעאישער שרייבער אָדער אַ רוסישער — אַ „קענער" וועט ער שוין זיין געוויס. ס׳איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. זיין אַ „קענער" — דאָס האָט ער געמוזט און דאָס האָט ער געוואָלט. ער האָט געוואָלט קענען אַלסדינג. אפילו אַזאַ זאַך, ווי פּיעדעל־שפּיעלען. ראַכט זיך, וואָס פאַר אַ שייכות האָט שפּיעלען אויפ׳ן פּיעדעל צו השכלה? ניין, עס האָט אַ שייכות. שפּיעלען אויפ׳ן פּיעדעל איז אין יענער צייט געשטאַנען אין פּראָגראַם פון קענטעניש גלייך מיט אַנדערע זאַכען און האָט זיך אָנגעקעהרט מיט לערנען, ווי, אַשטייגער, אַ טאַטענ׳ס אַ קינד האָט געלערענט דייטש, אָדער פראַנצויז. קיין פּראַקטישע נוצען האָט דערפון קיינער ניט געוואַרט, נאָר אַ טאַטענ׳ס אַ קינד, וואָס וויל זיין אַ מושלם, באַדאַרף אַלסדינג קענען. כמעט אַלע פיינסטע בעל־הבתישע בחורים׳לעך אין שטאָדט האָבען דעריבער זיך גע־לערענט שפּיעלען פּיעדעל. חיים פּרוכשטיינ׳ס האָט געשפּיעלט פּיעדעל, צאַלי מערפּערט׳ס האָט געשפּיעלט פּיעדעל, מאָטעל סריב־נער׳ס האָט געשפּיעלט פּיעדעל. נאָך אַ סך יונגלעך האָבען גע־שפּיעלט פּיעדעל. מיט וואָס איז שלום ראַבינאָוויטש ערגער פון זיי? האָט אָבער דער טאַטע ניט געוואָלט. ער האַלט גיט דערפון. עס איז איין איבעריגע זאַך, האָט ער געזאָגט, איין עבירה די צייט, און עס קומט־אויס ביי איהם מעשה כלי־זמר. מאַטעמאַטיקע, געאָגראַפיע, מליצה — דאָס איז אַ זאַך. אָבער רימפּלען אויפ׳ן פּיעדעל — וואָס איז פאַר איין עובדה?...

שפּראַך ? דאָס הייסט, רעדען האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט געוועדט אויסער אידיש, נאָר אַז מע קאָן שרייבען אויף אידיש — ווער האָט דאָס געוואוסט ? „זשאַרגאָן", „עברי־טייטש" — דאָס איז אַ מאכל פאַר ווייבער. אַ איד האָט זיך געשעמט צו האַלטען אַ אידיש ביכעל אין די הענט — מע וועט זאָגען : אַ גראָבער יונג !...

פון דעסטוועגען געדענקט זיך אַ מעשה נאָך פון קינדווייז. נאָך אין יענעם פאַרוואָרפענעם קליינעם שטעדטעלע, אין וואָראָנקאָ, האָט אַ אידיש ביכעל, און דוקא אויף „זשאַרגאָן" געשריבען, געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכעל — קאָן זיך דער העלד פון דער ביאָגראַפיע ניט דערמאַנען. ער געדענקט נאָר, אַז סאיז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע, פאַרסמאָלצעוועטע, צעפאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָהן טעוועלעך, און אפילו אָהן אַ פאָדערבלעטעל. שבת־צו־נאַכטס, אַלע בעלי־בתּים פון שטאָדט האָבען זיך צונויפגעקלויבען ביי רב נחום ווענויק'ס אויף „מלוה־מלכּה". די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיט'ן „וואָלכישען באָרשט", און דער עולם האַלט זין אונטער דערוויל. רב נחום לייענט אַ מעשה־ביכעל. דער טאַטע לייענט, און דער עולם זיצט אַרום טיש, רויכערט פּאַפּיראָסען און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך ביי די זייטען פאַר געלעכטער, און מע אונטערברעכט אַלע מינוט דעם פאָרלעזער און מע דריקט־אויס די גרויסע התפּעלות הויך אויף אַ קול, און עס שיטען זיך קללות אויפ'ן בעל־מחבר'ס אדרעס : „אָט אַ ימח־שמו'ניק ! אַ כּל־בו'ניק ! אַ ממזר ! אַ רוח אין זיין טאַטענ'ס טאַטען אריין !"... אפילו דער פאָרלעזער אליין קאָן זיך ניט איינהאַלטען, ווערט שיער דערשטיקט פאַר געלעכטער ! די קינדער ווילען ניט געהן שלאָפען, און שלום אודאי ניט. פאַרשטעהן וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטעהט ער ניט, נאָר ס'איז איהם גלאַט געפעלען צו זעהען, ווי אידען מיט בערד קאַטשען זיך, האַלטען זיך ביי די זייטען און שיסען־אויס אַלע מאָל מיט אַ געלעכטער. און ער זיצט פון דער־

אָפּגעשליסען, כּמעט נאַקעט און באָרוויס, נאָר די העלזער אָרומ־געוויקעלט מיט שאַרפּעס, וואָלענע, וואַרעמע שאַרפּעס. אַזוי ווי די היישעריקען האָבען זיי באַפּאַלען די אַכסניה, געגעסען אַלסדינג, וואָס מע האָט זיי געגעבען. דאָס איז שוין געווען אַ כּלל, אַז ווי־באַלד הונגעריגע — זענען דאָס געווען משוררים מיט אַ וועלט־באַריהמטען חזן. גאַנצע טעג האָט זיך דער וועלט־באַריהמטער חזן געקאַטשעט אויפ׳ן האַלז, אויסגעפּרובט זיין „קאָלאָוראַטור״ און געשלונגען רויהע אייער, און די זינגערלעך האָבען זיך געריסען אויף די גלייכע ווענט, מעהרסטענטייל געהאַט שוואַכע קולות, נאָר שטאַרקע אַפּעטיטען צום עסען, האָבען זיי דעריבער מיט זייער דאַוונען עפּים ניט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, נאָר אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען זיך און אָוועקגעפאָהרען אומבאַצאָהלטערהייט. דאָס האָט דער שטיפמאַמע, פאַרשטעהט זיך, שטאַרק ניט געשמעקט. האָט זי בּיסלעכווייז אָטלענטשעט די וועלט־באַריהמטע חזנים, גע־בעטען, זיי זאָלען שוין מוחל זיין פאַרפאָהרען בעסער צו ראובן יאַסנעגראַדסקי, מחמת עסערם האָט זי, קיין עין־הרע, אַליין גענוג, און שרייערם איז ביי איהר אויך דאָ אַ היבש ביסעל, ניט צו פאַר־זינדיגען... דער פּועל־יוצא איז געווען, וואָס ראַבינאָוויטש׳עס קינדער האָבען זיך אָנגעהערט אַזוי פיעל נגינה, אַז זיי זענען געווען קלאָר אויף אויסווענדיג, ווען מען געהער אָט די און די קדושה, און ווען מען געהער דער און דער „תּכנת־שבת״: צי פיצי דעם חזן, אָדער מיצי דעם חזן, אָדער דעם קאַשטאַנער חזן, אָדער דעם שעדליצער, אָדער דעם קאַלוואַריער חזן, אָדער גאָר ניסי בעלזער? עס זענען געווען צייטען, וואָס געזאַנגען האָבען זיך, אַזוי צו זאָגען, געטראָגען אַליין פון זיך אין דער לופטען, און אין קאָפּ האָט זיך געפלאָכטען אַ געדאַנק, און אין האַלז האָט זיך געקייקעלט און געקייקעלט עפּים אַ ניגונ׳דעל און ניט געלאָזט שלאָפען.

דאָס איז געווען מיט נגינה. און וואָס אָנבאַלאַנגט מוזיק, האָט דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע געהאַט די זעלבע געלעגענהייט צו הערען כּלי־זמר נאָך מעהר ווי חזנים, וואָרום סאַי

אזוי טענה'ט נחום ראבינאָוויטש און איז פון זיין שטאַנד־פּונקט אפשר גערעכט. הערט זשע אָבער, וואָס זאָגט דערויף יהושע־העשעל דער כּלי־זמר? יהושע־העשעל דער כּלי־זמר איז א איד איין עהרליכער, איין איידעלער איד, מיט צוויי גראָבע גערדיכטע פּאות. זאָגט ער בפּירוש: „וואָס געהער זיך אָן דאָס מיט דעם? ער האָט, זאָגט ער, אויך קינדער, ניט ערגער פון אַלע אַנדערע אידישע קינדער, און שקצים אויך גוטע, דער רוח האָט זיי ניט גענומען! אלא דעריבער איז וואָס? האָט איהר מורא, אַז זיי שפּיעלען ניט ביי איהם אויף אַלע אינסטרומענטען?... און בנציון דער כּלי־זמר וואָס זאָגט? אָט דער בנציון, וואָס האָט אויסגעלעהרענט די אַלע אויסגערעכענטע בחורים'לעך פיעדעל שפּיעלען, איז אַליין א איד מיט איין איינגעפאַלענער נאָז, און דעריבער פאָנפעט ער א ביסעל אונטער. האָט ער אויסגעפּרובט נחום ראבינאָוויטש'עס יונגעל, געגעבען איהם די ערשטע פּאָר לעקציעס פון ערשטען חלק „בעריאָט", האָט ער אַליין געזאָגט פאר אַלע יונגלעך, אַז אָט דאָס בחור'על איז א „פּאַלאַנף". אויף בנציונ'ס פאָנפעוואטע לשון האָט דאָס באַדאַרפט הייסען א „טאַלאַנט"... צי ער האָט טאַקי געהאַט א טאַלאַנט אָדער ניט — דאָס ווייסט ניט שלום. ער ווייסט נאָר, אַז פון קינדווייז־אָן געהט ער אוים שפּיעלען און איז די כּפּרה נאָך א פיעדעל, און ווי אויף צו־להכעים, גלייך ווי מע וואָלט זיך וועלען רייצען מיט איהם, האָט ער זיך שטענדיג געפונען אין א וועלט פון געזאַנג און מוזיק, צווישען חזנים און כּלי־זמר.

חזנים און משוררים זענען כּמעט קיינמאָל ניט אַרוים פון זייער שטוב, ווייל נחום ראבינאָוויטש איז אַליין געווען א בעל־תּפילה און א יודע־נגן, און דערצו איז זייער איינפאָהר געוועזן, קאָן מען זאָגען, די איינציגע סטאַנציע פאַר חזנים. עס איז ניט אוועק קיין שבת־מברכים, ס'זאָל ניט קומען צו פאָהרען א בויד, אָנגעפּאַקט מיט מאָדנע פּאַרשוינען, לעבעדיגע, ריהרעוודיגע, אַלע הונגעריגע. געגאַנגען זענען זיי, מעהרסטענטייל, אָפּגעריסען און

פעהלט ? איין אינסטרומענט, אַ פּיעדעל. און אַ פּיעדעל קאָסט געלט, און קיין געלט איז נישטאָ ! וואָס טהוט מען ? — דארף מען, הייסט דאָס, קריגען געלט... אָט דאָ, בּיי דעם געלט קריגען, האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, אַ קאָמישע, נאָר אַ טרויעריגע. אַ מין טראַגי־קאָמעדיע.

יהושע־העשעל דער כּלי־זמר מיט די גראָבע פּאות, סאַי בּנציון מיט דער איינגעפאַלענער נאָז האָבּען געוואוינט ניט ווייט פון חדר, אַזוי, אַז מע איז געגאַנגען אין חדר אַריין, האָט מען באַדאַרפט דורכגעהן פאַרבּיי יהושע־העשלען און פאַרבּיי בּנציונען. דאָס הייסט, קיין מוז איז דערבּיי ניט געווען: מע האָט זעהר שען געקאָנט אויסמיידען, און ווען מע מיידט זיי אויס, וואָלט געווען אַ סך נעהענטער. האָט אָבּער שלום ליעבּ געהאַט דוקא געהן פאַרבּיי זיי און דוקא בּלייבּען שטעהן אונטער׳ן פענסטער און הערען, ווי בּנציון דער כּלי־זמר לעהרענט די יונגלעך פיעדעל שפּיעלען, אָדער ווי יהושע־העשעל דער כּלי־זמר מאַכט רעפּעטיציע מיט זיינע בּנים, וואָס שפּיעלען אויף אַלערליי אינסטרומענטען. און דעמאָלט איז געווען איהם ניט אָפּצורייסען און ניט אָפּצוטרייבּען. יהושע־העשעל׳ס בּנים האָבּען דאָס בּאַמערקט, האָט דער עלטערער, העמעלע, איהם מכבּד געווען איין מאָל מיט׳ן סמיטשיק, דאָס אַנדערע מאָל מיט אַ קוואָרט וואַסער — עס האָט אָבּער ניט געהאָלפען. דורך איין ציגאַר טיטון איז מען מיט העמעלען געוואָרען חבר, און שלום איז געוואָרען אַ בּן־בּית בּיי יהושע־העשעל דעם כּלי־זמר, נישט דורכגעלאָזט קיין איין רעפּעטיציע — און רעפּעטיציעס זענען געווען דאָרט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, — און דורך זיי האָט ער זיך בּאַקענט מיט׳ן גאַנצען בּינטעל מוזיקאַנטען, מיט דער גאַנצער כּלי־זמר׳שער משפּחה, מיט זייערע ווייבּער און קינדער, מיט אַלע זייערע זיטען און מנהגים, מיט זייער אַרטיסטיש ציגיינער־לעבּען, און אפילו מיט זייער שפּראַך, „כּלי־זמר־לשון״, וועלכעס ער האָט דערנאָכדעם, שוין אַלס שלום־עליכם, טיילווייז אויסגענוצט אין זיינע ווערק: „אויפ׳ן פיעדעל״, „סטעמפּעניו״, „בּלאָנזענדע שטערען״ און אַנדערע.

אַלזאָ, ווי איהר זעהט, איז אין לערנען פיעדעל שפּיעלען ניט געווען קיין מניעה. געהערט האָט ער געהאַט גענוג. אַ טאַלאַנט, זאָגט בּנציון דער כּלי־זמר, האָט ער אויך געהאַט. וואָס זשע נאָך

טיש, דאָס טישקעסטעל צונעשלאָסען, נאָר די שליסעלעך העננען דערביי — א דרעה מיט׳ן שליסעל, און דאָס טישקעסטעל איז אָפען. וואָס אין טישקעסטעל טהוט זיך — ווייסען אלע. דאָרט געפינען זיך ביכער, בריעף, חשבונות און געלט. איין טייסטער א גרויסער, א גראָבער, אָנגעשטאָפּט מיט אסיגנאציעס — ווער ווייסט, וויפיעל דאָרט איז! און א חוץ דעם טייסטער — א לעדערן בייטעלע, איין אלטס, איין אָפּגעקראָכענס, נאָר שטענדיג פול מיט קליינגעלט, זילבערנע און קופערנע מטבעות, אויך היבשליך — הלואי פארמאָגט דאָס אזא יונגעל, ווי שלום, האָטש האלב, וואָלט איהם אויך געננג געווען אויף צו קויפען די בעסטע פיעדעל אין דער וועלט...

ניט איין מאָל האָט וואָלפסאָהן געהאַט גערעפענט דאָס טיש־קעסטעל פאר איטליכען אין די אויגען, און, ניט ווילענדיג, האָט שלום געחאַפּט א קוק אויפ׳ן אָנגעפּאַקטען טייסטער מיט אסיג־נאציעס, און דערהויפּט — אויפ׳ן לעדערן בייטעלע מיט מינץ, און זיין גרעסטער וואונש איז געווען, אז וואָלפסאָהן זאָל אמאָל פאר־לירען אָט דאָס בייטעלע און ער, שלום, זאָל דאָס געפינען. דאָס וואָלט געווען, ווי מע זאָגט, א כשר׳ער טאָפּ מיט א כשר׳ען לעפעל... „השבת אבידה״ איז טאַקי איינע פון די גרויסע מצוות. נאָר פאר־מאָגען אָט אזא בייטעלע מיט קליינגעלט איז נאָך מעהר מצוה... וויל ער אָבער ניט פארלירען, דער ליטוואק!... פועל׳ט ביי זיך שלום און איז זיך מתיר נדר, אז ווען וואָלפסאָהן גיט איהם, למשל, די הויזען אויספוצען און פארגעסט דאָרטען דאָס בייטעלע, וואָלט ער עס איהם א מכה אָפּגעגעבען צוריק! ס׳האָט זיך ארויסגע־גליטשט פון קעשענע בשעת רייניגען — וואָס איז ער שולדיג?... איז אָבער וואָלפסאָהן אויך ניט קיין נאָר. אלע מאָל, ווען ער גיט די קינדער פוצען די מלבושים, לעדיגט ער פריהער אויס אלע קעשענעס — א ליטוואק בלייבט א ליטוואק! פארדריסט דאָס שוין שלומ׳ען. איז ער זיך מיישב איינמאָל, אז ס׳איז יאָ אזוי, אז פארלירען ניט און פארגעסען אויך ניט, באַדאַרף מען געבען

54

לא תגנוב!

דעם אורח׳ס בייטעלע מיט קליינגעלט. — ער באגעהט א גנבה און האט חרטה. — ווי אזוי ווערט מען פטור פונ׳ם בייטעלע?

צווישען די אורחים, וואס האבען זיך אפגעשטעלט ביי די ראבינאוויטשעס אין „איינפאהר”, איז געווען איינער א באשטענדיגער אורח, א איד א ליטוואק, א תבואה־הענדלער פון פינסק, מיט׳ן נאמען וואלפסאהן. דער וואלפסאהן פלעגט איינשטעהן חדשים־לאנג און האט זיך געהאט זיין שטענדיגען חדר, וואס מע האט איהם גערופען „וואלפסאהנ׳ס חדר” (אפילו דעמאלט, ווען וואלפסאהן אליין איז גאר געווען אין פינסק). און אויך א סאמאוואר א באזונדערען האט ער געהאט — „וואלפסאהנ׳ס סאמאווארעל”. און געווען איז דער וואלפסאהן ביי די ראבינאוויטשעס א מענטש א היימישער, גענעסען דאס, וואס אלע עסען, און אז די בעל־הבית׳טע (די שטיפמאמע) איז געווען עפיס ניט אזוי אויפגעלעגט, האט ער געחאפט פון איהר א פסק גלייך מיט אלעמען, ווי איין אייגענער... געטראגען האט ער אין שטוב א קורץ חאלאטעל, און אמאל איז ער געגאנגען גאר אהן א חאלאט, און גערויכערט האט ער מורא׳דיג גראבע געבלעטערטע ציגארען, און ליעב געהאט צו רעדען, האלטענדיג די געבלעטערטע ציגארען אין מויל, די הענט אין די הויזען, און גערעדט — נייען מאס רעד! דער חדר איז געווען אפען, דאס סאמאווארעל ביי׳ם

ערשט האָט ער דערזעהען פאַר זיך דעם גראָבען טייסטער איין אָפענעם, פול און פול געפּאַקט מיט פּאַפּיער־געלט: צעהנערלעך רויטע, פינפערלעך בלויע, דרייערלעך גרינע, און איינערלעך געלע — ווער ווייסט, וואָס דאָס האָט געקאָנט באַטרעפען? ! איין פּאַפּיערעל א רויטינקס ווען ער טהוט נאָר א שלעפּ־ארויס פון דאָרטען — איז ער דאָך שוין א געהאָלפענער! ווער וועט זיך ארומקוקען? נעם זשע, שוטה, און שלעפּ־ארויס — ניין! קאָן ער ניט! עס טרייסלען זיך איהם די הענט, עס קלאַפּט איהם א צאָהן אויף א צאָהן און עס פאַרציהט איהם דער אָטעם. ער האַפּט בעסער א קוק אויפ'ן לעדערנעם בייטעלע — ס'איז געפּאַקט! ער וויל דאָס א נעם טהון — פאָלגט איהם ניט די רעכטע האַנט. עפענען דאָס בייטעלע און אַרויכנעמען פון דאָרט עטליכע זילבערנע מטבעות וואָלט אויך געוועזען נייעקישה — איז צופיעל ארבייט. נעמען דאָס בייטעלע און אריינרוקען דאָס אין קעשענע — וועט מען זיך באַלד ארומקוקען. דערווייל די צייט שטעהט ניט און די מינוטען ציהען זיך. א מינוט א יאָהר... און דאָ דערהערט זיך א שאָראָך — אהא, ער שקראַבעט שוין, דער ליטוואַק, מיט די אויסגעטראָטענע שטעק־שיך... א דרעה דעם שלאָס מיט דער רעכטער האַנט צוריק — און לאָזט זיך געהן פון חדר וויעדער מיט לעדיגע הענט, רעכענט באַגעגענען זיך מיט עמיצען, צום סוף — ווער? וואָס? ניטאָ קיינער! געהן נאָך א מאָל צוריק — שוין צו שפּעט. באַדאַרפט פריהער! דורכגעלאָזט אזא געלעגענהייט!... „ביזט א אידיאָט, שלום! דו ביזט ביידע זאַכען — אי א גנב, אי א אידיאָט!"...

דער דריטער סעאַנס, אין א צייט ארום, איז שוין גאָר אָפּ־געלאָפען גלאַט. ער האָט אויסגעמידען די פריהעריגע הכנות, ניט געמאַכט קיין שיהות, נאָר גלייך צום טיש, אויפגעעפענט דעם שלאָס, אַריינגעשטעקט די האַנט אין שיפלאָד, געגעבען א נעם דאָס בייטעלע, געגעבען דאָס א לאָז אין קעשענע, צוגעמאַכט צוריק דעם שיפלאָד און אוועק מיט די ביכלעך אין קלאַס אריין, דווקא ניט געחאַפּט זיך, דווקא פּאַוואָלי, און, דאַכט זיך, אזוי קאַלט־

א קוק אריין אין בייטעלע, האַטש וויסען, וויפיעל קליינגעלט דאָרט געפינט זיך... און מיט דער דעה, ניט חלילה אויף צו באַגעהן א גנבה, נאָר גלאַט אזוי אויס נייגיעריגקייט, האָט שלום איינמאָל אין א פריהמאָרגען ארייגעחאַפּט זיך צו וואָלפּסאָהנען אין חדר'על אריין, זיך ארומגעדרעהט א ווײלע, בלומרשט אויפגערוימט בײ'ם טיש, בשעת דער ליטוואַק איז געשטאַנען אין זאַל מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל און געגראַגערט. פונ'ם דאָזיגען ארומדרעהען זיך איז אָבער נישט ארויסגעקומען גאָרנישט. ביי'ם אָנריהרען מיט דער האַנט די קאַלטע שליסעלעך, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דאָס בינטעל שליסעלעך האָט אויפגעהויבען א גוואַלד עד לב השמים, און עס האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען הענט און פיס. האָט ער זיך געגעבען א דרעה־אויס און אוועק פון וואָלפּסאָהנ'ס חדר'על מיט לעדיגע הענט.

דער ערשטער סעאַנס איז איהם ניט געראָטען, האָט ער גע־וואַרט אויף א צווייטען מאָל, זיך אליין אויסגעוואָרפען, אז ער איז א גנב. „ביזט א גנב, שלום! האָסט דו נאָר געהאַט איין מחשבה א שלעכטע, ביזט דו שוין א גנב... א גנב! א גנב!"...

דער צווייטער סעאַנס האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען. וואָלפּסאָהן האָט פיינט געהאַט זיצען איינער אליין ביי זיך מיט די פיער ווענט. אין זאַל זענען געווען נאָך אורחים. האָט ער בעסער פאַרבראַכט אין זאַל, גערויכערט און גערעדט, ווי אלע מאָל. שלום האָט זיך ווידער א מאָל ארייגעחאַפּט אין וואָלפּסאָהנ'ס חדר'על. איצטיגס מאָל שוין מיט דער דעה ניט א קוק צו טהון, נאָר טאַקי עפּיס געניסען אויך. סאַי־ווי־סאַי א גנב... ארייגעחאַפּט זיך, האָט ער זיך איבערגעבויגען מיט'ן גאַנצען גוף איבער'ן טיש, גלייך ווי ער וואָלט וועלען עפּיס דערלאַנגען פונ'ם אַנדערען ברעג טיש, מיט דער לינקער האַנט געגעבען א נעם דעם קאַלטען שליסעל, א דרעה רעכטס — דער שלאָס האָט זיך געעפענט מיט א שטילען קלאַנג — דזין! — און אַנשוויגען געוואָרען. ער האָט געגעבען א קוק אריין אינוועניג און איז געבליבען א פאַרציטערטער. צו־

ביי׳ם בייטעלע... פאַר גרויס אימפעט האָט ער אפילו פאַרגעסען געבען אַ קוק אריין, וואָס אין בייטעלע טהוט זיך... ער האָט קוים דערלעבט, די לעקציעס זאָלען זיך ענדיגען און ער זאָל שוין קומען אהיים, וועט ער זיך אריינחאַפּען אויף אַ רגע׳לע אין שטאַל, אַ קוק טהון האָטש פון אויבען־אויף — וויפיעל? וואָס פאַרמאָגט ער איצטער?...

געקומען אהיים, האָט ער געטראָפען אַ חורבן, איין איבער־קעהרעניש! דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט איז צעוואָרפען, די קיך — מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ. די שיקסע וויינט, שווערט, חאַפּט די ערד, אַז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. דער טאַטע איז אויס מענטש, שוואַרץ ווי די ערד. אַזש איינגעבויגען אין דרייען. די שטיפ־מאַמע פייערט, שעלט, לעגט די תּוכחה — אויף וועמען? שווער צו וויסען. וואָרום די קללות געהען ביי איהר מיט אַ לשון־רבּים, אין אַ מעהרצאָהל: „פון אונטער דער נאָז זאָל מען צונעמען — נעמען זאָל אַ י י ך דער שוואַרצער יאָהר!" „אריין אַ בייטעל מיט געלט אין דער ערד אריין — אין דער ערד זאָלט אַ י ה ר אריין!" „קיינער האָט ניט געזעהען דאָס בייטעלע — ניט זעהען זאָלט אַ י ה ר די וועלט!" „וואָסער אורח וועט דאָ וועלען שטעהן — שטעהן זאָלט אַ י ה ר פּראַווצעם!"... און דער אורח אליין, וואָלפסאָהן מיט׳ן חאַלאַטעל, שטעהט מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל, האַלט די הענט אין די קעשענעס, קוקט אויף די קינדער, שמייכעלט און רעדט צו זיך אליין: „ערשט היינט אין דער פריה געהאַלטען די בייטעלע, פון שטוב ניט ארויס־געגאַנגען"...

— האָט איהר ניט געזעהען דאָס בייטעלע? — פרעגט דער טאַטע ביי די קינדער, און שלום שטעלט זיך ארויס פאַר אַלע:

— וואָסער בייטעלע?...

זעלטען־ווען דער טאַטע איז אין כּעס. איצט קאָן ער שוין ניט איינהאַלטען זיך און פאַלט־אָן אויף זיין ליעבלינג און קרימט איהם איבער:

בלוטיג, כמעט שלעפעריג. נאָר ארויסגעהענדיג פון שטוב האָט ער דערפיהלט, אז דאָס בייטעלע בריהט איהם דורך דער קעשענע דאָס לייב, און אז ער דאַרף עס ביי זיך ניט האַלטען בשום אופן ואופן! ווער שמועסט, דעם ערשטען טאָג — אודאי און אודאי ניט! און אָנשטאָט דעם, ער זאָל געהן אין קלאַס, חאַפּט ער זיך אריין אין שטאָל אריין, דאָרט, וואו מע האַלט האָלץ, אָנגעהאַקט האָלץ, בויגט זיך אָן און טהוט א רוק אריין דאָס בייטעלע אין ווייטען, פינסטערען ווינקעל אריין, צווישען האָלץ און צווישען דער וואַנט, מאַכט א סימן מיט'ן אויג, ער זאָל געדענקען דעם אָרט אקוראַט — און מאַרש אין קלאַס אריין.

האָט זיך אייך געטראָפען ווען באַגעגענען איינעם מיט א פלאַמענדיג פנים, מיט ברענענדיגע אויגען, וואָס איז מאָדנע אויפגערוימט און איז גרייט פאַר אייך אין פייער און אין וואַסער, נאָר ער איז עפּיס צעטראָגען, אריינגעטהאָן אין זיך — זאָלט איהר וויסען, אז דער חברה־מאַן ווייסט עפּיס א זאַך, וואָס נאָר ער ווייסט און גאָט, און ווייטער קיינער ניט. אָט אזוי האָט אויסגעזעהען יענעם פריהמאָרגען דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע. ער האָט אַלעמען געקוקט אין די אויגען אריין, ווי א זינדיגער מענטש. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז אַלע זעהען, אז ער ווייסט עפּיס זעהר־זעהר א הייליגען סוד... זיין חבר אלי, וואָס האָט איהם געקענט מעהר ווי אַלע, האָט איהם א פרעג געגעבען: „שלומאָנטשיק! וואָס איז מיט דיר? האָסט שוין וויעדער עפּיס אויסגעמאָהלט א צאַצקע מיט א קריידעל אויפ'ן פּאַרקאַן?"...

„האַלט'ס מויל, אליק, וואָרום אָט מאָהל איך דיר אויס א צאַצקע אויף דער פיזיאָנאָמיע, וועסט דו פאַרגעסען, ווי מע רופט דיך!"

„טאַקי? אנו, פּרוב, לאָמיר זעהען, ווער וועמען!" — און אלי האָט שוין פאַרקאַטשעט די אַרבעל, גרייט געווען צו געבען אויסגאַב, ווי ער קאָן. זיין חבר איז אָבער ניט געלעגען אין זינען שלאָגען זיך. זיין קאָפּ און אַלע זיינע געדאַנקען און אַלע זיינע חושים זענען געווען דאָרטען, אין שטאָל פון געהאַקטען האָלץ,

דער רעש מיט׳ן טאַרעראַם האָבען זיך א ביסעל איינגעשטילט און די שטוב־צרות מיט די דאגות־פּרנסה האָבען ארויסגעשטויסען אויף א ווײלע דעם הארמידער פון דער גנבה. האָט זיך דער קלײנער גנב ארײנגעחאַפּט אין הויף, ארײנגעחאַפּט זיך אין שטאַל פון האָלץ, פּאַוואָלי זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, ארויסגעצויגען פון צווישען וואַנט דאָס בײטעלע, אויפגעעפענט דאָס, געגעבען א קוק ארײן — און... דאָרטען איז געלעגען איין אַלטע, אָפּגעריבענע מטבע פון פּאַרצײטען, וואָס האָט אמאָל געדאַרפט באַטרעפען צעהן קאָפּיקעס, נאָר היינט איז זי ניט ווערטה גאָרניט, וואָרום קײנער נעמט זי ניט!... און דאָס בײטעלע אַלײן איז אויך ניט ווערטה גאָרניט. א בײטעלע א פּאַרזעהעניש, א שלעסעל דער רוח ווײסט וואָסערס, דאָס לעדער אָפּגעבאַרעט און פעט־פּאַרסמאָלצעוועט, בײ די ברעגעס אײנגעקאָרטשעט און פּאַרגעלט, ווי בײ אײן אַלטער באַביצע די הויט פון פּנים — אזא בײטעלע האַלטען אין די הענט איז מוקצה מחמת מיאוס!... טאַקי כּדאי געווען צוליעב אזא פּאַסקודסטוועע אָפּטהון אזא מיאוס׳ע זאַך, עובר זיין אויף א לאו פון די עשרת הדברות: „לא תגנוב״!...

ארײנגעקומען אין שטוב ארײן, איז איהם די שטיפמאַמע מכבּד מיט ארײנטראָגען דעם אורח דעם סאַמאָוואַר. דער אורח (וואָלפּסאָהן) האָט א טבע איטליכס מאָל, ווען מע טראָגט איהם ארײן דעם סאַמאָוואַר, רײבט ער א האַנט אָן א האַנט און טהוט א זאָג מיט א ניגון און מיט א גראַם: „אָט אזוי! אציגד וועלען מיר טרינקען טײ!״... איצטיגס מאָל האָט ער צוגעלעגט אויך די ווערטער: „וואָס זשע הערט זיך — ניטאָ די בײטעלע?״... און האָט געגעבען בעת מעשה א קוק ארײן דעם בחור׳על אין די אויגען ארײן, און עס האָט זיך געלאָזט הערען א פּאַרבאָרגענע איראָניע סאַי אין די ווערטער, סאַי אינ׳ם קוק... און אפשר האָט זיך עס נאָר אויסגעוויזען אזוי? ווי זאָגט מען דאָס: „עס ווײסט די קאַץ וועמענ׳ס פלײש זי האָט אויפגעגעסען״... אָדער: „אויפ׳ן גנב ברענט דאָס היטעל״... יעדענפאַלס, האָט דער גנב אין דער

— „וואָסער בייטעלע?" וואָס זאָגט איהר אויף דעם תּם? א גאַנץ פריהמאָרגען הערט ער „בייטעלע־בייטעלע! בייטעלע־בייטעלע!" — פרעגט ער גאָר: וואָסער בייטעלע!...

און צום אורח זאָגט דער טאַטע:

— וויפיעל פאָרט איז דאָרט געווען געלט ביי אייך אין בייטעלע?

— עס האַנדעלט זיך ניט אום געלט, — ענטפערט וואָלפסאָהן אויף זיין ליטוויש לשון — דאָ האַנדעלט זיך אום די בייטעלע! ערשט היינט אין דער פריה געהאַלטען די בייטעלע, ניט ארויס־געגאַנגען פון שטוב ניט ארויסגעגאַנגען!...

ניין, איצט איז ניט די צייט אויף געוואוירע צו ווערען, וויפיעל געלט עס געפינט זיך אין בייטעלע. שלום איז ניט אזא אידיאָט, ער זאָל איצטער, אויף דער הייסער שעה, געהן אין שטאָל אריין טרויבערען דאָס בייטעלע. ער קאָן באַשטעהן אָפּ־לעגען די אַרבייט אויף מאָרגען, אָדער אויף איבערמאָרגען. דער־ווייל דאַרף מען זיך נעמען צו די ביכלעך, חזר'ען די געאָגראַפיע מיט דער היסטאָריע אויף אויסווענינ, מאַכען א פּאָר טעאָרעמעס פון געאָמעטריע... נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג. און דאָ אין שטוב קאָכט זיך! די שיקסע האָט מען שוין אָפּגעשאַפּט. די שטיפמאַמע פייערט. דאָס גאַנצע הויז איז אויף רעדלעך. אַלע זוכען דאָס בייטעלע, און שלום זוכט גלייך מיט אַלעמען, טהוט א קוק אויפ'ן טאַטענ'ס פּנים, און עס פאַרגעהט איהם דאָס הארץ, קאָן ניט זעהען, ווי ער געהט איינגעבויגען, קאָן ניט הערען, ווי ער זיפצט און ווי ער קרעכצט. און ערשט דאָ דערפיהלט דער גנב, וואָס פאַר א מיאוס'ע זאַך ער האָט אָפּגעטהאָן, און ער האָט חרטה אויף דער מעשה, איז אויפגעטראָגען אויפ'ן יצר־הרע, וואָס האָט איהם אָנגערעדט אויף אזא עבירה, ארויפגעפיהרט אויף א גליטש...

ווי א יאָהר האָט זיך געצויגען יעדע שעה, ווי איין אייביגקייט האָט אויסגעוויזען דער טאָג. קוים דערלעבט דעם פאַרנאַכט, ווען

שבת בייטאָג. סוף זומער. אין דרויסען איז נאָך וואַרעם. אידישע קינדער שפּאַציערען נאָך אָהן אויבערשטע מלבושים. מיידלעך געהען נאָך מיט זאָנטיקלעך. צווישען די, וואָס האָבען שפּאַציערט, האָט זיך געפונען אויך דער העלד מיט'ן בייטעלע. ס'איז געלעגען פאַרבאָרגען ביי איהם ווייט אין א קעשענע, אָנ־געפּילט מיט שטיינדלעך, בכדי אז ער וועט דאָס אַראָפּלאָזען פון בריק אין טייך אריין, זאָל עס מיט זיכערקייט אַראָפּ טיעף אויפ'ן אָפּגרונט פונ'ם וואַסער. איז אָבער די צרה, וואָס די בריק איז פאַרפלייצט מיט מענטשען — און ער דאַרף, אז קיינער זאָל ניט זעהען, ווי אזוי ער וועט מאַכען די אָפּעראַציע. דרעהט ער זיך אַרום הין און צוריק, פאַרקוקט איטליכען אין די אויגען, און ער וואָלט געמעגט שווערען, אז אַלע קוקען אויף איהם עפּיס מאָדנע... און אפשר ווייזט זיך איהם נאָר אוים אזוי? אַלץ די אייגענע מעשה: „אויפ'ן גנב ברענט דאָס היטעל"... נאָר אָט האָט איהם גאָט געהאָלפען — ער האָט זיך פאַרשלאָגען אין א ווינקעל אונטער א גרויסען סלופּ פון די סוואיעס, אויף וועלכע עס האַלט זיך די בריק, אריבערגעבויגען זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער איבער דער פאַרענטשע, איינגעקוקט זיך כּלומרשט אין וואַסער אריין, גלייך ווי דאָרטען וואָלט ער דערזעהען גאָט ווייסט וואָס פאַר חידושים, אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט זיין קעשענע, וואו דאָס פאַרשאָלטענע בייטעלע ליגט, דערפיהלט אין האַנט א מיאוס'קייט, א לעבעדיגע זאַך, א מין שרץ... אַרויסגעצויגען דאָס פּאַוואָלינקע פון קעשענע און צענומען די פינגער און אַרויסגעלאָזט דאָס פון דער האַנט. פּליוך — אוים בייטעלע! אויפ'ן אָרט, וואו דאָס בייטעלע איז געפאַלען, האָט זיך באַוויזען א רעדעל. דאָס רעדעל איז געוואַקסען ברייטער און ברייטער, און פון דעם רעדעל איז באַשאַפען געוואָרען נאָך א רעדעל און נאָך א רעדעל. ער האָט גאָר ניט געקאָנט אָפּרייסען די אויגען פון דעם אָרט, וואו זיין עבירה איז געווען

מינוט פיינט געהאט דעם אורח וואָלפּסאָהן מיט סכּנות, נישט געקאָנט אָנקוקען זיין ליטוויש פּנים מיט זיין ליטווישען לשון: „די בייטעלע”, און ער האָט זיי ביידען ביי זיך אין הארצען געשאָלטען מיט קללות נמרצות!... וואָס טהוט מען מיט'ן פאַר־שאָלטענעם בייטעלע? ס'איז ניט קיין תּכלית, טאָמער געפינט מען דאָס אין שטאַל צווישען האָלץ! וואָלט מען זיך ניט צו־געאיילט אזוי אָפּצושאַפען די שיקסע, וואָלט געווען דער בעסטער פּלאַן אונטערוואַרפען דאָס בייטעלע. איצט אָבער, אַז די שיקסע האָט מען שוין לאַנג דורכגעטריבען, קאָן דאָך ערשט פאַלען דער חשד אויף די קינדער — שלעכט!...

ביינאַכט האָט ער לאַנג ניט געקאָנט אנשלאָפען ווערען. ער האָט ביי זיך אַליין ניט געקאָנט פּועל'ען, אַז דאָס איז ניט קיין חלום, קיין בייזער חלום. ניט שוין זשע איז דאָס אמת? ניט שוין זשע איז ער אַ גנב? אַ פּשוט'ער גנב?!... און עס באַ־שלאָגט איהם אזש אַ שוויים, ווי אזוי אַ מענטש קאָן פאַלען!... און וואָס וועט זיין ווייטער?... ווייטער ווערט ער אנשלאָפען און עס פּלאָנטען זיך איהם בייטעלעך, און די בייטעלעך זענען ניט קיין בייטעלעך, נאָר לעבעדיגע מיאוס'ע באַשעפעניש̈ען, אָפּגע־קראָכענע, געלע און איינגעקנייטשטע, און קאַלטע און נאַסע, אזוי ווי שרצים, זשאַבעס... און זיי ריהרען זיך און זיי קריכען איהם איבער'ן לייב, פאַרקריכען אונטער'ן קאָלנער, אונטער די פּאַכוועס — בררר!... ער חאַפּט זיך אויף, קוקט אונטער דער קאָלדרע, טאַפּט זיך דאָס לייב — דאַנקען און לויבען גאָט, ס'איז נאָר אַ חלום... יאָ, אָבער ווי אזוי ווערט מען פּאָרט פּטור פונ'ם בייטעלע? ס'איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, סיידען פאַרוואַרפען דאָס ערגיץ אין אזא אָרט, אַז קיין פויגעל זאָל ניט וויסען. פרעגט זיך: וואוהין? צום גויישען שכן אין גאָרטען אריין? ערגיץ ווייט אויפ'ן הייליגען אָרט? אין דער ווייבערשער שוהל? ניין. דאָס בעסטע וועט זיין — פון דער בריק אין טייך אריין. און די בעסטע צייט דערויף איז שבת. און אזוי איז דאָס געבליבען.

55

דעם חזנ׳ס מיידעל

צאלי דעם חזנ׳ס טאכטער. — א פלאם־פייעריג פארליעבעניש. — איין איבערשרייבעניש צווישען צוויי יונגע הערצער. — זיין בריעף פאלט־אריין אין פרעמדע הענט.

די זעלבע ראָלע, וואָס אין דער גרויסער שטאָדט שפּיעלען איצט גימנאַזיסטען און סטודענטען, האָבען אין דער קלענערער שטאָדט אין יענער צייט געשפּיעלט די תּלמידים פון דער „אויעזדנע״. איין זאַך האָט זיי נאָר געפעהלט — א באַזונדערע אוניפאָרם. ווייטער זענען דאָס געווען העלדען אין פולען זין פון וואָרט. זיי איז געווען דערלויבט אַלסדינג, וואָס פאַר סתּם חדר־יונגלעך איז ניט געווען דערלויבט. אשטייגער, אָפּצוטהון א שפּיצעל דעם שמש פון שוהל, באָדען זיך אין טייך אויסער דער „קופּאַלני״, פראַוועןן ליצנות מיט וועמען זייער הארץ געלוסט, און אפילו רעדען מיט א מיידעל, נאָר אַבּי פון לייטישען שטאַנד, פון בעל־הבּתּישען גראַד. און מיידלעך זענען געווען נאָך זיי די כּפּרה! איך מוז מיך אָבער פאַרהאַפּען באַלד אויפ׳ן אָרט און מאַכען א באַמערקונג, אז דאָס איז ניט געווען קיין „פלירט״ און ניט קיין ראָמאַנען. דאָס זענען געווען די ריינסטע און סאַמע הייליגסטע באַציהונגען, וועלכע זענען נאָר מעגליך צווישען יונגע קינדער פון ביידע מינים. עס וועט ניט זיין איבּערטריבּען אויף א האָר, ווען איך וועל זאָגען, אז די באַציהונגען צווישען מלאָכים קאָנען ניט זיין ריינער און אומ־

דערטרונקען און זיין סוד איז געווען באגראבען אויף אייביג. נאר א שענע שטימע האט איהם אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות, און א זיסער געלעכטער האט איהם אפגעקלונגען אין די אויהערען.

— פישעלעך שווימען? חא־חא, וואס דען שטעהט מען אזוי לאנג און מע קוקט?

ער דרעהט־אויס דעם קאפ און דערזעהט דעם חזנ׳ס מיידעל מיט איהרער א חבר׳טארין.

— איהר זענט שוין דא לאנג? — טהוט ער א פרעג ביי׳ם חזנ׳ס מיידעל מיט דער חבר׳טארין.

— די גאנצע צייט, חא־חא! — ענטפערען זיי איהם ביידע מיט א געלעכטער. ביי זיי איז דאס א געלעכטער, און איהם ווערט איינגעפאלען אינווענינ, טאמער האבען זיי געזעהען וואס ער האט געטהאן...

נארישער בחור׳על! אומזיסט געווען זיין מורא. איהם האט אפגעווארט איין אנדער צרה, וואס דערויף האט ער זיך גאר ניט גערעכנט. איהם איז באשערט געווען איבערצולעבען, ווי מיר וועלען דאס באלד זעהען, א נייע דראמע מיט׳ן נאמען „דעם חזנ׳ס מיידעל".

ע ר: מיין טאטע וועט זיך חאפּען, וואו בין איך.
ז י: אויב איהר זענט א יונגעלע, וואָס האָט מורא פאר'ן טאטען...

ווייטער לאָזט ער זי ניט ענדיגען, וואָרום עס דערלאנגט איהם ביי דער זיעבּעטער ריפּ. סטייטש — מע זאָגט איהם, אז ער איז א יונגעלע, וואָס האָט מורא פאר'ן טאטען! און ו ו ע ר זאָגט דאָס איהם?!... ער געפינט איין אויסרעד אויף ארויסצודרעהען זיך אָבּער קונציג, ווי א מזיק. ער האָט איהר וואָס צו זאָגען א נויטיגע זאך. נאָר אזוי ווי זי איז ניט אליין, זי איז מיט איהר חבר'טאָרין, קאָן ער עס איהר ניט זאָגען. דעם חזנ'ס מיידעל ווערט רויט און טהוט א וואונק צו איהר חבר'טאָרין, זי זאָל אָפּ־געהן א פּאָר טריט ווייטער. יענע פאָלגט, און זיי בּלייבען אינ־צווייען. זי איז גרייט אויסצוהערען דעם סוד. ער לאָזט זיך ניט לאנג ווארטען און, פּלאָנטענדיג מיט דער צונג, גיט ער איהר איבּער אָט וואָס: „ער האָט איהר שוין לאנג געוואָלט זאָגען, אז ער וואָלט א בּעלן געווען זעהען זיך אמאָל מיט איהר אליין, אָהן באגלייטערינס, אָהן חבר'טאָרינס". „מאַלע וואָס! און זי וואָלט דען ניט געוואָלט רעדען מיט איהם אונטער פיער אויגען, אָהן באגלייטערינס און אָהן חבר'טאָרינס? — קאָן זי אָבּער ניט. מע לאָזט זי ניט אָפּ אליין. די מאמע גיט אכטונג, זי זאָל ניט זיין אליין. נאָר ער בּאדארף ניט מורא האָבּען פאר איהר חבר'טאָרין. זי איז א מיידעל א שטילע, איין עהרליכע, און האָט אליין אויך געהרען, א בּחור זאָל מיט איהר רעדען, און אויב ער וויל וויסען, איז אָט דאָס מיידעל אויך פארליעבּט אין א בּחור"... „א ו י ך פארליעבּט? איז די משמעות, אז זי, דעם חזנ'ס מיידעל, איז א ו ד א י פארליעבּט? וואָלט ער ועלען וויסען, ווער איז יענער גליקליכער?"... „אז ער וועט אלסדינג וויסען, וועט ער גיך אלט ווערען"...

דארף מען נאָך האָבּען א ווייטערען פּירוש אויף די דאָזיגע ווערטער? פארשטעהט מען דען ניט, אז דער דאָזיגער גליקליכער —

שולדיגער, ווי יענע באַציהונגען, וואָס זענען געווען צווישען דעם חזנ'ס מיידעל און צווישען דעם יונגען העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע. וואו, ווען און ביי וועלכע אומשטענדען זייער ערשטע באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען — איז שווער צו געדענקען אַקוראַט, און ס'איז אויך ניט אַזוי וויכטיג. קיין אַנדער צייט און קיין אַנדער פּלאַץ אויף צו באַגעגענען זיך איז אין שטאָדט ניט געווען, אויסער שבת ביינאַכט אויף דער בריק, וואָס פיהרט צו די „פּיד־וואָרקעס". ווער פון די צוויי האָט אָנגעהויבען פריהער צו רעדען, דער בחור אָדער דאָס מיידעל, און וואָס איז צום ערשטען מאָל גערעדט געוואָרען — איז אויך ניט מעגליך פעסטצושטעלען. אָנ־געהויבען האָט זיך עס זיכער פון אַ שאַרפען קוק. דערנאָך אַ שמייכעל. דערנאָך אָנגעריהרט זיך כּלומרשט אומגעהרען מיט די עלענבויגענס. דערנאָך אַ נעם געגעבען זיך צום היטעלע: „זדראַסטי" (גוט מאָרגען). דערנאָך שוין אָהן אַ נעם־געגעבען זיך צום היטעלע: „קאַק פּאָזשיוואַיעטיע?" (וואָס מאַכט מען?). דערנאָך, ביי שפּעטערע באַגעגענישען, שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט אַ רעד טהון וועגען גאַנץ אומבּאַדייטענדע זאַכען און מע טהוט אַ שמועס וועגען אַ צווייטער באַגעגעניש:

ער: אויף ווידערזעהען.

זי: ווען? ווידער שבת?

ער: ווען זשע, אז ניט שבת?

זי: וואו? ווידער אָט דאָ, אויף דער בריק?

ער: וואו דען זשע?

זי: אפשר איין אַנדער אָרט?

ער: דהיינו?

זי: וואו ווען איהר זיין שמחת־תּורה צו הקפות?

ער: וואָס הייסט וואו? אין גרויסען בית־המדרש.

זי: פאַר וואָס ניט אין דער קאַלטער שוהל?

ער: דאָרט, וואו אייער טאַטע דאַווענט?

זי: וואָס מאַכט דאָס אויס?

איז דערצו אויך דאָ א רפואה: מע וועט מוזען אריינשלעפען נאָך א פערטע פערזאָן. דאָס איז דער בחור, וואָס דעם חזנ׳ס מיידעל׳ס חבר׳טאָרין איז אין איהם פארליעבט. א בחור מיט א בחור — איז גאָר אנדערע ווערטער. א בחור מיט א בחור קאָנען אומגעשטעהרט זיך צונויפרעדען און אָפּהאנדלען צווישען זיך די גרעסטע סודות. איצט איז געבליבען נאָר איין קלייניגקייט — אויפזוכען דעם בחור און פארבינדען מיט איהם ברודערשאפט. דאָס איז, דאכט זיך, גאָר א גרינגע זאך. נאָר נישט אזוי גיך טהוט זיך עס, ווי סע רעדט זיך.

דער בחור איז געווען א יונג א פריקאזשציק אין איין אייזען־געשעפט („זאליאַז״), א גאנץ שענער אויפ׳ן פנים, נאָר העכט האָט ער געהאט א פּאָר — דאָס, וואָס מע רופט־אָן „ידים״. צו־טרעטען צום בחור איז ניט אזוי שווער, ווי ס׳איז שווער געווען צו זאָגען איהם, אויף וואָס מע דארף איהם האָבען. שוין ביי׳ם ערשטען ארויסטרעט איז שיער אויסגעפאלען א שטיקעל סקאנדאל. דער בעל־הבית׳טע פונ׳ם אייזען־געשעפט, א אידינע איין אָנגע־פּעלצטע, גאָרניט נאָכ׳ן סעזאָן, מיט שווארצע הענט און מיט איין אונטערגעשווארצטער נאָז (פון דעם, וואָס זי וועגט שרויט און צוויעקעס מיט די הוילע הענט און שנייצט מיט די זעלבע הענט די נאָז), איז ניט געפעלען געווען די מעשה, וואָס איהר פּרי־קאזשציק קען זיך מיט ראבינאָוויטש׳עס יונגעל. וואָס פאר „דאָ־טשיניעניעס״ קאָן האָבען א בחור א פריקאזשציק מיט רב נחום ראבינאָוויטש׳עס א יונגעל? איז איין מאָל אוועק. דאָס אנדערע, אז ס׳איז געקומען צום רעכטען שפּיץ, און שלום האָט איהם א זאָג געגעבען, אז ער האָט א בקשה צו זיין כלה, האָט זיך דער פּרי־קאזשציק אויפגעבלאָזען, ווי א האָהן אויף א קאַץ, ווען זי חאפּט זיך אריין צו זיינע היהנער: „פון וואנען ווייסט דו, אז איך האָב א כלה?״ „איך בין באקענט מיט איהר חבר׳טאָרין״. „מיט׳ן חזנ׳ס מיידעל? ע! דאָרט וועסט דו האָבען א ביינבערכער״... שלום פארשטעהט ניט, וואָס הייסט דאָס, אייגענטליך, א „ביינ־

דאָס איז ניט קיין אַנדערער, נאָר ער אַליין טאַקי? און טאָמער איז נאָך פאַרהאַן אַ שטיקעל ספק אין דעם, איז געגנוג איין קוק אויף איהר ליכטיג־שיינענדיג פּנים און אויף איהרע מיט גליק שטראַהלענדיגע אויגען. אַ באַקאַנט פּנים. באַקאַנטע אויגען. וואו האָט ער געזעהען אָט דאָס ווייסע מיידעל מיט די בלאָנדע גע־גרייזעלטע האָר? אפילו די האַנט איהרע איז איהם קענטליך. אַ ווייס הענטעל מיט דינע לאַנגע פינגער. אַ ווייס הענטעל, אַ גלאַטס און אַ וואַרעמס. דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען בכלל, אַז ער האַלט אַ מיידעל'ס האַנט...

ווי איין עהרליכער איד, וואָס קוקט־אַרויס אויף משיח'ען, אַזוי האָט ער גענומען אַרויסקוקען אויף דעם גליקליכען יום־טוב שמחת־תּורה. די צייט איז איהם אָבער געוועזען צו לאַנג צו וואַרטען. ווי פון פעך האָבען זיך געצויגען די טעג. ער איז שיער ניט משוגע געוואָרען. און ער האָט זיך אַנטשלאָסען אויסגיסען דאָס האַרץ אויף פּאַפּיער אין דער פאָרם פון אַ בריעף, אַליין נישט צו וויסען, צוליעב ווען און צוליעב וואָס? אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט דאָס שרייבען צוגענומען, און געשריבען האָט זיך עס ווי אַ וואַסער, וואָס לויפט אומגעשטעהרט, ווי אַ פאָנטאַן, וואָס מע האָט אָפּגעלאָזט אַלע זיינע קראַנען. דאָס שרייבען וואָלט קיינמאָל קיין עק ניט געהאַט, ווען ס'זאָל ניט געוועזען אויסגעהן פּאַפּיער. ווי דער פּאַרפּאַסער זאָל זיין ניט קיין גביר, וואָלט ער היינט אַ סך, אַ סך באַצאָהלט פאַר'ן דאָזיגען דאָקומענט!...

אַצינד איז געבליבען נאָר איין זאַך: ווי אַזוי קומט די קאַן איבער'ן וואַסער? ווי אַזוי וועט זי באַקומען דעם דאָזיגען בריעף? איין עצה נאָר איז פאַרהאַן: איבערשיקען איהר דעם בריעף דורך איהר חבר'טאָרין. דאָס וועט הייסען אַזוי גוט, ווי אַריינצונעמען אינ'ם סוד אַ דריטע פּערזאָן, פּאַרטרויען זיך פאַר אַ זייטיג מיידעל, וואָס מע קען זי ניט און מע ווייסט זי ניט. וואָלט אפשר אין דעם אויך ניט געווען קיין מניעה, איז אָבער אַ חסרון: ווי אַזוי קומט מען צו צו אָט דער דריטער פּערזאָן?

גערוקט אין האַנט אַריין אַ געל שטיקעל פּאַפּיער, צונויפגעלעגט
אין פיערען, אָהן אַ קאָנווערט, נאָר מיט טריוואַכּס פאַרזיגעלט און
צוגעקוועטשט מיט אַ מטבע. דאָס איז געווען דאָס לאַנג־ער־
וואַרטעטע בריוועל פונ׳ם חזנ׳ס מיידעל, געשריבען מיט דינע
לאַנגע אותיות, וואָס האָבען דערמאַנט איהרע דינע לאַנגע פינגער.
דאָרט איז געשטאַנען, אַז זי האָט זיין בריעף מיט טרערען אין
די אויגען געלייענט עטליכע מאָל, און עס טהוט איהר באַנג, וואָס
זי קאָן ניט אַזוי שרייבען, ווי ער. „זי זאָל האָבען פליגעל, וואָלט
זי צו איהם געפלויגען. זי זאָל קאָנען שווימען, וואָלט זי אַלע
ימים איבערגעשוואומען, אַבי צו איהם צו קומען. און אויב ער
מיינט, אַז זי קאָן יאָ שלאָפען רוהיג, האָט ער אַ טעות. און זי
קוקט שוין אַרויס אויף דעם שמחת־תּורה מיט אַלע אויגען, וואָרום
אַ הארץ פיהלט אַ הארץ!״... צום סוף האָט זי איהם געוואָהרענט,
ער זאָל צו איהר מעהר קיין בריעף דורך אַזאַ וועג ניט שרייבען,
וואָרום זי איז זיכער, אַז דעם בריעף האָבען געהאַלטען פרעמדע
הענט... דאָ קומען איהם אַקעגען דעם פריקאַזשציק׳ס „ידים״,
און עס וואַרפט איהם אַריין אין אַ קעלט מיט אַ היץ, אַז ער שטעלט
זיך פאָר, ווי אַזוי דער פריקאַזשציק האָט געעפענט דעם קאָנווערט
און געלייענט זיין בריעף, וואָס ער האָט אויסגעגאָסען פאַר׳ן חזנ׳ס
מיידעל!... נאָר ער עסט זיך ניט אָפּ לאַנג דאָס הארץ, וואָרום
אָט־אָט איז שמחת־תּורה און אָט באַלד וועט ער זי זעהען, שטעהן
נעבען איהר, רעדען מיט איהר — מיט׳ן חזנ׳ס מיידעל...

ברעכער". נאָר נאָכ'ן פּריקאַזשציק'ס געלעכטערעל שטויסט ער זיך, אַז דאָס דאַרף זיין ניט פון די אָנגענעהמע זאַכען. טהוט ער איהם א פרעג: „ווער איז דער ביינברעכער?"... „דאָס איז שוין מיין עסק... נאָר לאָמיר האָרכען, וואָס איז די בקשה?" שלום ציהט־אַרויס דעם געפּאַקטען בריעף פון קעשענע און גיט איהם איבער דעם פּריקאַזשציק: „אַט דאָס דאַרף אייער כּלה איבער־געבען דעם חזנ'ס מיידעל און איבערשיקען מיר דורך אייך טאַקי איין ענטפער". דער פּריקאַזשציק נעמט־צו דעם בריעף, באַטראַכט דעם קאָנווערט פון אַלע זייטען: „אַט דאָס איז גאָר? קום צו געהן מאָרגען, וועסט דו מסתּמא באַקומען איין ענטפער".

אַראָפּ א שטיין פונ'ם האַרצען. אויף מאָרגען אין דער אָפּ־געשטעלטער צייט האָט שלום באַקומען פונ'ם פּריקאַזשציק איין ענטפער, אַז ער האָט נאָך ניט קיין ענטפער. „קום צו געהן מאָרגען, וועט געוויס זיין איין ענטפער". אויף מאָרגען ווידער דאָס אייגענע — נישטאָ נאָך קיין ענטפער! דאָ האָט שלום באַ־מערקט — און אפשר האָט זיך איהם נאָר אויסגעוויזען אַזוי, — אַז דער פּריקאַזשציק שמייכעלט עפּיס מאָדנע אונטער. צו דעם חשד איז צוגעקומען נאָך א חשד: דער פּריקאַזשציק האָט איהם א זאָג געגעבען מיט א זיפצעל: „ווען איך זאָל קאָנען שרייבען, אַזוי ווי דו!"... „פון וואַנען ווייסט דו, ווי אַזוי איך שרייב?" „מיין כּלה האָט מיר דערצעהלט". „פון וואַנען ווייסט דיין כּלה?" „זי ווייסט עס פונ'ם חזנ'ס מיידעל".

א תּירוץ איז דאָס אפילו א נישקשה'דיגער, און ס'איז אודאי זעהר אָנגעלעגט צו הערען אַזא קאָמפּלימענט פון א מיידעל, וואָס מע האָט זי ליעב. נאָר פון דעסטוועגען און ניט ווילענדיג גנבה'ט זיך אריין א מחשבה זרה: טאָמער האָט דער פּריקאַזשציק ניט איבערגעגעבען דעם בריעף און האָט איהם בעסער אַליין גע־לייענט?... דער דאָזיגער געדאַנק לאָזט ניט שלאָפען. קוים דער־וואַרט זיך אויף איין ענטפער! דאָס איז געווען שוין ערב יום־טוב. דער פּריקאַזשציק איז איהם געלאָפען אקעגען און אריינ־

אָרער תּלמידים פון די קלאַסען — די שפּאַציערען נאָך דערווייל ארום אין דרויסען אויפ'ן שוהל־הויף. די לופט איז נאָך לינד און שיטער. דער הימעל איז אויסגעשטערענט. עס פיהלט זיך יום־טוב אין דער גאַנצער וועלט. אפילו די שטילקייט איז א יום־טוב'דיגע. קיין זאַך איז ניט אימשטאַנד צו שטעהרען די הייליגקייט פון דער דאָזיגער נאַכט פון שמחת־תּורה, ווען דאָס אויסדער־וועהלטע פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט פרעהט זיך מיט זיין הימעלשער מתּנה. און טאָמער פאָהרט־דורך דערביי א גוישע פוהר און הויבט־אויף א געדיכטען שטיקענדיגען שטויב; טאָמער פליהט־דורך א פאָטשטאָווע גלעקעל — דזין, רזין, דזין, עס פאָהרט א „קנעפּעל״ — ווער הערט זיי? דער שטויב וועט זיך אָפּלעגען, דאָס גלעקעל וועט פארלוירען געהן ערגיץ ווייט־ווייט — און די נאַכט בלייבט אַלץ הייליג, אַלץ יום־טוב'דיג, וואָרום ס'איז דאָך שמחת־תּורה אויף דער וועלט! א שווארצע קאַץ לויפט־דורך פאר־ביי מיט איהרע גלאַט־סאַמעטענע טריט און שניידט־דורך דעם גאַנצען שוהל־הויף אין דער ברייט און ווערט פארשוואונדען. א הונט רופט זיך אָפּ ערגיץ פון א ווייטער גוישער גאַס מיט א בילען אין א לאַנגען מינאָרנעם טאָן און ווערט אנשוויגען — און די נאַכט בלייבט אַלץ הייליג, אַלץ יום־טוב'דיג, וואָרום ס'איז דאָך שמחת־תּורה אויף דער וועלט. און עס אָטעמט זיך אזוי גרינג. און אויפ'ן הארצען איז אזוי גוט, אויף דער נשמה אזוי אויפ־געלעגט. אזוי גדול'דיג איז מען ביי זיך. א קליינינגקייט — דאָס בין איך, און דאָס איז די נאַכט פון שמחת־תּורה, און דאָס איז א הימעל, און דאָרט איז גאָט — מ י י ן גאָט, מ י י ן הימעל, מ י י ן יום־טוב!

— קינדער! מע געהט שוין מיט די הקפות!

מע חאַפּט זיך אריין אינוועניג אין שוהל — ווער? וואָס? עס הויבט זיך גאָרניט אָן. דערווייל דאַווענט מען ערשט מעריב. צאַלי דער חזן פון דער קאַלטער שוהל שטעהט ביי'ם עמוד מיט זיינע צוויי משוררים. איינער, א שווארצער בחור'עץ מיט גראָבע

56

שמחת־תורה צו הקפות

די נאכט פון שמחת־תורה. — די פאעזיע וואס פאר הקפות. — אידען חאפען א טענצעל. — ווייבלעך און מיידלעך קושען די רייניגקייטען. — די הימלען עפענען זיך און מלאכים זינגען שירה.

ווען איך בין געטהע — אָסור אויב איך וואָלט באשריבען די צרות פון א יונגען ווערטער. איך וואָלט שוין בעסער באַשריבען די צרות פון איין אָרעם בחור'על, וואָס איז געפעהרליך פארליעבט אין א חזנ'ס א מיידעל. אָדער ווען איך בין היינע — אָסור אויב איך וואָלט באזונגען די „פלאָרענטינישע נעכט". איך וואָלט שוין בעסער באזונגען די נאכט פון שמחת־תורה, בעת אידען געהען צו הקפות און יונגע ווייבלעך און שענע מיידלעך קלויבען זיך צונויף אין שוהל, מישען זיך אוים מיט די מאנסבילען — שמחת־תורה מעג מען. זיי קושען די תורה, שפרינגען און רופען און קווימשען אויף אלערליי טענער: „דערלעבט איבער א יאָהר!" און באקומען צוריק איין ענטפער: „גם אתּם! גם אתּם!"...

נאָך מיט א שעה אָדער צוויי פאר די הקפות קומען זיך צו־נויף די קליינע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, קלעטערען־ארויף אויף די בענק, די פאָהנען פלאטערען, די עפּעל זענען רויט, די ליכטלעך ברענען, און די בעקלעך זייערע זענען ניט ווינציגער רויט ווי די עפּעל, און די אויגען לויכטען ניט ערגער ווי די ליכטלעך. דאָס איז קליינוואַרג. די עלטערע בחורימ'לעך, די גמרא־יונגלעך

די קאַלטע שוהל איז געווען גרויס און ברייט און הויך און אָהן א סטעליע, נאָר מיט א דאך — און דערפאַר רופט מען זי די „קאַלטע" שוהל. דער דאך איז צעמאָהלט ווי א הימעל — בלוי, שוין א ביסעל צו בלוי, אַזש גרין. דער פאַרבער האָט אַריבער־געחאַפּט די מאָס. און די גלאַנצענדיגע שטערן זענען א ביסעל צו גרויס. יעדער שטערן איז א ביסעלע קלענער פון איין עפּעל און חאַפּט דעם אָפּבליק פון א קאַרטאָפעל, אָרום און אָרום באַגילט מיט גאָלד. אויסגעלעגט זענען די קאַרטאָפעל, דאָס הייסט די שטערן, ניט אַזוי, ווי די שטערן אין הימעל, אָהן א שום אָרדענונג — ניין! נאָר אויסגעלעגט שורות־ווייז, נאָהענט און געדיכט איינס נעבען דאָס אַנדערע. פון אין מיטען צענטער, אויף לאַנגע מעשענע שטריק, הענגען־אַראָפּ אַלטע פאַרצייטיגע הענג־לייכטער פון אַלטען געלען פאַרגרינטען מעש. פון דעם זעלבען אַלטען פאַרגרינטען מעש זענען אויך די העסעס, וואָס אויף די ווענט — און אַלץ איז אָנגעפּאַקט מיט ליכט. אַלע ליכט ברענען. ס'איז אַזוי ליכטיג, אַז עס דאַכט זיך, אַז ליכטיגער קאָן שוין גאָר ניט זיין.

פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַזוי פיעל אידען, קיין עין־הרע, און ווייבער, און ווייבלעך, און בחורים, און מיידלעך, און קליינע קינדער? שלום איז דאָס דעם ערשטען מאָל אין דער קאַלטער שוהל, און ניט ווילענדיג קומט איהם אויפ'ן זינען דער פּסוק: מה טובו אוהליך יעקב — ווי שען זענען דיינע געצעלטען, יעקב!... עס קומט איהם אָן ניט גרינג צו באַקומען איין אָרט אויף צו זיצען. א גליק, וואָס דער שמש האָט איהם דערקענט — ס'איז דאָך רב נחום ראַבינאָוויטש'עס א זוהנדעל, דאַרף מען איהם מאַכען איין אָרט, און דווקא אין שפּיעגעלבאַנק, צווישען בעלי־בתים.

וואו האַלט מען? דער רעש מיט'ן טומעל זענען אַזוי גרויס, אַז מע הערט נישט דעם חזן, נישט זיינע משוררים. אומזיסט איז דעם עולמ'ס שרייען „שאַ!" אומזיסט איז דעם שמש'ס קלאַפּען

ליפּען — אַ באַס. דער אַנדערער, איין אויסגעדאַרט יונגעלע מיט אַ ווייס פּנים'על — אַ סאָפּראַנאָ. און דער חזן אַליין, רבֿ צאַלי, מיט זיין גאָלדענעם האַלז — אַ איד אַ הויכער, אַ געלער, מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, ווי אַ שופר, מיט דינע געגרייזעלטע פּאה'לעך און מיט אַ געלער געגרייזעלטער באָרד, וואָס זעהט־אויס, ווי אַ צוגעבונדענע — ווער וועט דאָס גלויבען, אַז אַזאַ פּאַרזעהעניש וועט האָבען אַזאַ שענע צאַרטע איידעלע ליעבע טאָכטער?... „דעם חזנ'ס מיידעל" — דאָס איז ז י י ן טאָכטער, און צאַלי דער חזן — דאָס איז א י ה ר פּאָטער, וואָס באַריהמט זיך פאַר איט־ליכען, אַז ער האָט אַ מיידעל — איז זי איינע ביי גאָט, די אַנדערע ביי איהם. איין חסרון נאָר — זי וויל ניט אַ כלה ווערען. „ווען מע זאָל איהר ניט רעדען — איז איין מאָל ניין. נאָר ס'וועט איהר העלפען, ווי אַ טוידטען באַנקעס. אַז ס'וועט קומען דער רעכטער זיווג, וועט זי שוין מוזען זאָגען יאָ. אַניט, נעמט מען זי פאַר די צעפּ. און פאַר נויט איז דאָ אַ שטעקען!"... אַזוי זאָגט ער אַליין, צאַלי דער חזן, געוויינליך אין אַ שפּאַס, און באַווייזט זיין יאַמשאָווע שטעקען מיט דער אַלטער פאַרגעלטער עלפאַנט־ביינעריגער גאַלקע.

מע האָט שוין אָפּגעדאַווענט מעריב אין דער קאַלטער שוהל, און צו הקפות איז נאָך ווייט: מע האַלט ערשט ביי „אתּה הראית לדעת" און מע טיילט־אויס צווישען די מזרח־וואַנט־בעלי־בתּים די פּסוקים פון „אתּה הראית", וועלכע יעדער זאָגט זיך אָפּ שטעהענדיג אויף זיין פּלאַץ, און איטליכער באַזונדער מיט איין אַנדער קול און מיט איין אַנדער נוסח. דאָס הייסט, דער נוסח איז איין און דער זעלבער נוסח אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר מחמת יעדער האָט זיך זיין שטימע מיט זיין טעמבר און מע שרעקט זיך אַ ביסעל איבער פאַר דעם אייגענעם קול, קומט־אויס ניט דאָס, וואָס מע וואָלט אַליין געוואָלט, און דאָס דריידעל, וואָס מע לאָזט איבער אויפ'ן סוף פּסוק, געהט אינגאַנצען פאַרלוירען...

„התּורני דער און דער, תּן כּבוד לתּורה!״ „התּורני דער און דער, תּן כּבוד לתּורה!״ און אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט די צווייטע הקפה, די דריטע, די פערטע. נאָך יעדער הקפה דער זעלבער גראָבער ניגון מיט׳ן זעלבּיגען טענצעל — און דעם חזנ׳ס מיידעל זעהט מען ניט.

שלום רוהט ניט, קוקט אויף אַלע זייטען, טאָמער וועט ער זי פּאָרט אַמאָל דערזעהען — נישטאָ זי! ניט זי, ניט איהר חבר׳־טאָרין! ניט שוין זשע האָט זי איהם אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט?... אָדער אפשר האָט זי ניט געקאָנט קומען? אפשר האָט זיך מיט איהר עפּיס געטראָפען? אפשר איז מען זיך דערגאַנגען פון זייער אָפּרעדען און מע האָט זי איבּערגעלאָזט אין שטוּב אונטער׳ן שלאָס? אויף צאָלי דעם חזן איז צו גלויבּען! א מענטש, וואָס שלעפּט פּאַר די צעפּ און ניט מיט א שטעקען!... און די שווארצע געדאַנקען און פינסטערע מחשבות האָבען גאָר קיין גרעניץ...

אפּנים, דעם שמש האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס, וואָס נחום ראַבּינאָוויטש׳עס בּחור׳על דרעהט זיך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, זיצט ניט איין אויף איין אָרט, איז א סימן, אַז ער גאַהרט, ער געהט־אויס נאָך א הקפה. און אפשר האָט איהם איינער פון די גבּאים א וואונק געגעבּען, ער זאָל ראַבּינאָוויטש׳עס זוהנדעל אויך מכבּד זיין מיט א הקפה? יערענפאַלס, האָט זיך צווישען אַנדערע נעמען פּלוצים דערהערט אויך זיין נאָמען: „הבּחור שלום בּרבּ מנחם־נחום, תּן כּבוד לתּורה!״... דאָס גאַנצע בּלוט איז איהם אַריין אין פּנים, נישט געקאָנט אַריבּערטראָגען די בּעל־הבּתּישע אויגען, וואָס האָבען אויף איהם געקוקט. ער האָט זיך געפיהלט, ווי עס פיהלט זיך יעדער בּחור, אַז מע רופט איהם אויף מפטיר. און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, וואו ער איז אין דער וועלט, האָט איהם שוין דער שמש אונטערגעטראָגען א ריינינגקייט, און ער שטעהט שוין אין דער רייהע מיט א בּינטעל אידען און מיט א גרויסער ספר־תּורה אין די הענט, און די פּראָ־צעסיע געהט שוין אָן: דער חזן רבּ צאָלי געהט אויף צו פריהער

אין טיש. ווייבלעך גראַגערען, מיידלעך לאַכען, קינדער פּישטשען. אַט שטעהט אַ יונגעלע מיט ביטערע טרערען. „וואָס וויינסט דו, יונגעלע?" — מע האָט איהם אַראָפּגעוואָרפען דעם עפּעל פון דער פאָהן אומגעהרען און צעטראָטען מיט די פיס. וואָס וועט ער איצטער טהון אָהן איין עפּעל?... און נעבען יונגעלע זיצט אַ בחור און שטשירעט די צייהן, לאַכט פון'ם יונגעלע'ס טראַגעדיע. פאַרדריסט דאָס שלומ'ען, לאָזט ער זיך אריין מיט'ן בחור אין אַ דיסקוסיע: „וואָס איז דער געלעכטער?" — ענטפערט איהם אָפּ דער בחור און הערט ניט אויף צו באַווייזען די צייהן: „אַ יונגעלע אַ שוטה!" פאַרדריסט דאָס שלומ'ען נאָך מעהר: „נו, און דו אין זיינע יאָהרען האָסט געהאַט מעהר שכל?" דאָ הערט דער בחור אויף צו לאַכען און ענטפערט־אָפּ שוין ווי אַ שייגעץ: „וויפיעל שכל איך האָב געהאַט אין זיינע יאָהרען געדענק איך ניט, נאָר אַז איצט האָב איך מעהר שכל אין פּיאַטע, וויפיעל דו אין קאָפּ — דאָס איז זיכער, חאָטש דו געהסט אין די קלאַסען און חאָטש דו ביזט נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהן"... וואָלט דאָס ניט געווען אין דער קאַלטער שוהל צווישען פרעמדע, וואָלט נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהן זיך אַנדערש אָפּגערעכענט מיט איהם. דאָ האָט ער אָבער געמוזט חאַפּען אַ שווייג, ווארום צווישען יאָ און ניין וואָלט ער געקאָנט זיין אַ געפּאַטשטער פון'ם דאָזיגען בחור דעם עזות־פּנים. און אגב האָט ער שוין דערהערט אינ'ם גרויסען טומעל מיט'ן גרויסען רעש די ליעבע ווערטער: „התורני רבּ שמשון־זאב בּרבּ חיים־צבי הכּהן, תּן כּבוד לתּורה!" „התורני רבּ משה־יעקב בּרבּ נחמן־דוב הלוי, תּן כּבוד לתּורה!"... די משמעות, אַז די הקפות האָבען זיך שוין אָנגעהויבען. וואו זשע איז דעם חזנ'ס מיידעל?...

„אָנא ה' הושיעה נא!" — דער ערשטער טור האָט זיך גע־ענדיגט מיט אַ ניגון, מיט'ן גראָבּען ניגון „היידאַ", און מיט אַ מענצעל. און עד כּאן הקפה א'! און דער שמש רופט שוין ווידער אויס מיט זיין הייזעריגען קול און מיט'ן זעלבּען נוסח:

מע דארף איבערגעבען די ריינינגקייטען צו אנדערע. די הקפות האָבען זיך נאָך נים געענדיגט. ערשט דאָ, ביי'ם אָרון־קודש, איבערגענעבען דעם שמש די ספר־תּורה, קוקט ער זיך אום צוריק, טאָמער וועט ער זי דערזעהען נאָך א מאָל, חאָטש פון דער ווייטען. מע זעהט זי ניט. לאָזט ער זיך מיט דער ווייטעריגער הקפה, געהט־נאָך נאָך די אידען גלאט אזוי, מאכט א טור, זוכט זי מיט די אויגען — ניטאָ דעם חזנ'ס מיידעל, געלם געוואָרען! לויפט ער ארויס אין דרויסען, זוכט זי אויפ'ן שוהל־הויף — ניטאָ זי אין ערגיץ ניט!... אפשר איז דאָס געווען א חלום? אפשר איז דאָס געווען א דמיון? ניין. ס'איז נישט געווען קיין חלום, ס'איז נישט געווען קיין דמיון. ער פיהלט נאָך איצט אויך דעם קוש פון איהרע ליפּען אויף זיינע הענט. ער געהט ווייטער און ער ביהלט ניט די ערד אונטער זיך. עס ווייזט זיך איהם אוים, אַז ער האָט פליגלען און אז ער פליהט, ער שוועבט, און די מלאָכים שוועבען מיט איהם, טראָגען זיך אין דער לופטען, באגלייטען איהם גלייך ביז'ן גרויסען בית־המדרש.

דאָרט האלט מען נאָך אין מיטען די הקפות. דער טאטע איז מאָדנע אויפגעלעגט, יום־טוב'דיג געשטימט און זעהט־אוים אין דער אלטער צעהאקטער זיידענער קאפּאָטע, פון וועלכער עס קוקט־ארוים ערטערווייז דער געלער אונטערשלאק, אזוי שען, אזוי גרויסארטיג, ווי קיינמאָל ניט. נעבען איהם שטעהען ביידע גע־ראָטענע איידעמס, פון איין זייט לייזער־יאָסעל, פון דער אנדערער זייט מאגידאָוו. ביידע וויצלען זיך, און דער טאטע הערט זיך איין, ווי זיין שטייגער איז, און לאכט. „וואו ביזט דו געווען אזוי שפּעט?" — טהוט דער טאטע א פרעג, חלילה ניט אויף צו באַ־שטראָפען, נאָר גלאט אזוי, אוים נייגיעריגקייט. „אין דער קאלטער שוהל" — ענטפערט איהם שלום און באריהמט זיך, אז מע האָט איהם מכבד געווען דאָרט מיט א הקפה. איז דאָס דעם טאטען געפעלען און ער זאָגט: „ס'איז זעהר שען פון זיי". און די געראָטענע איידעמס וויצלען זיך איבער ראבינאָוויטש'עס בחור'על.

און זינגט: „עוזר דלים, הושיעה נא!" ווייבלעך און מיידלעך רייסען זיך, קושען די ספר־תּורה און ווינטשען איהם: „דערלעבּט איבּער א יאָהר!" ער פיהלט זיך מאָדנע, וואָס מע זאָגט איהם „איהר", און איז צעטומעלט פון׳ם אומגעריכטען כּבוד, און איז גרויס בּיי זיך, וואָס ער געהט אין דער רייהע, איין בּחור צווישען אזוי פיעל אידען — און נאָר דערפאַר, וואָס ער איז ניט קיין אבּי־ווער, רבּ נחום ראַבּינאָוויטש׳עס א זוהנדעל, פאַרט א „טאַטענ׳ס א קינד"!... נאָר סאַמע אין רעכטען טומעל דערפיהלט ער א קוש אין האַנט אריין: „דערלעבּט איבּער א יאָהר!" ער הויבּט־אויף די אויגען, דערזעהט ער — ס׳איז זי, דעם חזנ׳ס מיידעל, און איהר חבר׳טאָרין, פאַרשטעהט זיך, נעבּען איהר.

. . . .

אַלע הימלען עפענען זיך און מלאָכים נידערען־אַראָפּ און זינגען שירה. זיי בּאַזינגען די וועלט, וואָס גאָט האָט בּאַהערשט — אזא גוטע, זיסע, שענע, ליעבּע וועלט! זיי בּאַזינגען די מענטשען, וואָס גאָט האָט בּאַשאַפען — אַזעלכע גוטע, זיסע, שענע, ליעבּע מענטשען! ס׳איז אזוי גוט, אז עס ווילט זיך וויינען פאַר גוטס־קייט. און אין הארצען זינגט זיך איהם צו די מלאָכים: „שלום עליכם, מלאכי השרת!"...

אמת, די ערשטע מינוט איז איהם געוועזען פּריקרע און וואונ־דערליך. אָנשטאָט דעם ז י זאָל קושען די ספר־תּורה, האָט ז י א קוש געגעבּען זיין האַנט! איז דאָס אפשר געוועזען אומגעריכט? ניין, נישט אומגעריכט. ער האָט דאָס ארויסגעזעהען פון איהרע שמייכלענדיגע אויגען. ער איז געוועזען אזוי איבּערראַשט, אז ס׳איז אָפּגעגאַנגען א האָר, ער זאָל ארויסלאָזען די רייניגקייט פון די הענט. ער האָט חשק געהאַט זיך אָפּשטעלען, נאָך א מאָל א קוק טהון איהר אין די שענע אויגען אריין, אויבּ ניט זאָגען א צוויי ווערטער — לאָזט מען איהם אָבּער ניט. די אידען, וואָס געהען איהם נאָך פון הינטען, לאָזען איהם ניט. מע דאַרף געהן ווייטער.

57

דער קריזיס

זיך מיאוס אפגענארט אין די הייליגסטע געפיהלען. — ווערט קראנק אויף טיפוס. — שטעהט־אויף איין אנדער מענטש. — געזעגענט זיך אפ מיט זיינע קינדערשע יאהרען.

אלע מאל, ווען דער פארפאסער פון די דאָזיגע באשרייבונגען לאָזט זיך אראָפּ אין די טיעפע קאטאקאָמבען פון זיין ווייטער קינדהייט, טראָגט־ארויס אויף גאָט'ס וועלט און לופטערט־דורך זיינע זכרונות פון די אויף אייביג פארגאנגענע יונגעלשע יאָהרען, פארטיעפט זיך אין זיינע שפעטעריגע ערפאהרונגען פונ'ם גרויסען וועלט־יאריד, וואָס מע רופט דאָס „לעבען", און באטראכט דאָס אלסדינג מיט א קלאָרען קאָפּ און מיט א קאלטען מח, באוואונדערט ער, ווי ער האָט געקאָנט אריבערטראָגען אזעלכע אומדערבארעמיגע קלעפּ, מיאוס'ע אָפּנארעכטסען און ביטערע אנטוישונגען, און בלייבען גאנץ אויף צו חאפען פרישע קלעפּ מיט נייע אָפּנארעכטסען מיט נאָך גרעסערע אנטוישונגען? די קלעפּ אליין זענען נאָך ניט אזוי מסוכן, ווי די אנטוישונגען, ווי דאָס, וואָס מע בלייבט אָפּגענארט. א קלאָפּ פארהיילט זיך, אָבער איין אנטוישונג לאָזט־איבער נאָך זיך א קרעל אין דער נשמה אויף אייביג.

דער העלד פון דער דאָזיגער ביאגראפיע האָט שוין געפּרובט געשלאָגען ווערען מאָראליש און באנומען ווערען מאטעריעל פון קאָפּ ביז פיס. ער האָט פארזוכט דעם טעם, ווי דער לעזער וועט

איינער פרעגט איהם: צי האָט ער זיך באַקענט אין דער קאַלטער שוהל מיט'ן „עוזר־דלים"? און דער אַנדערער באַמערקט: ווי קומט אהין דער „עוזר־דלים"? דאָרט איז דאָך נאָר דעם „עוזר־דלים'ס" איין אייניקעל! און אַלע דריי לאַכען זיי פון דער חכמה, און שלום העלפט זיי לאַכען. עס גיט זיך אויס א נאַכט! אזא נאַכט קאָן געמאָהלט זיין נאָר שמחת־תּורה צו הקפות.

אַרכימאַנדריט, צו דער איהומענשע פונ׳ם מאַנאַסטיר און אַליין צום גובערנאַטאָר — עס האָט ניט געהאָלפען קיין שמע־ישראל. די שטאָדט האָט געקאָכט, ווי אַ קעסעל. די „גאַנצע וועלט" האָט געוויעגט זיך. וואָלט דאָס חאָטש געווען גלאַט אַ מיידעל, אַ אידישע טאָכטער — עס מאַכט זיך איין אומגליק, וואָס זאָל מען טהון? איז ניין. דאַרף זיך עס טרעפען מיט אַ חזן, אַ כלי־קודש! ווער וועט איהם איצט צולאָזען צום עמוד? פרעגט זיך אַ קשיא: פון וואַנען וועט ער לעבען? היינט דער בזיון פאַר די בעלי־בתים פון דער קאַלטער שוהל איז אויך עפּיס ווערטה. וואָרום פאַר וואָס האָט זיך עס געטראָפּען גראָד מיט זייער חזן פון זייער שוהל?...

וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען אָבער געהאַט די אַלע אויס־גערעכענטע צרות, בזיונות און יסורים קעגען דעם גיהנם, וואָס האָט זיך אָפּגעטהאָן אין דער נשמה פון יענעם בחור׳על, וואָס איז געווען מיט סכנות פאַרליעבט אינ׳ם חזנ׳ס מיידעל און וועלכען דאָס מיידעל האָט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, פאַרביטען איהם, אַ טאַטענ׳ס אַ קינד, אויף אַ גוי אַ פּריקאַזשציק ביי קאָטיעלניקאָווען?! צוליעב וואָס האָט זי באַדאַרפט נאַרען איין אומשולדיגען בחור׳על, שרייבען איהם אַזעלכע בריוועלעך? קושען אין דער האַנט שמחת־תורה צו הקפות? שווערען איהם אייביגע ליעבע און נאָך אַזעלכע זאַכען? דאָס אַנטלויפען מיט׳ן פּריקאַזשציק איז דאָך ניט געווען קיין פּלוצליכע, אומגעריכטע פאַרליעבעניש. דאָס איז געווען איין אָפּגערעדטע זאַך שוין פון לאַנג. און ער דערמאַנט זיך, וואָס איהר חבר׳טאָרינ׳ס חתן, דער פּריקאַזשציק מיט די „ידים", האָט איהם געהאַט אַ זאָג געגעבען, אַז ביי׳ם חזנ׳ס מיידעל וועט ער זיך באַ־געגענען מיט אַ בייניבערעכער. איצט ווייסט ער שוין, ווער דער בייניבערעכער איז... און דאָס וואַרפט איהם אריין אין אַזאַ פייער, אַז ער פאַרשעלט זיך זיין געביין. ער שעלט דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט׳ן חזנ׳ס מיידעל. ער שעלט דעם בחור, דעם פּריקאַזשציק פון דער „זאַליאַזנע" קראָם, און קאָטיעלניקאָוו׳ס

דאָס זעהען פון די ווייטעריגע קאַפּיטלעך, פון צו פאַרלירען אַ ריעזיגען קאַפּיטאַל אין אַ קורצער צייט דורך פאַרשיידענע ספּעקולאַציעס, וואָס אַלערליי מנחם־מענדעלס האָבען איהם אין זיי אריינגעפיהרט, און ער קאָן זאָגען מיט אַ ריינעם געוויסען, אַז איהם האָט ניט אַזוי גענומען דער פאַרלוסט פון געלט, ווי דאָס, וואָס מענטשען האָבען איהם אָפּגענאַרט און וואָס ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין מענטשען. די אַנטוישונג — אָט וואָס איהם האָט מקצר־ימים געווען אַלע מאָל, אָט וואָס איהם האָט געטריבען אין דער ערד אריין.

שוין אין יענער עפּאָכע, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ שנעק און האָט זיך נאַריש פאַרליעבט אין׳ם חזנ׳ס מיידעל, האָט ער שוין געהאַפּט דעם ערשטען קלאַפּ פון שרעקליכער אַנטוישונג — אַזאַ קלאַפּ, וואָס ניט ער, ניט קיינער האָט זיך געקאָנט דערויף ריכטען. מע האָט געקאָנט ערוואַרטען, למשל, אַז די עלטערען זאָלען געוואוירע ווערען פון דעם אומגעלומפּערטען ראָמאַן און צעשטעהרען דעם נאַרישען שידוך. מע האָט געקאָנט ערוואַרטען, אַז צאַלי דער חזן זאָל נעמען די טאָכטער פאַר די צעפּ, אָדער דערלאַנגען איהר מיט׳ן שטעקען ניט אויף קאַטאָוועס, נאָר טאַקי אויף דער רעכטער אמת. נאָר ווער וואָלט דאָס געקאָנט צולאָזען, אַז דעם חזנ׳ס מיידעל זאָל אין דער זעלבער צייט, וואָס זי האָט געשפּיעלט אַ ראָמאַן מיט נחום ראַבינאָוויטש׳עס בחור׳על, גאָר זיין פאַרליעבט אין אַ גוי, אַ פּריקאַזשציק ביי קאָטיעלניקאָווען אינ׳ם גרויסען אייזען־געשעפט, און זאָל מיט איהם איינמאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס, ניט ווייט פון יענעם שמחת־תורה, וואָס איז באַשריבען אויבען, אַנטלויפען, אריינגעבען זיך אין אַ פרויען־מאָנאַסטיר, צווישען מאָנאַשקעס, זיך דערנאָכדעם אָפּ׳שמד׳ען און חתונה האָבען טאַקי פאַר דעם זעלבען קאָטיעלניקאָוו׳ס פּריקאַזשציק? ! ...

קיין פאַנטאַזיע פון אַ שרייבער וועט ניט צוטראַכטען דאָס, וואָס דאָס לעבען אַליין קאָן צוטראַכטען. אוודאי איז נעבאַך צאַלי דער חזן ארומגעלאָפען, געזוכט זכות־אָבות, פּראָטעקציעס צום

אַ לאַנגען־לאַנגען פייף. און ווי קליינע מורעשקעס גראַבלען זיי זיך אינווענינ אונטער דער הויט, אין די אָדערען, קיצלען, זידען, בולבען זיך אינווענינ אין לייב, און בייטעלעך, בייטעלעך קאַטשען זיך אַראָפּ אַ באַרג, אָהן אַ שיעור בייטעלעך... און מענטשען ווילען חאַפּען די בייטעלעך — און קאָנען ניט... דער אַנטיק איז אָבער דאָס, וואָס ער האַלט, דאַכט זיך, צוגעמאַכט די אויגען, און זעהט פון דעסטוועגען אַלץ, וואָס סע טהוט זיך! ער הערט ניט — איבער'ן פייפען, וואָס פייפט איהם אין די אויהערען, קאָן ער ניט הערען, נאָר זעהען זעהט ער אַלעמען. אַלע זענען דאָ. אַ מיש־מאַש פון אַמאָליגע און היינטיגע חברים און גלאַט מענטשען. זיין חבר שמואליק, פינעלע שימעלע'ס, אלי דאָדי'ס, איצעל דעם פעטער פיני'ס, דער אורח וואָלפסאָהן... שענער פון אַלץ איז דאָס, וואָס קאָטיעלניקאָוו'ס פריקאַזשציק דאַווענט פאַר'ן עמוד, זינגט „אַתּה־הראית", און דעם חזנ'ס מיידעל שלאָגט זיך „על חטא"... און עפּיס אַ קול, אַ פאַרדומפּענע שטימע, הערט זיך פון דער קאַלטער שוהל אַרויס — מאָדנע וויינענדיגע שטימען מיט אַ חליפען. דאָס דאַווענען די מתים. מתים דאַווענען אַלע שבת־צו־נאַכטס אין דער קאַלטער שוהל. מיט אַ מנין דאַווענען זיי. ווער ווייסט עס ניט? און ס'איז איהם קיין זאַך ניט קשה, אפילו דאָס, וואָס קאָטיעל־ניקאָוו'ס פריקאַזשציק, אַ גוי, זינגט „אַתּה הראית לדעת" מיט'ן אידישען ניגון... איין זאַך נאָר איז איהם יאָ קשה: ווי קומט דאָס, וואָס אָט איז דאָ נאָר־וואָס געווען זיין חבר שמואליק, שמואליק דער יתום, — פאַר וואָס האָט ער איהם ניט געפרעגט, וואָס הערט זיך מיט'ן „אוצר"? ווי קומט דאָס, ער זאָל פאַר־געסען אַזאַ וואַזשנע זאַך? ער עפענט־אויף די אויגען און זוכט שמואליקען, און קאָן איהם נישט געפינען. ניטאָ קיין שמואליק, ניט קיינער פון די, וואָס זענען דאָ נאָר־וואָס געשטאַנען. וואו האָבען זיי געקאָנט אַהינקומען אַלע? און ער מאַכט־צו צוריק די אויגען, און ער הערט זיך צו צום האַרצען, ווי עס קלאָפּט, און צו די שלייפען, ווי זיי שלאָגען. און ער פיהלט, אַז ער איז אָפּ־

פריקאַזשציק, און אַלע פּריקאַזשציקעס פון דער גאַנצער וועלט. אך! ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען אַ פייער ברעכט־אויס און פאַרברענט אַלע „זאַליאַזנע" קראָמען פון שטאָדט, אָדער ווען אַ שטורעם־ווינט הויבט זיך אויף און טראָגט־אַראָפּ אַלע קראָמען מיט אַלע הייזער פון שטאָדט, אָדער די ערד עפענט זיך אויף און די גאַנצע שטאָדט פערעיאַסלאַוו מיט דער בריק און מיט די פיד־וואָרקעס ווערען איינגעזונקען, אַזוי ווי קורח! נישטאָ ביי איהם קיין טראָפּען רחמנות אויף אייגענע, אויף פרעמדע, אויף אַלטע לייט, אויף קליינע קינדער, עופה'לעך — אַלע און אַלץ זאָל געהן צו אַלדי שווארצע יאָהר!... און ער פאַרשעלט די וועלט, וואָס גאָט האָט באַהערשט — אַזאַ פאַלשע, אַזאַ מיאוס'ע, פּאַסקודנע וועלט! און ער פאַרשעלט די מענטשען, וואָס גאָט האָט באַשאַפען — אַזעלכע פאַלשע, מיאוס'ע, פּאַסקודנע מענטשען!...

פאַרטיעפט אין אַזעלכע מיזאַנטראָפּישע געדאַנקען, קומט ער איינמאָל פון קלאַס אַהיים און פיהלט, אַז דער קאָפּ איז איהם עפּיס ווי אָנגעגאָסען מיט בליי. פאַר די אויגען שוועבען איהם רעדלעך מיט עפּיס מאָדנע פיגורען. די רעדלעך ברייטלען זיך, די פיגורען ווערען צעגאַנגען, אַזוי ווי שניי אויף דער זון, און אויף זייער אָרט קומען־אָן אַנדערע פיגורען. קיין וואַרעמעס עסען וויל ער ניט. די שטיפמאַמע חידוש'ט זיך: „גע'פּגר'ט אַ בער אין וואַלד" — זאָגט זי מיט איהר געוויינליכען גיפט. ער קאָן זיך ניט האַלטען אויף די פיס. ער לעגט זיך אויף דער קאַנאַפּע. דער טאַטע געהט־צו, טאַפּט איהם ביי'ם קאָפּ. עפּיס פרעגט ביי איהם דער טאַטע, און ער ענטפערט, נאָר וואָס מע האָט איהם געפרעגט און וואָס ער האָט געענטפערט — ווייסט ער ניט. ער געדענקט ניט. דאַכט זיך, עפּיס האָט מען גערעדט וועגען „מאָגען"... „דאָקטאָר"... „אַפּטייק"... און עפּיס ביטערס פיהלט ער, ווי מע גיט איהם איין דורך אַ טיי־לעפעל, און סע שמעקט מיט מאַנדלען... און דער קאָפּ, אוי דער קאָפּ!... און עס וויקלען זיך קנוילען פאַר די אויגען, און זיי שפּאַרען זיך דורך די אויהערען אַרויס און געהען־אַוועק מיט

דער צייט, וואָס ער איז קראַנק געווען, האָט ער זיך אַזוי פאַר־ענדערט, אַז ווען ער איז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום אַראָפּ פון בעט, קוים דערשלעפּט זיך אין זאַל אריין, אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיעגעל, האָט ער זיך קוים דערקענט. פאַר איהם איז איצט געשטאַנען שוין גאָר איין אַנדער מענטשעל. פריהער איז דאָס געווען אַ ציקאַווע יונגעל מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, אַ ריהרעוודיגס, אַ לעבעדיגס, מיט שמייכלענדיגע אויגלעך, קיילעכיג אונטער־געשערען, מיט אַ געגרייזעלט טשובעקעל פון בלאָנדע האָר פון פאָרענט אויפ׳ן שטערן. איצט האָט זיך דאָס פּנים אויסגעבלייכט, די בעקלעך זענען אַבגעפאַלען, די אויגען זענען גרעסער געוואָרען, דער קוק פאַרטראַכט, און אליין האָט ער זיך אויסגעצויגען אין דער לענג. די בלאָנדע געגרייזעלטע האָר האָט מען איהם אָפּ־געשאָרען ביז דער הויט, ווי אַ טאָטער. גאָר איין אַנדער בחור׳על איז דאָס געווען אַצינד.

אָבער ניט נאָר אין זיין אויסזעהען אליין האָט ער זיך פאַר־ענדערט. ער האָט זיך אינגאַנצען איבערגעאַנדערשט. ער האָט דערפיהלט, אינווענדיג ביי זיך, אין דער נשמה, איז פאָרגעקומען אַ קריזיס. און עס טהוט איהם באַנג, הארצעדיג באַנג, זיין נאַרישע נאַאיווע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע וועט זיך שוין ניט אומקעהרען און ניט איבער׳חזר׳ען קיינמאָל, קיינמאָל!... און אויך איצט, איבערלעבענדיג אין דעם זכרון נאָך אַ מאָל יענע גליקליכע יאָהרען און אריבערגעהענדיג צו די ווייטעריגע באַשרייבונגען, קוקט ער זיך אום צוריק מיט אַ שטילער בענקשאַפט און געזעגענט זיך אָפּ שוין אויף אייביג מיט זיינע גוטע יונגעלשע יאָהרען:

— זיי געזעגענט, קינדהייט!

געגאָסען מיט שוויים, ער שווימט אין א טייך פון שוויים. די שפּיץ־פינגער זענען אויפגעבלעזעלט, ווי נאָך א שוויץ־באָד, און די האָר פון קאָפּ זענען נאַס און קלעפּען זיך צום שטערן. און ער פיהלט א קאַלטע האַנט אויף זיך. און ער דערהערט א באַ־קאַנטען זיפץ. עפענט ער אויף די אויגען — ס'איז דער טאַטע! און נעבען איהם דער אורח וואָלפּסאָהן, און דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען, און נאָך און נאָך מענטשען. און ער זעהט, אז אלע קוקען אויף איהם מיט רחמנות. און ער הערט און פאַר־שטעהט, אז מע רעדט פון איהם. „קריזיס”, הערט ער, זאָגט מען. און ער פאַרשטעהט נאָך ניט, וואָס פאַר א „קריזיס”? און ער איז גאַנץ צופריעדען, וואָס ער איז מיט איין מאָל געוואָרען אזא מיוחס ביי אלעמען, וואָס אלע אינטערעסירען זיך מיט איהם אזוי. מעהר פון אלע אינטערעסירט זיך דער טאַטע. ער בויגט זיך אָן איבער איהם און פרעגט איהם: וואָס וואָלט ער געוואָלט? ער ענטפערט נישט באלד. ער וויל זיך פריהער גוט באַטראַכטען, וואו ער איז אין דער וועלט און וואָס טהוט זיך דאָ מיט איהם? עס נעמט היבשע עטליכע מינוט, ביז ער קומט צו זיך און פאַר־שטעהט, וואָס מיט איהם איז, — אז ער איז קראַנק געווען, אפּנים, זעהר קראַנק, און אז איצט איז איהם בעסער. בעסער? אויס־געצייכענט גוט. ערשט דעמאָלט, אז ער האָט שוין כמעט אלץ באַגריפען, באַנעצט ער מיט דער צונג די פאַרטריקענטע ליפּען און לאָזט־ארויס א וואָרט, מעהר ניט אז איין וואָרט:

— אגרעסען!...

קוקט זיך דער טאַטע איבער מיט די איבעריגע מענטשען, וואָס שטעהען ארום קראַנקען, און טהוט איהם א פרעג־איבער:

— אגרעסען? וואָסערע אגרעסען?

— איינגעמאַכטס! — ענטפערט דער קראַנקער מיט א מאָדנער גראָבער שטימע, וואָס הויבען הויבט זי זיך אָן דין, סאָפּראַנעדיג, און לאָזט זיך אויס גראָב, מיט א באַס. דער קראַנקער האָט זיך אזש אליין איבערגעשראָקען, ניט דערקענט זיין קול. אין

דריטער טייל

1

ער גיט שטונדען

דער פשט פון „געבען שטונדען". — יונגע און אלטע לעהרערס. — דער כח פון „גראמאטיקע". — מע געהט צו איהם מיט פראטעק־ציעס. — אין פערעיאסלאווער שטאדט־גארטען און ביי דער שטיפ־מאמע אין דער היים. — דעם קאלעקטאר'ס פשרה. — ער באקומט א שטעלע און פאקט זיינע ביכער.

איצט איז שווער צו זאגען, צו ווען מען האט געהערט די איניציאטיווע, דאס הייסט, ווען מען איז דאס איינגעפאלען צום ערשטען, אז א בחור'על, נאך קיין פולע זיעבעצעהן יאהר ניט אלט, נאך קיין סימן פון וואנסילעך אויף דער אויבערשטער ליפ, נאך נישט געענדיגט דעם גאנצען קורס פון דער „אויעזדנע", — זאל ער שוין נעמען דאס שטעקעלע אין האנט, ארויפווארפען דאס אויבעררעקעל אויף די פלייצעס אהן די ארבעל און שוין מארשירען פון שטוב צו שטוב „געבען שטונדען"? „געבען שטונדען" האט געהייסען — לעהרנען מיט יונגלעך און מיט מיידלעך אלץ, וואס מע לערענט אין די קלאסען, אונטערנעמען זיך דורכגעהן מיט זיי א געוויסען קורס און צוגרייטען זיי צו א געוויסער צייט, זיי זאלען קאנען אריין אין די קלאסען, אדער אפגעבען עקזאמען.

אפגעבען עקזאמען איז געווארען א גאנג, ס'איז אריין אין דער מאדע. אלע און אלץ האט זיך געגרייט צום עקזאמען. יונגלעך און מיידלעך, חתנים און יונגעלייט, בעל־הבית'לעך, אידען מיט בערד שוין — האבען זיך א נעם געגעבען צו גאווראַוו'ס גראמאטיקע, צו יעווטושעווסקי'ס אריפמעטיקע, צו סמירנאוו'ס

איז דערגאַנגען צו זיי! און ס'איז טאַקי געווען אַ פּאַרדראָסיגע זאַך: סטייטש, זיי האָבען אויסגעלעהרענט שרייבען אַ גאַנצע שטאָדט, מיט קינדער און קינדס־קינדער, — קומען צו געהן יונגע צוציקעס, וואָס די מילך איז זיי נאָך ניט אָפּגעטריקענט אויף די ליפּען, און דערצעהלען אנעקדאָטען!... עס האָבען אָבער ניט געהאָלפען קיין חכמות — גראַמאַטיקע איז געוואָרען אַ גאַנגבאַרער אַרטיקעל. אָהן גראַמאַטיקע האָט מען זיך ניט געקאָנט געבען אַ ריהר. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו דער פעטער פיני, וואָס האָט, ווי איהר ווייסט, פיינט געהאַט די קלאַסען, ווי אַ כשר'ער איד האָט פיינט חזיר, האָט אויך מודה געווען, אַז גראַ־מאַטיקע איז אַ גוטע זאַך. ער איז אַ איד, וואָס קאָטאָרע ער פאָהרט אויף יארידים, האַנדעלט מיט מאָסקווע, איז אַ חשוב ביי פּאָנין און רעדט רוסיש אויסגעצייכענט, נאָר ער פיהלט, אַז עס פעהלט איהם גראַמאַטיקע (דאָס וואָרט „גראַמאַטיקע” האָט ער באַוויזען מיט צונויפגעלעגטע פינף פינגער).

פון דעסטוועגען, זיין פּלימעניק שלום זאָל זיך ניט אַזוי שטאַרק איבערנעמען, האָט דער פעטער פיני געפונען פאַר נויטיג צוזעצען, אַז ער פאַרשטעהט ניט, צו וואָס מע דאַרף נאָך דערצו געהן אָהן אַ היטעל, עסען אומגעוואַשען און שרייבען אים שבת? איהם דאַכט זיך אויס, אַז מהכתיתי — מע קאָן קענען גראַמאַטיקע און דוקא געהן אין אַ היטעל, און דוקא וואַשען זיך צום עסען, און דוקא ניט שרייבען אים שבת! דער פעטער פיני איז, אַפּנים, געווען אַ נוקם ונוטר, ווי איין אמת'ער תּלמיד־חכם. ער וויל ניט פאַרגעסען יענע אַלטע עבירה פון שרייבען אים שבת אויפ'ן פאַרקאַן... נאָר ווער רעכענט זיך מיט איהם? אַ בחור'על, וואָס נעמט סטיפּענדיעס, גיט שטונדען, פאַרדיענט גאָלד — מע צע־רייסט איהם אויף שטיקער, מע שלאָגט זיך גאָר פאַר איהם: אַלע ווילען, אַז דוקא ער זאָל גרייטען זייערע קינדער אין די קלאַסען, ניט קיין אַנדערער — ווי אַזוי זאָל ער זיך ניט איבערנעמען? אירען געהען צו איהם מיט אַ פּראָטעקציע דורכ'ן קאָלעקטאָר מיט

געאָגראַפיע, צו דיסטערוועג'ס געאָמעטריע, און גענומען לערנען אויף אויסווענינג „באַסני קרילאָוואַ", שטודירען דאָס ווערטער־בוך. ס'איז געוואָרען אַ מין עפּידעמיע — עקזאַמענעס! פאַר־שטעהט זיך, אַז ביי אַזאַ עפּידעמיע איז ניט געווען גענוג לעהרערס אין שטאָדט. פּראָפעסיאָנעלע אידישע לעהרערס זענען געווען איינ־גאַנצען צוויי: דער אַלטער מאָניסאָוו — איז ער געווען אָהן צייהן, געשפּיגען ניט גערעדט, און דערצו נאָך טויב, ווי די וואַנט; און דער יונגערער, נח בוסעל — דער האָט געלעהרענט פראַנצויז, געטראָגען אַ בלויען מונדיר, גלאַנצענדיגע שטיוועל, און איז געווען אַ יקרן, גענומען צו־טייער. און ווייטער איז געווען איצי דער שרייבער און זיין ברודער, אברהם דער שרייבער — ביידע אויס־געפּוצטע אידלעך מיט רויטע בעקלעך־פּאַמפּעשקעס. די האָבען שוין גענומען צו־וואָלוועל, זענען זיי אָבער געווען צעקריעגט מיט דער רוסישער גראַמאַטיקע אויף מעסערשטעך און האָבען ניט געוואוסט, ווי אַזוי עס לעגט זיך אוים דאָס וואָרט „פּעטשעניעגי". דאָס הייסט, זיי האָבען געוואוסט, אַז אינ'ם וואָרט „פּעטשעניעגי" באַדאַרף ערגיץ זיין אַ „יאַט", נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט טרעפען, וואו אוועקצושטעלען די „יאַט": נאָך דער פּע? נאָך דער טשע? נאָך דער ניע? אָדער גאָר נאָך דער גי? דאָס אייגענע איז געווען מיט אַ „עס" און מיט אַ „שאַ". אַז ס'איז געקומען, למשל, צו סושאַ (טריקעניש) אָדער סאַשאַ (אלכסנדר), איז רעכט געווען ביי זיי צו שרייבען: סושאַ, שוסאַ, אָדער שושאַ; סאַשאַ, שאַסאַ, אָדער שאַשאַ. אין שטאָדט, צווישען יונגוואַרג, איז געגאַנגען איין אנעקדאָט, אַז מע האָט פאָרגעלעגט די ברידער, זיי זאָלען מוחל זיין איבערזעצען אויף רוסיש די ווערטער: „סאַשאַ האָט זיך געטריקענט אויף דער טריקעניש", — האָט איינער אָנגעשריבען: „שאַסאַ שוסילסאַ נאַ שוסיע", און דער אנדערער האָט אוועקגעשטעלט: „שאַשאַ שושילשאַ נאַ שושיע".

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז נאָר געווען איין אנעקדאָט. נאָר ווי אַזוי האָט דאָס נעבאַך זיי געקרענקט, אַז דער אנעקדאָט

הויבט זיך אויף צו א שטארק ווינטעל, בלאָזען זיך די לעמפּלעך אָן און ווערען גאָר פארלאָשען. נאָר ווער קוקט דערויף? אדרבה, אויב איהר ווילט, איז נאָך גלייכער, וואָס ס׳איז פינסטער. קאָן מען דעמאָלט אָפּ׳שטעלען זיך, בחורים׳לעך און מיידלעך, און א שמועס טהון, א לאַך טהון און געבען א רעד־אָפּ אויף מאָרגען אין דער צייט נאָך א מאָל זיך באגעגענען אָט דאָ, אין דער אַלעע, אונטער דער נאָר־וואָס אָפּגעצוויטעטער שמעקענדיגער בוזינע...

און מע קומט אהיים א פארפּאַליוועטער, א צעהיצטער און א הונגעריגער און מע עסט וואָס גאָט גיט — א שטיקעל הערינג, א טאראנקע, א גרינע אוגערקע, א ציבעלקע מיט ברויט. איין אפּעטיט איז, קיין עין־הרע, דאָ א פיינער. ווער וואַשען זיך? וואָס בענטשען? דער טאטע פרעגט שוין אפילו ניט וועגען מעריב דאַווגען... קרענקען קרענקט דאָס איהם, נאָר ער מאכט זיך ניט וויסענדיג. רעדען מיט די קינדער א וואָרט — איז קיין צייט ניטאָ. אָפּגעגעסען, דארף מען זיך זעצען לערנען, צוגרייטען די אוראָקען אויף מאָרגען. זעצט זיך אוועק שלום ביי א לאָמפּ לערנען, ברענט קעראָסין — ווייל די שטיפמאַמע ניט ליידען, בורטשעט זי. פארדריסט עס דעם טאטען. זאָגט שלום, אז ער וועט זיך קויפען קעראָסין פאר זיין געלט, און א לאָמפּ איין אייגענע וועט ער זיך איינפיהרען. זאָגט דער טאטע, ער זאָל זיך ניט דערוועגען טהון אזא זאך און זאָל איהם ניט מקצר־ימים זיין. דערהערט דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילען און זאָגט, אז ער האָט פיינט מחלוקת. מישט ער זיך אריין און מאכט א פשרה. באשר בכן, אזוי ווי דאָס בחור׳על איז שוין א מענטש פאר זיך, פארדיענט שוין, קיין עין־הרע, א קערבעל, און לערנען דארף ער אויך, עס שטעהט איהם פאָר אָפּגעבען דעם לעצטען עקזאמען, איז א יושר, מע זאָל דעם קונדרס (שוין אויס „קונדראס״, נאָר „קונדרעס״) לאָזען צו־רוה. און ער לאָזט־אויס: „עצתי, אז ער זאָל זיך ערגיין אָנדינגען א קווארטיר מיט קעסט ביז איבער די עקזאמענעס, און לאָז ער זיך לערנען געזונטערהייט״. און

די שווארצע ברילען, וואָס איז א גוטער ברודער מיט רב נחום ראַבינאָוויטש, אז ער זאָל זיין אזוי גוט און זאָל פּועל'ען ביי דעם פּאָטער, אז דער פּאָטער זאָל פּועל'ען ביי זיין זוהן האָטש איין האַלבע שעה אין טאָג: „מע זאָגט, אז זיין שלום האָט א גרינגע האַנט, און אז דורך איהם גיט מען אָפּ עקזאַמען בעסער, ווי דורך אַלע אַנדערע"... און דעם טאַטענ'ס הארץ וואַכסט, די נשמה קוועלט — א קלייניגקייט, אַזא כבוד דערלעבט זיך, האָטש נחת ווינציג, זעהר ווינציג! וואָס פאַר א נחת, איך בעט אייך, אז מע קוקט נישט אָן קיין קינד אין די אויגען? דעם ערשטען האַלבען טאָג איז ער אין קלאַס, דעם אַנדערען האַלבען טאָג ביז אין דער נאַכט — פאַרנומען מיט די שטונדען. און קומט פאַר־נאַכט, שפּאַציערט מען אַרום מיט חברים אין שטאָדט־גאָרטען. זומער איז דער פּערעיאַסלאַווער שטאָדט־גאָרטען א גן־עדן. דאָרט שפּיעלט מוזיק — די מיליטער־מוזיק — מיט'ן פּאָלקאָוואָי קאַפּעל־מייסטער, א איד מיט א שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אויגען, ווי די קאַרשען, און מיט גראָבע ליפּען. אַלע מיידלעך זענען פאַרליעבט אין זיין שטעקעלע, און ער האָט זיי ליעב אַלע גלייך, שמייכעלט צו זיי פון דער ווייטען מיט זיינע שוואַרצע קאַרשען־אויגען און מיט זיינע גראָבע ליפּען און מאַכט מיט'ן שטעקעלע נאָך שטאַרקער. און די טרובעס טרובען, און דער קעסעלפּויק באַראַבאַנעט, און דער שטויב פון די שפּאַציערענדיגע פאָרלעך צווישען די אַלעען קאָנקורירט מיט'ן שמעקענדיגען ריח פון דער נאָר־וואָס אָפּגעצוויטעטער בוזינע, וואָס פילט־אָן די לופט מיט א געדיכטער זיסקייט. דאָס איז דער ריח און דאָס איז די זיסקייט, וואָס נאָר דער דאָרטיגער, פון יענע מקומות, פון מאַלאָראָסיע, — דער ווייסט עס, דער געדענקט עס און דער קאָן אָפּשאַצען, וואָס הייסט א זומער־אָוועגט און א שפּאַציערגאַנג אין שטאָדט־גאָרטען. באַלייכט איז דער גאָרטען זעהר געמיין. איינגאַנצען געפינען זיך דאָרט א דריי־פיער לאַנטערנעס מיט גאַז־לעמפּלעך, אי דאָס פאַר־רויכערטע, פאַר'חושכ'טע, מיט צעבראָכענע גלעזלעך, אזוי אז עס

אָבער די שטיפמאמע צערערט. געגומען באַרוויערען, זאָגען, אז עס געפעלט איהר ניט דער כּלֹאַן. ערשטענס, וואָס וועט די וועלט זאָגען? די וועלט וועט זאָגען, געזאָגט זאָל זיי ווערען פּרעה׳ס מכּות, אז שולדיג איז די שטיפמאמע. איז איין מאָל אוועק. און ווייטער — וועמען מאכט קאלי א קינד, אז ער איז ביי זיין טאטען? מעהר מיט א מויל, ווינציגער מיט א מויל — מע וועט שוין דער־מיט די יוייך ניט פּעט מאכען... און אז ס׳איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי געלאָזט א טרער.

ארויסבאגלייט דעם קונדס, האָט דער טאטע געגומען ביי איהם תּקיעת־כּף, אז שבּת איז ער א היימישער. מילא, א גאנצע וואָך — ווי די מעשה איז. אָבער שבּת — אין גאָטעס ווילען, שבּת!... דאָס שטיקעל נחת פאר וואָס זאָל ער איהם ניט צו־טיילען? ובפרט, אז ס׳איז פאר איהם אליין א געגוס און א פארגעניגען. וואָרום וואו ריכט מען אָפּ אזא שבּת, ווי ביי זיין טאטען? ווער זאָגט אזוי די „שלום־עליכמס״, ווי זיין טאטע? ביי וועמען קלינגט אזוי שען דער „אשת־חיל־מי־ימצא״, ווי ביי איהם? ווער קאָן אזוי זינגען זמירות, ווי זיין טאטע? און דער קידוש? אַלע אידען מאכען קידוש. נאָר ניט אויף אַלע אידען רוהט די שכינה. אין אַלע אידישע הייזער פּראוועט מען שבּת. אָבער ניט אין אַלע אידישע הייזער נידערען־אראָפּ די מלאכי־השלום, מלאכי־עליון, שוועבען, טראָגען זיך אין דער לופטען און פילען־אָן די שטוב מיט א שטילער הייליגקייט, אָדער מיט א הייליגער שטילקייט פונ׳ם הייליגען גרויסען ליעבען טאָג שבּת...

טאָמער איז איהם שווער צו געפינען, נעמט ער, דער קאָלעקטאָר, אויף זיך די דאָזיגע טרחה.

פארשטעהט זיך, אז תּחילת האָט דער טאַטע ניט געוואָלט הערען, ניט זעהען פון אַזא משוגענעם פּלאַן. דער קאָלעקטאָר האָט אָבער געהאַט אין זיך א כּח, אז ער האָט געקאָנט איבעררעדען א וואַנט. און דערצו האָט ער פיינט געהאַט רעדען. ער האָט ליעב געהאַט טהון. איז ער אוועק און איז געקומען מיט א גדולה — ס'איז איהם אָפּגעראָטען על צד היותר טוב! ער האָט געקראָגען איינעם א בעלן, וואָס גיט־אָפּ א חדר מיט קעסט מיט אַלעם גרייטען אומזיסט, נאָר מיט דעם תּנאי, אז דער קונדס זאָל לעהרנען סך־הכּל איין האַלבע שעה אין טאָג אין דער פריה און איין האַלבע שעה בייטאָג מיט די עלטערע קינדער, און אמאָל נאָך א האַלבע שעה אָדער א שעה פארנאַכט מיט די קלענערע קינדער.

— וויפיעל־זשע זענען פאַרהאַן קינדער אָרום און אָרום? — פרעגט דער טאַטע.

— וואָס מאַכט אייך אוים וויפיעל? ער דאַרף זיי דען געבען עסען? ער דאַרף דאָך נאָר לעהרנען. וואָס זשע איז איהם די נפקא־מינה, צי דריי קינדער, צי פינף קינדער, צי זיעבען קינדער? דאַכט זיך, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בין אייך א גוטער פריינט און וועל אייך ניט פארפיהרען — וואָס איז שייך? עצתי, אז דער קונדס זאָל זיך צונויפפּאַקען און זאָל זיך אריבער־פּעקלען גלייך מיט מיר, און טאַקי באַלד, און טאַקי שוין, וואָרום בעלנים אויף אַזא שטעלע וועלען זיך געפינען א סך. היידא!

דער קונדס נעמט זיך פּאַקען. קיין סך צייט דאַרף עס ביי איהם ניט נעמען. זיין גאַנצער גאַרדעראָב באַשטעהט פון א פּאָר העמדער, איין פּאָר זאָקען, א תּפילין־זעקעל, א סידור'על און ביכער, ביכער, ביכער. פּאַקענדיג, חאַפּט ער א קוק אויפ'ן טאַטען — זיין פּנים איז געל, אַזוי ווי וואַכּס. ער דרעהט דאָס שיטערע בערדעל און קייעט עס מיט די צייהן. ער האָט נישט קיין ווערטער, נאָר יעדער זיפץ רייסט־אַרוים א שטיק האַרץ. דערפאַר האָט זיך

אין זעהר א שענער מליצה־שפּראך שילדערט דער מחבר, ווי אזוי גאָט האָט זיך צעבייזערט אויף דער פאַרדאָרבענער מענטשהייט און האָט אראָפּגעשיקט אויף דער ערד די חלירע, גאַטירליך, אין דעם געשטאַלט פון א נקבה, א מיאוס׳ע, א שרעקליכע, א „חלירע״, מיט א גרויסען חלף אין די הענט, און זי שניידט רעכטס און לינקס. פאַרשטעהט זיך, אז דער גיהנם פון דאַנטע איז באַשריבען מיט מעהר שרעקליכע פאַרבען און מאַכט אויפ׳ן לעזער א מעהר טיעפען איינדרוק, ווי די „חלירע״. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר. די הויפּטזאַך איז דאָ די שפּראַך. דאָס איז געווען א מין פּיעל־פאַרביגע, גרויסאַרטיגע, זיס־צוקערדיגע מליצה־שפּראַך, וואָס די חלירע האָט אַזעלכעס זיכער ניט פאַרדיענט. דאָס איז, וואָס ס׳איז שייך צום ווערק. אַצינד קומט דער מחבר אליין.

א טרוקענער, נאָר א ברייטביינעריגער, מיט א ברייט פּיער־עקעכיג גלאַנצענדיג פּנים, שיטער באַוואַכסען, אזוי שיטער, אז בעת ער עסט, קאָן מען זעהען יעדען שלונג, וואָס געהט־אראָפּ אין האַלז, ווי ביי א הונגעריגער גאַנז. ביי יעדען שלונג טהוט ער א מאַך מיט׳ן קאָפּ ארויף און אראָפּ, אויך ווי א הונגעריגע גאַנז. די האָר, וואָס אויפ׳ן קאָפּ, זענען אויך שיטער, דערפאַר זענען זיי לאַנג און הענגען אראָפּ מיט פאַרגרייזעלטע קוטשערלעך, אַלע מאָל מיט עפּיס א פעטער זאַך אָנגעשמירט, ס׳זאָל גלאַנצען. אָנגעטהאָן געהט ער, ווי א דייטש, מיט א הויכען האַרטען קאַפּעליש. אַלץ וואָס אויף איהם איז שרעקליך אַלט, נאָר מיט סכנות ריין, ציכטיג, אויסגעבערשטעלט און צוגעפּרעסט. און אַלסדינג אַליין. אַליין געריינינגט, אַליין געפּרעסט, אַליין פאַרריכט, אַליין א קנעפּעל איינגענייהט. א סברה, אז ער וואַשט זיך אַליין ביינאַכט אויס דאָס העמד, וואָס ער טראָגט בייטאָג, און אפילו דער שניפּס, וואָס ביי איהם אויפ׳ן האַלז, איז אויך זיין אייגענע מלאכה. אז ער רעדט, רעדט ער מיט אַלע איברים, מיט א האַרציג קול, מיט א רחמנות־פּנים, און די אויגען האַלב־צוגעמאַכט, פאַרגלאַנצט ארויף. קוקענדיג אויף דעם פאַרשוין, האָט דער העלד פון דער דאָזיגער

2

אַ אידיליע

אורחים אויף שבת. — אַ העברעאישער משורר בנימינזאהן. — דאַנטע'ס גיהנם און בנימינזאַהנ'ס „עמק יהושפט או החלירע". — ווי אַזוי אַ דיכטער בראַט אַ שטיקעל הערינג אויף קויהלען. — שבת ביי'ם טיש. — „פייגה־לאה די גבאי'טע" קוקט־ארוים אויף שבת.

האָבען איין אורח אויף שבת איז געווען ניט נאָר אַ מצוה — עס איז אריין אין דער טבע, עס איז געוואָרען אַ מין רגילות. אַזוי איז דאָס געווען ביי בעל־הבתּישע אידען אין יענער צייט. אַזאַ איד אַ בעל־הבית, ווי נחום ראַבינאָוויטש, למשל, האָט ניט געקאָנט פאַרשטעהן, וואָס הייסט זעצען זיך שבת צום טיש אָהן איין אורח? דאָס וואָלט געווען ביי איהם אַ פאַרשטעהרטער שבת.

אַלע מאָל האָט איהם גאָט צוגעשיקט איין אַנדער אורח. איצטיגס מאָל איז דער זוהן געווען איין „אורח". אויך גוט. ער איז אָבער געווען ניט איינער. אַ חוץ איהם זענען געווען נאָך צוויי. דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען — איהם קענט איהר. דער אַנדערער האָט געהייסען בּ נ י מ י נ ז אָ ה ן — מיט איהם וועל איך אייך באַקאַנט מאַכען.

אַ משורר. ניט קיין משורר ביי אַ חזן, נאָר אַ פּאָעט, אַ דיכטער. אַ העברעאישער שרייבּער. ער האָט געמאַכט אַ בוך מיט'ן נאָמען: „ע מ ק י ה ו ש פ ט א ו ה ח ל י ר ע".

ער זיך אלע טאָג, פאר א קאָפּיקע א שטיקעל הערינג, געהט מיט דעם פּאוואָלינקע, אויף די שפּיץ פינגער, אין קיך אריין, אנט־שולדיגט זיך א מאָל פופצעהן־צוואנציג פאר דער שטיפמאמע, זי זאָל איהם דערלויבען אוועקלעגען דאָס שטיקעל הערינג אין אויוועץ אין א ווינקעלע אויף הייסע קויהלען, סע זאָל זיך א ביסעלע צו־בּראָטען. און אז דאָס שטיקעל הערינג הויבט זיך אָן צו צובראָטען, הויבט עס אָן צו פּראָטעסטירען, זשומען און פּרעגלען זיך, און לאָזט ארויס אזא געשטאנק, אז מע דארף אנטלויפען פון שטוב. שווערט די שטיפמאמע, אז דאָס אנדערע מאָל וועט זי איהם ארויסווארפען מיט׳ן הערינג. נאָר איהר שבועה איז זי ניט מקיים. וואָרום מע דארף האָבען א הארץ פון א טאָטער, מע זאָל אזעלכעס טהון מיט א מענטשען, וואָס לעבט א גאנצע וואָך מיט א שטיקעל גע־בּראָטענעם הערינג.

איין אויסנאהמע איז שבת. קומט שבת, איז ער איין אורח ביי׳ם טיש גלייך מיט אלעמען. און נאָך מיט א קאָפּ העכער פון אלע אנדערע אורחים. א איד איין איידעלער, א תּלמיד־חכם, א משכּיל, א שרייבער, א משורר! אי וואָס, ער איז נעבאך איין אָרעמאן — וואָס זאָל ער טהון? ס׳זאָל זיין אין איהם געוועגדט, וואָלט ער בעסער געווען א נגיד. נאָר אז ס׳איז ניטאָ קיין מזל... און ער טהוט א זיפץ. דער בּעל־הבּית ענטפערט איהם מיט א זיפץ און גיסט איהם אָן א גלעזעל וויין, און גיסט זיך אָן א גלעזעל וויין, און גיסט־אָן דעם קאָלעקטאָר אויך א גלעזעל וויין, און אלע דריי טרינקען לחיים, נישט נאָר פאר זיך, נאָר פאר׳ן כּלל־ישראל. און פון א גלעזעל וויין ווערט מען לעבעדיג, און די צונג ווערט אויפגעבּונדען, און מע הויבּט־אָן רעדען אלע אינאיינעם — נישט קיין דברים בּטלים, חס־ושלום, נאָר דברי־תּורה, פון ספרים, ביכער, חכמה, השכּלה, וויסענשאפט...

דער יונגסטער פון די „אורחים", דער פּארפאסער פון די דאָזיגע בּאשרייבּונגען, מישט זיך אויך אריין אין געשפּרעך, נאָר ער היט זיך מיט איין איבּעריג וואָרט צווישען גרויסע, חאָטש מע

ביאָגראַפיע ניט איין מאָל געטראַכט ביי זיך: „טשיקאַווע צו וויסען, ווי אַזוי האָט אויסגעזעהען אָט דער בנימינזאָהן מיט אַ יאָהר דרייסיג אָדער פערציג צוריק, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגעל?“...

פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער — ווייסט קיינער ניט. אויסדריקענדיג זיך מיט דעם לשון פון דער שטיפמאַמע, האָט איהם „פאַרנאַדעט“ אַהערצוצו דער קאָלעקטאָר. „איין שלים־מזל שלעפּט דעם אַנדערען“... אויף זיין „טריפה'נעם“ גליק, האָט איהם דער קאָלעקטאָר געבראַכט צו פיהרען איינמאָל אין אַ שענעם טאָג מיט אַ גרוי טשעמאָדאַנדעל אַקוראַט אין דער שעה, ווען זי, די שטיפמאַמע, איז ניט געווען אין דער היים. אַז זי איז געקומען און געטראָפען דעם פאַרשוין מיט'ן טשעמאָדאַנדעל, לייענענדיג פאַר'ן טאַטען עפּיס פון אַ ביכעל, האָט זי באַלד געזאָגט, אַז ס'איז אַ שלים־מזל, איינער פון יענע שלים־מזל'ען, וואָס „מע דאַרף זיי געדיכט זייהען און זיי זאָלען שיטער אויפגעהען“, און געפרעגט, פאַר וואָס האָט ער בעסער ניט געטראָפען צו ראובן יאַסענגראַדסקין אויף סטאַנציע? עס איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלען. מע טרייבט נישט קיין מענטשען פון שטוב, בפרט אַזאַ מין נפש, וואָס דאַרף ניט קיין זאַך און וויל ניט קיין זאַך און פאָדערט ניט קיין זאַך. שלאָפען שלאָפט עס אויף דער אַלטער סיראַטענער קאַנאַפּקע, אין אַ פינסטערען קאָרידאָר, צווישען צוויי חדרים. אַז מע טראָגט־אריין דעם סאַמאָוואַר, צאַפּט ער זיך אָן אין זיין אייגענעם גרויסען טשייניק זודיג וואַסער, פול ווי איין אויג, שיט זיך אַרויף פון אַ געל פּאַפּיערעל עפּיס אַ מין „סענעם־בלעטלעך“, וואָס ס'איז „גוט צום האַרצען“, נעמט זיך אַרויס פון קעשענע זיין שטיקעל צוקער און טרינקט זיך זיין טיי.

מיט'ן עסען איז אויך דאָס אייגענע. ער האָט זיך זיין ברויט ביי זיך אין גרויען טשעמאָדאַנדעל. דאָס ברויט איז אַלטגעבאַקען. וואָס עלטער איז בעסער (שפּאָרעוודיגער). און הערינג קויפט

3

די צעשטעהרטע האָפענונגען

די עקזאמענעס אויף דער נאז. — ער בויעט לופטשלעססער מיט זיין חבר אלי דאדי'ס. — „למנצח על השלישית". — ער שרייבט א מליצה־בריעף צו ח"י גורלאנד. — דער „קלוב" אין דער „טאַבאטשנע". — ח"י גורלאנד ענטפערט מיט א בריעף, און די לופט־שלעססער צעפאלען זיך.

די צייט איז געגאנגען. קינדער וואכסען. עס קומט־אָן דער זומער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דארף ענדיגען דעם קורס. די עקזאמענעס זענען אויף דער נאָז. אָט נאָך א וואָך, נאָך צוויי — ווערט מען פטור פון דער „אויעזדנע", וואס האָט זיך שוין צו־גענעסען. דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראפיע האָט קיינמאָל ניט געפיהלט קיין באזונדערע סימפאטיע צו די קלאסען. קיין קוואל אויף צו שעפען פון דאָרטען חכמה און וויסענשאפט איז זי פאַר איהם קיינמאָל ניט געווען. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט יאָ גענאשט, איז דאָס געווען גיכער פון דעם בוים, וואָס האָט גע־הייסען אין יענער צייט „השכלה". ביכער, רוסישע און העברע־אישע, בלעטער, צייטונגען, זשורנאלען — דאָס זענען געווען די פירות, וואָס ער האָט גענעסען מיט'ן פולען מויל. א סך האָט איהם מיטגעהאָלפען דער „קלוב", די דעמאָלטיגע פערעיאסלאווער אינטעליגענץ, מיט'ן קאָלעקטאָר, מיט בנימינזאָהנען און מיט די גערעאָטענע איידעמס בראש, און דער אידעאל איז געווען — ארגאָלד פון די פידוואָ־קעס מיט זיין גרויסער ביבליאָטעק.

פייגה־לאה מיט אזא טאָן, וואָס דארף הייסען: „עט! אבי מע לעבּט און מע זעהט זיך!"... — און הערט ניט אויף צו רייבּען זיך אָן זיינע פיס און צו מורליקען, קוקען ווי א זינדיגער מענטש אוןווארטען, מע זאָל איהר עפּיס צו־ווארפען.

— צער בעלי־חיים! — זאָגט דער קאָלעקטאָר מיט א זיפץ. טהוט בנימינזאָהן א שלונג, א קוק אויף אָלע דריי און זאָגט, אז ער האָט דערויף א שיר, הייסט ער: „ורחמיו על כל מעשיו". און ניט געוואַרט ביז מע וועט איהם בעטען, פארגלאנצט ער די אויגען ארויף און זאָגט דעם שיר.

דער מחבר פון די דאָזיגע זכרונות האָט זי שוין געהאַט אמאָל באַשריבען טאַקי אונטער דעם דאָזיגען נאָמען אין איין אַנדער אָרט (אינ'ם בוך „מאָטעל פייסי דעם חזנ'ס"). דאָס איז געווען א קאַץ. און ווייל זי איז געווען א גראָבע, האָבען איהר חברה א נאָמען געגעבען „פייגה־לאה די גבאי'טע". חברה האָבען געהאַט א שוואַכקייט צו קעצעלעך, און פייגה־לאה האָט אַלע יאָהר אראָפּ־געבראַכט א דור פון שענע ראַבע קעצעלעך. די קעצעלעך זענען אונטערגעוואַכסען, האָט מען זיי צעשענקט, צעוואָרפען, און פייגה־לאה איז פאַרבליבען איין אַלטגעזעסענע, איין איינגעוואָרצעלטע, א פאַרפונדעוועטע, א קאַץ, וואָס פאַרשטעהט איהר ווערטה און לאָזט זיך ניט טרעטען מיט די פיס. אמת, קיין גרויסע מיוחסת איז זי ביי דער שטיפמאַמע ניט געווען. געחאַפּט א שמיין מיט'ן פוס, א בוכצע אין זייט אריין, און אמאָל מיט דער באַרשט איבער'ן קאָפּ, — נאָר מיט וואָס איז זי מעהר צאַצקע פון דער שטיפמאַמע'ס אייגענע קינדער? און דער שטיפמאַמע'ס קינדער באַגעהען זיך מיט איהר, מיט פייגה־לאה'ן, אויך נישט איבעריג קוצעניו־מוצעניו, טהוען איהר צום טוידט, שלעפּען ביי איהר אוועק די קליינע קעצעלעך פון דער ברוסט און מוטשען זיי מיט סכנת־נפשות! ס'איז אָבער דערויף אויך פאַרהאַן א תירוץ (אויף אַלסדינג קאָן מען געפינען א תירוץ): פאַר וואָס זאָלען קינדער זיך באַגעהן מיט א קאַץ בעסער, ווי זייער אייגענע מאַמע באַגעהט זיך מיט איהרע אייגענע קינדער?... אודאי, ווען שלום איז געווען א היימישער, האָט ער אַכטונג געגעבען, מע זאָל פייגה־לאה'ן אומ־זיסט ניט באַלעדיגען. איצט, אז ער איז נאָר א גאַסט, קומט צו געהן איין מאָל אין וואָך, שבת, איז איהם פייגה־לאה מקבל־פנים, ווי איין אייגענעם, שטעהט־אויף, אז ער קומט אריין, בויגט־אויס דעם רוקען, טהוט זיך א רייב מיט'ן קאָפּ ביי זיינע פיס און ציהט־אויס א לאַנגען געהניץ און באַלעקט זיך. „וואָס איז דיר, פייגה־לאה?" — טהוט ער זי א גלעט איבער'ן קעפּעל, אָנגעבויגען זיך צו איהר אויף דער ערד. „מניאַ־או!" — ענטפערט איהם אָפּ

האָט זיך בײַ איהם אָנגעזאַמעלט פֿאַר דער וואָך, פ אַ ר ׳ ן טיש, ב ײ ׳ ם טיש און נ אָ כ ׳ ן טיש.

דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען איז שוין געווען אַ סך פּראַקטישער פון איהם. אַז מען איז געקומען פון שוהל און דער טאַטע האָט אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס מע דאַרף, אָפּגעמאַכט קידוש און געגאַנגען זיך וואַשען, האָט ער, דער קאָלעקטאָר, אַרײַנקוקענדיג דורך די שוואַרצע ברילען אין טעלער אַרײַן, אַ זאָג געגעבען: „אַצינד וועט אונז אונזער משורר מסתמא עפּיס זאָגען". און דער משורר, חאָטש ער איז נעבאַך גוט אויסגעהונגערט, וואָס מע האָט געקאָנט אַרויסזעהען פון זײַן כאַראַקטעריסטישען שלינגען, לאָזט זיך ניט לאַנג בעטען, און דער קאָלעקטאָר דערווײַל פּאַקט אויף בײדע באַקען, טונקט די פרישע חלה אין דער שטאַרק־גע־פּעפּערטער פיש־יויך, פאַרטרינקט מיט אַ קליין קעלישעקעל שטאַרקען בראָנפען, און ווישענדיג אַ האַנט אָן אַ האַנט, טהוט ער אַ זאָג מיט התלהבות: „אויסגעצייכענט! עס לאָזען זיך אויס אַלע וועלטען!!"...

עס איז נאָר שווער געווען צו טרעפען, מיט וואָס לאָזען זיך בײַ איהם אויס אַלע וועלטען: מיט בנימינזאָהנ׳ס שירים? אָדער מיט דער געפּעפּערטער פיש־יויך? אָדער מיט׳ן קעלישעקעל בראָנפען? אָדער מיט אַלע זאַכען אינאײנעם? יעדענפאַלס, איז די שטימונג אַזאַ הויכע, אַז אפילו אַזאַ פּראָזאַאישע נשמה, ווי די שטיפמאַמע, הויבט זיך אויך אויף דעם דאָזיגען שבת אויף אַ האָר העכער, און אויסגעשלייערט לכּבוד שבת אין איהר באַרדיטשעווער פריזורקע, קוקט זי מיט אַ פרײַנטליך אויג אויף די שבת׳דיגע אורחים און טרײַבט זײ אונטער, זײ זאָלען שוין אַמאָל עפּיס עסען אויך און איבערלאָזען דאָס איבעריגע ביסעל רעד אויף נאָכ׳ן עסען.

בכדי דאָס בילד זאָל זײַן פאַרענדיגט און די אידיליע זאָל זײַן נאָך מעהר בולט, מוז דאָ געזאָגט ווערען חאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגען נאָך אַ לעבעדיגען נפש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף די שבת׳דיגע אורחים. דאָס איז געווען „פייגה־לאה די גבאי׳טע".

3

די צעשטעהרטע האָפענונגען

די עקזאַמענעס אויף דער נאָז. — ער בויעט לופטשלעסער מיט זיין חבר אלי דאַרי'ס. — „למנצח על השלישית". — ער שרייבט א מליצה־בריעף צו ח"י גורלאַנד. — דער „קלוב" איז דער „טאַ־באַטשנע". — ח"י גורלאַנד ענטפערט מיט א בריעף, און די לופט־שלעסער צעפאַלען זיך.

די צייט איז געגאַנגען. קינדער וואַכסען. עס קומט־אָן דער זומער, דער לעצטער זומער, וואָס מע דאַרף ענדיגען דעם קורס. די עקזאַמענעס זענען אויף דער נאָז. אָט נאָך א וואָך, נאָך צוויי — ווערט מען פּטור פון דער „אויעזדנע", וואָס האָט זיך שוין צו־געגעסען. דער העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע האָט קיינמאָל ניט געפיהלט קיין באַזונדערע סימפּאַטיע צו די קלאַסען. קיין קוואַל אויף צו שעפּען פון דאָרטען חכמה און וויסענשאַפט איז זי פאַר איהם קיינמאָל ניט געוועזן. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט יאָ גענאַשט, איז דאָס געוועזן גיכער פון דעם בוים, וואָס האָט גע־הייסען אין יענער צייט „השכלה". ביכער, רוסישע און העברע־אישע, בלעטער, צייטונגען, זשורנאַלען — דאָס זענען געוועזן די פּירות, וואָס ער האָט געגעסען מיט'ן פולען מויל. א סך האָט איהם מיטגעהאָלפען דער „קלוב", די דעמאָלטיגע פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ, מיט'ן קאָלעקטאָר, מיט בנימינזאָהנען און מיט די געראָטענע איידעמס בראש, און דער אידעאַל איז געוועזן — אַרנאָלד פון די פּידוואַ־קעס מיט זיין גרויסער ביבליאָטעק.

פייגה־לאה מיט אזא טאָן, וואָס דאַרף הייסען: „עט! אבי מע לעבּט און מע זעהט זיך!"... — און הערט ניט אויף צו רייבען זיך אָן זיינע פיס און צו מורליקען, קוקען ווי א זינדיגער מענטש און ווארטען, מע זאָל איהר עפּיס צו־ווארפען.

— צער בעלי־חיים! — זאָגט דער קאָלעקטאָר מיט א זיפץ. טהוט בנימינזאָהן א שלונג, א קוק אויף אלע דריי און זאָגט, אז ער האָט דערויף א שיר, הייסט ער: „ורחמיו על כל מעשיו". און ניט געווארט ביז מע וועט איהם בעטען, פארגלאנצט ער די אויגען ארויף און זאָגט דעם שיר.

ארוים :. קווא! — און ווערט אנשוויגען. אַיך אַ סימן אויף אַ רעגען. האָטש דער הימעל איז ריין, קלאָר, ווי זעפיר. קיין שפרענקעלע אויפ׳ן האָריזאָנט. עס פיהלט זיך אַ נאָהענטע שייכות מיט אָט דעם וואלד, מיט׳ן פעלד, מיט די מארגאריטקעס, מיט דער פרישער ערד און מיט׳ן שמעקענדיגען גראָז און מיט׳ן פליעגעלע, מיט׳ן זשוקעל און מיט דער מורעשקע, וואָס פויזשעט, מיט די שוועלבעלעך, וואָס פליהען, און מיט די זשאַבעס, וואָס קוואַקען, און מיט דער גאַנצער נאַטור ארום און ארום — יעדע זאַך באַזונדער איז אַ חלק פון דער וועלט און אַלץ אינאיינעם מיט די מענטשען נענומען — דאָס איז איין וועלט, איין משפחה, איין געזינדעל. און דאָס ווימעלט און דאָס גריבעלט, און דאָס ליאַרעמט און דאָס טאַרעראַמט — עס איז אַ יאריד, עס איז אַ וועלט, עס הייסט „לעבען". ביידע יונגע חברים פיהלען זיך גוט אין דער דאָזיגער וועלט. ביידע זענען צופריעדען מיט זייער לעבען, זאַט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, קאָנטעט מיט זייער היינט און ערוואַרטען נאָך מעהר פון דעם, וואָס וועט זיין, פון דעם, וואָס קומט. זיי פיהרען אַ לאַנגען, שטילען, רוהיגען געשפרעך. אַ געשפרעך, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און האָט ניט קיין סוף. דער גרעסטער טייל פון זייער געשפרעך דרעהט זיך ארום דעם, וואָס זיי שטעהט פאָר: וואָס וועט ווייטער זיין? און מע לעגט־פאָר פלאַנען און מע בויעט לופטשלעסער, און מע שטעלט זיך פאָר אַ זיס פיעלפארביג לעבען, וועלכעס שפיעגעלט זיך אָפּ אין דער פאַנטאַזיע פון יעדען יונגען מענטשען און וועלכעס גיט זיך קיינמאָל קיינעם נישט איין אויף דער ערד...

מע קאָן אָבער דאָ אַזוי לאַנג ניט פאַרברענגען. די צייט שטעהט ניט. עקזאַמענעס איז פאָרט ניט קיין שפיעלכעל. זיי זענען טאַקי די ערשטע און די בעסטע אין קלאַס, נאָר אַ קשיא וואָס קען מען זיך? עס קאָן זיך אמאָל טרעפען, אז דער בעסטער זאָל דורכפאַלען. נאָר איין מענטש איז געווען געזיכערט — און דאָס איז געווען דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילען. „וואָס

דאָס איינציגע, וואָס איהם האָט געבונדען מיט דער „אור־יעזדנע‟, איז געווען זיין חבר אלי דאָדי׳ס, וועלכען ער האָט באמת ליעב געהאַט פאַר זיין לעבעדיגען כאַראַקטער און פאַר זיין קאָנען נאָכמאַכען און איבערקרימען אַלע לעהרערס, ווי איין אמת׳ער אַקטיאָר, א קאָמיקער.ביידע אינצווייען האָבען זיי איבערגע־קעהרט די וועלט, ביידע אינאיינעם האָבען זיי געליינט ביכער, געלעבט א גוטען טאָג, געווען אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריגע חברים, צום מיינסטען פאַרשטאָפּטע קעפּ, פלעקער. אין דער צייט, ווען יענע האָבען זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס, געפּיעבערט, מורא געהאַט פאַר א דורכפאַל, האָבען די צוויי חברים, שלום ראַבינאָוויטש און אלי דאָדי׳ס, געמאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, געהאַט די עקזאַמענעס אין דער לינקער פּאה. זומער־לעבען. אין דרויסען איז א גן־עדן. די בעסטע צייט אויף צו באָדען זיך אין טייך, אויף צו שיפען זיך אין א שיפעל, העט־ווייט, אויף יענער זייט ברעג, אין הויכען גרינעם אָטשערעט. דאָרטען איז דאָ א לעוואַדע, א פעלד, מיט א סך ווייסע און רויטע מאַרגאַריטקעס באַשפּרענ־קעלט. און ווייטער פון דער לעוואַדע געהט א וועלדעל, טאַקי א גאַנצער וואַלד. לאָזען זיך לויפען איבער׳ן גאַנצען פעלד, ביז צום וואַלד, אין איין אָטעם — איז ניט פון די קליינע זאַכען. ווער פון זיי, ער אָדער זיין חבר אלי, וועט קומען צו לויפען פריהער? זיי בלייבען ביידע אָהן אָטעם. טהוט מען זיך א וואָרף אויפ׳ן גרינעם שמעקענדיגען גראָז. מיט׳ן פּנים אַראָפּ ליגט מען און מע גראַבעלט די פרישע רויע זאַמדיגע ערד, וואו עס קריכט א פליעגעלע, שפּאַ־ציערט א זשוקעל, פּויזשעט א מורעשקע, שלעפּט מיט די פעדערשטע פיסעלעך א גאַנצע שטרוי, א שטיקעל קאָרע, א נאָדעל פון א בוים. ס׳איז שטיל. א מאָדנע, א הייליגע, א פאַרווייגענדיגע, א פאַר־שלעפערנדיגע שטילקייט. זעלטען ווערט די שטילקייט געשטעהרט דורך א צוויץ פון א רייהע שוועלבעלעך, וואָס טראָגען זיך דורך איבער די קעפּ — א סימן אויף א רעגען. אָדער עס דערהערט זיך א קוואָק פון א פאַר׳יתומ׳טער זשאַבע ערגיץ ווייט פון אָטשערעט

צונעמען אויף „קאַזיאָני שטשאַט״ביידע אויסגעצייכענטע תּלמידים — שלום נחום ראַבינאָוויטש׳עס און זיין חבר אלי דאָדי׳ס. עס זענען שוין וועגן דעם אוועקגעגאַנגען פּאַפּיערען קיין זשי־טאָמיר, צום דירעקטאָר פון אינסטיטוט, ח״י גורלאַנד. ליתר בטחון האָט שלום צוגעלעגט צו די פּאַפּיערען פון זיך אַ בריעף אויף העברעאיש, אין זעהר אַ שענער מליצה־שפּראַך — צו באַווייזען דעם דירעקטאָר גורלאַנדען, אַז ער האָט צו טהון ניט מיט קיין יונגעלע, און דער קאָלעקטאָר איז געווען מלא גדולה:

— ברוך שפּטרני! — האָט ער געזאָגט און אויסגעווישט מיט דער נאַסער פּאָלע די שוואַרצע ברילען (אָהן די ברילען זעהט־אויס דעם קאָלעקטאָר׳ס פּנים ווי געשוואָלען, און די אויגען — ווי קישעלעך). — דער קונדס איז שוין אַ באַוואָהרענטער. וואָלט איך שוין האָבען אַזאַ דאגה מיט פּרנסה, ווי איך האָב אַ דאגה מיט איהם. וואָס ער זאָל שוין ניט זיין, אַ ראַבינער אָדער אַ לעהרער — אַ מענטש וועט ער שוין זיין, דאָס איז זיכער! און פון פּריזיווו זענען מיר אויך באַוואָהרענט. קאַזיאָנע לעהרערס און קאַזיאָנע רבנים דיענען ניט. איצט בלייבט־איבער נאָך אַ שענע כּלה פון אַ לייטיש אָרט מיט אַ פּופּצעהן־הונדערט קאַרבּוינים נדן, וועט זיין, ווי זאָגט איהר, חי געלעבט! הייסט זשע, רב נחום, דער־לאַנגען אַ ביסעל „צערקאָווגע כּשר לפּסח״...

לאָזט זיך אויס, אַז דער קאָלעקטאָר האָט זיך צו־פּריה מ׳שמח געווען. און אָט וואָס עס האָט זיך געטראָפען.

די אַלע פּרנסות, וואָס נחום ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, זענען סוף־כּל־סוף געווען ניט גענוג אויף צו לעבען. האָט זיך געפונען אַ רייכער בעל־הגוף, אַ גוי מיט׳ן נאָמען זאַכאַר נעסטאָראָוויטש, וואָס האָט געהאַלטען פון ראַבינאָוויטשען איין עולם ומלואו און האָט איהם אָפּגעטראָטען אַ קלייט מיט אַ קעלער אין סאַמע פראָנט פון זיין נייעם גרויסען מויער, און דאָרט האָט ער איהם געעפענט אַ געשעפט פון טאַבאַק, גילזעס און פּאַפּיראָסען,

מיר עקזאמענעם? ווער מיר עקזאמענעם? מע שטעלם זיי א פייג!" — אזוי האָט גע׳טענה׳ט דער קאָלעקטאָר, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך די דאגות פונ׳ם קונדם מעהר ווי זיין אייגענער פאָטער. און דעריבער האָט זיך קיינער אזוי ניט דערפרעהט, ווי דער קאָלעקטאָר, מיט דער גוטער בשורה, וואָס שלום האָט איינ־מאָל געבראכט צו טראָגען אהיים, אז ער און זיין חבר אלי דאָדי׳ס זענען פון עקזאמען אינגאנצען באפרייט.

— דאנקען גאָט! מיר זענען פריי! פריי פון עקזאמענעם! מיר וועלען הוליען!... — אזוי האָט געזאָגט דער קאָלעקטאָר.

און פאר גרוים שמחה האָט דער קאָלעקטאָר אין דעם אייגענעם טאָג, אויף דער נאכט, געבראכט צו טראָגען צום „קונדם" אויף דער קווארטיר א הערינג מיט צוויי פראנזעלען, און אין קעשענע — א פלעשעל בראָנפען, און אינדרייען, מיט׳ן משורר בנימינזאָהן, האָט מען גענגעבען א לעב־אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטען. אויף בנימינזאָהנען איז אָנגעפאלען, ווי ער אליין האָט געזאָגט, דער רוח־הקודש, און ער האָט אויפ׳ן אָרט אָנגעשריבען א שיר:

„למנצח על השלישית מזמור שיר"...

„על השלישית" — מיינט מען דאָס די דריי קלאסען, וואָס שלום האָט געענדיגט. און איצט האָט זיך אָנגעהויבען א נייע סדרה: וואָס טהוט מען ווייטער? וואָס וועט זיין דער תכלית? עס זענען ארוים אויף דער סצענע אלע אונזערע אלטע באקאנטע פארשוינען: ביידע גרעָטענע איידעמס, ארנאָלד פון די פידוואָרקעס, די אלע איבעריגע פריינט און גוטע פריינט, יעדער מיט איין אנדער עצה: גימנאזיע, ראבינער־שול, אוניווערסיטעט, דאָקטוירים, אדוואָקאטען, אינזשענערען... דער טאטע איז ארומ־געגאנגען א צעטומעלטער: אזוי פיעל וועגען, פראָפעסיעס, פרנסות — אזש דער קאָפּ דרעהט זיך!

פון אלע פראָעקטען האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם זשיטאָמירער לעהרער־אינסטיטוט, וואו מע האָט צוגעזאָגט אריינ־

אותיות: „קאנצעליאריא זשיטאָמירסקאוואָ קאזיאָנאוואָ יעווריי־סקאוואָ אוטשיטעלסקאוואָ אינסטיטוטא״.

— אהא! דאָס איז פון איהם, פון ה״י גורלאנדען!

מע האָט געעפענט דעם פּאַקעט און מע האָט איבערגעלייענט א בריעף פון דעם דירעקטאָר ה״י גורלאנד. אין בריעף איז גע־שטאנען: „אזוי ווי אין אינסטיטוט דארף מען לערנען פיער יאָהר, און אזוי ווי פון די פּאַפּיערען און פון די מעטריקעס איז צו זעהען, אז דער באזיצער פון זיי איז געבוירען געוואָרען אין דעם 18־טען פעווראל, 1859, קומט־אויס, אז אין דעם יאָהר 1880, דאָס הייסט, אין דריי יאָהר ארום שוין, אין אָקטאָבער, וועט ער זיך דארפען שטעלען צום פּריזיוו. דאָס הייסט, מיט א יאָהר פריהער איידער ער וועט ענדיגען דעם גאנצען קורס פון דעם לעהרער־אינסטיטוט״.

ווי א באָמבע, ווי א דונער אין מיטען העלען טאָג, איז געווען די דאָזיגע ידיעה. צום אלעם ערשטען האָט מען זיך גענומען שפּארען און לערנען דעם פּשט פון דעם בריעף: מאי קא משמע לן — וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערען? און פאר וואָס האָט ער ניט אויסגעפיהרט, טאקי אָט דער ה״י גורלאנד, דעם היוצא־לנו־מזה? און טאָמער איז פאַרהאַן עפּיס איין עצה, א דריידעל, אויף ארויסצודרעהען זיך פונ׳ם דאָזיגען פּלאָנטער? ס׳איז אָבער אומזיסט געווען דאָס שפּארען זיך מיט׳ן דעבאטירען. אלע האָבען ארויסגעזעהען, ווי צוויי מאָל צוויי, אז דאָס שפּיעל איז פאר׳ן טייוועל — די שאנסען אויף אריינצוטרעטען אין אינסטיטוט זענען פארלוירען. די מעטריקעס קאָן מען שוין ניט איבערמאכען. און ה״י גורלאנד איז ניט אזא מענטש, וואָס מע מאכט מיט איהם דריידלעך. פארפאלען!

דער העלד פון די דאָזיגע באשרייבונגען שטעלט זיך פאָר יענע צייט אלס זיין איבערגאנגס־עפּאָכע פון איין וועלט אין דער אנדערער. עס האָט באדארפט אויסגעוועהלט ווערען א וועג, וואו־הין צו געהן, אויסגעארבייט ווערען א פּלאן, וואָס צו טהון, און

און אויך דעם וויינשענק „ראזניך ווין יוזשנאהאָ בערעגא" האָט מען אריבערגעטראָגנען אהער, און עס האָט זיך אָנגעהויבען באַוויזען פּרנסה בשפע. דאָס הויז פון נחום ראַבינאָוויטש איז, ווי איהר געדענקט, תמיד געווען אַ בית־ועד, אַ קלוב פון משכּילים און גלאַט יונגעלייט. איצט איז דער קלוב געוואָרען נאָך לעבעדיגער און מעהר באַזוכט פון פריינט און גוטע פריינט און גלאַט קונים. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקעל פרייע צייט, געוואָלט זעהן זיך מיט אַ מענטשען, וויסען, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט, — דער איז זיך דורכגעגאַנגען אין דער „טאַבאַטשנע" רויכערען אַ פּאַפּיראָס און רעדען אַ וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אין „קלוב", אָדער אין דער „טאַבאַטשנע", צונויפגעזאַמעלט די גאַנצע סמעטענע פון דער פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענץ. דאָרט זענען געוועזען אַלע אונזערע באַקאַנטע פּאַר־שוינען: יאָסי פּרוכשטיין, ביידע גערעָטענע איידעמס, אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס און, פאַרשטעהט זיך, דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען און בנימינזאָהן דער משורר און זייער יונגער פריינט דער קונדס האָבען אויך ניט געפעהלט. עס איז געווען זעהר אַ לעבעדיגער שמועס, און אַלע מינוט האָט אויסגעשאָסען אַ הילכיגער געלעכטער. דעם געלעכטער האָט ארויסגערופען איינער פון די געראָטענע איידעמס, לייזער־יאָסעל. ער האָט געפּאָדערט פון יעדען איינציגען אַ קלייניגקייט: ער זאָל מוחל זיין געבען צו פאַרשטעהן דעם פּשט פון דעם וואָרט „מאַסיוו", נאָר אָהן הענט. און אַזוי ווי עס איז איין אוממעגליכקייט, אַז אַ איד זאָל קאָנען געבען צו פאַרשטעהן אַזאַ זאַך אָהן הענט, האָט יעדער איינציגער אויף זיין אופן באַוויזען מיט די הענט, וואָס באַטייט דאָס וואָרט „מאַסיוו". און אָט דערפון זענען דאָס גע־פלויגען די דאָזיגע געלעכטערען.

נאָר פּלוצים, סאַמע אין רעכטען מיטען לאַכען, עפענט זיך די טיר און עס קומט־אַריין דער בריעפטרעגער מיט אַ פּאַקעט — „זאַקאַזנאָיע". אויפ'ן קאָנווערט שטעהט אויף רוסיש מיט גרויסע

4

דער סוף פֿון דער אידיליע

זוער איז געוועזן דער קאָלעקטאָר? — דריי רובעל מיט „גראַמאַטיקע" אויף יום־טוב. — דעם קאָלעקטאָר'ס טוידט. — די לויה. — „געווען אַ מאָדנער מענטש". — דער משורר בנימינזאָהן פֿאַרשווינדט און ווערט מגולגל קיין אַמעריקע.

נישטאָ קיין אייביגע זאַך אויף דער וועלט. געקומען אַ סוף צו דער אויבענבאַשריבענער אידיליע. איינער פֿון די אויסגע־רעכענטע פֿריינט איז אַוועק פֿאַר דער צייט, און באַלד נאָך איהם — דער אַנדערער, און די כּנופיה איז צעפֿאַלען געוואָרען. דעם ערשטען פּעטשאַטעק האָט געמאַכט אונזער אַלטער באַקאַנטער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילען און מיט די גרויסע טיעפֿע גומענע קאַלאָשען, און נאָך איהם האָט זיך אין גיכען אָפּגעטראָגען אויך דער משורר בנימינזאָהן.

ווער איז געוועזן, אייגענטליך, אָט דער איד דער קאָלעקטאָר? פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען? וואו און ווען האָט ער געהאַט אויף דער דאָזיגער וועלט? פֿון וועמען'ס וועגען האָט ער געהאָרעוועט דאָס גאַנצע לעבען? טאָג־איין טאָג־אויס זיך געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, געשוויצט און אַרויסגעקוקט אויפ'ן גרויסען געווינס? — דאָס זענען זאַכען, וואָס ס'איז שווער אויף זיי צו געבען, מעהר אָדער ווייניגער, אַ קלאָרע תּשובה. עס גע־דענקט זיך נאָר, אַז ער האָט אָפּטמאָל געבעטען ביי זיין יונגען

באשטימט ווערען. אזוי צו זאָגען, א פּראָגראם שוין אויפ׳ן גאנצען לעבען. צווישען איהם מיט זיין חבר אלי דאָדי׳ס איז שוין לאנג געווען איין אָפּגעמאכטע זאך, ווי אזוי מע וועט ביידע אינאיינעם פאָהרען קיין זשיטאָמיר, ביידע וואוינען אין איין צימער, ביידע לערנען, שפּאציערען, באָדען זיך, שיפען זיך... און אז סע וועט קומען „קאניקולעס“, וואקאציעס, וועט מען פאָהרען ביידע אהיים — און אך! ווי זיי וועלען דאָס איבערראשען זייערע געוועזענע חברים מיט זייער זשיטאָמירער אוניפאָרם, זיך האלטען פון זיי פון דער ווייטען, און רעדען פון פּושקין און פון לערמאָנטאָוו, פון בייראָן און פון שעקספּיר, הויך אויף א קול, אלע זאָלען הערען און וויסען, אז דאָס רעדען ניט קיין פּארכעס... די חברים וועלען דאָס הערען און שטוינען, מקנא זיין. מיידלעך וועלען זיך רויטלען, דרעהען ארום זיי, כּלומרשט פּאררירכטען די ענטשקעלעך, ווארפען מיט אויגלעך, וועלען זיך וועלען באקענען נעהענטער — קורץ, דאָס וועט זיין א גן־עדן!

און מיט א מאָל האָט זיך פון די אלע חלומות אויסגעלאָזט א טייך. אויס זשיטאָמיר! אויס לעהרער־אינסטיטוט! אויס באָדען זיך, שיפען זיך! אויס וואקאציעס! אויס חברים! אויס מיידלעך! אויס גן־עדן! אויס קאריערע! און דאָ דעם טאטענ׳ס פּנים — א רחמנות א קוק צו טהון. געל, ווי א וואקס. נייע קנייטשען, נייע זאָרגען, נייע זיפצען: „גוואלד, וואָס טהוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טהון?“... בנימינזאָהן דער פּאָעט פיהלט זיך ניט גוט. ער וויל ברענגען א טרייסט האָטש מיט א נייעם שיר, נאָר — אוי־וועה! עס זינגט זיך ניט!

דעם קאָלעקטאָר זעהט מען עפּיס ניט. ער האָט זיך א פּאָר מאָל געהאט באוויזען אויף א פּאָר מינוט, געזאָגט, אז ער האָט עפּיס זעהר א גוטען פּלאן פאר׳ן קונדס, וואָס וועט איהם פאר־זאָרגען אויפ׳ן גאנצען לעבען מיט קינדער און קינדס־קינדער, נאָר ער האָט איצט זעהר קיין צייט ניט. און ער איז אוועק, און פון דעמאָלט־אָן הערט מען ניט פון איהם און מע זעהט ניט.

זואָס ווייטער ווערן די איינצעלהייטען אַלץ טונקעלער און גע־ריכטער. עס לאָזט זיך אויס, אז ער איז געפעהרליך קראַנק. „אַ סברה, אַז ער האַלט זעהר שמאָל. דאָס הייסט, ער וויל זאָגען, אַז דער קאָלעקטאָר איז פאַרביי״... און אַזוי רעדענדיג, קומען זיי צום שוהל־הויף.

דער שוהל־הויף איז באַגאָסען מיט די שטראַהלען פון דער ברענענדיגער זון אין די לעצטע זומערדיגע טעג. אַ גאַנצע חאַ־ליאַסטרע אידישע קינדער, האַלב־נאַקעטע און גאַנץ־באָרוויסע, שפּיעלען אין פערדלעך און פילען־אָן דעם שוהל־הויף מיט הילכיגע קולות פון זייערע יונגע געזונטע העלזער. עס איז אַ לעבען און אַ פרייד אויף דער אידישער גאַס. די לופט, ווי סע זאָל דאָ ניט זיין ענג און געשטיקט, איז דאָך אַ מחיה. וואו־ניט־וואו וואַרפט זיך דורך אַ בוימעל, שלאָגט זיך דורך און קוקט־אַרויס אַ גרעזעל. די אויסגעגאָסענע פּאָמעניצע שלאָגט־צו דעם שטויב, וואָס די קינדער (די פערדלעך) האָבען אויפגעהויבען מיט זייער לויפען. עס איז פאָרט זומער, מען איז פאָרט אין דרויסען און עס איז פאָרט גוט אויף גאָט'ס וועלט!

— אָט דאָ וואוינט דער קאָלעקטאָר. — רופט זיך אָן דער טאַטע, און ביידע לאָזען זיך אַראָפּ אין אַ מין קעלער, אָדער אַזוי אַ פינסטערע גרוב, האַלטען זיך אָן ביי די נאַסע ווענט, עפּענען־אויף אַ טיר מיט אַ גרויסער שווערער אייזערנער קליאַמקע, און פאַר זייערע אויגען באַווייזט זיך אַזאַ מין בילד:

אויף דער היילער ערד, מיט שוואַרצען איבערגעדעקט, ליגט עפּיס אַ זאַך, אין מיטען קיילעכיג פאַרשפּיצט. צוקאָפּענס, ביי דער זאַך, צאַנקען צוויי ליכט, אַריינגעשטעקט אין צוויי פלעשלעך פון פאַרשיידענער גרויס און פאַרשיידענער פאַרב. פון יענער זייט ליכט, אויף אַ בענקעל, אין מיטען שטוב, זיצט עפּיס אַ איד אַ שמש מיט אַ קאָלטונעוואַטער באָרד און מיט אַ צעפליקטער קאַפּאָטע. ביי דער רעכטער זייט, ביי דער וואַנט, שטעהען פאַר'יתומ'ט, איינס נעבען דאָס אַנדערע, ווי אַ צווילינג, אַ פּאָר אַלטע טיעפע צעריסענע

פריינט, ביי'ם „קונדס", ער זאָל זיך מטריח זיין אויף א ווײַלע אָנשרייבען מיט זיין שען הענטעל אויף רוסיש איין אדרעס. דעם אדרעס האָט ער אזוי דיקטירט: „מיעסטעטשקאָ פאגאָסט, פינ־סקאָווּא אויעזדא, מינסקאָי גובערני, גאָספּאָזשא פריידקא עטקא..."

— גאָספּאָזשע פריידקע עטקע. — פאררירכט איהם דער קונדס על־פּי גראמאטיקע, און דער קאָלעקטאָר דיקטירט ווייטער:

— סאָ וולאָזשעניעם טרי רובליא.

— טריאָך רובליי. — פאררירכט איהם ווידער א מאָל דער קונדס על־פּי גראמאטיקע.

— צו וואָס גראמאטיקע? — שפּארט זיך דער קאָלעקטאָר. — דאָרט דארף מען ניט קיין גראמאטיקע אויף יום־טוב, דאָרט קוקט מען ארוים אויף געלט...

ניט אומזיסט געהט ביי אונז אין וואָהלין א שפּריכוואָרט, אז א ליטוואק פאָהרט־אוועק אויף זיעבען פּסח'ען פון דער היים און פארגעסט דעם זיי־געזונט. דער קאָלעקטאָר האָט געהאט א טבע — אוועקגעהן אויף א ווײַלע און פארפאלען ווערען אויף א צייט, און וויפיעל איהר זאָלט איהם דערנאָך ניט מוטשען, וואו ער איז געווען — וועט איהר קיינמאָל ניט דערגעהן ביי איהם קיין טאָלק: „ניט געווען — א דאגה איהר האָט!"

אויך איצט איז דער קאָלעקטאָר פארשוואונדען געוואָרען, און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז.

איינמאָל — דאָס איז געווען נאָך אין דער פריה, שלום איז געזעסען ביי זיך אויף זיין קווארטיר, געמאכט מיט זיינע תּלמידים די אוראָקען — עפענט זיך די טיר און עס קומט־אריין א גאסט — דער טאטע! שלום האָט זיך דערשראָקען: „וואָס האָט זיך גע־טראָפען?" — גאָרניט. דער קאָלעקטאָר איז ניט געזונט. מע דארף זיך דורכגעהן צו איהם, מבקר חולה זיין...

אויפ'ן וועג ווערט ער געוואויר פון דעם טאטען איינצעל־הייטען, אז דער קאָלעקטאָר איז, אייגענטליך, שוין לאנג ניט מיט אלעמען. נאָר די לעצטע צייט איז ער שוין גאָר ערנסט קראנק.

געוויינט, נאָר זיפצען האָבען זיך געלאָזט הערען. קיינער האָט קיין הספד ניט געמאכט, קיין קריעה ניט געריסען, קיין קדיש ניט געזאָגט, קיין שבעה ניט געזעסען. נאָר שבחים האָבען זיך געהערט, געטראָגען אין דער לופטען: „א וואוילער איד געוועזן"... „נישט קיין צדיק, נאָר א וואוילער, גוטער מענטש"... „אויס־געהאלטען א שטאָדט מיט אָרעמעלייט"... „וויפיעל ער האָט פאר־דיענט — אוועקגעגעבען"... „דעם לעצטען ביסען"... „זיך מפקיר געווען פון יענעמ'ס וועגען"... „געריסען פון טוידטע און פון לעבעדיגע צוליעב קראנקע אלטע אידען"... „פיינט געהאַט, מע זאָל איהם דאנקען"... „קיינמאָל ניט גערעדט פון זיך, נאָר יענעם אין זינען געהאַט"... „געוועזן א מאָדנער איד"... „ניט קיין מאָדנער איד, נאָר א מאָדנער מענטש"... „יאָ, א מענטש איז דאָס געוועזן"...

דאָס איז געוועזן א שטילע, נאָר א שענע לויה. עפיס האָט זיך געפיהלט א באַפריעדיגונג. א דאנק גאָט דערפאר, וואָס מענטשען צאָהלען־אָפּ, אויב ניט פאר'ן לעבען, איז חאָטש נאָכ'ן טוידט, חאָטש וויפיעל ס'ניט איז, חאָטש א טראָפּען כבוד פאר אזוי פיעל יאָהרען פּיין און ליידען, צער, מאטערניש און ביטערניש. ס'איז נאָר א וועהטיג, וואָס ער אליין, דער קאָלעקטאָר מיט די שווארצע ברילען, קאָן ניט אויפשטעהן האָטש אויף א מינוט, חאָטש אויף א רגע, א קוק טהון אויף דעם כבוד, וואָס ער האָט... און אפשר — ווער ווייסט? וואָס ווייסען מיר?... און עס פּלאָנטען זיך מחשבות און געדאנקען פון „השאָרת־הנפש", אין וועלכען דער נפטר האָט געגלויבט, חאָטש ער האָט גע'שמ'ט פאר איין אפּיקורס. אפשר געהט אָט־דאָ זיין נשמה נאָך דער מטה גלייך מיט אונז און ווייסט מעהר פון אונז, א סך, א סך מעהר?... ווער ווייסט? ווער ווייסט?...

וואָס ווייטער ווערט דער עולם שיטערער. ביז'ן בית־עולם זענען געבליבען נאָר די סאמע נאָהענטע פריינט. דער גאנצער „קלוב". איין אָרט האָט מען איהם אָפּגעגעבען א באשיידענעם,

גומענע קאַלאָשעז, און אויפ'ןביישטידעל פונ'ם איין־און־איינציגען פענסטער וואַלגערען זיך אַ פּאָר גרויסע שווארצע ברילען.

. . . .

דעם זעלבען טאָג איז געווען די לויה. מע קאָן זיך פאָרשטעלען, וואָס פאר אַ לויה האָט דאָ געקאָנט זיין, אַז דער געשטאָרבענער איז, ערשטענס, אַ איד אַיין אָרעמאַן — ווער קען איהם און ווער ווייסט איהם? און, צווייטענס, האָט ער געהאַט אַ שם אין שטאָדט פון אַ שטילען אַפּיקורס. נאָר אַזוי ווי אין זיין ארויסבאַגלייטען האָבען זיך מתעסק געווען אַזעלכע אידען, ווי רב נחום ראַבינאָוויטש, יאָסי פּרוכשטיין,ביידע געראָטענע איידעמס, און אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס איז אויך געקומען — דאָס איז געווען די ערשטע, אויב ניט די איינציגע, לויה, וואָס אַרנאָלד זאָל זיין דערביי, — האָט זיך די שטאָדט פאַראינטערעסירט, און קוקענדיג איינער אויפ'ן אַנדערען, האָט דער עולם גענומען קלויבען זיך און וואַכסען און וואַכסען — און ס'איז געווען נאָר אומגעריכט אַ לויה אַ גרויס־אַרטיגע, אַ אימפּאָזאַנטע. אָרעמעלייט האָבען דערשמעקט אַ „פעטע" לויה, איז מען זיך צונויפגעקראָכען קאַליקעס פון אַלע ווינקעלעך, געשלעפּט פאַר די פּאָלעס, געמאַכט גוואַלדען, פאַר וואָס מע טיילט קיין געלט ניט פאַר דער מטה. עס איז שווער געווען איינצורעדען זיי, אַז דאָס איז געשטאָרבען אַ איד אַיין אביון גלייך מיט זיי.

— פאַר וואָס זשע קומט איהם אַזאַ לויה? — האָבען זיי גע'טענה'ט. — אַז קיין גביר ניט, און קיין רב, ווי מע זעהט ארויס, אויך ניט, היינט וואָס איז מיט איהם דער יחוס?...

די זון האָט נאָך געהאַלטען אין רעכטען בראָטען, אַז מע האָט ארויסגעטראָגען די מטה, מיט שווארצען איבערגעדעקט, פון פינסטערען קעלער ארויס. דער שוהל־הויף און די גאַנצע גאַס איז געווען פאַרפלייצט, שוואַרץ פון מענטשען. קיינער האָט אָבער קיינעם ניט גערופען. מען איז אַליין געקומען. קיינער האָט ניט

5

אַ האַלב יאָהר נע־ונד

עלענט און פאר׳יתומ׳ט. — „דער איד פון די שמויסען“. — ער לאזט זיך אוועק אין דער וועלט אריין זוכען גליק. — ניט אייביג איז מען א גאכט. — קאנקורענץ פון מיידעלשע שרייבערס און קליינשטעדטעלדיגע קנאה־שנאה. — אברהם דער כלי־זמר. — א מין סטעמפעניו. — ער אנטלויפט פון דער „וועלט“ צוריק אהיים.

פארלוירען אזעלכע צוויי נאהענטע גוטע פריינט, ווי דער קאלעקטאר און בנימינזאהן, האט דער העלד פון דער דאזיגער ביאגראפיע זיך קיין ארט נישט געקאנט געפינען. ער האט זיך געפיהלט פאר׳יתומ׳ט. נאך מעהר עלענט האט ער זיך דערפיהלט, ווען זיין איינציגער איבערגעבליבענער חבר אלי איז אויך אוועקגעפאהרען קיין זשיטאמיר. דא האט זיך, ניט ווילענדיג, צוגעמישט אויך א געפיהל פון קנאה. ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז ס׳איז א מיאוס׳ע מדה, נישט קיין ריינעם געפיהל. נאר וואס האט ער געקאנט טהון, אז עס האט איהם פארט פארדראסען — פאר וואס קומט זיין חבר אזא גליק און איהם ניט? מיט וואס איז ער שולדיג, וואס ער האט זיך געחאפט געבוירען ווערען מיט א פאר חדשים פריהער? איבער אזא נארישקייט זאל ער פארלירען זיין קאריערע? פארשפיעלען דאס גאנצע לעבען? ער האט באהאלטען דאס פנים אין קישען און לאנג און שטארק געוויינט. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דער הימעל איז צו דער ערד געפאלען, און די גאנצע וועלט האט איהם אויסגעזעהען פינסטער־חושך. נאר

ווי ער אליין. אין א זייט האָט מען איהם באהאלטען, א בערגעל ערד האָט מען אויפ׳ן פרישען קבר אָנגעשאָטען. און מען איז זיך צעגאַנגען. קיינער האָט נישט געוויינט. קיינער האָט קיין הספד ניט געמאכט, קיין קדיש ניט געזאָגט, קיין שבעה ניט געזעסען. די ערשטע צייט האָט מען נאָך פון איהם אין „קלוב" א פּאָר מאָל גערעדט. דערנאָך האָט מען אויפגעהערט פון איהם צו רעדען — און פארגעסען.

גאָר אין גיכען נאָך דעם איז פארשוואונדען געוואָרען אויך בנימינזאָהן דער משורר. א שטיק צייט האָט מען ניט געוואוסט, וואו ער איז אהינגעקומען. דערנאָך האָט מען זיך דערוואוסט, אז ער איז אין קיעוו. אין א צייט ארום האָט זיך דער נאָמען בנימינזאָהן געלאָזט הערען אין דער גרויסער „מלחמה", וואָס ס׳איז אויסגעבראָכען צווישען די „חכמי קיעוו", מיט וועלכע מיר וועלען זיך נאָך באגעגענען אין די ווייטעריגע קאפּיטלעך. זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען אינאיינעם מיט די נעמען פון משה־אהרן שאצקים, יצחק־יעקב וויסבערג, דובזעוויטש, דארעווסקי. און גאָר־גאָר שפּעטער איז ארויס א קלוג, אז בנימינזאָהן איז מגולגל געוואָרען אין אמעריקע און אז ער איז דאָרטען א רעווערענט און איז, זעלבסטפארשטענדליך, אָלל־רייט.

און אָט אזוי איז נתפרדה החבילה געוואָרען. צעשלאָגען געוואָרען די כנופיה, צעשטעהרט געוואָרען די זעלטענע גוט־פריינטשאפט. אויס אידיליע.

דאָס האָט אַרויסגערופען נאָך אַ גרעסערען געלעכטער. עס האָבען געלאַכט גרויס און קליין, און ער אַליין האָט אויך געלאַכט.

אָט דער איד פון די שמויסען האָט אַ סך מיטגעהאָלפען, אַז דער פאַרפאַסער פון די דאָזיגע באַשרייבונגען זאָל פאַרלאָזען זיין געבורטס־שטאָדט און זיך אַוועקלאָזען אין דער וועלט אַריין זוכען גליק. און אַוועקגעלאָזט האָט ער זיך ניט, חלילה, קיין אַמעריקע, קיין לאָנדאָן, אָדער קיין פאַריז, און ניט אפילו קיין אָדעס, קיין וואַרשאָ, אָדער קיין קיעוו. נאָר גאָר נישט ווייט פון פערעיאַסלאַוו, אין אַ קליין שטעדטעלע, קיין רזשישטשעוו (קיעווער גובערניע). „ביי איהם אין רזשישטשעוו — אַזוי האָט געזאָגט דער איד פון די שמויסען — איז ניטאָ קיין לעהרערס. מע וועט אייער זוהן דאָרטען אָפּגילטען! ער אַליין האָט קינדער, זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבען קינדער, וואָס ווילען לערנען, און קיין לעהרערס איז ניטאָ, האָטש ציה זיך אויס און שטאַרב!"

— גלויבט מיר, בנאמנות, אַז אייער זוהן וועט ביי מיר זיין, ווי אַיין אייגענער, דאָס סוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג!...

הקיצור, ער האָט אַריינגעגעבען אי דעם פאָטער, אי דעם זוהן אַזוי פיעל חשק, אַז ס׳איז שווער געווען בייצושטעהן דעם נסיון, און נחום ראַבינאָוויטש האָט גענומען דעם זוהן און האָט זיך אויפגעזעצט מיט איהם אויפ׳ן פּאַראָחאָד און איז אַוועק קיין רזשישטשעוו.

פאַרפאָהרען איז מען גלייך צום אידען פון די שמויסען, און מען איז געווען אַזעלכע געסט, אַז מע האָט דעם ערשטען טאָג גאָרניט געוואוסט, וואו זיי אַוועקצוזעצען און וואָס מע זאָל מיט זיי טהון. דעם בעל־הבית אַליין האָבען זיי געטראָפען ביי דער אַרבייט — סאָרטירען די שמויסען — אין אַ לייבעל, אָהן אַ קאַפּאָטע און באָרוויס. דערזעהען אַזעלכע געהויבענע געסט, האָט ער קודם אָנגעטהאָן די שטיוועל, געחאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע און גענומען שרייען אין צווייטען צימער אַריין ניט מיט זיין קול:

צו וועלכער מכּה איז ניטאָ קיין רפואה? דער בעסטער דאָקטאָר איז די צייט.

מיר וועלען בעטען דעם לעזער זיך מטריח זיין מיט אונז צוריק צו דער אמאָליגער אכסניה, וואָס די ראַבינאָװיטשעס האָבען געהאַלטען, און צו איהרע שטענדיגע אורחים. צווישען זיי איז געווען נאָך איינער אַ שטענדיגער אורח. ער האָט געהייסען מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „דער איד פון די שמויסען”. ער האָט גע־האנדעלט מיט שמויסען (שאָפּען־פּעל). די שמויסען האָט ער עקספּעדירט צו זיך אין דער גראַבאַרני. דאָרט האָט מען די שמויסען געריינינגט, געפארבט, אויסגעארבייט און געמאכט פון זיי גויישע היטלען און פּעלצען. אז דער איד פון די שמויסען איז געקומען צו פאָהרען, האָט מען דאָס געקאָנט הערען אין דער צווייטער גאַס. אַזוי שארף איז געווען דער ריח פון די שמויסען, אז די גאַנצע שטוב האָט די ערשטע צייט געהאַלטען אין איין ניסען. דערנאָך זענען בּיי אונז אַלעמען פארלעגט געוואָרען די נעזער און מע האָט שוין נישט געהערט קיין שום ריח.

דערפאַר אָבער איז ער אַליין, דער איד פון די שמויסען, געווען אַ ליעבער מענטש. אַ פּראָסטער, אַ גוטער, איין אָפּענהערציגער. און גערעדט האָט ער מיט דער „סין”. אַ גראָבער יונג איז ער אויך געווען אַ גוטער און האָט ליעב געהאַט דאַװנען דוקא הויך, אויף אַ קול. אז ס'איז געקומען שבת צום קידוש־מאַכען, האָט ער גענומען דעם כּוס אין דער האנט, צוגעמאַכט די אויגען און אויסגעשריגען אויף אַ קול:

„יום הסיסי ויכולו הסמים...”

האָבען חברה קליינוואַרג זיך באַהאַלטען אונטער'ן טיש. דער איד פון די שמויסען האָט געוואוסט, אז דאָס לאַכט מען פון איהם, נאָר סע זאָל איהם אָנהויבען אהרען!

— סקצים! עכּברוסים! טאָר מען לאַכען פון איין עלטערען מענצען? גאָט וועט אייך סטראָפען, סארלאַטאַנעס!...

אויף איין אייזערנעם קאסטען, פון וועלכען מען איז אויפגעשטאַנען א צעבראָכענער, אָהן א האַלז און נאַקען. אויף איבערמאָרגען איז דער וואָרעמעס באַשטאַנען פון א געקאָכטער טאַראַנקע מיט קאַרטאָפּעל, וואָס האָט נאָכדעם אויסגעבּרענט דאָס האַרץ אויף צו חלש׳ען. קיין וועטשערע האָט מען ניט געגעבּען, נאָר א גלעזעל טיי מיט ברויט, און באַלעגט האָט מען דעם לעהרער אויף דער ערד, אויסגעבּעט אויף אויסגעמאַכטע שמויסען. מע האָט באַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען, מע זאָל אַריבּערטראָגען דעם ריח פון די שמויסען. דערצו האָט א גאַנצע נאַכט געקאַוויאַקעט א קינד אין וויעגעלע, זיך געריסען די קישקעלעך, ניט געלאָזט שלאָפען. א קליין לעמפּעל האָט גערויכערט און געטשאַדעט, פאַר־האַקט דעם קאָפּ, און דאָס עופה׳לע האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען און צו גוואַלדעווען — ס׳איז געווען א גאָט׳ס רחמנות! דער רעפּעטיטאָר האָט געזעהען, אז שלאָפען וועט ער שוין סאַי־ווי־סאַי ניט, איז ער אויפגעשטאַנען פון די שמויסען, צוגעגאַנגען צום קינד א קוק טהון, וואָס שרייעט דאָס. לאָזט זיך אויס, אז די קאַץ האָט זיך פאַרקלויבּען צום קינד אין וויעגעלע, האָט זיך צעלעגט, ווי ביי׳ם טאַטען אין וויינגאָרטען, זיך געמאַכט נאַכט־לעגער. פאַר׳ן לעהרער איז געווען איין אַלטערנאַטיווע: וואָס טהוט מען? ארויסוואַרפען די קאַץ? — א רחמנות אויף דער קאַץ. צער בעלי־חיים. איבערלאָזען די קאַץ? — שרייעט דאָס קינד. פאַלט ער אויף א המצאה (א יונג א חכם גיט זיך איין עצה): ער וועט נעמען וויעגען דאָס קינד, וועט די קאַץ אַליין אוועק. דאָס ווייסט ער פון דער פּראַקטיק. ביי איהם אין דער היים, ווי אויך אין חדר, איז איהם אויסגעקומען צו זעהען אַלע מאָל אַזעלכעס. איידער מע האָט אוועקגעלעגט א קליין קינד צום ערשטען מאָל אין א ניי וויעגעלע, איז געווען א סגולה, מע זאָל פריהער אויסוויעגען אין וויעגעלע די קאַץ. האָט אָבער קיין קאַץ ניט געלאָזט זיך וויעגען בשום אופן. קוים האָט מען זי אריינ־געלעגט אין וויעגעל און געגעבּען איין ריהר — אַזוי איז זי אויפ־

— סיינע־סיינדעל! סיינע־סיינדעל! סטעל דעם סאַמאָוואַר! מיר האָבען געסט!

גיך איז באַשאַפען געוואָרען א סאַמאָוואַר, גלעזער, טיי, און קאַווע, און ציקאָריע, און מילך, און פּוטערגעבעקס, אַזעלכע, וואָס א איד קאָן זיך פאַרגינען נאָר צו דער מילכיגער סעודה, אָדער צו א קימפּעט. און א וואַרעמעס איז צוגעגרייט געוואָרען — כּיד המלך. פיש געפילטע, פיש געפּרעגעלטע, פיש געבאַקענע. יויך מיט לאָקשען, יויך מיט רייז, יויך מיט מאַנדלען — קלויבט אייך אויס וואָס איהר ווילט. פליישען שמועסט מען ניט — אַלערליי סאָרטען. און אפילו צימעסען צוויי־ערליי. דערנאָך — דעם סאַמאָ־וואַר. ווידער טיי, איינגעמאַכטס, פאַרבייסעכטסען. און אַז ס'איז געקומען צו וועטשערע, האָט דער בעל־הבית זיך גענומען נאָכפרעגען ביי די געסט: וואָס האָבען זיי בעסער ליעב פון מילכיגע מאכלים — קרעפּלעך, וואַרעניקעס אָדער „קאַסניקעס״? די געסט האָבען באַשיידען געענטפערט, אַז פאַר זיי איז אַלץ איינס. אודאי האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַלע דריי אויסגערעכנטע מאכלים, פאַרטרונקען מיט קאַווע און פאַרביסען ווידער מיט אַלערליי איינגעמאַכטסען. דעם פאָטער האָט מען באַלעגט אין זאַל אויף א סאַמעטענער קאַנאַפּע, דעם זוהן — אויף דער אַנדערער קאַנאַפּע, אויסגעבעט, ווי מע בעט פאַר א מלך מיט א פּרינץ. אויף מאָרגען האָט זיך דער טאַטע אָפּגעזעגענט און איז אוועק־געפאָהרען אהיים, און דער זוהן איז געבליבען ביי'ם אידען פון די שמויסען אויף קעסט און קוואַרטיר, און דערפאַר געלעהרענט מיט זיינע קינדער.

אויף דעם אַנדערען טאָג איז דער וואַרעמעס געווען שוין ניט מיט אַזאַ שיק און אַזאַ קנאַק, ווי דער ערשטער. א געוויינליכע קאַשע מיט יויך, א שטיקעל פלייש — און פאַרטיג. די וועטשערע אויך א מילכיגע, נאָר באַשטאַנען איז זי פון א שטיקעל קעז און פּוטער מיט ברויט. ברויט לרוב. באַלעגט האָט מען דעם גאַסט שוין ניט אין זאַל און ניט אויף קיין סאַמעטענער קאַנאַפּע, נאָר

וואָס ער האָט פארבראַכט אין רזשישטשעוו, איז געווען ווי א קאָשמאַר, ווי א בייזער חלום. דאָס איינציגע הויז, וואו ער איז אריינגעקומען און געפיהלט זיך צווישען מענטשען, איז געווען ביי אברהם דעם כלי־זמר. אברהם דער כלי־זמר — דאָס איז א טיפּ פון איין ארטיסט, איין אמת׳ער מאעסטראָ, וואָס פאַרדיענט באַ־שריבען צו ווערען.

א הויכער מענטש, א ברייטער, מיט א קיילעכיג ברייט פּנים, מיט קליינע אויגעלעך, געדיכטע ברעמען, שווארצע לאַנגע גע־גרייזעלטע האָר. הענט ברייטע, גראָבע, באַוואַכסענע. אזוי, אז די פיעדעל האָט אין זיינע הענט אויסגעזעהען ניט ווי א פיעדעל, נאָר ווי א פיעדעלע, א שפּיעלכעל. קיין נאָטען האָט ער ניט געקענט, און דאָך האָט ער געהאַט זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס. און שפּיעלען האָט ער געשפּיעלט אזוי, אז מע האָט געקאָנט ממש אויסגעהן אונטער זיינע הענט. דאָס איז געווען א מין סטעמפּעניו. און אפשר מיט א קאָפּ העכער פון סטעמפּעניו. אין לעבען איז ער אויך געווען א סטעמפּעניו. א מאָדנער פאַרשוין. א פּאָעטישע נאַטור און א גרויסער ליעבהאָבער פון שענע ווייבלעך און מיידלעך... דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט א ווייב — ניט אזא שלאָק, ווי סטעמפּעניו׳ס. אדרבה, זיין ווייב, אברהמיכע די כלי־זמרין, איז געווען פּונקט אזוי ווי ער. א הויכע, א גרויסע, א שענע און א ברייטע. שוין א ביסעל צו ברייט. מע האָט פון איהר געקאָנט מאַכען דריי ווייבער. אויך מיט׳ן כאַראַקטער איז זי געווען ווי צוויי טראָפּען וואַסער איהר מאַן.ביידע זענען קיינמאָל ניט געווען אויפגערעגט, תמיד פריילעך, אויפגעלעגט, שטענדיג געלאַכט, און ליעב געהאַט גוט עסען, גוט טרינקען, גוט לעבען. איז געווען פאַר וואָס — האָט מען איינגעקויפט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. איז ניט געווען — האָט מען פאַרוואָרפען די צייהן אויף דער פּאָליצע און געוואַרט ביז גאָט וועט צושיקען א פאַרדיענסטעל, וועט מען קוילען א הערינג און מע וועט געבען א לעב־אונטער, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. מיט קינדער האָט זיי גאָט אויך

געשפּרונגען, גריזט געווען אויסדראַפּען יעדען איינציגען די אויגען. אַזוי איז געווען אויך איצט. דער רעפּעטיטאָר האָט זיך נאָר צו־געריהרט צום וויעגעל, אַזוי האָט זיך די קאַץ אויפגעהויבען און געגעבען אַ שפּרונג־אַרויס פון וויעגעל — און ניטאָ זי. דערפאַר אָבער האָט דאָס עופּה׳לע, דערפיהלט, אַז מע וויעגט דאָס, אויפ־געהערט שרייען, זיך באַרוהיגט און אנשלאָפען געוואָרען. אויף מאָרגען, אַז ער האָט דאָס דערצעהלט דער מוטער פון׳ם עופּה׳לע, האָט זי געשאָלטען די קאַץ מיט טוידטע קללות, געהאַלובעט דאָס קינד — איהר זאָל זיין פאַר׳ן קינד׳ס ביינדעלעך! נאָר דאָס, וואָס דער לעהרער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען — דאָס געהט איהר אָן, ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי.

איינגעזעהען, אַז ס׳איז קיין תּכלית ניט אַזוי צו לעבען אויף דער וועלט, האָט דער לעהרער זיך געמוזט אָנדינגען קעסט און קוואַרטיר אין איין אַנדער פּלאַץ און באַצייטענס זיך געזעגענען מיט די שמויסען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהם אַ גאַנצע רייהע פון אַלערליי צרות, שלעק, פּורעניות. אַ סדרה פון בייזע בעל־הבית׳טעס, איינגעגעסענע טאַראַקאַנעס, בייסענדיגע וואַנצען, לויפענדיגע מייז, שטשורעס און אַנדערע מיאוס׳קייטען. נאָר די אַלע יסורים, צרות און וועהטיגען זענען געווען גאָלד אַקעגען די אינטריגעס, וואָס ס׳איז איהם אויסגעקומען אויסצושטעהן פון זיינע קאָנקורענטען די לעהרערס. דאָס זענען געווען אידען מלמדים, מיידעלשע שרייבערס, וואָס האָבען געפיהרט צווישען זיך אַ מורא׳דיגע קאָנקורענץ און אַלע אינאַיינעם — אַ קאַמף קעגען דעם נייעם לעהרער פון פּערעיאַסלאַוו. וואו ס׳איז פאַרהאַן ערגיץ אַ שמוץ אויף דער וועלט — האָט מען אויף איהם אַרויפגעוואָרפען. צוהערען זיך צו זיי — איז דאָס געווען אַ קרימינאַליסט, אַ גנב, אַ גזלן, וואָס אין דער קאָרט. זיי האָבען אָנגעפיהרט צווישען איהם און די בעלי־בתּים אַזעלכע פּליאָטקעס, אַז ער האָט געבעטען גאָט, דער זמן — דער זומער — זאָל שוין אַוועקגעהן, און ער זאָל קאָנען אַנטלויפען פון דאָרטען מיט׳ן לעבען. די גאַנצע צייט,

באַרשאָלטענעם שטעדטעל אהיים, מורא געהאַט אפילו זיך אַרומ־קוקען צוריק, פאַרזאָגט קינדער און קינדס־קינדער מעהר קיין שטונדען אין די קליינע שטעדטלעך ניט געבען. ער האָט באַ־שלאָסען צו זוכען זיך איין אנדער קאַריערע אין לעבען.

ניט פאַרזעהען. עס איז געווען ביי זיי א גאַנצע חאַליאַסטרע, און אַלע מיט געבאָרענע טאַלאַנטען. אַלע אויסגעצייכענטע מוזי־קער אויף אַלערליי אינסטרומענטען — א זעלטענער אָרקעסטער.

אַהין. האָט זיך דאָס אריינגעכאַפּט דער מאָדערנער לעהרער פון פערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט ער זיך געפיהלט, ווי א פיש אין וואַסער. דער מאַעסטראָ אַליין האָט איהם געלעהרענט פּיעדעל־שפּיעלען. געצאָהלט האָט ער גאָרניט. אברהם דער כּלי־זמר איז ניט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פאַר אַזאַ הייליגע זאַך, ווי די געטליכע מוזיק, נעמען געלט. „נאָר אויב דער לעהרער איז רייך אין א פּאָר גראָשענס, בעט ער ביי איהם א גמילות־חסד'על". דאָס אייגענע אויך זיין ווייב, אברהמיכע די כּלי־זמרין. זי באַדאַרף גראָד אַצינד האָבען עטליכע קאָפּיקעס אין מאַרק אריין... „וועט זיך ניט גע־פינען ביי אייך עפּיס קליינגעלט אין קעשענע?"

פאַרשטעהט זיך, אַז קליינגעלט וועט זיך תּמיד געפינען. און אַזוי ווערט ער דאָרט א היימישער, א בן־בית, איין אייגענער — און דאָס איז געווען פאַר זיינע קאָנקורענטען די לעהרערס, זיי זאָלען איהם באַרעדען, באַוואַרפען מיט שמוץ, איהם און דעם כּלי־זמר מיט דער כּלי־זמרין מיט'ן גאַנצען געזינדעל. זיי האָבען צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט, אַז אַלץ, וואָס דער פערע־יאַסלאַווער לעהרער פאַרדיענט, גיט ער אַוועק דער כּלי־זמרין, און אַז מע פּראַוועט דאָרט אַלע נאַכט הוליאַנקעס, די כּלי־זמר שפּיעלען און זיי טאַנצען — ס'איז חי געלעבט! עס געהט זיי ניט אָן, וואָס אָרעמעלייט געהען־אויס פון הונגער און קליינע קינדער שטאַרבען... דער, וואָס דערצעהלט, מאַכט א פרום פּנים און פאַר־גלאַנצט די אויגען אַרויף, און די, וואָס הערען, שפּייען־אויס... וואָס פאַר א סמיכות־הפּרשיות איז דאָס מיט אָרעמעלייט? און וואָס האָט דאָס צו טהון מיט קליינע קינדער? וואָס באַטייט דער שפּיי? — דאָס דאַרף מען ניט פרעגען. דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך אום קאָנקורענץ, שווייגט דער געזונטער פאַרשטאַנד. קורץ, ער האָט קוים דערצוויגען דעם זמן און איז אַנטלאָפען פון דעם

דאָס יונגווארג, וואָס ער האָט אוועקגעלאָזט, האָט זיך אויפגעחאפּט אויף די פיס און איז אַ ביסעל אונטערגעוואַכסען. און אליין איז ער, ווי מע האָט איהם פארזיכערט, אויך אויסגעוואַכסען, געוואָרען „מענעשער". דערצו האָט ער זיך אויסגעקליידט טשאַקענדיג און קנאַקענדיג, ניט געזשאַלעוועט קיין סקריפּעס אין די שיך, אָפּצאַסען הויכע, הויזען ברייטע און לאַנגע — נאָך דער מאָדע. אַ רעקעלע אַ קורץ, אַ קאַפּעלישעל אַ ווייכס, אַ העלם, אַ ביסעל געלבליך. די האָר פארלאָזט לאַנגע, מעשה פּאָעט, און פארקעמט אראָפּ, אלא גאָגאָל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזעהען זיין חבר אלי, וועלכער איז אויך נאָר־וואָס געקומען צו פאָהרען אויף יום־טוב אהיים, פון זשיטאָמיר. זיין אוניפאָרם איז באַשטאַנען פון אַ קורץ ווייטיקעל, פארשפּיליעט, ווי אַ טוזשורקע, ביז ארויף. קורצע שמאָלע הויזען, אַ בלויער קאַשקעט מיט אַ ברייטען דאַשעק, און אָפּגעשוירען, ווי אַ סאָלדאַט. די ברוסט ארויסגעשטעלט, די צייהן ווייס, די אויגען פרייליך — ער קאָן זיך גאָר זאַט ניט אָנ־דערצעהלען, ווי גוט עס איז אין אינסטיטוט. מע געהט־דורך, זאָגט ער, העכערע מאַטעמאַטיק, מע לייענט רוסישע ליטעראַטור, מע לערענט גימנאַסטיקע, און אידיש — אויפ׳ן שפּיץ מעסער: אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטעל פּסוק, אַ שטיקעל חיי־אָדם — און פארטיג. „אָט דאָס איז די גאַנצע תורה פונ׳ם לעהרער־אינסטיטוט? אָט דער אלי וועט עס זיין אַ אידישער לעהרער? אַ רב ביי אידען?"...

אויך איז ער געווען איבערראַשט פון דעם, וואָס זיין חבר אלי האָט געבראַכט צו פיהרען פון דעם אידישען זשיטאָמירער לעהרער־אינסטיטוט אַ גאַנצען פּאַק מיט רוסישע ליעדער, און נישט איינס אַ אידיש. גלייך ווי ער וואָלט דאָס געקומען צו פאָהרען פון אַ „בורסע", פון אַ גויישער סעמינאַריע. דאָס האָט אָבער ניט געשאָדט, זיי זאָלען בלייבען די זעלבע חברים, וואָס געווען. שטענדיג אינאיינעם. אומעטום אינצווייען. ביידע

6

ווײַטער אין דער הײם

די זיסקייט פון צוריקקעהרען אהיים. — ער באגעגענט זיך ווידער מיט זיין חבר אלי. — מע שמועכט אין שטאדט, אז ער שרייבט אין „המגיד". — דארווין, באקל און ספענסער. — צוויי טיפען פון די אמאליגע ערשטע „עקסטערנעס".

קיין נאָמען קלינגט ניט אזוי שען, ווי דער נאָמען „מאמע". קיין וואָרט רעדט ניט אזוי צום הארצען, ווי דאָס וואָרט „היים". אז מע וויל קענען און אָפּשאַצען די היים, זאָל מען חאָטש אויף א קורצע צייט זיך אַוועקלאָזען, זיך וואַלגערען א ביסעל אין דער פרעמד און דערנאָך אומקעהרען זיך צוריק אהיים, אין דאָס היימישע נעסט אריין. יעדע זאַך באקומט איין אנדער פּנים, איין אנדער חן. אלסדינג ווערט צוויי מאָל אזוי ליעב און טייער. מע פיהלט זיך איין איבערגעבּיטענער, א ניי־געבּאָרענער אויף דער וועלט.

דער העלד פון די דאָזיגע געשיכטעס, אז ער איז געקומען אויף ראש־השנה אהיים, האָט ער זיך צום אלעם ערשטען געלאָזט איבער דער שטאָדט שפּאַציערען, אויסגעמאָסטען אלע גאסען, געפונען אלע הייזער און הויפען און גערטנער אויף זייערע ערטער. די מענטשען, וואָס ער האָט באגעגענט, האָבען זיך ווינציג־וואָס איבערגעביטען. זיי האָבען איהם פריינטליך געגריסט, און ער איז צו אלעמען געווען פריינטליך, ווי ווייט ער האָט געקאָנט. נאָר

אין אַ דינעם רויך. עס פאַלט־אַראָפּ אַ שישקע מיט אַ וויעדער־קול. ביידע חאַפּען זיך אויף ווי פון אַ כּישוף.

— צייט פאָהרען אהיים?

— צייט פאָהרען אהיים.

און מע הויבט זיך אויף. און מע שפּאַנט־דורך דאָס גאַנצע פעלד דורך איין אויסגעטרעטענע קרומע, שמאָלע סטעזשקע. מע זעצט זיך אַריין אין שיפעל און מע זינגט אַ ליעדעל (אַ גוייש, ניט קיין אידיש), און מע גליטשט זיך איבער'ן שמאָלען גע־דרעהטען טייכעל, פאַרביי דעם געלען אָטשערעט. און אַז מע קומט אהיים, איז שוין פינסטער. די באַקען פלאַמען. די אויגען גלאַנצען. דער אַפּעטיט איז גרויס. מע האָט געהענדיג געקויפט אַ זיסען קאַווען (אַרבוז, וואַסערמעלאָן), מיט צוויי פרישע, ווייכע, נאָך וואַרעמע פראַנזעלען. און מע פראַוועט אַ וועטשערע. און מען איז פריילין. און עס לאַכט זיך גאָר אָהן אַ וואָרום און אָהן אַ זין.

דער זייטיגער האָט געקאָנט מיינען, אַז ביידע זענען גלייך צופריעדען, גלייך גליקליך — יונגע, געזונטע קינדער, וואָס פעהלט זיי? אין תּוך אַריין איז אָבער נאָר איינער פון זיי (אלי) געווען באמת אַ גליקליכער. דער צווייטער (שלום) האָט זיך געפיהלט אָנגעבראָכען, ניט אויפ'ן ריכטיגען וועג. זיין איינציג שטיקעל טרייסט איז געווען דאָס, וואָס די שטאָדט האָט געקלונגען מיט זיין הפטרה־זאָגען אין בית־מדרש און מיט זיין קענען תּנ"ך און העברעאיש און מיט זיין שרייבען. אלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס פאַר זיין חבר אלי איז דאָס אַ סוד. ניט פאַר איהם געדאַכט. ווי קומט צו אלי'ן אַזאַ אידיש שרייבען? לשון־קודש? מליצה? דערויף איז נאָר ער, נחום ראַבינאָוויטש'עס זוהנדעל. קלאָר אין אלע השכּלה־ביכלעך, ווי אַ וואַסער. לייענט דעם „המגיד". אַ וואונדער, וואָס ער אַליין שרייבט נאָך ניט אין „המגיד". נאָר פון וואַנען ווייסט מען, אַז ער שרייבט ניט? אפשר שרייבט ער אונטער אַ פאַרשטעלטען נאָמען?...

האָבען געהאט גענוג שטאָף אויף צו רעדען, און נאָך מעהר — אויף צו לאַכען און אָפּשפּעטען פון דער גאַנצער שטאָדט. און ווי אַמאָל, אין די גוטע יאָהרען, איז מען אַוועק צום טייך, גע־דונגען אַ שיפעל און אַריבערגעפאָהרען ווייט, הינטער דער שטאָדט אַרויס.

סוף זומער. די קעלט האָט נאָך ניט אַריינגעטרעטען. נאָר דאָס פעלד איז שוין ניט מעהר גרין. נישטאָ שוין קיין זכר פון די ווייסע און רויטע מארגאַריטקעס. דער אָטשערעט שטעהט נאָך אין דער בלאָטע. נאָר ער איז שוין געל און שיטער. רויטליך איז דאָס וועלדעל. אַוועק די צייט פון אויסציהען זיך אויף דער ערד. די ערד איז פייכט און זומפּיג. די חברים זוכען־אָפּ איין אויסגעהאַקטען בוים אין וואַלד און זעצען זיך אַוועק אַ ביסעל רוהען. און מע דערצעהלט זיך איינס דאָס אַנדערע אַלסדינג, וואָס יעדער האָט דורכגעמאַכט דאָס ערשטע האַלבע יאָהר פון זייער צעשיידען זיך. מע לאָזט ניט דורך קיין קליינינקייט, קיין ברעקעל. עס ווערט איבערגעגעבען יעדער איינדרוק, יעדע באַ־געגעניש, איטליכע געשעהעניש. און נאָך מעהר קונץ, וואָס ביידע אינאיינעם רעדען, ביידע לאַכען, שלאָגען זיך איבער איינס דאָס אַנדערע אין דער רעכטער מיט — און דאָך הערט מען זיך און מע פאַרשטעהט זיך און מע האָט הנאה.

דערנאָך ווערט מען אַנשוויגען. יעדער פאַרטיעפט זיך, קוקט־אַריין צו זיך אין דער נשמה אַריין, בלייבט אַליין מיט זיינע געדאַנקען. מען איז טאַקי נאָהענטע חברים. מע האָט זיך געהרען. מע זאָגט־אַרויס איינער דעם אַנדערען אַלץ, נאָר ניט אינגאַנצען. ניין, ניט אינגאַנצען, ניט אינגאַנצען. יעדער איינער האָט זיך זיינע געדאַנקען, זיין אידעאַל, זיין אייגען וועלטעל, וואו קיין אַנדערער, עס מעג זיין דער בעסטער חבר, האָט קיין שליטה...

עס הויבט־אָן ווערען ווי קיהלבליך. אויסגעלאָשען דער טאָג. די זון זעצט זיך. דער וואַלד ווערט פאַרצויגען, ווי איינגעהילט

חתונות, געבאַקען לעקאַכער. דאָס האָט איהר געגעבען מיטלען צום לעבען און אויסצוהאַלטען איהר זוהן, וואָס האָט געוואוסט נאָר איין זאַך — ביכער, ביכער און ביכער. מיט קיינעם אין דער וועלט האָט זיך חייטע ניט אָנגעקעהרט. זעלטען ווער עס האָט זוכה געווען מיט איהם צו רעדען. נאָר אַלע האָבען געוואוסט, אַז חייטע קען, חייטע איז קלאָר אומעטום, חייטע איז טיעף. ווער עס האָט געהאַט אַמאָל אַ זכיה מיט איהם צו באַגעגענען זיך, איז געווען איבערראַשט פון אָט דעם באַהאַלטענעם פילאָזאָף. חייטע, אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער געשאָטען מיט פייער, געמאַכט אַ תל פון אַלץ און פון אַלעמען, מבטל געווען די גאַנצע וועלט. זיין צונג איז געווען אַ פייל. זיין געלעכטער איז געווען גאַל. זיין ווייץ איז געווען גיפט. פון וואַנען האָט דער פרוש אַזוי געקענט די וועלט? דאָס בלייבט אַ סוד און אַ רעטעניש אויף אייביג. איינמאָל אין אַ זומער האָט ער זיך אָפּגעבאָדען אין טייך, פאַר־קיהלט זיך און איז פון טובערקולאָז, אַ בחור פון צוויי און צוואַנציג יאָהר, געשטאָרבען.

דער צווייטער פילאָזאָף־אויטאָדידאַקט, אברהמעל זאָלאָ־טושקין, איז שוין געווען ניט קיין פרוש, ניט קיין פאַרבאָרגענער. אַ יונג אַ פריילעכער, אַ הייסער ברונעט, מיט פייעריגע שוואַרצע אויגען, מיט שוואַרצע, שטאַרק־געגרייזעלטע האָר, אַליין אויך אַ שוואַרצער, ווי איין אַראַב, מיט ווייסע לאַכענדיגע ציינער, אַ ביסעל אַ הייזעריגע שטימע, ליעב געהאַט אָנטהון זיך, ווי איין איינג־לענדער, קעסטעלדיגע הויזען, אַ מאָדנע מיצעל אויפ׳ן קאָפּ, און ווינטער אַ מגושמ׳דיגען הענגקאָלנער. אָנגעלייענט איז דער זאָלאָטושקין געווען, ווי אַ פּויק. געקענט היינע אויף אויס־ווענדיג. נאָר ליעב האָט ער געהאַט דיקענס און טע־קערעי, סוויפט, סערוואַנטעס און אונזער גאָגאָלען. און איז אַליין אויך געווען אַ הומאָריסט. דאָס הייסט, ער האָט שטילערהייט פאַר זיך געשריבען אַ סך הומאָ־ריסטישע זאַכען, און קיין איינציגע שורה נישט געוואָלט ניט

אזוי שמועסט מען אין פּערעיאַסלאַוו. און מע רינגעלט איהם אַרום מיט אַ באַזונדערען אָרעאָל, און ער וואַכסט־אויס ביי זיך אַליין אין די אויגען מיט אַ קאָפּ העכער. און ער ווערט סאָליד. ער זוכט ניט מעהר קיין חבר'שאַפט מיט קיינעם פון די פריהעריגע ווייסע־חברה'ניקעס. ער פאַרשרייבט זיך אין דער שטאָדט־ביבליאָטעק. טראָגט אהיים גראָבע ביכער. לייענט ד א ר ו ו י ן, ב אָ ק ל, ס פּ ע נ ס ע ר. שאַרט זיך אַרום די גרויסע, באַריהמטע, אויפגעקלערטע בחורים אין שטאָדט. בחורים אויטאָדידאַקטען, אַזעלכע, וואָס האָבען אַליין, מיט זייער זיצען און קוועטשען די באַנק, דורכגעמאַכט אַ גאַנצען קורס, בייגעקומען לאַטיין און גריכיש, דורכגעגאַנגען געאָמעטריע און אַלגעברע, און טריגאָנאָ־מעטריע, און פּסיכאָלאָגיע, און פילאָזאָפיע. גרייט געווען חאָטש היינטיגען טאָג אַריינטרעטען גלייך אין אוניווערסיטעט אַריין. זיי האָבען נאָר ניט אויף דער הוצאה. צוויי טיפּען פון די אַמאָליגע ערשטע עקסטערנעס. איינער האָט געהייסען חייטע רודערמאַן, דער אַנדערער — אברהמעל זאַלאַטושקין. ביידע זענען טוידט און פאַרדיענען באַשריבען צו ווערען חאָטש אין עטליכע שורות אין די דאָזיגע זכרונות.

חייטע רודערמאַן איז געזעסען ווייט הינטער דער שטאָדט אַרויס, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און פון מענטשען. דאָס איז געווען אַ זוהן פון דעם מלמד משה־דוד רודערמאַן, וועלכער איז באַשריבען אינ'ם ערשטען טייל פון דער ביאָגראַפיע, און אַ ברודער פון שמעון רודערמאַן, וואָס האָט געהאַלטען ביי שמד'ען זיך, נאָר די שטאָדט האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט פון מאָנאַסטיר און אוועקגעשיקט קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול. חייטע איז גאָרניט געווען געראָטען אין זיין בלאַסען, יאַדישליוען ברודער שמעון. דאָס איז געווען אַ בחור אַ געזונטער, אַ ברייטביינינגער, אַ שענער יונגאַטש מיט רויטע פּוכקע באַקען. משה־דוד דער מלמד איז געשטאָרבען פון איין אַסטמאַ־הוסט, און זיין ווייב די אַלמנה, חייטע'ס מוטער, איז געוואָרען אַ סאַרווערקע אויף פּרעמדע

7

ער פאָהרט אויף אַ רייכע שטעלע

„פּוסטעפּאַס". — ישראל בענדיצקי גיט איין עצה, און דער פאטער שרייבט אַ בריעף צום „מאגנאט". — ער לאָזט זיך וויעדער אין דער וועלט אריין און בלייבט מיט איין פּיטאקעל. — ביי די טויערען פון גן־עדן. — דער קאלטער ברוך־הבא.

וואָס וועט זיין ווייטער?

פון אַלע פּראָפּעסיעס, וואָס זענען פריהער געוועזן אַ גאַנצער שלל, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די שטונדען האָבען זיך צעקראָכען. פּאָהרען שטודירען — איז ניט געוועזן מיט וואָס. זיצען ביי'ם טאַטען אויף קעסט איז אויך ניט זעהר ליעב. ובפרט נאָך דעם, ווי מען איז שוין געוועזן אַ זעלבסטשטענדיגער מענטש פאַר זיך. און חאָטש דער טאַטע האָט געקלויבען תענוג פון זיין זוהן דעם קענער און דעם משכיל, דאָך האָט דאָס איהם געקרענקט און געעלטערט, וואָס זיין זוהן געהט־ארום בטל אָהן אַ שום ארבייט. וואָס וועט זיין דער תכלית? און די שטיפמאַמע, וועלכע האָט געהאַט געקוקט אויף דעם זעלבסטשטענדיגען שטיפזוהן מיט אַ געוויסער דאָזע פון רעספּעקט, האָט אצינד מיט אַ מאָל פארלוירען דאָס גאַנצע ביסעל דרך־ארץ פאַר'ן „פּוסטעפּאַסניק". זי האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען איהרע אמאָליגע זאַכען: קוקען מיט איין אויג, אריינוואַרפען אַ שטעכווערטעל, זאָגען דער שוויעגער און מיינען די שנור... דאָס אַלץ האָט דעם טאַטען מקצר־ימים געוועזן, און דער העלד אַליין האָט פארטיעפט זיך אין זיינע ביכער, אָדער

אָפּדרוקען, ניט באווייזען קיינעם. בּטבע געווען אַ גרויסער עקשן, אַ צו־להכעיס'ניק, איין אָפּשפּעטער און אַ פּארטיעפּטער אין זיך. געלעבּט האָט ער פון דעם, וואָס ער איז געווען אַ שרייבּער כּל־ימיו אין דער מעשטשאנסקי אופּראווע. זיין כּתב־יד איז געווען פּונקט אזוי געגרייזעלט, ווי זיינע האָר. ער איז געשטאָרבּען איין אַלטער בּחור אריבּער פערציג.

אָט דאָס זענען געווען די צוויי גרויסע שטערען, ארום וועלכע שלום האָט זיך געריבּען און פון וועלכע ער האָט גענאַשט וויפיעל עס האָט זיך געלאָזט. צווישען זיך זענען די צוויי שטערען, חייטע רודערמאַן און אברהמ'על זאָלאָטושקין, געווען פייער מיט וואסער. זיי האָבּען זיך קיינמאָל נישט באגעגענט און נישט געקענט אפילו. און דאָך האָבּען זיי זיך אזוי פיינט געהאט, אז מע האָט נישט געטאָרט דערמאַנען פאר איינעם דעם אנדערענ'ס נאָמען. מיר וועלען זיך נאָך מסתמא באגעגענען מיט זיי אין אונזערע ווייטערע באשרייבּונגען.

מיט א זעלטען־שענער קיילעכיגער שווארצער באָרד. געטראָגען א שווארצען געווענטענעם הענגקאָלנער, א הויכען קאפעליש און לעדערנע קאלאָשען מיט מעשענע אָבצאסען. א צינגעל האָט ער געהאַט א געשליפענעם, גערעדט זיס און קיילעכיג און מעהר אויף רוסיש: „ווינטילי״... „מעזשדו פראָטשים״... „סליעדראָ־וואטעלנאָ״...

דער דאָזיגער בענדיצקי איז געווען איין אָפטער אריינגעהער אין קלוב, דאָס הייסט, צו ראבינאָוויטשען אין דער „טאַבאַטשנע״ — א ביסעל שמועסען. איינמאָל איז מען געזעסען אזוי און גע־שמועסט, דערצעהלט בענדיצקי, ווי א מסיח לפי תומו, אז די טעג האָט זיך אָפגעשטעלט ביי איהם איינער א איד, איין עושר, א גביר, איין אדיר, א מאגנאט, מיט׳ן נאָמען ק. זיצען זיצט דער דאָזיגער „מאגנאט״ אין א קליין שטעדטעלע אין ט. (קיעווער גובערניע). מע קאָן זאָגען, אז ס׳איז א דאָרף, ניט קיין שטעדטעל. און ער האָט קינדער, צו וועלכע ער זוכט מיט ליכט עפּיס א רעכטען לעהרער, א רעפּעטיטאָר, אויף אידיש און רוסיש צוזאמען. נאָר דער לעהרער זאָל זיין א געראָטענער, א קענער, און, מעזשדו פּראָטשים, א טאַטענ׳ס א קינד.

לאָזט זיך אויס, אז דער טאַטע קען דעם דאָזיגען „מאגנאט״ נאָך פון לאנג. אמאָל, מיט יאָהרען צוריק, אז דער „מאגנאט״ ק. איז נאָך געווען א קליין מענטשעלע, זיך געדרעהט ארום א פּריץ, איז ער געשטאַנען סטאַנציע ביי ראבינאָוויטשען אין דער אלטער אכסניה און געווען דאָס, וואָס מע רופט אָן א „גוט ברודערעל״. דערהערט אזא מעשה, רופט זיך אָן בענדיצקי: „סליעדראָווא־טעלנאָ, האָט דאָך גאָט אליין מיך געשיקט צו אייך פאר א שליח! אויב אזוי, וועל איך אייך געבען איין עצה, אז איהר זאָלט באלד אוועקזעצען זיך און אָנשרייבען א רעכטען, א פיינעם בריעף, מעזשדו פראָטשים, אויף לשון־קודש, אזוי ווי איהר קענט און אזוי ווי אזא מאגנאט שטעהט־אָן, און דער בחור, ווינטילי, זאָל ניט

אָנגערוקט דאָס היטעל, גענומען דאָס שטעקעלע און אוועק צו זיינע אויבענבאַשריבענע באַקאַנטע פילאָזאָפען, צו חייטע רודערמאַן אָדער צו אברהמעל זאָלאָטושקין. מיט זיי האָט ער ליעב געהאַט צו דיסקוטירען וועגען אַבסטראַקטע זאַכען, וועלט־פּראָבלעמען. חייטע רודערמאַן, דער פּעסימיסט, האָט, ווי זיין שטייגער איז, געזידעלט די גרעסטע מענטשען, נישט אָנערקענט קיין אויטאָ־ריטעטען, געפייפט אויף דער גאַנצער וועלט. דערפאַר האָט אָבער דער אָפּטימיסט זאָלאָטושקין ציטירט פון היינע און בערנע גאַנצע שטיקער מיט א באַזונדערען ניגון, געגרייזעלט בעת מעשה דעם טשוביק פון זיינע געגרייזעלטע האָר און זיך אָנגעוואַרעמט מיט אַזא התלהבות, ווי א פאַרברענטער חסיד, בעת ער זאָגט־נאָך דעם רבינ׳ס תורה.

דאָס אַלסדינג איז אָבער געווען נישט מעהר ווי א מיטעל אויף די צייט צו פאַרטרייבען. עס האָט זיך געפיהלט א פּוסטקייט אין דער נשמה און איין אומזיסט־פאַרלירען פון צייט און פון ענערגיע. עס האָט זיך געבענקט נאָך אַרבייט. עס האָט זיך געריסען אין דער וועלט אַריין. עס איז ניט ליעב געווען דאָס לעבען. זיך אַליין נמאס. נמאס און מאוס.

נאָר דער גאָט, וואָס פאַרלאָזט ניט קיינעם, האָט זיך אומ־געקוקט אויך אויף דעם פאַרלוירענעם העלד פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע. איהם איז געקומען צו הילף זיין טאַטענ׳ס א גוטער פריינט מיט׳ן נאָמען ישראל בענדיצקי. דער דאָזיגער פּאַרשוין, חאָטש ער איז, אייגענטליך, געווען ניט מעהר ווי א כלי־זמר, דאָך האָט ער געשפּיעלט אין שטאָדט א ראָלע פון א זעהר אָנגעזעהענעם בעל־הבית. געשפּיעלט האָט ער נאָר אויף געהויבענע רייכע חתונות, זיך גערעכענט פאַר דיריזשאָר און קאַפּעלמייסטער. זיין הויפּטגעשעפט איז געווען — א רייכע פּריצישע אכסניה. ער איז אויך געווען דער איינציגער פאָטאָגראַף אין שטאָדט. דערצו איז ער געווען גלאַט א שענער איד, א הויכער, איין אויסגעפּוצטער,

א מענטש פאָהרט אויף א גרייטער זאַך. אזא שטעלע! און אָנגעוואָפּענט מיט אזא פּראָטעקציע — ווענען הערט ער?

. . . .

און אַז ער איז געקומען קיין ט., ארום פארנאכטליך איז דאָס געוועזען, האָט ער זיך ארומגעקוקט, אַז ער איז נקי, ריין פון געלט, פארמאָגט זיין אייגענס דאָס איינע פּיטאַקעל. און דאָך האָט ער אפילו אויף קיין מינוט זיך ניט פארטראכט. אדרבה, ער האָט זיך געפיהלט אזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין זיין לעבען. דאָס אליין, וואָס ער איז פריי געוואָרען פון די רזשישטשעווער אינטריגאַנעס־לעהרערס, טאַראַקאַנעס און וואַנצען — וואָס איז עס ווערטה? מיט פולע לונגען האָט ער אריינגעאָטעמט אין זיך די געזונטע אָסינדיגע לופט. די זון איז שוין לאַנג פארשוואונדען אויף יענער זייט וואַלד, וואָס האָט געשמעקט מיט דעמבענעם און סאָסנאָוועז ריח.

ארויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, האָט זיך דער יונגער רעפעטיטאָר געלאָזט גלייך צום גביר — איהם איבערגעבען דעם בריעף. פארגינט זיך אזא „מאַגנאַט" צו זיצען העט־ווייט אין אלדי גוטע יאָהר ארויס פון דער שטאָדט, אין א ווייסען פּאַלאַץ מיט א גרויסען גרינעם גאָרטען, ארומגעגרייזעט מיט געפאַרבטע שפּיצעכיגע צאַצקעדיגע שטאַכעטען. צוטרעטען צו איהם איז ניט אזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען. ערגער ווי צו א פריץ. נאָר אַז מען איז אָנגעלאָדען מיט אזא שטאַרקער פּראָטעקציע, קאָן מען שוין געהן אפילו צום קייסער אליין... אזוי טראַכט זיך דער העלד, נאָר ער האָט א טעות. וואָרום נאָך אלעמען איז דער גן־עדן גאָר ניט אזוי גוואַלדיג, ווי דער וועג, וואָס פיהרט צום גן־עדן. א סברה, אַז איידער מע טרעט־צו צו אזא גביר, מוז מען דורכגעהן פריהער אלע שבעה מדורי גיהנם. ביי אזא „מאַגנאַט" איז פאַרהאַן דריי זאַכען, וואָס מע מוז פריהער דורכמאַכען, איידער מען איז

מעדליוועןּ און זאָל גלייך אוועקפאָהרען מיט דעם דאָזיגען בריעף קיין ט. און פארנעמען די שטעלע, און סע זאָל זיין אין א גוטער שעה — אָמן".

און אזוי איז דאָס טאקי געווען. עס איז באשאפען געוואָרען א בריעף, א שענער פייערינגער מליצה־בריעף מיט אזא שענער שפראך, אז עס קאָן ריהרען אפילו א שטיין. דער טיטעל אליין האָט פארנומען דריי לאנגע שורות, אין וועלכע עס זענען געווען אויסגערעכענט אזוי פיעל מעלות און שבחים, אז ווען אפילו דער „מאגנאט" זאָל פארמאָגען נאָר א דריט־חלק פון זיי, וואָלט ער אויך געקאָנט זיין א אידעאל פון א מענטשען... אָנגעוואָפענט מיט אזא שטארקער פראָטעקציע, לאָזט זיך דער יונגער רעפעטיטאָר אוועק נאָך א מאָל אין גאָט'ס וועלט זוכען גליק. קיין איבעריגע געלטען מיט זיך, דארף מען דעם אמת זאָגען, האָט ער ניט מיט־געפיהרט. קיין אקרעדיטיוון אין די בענק האָט ער אויך ניט געהאט. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט פארדיענט פון זיינע שטונדען, האָט ער דעם גרעסטען טייל פארטראנזשירט, זיך אויסגעקליידט, ווי א פרינץ. דאָס איבעריגע האָט צוגענומען די באהן. היינט איז מען דאָך עפּים א לעבעדיגער מענטש. אויף יעדער סטאנציע שטעלט מען זיך אָפּ. די פּאסאזשירען שיטען־ארוים פון די וואגאָנעס און לויפען־צו צום בופעט. מע האפּט זיך צו, ווער צו די פלעשלעך מיט די גלעזלעך, ווער צו די הייסע פירעזשקעס. ווער עס הייסט זיך געבען א גלעזעל טיי און ווער א פלעשעל סאָדע־וואסער. מע טרינקט דאָס אויס על רגל אחת און מע באַ־צאָהלט דעם קעלנער טרינקגעלט פון דער ברייטער האנט, מעשה באנקיר, אָדער אָפיציער — לאָז ער וויסען דרך־ארץ, — און אזוי איז אויף יעדער סטאנציע. דאָס ביסעל מינץ ווערט צעקראָכען, צעגאנגען, אזוי ווי שניי אויף דער זון. אין בייטעלע באָמבעלט זיך נאָך עפּים א מין פיטאקעל. נאָר ווער טראכט וועגען דעם?

פאר א גאנץ קנעפעל, פרעגט־אויס ביי אייך איטליכס ברעקעל, נעמט־אָפּ איין עקזאמען: ווער איהר זענט? פון וואנען איהר קומט? און וואָס איהר דארפט? א יונג א בלאָזען. מיט איהם איז גלייכער איהר זאָלט זיך האלטען פון דערווייטען, קוקען אויף איהם פון אויבען אראָפּ. אניט — וועט ער אייך קריכען אויפ׳ן קאָפּ. דער העלד פון די געשיכטעס וויסט עס פון זיין אייגענעם ערפאהרען. דער משרת האָט איהם א נעם געגעבען אויפ׳ן צימבעל: פון וועמען איז דער בריעף? וואָס שטעהט אין בריעף? און וואָס פאר א געשעפט ער האָט? א שטעלע? וואָסער א שטעלע? אין „זאוואָד"? אָדער אין די „עקאָנאָמיעס"? אויב אין „זאוואָד" — זענען אַלע שטעלעס פארנומען. און אויב אין די „עקאָנאָמיעס" — זענען אויך אַלע שטעלעס באזעצט. סיידען א לעהרער־שטעלע? — זענען אָבער דאָ בעלנים איבער־געגוג. אָט געהט נאָך איינער מיט א הענגקאָלנער, זעהר א וואזשנע לעהרער — האָט ער אָבער א חסרון: ער איז א שוטה, חאָטש בראָקט איהם אין קרויט. דערפאר האָט ער א מעלה, וואָס ער איז מיט א באָרד, וועלען די פאניטשלעך מיט די באַרישנים פאר איהם האָבען דרך־ארץ.

— פאר אייך ניט, ווייל איהר זענט נאָך צו יונג, וועלען זיי אייך אָפּדרעהען דעם קאָפּ... אונזערע פאניטשלעך מיט אונזערע באַרישנים — עס וואָלט געמעגט קומען אויף זיי א חלירע אין איין טאָג!...

אזוי לאָזט־אויס דער משרת און פארבייסט מיט א שענעם יברכך, נעמט־צו ביי׳ם בחור דעם בריעף, לעגט איהם ארויף אויף א זילבערן טעצעל און ווערט פארשוואונדען אין די ווייטע אפּפּארטאמענטען. אין עטליכע מינוט ארום איז דער משרת גע־קומען צוריק מיט לעדיגע הענט און אָהן א שום רעזולטאט. דעם בריעף האָט, זאָגט ער, דער „מאגנאט" געעפענט, א קוק געגעבען, און, ניט געלייענטערהייט, אוועקגעלעגט.

וואָס איז די מעשה? — דאָס וועלען מיר זעהען ווייטער.

זוכה צו זעהען זיין פּנים. און אפילו, אז איהר האָט שוין דורכ־געמאכט אַלע דריי זאכען, זענט איהר נאָך אַלץ ניט פאַרטיג. איהר קאָנט געהן און געהן און אוועקגעהן מיט דעם, וואָס איהר זענט געקומען. וואָס זענען די דריי זאכען? — 1) א סטרוזש, א הויכער טרוקענער ערל מיט קרומע פיס. אז ער געהט, קאַטשעט ער זיך. זיין נאָמען איז פאַנטאַליי און זיין עובדה — ער זיצט ביי'ם טויער, אַזוי ווי, להבדיל, מרדכי דער איד ביי'ם קעניג אחשורוש. 2) א שווארצער כּלב, א בּלינדער אויף איין אויג, אַזוי ווי בּלעם. זיין נאָמען איז זשוק. דעם דאָזיגען כּלב שבּכּלבים האַלט מען צוגעבּונדען צו א בּוים אויף איין אייזערנער קייט — אַניט וואָלט ער דורס געווען מענטשען. און 3) א יונג א משרת, וואָס טראָגט א קוּיטיגע מאַנישקע, א גאָלדענעם רינג און געהט פּארקעמט מיט א שרונט אקוראט אין מיטען קאָפּ. די שווארצע האָר שטאַרק אָנגעשמירט מיט פעטען און שמעקען מיט א ריח פון אָדעקאָלאָן, געמישט מיט ציבּעלעס, נאָר די אויהערען זענען פול מיט בּלאָטע און די נעגעל ארומגעבּרעמט מיט שווארצען. דורכגעהן אָט די דריי אינסטאַנציעס איז ניט פון די קליינינקייטען. קודם־כּל דארפט איהר זיך בּאקענען מיט'ן סטרוזש פאַנטאַליי, וואָרום אז ער דערזעהט א פרעמדען מענטשען, טהוט ער איהם א פרעג: „שטאָ נאַדאָ?" געהט דערצעהלט פאַנטאַלייען א מעשה וועגען א בּריעף און וועגען א שטעלע. איז אָבּער פאַנטאַליי נישט קיין שלעכטער גוי. א „פּיטאַקעל" איז בּיי איהם א מטבּע. אוועק־געשוואומען דאָס איינציגע, דאָס לעצטע פּיטאַקעל!... דערפאַר איז פאַנטאַליי א גוטער בּרודער. א סך ערגער פון דעם ערל איז זשוק. דער כּלב איז טאַקי אויף א קייט. נאָר א הונט בּלייבּט א הונט. ער בּילט און שפּרינגט און רייסט זיך, דער כּלב שבּכּלבים, מיט אַלע כּוחות. א גליק, וואָס פאַנטאַליי איז דאָ בּיי דער זייט. שרייט ער אָן אויף איהם, שעלט איהם מיט טוידטע קללות און זאָגט איהם מוסר — א גאַנצע דרשה. נאָר שווערער פון אַלץ איז די דריטע אינסטאַנציע — דער משרת. דער האַלט זיך גאָר

אַזוי זאָגט ער. ער קאָן אייך געבען איין עצה, פאָלגען אַ גאַנג, זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר אייך ביי זיין רייכען קרוב אין הויף, און טאַקי אונטערשטיצען מיט אַ באַשיידענעם וואַרעמעס, מיט אַ גלעזעל טיי, עס שטעהט במילא אַ גרויסער סאַמאָוואַר מיט אַ טשייניק. טיי טרינקט ווער עס וויל און ווער עס וויל ניט.

אויסגעטאַפּט ביי׳ם יונגען אורח, ווער ער איז און ווער זיין טאַטע איז, לאָזט זיך אויס, אַז ער קען איהם זעהר גוט. ער איז ניט איין מאָל געשטאַנען ביי זיין פאָטער אין דער אכסניה. איז ער ביי איהם נאָך טייערער געוואָרען. גאָר איין אָנגעלעגטער גאַסט! וויבאַלד אַזוי, מעג ער זיך וואַשען און געהן צום טיש גלייך מיט אַלעמען. געפעלט ניט דעם גאַסט, וואָס מע קוקט אויף איהם, ווי אויף איין אָרעם־בחור... ער איז נאָך גענוג גרויס ביי זיך, ער זאָל ניט וועלען עסען לאַסקאַווע ברויט ביי אַ אידען איין אָרעמאַן, וועלכער לעבט מסתמא פון די ברעקלעך, וואָס פאַלען־אַראָפּ פון דעם רייכען קרוב׳ס טיש... און ער טראַכט־אויס אַ ליגען, אַז ער איז גאָר נישט הונגעריג, אַז ער איז שוין אַ געגעסענער...

וויפיעל דער בעל־הבית, בערעל דער רויטער, מוטשעט איהם ניט, ער זאָל איהם זאָגען, וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט צו זיין רייכען קרוב, טאָמער קאָן ער איהם אַ טובה טהון, — וויל ער איהם ניט זאָגען. עס שטעהט איהם ניט אָן, אַז אַ זייטיגער איד, און נאָך אַ רויטער דערצו, זאָל זיך אַריינמישען אין זיינע געשעפטען.

בערעל דער רויטער טאַפּט ווערטער. דער בחור מאַכט זיך תמ׳עוואַטע, גלייך ווי ער פאַרשטעהט ניט, וואָס דער איד מיינט. לאָזט זיך אויס, אַז דער איד ווייסט גאַנץ גוט, וואָס דער בחור דאַרף צו זיין רייכען קרוב. נאָר ער וויל דאָס הערען פון איהם אַליין. און ער דערצעהלט איהם אַ מעשה, באַשר אַזוי ווי דער קרוב זיינער, דער „מאַגנאַט", זוכט אַ לעהרער צו די קינדער, האָט ער אויסגעפויקט איבער דער גאָרער וועלט, און עס האָבען

8

אין חלום און אויף דער וואָהר

אויף דער סטאַנציע אינ'ם קליין שטעדטעלע. — „בערעל דער רויטער" טאַפּט ביי איהם ווערטער. — דער העלד לעגט זיך שלאָפען א הונגעריגער און געהט־אַוועק איז עולם־הדמיון אריין. — וויעדער א מאָל דער „אוצר". — ער באַגעגענט זיך מיט א טאָכטער פון'ם „מאַגנאַט", און פון זיינע חלומות לאָזט זיך אויס א טייך.

באַקומען ביי'ם „מאַגנאַט" פון ט. אזא קאַלטען ברוך־הבא, האָט אונזער העלד פון דעסטוועגען נאָך ניט פאַרלוירען זיין קוראַזש און זיין האָפענונג האָט ער ניט אויפגעגעבען. ער האָט זיך גע־טראַכט: „וואָס א גביר א מאַגנאַט קאָן זיך פאַרגינען! אפשר איז איהם דער קאָפּ ניט דערביי? ניט היינט — איז מאָרגען"... דערווייל די צייט שטעהט ניט. עס הויבט־אָן צו ווערען שטאָק־נאַכט. מע באַדאַרף א טראַכט טהון וועגען נאַכטלעגער, אויסזוכען א סטאַנציע. ער האָט זיך געלאָזט זוכען און האָט אויסגעזוכט די איינציגע סטאַנציע אינ'ם שטעדטעלע ט. — א שטיבעל אויף היהנערשע פיסלעך. דער בעל־הבית איז נאָך א יונגערמאַן, טאַקי דעם „מאַגנאַט'ס" א נאָהענטער קרוב. א איד א רויטער, מיט א רויט־פייערדיגער באָרד. זיין נאָמען איז „בערעל דער רויטער". אז ער רעדט, פאַרמאַכט ער די אויגען און שמייכעלט. א מאָדנער איד. ער אינטערעסירט זיך אייך מיט איטליכס ברעקעלע. ער דאַרף אלסדינג וויסען, וואָס ביי אייך טהוט זיך, און איז גרייט צו יעדער צייט אייך באַהילפיג זיין מיט וואָס נאָר ס'איז מעגליך.

בריעף שרייבט ער אַרויס דעם טאַטען רוב גדלו ורוב עשרו, מאָהלט איהם אַ בילד, ווי אַזוי ער פאָהרט־אַרויס מיט דריי פּאָר פערד נאַשפּיץ... פרעגט מען איינס דאָס אַנדערע: „ווער פאָהרט דאָס?" ענטפערט מען: „איהר ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך דער גלאַווגע אופּראַוולַיאַיושטשע"... „אַזאַ יונגער־מאַן?!"...

עס איז שוין גרויסער טאָג. פון בערעל דעם רויטענ'ס קיך לאָזט זיך הערען אַ קלאַפּעריי און עס טראָגט זיך פון דאָרטען אַ ריח פון פרייטען, נאָר־וואָס אויסגעבאַקענעם ברויט און געפּראַ־זשעטער מילך. דער העלד חאַפּט אויף זיך גיך דאָס אָנטהון און לאָזט זיך אין „הויף" אַריין, באַקומט איין אַאודיענץ בײ'ם משרת און ווערט געוואַוירע, אַז דער „מאַגנאַט" האָט דעם בריעף נאָך ניט געלייענט... געהט ער מיט אַ פאַרביטערט הארץ צוריק אויף דער אַכסניה, באַגעגענט זיך מיט'ן רויטען בעל־הבית. מיט צו־געמאַכטע אויגען, ווי זיין שטייגער איז, טהוט איהם בערעל דער רויטער אַ פרעג גלאַט אַזוי פון יוצא וועגען: „וואָס הערט מען נייעס?"... „דערווייל נאָך גאָרניט". — ענטפערט איהם דער יונגער אורח און גליטשט זיך אוים פונ'ם רויטענ'ס הענט און געהט־אַוועק צו זיך אין חדר'על אַריין, ציהט זיך אוים אויפ'ן בעטעל און פאַרשטעקט זיך די נאָז, ער זאָל ניט הערען דעם ריח פון מאַרענירטען הערינג מיט אָנגעבראָקטע ציבעלעס, וואָס קיצלען דעם חוש־הריח און רייצען דעם אַפּעטיט מיט סכנת־נפשות!... און בכדי אָפּצוטרייבען פון זיך דעם יצר־הרע, מאַכט ער צו די אויגען און פאַרטיעפט זיך אין מחשבות און געדאַנקען, וועלכע חאַפּען איהם אויף און טראָגען איהם אַוועק אויף די פליגלען פון דער היציגער פאַנטאַזיע אין עולם־הדמיון, אין דער צויבערוועלט פון זיסע גאָלדענע חלומות. אַהין האָט ער ליעב צו פאַרקלויבען זיך אַלע מאָל, ווען ער בלייבט אַליין מיט זיך. קיינער האָט אַהין קיין שליטה ניט. אַפילו זיינע סאַמע נאָהענטע חברים. דאָס איז יענע כּישוף'דיגע וועלט, וואָס איז איהם פאַרבליבען פון זיין

זיך אַ לאָז געגעבן צו איהם לעהרערס, יונגע און אַלטע, מיט פּראָטעקציעס און רעקאָמענדאַציעס פון באָהסלאַוו, פון קאַניעוו און פון טאַראַשטשע — „אידען זוכען פּרנסה, ווילען אַ שטיקעל ברויט"... אַזוי לאָזט־אויס בערעל דער רויטער, און די ווערטער „פּרנסה" און אַ „שטיקעל ברויט" קלינגען פאַר אונזער יונגען העלד, ווי אַ באַלעדיגונג. און טאָמער איז קאַרג, גיסט־אונטער דער רויטער איד בוימעהל אויפ'ן פייער און זאָגט, אַז ס'איז אַ גאָט'ס רחמנות אויף די קאַנדידאַטען, „וואָרום זיי זענען נעבאַך הונגעריג"... עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז אָט דער רויטער איד ציעלט דאָס גראָד אויף איהם... דער איד ווייסט, אַפּנים, אַז דער העלד לעגט זיך שלאָפען אַ הונגעריגער.

. . . .

ער ווייסט ניט, צי עס חלומ'ט זיך איהם, אָדער ער פאַנטאַזירט עס וואַכענדיג, נאָר עס שטעלט זיך איהם פאָר אַזאַ משונה־מאָדנער אומגעלומפּערטער געדאַנק: אַז ער האָט גאָר קיין שום בריעף צום „מאַגנאַט" ניט איבערגעגעבן, נאָר ער איז גלאַט אַזוי אַריינגעטרעטען צו איהם אַלס באַדיענער... און אַז ער איז ביי איהם אַ „מענטש", ווי אַלע „מענטשען"... נאָר ער געפעלט זעהר דעם „מאַגנאַט"... און דער „מאַגנאַט" רופט איהם אַריין צו זיך און פרעגט איהם, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז?... און אַז ער דערזעהט, מיט וועמען ער האָט צו טהון, הויבט ער איהם אויף און גיט איהם אַ העכערע שטעלע... און עס געהט־אַוועק אַ קורצע צייט, ווערט ער ביי איהם כל־ולך איבער אַלע „מענטשען" און איבער'ן גאַנצען „הויף"... און דער סטרוזש פאַנטאַליי, און דער הונט זשוק, און דער בלאַזנע משרת — אַלע ציטערען פאַר איהם אימת־מות... און ער שרייבט אַ בריעף צום טאַטען אהיים, מיט אַ שענער מליצה, אויף העברעאיש געוויינליך, און ניט גלאַט אַ פּוסטען בריעף, נאָר מיט עטליכע פרישע קנאַקענדיגע הונדערטער — אַ מתנה דעם טאַטען אויף יום־טוב... אינ'ב

וועמען עסענוואַרג און וועמען קליידער — ער לאָזט ניט דורך קיינעם, דעם גרעסטען שונא אפילו. פּאַרקעהרט, די שונאים גיט ער נאָך מעהר, ווי די גוטע פריינט, בכדי זיי זאָלען פּיהלען...

א פּאַר׳חלומ׳טער, א הונגעריגער, חאַפּט זיך אויף דער יונגער טרוימער, און מיט א פּאַר׳חלש׳ט האַרץ לאָזט ער זיך אַוועק ווידער אין „הויף" פון דעם „מאַגנאַט". ער איז שוין דאָרט א היימישער. דאָס הייסט, דער סטרוזש פּאַנטאַליי לאָזט איהם דורך. דער הונט זשוק טשעפּעט איהם ניט. און דער משרת איז מיט איהם זאַ־פּאַני־בראַטאַ. ער פּאַטשט דעם יונגען בחור איבער דער פּלייצע און זאָגט איהם אָן א בשורה, אז ער האָט שוין גערעדט פון איהם, ניט מיט׳ן בעל־הבית, נאָר מיט זיינע טעכטער... און אַזוי ווי ער רעדט — באַווייזט זיך איינע פון די טעכטער, א גראָבע מויד, א רויטע, אין א קורץ קליידעלע, מיט גראָבע פּולקעס און מיט א פּאַרריסען נעזעל: „אָט דאָס איז ער!" — ווייזט־אָן אויף איהם דער משרת, און די גראָבע מויד באַטראַכט איהם פון קאָפּ ביז די פיס, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, שיסט־אויס א געלעכטער און אַנטלויפט.

אמאָליגען חבר שמואליק. א וועלט פון אוצרות און פון וואונדער־שטיינער, וואָס איינער פון זיי הייסט „ישפה" און דער אַנדערער — „כּדכּד". א רייב מיט'ן ערשטען שטיין: „ס'זאָל מיר ארויס־געהן און ארויסגעהן!"... באַווייזט זיך איין אָנבייסען, הייסע שמעקענדיגע פראַנזעלען מיט פּוטערקיכלעך, וואָס צעגעהען זיך אין מויל, און א ריח פון הייסער קאווע מיט מילך צעגעהט זיך אין אַלע ווינקעלעך, — איז איידער ער ריהרט זיך נאָך צו צו דער קאווע, איז שוין אויסגעוואַקסען א פעטע יויך מיט מאַנדלען און א פּערטעל עוף, און געבראָטענע קאטשקע מיט מעהרעלעך, און א קוגעלע פון מצה־מעהל מיט גענזענשמאַלץ, און וויין — צווייערליי סאָרטען: 1) רויטוויין „צערקאָווגע כּשר לפּסח", 2) ווייסער וויין, פונ'ם „ווימאָראָזיג יוזשנאהאָ בערעגא"... דאָס זענען די ווייגען, וואָס זיין טאַטע האָט געהאַלטען אויף פּסח נאָר פאַר יחידי־סגולה, פאַר די אמת'ע מבינים.

אָפּגעפּאַרטיגט זיך מיט'ן דאָזיגען גרויסאַרטיגען אָנבייסען, פּיהלט ער, אַז ער באַדאַרף האָבען רוה. טהוט ער א רייב מיט'ן צווייטען שטיינדעלע: „ס'זאָל מיר ארויסגעהן און ארויסגעהן!"... און נאָך איידער ער רעדט עס ארויס, דערזעהט ער זיך שוין אין א קרישטאָלענעם פּאַלאַץ פון צוועלף חדרים. די ווענט זענען אויסגעקלעפּט מיט אַסיגנאַציעס פון סאַמע הונדערטער. די ערד איז אויסגעפלאַסטערט פון זילבערנע מטבעות, באַציערט מיט גאָלדענע רענדלעך. דאָס גאַנצע מעבעל איז פון ווייסען עלעפאַנט־ביין, מיט סאַמעט אויסגעבעט. וואו מע טהוט זיך א ריהר איז גאָלד און זילבער און די בעסטע טייערסטע שטיינער. ארום און ארום איז א גאָרטען פון די בעסטע פּירות. און אַ טייכעל לויפט פאַרביי מיט גאָלדענע פישעלעך. און א געטליכע מוזיק הערט מען דאָרטען שפּיעלען — די בעסטע פיעדעלשפּיעלער פון דער וועלט. און ער אַליין, דער העלד, טהוט גאָרניט, נאָר ער טיילט צדקה פון דער ברייטער האַנט, פולע זשמענים. וועמען גאָלד, וועמען זילבער, וועמען שטיינער, און וועמען א מזומנ'ע מטבע,

געזעהען אין מארק איין אויפשריפט מיט א גרויסען ציפערבלאט:
„טשאסאָוויך דיעל מאסטער”. דאָ וועט ער קאָנען פארהאנדלען זיין זייגער. קיין סך קאפיטאלען — ווייסט ער — וועט ער פון דעם ניט שלאָגען. נאָר עס וועט זיין גענוג וויפיעל ער וועט קריגען, אבי צו שטילען דעם הונגער.

א מיאוס׳ע זאך — הונגערען. א הוץ, וואָס עס ציהט דאָס הארץ און עס ציטערען הענט און פיס — איז דער בזיון, דער בזיון!... מע דארף פארשטערכען דעם זייגער... איז אָבער דער זייגער, וואָס דער בחור פארמאָגט, ניט גלאט א זייגער, נאָר דאָס איז א זייגער מיט א געשיכטע, מיט א היסטאָריע. א היסטאָרישער זייגער. מוז מען דעריבער פריהער אייך באקענען מיט דער גע־שיכטע פונ׳ם זייגער.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער מחבר פון די דאָזיגע זכרונות האָט געהאלטען אין רעכטען גלאנץ פון געבען שטונדען. אין זיין געבורטסשטאָדט האָט ער געהאט שטונדען א סך מעהר, וויפיעל א יונגער לעהרער קאָן זיך ווינטשען. נאָר איין זאך האָט איהם געפעהלט צו די שטונדען — א זייגער. האָט ער זיך צונויפגעשלאָגען פון די שטונדען א שטיקעל קאפיטאל אויף צו באזאָרגען זיך מיט א זייגער. די בעסטע צייט אויף צו קויפען א זייגער איז „ספאס־יאריד”. דעמאָלט פאָהרען זיך צונויף אין פערעיאסלאוו סוחרים, קרעמער פון דער גאָרער וועלט. וואָס איין אויג קאָן זעהען און וואָס א מויל קאָן רעדען קריגט איהר אויף דעם יאריד.

אויפגעשטאנען איינמאָל אין דער פריה, גענומען דאָס שטעקעלע, האָט זיך אונזער העלד געלאָזט אויפ׳ן יאריד צו די שאלאשען און קראָמען, וואו די גאָלדענע און אנדערע טייערע זאכען זענען אויסגעשטעלט. ספאס־יאריד שטעלט זיך סוף זומער, אין חודש אויגוסט. דעמאָלט קומען־אויף די קאווענעס מיט די

9

אַ מעשה מיט אַ זייגער

ער זוכט מיטלען קעגען הונגער. — אַ זייגער מיט אַ געשיכטע. — דער דיאַלאָג צווישען דעם בחור מיט'ן אַלטען זייגערמאַכער. — די קאָמבינאַציעס העלפען ניט, און דער הונגער וואַקסט.

און דעם בריעף האָט דער „מאַגנאַט" נאָך אַלץ ניט געלייענט. דאָס ריהרט שוין אָן דעם העלד'ס אַמביציע און ער געהט־אַרוים פון דאָרטען אַ צעקאָכטער. סטייטש, זיין טאַטענ'ס בריעף וואַלגערט זיך אַרום — דאָס אַהרט איהם מעהר פון אַלסדינג. נאָך מעהר פון דעם, וואָס ער איז הונגעריג. הונגעריג, ווי אַ הונט! ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. עס טראָגט איהם אין דער לופטען. עס ציהט איהם דאָס הארץ, און דער בויך איז איהם ווי איינגעשרומפּען. אַ קאַלטער שוויים טרעט־אַרויס, און ער זוכט אין זיינע געדאַנקען, וועלכע פון זיינע זאַכען ער וואָלט געקאָנט פאַרקויפען, מאַכען דערפון קליינגעלט און עפּים קויפען צו שטילען דעם הונגער... וואָלט דאָס געווען אין אַ גרויסער שטאָדט — פאַרזעצט מען דעם אויבערראָק און מע שלאָגט־צונויף אַ פּאָר גראָשענס...

ער טאַפּט זיך אין אַלע קעשענעס, און זיינע געדאַנקען שטעלען זיך אָפּ אויפ'ן זייגער. נאָר וואָס טהוט מען מיט'ן זייגער? פאַרזעצען אין משכון — איז ניטאָ ביי וועמען. סיידען פאַרקויפען? דערמאַנט ער זיך, אַז אין דער פריה האָט ער

— וויפיל דען האָט איהר ? — פרעגט איהם דער פּרי־שטשעוואטער איד.

— איך פאַרמאָג אינגאַנצען איין פינף־און־צוואַנציגער...

דער איד טהוט אַ בלישטשע מיט די ממזר׳ישע אויגען, ציהט־אויס אַ האַנט :

— מיט מזל־ברכה !...

אין איין אויגענבליק ווערט איינגעצאָהלט דאָס געלט, און דער גאָלדענער זייגער ווערט איבערגעגעבען צום קונה אין די הענט אריין. עס טהוט איהם אַ טיאָכקע דאָס הארץ — „טאָמער איז דער זייגער אַ גע׳גנבה׳טער ?"... עס געהט איהם ניט איין די מציאה, וואָס ער האָט איינגעהאנדעלט, און עס שטעלען זיך איהם פאַר אַלערליי טונקעלע מחשבות און טרויעריגע געדאַנקען : „טאָמער דערקענט מען בּיי איהם דעם זייגער ?"... האַנדלען אַ גנבה איז ערגער פון אַ גנבה אַליין... קורץ, ער האָט שוין חרטה. נאָר ס׳איז פאַרפאַלען. ער נעמט־ארויס דעם זייגער פון קעשענע, באַטראַכט איהם פון אַלע זייטען — אַ שפּאָגעל־נייער זייגער, און קלאָפּט, ווי אַ באָנדאַר ! קאָפּערטעס גינגאָלדענע, שווערע. אַ ציפערבּלאַט, ווי געפּאַלענער שניי. ווייזערס, ווי ריטער. עס בּלייבּט נאָר צו בּאַווייזען דעם זייגער עפּיס פאַר אַ רעכטען מבין, ער זאָל איהם בּאַטראַכטען און אָפּשאַצען. דער טאַטע איז אפילו אַ מבין אויף זייגערס. פּאַסט איהם אָבּער ניט צו ווייזען איהם דעם טאַטען. און דערצעהלען דעם אמת, אַז ער האָט איהם גע־האַנדעלט אויף דער גאַס — וויל ער אויך ניט. הקיצור, דאָס בּעסטע וועט זיין אריינטראָגען דעם זייגער צו הענזעל דעם זייגערמאַכער.

הענזעל דער זייגערמאַכער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, נאָר אַ גרויסער קאָפּמענטש. אין שטאָדט זאָגט מען, אַז הענזעל האָט צוגעטראַכט איין אייגענעם זייגער נאָך דער סיסטעם פון דער זון. אויפ׳ן פּנים בּיי איהם זעהט מען אפילו קיין בּאַזונדערע חכמה ניט ארויס. אַ גאַנץ געוויינליכער איד מיט אַ ברייטער

דינים. עפּעל און באַרען ליגען קופּעסווייז אויף די וועגען און אויף דער ערד. אידען לויפען־אַרום, ווי פאַר׳סמ׳טע מייז, פאַר־טאַרעראַמט און פאַרשוויצט. מע טהוט געשעפט. מע לייזט געלט. ציגיינער שווערען זיך, פערד הירזשען, שאָף מעקען, חזירים׳לעך קוויטשען פון די זעק אַרויס. אַ בלינדער בעטלער שפּיעלט אויף אַ באַנדורע. אַ אידינע פאַרקויפט בייגעל. אַ יונגעל טראָגט־אַרום קוואַס. אַלץ רעדט. אַלץ שרייט. מע קאָן טויב ווערען.

געהענדיג אַזוי איבער׳ן יאַריד פאַרטראַכט, שלאָגט ער זיך אָן אויף אַ אידעל מיט אַ רויט פרישטשעוואַטע פּנים, מיט אַ קויטיגער מאַנישקע און מיט מאָדנע לויפענדיגע אויגען. שטעלט איהם אָפּ דער איד, רעדט שטיל, הייזעריגליך, און ווינקט מיט די ממזר׳ישע אויגלעך אויף אַ הויכען דאַרען פּריץ מיט אַ פּוילישע היטעל, מיט לאַנגע פאַרדרעהטע וואָנסעס אַרויף.

— אַט דער אָדון האָט צו פאַרקויפען אַ זאַך בחצי חנם... טהוט אַ קוק. וואָס׳ט אייך אַהרען?

און באַלד נאָך דעם רוקט זיך צו דער פּריץ, ציהט־אַרויס פון קעשענע אַ פּאַפּיער, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, וויקעלט־אויף דאָס פּאַפּיער, און עס טהוט מיט אַ מאָל אַ בלישטשע אין די אויגען אַ שפּאָגעל־נייער, אַ גלאַנצענדיגער גאָלדענער זייגער. אַ ווייז געגעבען דעם זייגער פון דער וויטען, וויקעלט איהם דער אָדון איין אין פּאַפּיער און באַהאַלט איהם צוריק אין קעשענע, אָהן ווערטער. רעדען רעדט דאָס אידעל:

— אַ מציאה פון אַ גנב!... ער באַדאַרף האָבען נויטיג געלט. אויף דעם זייגער איז דאָ גאָלד אליין אפשר אויף אַ הונדערטער...

— וויפיעל זשע וויל ער פאַר׳ן זייגער?

— איך מיין, ער׳ט נעמען האַלב, אַ פופציגער. אַ מציאה פון אַ גנב!... איך אַליין וואָלט אַ בעלן געווען, האָב איך ניט אַזוי פיעל געלט ביי זיך. — זאָגט דאָס אידעל.

— איך האָב אויך ניט. — זאָגט דער בחור און האַפּט זיך צו דער קעשענע.

ד ע ר ז י י ג ע ר מ א כ ע ר : וויפיעל זייגערס דאַרף עס א בחור׳על ?

ד ע ר ב ח ו ר : איינעם א זייגער...

ד ע ר ז י י ג ע ר מ א כ ע ר : וואָסער א זייגער ווילט איהר — א זילבערנעם ? א גאָלדענעם ?

ד ע ר ב ח ו ר : א גאָלדענעם וועל איך ביי אייך קויפען א ביסעל שפּעטער... דערווייל וועט זיין גענוג א זילבערנער, אבי ער זאָל געהן ווי עס געהער צו זיין.

ד ע ר ז י י ג ע ר מ א כ ע ר : וועגען דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען ! — און דער אַלטער זייגערמאַכער שיט־אויס פאַר׳ן קונה אקעגען א האַלב טוץ נייע זייגערס. דער בחור שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם פון זיי און גיט צו פאַרשטעהן דעם אַלטען, אז ער וויל, אייגענטליך, מאַכען מיט איהם א בייט. דאָס הייסט, ער וועט ביי איהם נעמען דעם דאָזיגען נייעם זילבערנעם זייגער און וועט איהם געבען זיין אַלטען זייגער... „אין וויפיעל וועט איהר איהם אָננעמען ?״... דער אַלטער באַטראַכט דעם בחור׳ס זייגער פון אַלע זייטען, טראַכט א ווייַלע, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ. דערנאָך נעמט ער אַרויס די וואַט פון די אויהערען און לעגט־איבער פון איין אויהער אין׳ם אַנדערען, גלייך ווי דאָס האָט א שייכות צו די זייגערס. און קוים וואָס ער שטעלט זיך איין אַרויסצוזאָגען, אז ער קאָן אָננעמען ביי איהם זיין זייגער מעהר ניט, ווי אין צוויי קאַרבען. און אַזוי ווי זיין זילבערנעם זייגער רעכענט ער אין נייען קאַרבען, קומט־אויס, אז דער בחור באַדאַרף איהם צוצאָהלען אַזוי גרויס, ווי זיעבען קאַרבען, און דאָס געשעפט איז געמאַכט. דעם בחור איז די קאָמבינאַציע געפעלען, און ער לעגט־פאָר דעם זייגערמאַכער א נייע קאָמבינאַציע : אז ער זאָל דערווייל נעמען ביי איהם דעם אַלטען זייגער און געבען צוויי קאַרבען, און שפּעטער מיט א טאָג אָדער צוויי וועט ער אַריינקומען און וועט זיך אויסקלויבען א נייעם זייגער... געפעלט נישט דעם אַלטען די דאָזיגע קאָמבינאַציע. פאַר וואָס ? אַזוי.

נאָז. פארמאָגט א גראָבען ברייטען פלאטשיגען פינגער מיט א גרויסען נאָגעל. מיט דעם נאָגעל טהוט ער איין עפען־אויף דעם זייגער, זאָטעלט־אָן דאָס אויג מיט א שפּאקטיוו, טהוט א קוק־אריין אין געווערקעל און זאָגט אייך באלד, וואָס דער זייגער האָט, וואָס איהם פעהלט, און וואָס ער איז ווערטה.

באטראכט די מציאה, דעם גאָלדענעם זייגער, האָט העגזעל איהם צוגעמאכט מיט א קנאק און א זאָג געגעבען:

— א פּראָסטער צילינדער, ניט קיין אנקער, ווערטה א פינפערעל עובר לסוחר...

— נו, און דאָס גאָלד?

— וואָסער גאָלד? ס'איז אזוי גאָלד, אזוי ווי איך בין א מיניסטער.

— וואָס דען איז דאָס?

— טאמבעקע.

— וואָס הייסט דאָס טאמבעקע?

— טאמבעקע איז טאמבעקע; נישט קיין מעש און נישט קיין קופּער, נאָר טאמבעקע...

און העגזעל טהוט־אויס די שפּאקטיוו, נעמט זיך צו דער ארבייט און רעדט נישט מעהר.

אָט דעם דאָזיגען זייגער האָט דאָס דער יונגער וואנדרערער געוואָלט פארהאנדלען צום זייגערמאכער פון'ם קליינעם שטעדטעלע ט. ארייננגעקומען איז ער צום זייגערמאכער, צו איין אלטען אידען א טויבליכען, מיט וואט אין די אויהערען, גאנץ ברייטליך, מעשה סוחר. און צווישען בחור מיט'ן אלטען זייגערמאכער קומט־פאָר אזא מין דיאלאָג:

ד ע ר   ב ח ו ר: גוט מאָרגען, הער זייגערמייסטער! האָט איהר עפּיס גוטע זייגערס?

10

אַ מלאָך פון גאָט אינ׳ם געשטאַלט פון אַ מענטשען

ער פארקלויבט זיך אין בית־המדרש פון שטעדטעל און וויינט זיך גוט אויס. — א מלאך פון גאט באווייזט זיך, און דאס מזל טהוט איהם א שיין. — ער ווערט איינגעלאדען אלס לעהרער אין א דארף און ווייסט ניט, אז דערמיט איז איהם פארזיגעלט געווארען דאס גליק אויף זיין גאנצען לעבען.

דאָס צווייטע הויז פון בערעל דעם רויטענ׳ס אכסניה איז געווען דאָס בית־המדרש פונ׳ם שטעדטעל. אהין האָט זיך דער העלד פון דער ביאָגראפיע פארקלויבען אויף מאָרגען אין דער פריה און, ניט האָבענדיג וואָס צו טהון, האָט ער אוועקגעשטעלט זיך דאווגען. און גערעדט איינער אליין. וואָרום דאָס ביסעל אידען, וואָס אין שטעדטעל ט., האָבען זיך געפעדערט גאנץ פריה, אָפגעדאווענט מיט א מנין און צעגאנגען זיך זוכען פרנסה, ווי דער שטייגער איז. געבליבען איז נאָר דער שמש, א איד א שוסטער. נאָר ווייל ער האָט ווינציג ארבייט, איז ער אין איינוועגס אויך א שמש אין שוהל. דערזעהען א פרעמדען בחור מיט א תפילין־זעקעל, איז דער שמש־שוסטער צוגעגאנגען צו איהם און א פרעג געגעבען, צי האָט ער ניט קיין יאָהרצייט? אויב א יאָהרצייט, וועט ער א לויף טהון צונויפשלעפען א מנין.

— ניין, נישט קיין יאָהרצייט, נאָר איך וויל גלאט אזוי דאווגען. — האָט איהם דער בחור בארוהיגט, און באקומען אין ענטפער פונ׳ם שמש:

דערפֿאַר, ווייל ער קויפֿט ניט קיין זייגערס. ער פּאַרקויפֿט זייגערס... פּרובט זיך דער בחור פֿאָרלעגען אַ נייעם פּראָיעקט. דהיינו: ער גיט איהם אַוועק זיין אַלטען זייגער פֿאַר איין קאַרב — איין עק! ניט צוליעבּ'ן געלט, נאָר ווייל דער זייגער איז איהם נמאס געוואָרען, ער קאָן אויף איהם ניט קוקען... זאָגט דער אַלטער, אַז אויב ס'איז איהם נמאס געוואָרען דער זייגער, קאָן ער איהם אַרויסוואַרפען אין בלאָטע. גיט איהם דער בחור צו פֿאַר־שטעהן, אַז ער קאָן איצט דאָס געשעפֿט מיט איהם ניט מאַכען, מחמת ער איז איצטער קורץ אין געלט. דאָס הייסט, פּשוט ער איז איצטער ניט ביי געלט... גיט איהם דער זייגערמאַכער איין עצה, ער זאָל אַריינקומען איין אַנדערס מאָל, דעמאָלט ווען ער וועט זיין ביי געלט. און אַזוי עטליכע מאָל. ער זאָגט איהם דאָס, און יענער ענטפֿערט איהם בּויבּעריק. זינט גאָט האַנדעלט מיט נודניקעס, האָט ער נאָך אַזאַ נודניק ניט געהאַט!... דער בחור בּאַהאַלט צוריק זיין אַלטען טאַמבּעקענעם זייגער און בעט דעם אַלטען, ער זאָל אָפּלעגען אָט אָ יענעם זילבּערנעם זייגער אויף אַ זייט. ער וועט נאָך אפשר היינט אַריינקומען צו איהם נאָך אַ מאָל. עס דאַרף איהם אָנקומען געלט מיט דער פּאָסט. ער זאָל נאָר קיין פֿאַראיבּעל ניט האָבען, וואָס טאָמער האָט ער ביי איהם צוגענומען צייט. זאָגט דער אַלטער, אַז עס מאַכט ניט אויס. נאָר נאָך זיין בּלאַס פּנים, נאָך זיין בייזען קוק און נאָכ'ן ציטערען פֿון זיינע אַלטע פֿינגער איז צו זעהען, אַז עס מאַכט שוין דוקא יאָ אויס... דער בחור — קוים וואָס ער טרעפֿט צו דער טיר. מיט אַ פֿאַר'חלש'ט האַרץ לאָזט ער זיך אַוועק צו בערעל דעם רויטען אויף דער סטאַנציע און בעט גאָט, ער זאָל חאָטש ניט בּאַגעגענען זיך מיט'ן רויטען בעל־הבית. „וואָרום אָט דער רויטער איד — טראַכט זיך דער בחור אין האַרצען — איז דער איינציגער, וואָס שטויסט זיך, אַז ער הונגערט”...

גילטיג, באטראכט פריהער וואָס צו ענטפערען און רופט זיך אָן צום יונגענמאַן מיט האלבע ווערטער:

— אייער פּאָרשלאָג איז אפשר נישט קיין שלעכטער פּלאַן... די מעשה איז אָבער, פארשטעהט איהר, וואָס איך האָב געבראכט צום היגען גביר א רעקאָמענדאציע, א בריעף, טאַקי פון מיין טאטען... וואָס וועט זיין, טאָמער...

— אין וואָסער א שפראך איז געשריבען אייער טאטענ׳ס בריעף? — מישט זיך אריין בערעל דער רויטער.

— וואָס הייסט אין וואָסער א שפראך? אין העברעאיש.

— לשון־קודש? — פרעגט־איבער בערעל דער רויטער און חאפּט זיך אָן מיטביידע הענט ביי די זייטען און צעלאכט זיך אזוי שטארק, גלייך ווי אכצעהן שדים קיצלען איהם אונטער די פּאכוועס! — איהר וועט דארפען, יונגערמאַן, א ביסעלע צו־ווארטען, ביז מיין קרוב וועט זיך פריהער אויסלערנען איבער־לייענען א לשון־קודש׳דיגען בריעף. איהר וועט אָבער, האָב איך מורא, באדארפען לאנג ווארטען!... — און ביידע צעלאכען זיי זיך און לאכען לאנג און געשמאַק.

עס האָט ניט גענומען קיין האלבע שעה צייט, איז צווישען דעם יונגענמאַן יהושע לאָיעוו און זיין יונגען פּראָטעזשע גע־שלאָסען געוואָרען א גוטפריינטשאַפט, וואָס איז געוואַקסען אלע מינוט שטארקער און גרעסער. עס האָט זיך ארויסבאוויזען, אז אָט דער יהושע לאָיעוו איז א יונגערמאַן א משכיל פון דעם טיפּ משכילים, וואָס יענער דור האָט פּראָדוצירט. א שענער בעל־תנ״ך, א בלאַט גמרא, קלאָר אין אלע מליצה־ספרים, קען גאנצע שטיקער מאַפּו אויף אויסווענינ, קאָן מיט אייך רעדען פון א „מורה־נבוכים״, פון א „כוזרי״, האָט א שען הענטעל צום שרייבען. ער איז נאָר א ביסעל שוואכליך אויף דקדוק. ווייטער וועט ער זיך מיט אייך אויסגלייכען אומעטום. און צו דעם אלעמען איז ער גלאַט א ליעבער מענטש, האָט ליעב מענטשען. זיי אלע האָבען ליעב מענטשען. און מחמת זיי זיצען אין א דאָרף, זענען

אצינד זאָגט מיר: פון וואַנען פאָהרט איהר? וואוהין פאָהרט איהר? און וואָס איז אייער טהועכץ?

אויסגעפרעגט זיך ביי'ם העלד אַלסדינג און געוואוירע געוואָרען, אַז ער איז געקומען אַהער צו פאַרנעמען אַ לעהרער־שטעלע, האָט דער יונגערמאַן אַ פרעג געגעבען, אויב דער בחור וויל דוקא בלייבען דאָ, ביי'ם היגען גביר ק., אָדער עס מאַכט איהם ניט אויס צו פאָהרען אַ ביסעל ווייטער? אויב עס מאַכט איהם ניט אויס, וואָלט ער איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל פאָהרען מיט איהם צו זיין פאָטער לאָיעוו אין דאָרף אריין, פאַרנעמען דאָרט אַ לעהרער־שטעלע ביי זיין שוועסטערל — זיין פאָטער איז אויך אימשטאַנד גוט צו באַצאָהלען, אזוי ווי דער היגער גביר, אויב ניט שענער נאָך... אויף די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אָפּגערופען בערעל דער רויטער און צוגעווינטשעוועט זיך: „אַ חוץ זיין שאָדען, אויף איהם געזאָגט געוואָרען חאָטש אַ צעהנט־חלק". און גאָרנישט פרעגענדיג ביי'ם בחור, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, האָט בערעל דער רויטער צוגעגעבען, אַז דער בחור וועט מיט פאַרגעניגען זיך דורכפאָהרען מיט'ן יונגענמאַן צו זיין פאָטער לאָיעוו אין דאָרף אריין און וועט מיט פאַרגעניגען פאַרנעמען דאָרט די לעהרער־שטעלע.

אַ מאָדנער איד אָט דער בערעל דער רויטער! עפּיס גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם געבעטען, ער זאָל זיך אַרויסשטעלען פאַר איין אפּיטרופּס, אָדער, ווענינגסטענס, פאַר אַ פאַרמיטלער. ער האָט ניט געלאָזט קיינעם צום וואָרט און האָט בעסער אַליין גערעדט. דער בחור איז געוועזען איבערראַשט פון דער גאַנצער געשיכטע אַרום און אַרום. ער האָט כמעט ניט געגלויבט זיינע אויהערען. ניט אַנדערש, אַז דאָס איז אָדער אַ חלום, אָדער אַ מין האַלוצינאַציע, אָדער דער יונגערמאַן — דאָס איז אַ מלאך פון הימעל אַראָפּ אויף דער ערד אינ'ם געשטאַלט פון אַ מענטשען... נאָר אַרויסבאַווייזען זיין פרייד, פון דעסטוועגען, שטעהט איהם ניט אָן. ער הערט־אויס דעם געשפּרעך כלומרשט גאַנץ גלייכ־

גילטיג, באַטראַכט פריהער וואָס צו ענטפערען און רופט זיך אָן צום יונגענמאַן מיט האַלבע ווערטער:

— אייער פאָרשלאַג איז אפשר נישט קיין שלעכטער פּלאַן... די מעשה איז אָבער, פארשטעהט איהר, וואָס איך האָב געבראַכט צום היגען גביר א רעקאָמענדאַציע, א בריעף, טאַקי פון מיין טאַטען... וואָס וועט זיין, טאָמער...

— אין וואָסער א שפּראַך איז געשריבען אייער טאַטענ׳ס בריעף? — מישט זיך אריין בערעל דער רויטער.

— וואָס הייסט אין וואָסער א שפּראַך? אין העברעאיש.

— לשון־קודש? — פרעגט־איבער בערעל דער רויטער און חאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט ביי די זייטען און צעלאַכט זיך אזוי שטאַרק, גלייך ווי אכצעהן שדים קיצלען איהם אונטער די פּאַכוועס! — איהר וועט דאַרפען, יונגערמאַן, א ביסעלע צו־וואַרטען, ביז מיין קרוב וועט זיך פריהער אויסלערנען איבער־לייענען א לשון־קודש׳דיגען בריעף. איהר וועט אָבער, האָב איך מורא, באַדאַרפען לאַנג וואַרטען!... — און ביידע צעלאַכען זיי זיך און לאַכען לאַנג און געשמאַק.

עס האָט ניט גענומען קיין האַלבע שעה צייט, איז צווישען דעם יונגענמאַן יהושע לאָיעוו און זיין יונגען פּראָטעזשע גע־שלאָסען געוואָרען א גוטפריינטשאַפט, וואָס איז געוואַכסען אַלע מינוט שטאַרקער און גרעסער. עס האָט זיך ארויסבאַוויזען, אז אָט דער יהושע לאָיעוו איז א יונגערמאַן א משכיל פון דעם טיפּ משכּילים, וואָס יענער דור האָט פּראָדוצירט. א שענער בעל־תנ״ך, א בלאַט גמרא, קלאָר אין אַלע מליצה־ספרים, קען גאַנצע שטיקער מאַפּו אויף אויסווענדיג, קאָן מיט אייך רעדען פון א „מורה־נבוכים״, פון א „כּוזרי״, האָט א שען הענטעל צום שרייבען. ער איז נאָך א ביסעל שוואַכליך אויף דקדוק. ווייטער וועט ער זיך מיט אייך אויסגלייכען אומעטום. און צו דעם אַלעמען איז ער גלאַט א ליעבער מענטש, האָט ליעב מענטשען. זיי אַלע האָבען ליעב מענטשען. און מחמת זיי זיצען אין א דאָרף, זענען

אצינד זאָגט מיר: פון וואַנען פאָהרט איהר? וואוהין פאָהרט איהר? און וואָס איז אייער טהועכץ?

אויסגעפרעגט זיך בײ'ם העלד אַלסדינג און געוואוירע גע־וואָרען, אַז ער איז געקומען אהער צו פארנעמען אַ לעהרער־שטעלע, האָט דער יונגערמאַן אַ פרעג געגעבען, אויב דער בחור וויל דוקא בלייבען דאָ, בײ'ם היגען גביר ק., אָדער עס מאַכט איהם ניט אויס צו פאָהרען אַ ביסעל ווייטער? אויב עס מאַכט איהם ניט אויס, וואָלט ער איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל פאָהרען מיט איהם צו זיין פאָטער לאָיעוו אין דאָרף אריין, פארנעמען דאָרט אַ לעהרער־שטעלע ביי זיין שוועסטערעל — זיין פאָטער איז אויך אימשטאַנד גוט צו באַצאָהלען, אזוי ווי דער היגער גביר, אויב ניט שענער נאָך... אויף די דאָזיגע ווערטער האָט זיך אָפּגערופען בערעל דער רויטער און צוגעווינטשעוועט זיך: „אַ חוץ זיין שאָדען, אויף איהם געזאָגט געוואָרען חאָטש אַ צעהנט־חלק". און גאָרנישט פרעגענדיג ביי'ם בחור, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, האָט בערעל דער רויטער צוגעגעבען, אַז דער בחור וועט מיט פאַר־געניגען זיך דורכפאָהרען מיט'ן יונגענמאַן צו זיין פאָטער לאָיעוו אין דאָרף אריין און וועט מיט פארגעניגען פארנעמען דאָרט די לעהרער־שטעלע.

אַ מאָדנער איד אָט דער בערעל דער רויטער! עפּיס גלייך ווי עמיצער וואָלט איהם געבעטען, ער זאָל זיך ארויסשטעלען פאַר איין אפּיטרופּס, אָדער, וועניגסטענס, פאַר אַ פארמיטלער. ער האָט ניט געלאָזט קיינעם צום וואָרט און האָט בעסער אַליין גערעדט. דער בחור איז געוועזען איבעררראַשט פון דער גאַנצער געשיכטע אַרום און אַרום. ער האָט כּמעט ניט געגלויבט זיינע אויהערען. ניט אַנדערש, אַז דאָס איז אָדער אַ חלום, אָדער אַ מין האַלוצינאַציע, אָדער דער יונגערמאַן — דאָס איז אַ מלאך פון הימעל אַראָפּ אויף דער ערד אינ'ם געשטאַלט פון אַ מענטשען... נאָר ארויסבאַווייזען זיין פרייד, פון דעסטוועגען, שטעהט איהם ניט אָן. ער הערט־אויס דעם געשפּרעך כּלומרשט גאַנץ גלייכ־

— פאַר וואָס ?

— פאַר... פאַר סטאַנציע, פאַר אַלסדינגג... וועל איך אייך אָפּשיקען פונ׳ם אָרט... באַלד ווי איך וועל קומען...

— געהט שוין געהט, מע וועט לאַכען פון אייך ! — זאָגט בערעל מיט אַ געלעכטער און שטופּט איהם אָפּ פון זיך. און אין דעם קומט־אַריין אַ הויכער גוי מיט ווייסע ברעמען, מיט אונטער־טעניג־שמייכלענדיגע אויגען. ער הייסט אַנדריי. ער פרעגט זיך נאָך אויפ׳ן באַגאַזש פונ׳ם „פּאַניטש", וואָס פאָהרט מיט׳ן „באַרין". שעמט זיך דער לעהרער פאַר׳ן גוי, פאַר אַנדרייען, וואָס ער האָט ניט קיין באַגאַזש, און זאָגט, אַז זיין באַגאַזש געהט נאָך... ער וועט אָנקומען נאָכדעם... דערווייל האָט ער נאָר אָט דאָס פּעקעלע, וואָס ער וועט דאָס אַליין נעמען מיט זיך אין וואָגען אַריין. אַנדריי וויל אָבער ניט אוועקגעהן מיט לעדיגע הענט. אַ פּעקעלע — לאָז זיין אַ פּעקעלע. און ער טהוט אַ נעם דאָס פּעקעלע מיט צוויי פינגער און אַ טראָג־אַוועק, ווי אַ פעדערעל. אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געזעסען מיט זיין יונגען פּאַטראָן אין אַ גרויסאַרטיגען ווייכען פאַעטאָן. אַנדריי האָט געגעבען אַ קנאַק מיט דער בייטש, און צוויי גרויע פערדלעך מיט אונטערגעבויגענע עקען האָבען איהם געטראָגען איבער פעלדער און איבער וועלדער, אין אַ ניי אָרט, צווישען נייע מענטשען, און עס איז איהם גאָר אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז אָט אָ דאָ, אויף דעם אָרט, וואוהין ער פאָהרט אצינד, ווערט דאָס פאַרזיגעלט זיין גליק אויפ׳ן גאַנצען, גאַנצען לעבען...

זיי ממש זשערנע, געהען־אוים נאָך אַ מענטשען... וואָס איז זייער געשעפט? זיי האַלטען פּאָססעסיעס אין דער אַרענדע, ביי'ם גראַף בראַניצקי און ביי'ם גראַף מאַלאָדעצקי. זיי לעבען ווי פּאָמע־שטשיקעס, האָבען אייגענע פערד און קארעטעס, פאַרהאַלטען זיך זעהר גוט מיט די פּריצים וואָס אַרום און אַרום, און די גויים זענען נאָך זיי די כּפּרה...

מיט זיין רעדען האָט דער יהושע לאַיעוו אַרויסבאַוויזען, אַז ס'איז אמת וואָס ער זאָגט, אַז זיי זענען זשערנע אין דאָרף אַ מענטשען. דאָס מויל האָט זיך איהם די גאַנצע צייט ניט צוגע־מאַכט, גלייך ווי ער וואָלט וועלען אַרויסרעדען אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקלויבען ביי איהם פאַר אַ לאַנגע צייט אין דאָרף. ער האָט גערעדט אין שטוב, ער האָט גערעדט אין דרויסען, ער האָט גערעדט שוין זיצענדיג אין פאַעטאָן און פאָהרענדיג מיט'ן נייעם לעהרער אויף זיינע אייגענע ברענענדיגע פערד פון דער פּאָססעסיע.

— געפעלט אייך אַ פּאָר סוסים? — האָט אַ זאָג געגעבען בערעל דער רויטער צום לעהרער, בעת דער יונגערמאַן יהושע לאַיעוו איז געגאַנגען זאָגען, מע זאָל שפּאַנען. און בערעל האָט גענומען דערצעהלען גרויסקייט פון דעם יונגענמאַנ'ס פאָטער, וואָס פאַר אַ גביר, איין אדיר דאָס איז, און וואָס פאַר איין אָריגינאַלער מענטש דאָס איז.

— איהר דאַרפט גאָט דאַנקען, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט...

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דער איד וויל, אייגענט־ליך, מע זאָל א י ה ם זאָגען אַ דאַנק. נאָר אַ מכּה! דאָס וועט ער ביי איהם ניט פּועל'ען, ער זאָל מיינען, אַז ער האָט געראַטעוועט אַ מענטשען פון הונגער... עס איז איהם נאָר ניט איינגענעהמען, זעהר ניט איינגענעהמען, וואָס ער קאָן איהם איצט ניט באַצאָהלען פאַר סטאַנציע. ער איז איצט זעהר פאַראייננגט אין געלט...

— איהר זאָגט מיר בעסער, רב איד, וויפיעל... קומט אייך? בערעל דער רויטער מאַכט־צו די אויגען:

מע באַטראַכט אַ געקויפטען פיש פונ׳ם מאַרק... דערנאָך האָט ער איהם אויסגעצויגען אַ וואַרעמע האַנט, און מיט אַ פריינטליכער מינע, אויף וויפיעל ס׳איז נאָר געווען מעגליך פאַר אַזאַ שטרענגען פעלדמאַרשאַל, האָט ער איהם אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם און אָהן צערעמאָניעס, און מיט׳ן לשון „דו", אַ פרעג געטהאָן:

— ווי אַזוי רופט מען דיך?

געוואָהרע געוואָרען פונ׳ם בחור, אַז מע רופט איהם שלום, האָט ער זיך אָנגערופען צו איהם ווייך, ווי ווייט ס׳איז מעגליך געווען פאַר זיין לייבענשטים:

— הער זשע אוים, שלום־סערדצע, געה זיי מוחל אָהין אין צווייטען חדר. איך וועל דאָ מיט מיין זוהן אָפּרעדען געשעפט. דערנאָך וועל איך דיך אריינרופען און מיר וועלען אַ ביסעל שמועסען.

דאָס צווייטע צימער איז געווען אַ זאַל, אייראָפּעאיש גערעדט, אַ מין וועסטיבול פאַר געסט. דאָרט איז געווען דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, אַ געוועזענער שניטקרעמער, איצט אויף דער עלטער אַ בעל־אכסניה, מיט׳ן נאָמען בערעלע עטעל׳ס, אַ איד מיט אַ בלויער נאָז, מיט רויטע דינע שלעננגעלעך אויף דער נאָז; ער שטעהט צונויפגעלעגט די הענט, טהוט גאָרניט, נאָר ער רעדט. רעדט פון די אורחים, פון זייערע געשעפטען און פון זיך אַליין, אַז „גאָט האָט איהם געשטראָפט, ער דאַרף אויף דער עלטער האַנדלען מיט לאָקשען־יויך"... זיין אידינע, אַ קורצינקע, אַ דאַרינקע, מיט אַ „מושקע" אויפ׳ן קאָפּ און מיט געלע פּערעלעך אויפ׳ן האַלז, דרעהט זיך אַרום אין שטוב און שעלט די קינדער זיינע (זי איז ביי איהם די צווייטע פרוי), שעלט די דיענסט, שעלט די קאַץ, ווייזט אוים, ניט צופריעדען מיט דער וועלט — אַ גרויסע פּעסימיסטקע! ביי׳ם פענסטער, איבער אַ ביכעל, אַ ראָמאַן פון שפּיעלהאַגען, זיצט זייער מיזינקעלע, שיווקע בערעלע

11

אַיין אומגעריכטער עקזאַמען

אין באָהסלאַוו אויף דער סטאַנציע. — דער אַלטער לאַיעוו. — אַ מיידעל מיט קאַוואַליערען. — שפּיעלהאָגען, אויערבאַך און „טשטאַ דיעלאַט". — וואָס וויל רש"י פון די בנות צלפחד, און ווי אַזוי שרייבט מען אַ בריעף צו אַ דירעקטאָר פון אַ צוקער־פאַבריק? — ער האַלט־אויס דעם עקזאַמען און פאָהרט אין דאָרף אַריין.

עס איז שוין געווען אַרום פאַרנאַכטליך, ווען דער יונגער משכּיל יהושע לאַיעוו מיט זיין פּראָטעזשע דעם לעהרער זענען אַריינגעפאָהרען אין דער שטאָדט באָהסלאַוו. אויף דער סטאַנציע, וואו זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט, האָבען זיי געטראָפען דעם פאָטער פון'ם יונגען משכּיל, דעם אַלטען לאַיעוו, וואַרטען אויפ'ן זוהן.

דער איינדרוק, וואָס דער אַלטער לאַיעוו האָט געמאַכט אויפ'ן לעהרער, איז געווען אויסערגעוויינליך. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַ איד זאָל האָבען אַזאַ אויסזעהען. איין אויסזעהען פון אַ גענעראַל, אַ פעלדמאַרשאַל, מיט אַ קול פון אַ לייב. אין קורצע ווערטער האָט דער זוהן איבערגעגעבען דעם פאָטער, ווער איז דאָס בחור'על, וואָס איז מיט איהם געקומען, און וואו און ווי אַזוי ער האָט זיך מיט איהם באַקענט. אויס־געהערט דעם זוהן, האָט דער אַלטער אָנגעזאָטעלט די נאָז מיט אַ פּאָר ווייסע זילבערנע ברילען און האָט ערנסט באַטראַכט דעם בחור, אָהן איבעריגע צערעמאָניעס, מיט אַזאַ פּנים, למשל, ווי

ווייזען וואָס ער ווייסט און וואָס ער קען... און אַקוראַט סאַמע אין דער רעכטער היץ קומט־אָן דער אַלטער לאָיעוו מיט׳ן זוהן יהושע לאָיעוו און ווערען ניישט ווילענדיג צוהערער פון דער לעקציע, וואָס דער יונגער לעהרער פון פּערעיאַסלאַוו לייענט דאָ פאַר׳ן יונגוואַרג. זיי קוקען זיך איבער צווישען זיך און האָבען הנאה, זעהט אויס. דערנאָך טהוט איהם אַ רוף דער אַלטער לאָיעוו:

— הער נאָר אויס, חברה־מאַן, וואָס איכ׳ל ביי דיר פרעגען. מיין זוהן זאָגט מיר, אַז דו ביזט אין אונזערע אידישע ספרים ניישט ווינציגער קלאָר, ווי אין זייערע ביכער. איך האָב געוואָלט הערען פון דיר, צי געדענקסט דו נאָך, וואָס רש״י וויל האָבען פון די בנות צלפחד?...

און עס געהט־אַוועק אַ שמועס פון רש״י. פון רש״י קומט מען אַרויף אויף דער גמרא. און עס געהט־אַוועק אַ פּלפּול פון לומדות און פון קענטעניש און פון השכלה, ווי געוויינליך צווישען אידען, וואָס זענען היימיש אין די קליינע אותיות...

דאָס רופט־אַרויס אַ סענסאַציע. דער פוראָר איז אַזוי גרויס, אַז דער אַלטער לאָיעוו לעגט־אַרויף אויף איהם די האַנט און זאָגט צו איהם:

— פון די אַלע לערנעכצען און קענטענישען האָבען מיר שוין געזעהען, אַז עס קומט צו עפּים, למשל, אַ קוויטעל אָנשרייבען, איז ניטאָ קיין לשון... אַ סימן — אָט שטעהט אַ טינט און פען; נעם, זיי מוחל, שרייב מיר אָן אַ בריעף אויף רוסיש אין דער צוקער־פאַבריק צו דעם דירעקטאָר, אַז מע וועט איהם ניט צו־שטעלען מעהר קיין בוראַקעס, ביז ער וועט ניט צושיקען אַזויפיעל און אַזויפיעל געלט...

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס בריוועל איז געוועזען מעהר ניט ווי איין אָנשטעל, איין אויסרעד, אַ מין עקזאַמען. דאָס אָנגעשריבענע בריוועל איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און אַלע האָבען באַ־וואונדערט די זעלטענע האַנטשריפט, די קאַליגראַפיע פונ׳ם בחור. דאָ איז איהם בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין רבין מאָניש פון

עטעל'ס, א טעכטערעל א יפת־תואר מיט א ווייס קיילעכיג פּנים, א מורא'דיגע קאָקעטין. צו איהר זענען געקומען מיט באַזוך א צוויי־דריי יונגעלייט מיט אונטערגעשוירענע בערדלעך — דער סאַמע צימעס פון דער באָהסלאַווער אינטעליגענץ. מע פיהרט א געשפּרעך פון „ליטעראַטור". דער בעל־הבית מיט דער בלויער נאָז פיהרט־צו דעם יונגען לעהרער צו דער קאָמפּאַניע און שטעלט איהם פאָר. פון וואַנען ווייסט דער אַלטער, ווער דער לעהרער איז? — בלייבט א סוד. בכדי ס'זאָל איהם ניט זיין לאַנגווייליג, ווענדט זיך צו איהם דאָס מיידעל די יפת־תואר מיט א ליעבליך שמייכעלע: צי האָט ער געלייענט „נא דיונאך" פון שפּיעלהאַגען? לאָזט זיך אויס, אז ער איז קלאָר אין גאַנץ שפּיעלהאַגען. נו, און אויערבאַך? „אויערבאַך אויך". נו, און „זאַפּיסקי יעוורעיא" פון באָגראָווען? „ער קען איהם אויף אויסווענדיג". און דעם ראָמאַן „טשטאָ דיעלאַט?" „ווער האָט דאָס ניט געלייענט טשערנישעווסקי?"... „ווי געפעלט אייך די הויפּט־העלדין?" „וויערא פּאַוולאָוונא? וואָס איז פאַר א שאלה!"...

דאָס מיידעל די יפת־תואר און איהרע קאַוואַליערען זענען אנציקט. איינער פון זיי, א „טשאַסטנע פּאָוויערענע" מיט א קלינגענדיגען נאָמען מענדעלסאָן, שטשיפּעט זיך ביי די וואָנסילעך, וואָס האַלטען ערשט אין שפּראָצען. עס ווייזט אויס, אז ער איז פאַרליעבט אין דעם מיידעל, ווי א קאַץ, און איז דעריבער מלא גזלן אויף דעם יונגען אורח; וואָס איז קלאָר אומעטום, ווי א וואַסער. וואַרפט ער אויף איהם מיט בייזע אויגען און ווינטשט איהם מסתמא ביי זיך אין האַרצען, ער זאָל ברעכען רוק־און־לענד אויפ'ן גלייכען וועג... דאָס גיט־צו דעם העלד נאָך מעהר מוט, און ער שיט מיט פּראַזען, ציטירט גאַנצע שטיקער אויף אויסווענדיג, מישט גאָר אריין אַזעלכע נעמען, ווי באָקל — „די געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", און דזשאָן סטיואַרד מילל — „וועגען פרייהייט"... א בחור'על א משכיל פון א פרעמדער שטאָדט קומט צווישען מענטשען, באַדאַרף ער אויסלעגען וואָס ער האָט, באַ־

איהם אַוועק אין דער וועלט פון זיסע חלומות און כּישוף׳דיגע געדאַנקען. ער זעהט זיך אַ גליקליכען, אַ שיינענדיגען. יענער חלום פונ׳ם „אוצר" הויבּט־אָן מקוים צו ווערען, און גאָר אויף אַ נאַטירליכען אופן: ער קומט צו פאָהרען אויפ׳ן אָרט, אַזוי שטעלט ער זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע, באַקענט זיך מיט׳ן אַלטען לאָיעוו׳ס טאָכטער... זיי פאַרליעבּען זיך איינס אין דאָס אַנדערע און דעקען־אויף זייער סוד פאַר׳ן אַלטען... דער אַלטער לעגט־אַרויף אויף זייערע קעפּ זיינע הענט און בּענטשט זיי: „זייט גליקליך, ליעבּע קינדער!"... שרייבּט דער בּחור אַוועק אַ בּריעף צו זיין טאַטען קיין פּערעיאַסלאַוו: „אַזוי און אַזוי, ליעבּער פאָטער, קום צו פאָהרען"... און מע שיקט־אַרויס נאָך איהם אַ פאַעטאָן מיט בּרענענדיגע פערד... און סאַמע אין רעכטען הלום שלאָגט מען איהם איבּער. דער אַלטער לאָיעוו געהט־צו צו איהם, רופט־אָפּ דעם בּחור אויף אַ זייט און הויבּט־אָן צו רעדען מיט איהם מכּח „אכצעהן און דרייצעהן". דאָס הייסט, וועגען געצאָהלטס. „אָדער אפשר וועלען מיר דאָס איבּערלאָזען אויף איין אַנדערס מאָל, אויף שפּעטער?" „לאָז זיין אויף איין אַנדערס מאָל, אויף שפּעטער"... און ער פיהלט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נאָר־וואָס זיס איינגעדרימעלט און געפּלאָנטעט חלומות — פּלוצים איז מען געקומען און מע האָט איהם אויפגעוועקט!... ווי אַ רויך זענען זיך צעגאַנגען די זיסע חלומות. ווי אַ שאָטען האָט זיך אויפגעהויבּען די צעוואַרעמטע פאַנטאַזיע, און דער גאַנצער כּישוף מיט׳ן אוצר, מיט אַלע גוטע זיסע געדאַנקען, זענען פאַרשוואונדען געוואָרען.

. . . .

דערווייל ווערט נאַכט און מע דאַרף שוין פאָהרען. פון דער שטאָדט בּאָהסלאַוו בּיז׳ן דאָרף איז נאָך דאָ אַ פּאָר מייל. צוויי שעה פאָהרעכטס. די פערד שטעהען שוין געשפּאַנט. אַנדריי

פּערעיאַסלאַוו. דער מלמד רבֿ מאַניש וואָלאָוו, וואָס האָט זיך באַריהמט געמאַכט מיט זיין „ביינדעל", איז געווען אַ זעלטענער קאַליגראַף, אַ מין קינסטלער פון דער נאַטור. אַ גאָלדענע האַנט. מיט זיין געשריפטס האָט מען זיך אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָדט. ער האָט געמאַהלט, ניט געשריבען. געווען אַ איד אַ כשר'ער, אַ גרויסער ירא־שמים, און נישט פאַרשטעהענדיג קיין וואָרט רוסיש, האָט ער קאָנקורירט מיט'ן שרייב־לעהרער פון דער „אויעזדנע". עס איז געווען ניט צו גלויבען, אַז אַ האַנט, ניט אַ מאַשין, זאָל אַזוי קאָנען שרייבען! די תּלמידים, און צווישען זיי אויך ראַבינאָוויטש'עס קינדער, האָבען נעבאַך געגוג געליטען פון'ם רבין מאַניש'עס „ביינדעל". זיי האָבען אָבער אַ סך געגאַשט פון זיין קאַליגראַפיע, פון זיין שען רוסיש שרייבען, וועלכעס האָט זיי מיט דער צייט געבראַכט גרויסע נוצען...

דערמיט אַליין האָט זיך דער עקזאַמען נאָך נישט געענדיגט. דער אַלטער לאָיעוו האָט פאַרלאַנגט פון'ם יונגען לעהרער, ער זאָל זיך מטריח זיין דאָס אייגענע בריוועלע איבערזעצען אין העברעאיש, „ווייל דער דירעקטאָר פון דער צוקער־פאַבריק איז אַ איד"... אַזוי האָט דער אַלטער מאָטיווירט זיין פאַרלאַנג. און פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז אויך געווען שייך צום עקזאַמען... און נישט לאַנג געטראַכט, האָט דער לעהרער דאָס בריוועל איבער־געזעצט אין העברעאיש, מליצה'דיג, אַזוי געפלייסט זיך, אַז דאָס כּתב זאָל זיין וואָס שענער, געקינצעלט און געצוקט, די שורות געדיכט, אויסגעמאָסטען, פּערעלדיג און צאַצקעדיג. דאָ האָט זיך שוין געמיהט דער זכות־אָבות פון נאָך אַ פריהעריגען מלמד, פון רבֿ זרח'ען. דאָס וואָס דער רבי מאַניש איז געווען אין רוסיש איז דער רבי זרח געווען אין אידיש.

בּקיצור, דער לעהרער האָט דעם אימפּראָוויזירטען עקזאַמען אויסגעהאַלטען גלענצענד. פאַר קוראַזש דרעהט זיך איהם אַזש דער קאָפּ. ער פיהלט, אַז עס פלאַמט איהם איין אויהער. די פאַנטאַזיע חאַפּט איהם אַרויף אויף איהרע פליגלען און טראָגט

י

12

אַ איד אַ פּאָמעשטשיק

א אידיש־פּריציש הויז. — ער לערענט זיך דעם שלחן־ערוך פון עטיקעט. — דעם אלטען לאיעוו׳ס ביבליאָטעק. — א זעלטענער טיפּ פון א אידישען גוטבאזיצער.

עס איז שוין געווען רעכט נאכט, אז זיי זענען אריינגעפאָהרען אין דאָרף אריין אַלע דריי: דער אַלטער לאָיעוו, זיין זוהן דער משכּיל יהושע און דער יונגער לעהרער פון פּערעיאסלאוו. דורכ־געפאָהרען פארביי א סך נידעריגע פינסטערע גוישע הייזלעך און דורכגעלאָזט א גרויס ברייט גרין פעלד — אַ „וויגאָן״ ווערט דאָס אָנגערופען אין דאָרף — און א גרויסען „טויק״ מיט הויכע סטערטעס שטרוי און היי און נאָך ניט געדרעשט ברויט, האָט זיך דער פאעטאָן אָפּגעשטעלט ביי א גרויסען ברייטען פּריצישען הויף. דער קוטשער אנדריי האָט נאָך ניט באוויזען אָפּצושטעלען די פערד, האָט זיך דער הילצערנער טויער ווי פון זיך אַליין ברייט צעעפענט. ביי׳ם טויער איז געשטאנען א גוי אָהן א היטעל. דער גוי האָט זיך טיעף פארנייגט פאר׳ן בעל־הבית און דורכגעלאָזט דעם פאעטאָן, וועלכער האָט זיך נאָך א ווייל געקייקעלט ווי אויף א ווייכען טאפּעט און איז צוגעפאָהרען צו א גרויסער, ברייטער, ניט קיין הויכער, ווייסער פּריצישער שטוב, דוקא מיט שטרוי געדעקט, און מיט צוויי גרויסע גאנקעס ביי די זייטען. פון יענער זייט שטוב — א גאָרטען. אינווייניג איז די שטוב, ווי

דער קוטשער טראָגט א גאנצע וואליזע אין פאעטאָן אריין. אין דרויסען איז קיהלבליך.

— אָט אזוי וועסט דו פאָהרען? — זאָגט דער אלטער לאָיעוו צום לעהרער. — דו געהסט דאָך אָדם־נאקעט; וועסט דערפרוירען ווערען, צו אלדי גוטע יאָהר! אנדריי! אהער די בורקע!

אנדריי שלעפּט־ארויס פון אונטער זיך אווארעמע וואָלענע בורקע. דער אלטער אליין העלפט דעם לעהרער די בורקע אָנ־טהון אויף די ארבעל. די בורקע איז רעכט ווארעם און עס איז איינגענעהם אין איהר צו זיצען. נאָר עס געהט איהם ניט איין. וואָרום דאָס מיידעל, שיווקע בערעלע עטעל'ס, מיט איהרע קאוואַ־ליערען שטעהען ביי'ם פענסטער און זעהען, ווי דער אלטער טהוט איהם אָן די בורקע. עס דאכט זיך איהם אוים, אז זיי לאכען... און פאר'ן קוטשער, פאר אנדרייען, איז אויך א בזיון. וואָס טראכט זיך וועגען איהם אָט דער גוי?...

הבּתּישער אידישער שטוּב ווייסט מען ניט פון קיין באַזונדערע דינים און מנהגים, ווי אַזוי צו זיצען ביי'ם טיש און צו באַדיענען זיך מיט'ן לעפעל, מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל. אין אַ בּעל־הבּתּישער אידישער שטוּב איז געננוג, אַז מע ווייסט, אַז מע באַדאַרף איבּערלאָזען אין טעלער אַ שטיקעל פיש אָדער פליישׁ, „אויף דרך־ארץ". ווייטער מעג מען זיצען ווי אַזוי מע וויל, עסען ווי־פיעל מע וויל, און רייניגען די ציינער מיט'ן גאָפּעל איז אויך אָהן אַ סכּנה. ווער זאָגט עס דען, אַז ס'איז פאַרהאַן ערגיץ אַ מין עטיקעט אויף דער וועלט? ווער און וואו האָט דאָס אַזאַ שלחן־ערוך אַמאָל געשריבּען? ניין, די אַלע דינים און מנהגים פון עטיקעט האָט דער יונגער רעפּעטיטאָר אין ערגיץ ניט אויסגעטראַכט. ער האָט נאָר אין זינען געהאַט איין זאַך: אַז מע דאַרף נאָכקוקען, וואָס אַנדערע טהוען — נישט מעהר. פאַרשטעהט זיך, אַז קיין הנאה פונ'ם עסען קאָן מען ניט האָבּען, אַז מע דאַרף תּמיד זיין אויף דער וואַך, שטענדיג אַכטונג געבּען, טאָמער האָבּ איך געהאַפּט איין איבּעריגען בּיסען, אָדער טאָמער האָבּ איך דאָס מעסער מיט'ן גאָפּעל נישט געהאַלטען ווי עס געהער צו זיין, אָדער טאָמער האָבּ איך צו אַ שטאַרקען זופּ געטהאָן, אָדער טאָמער האָט עמיצער געהערט ווי איך קיי... דאַנקען גאָט, דעם עקזאַמען פון עטיקעט האָט דער לעהרער אויך אויסגעהאַלטען גלענצענד, נאָר פונ'ם טיש איז ער די ערשטע עטליכע מאָל אוועקגעגאַנגען אַ הונגעריגער. נאָך די אַלע שענע צערעמאָניעס, פיעלע פּאָטראַוועס און אויסגעצייכענטע מאכלים האָט זיך שטאַרק געבּענקט נאָך אַ שטיקעל פריש בּרויט מיט הערינג און מיט ציבּעלע, און נאָך הייסע זאַמדיגע קאַרטאָפעל אין די העמדלעך, און נאָך אַ גוטע קרויט, וואָס לאָזט זיך הערען דערנאָכדעם אַ גאַנץ מעת־לעת... עס האָט געמוזט נעמען צייט, בּיז ער האָט זיך צוגעוואוינט צו דעם רעזשים פון ציערליך־מאַניערליך. דערווייל האָט דער בּחור געמוזט, ווי עס רעדט זיך, נאָכשטופּען די קאַרעטע, „האַלטען שטאַט", ניט אַרויסגעבּען זיך חלילה מיט זיינע דעמאָקראַטישע

אויסוועניג, געקאַלכט מיט ווייסען. פּראָסט מעבּלירט. אַ סך פענסטער. חדרים — אָהן אַ שיעור. אין שטוב דרעהען זיך אַרום דיענסטען מיט שטילע טריט, אַזוי ווי שאָטענס. אויף די פּיס ביי זיי — ווייכע שיך, ס׳זאָל ניט קלאַפּען. קיינער וואגט ניט אַ וואָרט אויסצורעדען, בעת דער אַלטער איז אין דער היים. אַ שטרענגע דיסציפּלין. רעדען הערט מען נאָר איהם אַליין, דעם בעל־הבית. זיין לייבּענשטים קלינגט, ווי אַ גלאָק. אינ׳ם ערשטען גרויסען חדר, ביי אַ לאַנגען שען געדעקטען טיש, איז געזעסען אַ פרוי, אַ יונגע, אַ הויכע, אַ שענע. דאָס איז דעם אַלטענ׳ס ווייב, די צווייטע פרוי. נעבען איהר איז געזעסען אַ מיידעל פון אַ יאָהר דרייצעהן־פערצעהן, זייער איינציגע טאָכטער, אַ קאָפּיע פון דער מוטער. דער אַלטער האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם יונגען לעהרער און מע האָט זיך געזעצט עסען וועטשערע.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט זיך געפונען ביי אַ אַריסטאָקראַטישען טיש, וואו דאָס עסען קומט־פאָר מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, סערווירט פון אַ לאַקיי מיט ווייסע הענטשקעס. דער לאָקיי איז אפילו אַ פּו־אָסטער שייגעץ מיט׳ן נאָמען „וואַניקאַ“, נאָר דער אַלטער האָט איהם אויסגעקליידט און אויסגעדרעסירט אויפ׳ן פּריצישען שטייגער. פאַר אַ מענטשען, וואָס איז ניט געוואוינט געוואָרען צו אַ סך טעלער און טעלערלעך, לעפעל און לעפעלעך, גלעזער און גלעזלעך, איז שווערליך אויסצוהאַלטען אַזאַ אַריסטאָקראַטישען טיש און נישט פאַרזינדיגען זיך קעגען אַלע פאָרערונגען פון עטיקעט. מע דאַרף זיין אויף דער וואַך, האַלטען קאָפּ... מע מוז זיך מודה זיין, אַז דער בחור האָט ביז דעמאָלט ניט אָנגעהויבּען צו וויסען, אַז מע זיצט ביי׳ם עסען, באַדאַרף מען אָפּהיטען דעם גאַנצען שלחן־ערוך פון עטיקעט, וואָס אין אַ געוויינליכער אידישער שטוב איז מען אויף דעם ניט מקפּיד. אין אַ געוויינליכער אידישער שטוב עסען אַלע פון איין טעלער, טונקען־איין די פרישע חלה אינ׳ם פעטען סאָאוס, אָדער עסען גאָר מיט די הענט. אין אַ בעל־

אזא זכרון און מיט אזא כח הדבור, ווי דער אַלטער לאָיעוו. ער האָט געהאט איין אמת'ען טאַלאַנט אויף איבערצודערצעהלען א זאַך מיט זיין אייגענעם לשון. איך וואָלט געזאָגט, אז ער איז געווען איין אָראַטאָר. ער האָט געהאט אין זיך א גוזמא הומאָר. זיינע מעשיות זענען געווען שפּאַנענדיג. א מענטש פון גרויסע ערפאהרונגען און א סך איבערלעבענישען, האָט ער געהאט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען, און אַלע מאָל מיט גרויסען אינ־טערעס. ער האָט ניט נאָר דערצעהלט — ער האָט געדיכטעט, געשאפען, געמאָהלען בילדער מיט אַלערליי פאַרבען. דאָרט וואו ער האָט זיך געפונען, האָבען געמעגט זיין ווער ווייסט וויפיעל מענטשען, האָט מען געהערט נאָר איהם, און ווייטער קיינעם ניט.

בכלל איז דאָס געווען א זעלטענער טיפּ, א גרויסער אָריגינאַל, א איד נישט ווי אַלע אידען. אויסגעוואַכסען און דערצויגען גע־וואָרען אין א פרומער אידישער שטוב, אין א אידישער שטאָדט, אין באָהסלאַוו, איז געווען צו באַוואונדערען, ווי אזוי איז דאָס ארויסגעוואַכסען פון דאָרטען אזא מין עקזעמפּליאַר? ווי קומט צו א באָהסלאַווער אידען גאָר א השגה צו פיהרען א פּריצישען שטאַט, ליעב האָבען ערד און אָפּגעבען זיך אינגאַנצען צו פעלד־ארבייט? עס איז ווערטה געווען אָנצוקוקען איהם אין א פריה־מאָרגען, אָנגעטהאָן אין הויכע גלאַנצענדיגע באָטפאָרטען און אין א קורץ סאַמעטען רעקעל ביז די קניה, שטעהן אויפ'ן טייך ביי דער דרעשמאַשין, קאָמאַנדעווען מיט די ארבייטער און וואַרפען די סנאָפּעס אין קאַסטען אריין, אָדער דרעהען די „וועיעלקע", אָדער וואַרפען מיט דער „רעשעטע". אומעטום איז ער געווען אַליין: ביי'ם אַקערען, ביי'ם זעען, ביי'ם פּאָלען, ביי'ם גראָבען, ביי'ם שניידען, ביי'ם אריינפיהרען און ארויספיהרען די תבואה, ביי די פערד, ביי די אָכסען, ביי די בהמות — אומעטום אַליין. איך מיין, אז אויב עס וואָלט ווען אמאָל געווען נויטיג צו באַווייזען פאַר פרעמדע פעלקער א מוסטער פון א אידען א פּאָ־מעשטשיק, א גוטבאַזיצער און איין אמת'ען פעלדארבייטער, וואָלט

גענג און פראָלעטארישע געוואוינהייטען. מיט איינעם וואָרט — זיין גלייך מיט אלע. און דעם אמת מוז מען זאָגען, אז מע האָט דאָ געקוקט אויף איהם פון דעם ערשטען טאָג אָן ניט ווי אויף א פרעמדען, נאָר ווי אויף א גלייכען, איין אייגענעם. פּאָרט א „טאטענ׳ס א קינד״. אזוי האָט גע׳פּסק׳ענט דער אלטער און האָט גאנץ אָפענטליך ארויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דעם לעהרער איהם אין די אויגען, אז ער, דער לעהרער, איז א „טאטענ׳ס א קינד״. און א „טאטענ׳ס א קינד״ באדארף מען אנדערש באהאנדלען.

קודם כל, האָט מען איהם אָפּגעגעבען א באזונדער חדר, צו־געקלויבען פּראָסט, נאָר מיט אלע באקוועמליכקייטען און מיט דער בעסטער באדיענונג. דאָרט האָט ער געהאט גענוג צייט און גענוג פרייהייט צו טהון וואָס ער וויל. לערנען מיט דער שילערין איז גענוג געווען אזעלכע צוויי־דריי שעה אין טאָג. די איבעריגע צייט האָט ער געקאָנט אויסנוצען פאר זיך — לייענען ביכער אָדער שרייבען. און געלייענט האָט ער אלץ, וואָס ס׳איז געקומען צו דער האנט. דער אלטער האָט אליין ליעב געהאט צו לייענען און האָט ניט געזשאלעוועט קיין געלט אויף צו קויפען אלע מאָל נייע ביכער. און אזוי ווי קיין אנדער שפּראך, א חוץ העברעאיש, האָט דער אלטער ניט געלייענט, איז זיין ביבליאָטעק באשטאנען מעהר פון העברעאישע ביכער (אידיש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין דער מאָדע). קלמן שולמאן, מאפּו, סמאָלענסקין, מאנדעלקערן, גאָטלויבער, יהל״ל, יצחק־בער לעווינזאָהן, מרדכי־אהרן גינזבורג, יצחק ערטער, דאָקטאָר קאמינער, חיים־זעליג סלאָנימסקי — אָט דאָס זענען געווען די נעמען פון די שרייבערס, וואָס האָבען באשיינט די ביבליאָטעק פון דעם דאָרפישען מאגנאט, דעם פּאָסעסאָר לאָיעוו. אין די אלע אויסגערעכענטע ביכער איז דער אלטער לאָיעוו געווען קלאָר כמעט אויף אויסוועניג און האָט ליעב געהאט זיי ציטירען און דערצעהלען פון זיי אלע מאָל איבער־א־נייעס. עס איז זעלטען געווען צו באגעגענען א מענטשען מיט

אַנדערע געגענטען פון דער געבענטשטער „טשערטאַ“, געווען ניט קיין זעלטענהייט. באַהסלאַווער, קאַניוועֶר, שפּאָלער, רזשישטשע־ווער, טאַראַשטשער, זלאַטאָפּאָליר, אומעניר און נאָך אַ סך אַנדערע אידען האָבּען זיך אַ לאָז געגעבען פון די קליינע שטעדטלעך אין דאָרף אריין, אָפּגעדונגען גרויסע און קליינע פּאָסעסיעס, גענומען אין דער אַרענדע פּריצישע פּאָלוואַרקעס, באַוויזען וואונדער, גע־מאַכט פון שלעכטער ערד, פון פאַרלאָזענע חורבות איין אמת׳ען גן־עדן. דאָס איז ניט קיין איבּערטרייבונג, קיין גוזמא־זאַך. די דאָזיגע ווערטער האָט דער פאַרפאַסער פון די דאָזיגע כּתבים אליין געהערט פון אַ באַריהמטען רוסישען פּאָמעשטשיק, אַ כּריסט, מיט׳ן נאָמען וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש סימערענקאָ, מיט וועלכען דער אַלטער לאָיעוו איז געשטאַנען אין נאָהענטע געשעפטס־פאַרבּינדונגען און מיט וועלכען מיר וועלען זיך נאָך באַגעגענען. מיט איינעם וואָרט — איהר האָט פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ אידען אַ פּריץ, אַ אידען אַ פּאָמעשטשיק, וואָס איז, ליידער, דורך אַ בּייזער האַנט ארויסגעריסען געוואָרען מיט׳ן וואָרצעל און איז אָפּגעשטאָרבען פאַר דער היסטאָריע אפשר אויף לאַנגע־לאַנגע יאָהרען.

דער אַלטער לאַיעוו געווען דער בעסטער מוסטער. קריסטען האָבען אָפענטליך ארויסגעזאָגט, אז ביי דעם אידען באַדאַרף מען זיך געהן לערנען, ווי צו פיהרען בעל־הבתישקייט, ווי צו באַארבייטען די ערד אויפ'ן בעסטען שטייגער און ווי צו באַגעהן זיך מיט די אָרעמע ארבייטער, אז זיי זאָלען זיין צופריעדען. אַלע מוזשיקעס פון דאָרף, אָהן אַ שום אויסנאַהם, זענען געווען נאָך איהם די כפרה. נישט נאָר האָבען זיי געציטערט פאַר איהם און געהאַט דרך־ארץ — זיי האָבען איהם ליעב געהאַט, פשוט ליעב געהאַט. דערפאַר, וואָס ער איז זיך באַגאַנגען מיט זיי, ווי אַ מענטש, ווי אַ פריינד און ווי אַ פאָטער. אַזאַ מין באַנעמונג האָבען די גויים קיינמאָל ניט געזעהען פון די פריהעריגע בעלי־בתים, פון די פוילישע פריצים. מע דאַרף געדענקען, אַז דער עלטערער דור מוזשיקעס האָבען נאָך ניט פאַרגעסען דעם טעם פון „פּאַנשטשינע״. אויף זייערע לייבער האָבען זיי נאָך געטראָגען סימנים פון שמיץ. און דאָ באַגעהט מען זיך מיט זיי, ווי מיט מענטשען, ניט ווי מיט „סקאָט״. היינט דער צוטרויען, וואָס זיי האָבען געהאַט צום בעל־הבית. זעלטען ווער פון זיי אינ'ם גאַנצען דאָרף האָט געקאָנט צונויפרעכענען, וויפיעל עס באַטרעפט צוויי מאָל צוויי. ביי'ם חשבון האָבען זיי זיך איינגאַנצען פאַרלאָזט אויפ'ן אַלטען. זיי זענען געווען זיכער, אַז ער וועט זיי ניט אָפּנאַרען אויף קיין פרוטה אפילו.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַ וואַנדלונג וואָלט אָנגענומען די היסטאָריע פונ'ם אידישען פאָלק און וואָס פאַר אַ ראָלע מיר וואָלטען געשפּיעלט אין דעם עקאָנאָמישען און אין דעם פּאָליטישען לעבען פונ'ם לאַנד, ווען ניט די געוויסע „ווערמענע פּראַווילעס״, וואָס דער מיניסטער איגנאַטיעוו האָט אָנגעחמארעט אויף די אידען, אַז זיי זאָלען ניט טאָרען זיצען אין די דערפער און ניט קויפען און ניט דינגען קיין ערד אויף צו באַ־ארבייטען. איך זאָג עס דערפאַר, ווייל אַזעלכע פעלד־בעלי־בתים, ווי דער אַלטער לאַיעוו, זענען אין יענעם געגענט, ווי אויך אין

האָט ער דערזעהען, פאַרשטאַנען און דערפיהלט, אַז אונזער אָרט איז דאָ, אויף דער נאַטור, און ניט נאָר אָט דאָרטען, אין דער שטאָדט. דאָ איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר זענען אַ טייל פון דער גרויסער, דרויסענדיגער וועלט, און אַז מיר האָבען אַלע מאָל געבענקט און וועלען תּמיד בענקען נאָך דער מוטער־ערד. אַז מיר האָבען אַלע מאָל ליעב געהאַט און וועלען תּמיד ליעב האָבען די נאַטור. אַז עס האָט אונז אַלע מאָל געצויגען און עס וועט אונז תּמיד ציהען אין דאָרף אַריין. איך וויל האָפען, אַז דער גוטהאַרציגער לעזער וועט מיר איצטיגס מאָל מוחל זיין פאַר מיין קורצע הקדמה. איך קאָן מיך ניט דערמאַנען אָן דעם דאָרף און ניט אַרויסזאָגען די געפיהלען, וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדען. און האָב איך שוין אַרויסגעזאָגט, קאָנען מיר שוין אַריבערגעהן צום דאָרף גופא און געבען אַ גענויע באַשרייבונג פון'ם דאָרפישען גליקליכען לעבען.

געשלאָפען אין אַ גרויס ליכטיג צימער ביי פאַרמאַכטע לאָדען, האַפּט זיך אויף דער לעהרער אין דער פריה, טהוט אַ שטופּ מיט דער האַנט פון זיך — עפענט זיך אויף דאָס פענסטער מיט'ן לאָדען אינאיינעם, און עס רייסט זיך אַריין אַ סנאָפּ ליכט, מיט אַ וואַרעמקייט פון דער זון, מיט איין אַראָמאַט פון רעזעדאַ, אויס־געמישט מיט אַ ריח פון מיענטע און פון פּאָלין, מיט נאָך פאַר־שיידענע מינים ריחות פון גראָזען, וואָס מע ווייסט ניט זייערע נעמען. די גראָזען זענען, זאָגט מען, דאָ געווען אַמאָל פאַרזעעט פון'ם גראַף בראַניצקי. נאָר איצט וואַכסען זיי אַליין פון זיך, אינאיינעם מיט'ן פּראָסטען בוריאַן, שטעכעלקעס און קראָפּיווע. אין מיטען זומער זענען די גראָזען אַזוי הויך געוואַכסען, אַז דער לעהרער מיט דער שילערין זענען ניט איין מאָל געגאַנגען ביז איבער'ן האַלז און האָבען זיך געקאָנט באַהאַלטען איינס פון דאָס אַנדערע און זיך נאָכדעם לאַנג זוכען און — געפינען. פונ'ם

13

דאָס לעבן אין דאָרף

דאָס דאָרף „כאָפּיעווקאַ". — דער מחבר פון די באַשרייבונגען באַקענט זיך מיט דער דרויסענדיגער וועלט. — דריי גוטע יאָהרען. — דער לעהרער מיט דער שילעריין ווערען נאָהענט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. — ביי די ביכער, אויפ'ן פעלד און ביי שכנים.

דאָס דאָרף, וואוהין דער פּאָרפאַסער פון די דאָזיגע געשיכטעס איז געבראַכט געוואָרען, האָט געהערט צום גראַף בראַניצקי און האָט זיך אָנגערופען מיט'ן נאָמען „סאָפּיעווקאַ". געבראַכט איז ער געוואָרען אהער אַלס אָנגעשטעלטער, אַלס לעהרער, אויף אַ קורצע צייט, און איז שוין פאַרבליבען דאָ אויף שטענדיג. דאָ האָט ער געפונען זיין צווייטע היים. דאָ האָט זיך פאַרזיגעלט, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זעהען, זיין גליק און זיין לעבען אויף אייביג... דערוויילע האָט ער אַלס לעהרער פאַרבראַכט אין דעם דאָרף עטוואָס קאַרגער פון דריי יאָהר. די דאָזיגע דריי יאָהר מעגען פאַרצייכענט ווערען אַלס די בעסטע, די שענסטע און די גליקליכסטע פון זיינע יאָהרען. מע קאָן זאָגען, אַז דאָס איז געווען באמת דער פריהלינג פון זיין לעבען. דער פריהלינג אין אַלע אופנים. דאָ האָט ער געהאַט די בעסטע געלעגענהייט נעהענטער צו באַקענען זיך מיט דער נאַטור, מיט גאָט'ס וועלט, מיט גאָט'ס ערד. מיט דער ערד, פון וואַנען מיר זענען אַלע געקומען און וואוהין מיר אַלע זענען אָנגעברייט אַוועקצוגעהן. דאָ

רוהיג. אידען שיסען ניט. אידען קאָנען באַשטעהן צו ציהען אַנדערע נוצען פונ׳ם וואַלד. פון דעם וואַלד האָט דער אַלטער לאָיעוו ארויסגעפיהרט אַ היבש ביסעל געהילץ און האָט אָנגעבויעט שטאַלען מיט שטעלעכלעך, קאַמערען מיט קעמערלעך, אַמבאַרען פאַר תבואה און סאַראַיען מיט סטאַנים פאַר אָכסען און פאַר פערד, און וועגען און שליטענס און נאָך זאַכען, וואָס ווערען אָנגערופען מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען „רעמאָנענט״.

נאָכ׳ן ערשטען אָנבייסען און נאָך דער ערשטער שטונדע מיט דער שילערין נעמט דער לעהרער אַ שפּאַציער אין גאָרטען. אַמאָל אַליין און אַמאָל אינצווייען, טאַקי מיט דער שילערין. עס איז שווער צו זאָגען, ווען איז דער גאָרטען שענער: צי אַרום שבועות־צייט, ווען די בוימער האַלטען אין רעכטען בליהען? צי דעמאָלט, ווען עס האָבען זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבען צו רויטלען די ווייַמפּערלעך מיט די אַגרעסען? צי העט־שפּעט, שוין סוף זומער, ווען די עפּעל הויבען־אָן אַליין צו פאַלען און עס בלייבען די פאַרשפּעטיגטע קיילעכיגע שוואַרצע פלאָמען, וואָס מע רופט זיי „טשערקוסען״? אין יעדער צייט האָט זיך דער גאָרטען זיין רייץ מיט זיין חן. אין יעדער צייט געפינען די שפּאַציערענדע, דער לעהרער מיט דער שילערין, עפּיס נייעס. מעגען זיין די אַגרעסען נאָך גרין אַזוי ווי גראָז און זויער אַזוי ווי עסיג — מאַכט נישט אויס. מע צעשטעכט זיך די הענט און מע רייסט־אַרויס די גרעסטע פון זיי, די וואָס הענגען־אַראָפּ און לייכטען זיך דורך אויף דער זון. און ווער שמועסט אַ ביסעלע שפּעטער, ווען די ווייַמפּערלעך גיסען זיך אָן מיט רויטען ווייַן און בלישטשען אויף דער זון — דעמאָלט בעטען זיי זיך, מע זאָל פאַרזוכען נאָך אַ בינטעל און נאָך אַ בינטעל. מע פאַרזוכט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערען הייליג די ציינער. דאָס אייגענע איז מיט די ווייַנשעל און מיט די קאַרשען און מיט די אַלע איבעריגע אויבסטען און פּירות, וואָס קומען־אויף און ווערען צייטיג ניט אַלע אויף איין מאָל. אמת, דאָס זענען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס מע קריגט עס אין

אויפעפענען דאָס פענסטער מיט'ן לאָדען האָט אַ קוואָקעדיגע הוהן מיט איהר משפחה זיך ספּאַלאָשעט און אַ ביסעל אָפּגעטרעטען אויף אַ זייט. זי האָט זיך אָבער באַלד אומגעקעהרט צוריק, גע־שאַרט און געפּיקט אין מיסט און געלעהרענט אויך די קליינע היהנדעלעך, ווי אַזוי צו שאַרען און צו פּיקען.

דאָס אויפשטעהן, דאָס אָנטהון זיך מיט'ן איינוואַשען זיך נעמט נישט קיין סך צייט, און עס איז נאָך גאָרניט אַזוי שפּעט. נאָר אַז דער לעהרער קומט־אַרויס, טרעפט ער שוין קיינעם ניט אין שטוב. דער אַלטער לאַיעוו איז שוין לאַנג ביי דער אַרבייט אויפ'ן „טויק", פון וואַנען עס לאָזט זיך הערען דאָס גראַגערען פון דער דרעשמאַשין. דעם אַלטענ'ס פרוי איז ביי די אינדיקעס, ביי די גענז מיט די קאַטשקעס און די איבעריגע עופות — אַ גאַנצע מלוכה פון עופות! פון די ברייטע פעלדער ציהען זיך פּאַוואָלי גרויסע אָכסען־פוהרען מיט'ן אָפּגעשניטענעם ברויט. פון דער וויטען קאָן מען האַפּען מיט'ן אויג דעם לאַן מיט ווייץ. אַ סך איז שוין אָפּגעשניטען און צונויפגעלעגט קופּעסווייז אין די סנאָפּעס. און אַ סך שטעהט נאָך אין די געלע צייטיגע זאַנגען, ריהרט זיך און שאָקעלט זיך חוואַליסווייז פון אַ גרינג ווינטעלע, וואָס לויפט פאַרביי. אויף יענער זייט לאַן, דאָרט וואו עס ענדיגט זיך דאָס ברויט, הויבען זיך אָן די גרויסע גרינע בלעטער פון די בוראַקעס, וואָס וואַכסען גלייכע שורות־ווייז. צווישען זייערע רייהען, גאַנץ שיטער, שטעהען, ווי סאָלדאַטען אויף דער וואַך, די הויכע „סאָנישניקעס" מיט די גרויסע געלע קוטשמעס. פייגעלעך האָבען ליעב צו קלויבען זיך אַרום די סאָנישניקעס און אַרויספּיקען פון זיי איינציגווייז די נאָך ווייסע, נאָר שוין זיסע, סעמעטשקעס. נאָך ווייטער געהט דאָס דעמבענע געדיכטע וועלדעל, מיט'ן נאָמען די „טורטשינאַ". דעמאָלט, ווען פּריצים זענען דאָ געזעסען, איז מען געגאַנגען אהער שיסען, „נאַ פּאָליע־וואַניע". איצט, אַז די פּאָסעסיע האַלט אַ איד, קאָנען די אומ־שולדיגע האָזען און גאָט די נשמה שולדיגע פייגעלעך זיין גאַנץ

טיש, נעמט זיך צו דער פאָסט, וואָס אַ שייגעצעל האָט געבראַכט צו פיהרען פון דער סטאַנציע „באַראַניעפּאָליע", רייטענדיג אויף אַ פערד מיט אַ טאָרבע איבער די פּלייצעס. איבערגעקוקט די פּאָסט, רופט ער צו דעם לעהרער, ער זאָל שרייבען ענטפער אויף די בריעף. דער לעהרער טהוט די אַרבייט געשיקט, וואָרום ער פאַרשטעהט דעם אַלטען אויפ'ן קוק און ווייסט די גאַנצע קאָרעס־פּאָנדענץ אויף אויסווענינ. דער אַלטער האָט פיינט איבער'חזר'ען אַ זאַך צוויי מאָל און האָט ליעב, מע זאָל איהם פאַרשטעהן וואָס ער וויל, נאָך איידער ער האָט עס אַרויסגעזאָגט. אַליין אַ פלינקער אַרבייטער, האָט ער ליעב צו זעהען, אַז די אַרבייט זאָל ברענען אונטער די הענט. פאַרטיג געוואָרען מיט אַלע אַרבייט, זעצט מען זיך עסען. זעלטען עס זאָלען ניט זיין עטליכע זייטיגע, פרעמדע מענטשען ביי'ם טיש. דאָס זענען מעהרסטענטייל געסט, שכנים, פּאָסעסאָרס, אָדער סוחרים, וואָס זענען געקומען קויפען ווייץ, האָבער, גערשטען, אָדער אַנדערע תבואות. ביי'ם טיש הערשט, ווי איך האָב שוין פריהער באַשריבען, אַ שטרענגע דיסציפּלין. קיינער וואַגט ניט אַ הויך וואָרט אויסצורעדען, נאָר דער אַלטער קלינגט, ווי אַ גלאָק. ביי איהם לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס קיין שטאָף. ער האָט אייך אויף אַלסדינג אַ מעשה, אַ משל און אַ גלייכוואָרט, וואָס מאַכט אייך צום דענקען און צום לאַכען. וואָרום איהר האָט ניט געזעהען אַ צווייטען, וואָס זאָל אייך קאָנען אַזוי אינטערעסאַנט דערצעהלען און קאָפּירען, נאָכמאַכען יעדען איינ־ציגען מיט אַלע פּליטערלעך — איין אמת'ער טאַלאַנט, חאָטש ביי דער וועלט, צווישען אידען, האָט ער געהייסען אַ מאָדנער איד, אַ „טשודאַק" און אַ „שגעון". און דאָך האָבען סוחרים ליעב געהאַט מיט איהם צו האַנדלען, ווייל דאָס וואָרט איז ביי איהם געוועזן הייליג, און האָט ער אייך עפּיס פאַרקויפט, האָט דאָס גע־מענט וועזען ווי טייערער, האָט איהר געקאָנט זיין זיכער, אַז קיין חרטה וועט ניט זיין. דאָס איז געוועזן אָהן אַ שום פּרינציפּען און פּרעטענזיעס, נאָר פּראָסט און פּשוט די נאַטירליכע אָרענטליכקייט,

שטאָדט אויך, וואָס מע קאָן עס קויפען פאַר געלט. עס האָט אָבער נישט דעם טעם מיט דעם ריח, ווי בעת איהר רייסט דאָס אַליין אַראָפּ פונ׳ם בוים. ובפרט אז איהר זענט ניט אַליין, נאָר אינצווייען מיט אַ מיידעל, וואָס איז אייך ליעב און טייער, מיט אַ מיידעל, וואָס איהר זענט איהר ליעב און טייער, ווי איין אייגענער, ווי אַ ברודער...

ווי דען האָט די שילערין אַנדערש געקאָנט באַציהען זיך צום לעהרער, אַז ניט ווי צו אַ ברודער, ווען איהרע פאָטער און מוטער האָבען זיך באַצויגען צו איהם, ווי צו אַ קינד? עס איז נישט געווען קיין שום אונטערשייד ביי זיי צווישען איהם און צווישען זייערע אייגענע קינדער. אַזוי ווי די אייגענע קינדער, אַזוי האָט דער לעהרער זיך געבאָדען אין גוטס, נישט געוואוסט פון קיין נויט און פון קיין זאָרג און פון דעם, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט. דאָס מין געלט האָט אין יענער שטוב בכלל נישט עקזיס־טירט. דאָס הייסט, געלט איז געווען אַ סך, גאָר אַ סך. נאָר קיינער, אויסער דעם אַלטען, האָט נישט געוואוסט די ווערטה פון דעם און נישט געפיהלט, אַז עס פעהלט. אַלץ איז געווען גרייט און אַלץ פון דער פולער ברייטער האַנט. דאָס עסען, דאָס טרינקען, דאָס קליידען זיך און שוכען זיך און דאָס אַרויספאָהרען מיט׳ן גלאַנץ און מיט׳ן קנאַק. אויף יעדען טריט אַ באַדיענער. מענטשען און פערד וויפיעל איהר ווילט און ווען איהר ווילט. און באַווייזט איהר זיך אין דאָרף, בויגען זיך פאַר אייך אַלע גויים, נעמען־אַראָפּ דאָס היטעל. געבוירענע גראַפען באַדאַרפען זיך ניט פיהלען בעסער, פרייער און בכבוד׳ער.

געקומען דער אַלטער פון דער אַרבייט, באַדעקט פון קאָפּ ביז פיס מיט שטויב, מיט שטרוי און מיט זאַנגען. ער וואַרפט־אַראָפּ די לאַנגע שטיוועל, וואַשט זיך איין, טהוט זיך איבער און באַקומט איין אַנדער אויסזעהען. ער זעצט זיך אַוועק צום שרייב־

באראניעפאליע צום פאסטמייסטער מאלינאווסקי. און אומעטום ווערט מען אויפגענומען ווי זעהר אנגעלעגטע, פיעל געליעבטע געסט. מע ווייסט גאר ניט, מיט וואס זיי מכבד צו זיין. שטעלט מען דעם סאמאוואר און מע דערלאנגט איינגעמאכטס. ביי'ם פאסטמייסטער מאלינאווסקי ווערט באשאפען א פלעשעל בראנפען, וואס ער אליין טאקי טרינקט דאס אויס גלעזלעכווייז ביז'ן סוף, ווארום מאלינאווסקי איז א גוי, וואס האט ליעב דעם ביטערען טראפען. און אז ניט, האפט מען זיך גאר אריין צו דאדי דעם עקאנאם, וואס זיצט ניט ווייט, טאקי אויף איין הויף מיט די בעלי־בתים. דארטען, ביי דאדין אין דעם קליינעם שטיבעל, איז פרייליכער, ווי ביי זיי אין דער גרויסער שטוב. און דאס, וואס מע קריגט ביי דאדין, קאן מען אין דער היים ניט אויספיהרען. אשטייגער, וואו וועלען זיי זיך דערלויבען עסען גרינע קנעבעלעך מיט שטשאוו, אז ניט ביי דאדי'ס ווייב? אדער געזאלצענע אוגערקעלעך גלייך פון סלאי מיט הייסע קארטאפעל אין די מונדירען? אדער זיסע קאטשענעס פון קרויט, וואס דאדיכע שאטקעוועט אויף צו זייערען? אדער אנטרינקען זיך מיט עפעל־קוואס, וואס איז טעם גן־עדן? פון דעם באזוך קאן מען זעהען, אז דאדיכע שעצט זיך גליקליך, און ווער שמועסט דאדי — דער איז אויפ'ן זיעבעטען הימעל! נאר דאדי דער עקאנאם איז א טיפ פאר זיך, און ער פארדיענט באשריבען צו ווערען אין א באזונדער קאפיטעל.

וואָס ווייסט ניט פון קיין דריידלעך און האָט פיינט קרומע פאַלשע וועגען. אין דער סוחר'ישער וועלט הייסט אפילו אזא נפש, הינטער די אויגען געוויינליך, א „משוגענער מענטש", נאָר מע האָט בעסער ליעב מיט אזא משוגענעם צו האָבען געשעפט, ווי מיט איין אנדערען א קלאָרען.

נאָכ'ן טיש לאָזט מען איבער דעם אלטען מיט די געסט, זיי זאָלען זיך דאָרטען שמועסען און מאכען געשעפטען, און דער לעהרער מיט דער שילערין זעצען זיך אוועק לערנען, שטודיערען, לייענען. איבערהויפּט לייענען. מע לייענט אלץ, וואָס עס קומט צו דער האַנט, אָהן א קאָנטראָל, אָהן א סיסטעם און אָהן איין איבערקלויבען. צום מיינסטען ראָמאנען, די גרעסטע קלאַסיקער, ווי שעקספּיר, דיקענס, טאָלסטאָי, געטהע, שילער, גאָגאָל, אויס־געמישט מיט די ערגסטע שונד־ראָמאנען פון אייזשען סיו, קסאוויע דע מאָנטעפּען, אשאר, פּאָן באָרן און נאָך אזעלכע פּוסטע שמירער פונ'ם פראנצויזישען בולוואר. אָנגעלייענט זיך, ווי די פּויקען, געהט מען זיך דורך צו דער מאשינע, זעהען ווי מע דרעשט. אָדער אין פעלד ארויס, צוקוקען ווי מע שניידט דאָס ברויט, ווי מע נעמט עס צונויף און מע בינדט עס אין די סנאָפּעס. און עס נעמט־אָן א חשק פּארקאטשען די ארבעל און זיך נעמען צו דער ארבייט. עס באווייזט זיך אָבער ארויס, אז שטעהן ביי דער זייט און קוקען, ווי מע שניידט ברויט און מע בינדט סנאָפּעס, איז א סך גרינגער, ווי איידער אליין אָנבויגען זיך און שניידען ברויט און בינדען סנאָפּעס. וואָרום פון קוקען ווערט מען ניט דערשוויצט און אויף די הענט לויפען ניט אויף קיין בלאָטערען... דערפאר אָבער — וואָס פאר איין אפּעטיט מע האָט דערנאָכדעם! מע קומט אהיים און מע עסט זויערמילך מיט שווארצברויט און מע מאכט א שפּאציער אין גאָרטען. אָדער מע הייסט איינשפּאנען דאָס פּאַטאָנדעל און מע פאָהרט זיך דורך מיט אנדרייען אין די איבעריגע פּאָסעסיעס אָדער עקאָנאָמיעס: אין גוזיפּקע, אין קריטאָהאָרבע, אין זאקוטעניץ. אָדער מע פאָהרט אריבער קיין

זיינע הענט באוויזען אביישפיעל, ווי אזוי מע באדארף ארבייטען. אָפּנארען דאָדין איז געווען שווערליך, און גנבה׳נען ביי איהם — אוממעגליך. פאר גנבה איז די גרעסטע שטראָף געווען ווינציג. אויך פאר שכּור׳ען איז ער געווען אש־להבה. אויסטרינקען א גלעזעל בראָנפּען — דאָס מאכט ניט אוים. נאָר פאר׳שכּור׳ען זיך און מאכען סקאנדאלען — דאָס ניט. חיות ניט זיכער!

היינט שטעלט אייך פאָר, אז אָט דער דאָדי, דער גבר, וואָס פאר איהם האָט געציטערט א גאנץ דאָרף מיט גויים, אז ער איז געשטאנען פאר׳ן אלטען לאָיעוו, איז געווען איהם ניט צו דער־קענען. קלענער פון א קינד, שטילער פון א שעפּעלע. די הענט אראָפּגעלאָזט. דעם אָטעם פארהאלטען. א סאָלדאט פאר א גענעראל א פעלדמארשאל באדארף ניט שטעהן מיט מעהר רעספּעקט און מיט מעהר מורא און דרך־ארץ, ווי דאָדי איז גע־שטאנען פאר׳ן אלטען בעל־הבּית. אָנגעקומען אין דאָרף אריין אלס יונגעל, איז ער שוין פארבליבען דאָרטען אויף שטענדיג. געוואכסען און געגאנגען אלץ העכער און העכער, ביז דער אלטער האָט איהם געקרוינט מיט׳ן נאָמען עקאָנאָם, דאָס הייסט, ער האָט איהם געמאכט פאר אויפזעהער איבער אלע עקאָנאָמיעס. דאָ אין דאָרף האָט דאָדי חתונה געהאט, באקומען זיין געהאלט, א באַ־זונדער שטיבעל מיט א באזונדערען גאָרטען, מיט מעהל, מיט שטרוי, מיט האָלץ, מיט א פּאָר מעלקעדיגע בהמה׳לעך — געוואָרען א שטיק בעל־הבּית און א טאטע פון קינדער. און דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געוואגט פאר׳ן אלטען בעל־הבּית זיך צוזעצען אפילו אויף א מינוט. נאָר איין מאָל אין זיין גאנצען לעבען איז ער געזעסען פאר׳ן בעל־הבּית, האָט זיך געטראָפען א אינצידענט, וואָס דאָדי האָט איהם געהאט צו געדענקען דאָס גאנצע לעבען.

איך האָב שוין, דאכט מיר, אויבען באמערקט, אז דער אלטער לאָיעוו האָט ליעב געהאט אויפצוקלערען, לעהרנען יעדען איינציגען, טיילען זיך מיט דעם, וואָס ער ווייסט. איינמאָל, אין א לאנגער ווינטערנאכט איז דאָס געווען, האָט דאָדי אָפּגעגעבען א ראפּאָרט

14

דאָדי דער עקאָנאָם

א נאטור־מענטש. — דער אלטער לאיעוו לייענט די געשיכטע פון פעטער דעם גרויסען, און דאדי ווערט אנשלאפען. — ביי דאדיכען אין שטיבעל. — דער העלד שרייבט ראמאנען און טראגעדיעס און טראכט ניט פון זיין אייגענעם „ראמאן".

דאָדי דער עקאָנאָם איז געווען א מענטש א גבר, א גבור. ניט אזוי הויך געוואַכסען און ניט אזוי גראָב געפּאקט, ווי גוט געבויעט און שטארק פארפונדעוועט. א בולאנער מיט קליינע אויגען. א ביסעל קאסאָקע. די פּלייצע — שטאָל. די ברוסט — אייזען. א האנט — א האמער. ניט איטליכס פערד האָט געקאָנט איהם ליידען אויף זיך. און האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן פערד, איז ער געווען ווי צוגעוואַכסען, און איהר האָט נישט געוואוסט, וואו לאָזט זיך אויס דאָדי און וואו הויבט זיך אָן פערד. פאר דאָדין האָבען אלע גויים געהאט דאָס קדחת, געציטערט אימת־מות פאר זיין האנט, חאָטש געשלאָגען האָט ער זיך זעהר זעלטען. סיידען אונטער א נויט. דעמאָלט, ווען ווערטער זענען נישט בכח צו טהון גאָרנישט. עס איז געגוג געווען, איינער זאָל א זאָג טהון: „אָן געהט דאָדי", אז אלע גויים, גויעס און שיקסעס, וואָס זענען געשטאנען און געפּלאפּעלט, זאָלען זיך א נעם טהון מיט חשק צו דער ארבייט. צוגעקומען צו די ארבייטער, האָט דאָדי פיינט געהאט יוצא זיין מיט ווערטער. ער האָט זיך גענומען צום אקער, צום סערפּ, צו דער לאָפּעטע, אָדער צום זאסטופּ, און האָט מיט

כּקריעת ים־סוף, און נאָך אַזעלכע אַלטע זאַכען. צום ביישפּיעל, ביי איהם אויפ׳ן שרייבטיש איז כּל ימיו געשטאַנען איין אַלט־מאָדיש טינטורעל — אַ גלעזערן שטיוועלע אין אַ שוואַרץ הילצערן שיסעלע, אָנגעשאָטען מיט זאמד. פאַר קיין געלט האָט מען נישט געקאָנט פּועל׳ען ביי׳ם אַלטען, ער זאָל אַרויסוואַרפען דאָס דאָזיגע טינטורעל און איינפיהרען אַ נייעם, אַ לייטישען טינטער. דאָס איז געווען ניט מחמת קאַרגשאַפט. דער אַלטער איז שוין גאָר ניט געווען קיין קאַרגער. אדרבה, האָט ער שוין געקויפט אַ זאַך, האָט דאָס באַדאַרפט צו זיין דאָס בעסטע און דאָס טייערסטע. עס איז איהם נאָר שווער געווען צו שיידען זיך מיט איין אַלטער זאַך. דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט׳ן זייגער, וואָס פאַר אַלטקייט האָט ער זיך געגוויטיגט אין וואָג. אַלע מאָל איז צו־געקומען צו איהם אַ נייע געוויכט. איידער דער דאָזיגער זייגער האָט באַדאַרפט שלאָגען, האָט ער זיך פאַרגאַנגען מיט אַ הייזעריגען חריפּען, ווי איין אַלטער מאַן אַ זקן, וואָס ליידט פון אַסטמאַ, אַז ער באַדאַרף זיך אויסהוסטען. דערפאַר אָבער אַז ס׳איז געקומען צום שלאָגען, האָט ער געשלאָגען, ווי אַ קלויסטער־גלאָק: באָם! באָם! — מע האָט געהערט אין דרויסען, ווי דער זייגער קלינגט אין שטוב.

אַצינד קעהרען מיר זיך אום צוריק צו דאַדין. דאַדי שלאָפט, און דער אַלטער לייענט די היסטאָריע פון פּעטער דעם גרויסען און פון זיין וויב אַנאַסטאַסיע. פּלוצים פאַרגלוסט זיך דעם זייגער קלינגען צעהן. האָט דאַדי זיכער געמיינט, אַז ס׳איז אַ שרפה, דער „טויק" ברענט. האָט ער זיך געגעבען אַ האָפּ־אויף מיט אַ איכפּעט און מיט אַ געשריי: „וואַסער!..." דער אַלטער האָט זיך דערשראָקען, האָט אַוועקגעלעגט דאָס בוך מיט דער היסטאָריע פון פּעטער דעם גרויסען און געגומען קוקען אויף דאַדין דורך די ברילען. אָט אָ יענעם קוק, זאָגט דאַדי, וועט ער געדענקען, אַז ער וועט ליגען אויפ׳ן טוידטען־בעט...

דער לעהרער האָט ליעב געהאַט דאַדין פאַר זיין נאַטירליכקייט און פאַר זיין גוטסקייט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אָט דער

פון די עקאָנאָמיעס, שטעהענדיג פאַר'ן אַלטען אויסגעצויגען, ווי דער שטייגער איז. געענדיגט דעם ראַפּאָרט, האָט דאָדי געוואַרט, מע זאָל איהם הייסען געהן. איז אָבער דער אַלטער געוועזען אויפ־געלעגט און געוואָלט נאָך א ביסעל שמועסען, שוין ניט פון די עקאָנאָמיעס, נאָר פון זייטיגע זאַכען, וועגען די שכנים די פּאָ־ליאַקען, — ביז ער איז אַרויף אויף א געשפּרעך וועגען פּוילען און וועגען דעם פּוילישען מיאַטעזש, דעם פּוילישען אויפשטאַנד. פון די פּוילען איז ער אַרויף אויף די רוסען, אויף דער רוסישער היסטאָריע פאַר פּעטער דעם גרויסען. און אַזוי ווי אויפ'ן טיש איז געלעגען די רוסישע היסטאָריע אין דער העברעאישער איבער־זעצונג פון מאַנדעלקערן, האָט ער גענומען לייענען און פאַר־טייטשען אויף אידיש פאַר דאָדין די גאַנצע געשיכטע פון פּעטער דעם גרויסען. לייענענדיג די געשיכטע, האָט ער געהייסען דאָדין צוזעצען זיך אויף א שטוהל. האָט דאָדי נישט געוואַגט. האָט דער אַלטער געהייסען נאָך א מאָל. האָט ער שוין געמוזט זיך אַוועקזעצען. און אַוועקגעזעצט האָט ער זיך ביי דער טיר, אונטער'ן אַלטען וואַנטזייגער. דאָדי'ס קאָפּ איז ניט געוואָרען געוואָרען צו אַזעלכע לעקציעס, און דערצו איז ער נאָך געזעסען אויך, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו דרימלען, די אויגען האָבען זיך איהם געקלעפּט, ביז ער איז אונטער'ן אַלטענ'ס קול פּאַוואָלינקע גאַנץ געשמאַק אַנשלאָפען געוואָרען. אַצינד וועלען מיר לאָזען דאָדין, ער זאָל זיך שלאָפען, און מיר וועלען דערווייל זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דעם דאָרפישען וואַנטזייגער.

דאָס איז געוועזען איין אַלטער אינוואַליד, וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעדיענט זיינע יאָהרען און וואָלט שוין לאַנג געמעגט רוהען אויפ'ן בוידעם צווישען אַלטע אָפּגעלעבטע שמאַטעס. האָט אָבער דער אַלטער לאָיעוו געהאַט א מאָדנע ליעבשאַפט, א מין טראַדיציע, דוקא צו אַלטע זאַכען. אַשטייגער, צו איין אַלטען אָפּגעריבענעם שפּיעגעל, וואָס באַווייזט צוויי פּנימ'ער, צו איין אַלטער האַלב־צעפאַלענער קאַמאָדע, וואָס אַרויסציהען א שיפלאָד קומט־אָן שווער,

און פראכט, און עס בלייבט־איבער מעהר ניט אז ארײנחאפּען זיך צו דאָרין אינ׳ם ווארעם־אָנגעהייצטען שטיבעל און קוויקען זיך מיט פעסי׳ס מאכלים. ס׳איז מורא׳דיג שטיל. דער שניי איז טיעף. קיינער קומט ניט. סאיז טרויעריגליך אויפ׳ן הארצען. אומעטיגליך אויף דער נשמה. סיידען מע הייסט אמאָל אנדרייען איינשפּאנען די פערד אין א ברייטען שליטען. מע פעלצט זיך אָן, מע דעקט זיך צו מיט א ווארעמער „באראניצע" און מע פאָהרט זיך דורך פון איין פאָלווארק אינ׳ם צווייטען. דאָרט שטעלט מען דעם סאמאָוואר, מע טרינקט זיך אָן מיט טיי און מע פאָהרט צוריק.

דער ווינטער האָט אָבער זיינע גוטע מעלות — ס׳איז דאָ צייט געננוג אויף צו לעזען און אויף צו שרייבען. אין די כמעט דריי יאָהר, וואָס דער העלד האָט פארבראכט אין דאָרף, האָט ער אָנגעשריבען א סך מעהר, ווי ער האָט געשריבען נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען א שרייבער און געהייסען „שלום־עליכם", אין צעהן יאָהר. עס האָט זיך איהם קיינמאָל אזוי גרינג ניט געשריבען, ווי אין יענער צייט. און געשריבען האָט ער גאנצע נעכט — גרויסע, הארצרייסענדיגע ראָמאנען, שרייענדיגע דראמעס, פאר־פלאָנטעטע טראגעדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבען זיך געגאָסען די געדאנקען, ווי פון א פאס. עס האָט געשפּרודעלט די פאנטאזיע, ווי א פאָנטאן. צוליעב וואָס דאָס אלץ איז געשריבען געוואָרען — האָט ער זיך קיינמאָל ניט געפרעגט. קוים איז פארטיג געוואָרען ביי איהם א „זאך", האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאר זיין שילערין — און ביידע זענען געווען אנציקט. ביידע זענען געווען איבערצייגט, אז דאָס איז א מייסטערווערק, — אָבער ניט אויף לאנג. קוים איז ער פארטיג געוואָרען מיט איין אנדער ווערק, אזוי איז שוין דאָס צווייטע געווען א מייסטערווערק, און דאָס ערשטע איז געוואָרען בטל, אָפּגעבליאקעוועט. דעם בעסטען אָרט פאר דעם איז געווען דער אויווען. און אזוי איז אוועק מיט׳ן פייער ניט איין טוץ ראָמאנען און ניט איין צעהנדליג דראמעס...

נאַטור־מענטש האָט קיינמאָל אויף זיין לעבען קיין ליגען ניט געזאָגט. זיין געטריישאַפט און זיין צוגעבונדענקייט צו זיין בעל־הבית און צו זיין משפּחה האָט נישט געהאַט קיין גרעניץ. און ווייל דער לעהרער איז דאָרט געוועזן ווי איין אייגענער, איז ער ביי דאָדין געוועזן פאררעכענט אין דער משפּחה, און דאָדי איז גרייט געוועזן פאר איהם אין פייער און אין וואסער. ביי דאָדין אין די אויגען איז אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט דער פאַמיליע לאָיעוו, געוועזן פון אַ העכערער מדרגה. יעדענפאַלס, ניט גלייך מיט אַלע איבעריגע מענטשען. ער האָט פּשוט פארגעטערט די דאָזיגע פאַמיליע. און איהר זכות האָט גענאָסען אויך דער לעהרער. אין די הייסע זומערדיגע טעג, אָדער אין די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט האָבען דער לעהרער מיט דער שילערין ליעב געהאַט זיך אריינחאַפּען צו דאָדין און צו דאָדיכען. דאָרטען, אין דעם קליינעם שטיבעלע מיט דער נידעריגער סטעלי, וואָס מע קאָן דערלאַנגען מיט דער האַנט, האָבען זיי זיך געפיהלט אַלע מאָל בעסער, ווי אין דער היים. עסען ביי דאָדין זומער אַ זויערען שטשאַוו מיט יונגען קנאָבעל און ווינטער הייסע קאַרטאָפעל אין די העמדלעך מיט געזאַלצענע אוגערקעלעך, אָדער געפּרוירענע געזייערטע קרויט, האָט געהאַט זיעבען טעמים און איז געוועזן טויזענט מאָל בעסער פון די טייערסטע מאכלים ביי׳ם טיש. און ווער שמועסט, אז דאָדי׳ס ווייב פּעסי האָט געבאַקען לעקאַך, אָדער געפּרעגעלט שמאַלץ — דעמאָלט איז געוועזן פאַר די יונגע־לייט אַ יום־טוב. אַ קליינינקייט — הייסער לעקאַך, נאָר־וואָס פונ׳ם אויוועז? אָדער פרישע פּעטע גריוועז, וואָס צעגעהען זיך אין מויל, אַזוי ווי דער מן, וואָס די אידען האָבען געגעסען אין דער מדבר!

מעהרסטענטייל זענען זיי געוועזן געסט ביי דאָדין און ביי דאָדיכען ווינטער. דעמאָלט, ווען די בוימער ווערען איינגעהילט אין ווייסען, זעהען־אויס ווי די איבערגעפּרוירענע מתים אין תּכריכים. דאָס דאָרף פאַרלירט דעמאָלט דעם זומערדיגען רייז

15

דער פּריזיוו

מע רעדט שטאַרק פֿון „פּריזיוו". — ער געזעגנט זיך מיט דער שילערין און פֿיהרט פֿון סאַפּיעוקע אַ בריעף צום „פּרעדוואַ־דיטעל". — די פֿאַנטאַזיעס אויפֿ'ן וועג. — דער בריעף ווירקט. און עס דערגעהט גיט צו זיין נומער. — אַ מעשה מיט אַ זוהן אַ קאַליקע. — ער קעהרט זיך אום צוריק אין דאָרף, נאָר די חלומות ווערען נאָך אַלץ ניט מקוים.

מע קאָן מיט זיכערקייט זאָגען, אַז כּמעט אין דער גאַנצער צייט פֿון די אויבען־באַשריבענע דריי יאָהר איז נישט אוועק־געגאַנגען אין סאָפּיעווקע קיין טאָג, וואָס מע זאָל ניט הערען דאָס וואָרט „פּריזיוו". פֿאַר'ן אַלטען לאָיעוו איז דער פּריזיוו געווען אַ קראַנקייט, אַ מאַניע אַזעלכע, וואָס האָט איהם נישט געלאָזט רוהען בייטאָג און שלאָפֿען ביינאַכט. אַ גאַנץ פֿאַרמעגען האָט דאָס איהם אָפּגעקאָסט. וואָס איז די מעשה? זיין זוהן יהושע האָט באַדאַרפֿט שטעהן צום פּריזיוו, האָט דער פֿאָטער קודם זיך אוועקגעלאָזט אין טשערניגעווער גובערניע, האָט זיך דאָרט אָפּ־געוואַלגערט אַ צייט, אויסגעריסען געוואָרען און האָט איינגע־האַנדעלט אַ „קוויטאַנציע". דאָס איז געווען איינע פֿון די גע־צעהלטע עטליכע „זאַטשאָטנע קוויטאַנציעס", וואָס דורך זיי איז מען אויסגעלייזט געוואָרען פֿונ'ם פּריזיוו. דאָס הייסט, אַז ווער עס האָט געקאָנט צושטעלען אַזאַ „קוויטאַנציע", דער איז געווען פֿריי פֿון צו געהן דיענען און ער האָט זיך גערעכענט נאָר אין דער „אָפּאָלטשעניע" (רעזערוו). וואָס אַזאַ „קוויטאַנציע" האָט אָפּגע־

אז דער בחור איז געבוירען געוואָרען צו זיין א שרייבער — אין דעם איז ביי זיי ביידען נישט געווען קיין שום ספק. דער לעהרער מיט דער שילערין האָבען דערפון גערעדט, געפאַנטאַזירט, געבויעט די שענסטע לופטשלעסער. רעדענדיג פון פארשיידענע פּלאַנען פון פארשיידענע ווערק, האָבען זיי פארגעסען פון זייערע אייגענע פּלאַנען... וועגען דעם איז איבערהויפּט ניט געווען ביי זיי קיינמאָל קיין שום רעד. עס איז זיי קיינמאָל נישט געקומען אויף די געדאַנקען צו דערקלערען זיך איינס דאָס אנדערע אין זייערע געפיהלען, אָדער צו פארטראַכטען זיך אויפ'ן גורל פון זייער אייגענעם ראָמאַן... דער נאָמען „ראָמאַן" איז, אפּנים, געווען צו שאַבלאָן, דאָס וואָרט „ליעבע" איז געווען צו באַנאַל פאר די געפיהלען, וואָס האָבען זיך אנטוויקעלט און אויסגעוואַכסען צווישען די צוויי יונגעליטלעך. זיי זענען ביידע געווען אזוי נאַטירליך איינס פאר דאָס אנדערע, אז ס'האָט גאָר ניט געקאָנט זיין מעגליך, ס'זאָל זיין אנדערש. וועט דען קומען אמאָל אויף די געדאַנקען א ברודער, ער זאָל זיך דערקלערען אין ליעבע צו זיין שוועסטער? איך האָב מורא, אז מיר וועלען זיין ניט ווייט פונ'ם אמת, אויב איך וועל זאָגען, אז זייטיגע פארשוינען, מענטשען מן הצד, האָבען א סך מעהר געוואוסט און גאָר אָהן איין ערך מעהר גערעדט פונ'ם ראָמאַן פון די יונגע העלדען, ווי איידער די העלדען אליין. צו יונג זענען זיי געווען ביידע, צו נאַאיוו און צו גליקליך. אויף זייער הימעל איז ניט געווען קיין שפּריינקעלע. זיי האָבען נישט ארויסגעזעהען פון ערגיץ ניט קיין ווידערשטאַנד. און וואָס ס'איז דער עיקר — זיי האָבען קיינמאָל ניט געדענקט דערפון. אין דער צייט פון די קאַרגע דריי יאָהר פון זייער באַקאַנטשאַפט האָבען זיי ביידע נישט געקלערט אפילו איין מינוט פון צעשיידען זיך. און דאָך איז געקומען דער טאָג, ווען זיי האָבען געמוזט זיך צע־שיידען. דערווייל ניט אויף שטענדיג, נאָר אויף א קורצע צייט.

דאָס איז געווען די צייט, וואָס דער העלד האָט זיך באַדאַרפט שטעלען צום „פּריזיוו".

קאַניעוו, און צושרייבען צו דער קאַניעווער „פּריסוטססטוויע”, דאָרט וואו לאַיעוו האָט אַ האַנט און קאָן עפּיס טהון... מיר דאַכט, אַז איין אייגענער פּאָטער באַדאַרף אַזוי ניט טראָגען אויפ'ן קאָפּ זיין זוהן, ווי דער אַלטער לאַיעוו האָט געטראָגען דעם לעהרער. נאָך מעהר: דער לעהרער אַליין האָט ווינציגער מורא געהאַט פאַר'ן „פּריזיוו”, ווי די פאַמיליע לאַיעוו. ביי'ם בחור אַליין איז דאָס פאָהרען קיין קאַניעוו און זיך שטעלען צום פּריזיוו געווען אַ גאַנצער יום־טוב. ער האָט זיך באַשטעלט אַ פּאָר גרויסע שטיוועל, אַ סאָלדאַטסקי באַשליק און איז געווען מוכן ומזומן „אַריינצוטרעטען אין דער דיענסט”. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אין דער דיענסט אויסנעמען, נושא־חן זיין ביי „נאַטשאַלסטווע” און ווערען איינגיכען איין אונטעראָפיציער, אָדער אַ פעלדפעבעל. העכער דערפון קאָן דאָך אַ איד ניט גרייכען... נאָר אַז ס'איז געקומען צום רעכטען שפּיץ, אַז ער האָט שוין טאַקי באַדאַרפט זיך זעצען פאָהרען, האָט ער מיט אַ מאָל פאַרלוירען דעם גאַנצען קוראַזש. עס איז איהם אַ הרפּה, אַ בזיון, נאָר ער מוז זיך מודה זיין, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך מיט דער פאַמיליע לאַיעוו, אפשר אויך שטענדיג, האָט איהם פאַרפרעסט דאָס האַרץ מיט אַ מאָדנע בענקעניש און ער האָט זיך באַהאַלטען ביי זיך אין חדר, פאַר־גראָבען דאָס פּנים אין קישען און געוויינט מיט ביטערע־ביטערע טרערען...

נאָר ער איז געווען ניט דער איינציגער אין דער דאָזיגער שטוב, וואָס האָט ביטער געוויינט. ביי זיך אין איהר חדר האָט זיין שילערין נאָך מעהר געוויינט. איהרע אויגען זענען געווען געשוואָלען פון געוויין, און זי האָט יענעם טאָג ניט געקאָנט באַ־ווייזען זיך צום טיש אפילו... אונטער איין אויסרעד פון אַ שטאַרקען קאָפּוועהטיג איז זי געבליבען דעם גאַנצען טאָג ביי זיך, ניט געוואָלט זעהען קיינעם.

טרויעריג, זעהר טרויעריג איז געווען דאָס געזעגענען זיך. תשעה־באָב איז געווען אין שטוב, און אויפ'ן האַרצען וויסט און

קאַסט, וואָלט איין אנדערער געקאָנט זיין א גרויסער נגיד. פאַר׳ן אַל־טען לאָיעוו איז אָבער צוליעב א קינד קיין זאך ניט געווען צו טייער.

פאַרטיג געוואָרען מיט דער „קוויטאַנציע”, האָט זיך אָנ־געהויבען א נייע חתונה. עס האָט אויסגעבראָכען די רוסיש־טערקישע מלחמה און מע האָט געשמועסט, אז עס וועט דערגעהן צו די „אָפּאָלטשענצעס” (רעזערוויסטען). וויבאַלד אַזוי, באַ־דאַרף מען דעם זוהן באוואָהרענען מיט א „ווייסען בילעט” באַ־צייטענס. דאָס האָט געהייסען: מע באַדאַרף דעם אָפּאָלטשענעץ שטעלען צום „פּריאָם”, אונטערזוכען זיין געזונט, אויף וויפיעל ער טויג פאַר א סאָלדאַט. און עס האָט זיך ארויסגעוויזען מן הסתם, אז פאַר א סאָלדאַט טויג ער ניט, און מע האָט איהם געגעבען א ווייסען בילעט, דאָס הייסט, מע האָט איהם, דאנקען גאָט, „פאַרבראַקעוועט”... מע האָט איהם ניט נאָר „פאַרבראַקעוועט” פון פּריזיוו; מע האָט איהם געמוזט דערנאָכדעם אוועקשיקען אין די וואַרעמע לענדער, קיין מענטאָן און קיין ניצע, ער זאָל זיך קורירען, וואָרום ער איז געווען ערנסט קראַנק אויפ׳ן הארצען, פון וועלכער קראַנקייט ער איז אין עטליכע יאָהר ארום, ווי מיר וועלען דאָס זעהען א ביסעל ווייטער, טאַקי געשטאָרבען... אָבער דער־ווייל האָט זיך געטהאָן חושך: מע איז געפאָהרען קיין קאַניעוו, מע האָט זיך באַקענט מיט׳ן איספּראַווניק, מיט׳ן פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים. די טשינאָווניקעס פון דער „פּריסוטסטוויע” האָבען געשלעפּט גמילות־חסדים. אידען גוטע פריינט און בעלי־עצות האָבען אָפּגעלעקט א ביינדעל. ווער עס האָט געהאט גאָט אין הארצען, דער האָט געפּאָמפּעט געלט. הכּלל, עס איז געווען פול די שטוב מיט פּריזיוו, פּריזיוו און פּריזיוו...

און אז ס׳איז געקומען די צייט, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט באַדאַרפט זיך שטעלען צום „פּריזיוו”, איז דער אַלטער לאָיעוו געוואָרען נערוועז. קודם כּל האָט ער זיך א סטאַ־רעווע געטהאָן און האָט געזעהען, מע זאָל דעם לעהרער באַצייטענס אריבערפיהרען פון זיין געבורטסשטאָדט, פון פּערעיאַסלאַוו, קיין

שמואליק דעם רב׳ס, „שמואליק דער יתום״, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזעלכע שענע מעשיות... ער צעקושט זיך מיט׳ן חתן און זאָגט צו איהם: „נו, שלום? האָב איך דיר געזאָגט, אַז דער אוצר איז דיינער?״...

. . . .

די דאָזיגע קינדערשע זיסע חלומות און די יונגעלשע גאָלדענע פאַנטאַזיעס וועבען זיך ביי איהם אין דער מחשבה דעם גאַנצען וועג — ביז ער קומט צו פליהען קיין קאַניעוו. אָפּגעשטעלט זיך ביי דעם אַלטען לאַיעוו׳ס אַ קרוב, אַ איד אַ הויקער, נאָר אַ נגיד, וואָס האַלט אַ וויינשענק פאַר פּריצים, — זיין נאָמען איז ברך פּערטשיק, — פּאַלט ער אַריין אין די עסקים פון „פּריזיווו״ און גיט־איבער דעם אָדון דעם פּרעדוואָדיטעל אַ בריעף. אינ׳ם בריעף שרייבט דער אַלטער לאַיעוו, אַז ער שיקט צום „פּריזיווו״ זיין לעהרער און וויל האָפען, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ וואָך ארום זאָל ער איהם האָבען צוריק אַ באַפּרייטען... דער אָדון דער פּרעדוואָדיטעל האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און געענטפערט נאָר איין וואָרט: „חאַ־ראַ־שאָ״... און דאָס איז גענוג געווען, אַז דער בחור זאָל זיין רוהיג. ער איז געגאַנגען צום „פּריזיווו״, געצויגען אַ גורל און ארויסגענומען אַ נומער 285. מע קאָן ניט זאָגען, אַז דאָס זאָל זיין אַזא הויכער נומער. נאָר ביי נומער 284 האָט זיך דער „פּריזיווו״ געשלאָסען... און דער לעהרער איז ארויס פריי. אין זיין זכות זענען באַפּרייט געוואָרען נאָך עטליכע אידישע קינדער מיט העכערע נומערען, און די שמחה איז געווען יענעם יאָהר אין קאַניעוו זעהר גרויס!...

צו דער שמחה פונ׳ם „פּריזיווו״ איז געקומען צו פאָהרען קיין קאַניעוו פון פּערעיאַסלאַוו אויך דער פאָטער פונ׳ם בעל הפּריזיוו, און, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דער פעטער פיני אויך געקומען — ער האָט געהאַט אין קאַניעוו אַ מחותּן, — און די שמחה איז געווען טאָפּעל. ברך פּערטשיק האָט געלייזט פאַר

פינסטער. שוין אז דער העלד איז געזעסען אין פאַעטאָן און אנדריי דער קוטשער איז גרייט געווען זיך א נעם טהון צו דער בייטש, האָט דער יונגער העלד צום לעצטען מאָל א קוק געגעבען אין פענסטער און דערזעהען צוויי פּארוויינטע אויגען, וואָס האָבען גערעדט אָהן ווערטער, נאָר קלאָרע דבורים: „פאָהר געזונט, טייערער, טייערער, נאָר קום צוריק וואָס גיכער, וואָרום איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען!"...

די דאָזיגע ווערטער האָט דער בחור געהערט מיט אַלע זיינע חושים, און זיינע אויגען האָבען איהר געענטפערט: „זיי געזונט, טייערע, טייערע, איך קום צוריק צו דיר, וואָרום איך קאָן אָהן דיר ניט לעבען!"... און ערשט אצינד האָט ער דערפיהלט, ווי שטאַרק ער איז צוגעבונדען צו דער דאָזיגער שטוב, און אז ס'איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט אזא כח, וואָס זאָל איהם קאָנען אָפּרייסען פון דאַנען, סיידען דער טוידט... און די געדאַנקען צעשפּיעלען זיך, און די היציגע פאַנטאַזיע חאַפּט איהם אונטער אויף איהרע פליגלען, און ער הויבט־אָן צו חלומ'ען, ווי אזוי ער וועט קומען צוריק, וועט ער פריהער זיך אַנטדעקען פאַר איהר, דערנאָך פאַר איהר פאָטער און מוטער. ווי אזוי ער וועט זיך ווענדען צום אַלטען און וועט איהם זאָגען דעם פסוק: „אָ ה ב ת י — איך האָב ליעב אייער טאָכטער, טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט!"... ווי אזוי דער אַלטער וועט איהם ארומנעמען און וועט איהם זאָגען: „גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט — איך קוק שוין לאַנג ארויס דערויף"... דערנאָכדעם הויבט מען זיך אָן גרייטען צו דער חתונה. מע ברענגט־אראָפּ שניידערס פון באָהסלאַוו און פון טאַראשטשע, וואָס נייהען מלבושים פאַר חתן־כלה... מע באַקט לעקאַכער און מע פּרעגעלט איינגעמאַכטס... נאָך חתנ'ס צד שיקט מען ארויס די גרויסע קאַרעטע וואָס אין שטאַהל, וואָס ווערט גענוצט נאָר אויף א עקסטרע זאַך. און עס קומען צו פאָהרען דער טאַטע, דער פעטער פיני און די איבעריגע משפחה... מע ווייסט ניט פון וואַנען, נאָר עס וואַכסט־אויס אויף דער חתונה שמואליק... אָט אָ יענער חבר

הערען פון צוזאָגעכצען. פון „וכך היה אומר" ביז „וכך היה מונה" פאַלט מען, זאָגט ער, זיעבען מאָל כּורעים. ער וויל, זאָגט ער, זיך זעהען מיט דער מטבע. און ער הויבט שוין גאָר אָן צו רעדען אויף רוסיש: „חאָטשו, זאָגט ער, ווידיעט דיענגי!"... און עס האָט גאָרניט געהאָלפען. עס האָבען זיך אַריינגעלעגט מענטשען. מע האָט געמאַכט איין אסיפה און נאָך איין אסיפה און נאָך צוויי אסיפות, און די באַפּרייטע פּריזיוועניקעס האָבען זיך צונויפגעלעגט און באַשטייערט, ווער מיט אַ פופציגער און ווער מיט אַ הונדערטער, און מע האָט די צונויפגעזאַמעלטע סומע פאַנג: דערגעטיילט צווישען די אָפּגעגעבענע אידען. דעם גרעסטען חלק האָט גענומען, פאַרשטעהט זיך, דער איד דער שרייער. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז איהם קומט מעהר פון אַלע, דערפאַר, ווייל זיין זוהן איז מעהר קאַליקע פון אַלע. דער שכל־הישר האָט אפילו געזאָגט פאַרקעהרט: אדרבה, ווייל ער איז אַ קאַליקע, באַדאַרף זיין גרינגער איהם צו באַפרייען! נאָר וואָס וועט איהר מאַכען מיט אַ אידען אַ שרייער, וואָס האָט אַ קול פון אַ גראַגער? דערזעהען, אַז מע גיט איהם נאָך, ווי אַ בן־יחיד, האָט ער זיך פאַרמאָסטען אַלע מאָל צו רעדן העכער און העכער. ער האָט געהאַנדעלט, ווי איין אמת׳ער נאַיאָמשטשיק... אַ גליק, וואָס דער אויבענדערמאַנטער קרוב ברך פערטשיק האָט געהאַט אַ באַפויל פון דעם אַלטען לאָיעוו: „קאַרט־בלאַנש", דאָס הייסט, מע זאָל דעם בחור דעם פּריזיוועניק געבען געלט, וויפיעל ער וועט באַדאַרפען. ווער האָט געקוקט דעמאָלט אויף געלט? פרייהייט — דאָס איז געוועזן דער איינציגער פונקט, דער איינציגער לייכטענדיגער שטערן. אַ באַפרייטער האָט ער זיך געפיהלט ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געזעסען אין פאַעטאָן, וואָס מע האָט איהם אַרויסגעשיקט אויף דער סטאַנציע קיין מיראָנאָווקע, און אַנדריי דער קוטשער האָט איהם איבערגעגעבען אַ גרוס פון דער היים, אַז אַלע זענען, דאַנקען גאָט, געזונט און אַלץ איז אין אָרדענונג. „וסיאָ בלאַהאָפּאָלוטשנאָ" — לאָזט־אויס אַנדריי און שמועסט זיך דורך מיט די פערדלעך אויף זייער לשון.

וויין, און דער בעל־שמחה האָט אוועקגעשיקט א דעפּעש קיין סאָפּיעווקע דורך סטאַנציע באַראַניעפּאָליע: „מזל טוב, צו מיר ניט דערגרייכט. בין פריי. כ׳פאָהר ארויס מאָרגען פריה צוריק".

ניט איין מאָרגען איז אָבער אוועקגעגאַנגען, ביז דער העלד האָט געקאָנט ארויספאָהרען פון קאַניעוו. וואָרום עס קאָן דען זיין, א אידישע שמחה זאָל ניט פארשטעהרט ווערען? עס האָט זיך געפונען איינער, ווישינסקי אָדער ווישנעווסקי, א איד א שרייער מיט א קול פון א גראַגער. האָט ער געהאַט א זוהן א קאַליקע, וואָס איז געווען זיכער, אז ער וועט ארוים פריי. צום סוף האָט מען איהם אָפּגעגעבען פאַר א סאָלדאַט. האָט דאָס דעם פאָטער פארבאַקט ביי׳ם הארצען, און ער האָט גענומען שרייען און גראַ־גערען: „סטייטש, זיין זוהן, דער קאַליקע, וועט געהן דיענען פאַר די מיוחסים, וואָס האָבען זיך געלאָזט קאָסטען געלט?" בעט מען איהם, ער זאָל אזוי ניט שרייען. זאָגט ער: „איך שריי דען? איך רעד, דאַכט מיר, שטיל". און ער הויבט־אָן צו גראַגערען נאָך שטאַרקער, אז „ער ווייסט פון דעם שכל, פאַר וואָס דער אָדון דער „פּרעדוואָדיטעל" האָט צוגענומען קאַליקעס"... און ער דערצעהלט יעדען איינציגען דעם „שכל" בסוד סודות, נאָר אזוי הויך, אז עס ווייסט שוין דערפון די גאַנצע שטאָדט מיט אַלע סימנים, און אפילו מיט׳ן לשון פונ׳ם בריעף, וואָס דער אַלטער לאָיעוו האָט געשריבען צום „פּרעדוואָדיטעל" (פאַר א אידען איז ניטאָ קיין סוד). און דער איד האָט געגעבען צו וויסען, אז ער וועט דאָס ניט פאַר־שווייגען. ער וועט אוועקגעבען, זאָגט ער, „פּאָד סוד" (צום געריכט) דעם פּרעדוואָדיטעל, מיט די דאָקטוירים, מיט דער גאַנצער „פּריסוטססטוויע"!... רופט מען אָפּ דעם אידען אויף א זייט און מע זאָגט איהם צו, אז מע וועט זיך צונויפלעגען און מע וועט ארויסנעמען זיין זוהן דעם קאַליקע פון פּאָלק... וויל ער ניט

16

די מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו

די מוהמע טויבע קוקט־נאָך די יונגעלייט. — דער אַלטער לאַיעוו ווערט געוואָהר פונ׳ם סוד. — די קאַטאַסטראָפע. — דער העלד לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין אַ באַלעדיגטער. — מע חאַפּט־איבער זיינע בריעף, און ער בלאָנזעט אין דער פינסטערער נאַכט.

אין דער אמת׳ען האָט זי דאָרט קיינעם ניט אָנגעקעהרט קיין מוהמע. סך־הכּל איז זי געווען דעם אַלטען לאָיעוו׳ס אַ קוזינע. נאָר, ווי געזאָגט, דער נאָמען „מוהמע" האָט איהר געפּאַסט צום פּנים. אַ אידינע ניט קיין שענע, מיט אַ ראַבּעטיני געפּינטעלט פּנים און מיט אַ לאַנגער נאָז, האָט זי פאַרמאָגט אַ פּאָר זעהר קלוגע אויגען, וואָס אַז זיי קוקען אויף אייך, נעמען זיי אייך דורך און דורך. ביי איהר מאַן, זאָגט מען, געהט זי אין ספּאָדיק, פיהרט אַלע געשעפטען, איז גאַנץ רייך. און געקומען איז זי אהער צו־גאַסט נאָך אַ סך יאָהרען, וואָס מע האָט זיך ניט געזעהען.

פאַרשטעהט זיך, אַז פאַר אַזאַ מוהמע, וואָס איז געקומען אַזש פון באַרדיטשעוו, האָט דאָס פריצישע לעבען אין דאָרף אויס־געזעהען גענוג ניי און ווילד, און זי האָט אויף יעדע זאַך געקוקט מיט איהרע באַרדיטשעווער אויגען און האָט יעדע זאַך באַוואונ־דערט. מיט דעם אַלטען לאָיעוו איז זי געווען אויף „דו" און האָט איהם אַלסדינג אַרויסגעזאָגט, וואָס זי דענקט און וואָס איהר גע־פעלט און וואָס ניט.

און די פערדלעך פארשטעהען איהם און טראָגען דאָס פאַעטאָנדעל כמעט אין דער לופטען. ס'איז אַ וואַרעמער, ווייכער אַסינדיגער טאָג. די זון בראָט ניט, בריהט ניט, נאָר זי גלעט און צערטעלט. און עס שליסען זיך די אויגען. און עס וועבען זיך חלומות, זיידענע חלומות. און עס בויען זיך לופטשלעסער, גאָלדענע לופטשלעסער. אָט באַלד איז ער אין דער היים. און קומט ער צו פאָהרען אהיים, אזוי דעקט ער אויף פאר'ן אַלטען לאַיעוו די קאָרטען: „הנה זייט וויסען, אז איך האָב ליעב אייער טאָכטער און אייער טאָכטער האָט ליעב מיך“... אָט באַלד, נאָך אַ האַלבע שעה, נאָך אַ פערטעל שעה. אָט איז שוין דאָס באַקאַנטע באַראַניעפּאָליע, דער וואַלד, דער לאַן, די „קלאַדבישטשע“, די ווינטמיהלען, וואָס זעהען־אויס פון דער ווייטען ווי ריעזען, וואָס מאַכען מיט די הענט: „אהערצוצו! אהערצוצו!“... נאָך עטליכע מינוט — און אָט איז שוין דער הויף. די גרויסע ווייסע שטוב מיט די צוויי גאַניקעס. ניין. עס איז אַ ספק, אויב עס קאָן זיין אַ גרעסערע שמחה, ווען איין אייגען קינד קומט אַ באַפרייטער אהיים צו די פאָטער און מוטער. דער העלד האָט געהאַט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען נסים ונפלאות פונ'ם „פּריזיוו“ — יציאת־מצרים! נאָר דאָס סאַמע וויכטיגסטע, ווי ער האָט זיך געהאַט געגרייט, האָט ער נ י ט דערצעהלט, און די קאָרטען האָט ער פאר'ן אַלטען לאַיעוו נ י ט אויפגעדעקט... דאָס האָט ער אָפּגעלעגט אויף מאָרגען, אויף שפּעטער... און דערווייל איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך. ביז עס איז געקומען אַ קאַטאַסטראָפע גאָר אומגעריכט, דורך אַ זייטיגען פּאַרשוין, וואָס האָט דעם אַלטען געעפענט די אויגען אויף דעם ראָמאַן...

דאָס איז געווען אַ אידינע אַ חכמה מיט אַ ווייטען קוק, דעם אַלטענ'ס אַ קרובה פון באַרדיטשעוו, מיט'ן נאָמען טויבע. מיר רופען זי די „מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו“. אז איהר וועט זיך באַקענען מיט איהר, וועט איהר זעהען, אז דער נאָמען פּאַסט איהר. נאָר וועגען איהר — אַ באַזונדער קאַפּיטעל.

געגעסען פון איין טעלער. וואו איז דאָס געווען? ביי דאָדין. די מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט שוין באַלד פונ׳ם ערשטען טאָג באַמערקט, אַז דאָס מיידעל „געהט־אויס נאָכ׳ן בחור” און אַז דער בחור „איז די כּפּרה נאָכ׳ן מיידעל”... דאָס זעהט־אַרויס, האָט זי געזאָגט, יערער מענטש, סיידען אפשר דער, וואָס איז אָדער אַ בלינדער אויף ביידע אויגען, אָדער ער וויל ניט זעהען וואָס ביי איהם אונטער דער נאָז טהוט זיך... ס׳איז גאַנץ גענוג, האָט די מוהמע טויבע געזאָגט, מע זאָל זיך צוקוקען, ווי די צוויי זיצען ביי׳ם טיש און וואַרפען זיך דורך מיט אַ קוק, רעדען זיך איבער מיט די אויגען... פון דעמאָלט אָן, זאָגט זי, האָט זי פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. די מוהמע טויבע האָט זיך ניט געפוילט נאָכקוקען נאָך זיי, בעת זיי זיצען און לערנען, בעת זיי געהען שפּאַציערען, אָדער בעת מע זעצט זיך פאָהרען.

איינמאָל — אַזוי האָט די מוהמע טויבע דערצעהלט פאַר׳ן אַלטען — האָט זי זיי באַמערקט אַריינשפּאַציערען צו דאָדי דעם עקאָנאָם אין שטיבעלע אַריין. איז איהר די מעשה באַלד נישט געפעלען: „וואָס האָבען אַזעלכע קינדער צו טהון ביי׳ם עקאָנאָם אינ׳ם אָרעמען שטיבעל?” פוילט זי זיך ניט, די מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו, און חאַפּט אַ קוק אַריין צו דאָדין דעם עקאָנאָם דורכ׳ן פענסטער און דערזעהט, ווי דאָס פּאָרעל עסען ביידע פון איין טעלער. וואָס זיי האָבען געגעסען — ווייסט זי ניט. נאָר געזעהען האָט זי, זי זאָל אַזוי זעהען אַלדאָס גוטס, ווי מע עסט און מע רעדט און מע לאַכט... „איז דאָך ממה־נפשך: איז דאָס אַ שידוך — איז מהכּתיתי. באַדאַרפען דאָך טאַטע־מאַמע וויסען. אַלא וואָס דען — ס׳איז אַ ליעבע? אַ ראָמאַן? באַדאַרפען דאָך אודאי טאַטע־מאַמע וויסען דערפון... וואָרום ס׳איז אַ סך געזינטער און בעסער און שענער געבען דער טאָכטער פאַר אַ חתן איין אָרעמען לעהרער, וואָס פאַרמאָגט אינגאַנצען איין פּאָר העמדער, איידער וואַרטען, ביז דער דאָזיגער לעהרער וועט אַנטלויפען מיט דער טאָכטער אין אַ פינסטערער נאַכט קיין באָהסלאַוו, אָדער קיין

למשל, איהר איז געפעלען דאָס לעבען אין דאָרף, די לופט, די קיהען, די פערד, די פרישע מילך, וואָס הערט זיך פון דעם די פּאשע, דאָס ברויט פון די אייגענע ווייצען. אלץ שמעקט מיט ערד, אייגענע האָרעוואניע — אלסדינג גוט, אויסגעצייכענט גוט. אפילו דאָדי דער נאטורמענטש איז איהר געפעלען. איז זי אָבער ניט איינפארשטאנען מיט איהר קוזענ'ס דיסציפּלין, וואָס ער פיהרט זיך שוין צופיעל מעשה פּריץ. א איד א פּאָמעשטשיק, לויט איהר פארשטאנד, קלעפּט זיך עפּים ניט... אָדער, אשטייגער, לאָמיר זאָגען דאָס, וואָס ער איז א גוטער פּאָסעסאָר, א ליעבּ־האָבער פון ערד — מהכתיתי, אבי גאָט העלפט, מע קאָן מאכען געלט, ווערען א גביר, פאר וואָס ניט? זי וואָלט זיך אפשר אויך ניט אָפּגעזאָגט דערפון... נאָר צו וואָס דארף מען זיך אזוי דער־ווייטערען פון אידען? — אָט וואָס זי פארשטעהט ניט. פאר וואָס פאָהרט ער ניט ארויס קיין באָהסלאוו, אז עס קומט א אידישער יום־טוב? און ווידער האלט זי איהם פיר, למאי ער לאכט־אָפּ פון איין עהרליכען אידען, איין „איניקעל" מיט א גרינער שאַל, וואָס פארבלאָנזעט צו איהם נאָך א נדבה? א נדבה גיט ער, און נאָך מיט א ברייטער האנט, נאָר ער מאכט חוזק פונ'ם אידען. „אמעהר געב ניט און מאך ניט חוזק"... אזוי טענה'ט מיט איהם די מוהמע טויבע פון בארדיטשעוו.

און נאָך א זאך. דער מוהמע טויבע איז געפעלען דער לעהרער. א גאנץ פיינער בחור — מע קאָן ניט זאָגען. און א קענער. און דערצו נאָך א „טאטענ'ס א קינד" — איז דאָך אודאי גוט. נאָר וואו שטעהט דאָס געשריבען, אז א לעהרער דארף זיין א נאָהענטער מחותן מיט דער שילערין? און לויט איהר מיינונג, איז דער דאָזיגער לעהרער שוין צו א נאָהענטער מחותן מיט זיין שילערין. פון וואנען ווייסט זי דאָס? — די מוהמע טויבע ווייסט. די מוהמע טויבע האָט איין אויג. די מוהמע טויבע האָט זיך גענעבען די מיה נאָכצוקוקען דעם יונגען פּאָר אויף טריט און שריט, און זי האָט אליין געזעהען מיט איהרע אויגען, ווי זיי האָבען

מוהמע טויבע פון באַרדיטשעוו האָט באַלד חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה און האָט געוואָלט חאַפּען צוריק, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. האָט זי פאַרקערעוועט דעם דישעל און גענומען איינ׳טענה׳ן מיט׳ן אַלטען, אַז דאָס אומגליק איז, אייגענטליך, גאָרניט אַזוי גרויס, און אַז זי זעהט ניט, וואָס האָט מען זיך דאָ אַזוי צו ערגערען? וואָס איז שולדיג דער בחור, וואָס ער איז אָרעם? „אָרעם איז קיין שאַנדע״, און „גליק איז ביי גאָט״. און נאָך אַזעלכע ווערטער האָט זי אין איהם אַריינגערעדט. עס האָבען אָבער ניט געהאָלפען שוין קיין ווערטער. די גאַנצע טענה פונ׳ם אַלטען איז געווען, אַז צום בחור, אייגענטליך, האָט ער גאָרניט. נאָר ווי אַזוי האָט מען געוואַגט פיהרען אַ ראָמאַן ביי איהם אין שטוב אָהן זיין וויסען? און אַז זיין טאָכטער זאָל נעמען אַ חתן איין אָרעם־בחור אהרט איהם אויך ניט. נאָר וואָס דען? ווען ער, איהר פאָטער, זאָל איהם געבען. ניט זי זאָל אַליין זיך אויסקלויבען, גאָרניט האָבען זיך אָנגעפרעגט ביי איהם! אָט דאָס האָט איהם געקרענקט מעהר פון אַלסדינג.

די אַלע טענות מיט די רעד איז מען געוואוירע געוואָרען ערשט נאָכדעם, אין אַ צייט אַרום. דעמאָלט אָבער האָט דאָס פאַר־פאָלק, ווי די כשר׳ע לעמעלעך, נישט געוואוסט, ווער עס האָט זיי געשלייערט. זיי האָבען נאָר געפיהלט, אַז עפּיס קאָכט זיך. וואָס וועט זיך אויסקאָכען — ווען זיי זעהען מאָרגען. דער פריה־מאָרגען וועט זאָגען...

און אַז ס׳איז געקומען דער פריהמאָרגען און אונזער העלד איז אויפגעשטאַנען, האָט ער שוין ניט געטראָפען קיינעם. ניט דעם אַלטען, ניט זיין פרוי, ניט דעם זוהן, ניט זייער טאָכטער. וואו זענען זיי אַלע? אוועקגעפאָהרען. וואוהין? מע ווייסט ניט... פון די מענטשען אין הויף קאָן קיינער ניט זאָגען. אויפ׳ן טיש איז געווען אָנגעגרייט פון זיינעטוועגען אַ פּאַקעט. געעפענט דעם פּאַקעט, האָט ער געהאָפט צו געפינען אַ בריעף, אַ דערקלערונג. צום סוף איז אינ׳ם פּאַקעט נישט געווען קיין איין וואָרט אפילו.

טאראשטשע, אָדער קיין קאָרסון, און דאָרטען שטעלען א שטילע חופּה״...

אָט דאָס זענען געווען די טענות פון דער מוהמע טויבע, ווי עס האָט זיך נאָכדעם ארויסבאוויזען. און אנטדעקט האָט זי דאָס איהר קוזען בסוד־סודות, א האַלבע שעה פאַר איהר אוועקפאָהרען. און איהרע ווערטער האָבען געפונען איין אָפּקלאַנג אין הארצען פון׳ם אַלטען לאָיעוו, וואָרום אז ער איז ארויסגעגאַנגען מיט זיין קרובה זי צו באַגלייטען, איז ער געווען א צעקאָכטער און האָט דעם גאַנצען טאָג נאָכדעם ניט אויסגערעדט מיט קיינעם א וואָרט אפילו. ער האָט זיך פארשפּארט בּיי זיך אין חדר און האָט זיך שוין מעהר יענעם טאָג ניט באוויזען.

אויף דער נאַכט איז געקומען צו פאָהרען דער זוהן דער משכּיל, יהושע׳קע, און איז שוין געבּליבּען נעכטיגען אין סאָ־פּיעווקע. עפּיס האָט זיך דאָרט געטהאָן. עפּיס האָט זיך געקאָכט. מע האָט זיך פארשלאָסען מיט׳ן אַלטען אין די אַלקירדס און מע האָט זיך גע׳סוד׳עט. מע האָט געהאַלטען, אפּנים, א פאַמיליען־ראַט. די שילערין האָט זיך געקלויבּען געהן אויפ׳ן שפּאציער מיט׳ן לעהרער — האָט מען זי אָפּגעהאַלטען. צום טיש איז מען ניט געגאַנגען אַלע אינאיינעם, ווי אַלע טאָג, נאָר יעדער באַזונדער איז געקומען אין איין אַנדער צייט, אָפּגעגעסען, אויפגעשטאַנען און אוועק צו זיך. עס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיגער שטוב עפּיס אומגעוויינליכעס. א מאָדנע שטילקייט. די גרויזאַמע שטיל־קייט, וואָס טרעט־אריין פאַר א שטורעם... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטען, אז א פּאָר פּיעלדייטיגע ווערטער, וואָס די מוהמע טויבּע פון באַרדיטשעוו האָט אריינגעוואָרפען, זאָל אָנאַרבּייטען אזא חתונה און בּרענגען איין איבּערקעהרעניש אין א שטוב? עס קאָן זיין, אז ווען די מוהמע טויבע זאָל געווען וויסען פריהער, אז איהרס א וואָרט וועט בּרענגען אזעלכע רעזולטאַטען, וואָלט זי זיך ניט אריינמישען אהין, וואו מע דאַרף ניט. ערשט העט־שפּעטער, אין א צייט ארום, איז מען געוואוירע געוואָרען, אז די

פונ׳ם אַלטען לאַיעוו׳ס פּאָסעסיעס האָט ער געהאַט אַפּטע מתנות: אַ זעקעל ווייץ, אַ וואָגען שטרוי, אַמאָל אונטער אַ יום־טוב אַ מזומנ׳ע מטבע. מיט׳ן לעהרער און מיט דער שילערין האָט ער געשלאָגען בלאַט, און בכלל געווען אַ גוטער גוי.

ביי איהם האָט זיך דאָס דער לעהרער אָפּגעשטעלט און פאַר איהם האָט ער אַ ביסעל אַנטפּלעקט זיין הארץ. ער האָט געהאַט אַ מיין דערביי, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער, מאַלינאָווסקי, זאָל זיין דער שליח אויף איבערצופּעקלען קאָנטראַבאַנד — אַ בריעף צו לאַיעוו׳ס טאָכטער, און איבערשיקען פון איהר, אויב ס׳וועט זיין, איין ענטפער. אויסגעהערט די בקשה, האָט דער פּאָסטמייסטער מאַלינאָווסקי אויסגעצויגען אַ האַנט און געשוואָרען ביי גאָט, און טאָמער גלויבט מען איהם ניט, האָט ער זיך איבער־געצלמ׳ט, אַז ער וועט אויספאָלגען אַלסדינג אויפ׳ן בעסטען אַרט. און אַזוי ווי עס איז, הייסט עס, געשלאָסען געוואָרען צווישען גוטע פריינט אַ געשעפט, באַדאַרף מען דעם אָפּמאַך באַנעצען מיט אַ ביסעל בראָנפען און פאַרבייסען מיט אַ הערינג. עס האָט ניט געהאָלפען קיין שום תירוץ. מע האָט זיך אוועקגעזעצט ביידע און מע איז ניט אויפגעשטאַנען, ביז דאָס פלעשעל איז געוואָרען לעדיג און מאַלינאָווסקי איז געוואָרען מלא און האָט זיך אַרומ־געחאַפּט קושען מיט׳ן לעהרער און האָט זיך פאַרשוואָרען נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל זיך איבערגע׳צלמ׳ט, אַז ער וועט זיינע בריעף איבערגעבען צו לאַיעוו׳ס טאָכטער גלייך אין די הענט אַריין — ער מעג שוין זיין רוהיג. וואָרום מאַלינאָווסקי אַז ער זאָגט אַ וואָרט, איז הייליג...

און כך הוה: די ערשטע עטליכע הייסע פלאַמפייעריגע ליעבע־בריעף, וואָס דער העלד האָט איהם צוגעשיקט איינס נאָך דאָס אַנדערע, האָט דער פּאָסטמייסטער מאַלינאָווסקי, ווי עס האָט זיך אַרויסבאַוויזען נאָכדעם, איבערגעגעבען אַקוראַט צום אַלטען לאַיעוו אין די הענט אַריין... עס איז דעריבער גרינג צו פאַר־שטעהן, אַז קיין ענטפער האָט ער אויף זיינע הייסע פלאַמפייעריגע

דאָרט איז געלעגען נאָר געלט — די שכירות, וואָס האָבען זיך צונויפגעקלויבען פאַר דער גאַנצער צייט — און מעהר גאָרנישט. אין הויף איז געשטאַנען גרייט פונ׳ם לעהרער׳ס וועגען אַ שליטען (אין מיטען ווינטער איז געווען די געשיכטע) און אַ וואַרעמע „באַראַניצע” אויף איינצודעקען די פיס. פון די מענטשען איז נישט געווען אַרויסצובאַקומען קיין איינציג וואָרט. אפילו דאָדי דער עקאָנאָם, וואָס וואָלט זיך פאַר׳ן לעהרער און פאַר דער שילערין געלאָזט שניידען די הענט, האָט אויף אַלע נאָכפרעגענישען גע־ענטפערט נאָר מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ זיפץ. די מורא פאַר׳ן אַלטען איז ביי איהם געווען שטאַרקער פון אַלץ... דערפון איז דער באַלעדיגטער לעהרער געוואָרען נאָך מעהר אויפ־געגערעגט. ער האָט זיך פאַרלוירען, נישט געוואוסט וואָס צו טהון. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל גענומען שרייבען אַ בריעף, פריהער צום אַלטען, דערנאָך צום זוהן צום „משכיל”, דערנאָך — צו דער שילערין. עס האָט זיך אָבער ניט געשריבען. אַ קאַטאַסטראָפע איז דאָס געווען אַ גרויסע. נאָר אויף אַזאַ פּאַטש אין פּנים האָט ער זיך ניט געריכט... עס איז איהם געווען אַ בזיון, אַ בזיון פאַר זיך אַליין און פאַר די מענטשען. ער האָט דעריבער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן שליטען און האָט זיך געלאָזט פיהרען צו דער סטאַנציע, בכדי צו פאָהרען פון דאָרטען — וואוהין? ער ווייסט נאָך אַליין ניט וואוהין. וואו די אויגען וועלען טראָגען... נאָר דערווייל, איידער ער קומט צו דער באַהן־סטאַנציע, האָט ער געהייסען דעם קוטשער זיך אָפּ־שטעלען אין באַראַניעפאָליע — די פּאָסט־סטאַנציע, פון וואַנען סאָפּיעווקע באַקומט איהר קאָרעספּאָנדענץ. אין באַראַניעפאָליע האָט דער העלד פון דער ביאָגראַפיע געהאַט אַ פריינט. איהר קענט איהם. דאָס איז געווען דער סמאָטריטעל פון דער סטאַנציע, אָדער דער פּאָסטמייסטער, מאַלינאָווסקי.

בטבע איז מאַלינאָווסקי דער פּאָסטמייסטער געווען אַ גוי אַ חאַבאַרניק און האָט ליעב געהאַט, ווי מיר ווייסען שוין, דעם טרונק.

17

דער ערשטער אַרויספאָהר

ער קומט צו פאהרען קיין קיעוו און ציהט זיך צו די גרויסע שטערען פון „השכלה“. — די „אבלאווע“ אויף דער אכסניה. — ער פרעגט זיך נאך אויפ׳ן העברעאישען משורר יהל״ל. — דער מחבר פון „זאפיסקי יעווריא“ און א פרעפעראנסעל. — ער דערשלאגט זיך צום משורר יהל״ל און קריגט א קאלטע אויפנאמע.

וואוהין פאָהרט א בחור׳על, וואָס האָט ניט קיין היים און וויל עפּיס דערגרייכען? — אין דער גרויסער שטאָדט אריין. די גרויסע שטאָדט — דאָס איז דער הויפּט־פּונקט, דער צענטער, וואוהין עס ציהט יעדען איינציגען, וואָס זוכט עפּיס א טהועכץ, א באַשעפטיגונג, א פּראָפעסיע, אָדער א שטעלע. א יונגערמאַן האָט פארלוירען דאָס נדן, אָדער ער האָט געוואָרפען איין אומחן אויפ׳ן ווייבעל, אָדער ער האָט זיך צעקריעגט מיט זיין שווער און שוויעגער, מיט זיינע עלטערען, אָדער צעגאַנגען זיך מיט זיינע שותפים, — וואוהין לאָזט ער זיך אוועק? — אין דער גרויסער שטאָדט אריין. איינער האָט געהערט, אז אויף דער בערזע מאכט מען פון שניי גאָמעלקעס און מע שיט־אָן זעק מיט געלט — וואָס טהוט ער? — פאָהרט ער אין דער גרויסער שטאָדט אריין זוכען גליק. די גרויסע שטאָדט, דער צענטער, האָט אין זיך א מאַג־נעטישע קראַפט, וואָס ציהט־צו, וואָס לאָזט ניט אָפּ. אהינצו שלעפּט דאָס אייך, ווי א זומפּ. דאָרטען האָפט איהר, אז איהר וועט געפינען דאָס, וואָס איהר זוכט.

בריעף ניט באקומען. און עס איז דעריבער גרינג צו פארשטעהן, אז ער האָט אזוי לאנג געשריבען בריוולעך ביז — ער האָט אויפ־געהערט צו שרייבען.

. . . .

. . . .

וואָס באטייטען די דאָזיגע פינטעלעך? זיי באטייטען א לאנגע פינסטערע נאכט. אלץ איז איינגעוויקעלט אין א געדיכטען נעבעל. דער עלענדער וואנדערער טאפּט דעם וועג. ער שלאָגט זיך אָן אלע מאָל אויף איין אנדער שטיין, אָדער ער פאלט־אריין אין א גרוב... ער פאלט, ער חאפּט זיך אויף, געהט ווייטער און שלאָגט זיך אָן אויף א פרישען שטיין און פאלט אין א נייער גרוב... ניט זעהענדיג פאר זיך די ליכטיגע וועלט, טהוט ער נאריש־קייטען, באגעהט פעהלער, איין פעהלער גרעסער פונ׳ם אנדערען... מע קאָן ניט ארויפשלאָגען זיך מיט פארבונדענע אויגען אויפ׳ן גלייכען וועג. מיט פארבונדענע אויגען מוז מען בלאָנזען... און ער האָט געבלאָנזעט. לאנג געבלאָנזעט. ביז ער האָט זיך ארויפ־געשלאָגען אויף דעם ריכטיגען וועג. ביז ער האָט זיך אליין געפונען.

ראטעל, אָדער פונ׳ם אָדון דעם פּריסטאַוו. און דאָס אויך נאָר ביז א צייט. ביז עס מאַכט זיך איין „אָבלאַווע״ — מע פאַלט־איבער אויף די אידישע אכסניות אין מיטען האַלבע נאַכט מיט זשאַנדאַרמען און מיט סאָלדאַטען. אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופען: „מע מאַכט א רעוויזיע״... און אז מע געפינט אַזעלכע מינים קאָנטראַבאַנדע סחורה, דאָס הייסט, אידען אָהן פּראַוואָזשיטעלסטוועס, פאַרנעמט מען זיי, ווי סקאָט, אין פּאָליציע און מע באַגלייט זיי אַרויס מיט גרויס פּאַראַד, דאָס הייסט, מע שיקט זיי אָפּ מיט׳ן עטאַפּ גלייך מיט אַלע גנבים אַהיים אין זייערע שטעדט, וואוהין זיי זענען צוגעשריבען.

דאָס האָלט אָבער קיינעם ניט אָפּ פון צו פאָהרען קיין קיעוו. ווי זאָגט דער רוס: „וואָלקאַ באָיאַטסאַ, וולִיעס ניע חאָדיט״. מע האָט טאַקי מורא פאַר „אָבלאַוועס״, נאָר מע פאָהרט. וועגען דעם זאָרגט שוין דער בעל־הבית פון דער סטאַנציע, אז די „רעוויזיע״ זאָל אָפּלויפען גלאַט, בשלום, און מע זאָל, חס וחלילה, קיין טריפה סחורה ביי זיי נישט חאַפּען. ווי אַזוי? גאַנץ פּשוט: דער בעל־אכסניה שמירט־אונטער דאָרט, וואו מע דאַרף. ער ווייסט שוין פריהער, ווען עס דאַרף זיין די „רעוויזיע״, און מע גיט זיך שוין איין עצה: מע פאַרשטופּט די פּסול׳ע סחורה — וועמען אויף א בוידעם, וועמען אין א קעלער, וועמען אין א קליידער־שראַנק, וועמען אין א קאַסטען, און וועמען אין אַזא מין אָרט, וואָס וועט גאָר קיינעם ניט איינפאַלען, אז דאָרטען זאָל קאָנען זיין פאַרבאָרגען א לעבעדיגער מענטש... און דאָס שענסטע דערביי איז, וואָס די זעלבע לייט, וואָס זענען געלעגען אין אַזא מין פאַרבאָרגעניש, אז זיי קריכען־אַרויס אויף גאָט׳ס וועלט, מאַכען זיי חוזק פון דער גאַנצער מעשה, גלייך ווי קינדער האָבען זיך געשפּיעלט אין באַהאַלטערלעך, און אויפ׳ן ערגסטען פאַל, טרייסט מען זיך מיט א זיפץ: „עט! מיר האָבען איבערגעלעבט ערגערע צייטען און גרעסערע המנס!״...

די גרויסע שטאָדט אין יענעם געגענט, וואו אונזער העלד האָט זיך געפונען, איז די באריהמטע הייליגע שטאָדט קיעוו. אהין האָט ער געשטרעבט און אהין איז ער געקומען. צו וואָס האָט ער, אייגענטליך, געשטרעבט? און וואָס האָט ער געזוכט? — דאָס לאָזט זיך ניט זאָגען פאר קלאָר, וואָרום קאָנקרעט האָט ער נאָך אליין ניט געוואוסט, נאָך וואָס עס לעכצט זיין נשמה. עס האָט איהם געצויגען אין דער גרויסער שטאָדט אריין, ווי עס ציהט א קינד צו דער שיין פון דער לבנה. אין א גרויסער שטאָדט זענען פארהאן גרויסע מענטשען. דאָס זענען די ליכטיגע שטערען, וואָס שיינען־אראָפּ צו אונז אויף דער ערד מיט זייער העלער ליכטיג־קייט פונ׳ם גרויסען אומענדליכען הימעלרוים. דאָס זענען די גרויסע משכילים, באריהמטע שרייבער און פון גאָט געבענטשטע פּאָעטען, וואָס זייערע נעמען האָבען אזוי שען געקלונגען אין די אויהערען פון די — ווי אזוי זאָל איך זיי אָנרופען? — נו, „פרחי ההשכלה", די יונגעטשקע משכילים׳לעך, נאאיווע, אומשולדיגע בחורים׳לעך. דאָס איז געווען דער ערשטער ארויספאָהר פון אונזער יונגען העלד אין דער גרויסער וועלט און זיין ערשטער ארייגפאָהר אין דער גרויסער שטאָדט. און אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויף א אידישער אכסניה מיט׳ן נאָמען „רב אלטער קאָניע־ווער׳ס סטאנציע", אין דעם אונטערשטען טייל פון דער שטאָדט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאדאָל" און וואו אידען מעגען זיצען. איך זאָג, אז אידען מעגען דאָרטען זיצען, און מוז מיך אָבער באלד פארחאפּען, מע זאָל ניט מיינען, אז חלילה אלע אידען מעגען דאָרטען זיין. דאָס ניט. דאָרט מעגען זיין נאָר יענע אידען, וועלכע האָבען דערצו וואוינרעכט — „פּראוואָזשיטעלסטווע". למשל: בעלי־מלאכות, פּריקאזשטשיקעס פון ערשטער גילדיע, ניקאָלאיעווסקי סאָלדאטען און אזעלכע, וואָס האָבען קינדער אין גימנאזיע. די אלע איבעריגע אידען חאפּען זיך אהער אריבער, ווי קאָנטראָבאנד, אויף א קורצע צייט, און לעבען אין גרויסע פּחדים, נאָר מיט׳ן חסד פון דעם דוואָרניק און פונ׳ם אָדון דעם נאדזי־

און עס געהט־אוועק ביי זיי א סדרה דאָקטוירים, פּראָפּע־סאָרען. איטליכע פון זיי דערצעהלט וועגען איהר קראַנקייט און צו וואָסער א פּראָפּעסאָר זי איז געקומען. לאָזט זיך אויס, אז אלע זענען זיי געקומען צו איין פּראָפּעסאָר און אלע האָבען איינע און די זעלבע קראַנקייט. וואָרום וואָס פאר א פעהלער איינע זאָל ניט האָבען, האָבען דאָס אלע ווייבער אקוראַט דאָס אייגענע... נאָר מעהר חידוש פון אלסדינג איז דאָס, וואָס אלע ווייבער, ווי־פיעל זיי זענען דאָ, רעדען זיי אינאיינעם, און מע הערט זיך פון דעסטוועגען איינס דאָס אנדערע! אייניגע שטריכען פון יענער נאַכט האָט דער מחבר פון די דאָזיגע זכרונות אויסגענוצט דער־נאָך אין איינעם פון זיינע ערשטע ווערק מיט'ן נאָמען „דער ערשטער ארויספאָהר" (א מעשה, ווי אזוי צוויי יונגע פייגעלעך פליהען־ארויס דאָס ערשטע מאָל אויף גאָט'ס וועלט).

אָט אזוי האָט אונזער העלד פאַרבראַכט די ערשטע נאַכט אין דער גרויסער הייליגער שטאָדט קיעוו. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו די גרויסע ליכטיגע שטערען, וואָס שיינען־אראָפּ צו אונז פון זייער הימעל־הויך. דאָס הייסט, צו אונזערע באַריהמטע גרויסע לייט, צו אונזערע משכילים און פּאָעטען, צווישען וועלכע ער האָט געוואוסט אין קיעוו דערוויילע נאָר איינעם. דאָס איז געווען דער העבּרעאישער דיכטער, וואָס איז באַריהמט אונטער'ן נאָמען יהל"ל. אהין האָט ער זיך געשלאָגען און דערשלאָגען זיך. אָבער ניט אזוי גרינג, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען אויפ'ן ערשטען קוק. גענומען זיך נאָכפרעגען אויפ'ן דיכטער, איז ער געוואוירע געוואָרען, אז אין קיעוו איז דאָ א מיליאָנער בראָדסקי. און אז דער בראָדסקי האָט אויף פאַראָל א מיהל. און אז אין מיהל איז דאָ א קאַנטאָר. און אז אין דער קאַנטאָר דיענען אלערליי מענטשען. און אז צווישען די מענטשען איז דאָ איינער א קאַסירער, הייסט ער י. ל. לעווין. און אָט דער י. ל. לעווין איז דאָס דער באַריהמטער דיכטער יהל"ל. און דאָ הויבט זיך ערשט אָן א געשיכטע.

דער מחבר פון די דאָזיגע באַשרייבונגען האָט אויף זיין ערשטען אַרויספאָהר אין דער גרויסער הייליגער שטאָדט קיעוו געהאַט די עהרע און דאָס פאַרגעניגען צו ליגען מיט נאָך אַ פּאָר אידען ביי רב אַלטער קאַניעווער אויף דער סטאַנציע אויף אַ בוידעם און האָפּען אַ ציטער. געווען איז דאָס אין אַ ווינטער־דיגער פינסטערער נאַכט. און אַזוי ווי די רעוויזיע איז געווען אַ פּלוצליכע, איין אומגעריכטע, האָבען די זכרים ניט באַוויזען צו חאַפּען אויף זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, די תחתונים, און די ווייבער — זייערע אונטערשטע קליידלעך. אַ גליק, וואָס די „רעוויזיע" האָט זיך דאָס מאָל גיך געענדיגט, אַניט וואָלטען זיי אויפ׳ן בוידעם אויסגעגאַנגען פון קעלט. דערפאַר אָבער — וואָס פאַר אַ גדולה איז געוואָרען, אַז דער בעל־אכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, אַ שענער איד מיט אַ ווייסער באָרד, האָט זיי אַראָפּ־גערופען פונ׳ם בוידעם מיט אַ מאָדנע שפּראַך, צום גראַם:

— יהודים בלא! קריכט אַרוים פון שטרוי! גע׳פּטר׳ט די שדים, אַראָפּ פונ׳ם בוידעם!...

געענדיגט האָט זיך דער איבערשרעק מיט אַ גרויסער שמחה. מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר און מע האָט געטרונקען טיי מיט טרוקענע בייגעלעך און מע האָט דערצעהלט נסים ונפלאות — יציאת־מצרים! די שמחה איז אָבער באַלד פאַרשטעהרט געוואָרען דורך דעם, וואָס דער בעל־אכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, האָט אַרויפגעלעגט אויף אַלע זיינע אורחים אַ מין קאָנטריבוציע, צו אָנדערהאַלבען קאַרבוינים אויף אַ קאָפּ, כדי צו דעקען די הוצאות, וואָס די רעוויזיע האָט געקאָסט. עס האָבען נישט געהאָלפען קיין שום פּראָטעסטען פון די ווייבער. זיי האָבען נעבאַך גע׳טענה׳ט, אַז זיי באַדאַרפען ניט צאָהלען גאָרניט, וואָרום זיי זענען געקומען אַהער ניט צוליעב פאַרגעניגען און ניט צו מאַכען געשעפטען און צו פאַרדיענען געלט. זיי זענען גאָר געקומען צום פּראָפעסאָר זיך קורירען...

באַגראָוו, דער מחבר פונ׳ם בוך „זאפיסקי יעוורעיא״! מיט איהם האָט דאָס אָט דער לאַנגער בוכהאַלטער זיך געקענט פער־זענליך, גערעדט אין איין באַנק אין סימפעראָפּאָל.

— אזוי? אזוי? האָט איהר איהם, הייסט עס, געקענט, דעם גרויסען באָגראָוו, ליטשנאָ? — פרעגט זיך נאָך ביי איהם דער ציקאַווע בחור מיט גרוים התפעלות.

— מענטש! מע זאָגט אייך, אז מיר האָבען ביידע גערעדט אין איין באַנק, אין סימפעראָפּאָל, זאָגט איהר גאָר דאָס!

— און איהר אליין האָט גערעדט מיט איהם?

— אזוי ווי איך רעד מיט אייך. ניט נאָר גערעדט, נאָר געשפּיעלט מיט איהם אין קאָרטען, אין פּרעפעראַנס. א קערטעל האָט ער ליעב, גריגאָרי איסאַקאָוויטש, איי האָט ער ליעב, איי האָט ער ליעב אַ קערטעל! דאָס הייסט, ניט קיין קאַרטיאָזשניק, נאָר אזוי גלאַט א קערטעל, א פּרעפעראַנסעל — פאַר וואָס ניט? איי א פּרעפעראַנסעל! איי־איי־איי! ...

ער הויבט־אויף זיין טרוקענע ביינעריגע האַנט אינ׳ם אויס־געריבענעם עלענבויגען, פאַרקנייטשט נאָך מעהר דאָס פאַר־קנייטשטע פּנים, טהוט א פיהר מיט דער שפּיץ נאָז אין דער לופטען האַלבקיילעכיג און באַווייזט די געלע פּענקעס פון זיינע אַמאָליגע ציינער. ביי איהם הייסט עס געשמייכעלט. נאָר באַלד ווערט ער צוריק ערנסט, קוקט ערגיץ ווייט־ווייט דורך זיינע שאַרפע ברילען, קראַצט זיך אונטער׳ן קאָלנער און רעדט מיט רעספּעקט וועגען באָגראָווען:

— א גרויסער מענטש גריגאָרי איסאַקאָוויטש! א ווערטעלע אויסצורעדען — גריגאָרי איסאַקאָוויטש! פּססס! אָבער טאַקי גאָר א גרויסער! א סך גרעסער פון אייער באַריהמטען דיכטער יהל״ל. דער איז א קליינינטשקער... אָט אזא קליינינטשקער... אָבער טאַקי גאָר־גאָר א קליינינטשקער!... — און ער האָט א ווייז גע־געבען מיט דער האַנט אויף דער ערד, ווי קליין יהל״ל איז. און אקוראַט אויף די רעד עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין א

נישט איעדער קאָן האָבען אַ פּרייען צוטריט אין בראָדסקי'ס מיהל. אהין קאָן צוגעלאָזט ווערען נאָר אזעלכער, וואָס האָט אַ שייכות צו ווייץ אָדער צו מעהל. „צו וועמען דאַרפט איהר?“ — „צום באַריהמטען דיכטער יהל"ל“. — „דאָ איז נישטאָ אזעלכער“... איינער אַ איד, אַ מעקלער פון ווייץ, האָט נאָך געפונען דערביי אויסצובּרענגען אַ פוילען וויץ. ער האָט אַ פרעג געגעבען ביי'ם בחור: „וואָס איז היינט — ראש־חודש, וואָס איהר זאָגט הלל?“

גאָט האָט געטהאָן אַ נס — ס'איז אָנגעקומען אַ לאַנגער איד און אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ געקנייטשט פּנים און מיט עטליכע געלע פּענקעס אין מויל אָנשטאָט צייהן. אָנגעטהאָן איז ער געווען אין אַ צעריסענעם בגד, און מיט'ן גרויסען רעגענשירם פון גרויע פּאַרוסינע און מיט'ן אָפּגעבּאַרעטען קאַפּעלישעל, וואָס אויפ'ן קאָפּ, האָט ער געהאַפּט דעם אָנבּליק פונ'ם וועלט־באַריהמטען דאָן קישאָט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז אָט דער לאַנגער איד, דער דאָן קישאָט, איז גאָר אַ בּוכהאַלטער, און ער דיענט דאָס אינאיינעם מיט'ן באַריהמטען דיכטער יהל"ל ביי בראָדסקין אין דער מיהל! געוואוירע געוואָרען, צו וועמען דער בחור פרעגט זיך נאָך, האָט איהם דער לאַנגער אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אָהן ווערטער איז ער אריין מיט איהם אינווענינ. דאָרט האָט דאָן קישאָט אוועקגעשטעלט דעם גרויסען רעגענשירם, אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם אויבערשטען בגד און איז געבּליבען אין אַ קורץ וויטיקעל מיט אויסגעריבענע עלענבויגענס און מיט אויסגעבויגענע פיס, וואָס ווען ניט דאָס, וואָלט דער לאַנגער בוכ־האַלטער געווען נאָך לענגער. נאָך די ערשטע עטליכע סקאַרבּאָווע ווערטער, וואָס אומבּאַקאַנטע בּאַקענען זיך דורך זיי, איז דער לאַנגער בּוכהאַלטער אויסגעוואַכסען אין די אויגען פונ'ם בחור מיט צוויי קעפּ העכער. וואָס איז די מעשה? עס האָט זיך אַרויס־באַוויזען, אז אָט דער דאָן קישאָט קען זיך פערזענליך מיט אַ מאַן, וואָס אין יענער צייט האָט ער אויסגעוויזען ביי'ם בחור פאַר אַ מלאך פון גאָט. דאָס איז געווען ניט מעהר און ניט ווינציגער, ווי

מע קאָן זיך ניט העלפען. און פאַראיבעל האָבען איז דאָך ניט שייך — פאָרט נישט קיין געוויינליכער בשר־ודם! פאָרט א דיכטער!... דערפאַר אָבער אין עטליכע יאָהר אַרום, אַז דער נאַאיווער פאַרעהרער איז אַליין געוואָרען אַ שרייבער, און ניט נאָר אַ שרייבער — ער איז גאָר געוואָרען אַ רעדאַקטאָר פון אַ יאָהר־בוך („די אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״) און דער פּאָעט יהל״ל האָט איהם געבראַכט אַ פעליעטאָן, האָט איהם דער אַמאָליגער פאַרעהרער און דער איצטיגער רעדאַקטאָר ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם דערמאַנט זייער ערשטע באַגעגעניש און איבערגעגעבען די אויבען־באַשריבענע סצענעס, האָט זיך דער דיכטער געהאַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער.

דעמאָלט האָט זיך אָבער דעם בחור נישט געלאַכט. מיט וואָס פאַר אַ האַרץ ער איז אַרויס פונ׳ם באַריהמטען דיכטער — קאָן מען זיך פאָרשטעלען. דערמיט האָט זיך אָבער זיין ערשטער אַרויספאָהר נאָך ניט געענדיגט. דאָס רעכטע בינטעל צרות, וואָס איז איהם באַשערט געווען אויסצושטעהן אין זיין ערשטער גרויסער נסיעה, הויבט זיך ערשט אָן.

קליין מענטשעל, נאָר גוט געפּאַקט, מיט אַ פּיין בייכעל און מיט קאַסאַקע אויגען. אויפ'ן ערשטען קוק האָט ער אַקעגען דעם לאַנגען און טרוקענעם דאָן קישאָט אויסגעזעהען ווי ס אַ נ ט ש אָ פּ אַ נ ס אָ , דאָן קישאָט'ס פּליגעל־אַדיוטאַנט. אָהן אַ גוט־מאָרגען איז דער סאַנטשאָ פּאַנסאָ דורכגעלאָפען פאַרביי און איז פאַר־פּאַרשוואונדען געוואָרען אויף יענער זייט גראַטעס אין אַ צווייטען חדר'על.

— אָט דאָס איז ער דאָך, אייער דיכטער יהל"ל. איהר קאָנט אריינגעהן צו איהם, אויב איהר ווילט. נישט אַזאַ גרויסער פּריץ...

פון די ווערטער, ווי אויך פון דעם פריהערינגען פאַרגלייכען איהם צום גרויסען באַגראָווען, איז געווען צו זעהען, אַז דער בוכ־האַלטער מיט'ן קאַסירער לעבען בשלום, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. דערמיט האָט נאָך אָבער דער דיכטער ביי זיין פאַרבּרענטען חסיד אין די אויגען גאָרנישט פאַרלוירען. מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ און מיט אַ פאַרצאַפּעלטער נשמה איז ער אריבערגעטרעטען די שוועל און אריין מיט גרויס דרך־ארץ אין צווייטען חדר'על אריין. דאָרט האָט ער געטראָפען דעם באַריהמטען דיכטער אין אַ פּאָעטישער פּאָזע, צונויפגעלעגט די הענט אויפ'ן האַרצען, ווי אַלכּסנדר פּושקין, אָדער, לכל הפּחות, ווי מיכה יוסף לעבענ־זאָהן. דער דיכטער איז געווען, ווייזט אויס, אין זעהר אַ הויכער פּאָעטישער שטימונג, וואָרום ער האָט ארומגעשפּאַנט הין און צוריק איבער'ן חדר'על מיט די צונויפגעלעגטע הענט אויפ'ן האַרצען און האָט אויף זיין יונגען פאַרעהרער כּמעט גאָרניט גע־קוקט און קוים־קוים געענטפערט אויפ'ן גוט־מאָרגען מעהר ניט ווי מיט אַ בייזען קוק פון זיינע קאַסאַקע אויגען. פון בעטען זיצען, אָדער פון נאָכפרעגען זיך, ווער־וואָס־ווען — איז גאָר קיין רעדע ניט געווען. דער נאַאיווער פאַרעהרער איז געווען זיכער, אַז אַלע פּאָעטען זענען אַזוי. אַז אַלכּסנדר פּושקין ענטפערט אויך ניט אויף אַ גוט־מאָרגען... דעם בחור איז אפילו געווען נישט אַזוי פויגעלדיג דאָס שטעהן, ווי אַ באַלוואַן, ביי דער טיר. נאָר

צו־להכעיס, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אַלע מאַכען פון איהם הוזק. אַלע — אפילו דער בעל־הבית פון דער אכסניה, רב אַלטער קאַניעווער, וואָס איז שוין געווען ביי אונז באַשריבען אויבען. א איד, וואָס צוליעב דעם, וואָס זיינע געסט האָבען ניט קיין „פּראַוואָ־זשיטעלסטווע" און טאָרען ניט זיין אין דעם הייליגען קיעוו, איז ער א חשוב ביי „נאַטשאַלסטווע".

א טבע האָט אָט דער איד, אז ער רעדט צו אייך, קוקט ער אייך ניט אין די אויגען אריין, נאָר ערגיץ ווייט אהין, און א גרינג שמייכעלע שפּיעלט ביי איהם אונטער די גרויע וואָנסעס. מיט'ן יונגען אורח רעדט ער ניט אויף „איהר" און ניט אויף „דו", נאָר ער דרעהט זיך קונציג, ווי איין אקראָבאַט, און באַגעהט זיך אָהן א „איהר" און אָהן א „דו". איך געב דאָ איבער א שמועס צווישען די צוויי, דאָס הייסט, צווישען דעם אַלטען גרייזגרויען בעל־אכסניה און זיין יונגען אורח. דער איד שמייכעלט, קוקט אראָפּ און דרעהט א פּאַפּיראָס, רעדט מיט א קוויטשעל, צוקער־זיס:

בעל־אכסניה: ס'הערט זיך?

אורח: וואָס זאָל זיך הערען?

בעל־אכסניה: וואָס מאַכט מען?

אורח: וואָס זאָל מען מאַכען?

בעל־אכסניה: איך מיין, וואָס טהוט מען אין קיעוו?

אורח: וואָס זאָל מען טהון אין קיעוו?

בעל־אכסניה: מסתמא זוכט מען דאָך עפּיס אין קיעוו?

אורח: וואָס זאָל מען זוכען אין קיעוו?

בעל־אכסניה: א טהועכץ, אָדער א סלוזשבע?

אורח: וואָסער א סלוזשבע?

בעל־אכסניה: דורך א רעקאָמענדאַציע? א פּראָ־טעקציע? איך ווייס?...

אורח: צו וועמען א פּראָטעקציע?

בעל־אכסניה: איך ווייס, צו וועמען? צום רב.

18

פּראָטעקציעס

דער בעל־אכסניה שמועסט פון פּראָטעקציעס. — ער מאַכט אַ וויזיט דעם קיעווער ראַבינער. — מע שיקט איהם אַפּ צום „אוטשאָנע יעוורייי” ביי׳ם גענעראַל־גובערנאַטאָר. — אַ צעטראָגענער נפש. — ער באַקומט אַ פּראָטעקציע צום באַריהמטען אַדוואָקאַט קופּערניק.

אַ פרעמדער מענטש אין אַ גרויסער שטאָדט איז אין אַ וואַלד. אין ערגיץ פיהלט איהר זיך ניט אַזוי עלענט, ווי אין אַ וואַלד. קיינמאָל אין ערגיץ ניט האָט זיך דער העלד פון די דאָזיגע באַשרייבונגען ניט געפיהלט אַזוי עלענט, ווי ער האָט זיך געפיהלט אין יענער צייט אין קיעוו. די מענטשען פון דער דאָזיגער גרויסער שענער שטאָדט האָבען זיך ווי צונויפגערעדט, אַז מע זאָל פאַר דעם יונגען אורח ניט אַרויסבאַווייזען קיין סימן פון גאַסטפריינטליבקייט, קיין וואַרעמע מינע. אַלע פּנימ׳ער זענען אָנגעחמורעט. אַלע טירען זענען פאַר איהם געשלאָסען. און וואָלטען חאָטש די אַלע מענטשען, וואָס שווימלען און ווימלען פאַר די אויגען, ניט געווען אָנגעפּעלצט ווי מאַגנאַטען און ניט געפלויגען אויף די גרויסאַרטיגע שליטעלעך מיט ברענענדיגע פערדלעך־ריסאַקעס! און וואָלטען חאָטש די הייזער ניט געווען אויפגעפּוצט מיט אַזאַ שיק און מיט אַזאַ גלאַנץ! און וואָלטען חאָטש די שווייצאַרען מיט די לאָקייען, וואָס ביי דער טיר, ניט קוקען אַזוי פרעך און ניט לאַכען אייך גלייך אין פּנים אַריין! אַלסדינג וואָלט ער אייך מוחל געווען, נאָר אַבי מע זאָל ניט לאַכען פון איהם. און ווי אויף

וועלט. די היסטאָריע פון די נוצליכסטע ערפינדונגען ווייסט פון דעם סוד — ס'איז גאָר קיין נייעס ניט.

געקלויבען זיך עטליכע טעג דורכאנאנד און געוואוירע גע־וואָרען, וואו דער ראַבינער זיצט, האָט ער איינמאָל אין א קאַלטען פריהמאָרגען אָנגעקלונגען רעכטס, האָט זיך געעפענט די טיר און א האנט האָט איהם א ווייז געגעבען, אז ער זאָל קלינגען לינקס, אין דער קאנצעליאריע. האָט ער אָנגעקלונגען לינקס, אין דער קאנצעליאריע. עפענט זיך די טיר און ער קומט־אריין אין דער קאנצעליאריע, טרעפט ער דאָרט עטליכע אידען, פארשיידענע טיפּען פון אַלערליי פּראָפעסיעס, צום מיינסטען — בעל־מלאכות, אָרעמע, דערשלאָגענע, אָפּגעריסענע. אויך ווייבער א פּאָר פאר־שלומפּערטע, מיט פארוויסטע פּנים'ער, און א געשוואָלען יונגעל מיט גרויסע צעריסענע שטיוועלעטען, פון וואנען עס קוקען־ארוים די פינגער פון די פיס. דערפאר איז אָבער דעם יונגעל'ס האלז ארומגעוויקעלט מיט צוויי שאַלען, ער זאָל זיך חלילה ניט פאר־קיהלען. אויף די ווענט הענגען א צעריסענע מאַפּע פון ארץ־ישראל און א שלעכטער קייזערליכער פּאָרטרעט. די קאנצעליאריע, די אָפּגעריסענע אידען, די פארשלומפּערטע ווייבער, דאָס גע־שוואָלענע האלב־באָרוויסע יונגעל, די אָנגעריסענע מאַפּע פון ארץ־ישראל מיט'ן שלעכטען קייזערליכען פּאָרטרעט ווארפען־אָן אויף אייך א מאָדנע מרה־שחורה. און טאָמער איז קאַרג — זיצט ביי איין אַלטען אויסגעמוטשעטען פארפלעקטען שרייבטיש איין אַלטער מאַן מיט איין אָפּגעבליאַקעוועט טוידט פּנים. ווען דער אַלטער זאָל ניט האַלטען קיין פּען אין האנט און ניט איינטונקען זי אַלע מינוט אין טינטער, וואָלט מען געקאָנט זיכער מיינען, אז דאָס זיצט א בר־מינן, וואָס איז טוידט, וועניגסטענס, עטליכע און דרייסיג יאָהר, נאָר מע האָט איהם איינגעמארענירט, האַלט ער זיך. איינציגוויין פארטיגט זיך אָפּ דער אָפּגעבליאַקעוועטער בר־מינן מיט אַלע אידען און ווייבער, און דאָס נעמט־צו ניט קיין סך צייט. ארום און ארום אפשר אָנדערהאלבען שעה. ביז ער קומט

אורח: וואָס עפּיס צום רב?

בעל־אכסניה: לאָז זיין צו דער רביצין.

דאָ האָט דער בעל־אכסניה פאר דער גאַנצער צייט איין מאָל אויפגעהויבּען די אויגען אויפ'ן יונגען אורח און איז געבּליבּען שטיל. האָט איהם אָבּער דער יונגער אורח ניט אָפּגעלאָזט.

אורח: ניין. וואָס איז אייך עפּיס געפעלען צום רב?

בעל־אכסניה: איך וויים? א בחור'על פון היינטיגע בּחורים'לעך קומט קיין קיעוו, באַדאַרף ער האָבּען מסתמא א בּריעף צום רב, צום ראַבּינער מיין איך, און דורך דעם ראַבּינער קאָן מען שוין האָבּען א פּראָטעקציע... אַזוי פיהרט זיך די וועלט. און אפשר האָבּ איך א טעות, איז לא פּרלתּי — טאַק יאַ ניע טאַנצאָוואַל סמערוועדיעם!...

איז איהם שוין גאָר געפעלען דאָס אידישע ווערטעל: „האָבּ איך ניט געטאַנצט מיט'ן בּער" איבּערזעצען אויף רוסיש. דעם בּחור זענען אָבּער די לעצטע ווערטער פונ'ם בעל־אכסניה וועגען א פּראָטעקציע בּיי'ם ראַבּינער אריין, ווי מע זאָגט, אין נאָז אריין, און ער האָט באַשלאָסען, אַז ס'איז אפשר גאָר ניט אַזוי קרום. א פּראָטעקציע ניט קיין פּראָטעקציע, נאָר מאַכען דעם ראַבּינער א וויזיט קאָן ניט שאַדטען. און אפשר טאַקי עפּיס בּרענגען אויך. פּאַרט א ראַבּינער. און נאָך וואָסער א ראַבּינער! א „גובּערנסקי" ראַבּינער — א קלייניגקייט!... וואָס ווייטער צעוואַכּסט זיך בּיי איהם די פאַנטאַזיע, און דער פּלאַן געהאָלפען צו ווערען דורכ'ן קיעווער ראַבּינער באַקומט בּיי איהם מעהר חן און רעאַלע פאָרמען, און ער זעהט־ארוים בּחוש, אַז ס'איז געוועזען א באַשערטע זאַך, אַז דורך דעם, וואָס א אידען רבּ אַלטער קאַניעווער איז געפעלען צו מאַכען חוזק, אָדער גלאַט אַזוי א בּיסעל פּלאַפּלען, איז בּיי איהם געבּוירען געוואָרען א אידעע, א גליקליכע, א גלענצענדיגע אידעע. און מיט א אידעע איז אַלע מאָל אַזוי. דורך א קלייניגקייט, דורך א צופאַל, קומען אמאָל ארויס די גרעסטע געשעהענישען אין דער

צום קיעווער ראַבּינער האָט זיך דער העלד מטריח געווען ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל. ביז ס׳איז איהם געראָטען צו טרעפען איהם אין דער היים. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט ביי איהם איין אויפנאַמע זעהר אַ פריינטליכע און אַ האַרצעדיגע. דער אָנהויב איז אפילו געווען ניט אַזוי פויגעלדיג. דער ראַבּינער איז אין דער ערשטער מינוט געווען ווי דערשראָקען. ער האָט זיך אַ ביסעל אָנגעשטרענגט, ביז ער האָט אַרויסבּאַקומען פונ׳ם יונגען באַזוכער, וואָס איז זיין באַגעהר. דער בּחור האָט געמיינט, אַז אין קיעוו אַ ראַבּינער באַדאַרף נאָכ׳ן ערשטען קוק אַליין פאַר־שטעהן, וואָס יענער וויל און וואָס יענער באַדאַרף. צום סוף קוקט ער גאָר ווי אַ זינדיגער מענטש אין די אויגען אריין, און מע דאַרף איהם צעקייען איטליכס וואָרט און אריינלעגען אין מויל אריין. און ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט דאָס איהם גוט צעקייעט, לאָזט זיך אויס, אַז ער קאָן גאָרנישט טהון. לחלוטין גאָרנישט. דאָס איינציגע, וואָס ער קאָן יאָ טהון — איז געבּען אַ רעקאָמענדאַציע, אַ פּראָטעקציע.

— אַ פּראָטעקציע? גאַנץ גענוג! וואָס דאַרף איך דען נאָך? איך באַדאַרף מעהר ניט, ווי אַ פּראָטעקציע.

און דער באַזוכער באַטראַכט דעם קיעווער ראַבּינער און פאַר־גלייכט איהם מיט די ראַבּינערס פון די קליינע שטעדטלעך, וואָס ער האָט ווען געקענט. און עס געהען איהם דורך פאַרביי אַ גאַנצע רייהע פון ראַבּינערס, „קאַזיאָנע" רבנים, פאַרזעהענישען, טויגע־ניכטסען, צווישען זיי איינער מיט אַ פליך אויפ׳ן קאָפּ. אַקעגען די אַלע איז דער קיעווער — אַ מאַגנאַט, און זיי אַקעגען איהם זענען חיות, קאַרליקעס. דער איז אַ ריעז. און אַ שענער מענטש. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז אַ געלער און אַ ביסעל אַ שווערער פּאַרשוין. רעדט פּאַמעליך, טהוט יעדע זאַך פּאַוואָלי, דענקט פּאַוואָלי, כמעט אָהן נערוועז. אַזעלכע מענטשען לעבּען הונדערט יאָהר. זיי האַפּען זיך ניט שטאַרבּען — זיי האָבּען צייט.

צום געשוואָלענעם יונגעל מיט די צוויי שאַלען. דאָס געשוואָלענע יונגעל נעמט אויך צו אַזאַ האַלבע שעה. דאָס יונגעל וויינט. דער איינגעמאַרענירטער בר־מינן שרייט אויף איהם. דאַנקען גאָט — גע׳פּטר׳ט דאָס געשוואָלענע יונגעל אויך. דעמאָלט טהוט דער בר־מינן אַ וואונק צום העלד פון די באַשרייבונגען, ער זאָל צוגעהן צום טיש. געהט ער צו. דער בר־מינן קוים וואָס מע הערט איהם:

— וואָס׳ט איהר זאָגען?

— איך דאַרף צום ראַבּינער.

דער בר־מינן קוקט צו זיך אין ספר־הזכרונות אַריין און זיין קול געהט ווי פון יענער וועלט:

— אַ מעטריקע?

— ניין.

— אַ חתונה?

— ניין.

— אַ יונגעל? אַ מיידעל פאַרשרייבען?

— ניין.

— עמיצער געשטאָרבען?

— ניין.

— אַ נדבה?

— ניין.

— וואָס זשע פאַרט?

— גאָרנישט. איך האָב געוואָלט זעהען דעם ראַבּינער.

— אָט אַזוי זשע רעדט.

און דער מאַרענירטער בר־מינן הויבּט זיך אויף פון טיש, געהט פּאַוואָלי, ווי אויף אונטערגעהאַקטע פיס, ווערט פאַרשוואונדען אין אַ זייטיג חדר אויף פופצעהן אָדער אויף צוואַנציג מינוט און קומט צוריק מיט אַ פאַרעוועץ פּנים און מיט אַ טרויעריגען רעזולטאַט:

— דער ראַבּינער איז ניטאָ אין דער היים. איהר׳ט מוחל זיין קומען איין אַנדערס מאָל.

א צאָהן אויף א צאָהן. אין א פּאָר מינוט ארום פליהט־אריין א איד מיט שיטערע באקענבארדען און מיט זעהר א נידעריגער ראיה, און איז עפּיס מאָדנע צעטראָגען. ניט שוין זשע איז אָט דער איד א „אוטשאָנע יעוריי" ביי׳ם גענעראל־גובערנאטאָר? ער זאָל ניט געהן אויסגעגאָלט א שטיק באָרד אקוראט אין מיטען, וואָלט ער געגאַנגען שווערען, אז ער איז א מלמד, א גמרא־מלמד. א טבע האָט אָט דער „אוטשאָנע יעוריי", אז ער רעדט שפּייט ער, און איז א מאָדנע צעטראָגענע בריאה. פון איהם דערצעהלט מען אין קיעוו, ווי ער איז שוין נאָכדעם געוואוירע געוואָרען, אלערליי מעשיות און אנעקדאָטען. למשל: צו זיך אהיים האָט ער קיינ־מאָל ניט געטראָפען, ביז ער האָט ניט איבערגעלייענט אויף דער טיר די אויפשריפט „הערמאַן מארקאָוויטש באראַץ". איינמאָל האָט זיך באראַץ שטארק איינגעקוקט אין זיין נאָמען און האָט דערזעהען פון אונטען אָנגעוויזען די שפּרעכשטונדען פון דריי ביז פינף. א קוק געגעבען אויפ׳ן זייגער, אז ס׳איז ערשט צוויי, האָט זיך באראַץ באטראַכט, אז מסתּמא איז באראַץ ניטאָ אין דער היים. און וויבאַלד באראַץ איז ניטאָ אין דער היים, הייזנט וואָס האָט דאָ באראַץ צו טהון? איז זיך באראַץ דערוויל געגאַנגען אין גאָרטען שפּאַציערען... מיט איינעם וואָרט, אויף באראַצען זאָגט מען אין קיעוו, אז באראַץ זוכט באראַצען און קאָן איהם נישט געפינען... אין דעם דאָזיגען פריהמאָרגען איז באראַץ געווען גאָר באַזונדער צעטראָגען און ניט גוט געשטימט. ער האָט זיך געאיילט ערגיץ געהן, געוואָרפען זיך און געשפּיגען און געשפּריצט. דערנאָך, אז ער האָט איבערגעלייענט דעם בריעף פונ׳ם ראבינער, וואָס רעקאָמענדירט פאַר איהם דעם בחור, האָט זיך דער „אוטשאָנע יעוריי" א חאַפּ געגעבען ביי׳ם קאָפּ, גענומען ארומשפּאַנען איבער׳ן חדר הין און צוריק, רעדען און שפּייען און בעטען זיך רחמים, מע זאָל איהם לאָזען צו־רוה, וואָרום ער ווייסט גאָרניט און קאָן גאָר־ניט און וועט גאָרניט טהון! א גאָט׳ס רחמנות געווען צו קוקען אויפ׳ן „אוטשאָנע יעוריי"! דער בחור האָט זיך גענומען פּאַר־

— איז ווילט איהר, הייסט דאָס, פון מיר א פּראָטעקציע? צו וועמען?

— צו וועמען? דאָס דאַרפט איהר שוין אליין באַטראַכטען...

גוט. ער וועט זיך באַטראַכטען. און דער ראַבינער צעפּרעגט זיך נאָך א מאָל ביי'ם באַזוכער, ווער ער איז, פון וואַנען ער איז און וואָס איז זיין באַגעהר? דערנאָך געהט־אוועק א לאַנגע פּויזע פון א פּאָר מינוט. א קוועטש א קנעפּעל — און עס באַווייזט זיך דער אַלטער אָפּגעבליאַקעוועטער און גוט־געמאַרענירטער בר־מינן פון דער קאַנצעליאַריע, און דער ראַבינער הייסט איהם אָנשרייבען א בריעף צו זיינעם א פריינט — דעם נאָמען האָט ער ניט איינגעהערט — און בעטען איהם, טאָמער קאָן ער עפּיס טהון פאַר אָט דעם בחור... און צום בחור האָט דער ראַבינער א זאָג געגעבען, אַז דאָס שרייבט ער א בריעף צו זיינעם א פריינט הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראָץ, וועלכער איז א פּריסיאַזשנע פּאָוויערענע און א „אוטשאָנע יעווריי" ביי'ם גענעראַל־גובערנאַטאָר...

אָפּגעטהאָן אַזאַ שווער שטיקעל אַרבייט, האָט דער ראַבינער אָפּגעאָטעמט. מע האָט געזעהען, אַז דעם מענטשען איז אַראָפּ א באַרג פון די פּלייצעס. ער האָט טאַקי א ביסעל צוגעהאָרעוועט. דערפאַר האָט ער אָבער געטהאָן א נוצליכע זאַך — אויסגעאַרבייט פאַר דעם בחור א פּראָטעקציע, און נאָך וואָס פאַר א פּראָטעקציע — צום „אוטשאָנע יעווריי" ביי'ם גענעראַל־גובערנאַטאָר!... אַזוי ווייט האָט זיך דעם בחור'ס היציגע פאַנטאַזיע גאָרניט פאָרגעשטעלט. די פּראָטעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין בוזעם־קעשענע, האָט איהם געוואַרעמט דאָס לייב און געטראָגען אין דער לופטען. ער געהט פון דאַנען גלייך צום „אוטשאָנע יעווריי" וואָס ביי'ם גענעראַל־גובערנאַטאָר — דאָ וועט שוין עפּיס זיין!... און דער „אוטשאָנע יעווריי" אַליין שטעלט זיך איהם אַנדערש ניט פאָר, ווי א פּראָפעסאָר, באַהאַנגען מיט מעדאַלען, ווי א גענעראַל. מיט א ציטערניש קלינגט ער אָן ביי דער טיר און ער ווערט אריינגעלאָזען אין א קאַבינעט מיט ספרים און ביכער. עס קלאַפּט איהם

19

קופּערניק

עך זוכט דעם באַריהמטען אַדוואָקאַט אויפ'ן „קרעשטשאַטיק“. — „מעניאַלנאַיאַ קאַנטאָרא קופּערניקאַ“. — אין אַקרוזשנע סוד. — ער געפינט ענדליך װעמען ער זוכט, און די פּראָטעקציע ווירקט. — אַ קליינער טעות: ניט קופּערניק, נאָר משה עפּעלבוים פון ביעלאָ־צערקאָװ.

דער נאָמען קופּערניק, אָדער ווי מע האָט איהם גערופען צווישען אידען „קאָפּערניקאָוו“, איז געוען כמעט אזוי באַריהמט און פּאָפּולער, ווי אַלכּסנדר פאָן הומבאָלד אין איירָאָפּע, אָדער ווי קאָלומבוס אין אַמעריקע. דער פּראָצעס פון קוטאַאיס, דער באַריהמטער בלוט־בלבול, וואָס קופּערניק האָט פאַרטיידיגט און ריינגעוואַשען, האָט איהם געמאַכט אזוי באַריהמט, ווי אין אַ סך יאָהרען אַרום האָט באַריהמט געמאַכט איין אַנדערען אַדוואָקאַט, אָ. אָ. גרוזענבערגען, דער פּראָצעס פון מענדעל ביילים. און אזוי ווי פון גרוזענבערגען, אזוי האָט מען פון קופּערניקען אין זיין צייט דערצעהלט נסים ונפלאות, אַרומגערינגעלט איהם מיט לעגענדעס.

האָבענדיג אַ פּראָטעקציע צו אַזאַ מאַן, ווי קופּערניק, מעג מען זיך שוין דערלויבען צו טרוימען, פאַנטאַזירען און חלומ'ען די בעסטע חלומות. חאַפּען זיך שטאַרק איז אויך ניטאָ וואָס. ובפרט, אַז ער ווייסט נאָך גאָרניט, וואו קופּערניק'ס אַדרעס איז. האָט ער זיך פּאַוואָלי אַרויפגעדראַפּעט אויפ'ן הויכען „קרעשטשאַטיק“, די

ענטפערען, אז ער מיינט ניט קיין בייז. אז זיין גאנצער מיין איז געווען, טאָמער... א פּראָטעקציע... נאָר באראץ לאָזט איהם ניט רעדען. ער זאָגט, אז ער ווייסט עס אליין גאנץ גוט. און אז איהם ברענט נאָר אויפ׳ן ראבינער, וואָס אלע טאָג, אלע טאָג שיקט ער צו איהם יונגע מענטשען. וואָס קאָן ער טהון פאר זיי? וואָס ווייסט ער? ווער איז ער? וואָס איז ער? ער איז דאָך ניט בראָדסקי!...

מיט א צעבראָכען הארץ און מיט א שווער געמיט האָט זיך דער בחור ארויסגעגליטשט פונ׳ם „אוטשאָנע יעווריי". נאָר אז ער איז שוין געווען גאנץ אונטען אויף די טרעפּ, האָט ער דער־הערט, אז מע רופט איהם צוריק, טאקי דער זעלבער „אוטשאָנע יעווריי". באראץ האָט זיך באטראכט, אז ער אליין קאָן טאקי ניט טהון פאר איהם גאָרניט. ער קאָן איהם אָבער געבען א רעקאָמענדאציע צו זיינעם א פריינט און א קאָלעגע, צו קופּערניקען. קופּערניק, ער זאָל וועלען, קאָן ער טהון א סך, זעהר א סך! א קלייניגקייט קופּערניק? מיט אזא פּראָטעקציע קאָן מען דורכ־ברעכען מויערען! באוועגען די גרעסטע לייט! און נישט לאנג געטראכט, זעצט זיך אוועק דער „אוטשאָנע יעווריי" און שרייבט א קארטעל צו זיין בעסטען פריינט און קאָלעגע, צום באריהמטען אדוואָקאט לעוו אבראמאָוויטש קופּערניק.

פרעמדער קאָן דאָרט פארבלאָנזעט ווערען און פארלירען דעם קאָפּ. צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען האָט אונזער העלד דערזעהען אזוי פיעל מענטשען אין שווארצע פראקען מיט גרויסע פּאָרט־פעלען. דאָס זענען לויטער געשוואָרענע אדוואָקאטען. געהט טרעפט, ווער פון זיי איז דאָ קופערניק? אָפּשטעלען איינעם פון זיי און א פרעג טהון — איז א זאך, וואָס איז אוממעגליך. אז אלע זענען זיי פארטראָגען. אלע לויפען מיט פּאָרטפעלען, דער אהער, דער אהין, ווי די משוגעים. איינעם, א מאן אָהן א שווארצען פראק, נאָר מיט א גרויסען געלען פּאָרטפעל און מיט זעהר א סימפּאטיש פּנים, האָט ער געוואגט אָפּצושטעלען און א פרעג טהון: „וואו איז דאָ קופערניק?" האָט ער באקומען פונ'ם מאן איין ענטפער: „צו וואָס דארפט איהר קופערניקען?" „איך האָב צו איהם א קארטעל פונ'ם אוטשאָגנע יעוורייע הערמאן מאר־קאָוויטש בעראָז". „א? פון בעראָזען? זיצט א ווײַלע — איכ'ל באלד קומען". און דער מאן באווייזט איהם אויף א לאנגער פּאָלירטער באנק, טהוט זיך א גליטש און ווערט נעלם. דער בחור זעצט זיך אוועק אויף דער לאנגער פּאָלירטער באנק און זיצט א האלבע שעה, א שעה, אָנדערהאלבען שעה — ניטאָ קיין מאן, ניטאָ קופערניק. שטעהט ער אויף פון דער פּאָלירטער באנק און לאָזט זיך געהן. דער עולם איז שוין געוואָרען א סך שיטערער. וואו־ניט־וואו ווארפט זיך נאָך דורך א שווארצער פראק. ער דערזעהט דעם מאן, וואָס מיט'ן געלען פּאָרטפעל.

— א? איהר זענט נאָך דאָ? וואָס, אייגענטליך, דארפט איהר צו קופערניקען?

דערצעהלט איהם דער בחור נאָך א מאָל:

— א קארטעל פון הערמאן מארקאָוויטש בעראָז.

— און וואו איז דאָס קארטעל?

באווייזט ער איהם דאָס קארטעל. דער מאן לייענט־דורך דאָס קארטעל.

שענסטע גאַס אין קיעוו, און דאָרט איז אונזער העלד ניט שווער געווען צו דערפרעגען זיך, וואו קופּערניק זיצט. אריין אין אַ הויף אַקעגען האָטעל „יעווראָפּאַ”, האָט ער איבערגעלייענט אויף רוסיש: „מיעניאַלנאַיאַ קאָנטאָראַ קופּערניקאַ”. איז איהם אפילו געווען אַ חידוש, ווי קומט צו קופּערניק דעם אדוואָקאַט אַ „מיעניאַלנע קאַנטאָר”? נאָר עס איז איהם באַלד פאַרענטפערט געוואָרען די קשיה.

אריינגעקומען אינוועניג אין קופּערניק׳ס קאַנטאָר, האָט ער געטראָפען אַ יונגענמאַן מיט בלויע ברילען און אַ אידינע אַ ליט־וועטשקע אין אַ ווייסען פאַריק.

— צו וועמען דאַרפט איהר?

— צו קופּערניקען.

— פון וועמען?

— פונ׳ם אוטשאָנע יעוורייי, פון הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ אַ קאַרטעל.

— פון באַראַצען אַ קאַרטעל? ווייזט אהער.

דער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילען נעמט דאָס קאַרטעל און טראָגט דאָס צו צו דער ליטוועטשקע אינ׳ם ווייסען פאַריק. די ליטוועטשקע נעמט דאָס קאַרטעל, טהוט־אָן די ברילען, לייענט־דורך און טהוט אַ שמייץ דאָס קאַרטעל פון זיך.

— ס׳איז ניט צו מיר. ס׳איז נאָר צו מיין זוהן.

— וואו געפינט ער זיך?

— ווער?

— אייער זוהן.

— מיין זוהן וואו געפינט זיך? וואָס הייסט וואו? אין אָקרוזשנע סוד אריין געהט, וועט איהר איהם געפינען.

זוכען איין אדוואָקאַט אין אָקרוזשנע סוד איז פונקט אַזאַ שכל, ווי מע זאָל זוכען אַ נאָדעל אין אַ וואָגען היי. דער אָקרוזשנע סוד איז איין אומגעהייער גרויסע אַלטע געביידע מיט אייזערנע טרעפּ און מיט אַזוי פיעל חדרים, זאַלען און אָפּטיילונגען, אַז אַ

— נו־יאָ, עפּעלבוים. משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו...
פּריסיאַזשנע פּאָווערענע...

א באשערטע זאַך. געהט זייט א נביא, אז פון א קיעווער קופּערניק וועט זיך גאָר אויסלאָזען א משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו! דער משה עפּעלבוים פון ביעלאָצערקאָוו האָט זיך ארויסבאַוויזען פאר איין אמת׳ען דזשענטעלמען. ער האָט זיך לאַנג נישט געדונגען פאר׳ן פּרייז. מסכים געווען אויף אַלסדינג. ער האָט נאָך צוגעזאָגט דעם בחור, אז ער וועט איהם צולעהרנען אדוואָקאַטור און וועט איהם נאָכדעם געבען רעקאָמענדאַציעס ניט נאָר צו קופּערניקען — צו נאָך א סך גרעסערע מענטשען פון קופּערניקען, וואָרום ער קען זיך מיט אַלע גרעסטע לייט אין קיעוו, אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, אויסגעבונדען מיט אַלע מיניס־טאָרען. אויב דער בחור וויל, קאָנען זיי נאָך היינט פאָהרען קיין ביעלאָצערקאָוו. ער, עפּעלבוים, באַדאַרף זיך נאָר אראָפּכאַפּען אויף א מינוט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. און וויבאַלד צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, מוז ער שוין זיין מיט א וויזיט אויך ביי׳ם גראַזשדאַנסקי גובערנאַטאָר. וואָרום די הינט זענען שרעקליך מקנא איינס דאָס אנדערע. ער האָט אפילו באַדאַרפט זיך זעהען מיט׳ן קיעווער פּאָליצמייסטער אויך. נאָר ער קאָן באַשטעהן, אז דער פּאָליצמייסטער זאָל קומען צו איהם — ער איז נישט קראַנק...

דער פּריסיאַזשנע פּאָווערענע עפּעלבוים האָט זיך ארויס־געכאַפּט, איבערגעלאָזט א פּרעמדען אומבאַקאַנטען בחור אויף גאָט׳ס באַראָט. די אַוואַנטיורע איז דעם יונגען רייזענדער דוקא געפעלען. און פון דער פּערזענליכקייט פון דעם עפּעלבוים איז ער גאָר געווען אַנציקט. ער האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט רעכט צו באַטראַכטען די לאַגע, האָט זיך עפּעלבוים אומגעקעהרט צוריק, צוגעפאָהרען ברייט אויף א ליכאַטש, אָנגעלאָדען מיט פולע

— וואָס, אייגענטליך, האָט איהר געוואָלט פון קופּערניקען?
— איך ווייס נאָך אַליין ניט אקוראט... אפשר וועל איך קריגען ביי איהם א שטעלע?
— וואָס קענט איהר?
— איך קען שען שרייבען, אידיש און רוסיש.
— רוסיש אויך? קומט מיט מיר.
באַדאַרף ער נאָך זיין אין ספק, אויב דאָס איז קופּערניק?... ארויסגעגאַנגען מיט'ן בחור פון אָקרוזשנע סוד, האָט ער, קופּערניק הייסט דאָס, גענומען א „ליכאַטש" — א דראָזשקע אויף גומע־לאַסטיקענע רעדלעך, און האָט א זאָג געגעבען: „גאָסטיניצאַ ראָססיאַ". פייל אוים'ן בויגען האָט זיי דער ליכאַטש געבראַכט צו פיהרען צו א האָטעל, וואָס זיין נאָמען איז „ראָססיאַ". אריינ־געקומען אין א שטאַרק אָנגערויכערט צימער, האָט קופּערניק באַ־זעצט דעם גאַסט ביי'ם טיש, פאַררויכערט א פּאַפּיראָס און דער־לאַנגט איהם א בויגען פּאַפּיער מיט א טינט־און־פעדער און פאַר־געלעגט, ער זאָל אָנשרייבען א פּאָר שורות. דער בחור האָט איינ־געטונקען די פּען אין טינט און איידער ער האָט זיך צוגעקלויבען שרייבען, האָט ער א פרעג געגעבען ביי קופּערניקען, ווי אזוי וויל ער, זאָל מען איהם שרייבען — אויף אידיש אָדער אויף רוסיש? פאַרשטעהט זיך, אז אויף רוסיש! דער בחור האָט זיך צוגעפלייסט. דער זכות פונ'ם רבין מאָניש מיט זיין גאָלדענער האַנט איז איהם בייגעשטאַנען, און נאָך דער ערשטער שורה האָט איהם קופּערניק איבערגעשלאָגען און א זאָג געגעבען, אַז ער איז צופריעדען מיט זיין האַנטשריפט, און האָט איהם פאָרגעלעגט א פּאַפּיראָס. פונ'ם פּאַפּיראָס האָט זיך דער בחור אָפּגעזאָגט:
— האָט קיין פאַראיבעל ניט, פּאַני קופּערניק, איך רויכער ניט.
— האָט קיין פאַראיבעל ניט, יונגערמאַן, איך בין ניט קופּערניק. מיין נאָמען איז גאָר עפּעלבוים.
— עפּעלבוים?

20

אַ שטעלע פון אַ „סעקרעטאַר"

ער פאהרט מיט זיין נייעם פאטראן קיין ביעלאצערקאוו. — מע נעמט איהם אויף, ווי א מייערען גאסט. — פאמיליען־אידיליעס. — „רב לוי". — דער בעל־הבית לעהרענט מיט'ן סעקרעטאר הלכות אדוואקאט. — מיאוס אפגענארט. — ער שרייבט א מליצה־בריעף צום פאטער און באקומט נייע האפענונגען.

פאָהרענדיג פון קיעוו קיין ביעלאָצערקאָוו, האָט זיך דער „פריסיאזשנע פאָוויערענע" עפעלבוים געשטעלט גאַנץ ברייט, אויפגעפיהרט זיך ווי א רייכער פאָמעשטשיק, ניט געזשאַלעוועט קויפען בילעטען ערשטער קלאַס. אויפ'ן וואָקזאַל, אין פאסטאָוו, געגעבען שען צו לייזען געלט דעם בופעט. דעם מענטשען, וואָס האָט זיי באַדיענט, האָט ער אויך גאַנץ פיין באַהאַנדעלט. אונזער יונגען העלד האָט ער פאר זיינע באַקאַנטע פאָרגעשטעלט אַלס „סעקרעטאר". און וואָס ער האָט אַזעלכעס דערצעהלט אויף זיין „סעקרעטאר" ביי זיך אין דער היים — ווייסט נאָר איין גאָט אין הימעל... נאָר מע דאַרף זיך פאָרשטעלען, אז מסתמא האָט דער „פריסיאזשנע פאָוויערענע" אויסגעמאָהלט פאר זיינע היימישע זיין „סעקרעטאר" מיט די רייכסטע און שענסטע פאַרבען. וואָרום ער האָט געהאַט אזא גרויסאַרטיגע וואַרעמע אויפנאַמע, וואָס נאָר א לאַנג־ערוואַרטעטער גאַסט, אָדער א רייכער קרוב פון אַמעריקע, קאָן זיך ווינטשען; אזא קרוב, וואָס מע קוקט־אַרויס אויף זיין ירושה... משה עפעלבוים'ס ווייב, א אידינע א צדיקית און א

פעק און מיט פעקלעך. דאָרט איז געווען פון כל טוב: הערינג, און פיש, און באַליק, און איקרע, און פרוכטען, און פאַפּיראָסען.
— איהר מיינט, ס'איז געקויפט? ס'איז לויטער מתנות. געשענקט פון דער גענעראַל־גובערנאַטאָרשע, פון דער גובערנאַטאָרשע און פונ'ם פּאָליצמייסטער'ס ווייב.
— איהר זענט דען געווען ביי'ם פּאָליצמייסטער אויך? איהר האָט דאָך געזאָגט, אז...
— חס וחלילה! נישט פון זיין ווייב, נאָר פון זיין פּאָליוּבאָוניצע... איך בין איהר אַדוואָקאַט. איך פיהר איהר אַ פּראָצעס אין פּאַלאַטע אויף אַ האַלבען מיליאָן. זי איז אַ פיעלפאַכע מיליאָנערשע, נאָר אַ קאַרגע. פאַר אַ גראָשען וועט זי זיך אויפהענגען! פאַר מיר איז אָבער ניטאָ צו טייער. פאַר מיר זענען זיי אַלע די כפּרה!... פאַהרען מיר, הייסט דאָס, קיין ביעלאָצערקאָוו?
— פאַהרען מיר, הייסט דאָס, קיין ביעלאָצערקאָוו.

דעסטוועגן געפינט ער, אז ס'איז זעהר נויטיג, אז אזא פאַר־שייטער בחור, ווי זיין רב לוי, זאָל פאַרזוכען שמיץ, חאָטש איין מאָל אין וואָך. דאָס אליין, זאָגט משה עפּעלבוים, איז ביי איהם א פּרינציפּ. און עס לאָזט זיך דענקען, אז רב לוי'ן איז באַקאַנט דער דאָזיגער פּרינציפּ, וואָרום רב לוי האָט זיך זיין פּרינציפּ, אז קוים וויל איהם דער פאָטער מקיים פּסק זיין, טראָגט ער זיך אָפּ און והילד איננו — געהט זוכט איהם!

רב לוי'ס אָפּטראָגען זיך האָט אָבער נישט בארוהיגט דעם אויפגעהויבענעם קאָנפליקט. דער קאַמף האָט זיך נאָר אריבער־געטראָגען, ליטעראַריש גערעדט, אויף איין אנדער באָדען. אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער מיט א מינוט איז ער געווען צווישען פאָטער און זוהן, האָט די מלחמה אצינד אויסגעבראָכען צווישען מאַן און ווייב. משה עפּעלבוים האָט ארויפגעוואָרפען די גאַנצע באַר אויפ'ן ווייב, אז שולדיג איז אינגאַנצען זי, זיין ליעבע געטרייע פרוי, זאָל געזונט זיין, דערמיט, וואָס זי שטעלט זיך איין פאַר איהר שענעם קריש. און דאָס ווייב, מאַדאַם עפּעלבוים, האָט זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע און האָט דערמאַנט איהר ליעבען געטרייען מאַן זאָל לעבען, אז ווען ער איז געווען אין זיין זוהנ'ס יאָהרען, איז ער געווען א סך מעהר באַסיאַק, ווי איהר „קריש" איז אצינד, און אויב ער, איהר טייערער משה עפּעלבוים, האָט א גוטען זכרון, באַדאַרף ער געדענקען, אז מע האָט איהם אמאָל, ניט היינט געדאַכט, גערופען ניט משה עפּעלבוים, נאָר „משה פּלעצעל"...

מע קאָן ניט זאָגען, אז פאַר א גאַסט זאָל עס זיין שטאַרק אָנגענעהם צו זיין איין אומגעריכטער עדות ביי א פאַמיליען־דראַמע און צוקוקען, ווי די ליעבע און געטרייע מאַן און ווייב וואַשען זיך דאָס קויטיגע גרעט פאַר אלעמען אין די אויגען. איין זאַך האָט דאָ דער גאַסט באמערקט און באוואונדערט, ווי אזוי ביידע קעמפּענדע צדדים, ניט דער מאַן און ניט דאָס ווייב, האָבען זיך דערביי ניט אָפּגעגעסען דאָס האַרץ. אדרבה, עס האָט אויס־

זעלטענעווירטין, האָט זיך אָנגעטהאָן שבת'דיג און אויסגעצוואָגען די קינדער. דערנאָך האָט זי אָפּגעקאָכט אויף וועטשערע א מאָל־צייט, וואָס איהם וואָלט געמעגט עסען דער קייסער. עפּעלבוים'ס עלטערער בחור לוי, א חכם א יונגאטש, — אין שטוב האָט מען איהם גערופען „רב לוי" — האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטען פון התפּעלות און האָט א בורקע געגעבען, אויפשטעהענדיג פון טיש און גלעטענדיג זיך דאָס בייכעל, אז עס וואָלט גאָר ניט געשאָדט, אז אלע טאָג זאָלען זיין אזעלכע געסט און מע זאָל קאָכען אזעלכע גוטע מאָלצייטען. האָט איהם משה עפּעלבוים געשענקט א פּאטש און האָט איהם א זאָג געגעבען, אז ס'וואָלט גאָר ניט געשאָדט, אז ער, רב לוי, זאָל זיין א ביסעלע קליגער און זאָל ניט האָבען אזא לאנגע צונג. און צום „סעקרעטאר" האָט ער א זאָג געגעבען:

— ווי געפעלט אייך מיין קדיש, רב לוי? א פיינער תכשיט! קיין עין־הרע, א מושלם! מיין קאָפּ מעג שוין דעמאָלט ליגען אין דער ערד, ווען ער וועט קאָנען זאָגען נאָך מיר קדיש...

פונ'ם וויץ האָבען זיך אלע צעלאכט, און רב לוי אויך בתוכם. פון דעסטוועגען האָט די מוטער געפונען פאר נויטיג זיך אָננעמען די קריוודע פון איהר זוהן — פאָרט א מאמע! נאָר איהר אריינמישען זיך האָט שיער ארויסגערופען א קאָנפליקט. די פרוי עפּעלבוים איז געווען זיכער, — און זי האָט דאָס גאנץ אָפענטליך ארויסגעזאָגט, — אז איהר „קדיש" וועט קומען אין זיין טאטענ'ס יאָהרען, וועט ער האָבען פונקט אזוי פיעל שכל, וויפיעל דער טאטע זיינער.

— און אפשר נאָך מעהר, ווי דער טאטע! — האָט אונטער־געהאפּט רב לוי אליין, און דער פּאָטער איז געוואָרען אָנגעצונדען. א גליק, וואָס רב לוי האָט זיך באצייטענס אָפּגעטראָגען, אניט וואָלט געקאָנט זיין זעהר ניט שען. משה עפּעלבוים האָט זיך מודה געווען, אז חאָטש ער איז א געגנער פון „לייב־שטראָף" און חאָטש ער האַלט, אז שמייסען איז א בארבארישער מנהג, וואָס שטימט ניט איין מיט די „פּרינציפּען פון ציוויליזאציע", פון

מיט ווערטער. די צונג דאַרף אַרבייטען מעהר ווי דער קאָפּ. איהר דאַרפט פאַרשיטען יענעם מיט אַזוי פיעל ווערטער, אַז יענער זאָל ווערען צעטומעלט און זאָל פאַרלירען יעדען געדאַנק און יעדען פאַר־שטאַנד. דעמאָלט קאָנט איהר יענעם פאַרוואַרפען מיט טויזענטער גראַנאַטען פונ׳ם „סוואָר זאַקאָנאָוו״ און פון „קאַסאַציאָנע דעפּאַר־טאַמענט״, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. דאָס איז פאַר די ריכטער. און פון די קליענטען רעדט מען ניט. קליענטען זענען שאָף, וואָס לאָזען זיך שערען. בהמות, וואָל לאָזען זיך מעלקען. פערד, וואָס האָבען ליעב, אַז מע פאָהרט אויף זיי רייטענדיג. מיט זיי איז אוודאי ניטאָ וואָס צו צערעמאָניען זיך. זיי האַלטען ניט פון אַ צעווייקטער לעמעשקע, וואָס פּרעדיגט מאָראַל. זיי האָבען מעהר דרך־ארץ פאַר אַ נאַחאַל, איידער פאַר אַ געלעהרטען פּראָ־פעסאָר, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט זאַקאָנעס, ווי אַ זאַק מיט פּאָלאָווע. אויף דער גאַס טאָרט איהר זיך ניט באַווייזען אָהן אַ גרויסען פּאָרטפעל — איהר מעגט דאָרטען האַלטען אַלטע גאַזעטען, אָדער קויטיגע קעלנער מיט מאַנשעטען. און אין שטוב ביי זיך מעגט איהר זיך שפּיעלען מיט דער קאַץ גאַנצע טעג. נאָר אַז איהר דערהערט אַ קלונג, דאַרפט איהר זיך פאַרטיעפען אין אַ גראָבען בוך און זיך רייבען דעם שטערן. אַ קליענט טאָרט איהר ניט אַרויסלאָזען פון די הענט, ביז איהר׳ט איהם ניט אויסזויגען ביז׳ן סוף, און עס דאַרף ניט זיין אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס איהר זאָלט זאָגען „איך וויים ניט״ — וואָרום איהר ווייסט אַלץ!...

נאָך אַזאַ שענער לעקציע וואָלט דער פּראָפעסאָר פון דער דאָזיגער ביאָגראַפיע, דאַכט זיך, געמעגט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ מין נפש אָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָווערענע״ משה עפּעלבוים איז. האָט אָבער דער עפּעלבוים געהאַט אַזאַ קלוג, סימפּאַטיש פּנים, אַז ער האָט אייך פאַר׳כשופ׳ט מיט זיינע אויגען און אונטער־נעקויפט מיט זיין רעדען, און ניט ווילענדיג זענט איהר געוואָרען זיינער מיט לייב און לעבען. דעם זעלבען אויפדערנאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעדרימעלט, האָט ער גענומען דאָס

געזעהען גלייך, ווי דאָס פּאָרפּאָלק איז נאָר־וואָס נאָך דער חתונה אויף זייער ערשטער האָכציימס־רייזע, און נישט האָבענדיג וואָס צו טהון, בייט מען זיך מיט זיסע קאָמפּלימענטען. אַלערליי מענטשען זענען פאַרהאַן אויף גאָט'ס וועלט און אַלערליי אידיליעס !...

נאָך דער גרויסאַרטיגער וועטשערע האָט דער „פּריסיאַזשנע פּאָוויערענע" עפּעלבוים אוועקגעזעצט זיין גאַסט און זיין „סעקרעטאר" צום שרייבטיש, געגעבען איהם איבערשרייבען אַ פּאַפּיער, און אַליין האָט ער זיך צוגעשפּאַרט האַפּען אַ דרימעל. איבערגעדרימעלט זיך, האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט פאַרבונדען אַ שמועס מיט זיין יונגען „סעקרעטאַר". דער שמועס איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ס'וואָלט געווען, כּלעבען, איין עבירה פאַר גאָט איהם דורכצולאָזען אומבאַמערקט. עס איז שווער איהם איבערצוגעבען נאָך אַזוי פיעל יאָהרען בוכשטעבליך. נאָר דער אינהאַלט, דער תּמצית פון איהם, איז געווען לערך אָט אויף דעם שטייגער:

— הערט זשע אויס, יונגערמאַן, די מעשה דערפון איז אַזוי: איהר זענט אַ יונגעל, זעה איך, נישט קיין גרויסער נאַר און איהר האָט אַ שען הענטעל צום שרייבען, און אַ צינגעל אויף צו רעדען רוסיש האָט איהר אויך — אַלע סימנים, אַז אייער באַגעהר קאָן דערפילט ווערען. דאָס הייסט, איהר זענט אַ געבוירענער אַדוואָקאַט. דאַרפט איהר אָבער זעהען איין זאַך — איהר זאָלט וועלען. אַז איהר'ט וועלען, וועט איהר זיין. קענטעניש איז אַ ביי־זאַך. דער עיקר — איהר טאָרט ניט אַראָפּפּאַלען ביי זיך, טאָמער קאָן יענער בעסער פון אייך. איהר באַדאַרפט מיט אייער צינגעל צעקלאַפּען יענעמ'ס קענטעניש. איהר טאָרט ניט באַווייזען איין מינוט, איין רגע, אַז איהר האָט דרך־ארץ פאַר אַ גרעסערען. וואָרום איהר זענט דער גרעסטער. איהר דאַרפט האַלטען אין איין שיטען

קומט צו איהר מאן אלס סעקרעטאר? און וואס געהער ער זיך
אן מיט בראָדסקין? — „מיט וואָסער בראָדסקין?" — „מיט'ן
קיעווער מיליאָנער בראָדסקי"... — „וואס פאר א מחותן איז דאָ
בראָדסקי?"... — „איז בראָדסקי ניט אייערער א פעטער?" —
„וואס איז אייך עפּיס געפעלען, אז בראָדסקי דארף מיר זיין א
פעטער?"... — „וואָס דען קעהר ער אייך אָן?" — „ווער?"... —
„בראָדסקי". — „וואָס, ווילט איהר, זאָל ער מיר אָנקעהרען?"...

א קורצע פויזע. ביידע קוקען זיך אָן איינס דאָס אנדערע
העכסט פארוואונדערט. יעדער מיט זיינע געדאנקען. אין א
מינוט ארום פרעגט די פרוי עפּעלבוים ביי'ם „סעקרעטאר"
ווידער א מאָל: „אזוי? איהר האָט ניט געדיענט אויך ביי
בראָדסקין?" — „וואס פאלט אייך איין, אז איך האָב באדארפט
דיענען ביי בראָדסקין?" — „און איהר קענט איהם גאָר אפילו
ניט?" — „ווען?" — „טפו זאָל דאָס ווערען! מע רעדט און
מע רעדט — און מע קאָן זיך ניט דעררעדען! זאָגט מיר חאָטש,
ווער זענט איהר און ווי קומט איהר אהער?"...

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט אויף אונזער נאאיוועןן העלד
געוואַרט א נייער סורפּריז: זיין פּאטראָן משה עפּעלבוים האָט
זיך נאָך ניט אומגעקעהרט פון קלוב. „רב לוי" האָט געהאט איין
ארבייט — געהן אין קלוב אריין רופען דעם טאטען אהיים עסען
וואַרעמעס. האָט רב לוי אָבער קיין חשק ניט געהאט צו חאפּען
אומזיסטע פעטש אויפ'ן ניכטערען הארצען. האָט איהם די מוטער
געמוזט באצאָהלען „שכר פעטש" מיט איין אוואנסעל. און רב
לוי האָט געבראכט א ידיעה, אז דער טאטע זיינער איז אין דער
פריה אָפּגעפאָהרען פון קלוב גלייך צום וואָקזאל, און פון דאָרטען —
קיין קיעוו.

פאר אונזער העלד איז דאָס געווען איין איבערראשונג פון
א דונער אין א שענעם זונענטאָג מיט א בלויען הימעל. עס איז

שטעקעל מיט'ן פּאָרטפעל און האָט זיך געקלויבען ערגיץ געהן. און דאָ איז ארויסגעשפּרונגען ווידער אַ קאָנפליקט צווישען די ליעבע און געטרייע מאַן און ווייב. דאָס ווייב האָט אַ פרעג גע־געבען בּיי איהר מאַן, וואוהין ער געהט. דער מאַן האָט געענטפערט, אַז אין קלוב אריין אויף איין האַלבע שעה. ער דאַרף זיך דאָרטען זעהען מיט אַ מענטשען. האָט איהם דערויף דאָס ווייב באַמערקט, אַז איהר איז באַקאַנט זיין האַלבע שעה; הלואי ער זאָל קומען חאָטש מאָרגען צו וואַרעמעס... און דער מענטש, וואָס ער דאַרף זיך מיט איהם זעהען, איז איהר אויך גאַנץ גוט באַקאַנט. דאָס איז ניט קיין מענטש, זאָגט זי, נאָר מענטשעלעך, לויטער מלכים און מלכּות און וואַלעטען...

— און טייז האָסט דו, אפּנים, פאַרגעסען רעכענען, מיין טייערע, טייז!... וואָס פאַר אַ שפּיעל איז עס אָהן טייז?...

דאָס ווייב ענטפערט איהם דערויף גאָרניט. נאָר זי גיט אויף איהם אַזאַ קוק, אַז איין אַנדער מאַן אויף זיין אָרט וואָלט בּעסער אריין אין דער ערד אַ לעבּעדיגער. נאָר משה עפּעלבּוים מאַכט זיך דערפון. ער געהט־צו צו זיין יונגען „סעקרעטאַר", בּויגט זיך אָן צו איהם, ווי ער שרייבּט, און טהוט איהם שטילער־הייט אַ פרעג, וויפיעל האָט ער בּיי זיך געלט? טהוט זיך דער „סעקרעטאַר" אַ חאַפּ בּיי דער קעשענע און באַווייזט, וויפיעל געלט ער האָט. טהוט עפּעלבּוים אַ ווייזע אַ טראַכט, דערנאָך ציהט ער אויס די האַנט צום „סעקרעטאַר".

— אפשר קאָנט איהר מיר דאָס אויסלייהען אויף אַ פּאָר מינוט? איכ'ל דאָס אייך היינט נאָך אָפּגעבּען, צוריקקומענדיג פון קלוב.

— אָך! מיט'ן גרעסטען כּבוד! — האָט איהם געענטפערט דער „סעקרעטאַר" און אַוועקגעגעבּען איהם דאָס גאַנצע בּיסעל מזומנ'ס.

נאָך דעם אַוועקגאַנג פון משה עפּעלבּוים האָט די מאַדאַם עפּעלבּוים גענומען דעם „סעקרעטאַר" אויסצופרעגען, ווי אַזוי ער

21

די „וויבאָרעס"

ווי אזוי מע קלויבט א ראבינער. — דער פריהעריגער ראבינער איז לובען — איין אלטער באקאנטער. — רב נחמן כהנא פראטעזשירט דעם יונגען קאנדידאט. — ער האלט א דרשה און נעמט שטארק אוים ביי'ם עולם. — „מזל טוב, איזבראן יעדינאגלאסנא". — א מופת פאר גויים. — ער קומט קיין פערעיאסלאוו, און די שמחה ווערט איהם דארט פארשטעהרט. — ער גיט זיך דאס ווארט, אז ער וועט ניט זיין ווי אלע.

לובען — דאָס איז דער נאָמען פון דער שטאָדט, וואו מע האָט פארלאנגט א נייעם ראבינער.

דאָס וואָרט „פארלאנגט" איז, מאָהלט אייך, ניט מעהר ווי א מליצה. א שטאָדט פארלאנגט אזוי א ראבינער, ווי, אשטייגער, מע פארלאנגט א קברות־מאן. דער גאנצער אינסטיטוט פון „קאזיאָנע רבנים" איז, אייגענטליך, איין אָנגעהאנגענער פון דער רעגיערונג אויף די רוסישע אידען, און זיי האלטען זיך מיט איהם, ווי מיט עפּיס רעכטס. שענער פון אלס־דינג איז דאָס, וואָס א „קאזיאָנער רב" ווערט ניט געשיקט דירעקט פון דער רעגיערונג צו געוועלטיגען אויף די אידען, נאָר די אידען אליין באדארפען איהם אויסקלויבען דורך וואהלען („וויבאָרעס") פון קהל. נאָר די וואהלען גופא זענען בעל־כּרחם, געצווּנגען פון אויבען. דאָס הייסט, „נאטשאלסטווע" שרייבט־אריין צו קהל א פאפּיער, אז דעמאָלט און דעמאָלט זאָלען זיך די אידען צונויפ־

געוועזן ביידע זאכען: א קרענק אין בויך און א שאנד אין פנים. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך גענומען צעפּרעגען זיך אויף זיין פּאטראָן, און איז געוואוירע געוואָרען, אז עפּעלבוים איז נאָך דערווייל קיינמאָל ניט געוועזן קיין „פּריסיאזשנע פּאָווערענע". ער איז נאָר א „חאָדאָטאַי", א טיפּ פון יענעם מין, וואָס מע רופט זיי „ווינקעל־אדוואָקאטען", און אז מע דערמאָנט דעם נאָמען עפּעלבוים אין ביעלאָצערקאָוו, דערמאָנט מען איהם ניט אנדערש, ווי מיט א שמייכעל... דערווייל האָט די לאַנגע פון אונזער יונגען העלד אָנגעהויבען צו ווערען טרויעריג. עס האָט געבלאָזען דערויף, אז ער זאָל אין גיכען ווידער א מאָל פּארזוכען דעם טעם פון הונגער... מיט א פּארביטערט הארץ האָט ער זיך אוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבען צום טאטען קיין פּערעיאסלאוו א לאנגען בריעף מיט א שענער מליצה־שפּראַך. די מליצה, קאָן מען זאָגען, האָט איהם ארויסגעראטעוועט. מיט מליצה קאָן מען א סך שרייבען און ווינציג זאָגען... ערשט צום סוף בריעף האָט ער אריינגע־וואָרפען א פּאָר ווערטער, אז ער וואָלט זיך דורכגעפאָהרען אהיים, ער זאָל האָבען געגוג קליינגעלט אויף הוצאות־הדרך... און גאָר נישט לאנג געוואָרט, קומט איהם אָן פון פּאָטער א געלט־בריעף אויף עטליכע רובעל מיט א באפויל, ער זאָל זיך צואיילען און קומען וואָס גיכער, וואָרום עס האָט זיך געעפענט א וואקאנסיע אויף ראבינער אין א שטאָדט ניט ווייט פון פּערעיאסלאוו, און אז ער האָט גוטע שאנסען צו פּארנעמען די שטעלע. און אויסגעלאָזט האָט ער זיין בריעף צום זוהן אויך מיט א מליצה: „ע ו ש ה! ח ו ש ה! ע ו פ ה כ ח ץ מ ק ש ת כ ע ל כ נ פ י נ ש ר י ם! מ ה ר א ל ת ב י ט א ח ר י ך! ע ל ה ו ה צ ל ח!"... דאָס וועט הייסען אויף אונזער אידיש לשון: „אייל זיך! חאַפּ זיך! פליה פייל אויס'ן בויגען, ווי אויף די פליגלען פון איין אָדלער! גיכער! זאָלסט זיך גאָר ניט ארומקוקען! קום און זיי מצליח!"...

געפעלט זיי ניט, זאָגען זיי: „געה געזונטערהייט, דו ביזט אונז ניט געפעלען". דעם ראַבּינער רודערמאַן האָבּען זיי שוין לאַנג געזאָגט, און דווקא ניט זעהר פאַרשטעלט, אז ער מעג זיך זוכען איין אנדער שטאָדט. און טאָמער וועט ער מיינען, אז זיי טרייבען מיט איהם קאַטאָוועס, האָבּען זיי זיין אָרט אין בית־המדרש פאַר־דונגען צו א בעל־הבית, אזוי אז דער ראַבּינער איז געקומען שבּת אין שוהל אריין, האָט ער ניט געהאַט וואו צו זיצען, און האָט געמוזט אויסשטעהן די גאַנצע צייט אויף די פיס. דעם צווייטען שבּת איז ער שוין דערפאַר געקומען מיט „פּאָליציע" און האָט מיט תּקיפות און מיט גבורה איינגענומען זיין שטאָדט אויבּען־אָן אין מזרח־וואַנט — און מע קאָן זיך גרינג פאָרשטעלען דעם עפעקט מיט'ן חן, וואָס עס האָט געהאַט. די גאַנצע וועלט האָט געוואוסט פון דעם פאַקט. וואָרום א חוץ, וואָס די גאַנצע מעשה איז געוועזן באשריבּען אינ'ם „המליץ", האָט נאָך דער רעדאַקטאָר צעדערבּוים צוגעגעבּען פון זיך מיט גאַנץ קליינע אותיות'לעך א „הערת המו"ל" — א באַמערקונג פונ'ם רעדאַקטאָר, וואָס פאַרנעמט פונקט דריי מאָל אזוי פיעל, ווי די קאָרעספּאָנדענציע. דאָרט גיט ער אוועק א גאָב סאַי דעם ראַבּינער, סאַי דעם איבּעריגען עולם, און מוסר'ט זיי פאַר'ן חלול־השם, וואָס זיי האָבּען דערלאָזט פּאָליציע אין א מקום קדוש. און לאָזען לאָזט ער אויס מיט א „וכן לא יעשה" — אזוי טהוט מען ניט, און פאַרענדיגט מיט א פּאָר מדרשים, מיט א פּסוק און מיט א מליצה פון דער מגילה: „וכדי בּזיון וקצף". צעדערבּוים, עליו השלום, איז דערויף געוועזן א מייסטער!

פון דעסטוועגען האָט רודערמאַן ניט אויפגעגעבּען זיין קאַנ־דידאַטור אויף לובּענער רבּנות. און אויך די איבּעריגע קאַנדי־דאַטען האָבּען געאַרבּייט יעדער מיט זיין צד, און יעדער צד אויף זיינע כּלים, און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבּען. נאָר שוין כּמעט גאָר צו־לעצט, א פּאָר טעג פאַר די „וויבּאָרעס", איז ווי פונ'ם הימעל אראָפּגעפאַלען דער העלד פון דער דאָזיגער בּיאָגראַפיע מיט

זאמלען דאָרטען און דאָרטען און זאָלען זיך אויסקלויבען א ראַבינער. און עס טהוען זיך א לאָז קאַנדידאַטען. יעדער קאַנדידאַט האָט זיך זיין צד, און יעדער צד האָט זיך זיינע בּלי־זין מיט זיינע מיטלען, מיט וואָס צו נעמען דעם עולם. איינער האָט א שענע פּראָטעקציע. דער אַנדערער אַרבּייט מיט געלט. דער דריטער — מיט א גלעזעל משקה. שלאָפען שלאָפט קיינער ניט. אין שטאָדט קאָכט עס, און עס רעדעלט זיך. חברה היצען זיך, עס איז א גדולה אויף דער אידישער גאַס, א שמחה — מע קלויבּט א ראַבּינער. מע באַלאָטירט. מע וואַרפט גאַלקעס. עס איז חי־געלעבּט! אמאָל ציהט זיך עס אזוי אוועק וואָכען. אמאָל — חדשים. כּדי די „וויבּאָרעס" זאָלען צוגעהן כּשר, ווערט צוגעשיקט א „קנעפּעל", וואָס גיט אכטונג, אז ס'זאָלען ניט פּאָרקומען חלילה קיין שום פאַלשקייטען בּיי'ם צעהלען די גאַלקעס. און ערשט נאָך די וואַהלען הויבּט זיך אָן די רעכטע חתונה. אזוי ווי דער גובּערנאַטאָר בּאַדאַרף דעם אויסוואַהל בּאַ־שטעטיגען, הויבּען־אָן צו געהן אין דער גובּערנסקי פּראַווליעניע מסירות מיט קאַסאַציעס פון די נישט־אויסגעקלויבּענע קאַנדידאַטען, און אויב די „וויבּאָרעס" ווערען קאַסירט, הויבּט זיך אָן די שמחה נאָך א מאָל פון אָנהויבּ. נייע קאַנדידאַטען, נייע צדדים, נייע „וויבּאָרעס", נייע מסירות מיט נייע קאַסאַציעס...

צווישען די פּאַרשוינען, וואָס האָבּען אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַטור אויף רבנות אין לובּען, איז געווען אויך דער פּריי־העריגער ראַבּינער. אויבּ איהר געדענקט, איז דאָס געווען משה־דוד דעם מלמד'ס זוהן, שמעון רודערמאַן, אָט דער, וואָס האָט געהאַלטען אין פּערעיאַסלאַוו בּיי שמד'ען זיך און אידען האָבּען איהם אַרויסגעראַטעוועט און אָפּגעשיקט אין דער ראַבּינער־שול אין זשיטאָמיר. דער דאָזיגער ראַבּינער האָט, אַפּנים, ניט שטאַרק אויסגענומען אין לובּען. דער עולם האָט אַרויסגעקוקט אויף די „וויבּאָרעס", ווי אויף משיח'ען. די לובּענער אידען ווייסען ניט פון קיין פּאָליטיק און פון קיין חכמות. זיי, אז עס געפעלט א מענטש, זאָגען זיי איהם: „בּיזט אונז געפעלען". און אז עס

יאסלאוו, וואו ער איז געווען אמאל מיט א יאהר עטליכע און זעכציג צוריק. דעמאלט איז דאס געווען א אידישע שטאדט — ווי האלט דאס דארט איצט מיט אידישקייט?

— עס האלט זעהר גוט! — ענטפערט איהם דער גאסט און זאגט זיך אפ פונ'ם לעקאכעל, ניט אזוי איבער'ן „מזונות", ווי איבער דעם, וואס נאכדעם וועט מען מסתמא איהם הייסען מאכען די „ברכה אחרונה" — און ער האט זי קיינמאל נישט געקענט אויסווענינג... פאר'ן אוועקגעהן האט איהם דער אלטער כהנא געבענטשט, ער זאל זיין מצליח. און ער וועט, אם ירצה שם, געוויס מצליח זיין, ווארום ער, אז ער בענטשט, — אזוי האט איהם דער אלטער פארזיכערט — ווערט מקוים, ווארום ער איז א כהן...

דעם זעלבען טאג איז ארויס א קלאנג אין שטאדט, אז ס'איז צוגעקומען נאך א קאנדידאט אויף ראבינער. נאך גאר א יונגער, א בחור'על, נאר א חברה־מאן מיט אלע מעלות. ערשטענס, א „טאטענ'ס א קינד". רב נחמן כהנא'ס איין אייגענער. הייננט א בעל־תנ"ך, און א כתבא רבה, און איז קלאר אין ש"ס און פוסקים. און אזוי ווי די פאנטאזיע האט זיך שוין צעהיצט, האבען אייניגע צוגעלעגט, אז ער האט סמיכות אויף רבנות, און אז ער קאן פסק'ענען שאלות, און אז ער וועט אייך פארשטעקען אין גארטעל דעם רב מיט נאך דריי אזעלכע, ווי דער רב, — הכלל, עפים טאקי א פויגעל פון פויגעללאנד! אז ער האט זיך באוויזען אין גאס, צווישען די קלייטען, האט מען אויף איהם געטייט מיט די פינגער, און ער האט געהערט הינטער זיינע פלייצעס רעדען:

— אט דאס איז ער?

— ווער?

— דער נייער ראבינער.

— אזא צוציק?

— דער מאמע'ס מילך נאך ניט אויסגעטריקענט.

א בריוועל פונ׳ם פּעטער פּיני צו זיינעם א מחותּן, איינעם פון די פיינסטע בעלי־בתּים אין לובען, מיט׳ן נאָמען רב נחמן כּהנא. דאָס איז געווען א זקן, א מיוחס און א נגיד. אזא איד פארנעמט אין שוהל דעם אויבען־אָן. דער חזן וואגט ניט געהן ווייטער, ביז רב נחמן שטעהט ניט אוים שמונה־עשרה — עס מעג זיך ציהען אייביג. אז עס מאכט זיך, רב נחמן פארשפּעטיגט זיך קומען אין שוהל אריין (און דאָס טרעפט זיך מיט איהם כּמעט אלע שבּת), שיקט ער א שליח, מע זאָל אויף איהם ניט ווארטען. דער עולם פאר־שטעהט אָבער דרך־ארץ, אז ער מיינט מסתּמא, אז מע זאָל יאָ אויף איהם ווארטען מיט׳ן דאווּנען. מיט איינעם וואָרט, דאָס איז געווען א איד א צאצקע, וואָס מע מעג זאָגען אויף איהם „תּורה וגדולה בּמקום אחד״.

געטראָפען האָט איהם דער יונגער קאנדידאט זיצען איבּער א משניות. איבּערגעלייענט דעם פּעטער פּיני׳ס בּריוועל, האָט דער אלטער כּהנא צורעכט געמאכט די בּרילען און גענומען בּא־טראכטען דעם בּחור פון קאָפּ בּיז פּיס. עס האָט אויסגעזעהען, אז דער חברה־מאן האָט מיט זיין קורץ וווייטיקעל ניט אזוי שטארק נושא חן געווען בּיי דעם שענעם אידען. נאָר דער זכות פונ׳ם פּעטער פּיני איז איהם בּייגעשטאנען, און ער האָט איהם געבּעטען זיצען. צערעדט זיך מיט׳ן גאסט און דערזעהען, אז דער בּחור איז ניט קיין עם־הארץ אין די קליינע אותיות, ניט שטארק ווייט פון א פּרק משניות, און אז ער רעדט, ווארפט ער גאָר אריין א לשון־קודש־וואָרט, האָט זיך דער אלטער צעשמייכעלט און האָט א זאָג געגעבּען, מע זאָל דערלאנגען עפּיס פארבּייסען. און עס איז אריינגעטראָגען געוואָרען א טעצעל. אויפ׳ן טעצעל איז געשטאנען א שעלכעל, און אינ׳ם שעלכעל איז געלעגען, איינס אליין, ווי א יתומה׳לע, א צוקערלעקאכעל. און אינ׳ם צוקערלעקאכעל האָט געשטעקט א ראָזינקע.

— מאכט מזונות! — רופט זיך אָן דער אלטער גביר און צעפרעגט זיך בּיי׳ם יונגען קאנדידאט אויף דער שטאָדט פּערע־

— וואָס זשע זאָגט מען, אז דער עולם האָט געלעקט די פינגער?

— אויב איהר׳ט קיין פּאַראיבּעל ניט האָבּען, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה.

— מהכתיתי. אבּי עס האָט א שייכות אהער. — האָט דער אַלטער כּהנא זיך צוגעגרייט הערען, אָנגעטהאָן די ברילען, און דער ראַבּינער האָט אָנגעהויבּען בזה הלשון:

די מעשה, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען, איז מיט, להבדיל, א גלח. א יונגער גלח, נאָר־וואָס פון דער נאָדעל ארויס, איז גע־קומען צום מיטראָפּאָליט, ער זאָל איהם בּענטשען און זאָגען, וואָס ער האָט צו רעדען חגא פאַר די גויים אין קלויסטער. האָט איהם דער מיטראָפּאָליט געבּענטשט און געזאָגט, אז ער זאָל די גויים דערצעהלען מופתים פון היילינגע. למשל, דעם מופת פון די פערציג הייליגע, וואָס האָבּען געבּלאָנזעט אין וואַלד דריי טעג מיט דריי נעכט, שיער ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער. האָט גאָט בּאַוויזען א מופת — זיי האָבּען געפונען א בּרויט. האָבּען זיך אַלע פערציג הייליגע אָנעקגעזעצט עסען דאָס בּרויט. האָבּען זיי געגעסען און געגעסען, געגעסען און געגעסען, — און ס׳איז נאָך איבּערגעבּליבּען אויף מאָרגען... אז ס׳איז געקומען חגא, האָט דער יונגער גלח אין קלויסטער פאַר די גויים איבּערדערצעהלט דעם מופת, נאָר א בּיסעל אַנדערש. איינער א הייליגער האָט געבּלאָנזעט אין א וואַלד דריי טעג און דריי נעכט, שיער ניט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, האָט גאָט בּאַוויזען א מופת — ער האָט געפונען פערציג בּרויט. האָט ער זיך אָנעקגעזעצט עסען, האָט ער געגעסען און געגעסען, געגעסען און געגעסען — און ס׳איז נאָך איבּערגעבּליבּען אויף מאָרגען... שפּעטער, אז דער מיטראָפּאָליט האָט איהם פירגעהאַלטען, ווי אַזוי מאַכט דאָס א גלח אַזא מיאוסען טעות? האָט איהם דער יונגער גלח געענטפערט:

— פאַר אָט די גויים איז דאָס אויך א מופת...

— און וואָסערע לאַנגע האָר ער טראָגט!

— לאַנגע האָר, קורצער שכל...

פון דעסטוועגן האָט ער געהאַט גענוג שכל אין איין טאָג אָפּשטאַטען אַ האַלב טוץ וויזיטען צו די „פּני“, צו דעם סאַמע צימעס פון שטאָדט — צו די באַכמוצקים, צו די קאַניעווסקים, צו די ראַגאַטשעווסקים און צו די אַלע איבעריגע פאַרשטעהער פון דער לובענער בורזשואַזיע. און טאָמער איז קאַרג, איז ער דעם שבת וואָס פאַר די „וויבאָרעס“ געווען אין שוהל. האָט מען איהם אוועקגעזעצט אויבען־אָן, גוט אָנגעקוקט זיך, אָפּגעשטעקט איהם אַ פּאָר הונדערט שלום־עליכמס און אויפגערופען מפטיר.

דאָס איז געווען אַ מין עקזאַמען. און דער חברה־מאַן האָט אוועקגעלעגט אַ הפטרה, איז דאָס שוין געווען איין מאָל אַ הפטרה! נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט אַקעגען דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטהאָן ביי די „וויבאָרעס“. און אָפּגעטהאָן האָט זיך אָט וואָס: דער זאַל פון דער „אופּראַווע“ איז געווען פול מיט אידען, און מע האָט שוין באַדאַרפט צוטרעטען צו די וואַהלען, קומט־אַרויס דער יונגסטער פון די קאַנדידאַטען מיט אַ רעדעניש, און דוקא אויף רוסיש, אויסגעמישט מיט פּסוקים פון תּנ״ך און מיט אַ משל און מיט אַ מדרש, וואָס האָבען זיך געקלעפּט צום ענין, פּונקט ווי איין אַרבעס צו דער וואַנט. נאָר די „דרשה“ האָט אַזוי אויס־גענומען, אַז דער יונגער קאַנדידאַט איז אויסגעקלויבען געוואָרען פאַר ראַבינער פונ׳ם גאַנצען עולם גאָר אָהן גאַלקעס. באַלד איז אוועק אַ דעפּעש אהיים: „מזל־טוב, איזבראַן יעדינאָגלאַסנאָ“. און אַליין איז דער אויסדערוועהלטער יונגער ראַבינער אוועק צום אַלטען רב נחמן כּהנא אָפּדאַנקען זיך. דער אַלטער איז באמת געווען געריהרט, וואָס זיין פּראָטעקציע האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג. ער איז אַ בעלן געווען בעטען דעם ראַבינער, ער זאָל איהם איבער־דערצעהלען די דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר׳ן עולם. האָט איהם דער ראַבינער געענטפערט, אַז ער וואָלט דאָס איהם מיט פאַרגעניגען איבערדערצעהלט, איז ניטאָ וואָס צו הערען.

טעלערלעקער בײַ די נגידים און אַ טשינאָווניק בײַ דער רעגירונג. און צווייטענס — איין אָרענטליכער מענטש געהט ניט צונעמען יענעמ'ס פּרנסה, רײַסט ניט ווי אַ הונט בײַ'ם אַנדערען דעם בײַן פון די צייהן...

קורצע, נאָר שאַרפע דבורים. אונזער העלד פיהלט, אַז אין די ווערטער ליגט אַ שטיק אמת. און ער דערמאַנט זיך אַ בילד, ווי אַזוי ער האָט דעם טאָג פון די „וויבאָרעס" באַגעגענט זיך מיט'ן לובענער עקס־ראַבינער שמעון רודערמאַן, ווי אַזוי יענער איז געוואָרען בלאַס, די אויגען צעשראָקען, גלייך ווי זיי וואָלטען פרעגען: „וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר?"... אַזוי טראַגיש זעהט־אויס אַ הונט, וואָס איז פון אַנדערע הינט צעריסען און צעביסען און אַרויסגעיאָגט געוואָרען אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט. עס האָט איהם פון דעם באַגעגעניש פאַרקלעהמט דאָס האַרץ. איין מינוט איז געוועזן אַזעלכע, וואָס ער איז גרייט געוועזן פאַלען דעם אומגליקליכען שמעון רודערמאַן אויפ'ן האַלז, איהם בעטען מחילה און אָפּטרעטען איהם די שטאָדט לובען מיט איהרע שענע בעלי־בתּים און מיט דער קאַנדידאַטור אויף רבנות... דאָס וואָלט געוועזן מענטשליך, שוין צו מענטשליך... האָט עס אָבער מעהר ניט געדויערט ווי איין מינוט. באַלד איז אַרויס דער עגאָ־איסט, דער „איך" — און דער „איך" האָט גובר געוועזן...

מיט וואָסער אַ האַרץ דער העלד איז אַוועק פון זיין חבר זאָלאָטושקין — קאָן מען זיך משער זיין. וואָס קאָן זיין ערגער פון דעם, אַז איך ווייס, אַז יענער איז גערעכט און איך בין אומ־גערעכט?... בײַ טשעכאָווען איז פאַרהאַן דערויף דער ריכטיגער אויסדרוק: „ער האָט זיך געפיהלט, ווי איינער, וואָס האָט געגעסען זייף"... איין זאַך נאָר האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטעהן: פאַר וואָס מוז אַ ראַבינער זיין דוקא אַ היפּאָקריט, און דוקא אַ טעלערלעקער בײַ די נגידים און אַ טשינאָווניק בײַ דער רעגירונג?... און ער גיט

דער אַלטער כּהנא איז צעשמאָלצען געוואָרען פאַר גלעכטער. ער האָט זיך משמח געווען מיט'ן ראַבּינער, געקלויבּען תּענוג, טאַקי ווי איין אייגענער. ניט לאַנג האָט עס אָבּער געדויערט. עס איז איהם גלייך פאַרשטעהרט געוואָרען די שמחה, ווי מיר וועלען דאָס ווייטער זעהען. דערווייל פאָהרען מיר זיך דורך מיט'ן יונגען ראַבּינער אין זיין געבּורטסשטאָדט, אין פערעיאַסלאַוו.

פאָרגעשטעלט האָט זיך אונזער העלד, אַז פּערעיאַסלאַוו וועט געהן חאָדאָראָם מיט זיינע „וויבּאָרעם". אַ קליינינקייט — אַזאַ ערפאָלג, און בּיי אָט די יאָהרען! צום סוף — גאָרנישט מיט גאָרנישט. געפרעהט האָט זיך נאָר די משפחה. און אויך ניט אינגאַנצען. די שמחה וועט ערשט זיין, אַז דער גובּערנאַטאָר וועט די „וויבּאָרעם" בּאַשטעטיגען. דערווייל הענגט דאָס נאָך אין לופטען. מע דאַרף זיך דורכפאָהרען אין דער גובּערניע, קיין פּאָלטאַווע — חלאָפּאָטשען, שמירען... דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אויף אָפּצוקיהלען די געהויבּענע שטימונג. און טאָמער איז קאַרג, בּאַדאַרף זיך דער העלד בּאַגעגענען מיט חייטע רודערמאַן, דעם לובּענער ראַבּינער'ס יונגערען בּרודער. חייטע געהט זיך אַזוי בּרייטליך, די הענט אַרונטער, דאָס געלע אויבּערדעקעל אויף די אַקסלען אָהן די אַרבּעל. ניט פיהלענדיג זיך אין קיין זאַך שולדיג, ציהט איהם אויס אונזער העלד די האַנט. יענער ריהרט ניט מיט קיין האַנט, טרעט־אָפּ אויף אַ זייט און געהט־דורך פאַרבּיי, ווי איין אומבּאַקאַנטער... „אַ בּרודער פאַר אַ בּרודער" — טראַכט זיך דער בּאַלעדיגטער, געפינט אַ זכות אויף זיין חבר דעם בּאַ־לעדיגער און לויפט־אַוועק אויסגיסען זיין האַרץ פאַר איין אַנדער חבר, פאַר אברהמעל זאַלאַטושקינען. לאָזט זיך אויס, אַז זאַלאָ־טושקין, חאָטש ער איז מיט חייטע רודערמאַן אויף מעסערשטעך, דאָך גיט ער אָפּ דעם גערעכט חייטען און זאָגט דעם העלד אין די אויגען, אַז אַ רעכטער מענטש טאָר איהם איצט די האַנט ניט געבּען. איבּער צוויי טעמים: ערשטענס — דערפאַר, וואָס ער איז אַ ראַבּינער, און אַ ראַבּינער איז אַ צבועק, אַ היפּאָקריט, אַ

איינינע מיטגליעדער פון שלום־עליכמ'ס פאמיליע האפען דאך די ביאגראפיע פון דעם פאלקסדיכטער — אויב נישט אין דער זעלטענער דיכ־טערישער פארם, צו וועלכער ער איז נאר אליין געווען בארופען, איז חאטש אין דעם אמת'ען ליכט פון די ווירקליכע פאקטען און לעבענס־פאסירונגען — דערפיהרען ביז'ן סוף. צו דעם דאזיגען צוועק וועלען אויסגענוצט ווערען אלע די מאטעריאלען און רשימות, וואס שלום־עליכם האט געזאמעלט פאר זיין לעבען און האט זיי איבערגעלאזט אין גרויסער ארדענונג צווישען זיין ליטעררישער ירושה.

באמערקונג פון י. ד. בערקאוויטש].

זיך דאָס וואָרט, אַז ער וועט דאָס נ י ט זיין! אַז ער וועט זיין אַ ראַבינער ניט ווי אַלע... אַ מ ע נ ט ש א י ז ד אָ ס, וו אָ ס ע ר וו י ל ז י י ן!...

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

[מיט׳ן קאַפּיטעל „די וויבאַרעס“ ווערט איבערגעריסען אין רעכטען מיטען דאָס וואונדערליכע בוך פון שלום־עליכם׳ס לעבענס־געשיכטע, אין וועלכען ער האָט אַריינגעגעבען די בעסטע קרעפטען זיינע אין די לעצטע יאָהרען און האָט עס גערעכענט פאַר זיין „שיר־השירים“ — דער געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען. ווי עס שיינט, איז דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל געשריבען געוואָרען שוין אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען.

נאָכזוכענדיג אין די איבערגעבליבענע שריפטען פון שלום־עליכם אַלסדינג, וואָס האָט אַ וועלכע־עס־איז שייכות מיט׳ן בוך „פונ׳ם יאַריד“, האָט זיין פאַמיליע מעהר קיין געגצליך באַאַרבייטע קאַפּיטלעך פון דער אויטאָביאָגראַפיע ניט געפונען, אויסער אַ קורצע לעבענסבאַשרייבונג פון שלום־עליכם, געשריבען מיט יאָהרען צוריק פון איהם אַליין אין דער פאָרם פון אַ ב ר י ע ף צו אַ פ ר י י נ ט, און אויסער אַ קליינע הקדמה צום בוך „פונ׳ם יאַריד“, אין וועלכער דער פאַר־פאַסער דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק צו שרייבען זיין לעבענסגעשיכטע. אַנשטאָט דעם האָט מען געפונען ניט־קיין־באַאַרבייטע אויטאָ־ביאָגראַפישע מאַטעריאַלען און רשימות, וואָס האָבען געזאָלט דיענען ביי׳ם מייסטער אין די הענט אַלס לייהם און ציעגעל פאַר אַ גרויסען פּראַכטפולען בנין — פאַר אַ קאָלאָסאַלען בוך, וואָס האָט אפשר געקאָנט דערגרייכען ביז צ ע ה ן ב ע נ ד ע ר, וועלכע וואָלטען אַרומגענומען, צוזאַמען מיט׳ן פּער־זענליכען לעבען פונ׳ם דיכטער, אַ גאַנצע עפּאָכע פונ׳ם אידישען לעבען אין אייראָפּע און אַמעריקע.

די אידישע ליטעראַטור האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט — און דער דאָזיגער גרויס־געפּלאַנטער בנין וועט אַזוי בלייבען דערפיהרט נאָר ביז זיין דריטען שטאָק און וועט אַזוי בלייבען שטעהן אין אונזער אָרעמער גאַס ניט קיין געענדיגטער, אָהן אַ דאַך. דער מייסטער איז אין רעכטען מיטען פון זיין אַרבייט אַוועקגערופען געוואָרען.

צו מיין ביאָגראַפיע

(געשריבען אין יאהר 1903 צו מיין אינטימסטען פריינט י. ח. ראווניצקי)

צו מיין ביאָגראַפיע

1

ליעבסטער חבר, טייערסטער פריינט ראַווניצקי!

איהר ווילט, איך זאָל אייך געבען חאָטש אַ ביסעל רשימות צו מין ביאָגראַפיע? איך האָב זעהר מורא, צי איז בכלל ניט קיין איבעריגע זאַך די ביאָגראַפיע מיינע? אפשר איז נאָך אַ ביסעל צו פריה? דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָב איך חשק אַליין אָנשרייבען די געשיכטע פון מיין לעבען — אַ גאַנצען ספר *. און דריטענס, בין איך איצט, לא עליכם, שטאַרק פארטהאָן אין עסק. טאַקי אין ליטעראַטור. זינט איך שרייב בין איך נאָך קיינ־מאָל נישט געוועזען אַזוי פּראָדוקטיוו, אַזוי פרוכטבאַר, ווי אַצינד. צי גוט, צי שלעכט — נאָר סע שרייבט זיך אַ סך. און איהר ווייסט דאָך, ווי אַזוי איך בין מסוגל צו שרייבען — אפילו אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדעל און אויף אַ שאַרף פון אַ שווערט!... אַ חסרון — די צייט איז ניט גוט, און ביי אונזער פאָלק אין דרויסען איז חמאַרנע, גלוסט זיך ניט לאַכען, און אז סע לאַכט זיך — לאַכט זיך מיט יאַשטשערקעס... היינט דאָס איבערשרייבען זיך מיט אונזערע גדולים, די אידען און, להבדיל, די גויים — נעמט צו ביי מיר אַ נוזמא צייט. און דאָך האָב איך זיך אָפּגעריסען פון אייערטוועגען אַ גאַנצע שעה (רוצח!), און נאַט אייך נאָך אַ

---

* דעם ספר האב איך טאַקי אנגעהויבעז נאַכרעם צו שרייבעז אין איטאַליע מיט'ן נאַמעז „שלום־עליכם'ס ביאַגראַפיע, פון איהם אליין געשריבעז".

אנגעמערקט [פון שלום־עליכם] אין 1913.

מחשבות זרות, געדאַנקען !... איינער איז געװען צװישען אונז א חבר, איין עלטערער, אלי האָט ער געהייסען, אלי קיילי'ס, א יונגעל א חתן — האָט ער אונז דערצעהלט מעשיות, געװעקט ביי אונז דעם יצר־הרע, פאַרדאָרבען, געמאַכט אונז פאַר גרויסע... און נאָכדעם האָט דער רבי געזאָגט מוסר, און מיר האָבען געװיינט, געגאָסען מיט טרערען און געדאַװענט עהרליך, נישט געהיפּט, געשלאָגען זיך „אָשמנו" און געװיינט, געװיינט און תּשובה געטהאָן.

די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געװען פון קינדװייז־אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבען ביי מיר אויסגעזעהען װי שטעדט, הויפען — מדינות, בוימער — מענטשען, מיידלעך — בת־מלכּהס, רייכע יונגעליייט — פּרינצען, גראָז — חיל, שטעקעלקעס און קראָפּיװע — פּלשתּים, אדום און מואָב, און איך פלעג געהן אויף זיי מיט מלחמה (זעה „גרינס אויף שבועות").

אויפחאַפּען דאָס לעבעריגע פון יעדער זאַך און פון יעדען מענטשען — דאָס איז געװען ביי מיר כּמעט א חולאת. איך פלעג, ניט װילענדיג, נאָכמאַכען איטליכען באַזונדער. פון'ם רבין רב זרח מיט זרח'ליכען מיט אלע חברים מיט זייערע טאַטע־מאַמע ביז ברוך־בער דעם שכּור און, להבדיל, אָניסקאָ דעם סטאָראָזש מיט די אויסגעדרעהטע פיס — און פאַר אָט דעם נאָכמאַכען האָב איך געחאַפּט פּעטש, װי האָלץ. אין חדר בין איך געװען די „פאַרשלעפּטע קרענק" (דער קאָמיקער). אלע פלעגען לאַכען, ביז'ן טוידט לאַכען, א חוץ מיר. נאָר אין דער היים האָט די מאַמע באַמערקט מיינע שטיק, און פון דעמאָלט אָן האָט זי גענומען אויסקאָרעניען אין מיר די דאָזיגע תּנועות.

ביסעל רשימות. אפשר וועלען זיי אייך צונויז קומען ביי אייער ארבייט? און גאָט לאָז אייך זיין צו הילף!

אייער איבערגעבענסטער חבר

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

... אין א קליין שטעדטעל וואָראָנקאָ, ווי א טל־ומטר די גרויס, ניט ווייט פון דער שטאָדט פערעיאסלאוו (וואו איך בין אינ'ם יאָהר 1859 געבוירען) — דאָרט האָב איך פארבראכט די בעסטע גילדענע יאָהרען, מיינע ערשטע גוטע נארישע קינדערשע יאָהרען. אין דעם דאָזיגען קליינעם וואָראָנקאָ איז מיין פאָטער געווען דער מיוחס, דער גביר, דער גבאי ראשון פון אלע חברות — „רב נחום וועוויק'ס"! און מיר, רב נחום וועוויק'ס קינדער, — אויך נישט קיין קלייניגקייט! אלע שבת־צו־נאכטס איז געווען ביי אונז א מלוה־מלכה פאר דעם גאנצען שטעדטעל; אלע יום־טוב איז מען געקומען צו אונז אויף קידוש; אלע נייעס האָט מען געבראכט צו אונז און ארויסגעטראָגען פון אונז; א גלעזעל וויין האָט מען געטרונקען ביי אונז; פונ'ם רבין האָט מען גערעדט ביי אונז, פון פאָליטיק — ביי אונז, אלסדינג — ביי אונז. און אונז, נחום וועוויק'ס קינדער, האָט מען געהאלטען חשוב, געפיהרט בדרך־הישר, אָפּגעגעבען צום בעסטען מלמד, צו רב זרח'ען, און פרום זענען מיר געווען באמת.

איך געדענק נאָך אצינד דעם זיסען טעם פון די טרערען, וואָס מיר האָבען פארגאָסען פון אונזער רבינ'ס מוסר. אלע טאָג פלעגט אונז דער רבי רב זרח זאָגען א ביסעל מוסר, און מיר פלעגען זיך נאָכדעם, ביי'ם דאוונען, שלאָגען „אָשמנו" אויף אונזערע גרויסע זינד, וואָרום אינאיינעם מיט'ן פרומקייט זענען מיר געווען אויך גרויסע־גרויסע בעלי־עבירות: ליגנערס, נאשערס, נישט געפאָלגט דעם טאטען, געהיפּט אינ'ם דאוונען, גע'גנב'עט געלט פון דער צדקה־פושקע (זעה „דאָס מעסערעל"). היינט הרהורים,

מיר טרערען (זעה „ראַבטשיק״), און אפילו א קאַץ, וואָס איז גאָר א טמא, א שרץ, איז ביי מיר געווען טייער און ליעב. און פון קראַנקע אָרעמע קינדער שמועסט מען ניט (זעה „באַשעפעניש״).

דער חשק פון שרייבען — מערקווירדיג! — האָט זיך גע־נומען ביי מיר פון דעם רבין רב זרח׳ס זעלטען שען הענטעל. פאַר א שענעם „כּתב״ האָט אונז דער טאַטע געשענקט א גראָשען (דער ערשטער „האָנאָראַר״), און צוליעב דעם שענעם כּתב האָב איך זיך אויפגעגנייהט א ביכעל און האָב שען אָנגעשריבען („פּאַר־פּאַסט״) א גאַנצען חבור אויף תּנ״ך און אויף דקדוק, און אז איך האָב דאָס באַוויזען דעם טאַטען, איז ער נתפּעל געוואָרען פון מיין „ווערק״ און האָט דאָס לאַנג־לאַנג ארומגעטראָגען ביי זיך אין קעשענע, באַוויזען איטליכען באַזונדער, ווי שען זיין זוהן שרייבט (אלט האָב איך באַדאַרפט זיין דעמאָלט א יאָהר צעהן), ווי קלאָר ער איז אין תּנ״ך און ווי גוט ער קען דקדוק. דערויף האָט געזאָגט אונזער שכן, א איד א חסיד מיט א צאַפּען־בּערדעל, רב אייזיק, וואָס פלעגט קוויטשען בשעת דאַוונען, ווי א קעצעל: „דקדוק — שמינדיק — בינדיק בלע״ז! דער עיקר׳שט איז ביי מיר דאָס הענטעל! א גילדען הענטעל!״... (די ערשטע „קריטיקע״).

נעצווינגען האָט מיך אלץ אהין, אין יענע עולמות פון רוחניות, פון חלומות, פון נגינה (זעה „יוסילע סאָלאָוויי״), פון שפּיעלען (זעה „סטעמפּעניו״), און איך האָב אליין נאָך דער בר־מצוה בגנבה זיך צוגעחאַפּט צום פיעדעל — און האָב געחאַפּט דעם רעכטען פּסק פון מיין טאַטען (זעה „אויפ׳ן פיעדעל״).

נאָך איינער איז געווען מיט מיר אַ גלייכען אויף מאַכען אָנשטעלען, זיך פאַרשטעלען, „שפּיעלען", „זיך גרימירען", און בשעת מעשה זינגען שענע, וואונדערשענע ליעדער. דאָס איז געווען מאיר'על דעם רב'ס, אָדער מאיר'על מעדוועדיעוו, דער גע־וויסער נאָכדעם באַריהמטער ארטיסט מעדוועדיעוו. די קונץ פון „שפּיעלען" איז געווען אָנטפּלעקט פאַר איהם נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען בּאָרוויס און געזונגען דאָס שענסטע ליעד פאַר אַ גראָשען אָדער פאַר אַ האַלבען עפּעל *. מיר ביידע, איך און מאיר'על מעדוועדיעוו, האָבען געשפּיעלט דעם „גזלן" — אַ טהעאַטער־שטיק פון אונזער אייגענער פאַנטאַזיע. מעדוועדיעוו איז געווען דער גזלן, איך בּין געווען דער איד, דער אָרעמאַן, און די איבּעריגע חברים זענען שוין געווען דער וואַלד (די בּוימער פונ'ם וואַלד — סטאַטיסטען). איך, דער איד דער אָרעמאַן, בּין געשטאַנען פאַר איהם, פאַר'ן גזלן, אויף די קניהעס, גע'טענה'ט: „וואָס האָסט דו צו מיר? איך בּין אַ איד איין אָרעמאַן, איין אביון! האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער!"... און ער, דער גזלן (מעדוועדיעוו), מיט אַ קאַלאַדאַטשמעסער אין האַנט, האָט געזונגען זעהר אַ שען ליעדעל: אַז ער מוז, ער מוז אויס־קוילען אַלע אידען!...

ווי ווייט פאַרדאַרבּען און שלעכט דערציוגען מיר זענען ניט געווען, איז דער געפיהל פון צער בּעלי־חיים געווען בּיי מיר אַזוי גרויס, אַז אַ קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט (זעה „מתושלח"), אַ הונט מיט איין איבּערגעבּראָכענעם פוס האָט ארויסגערופען בּיי

* איך געדענק אַ ליעדעל מיט דער מעלאָדיע:
„געה איך ארוים אין דער ווילנער גאַס,
הער איך אַ קול מיט אַ גרויס געשריי:
אוי־וועה! —
מע שרייעט אַזוי..."

נאָר איין „המליץ" האָט אָפּגעדרוקט אַ צוויי־דריי פון מיינע „מאמרים" מיט אַ הערה פון דער רעדאַקציע מיט קליינינקסקע אותיות׳לעך: „שפתך אתך (דיין שפּראַך איז מיט דיר). שלח דבריך וכבדנום (שיק דיינע רעד, וועלען מיר זיי פאַרצוקערען)"... און איך האָב אָנגעהויבען שרייבען לשון־קודש׳דיגע „מאמרים" אויפ׳ן פּוד, גאַנצע וואַגאָנעס מיט „מאמרים", נאָר מע האָט זיי ניט געוואָלט „פאַרצוקערען", איך ווייס ניט פאַר וואָס!...

בעת ההיא — אין יענער צייט (1883) האָט זיך באַוויזען אַ אידיש בלאַט, דאָס ערשטע אידישע בלאַט אין זשאַרגאָן („פאָלקסבלאַט" פון אלכסנדר צעדערבוים), און אַזוי ווי די גויים האָבען מיינע „ראָמאַנען" און מינע „דראַמען" נישט געוואָלט דרוקען, און די לשון־קודש׳דיגע „מאמרים" זענען אויך געלעגען נישט „פאַרצוקערטערהייט", האָב איך מיך געפּרובט אויף אַ ציקאַוועסט אָנשרייבען עפּיס אַ זאַך פּראָסט אויף דעם לשון, וואָס מע רעדט, אויף דעם לשון פון מענדעלי מוכר־ספרים, וואָס איז דעמאָלט געקומען מיר אין האַנט — און שטעלט אייך פאָר, אַז מע האָט דאָס אויפגעחאַפּט אין „פאָלקסבלאַט", און דער רעדאַקטאָר אליין, צעדערבוים, האָט מיט זיין האַנט מיר אָנגעשריבען אַ בריעף און געבעטען (איהר הערט? — געבעטען!), איך זאָל שרייבען נאָך. און פון יענער צייט האָב איך אָנגעהויבען געבען פעליעטאָנען אין „פאָלקסבלאַט", און וואָס מעהר איך האָב געגעבען, אַזוי מעהר האָט מען מיר געשריבען, איך זאָל שיקען נאָך. און צו דעם האָט זיך אונטערגעחאַפּט מרדכי ספּעקטאָר, אַלס מיטאַרבייטער אין „פאָלקסבלאַט": ער האָט מיך ניט אויפגעהערט צו וואַרעמען, איך זאָל שרייבען — עד היום הזה. דאָס איז אָבער ביי מיר געוועזען אין יענער צייט ניט מעהר ווי אַ שפּיעלעכעל, ביז עס האָט זיך געטראָפען אַ מעשה מיט אַ „מעסערל", וואָס האָט געמאַכט

פאַראַרעמט געוואָרען, זענען מיר אַריבערגעפאָהרען פון וואָראָנקאַ צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. דאָרט האָט מען אונז אויפ־גענייהט די ערשטע מאָרנע קאַפּאָטקעלעך, מיט אַ שפּאַלט פון הינטען. און אַז די מאַמע איז געשטאָרבען (פון דער חלירע), האָט אונז דער טאַטע אָפּגעגעבען אין דער „שקאָלע", און איך האָב מיך אויסגעפּיינט צווישען אַלע קינדער, באַוויזען אַ סך בריה'־שאַפט, און נאָך דעם ערשטען ביכעל, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען געלייענט צו פופצעהן יאָהר, „ראָבינזאָן קרוזעאָ", האָב איך תיכף ומיד געמאַכט איין אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזעאָ", מיט'ן נאָמען: „דער אידישער ראָבינזאָן קרוזעאָ", באַוויזען דעם טאַטען, און דער טאַטע האָט באַוויזען די אורחים (ביי אונז איז געוועזען איין אכסניה), און אַלע זענען אַרויס פון די כּלים!

פון דעמאָלט־אָן האָט דער טאַטע געקוקט אויף מיר, ווי אויף איין אבן־טוב, מיך אַרויסגענומען פון דער שטיפמאַמע'ס רשות, נישט געלאָזט, מע זאָל מיך שלאָגען, נישט געלאָזט מיך וויעגען איהרע קליינע קינדער, נישט גענגעבען מיר האַקען ראָזשינקעס, ווי פריהער (ביי אונז איז געווען אויך אַ וויינקעלער מיט'ן נאָמען „יוזשנעי בערעג"), און פאַרוועהרט מיר פוצען פאַר די אורחים די שטיוועל, שטעלען דעם סאַמאָוואַר, לויפען אַ גאַנג, וכדומה אַזעלכע מלאכות, וואָס איך פלעג זיי טהון ביז יענער צייט.

אין דער עפּאָכע וואָס פון זיעבעצעהן יאָהר ביז איין־און־צוואַנציג יאָהר, ביז איך האָב גענומען שטודירען, געוואָלט זיין אַ ראַבינער, האָב איך אַ סך־אַ סך געלייענט, נאָר נאָך מעהר געשריבען. און געשריבען האָב איך אַלץ, וואָס איך האָב גע־לייענט: ליעדער, פּאָעמען, ראָמאַנען, דראַמען אָהן אַ שיעור און גלאַט „מאמרים" אין דער וועלט אַריין! מיינע „ווערק" האָב איך געשיקט אין אַלע אידישע און גוישע רעדאַקציעס (איך האָב געשריבען אין לשון־קודש און אין רוסישען), און די רעדאַקציעס האָבען, ברוך השם, געהאַט מיט וואָס צו הייצען די הרובעס...

געטרייע ווערטער, און איטליכס מאָל, ווען איך שרייב־אָן א נייע זאך, פארגעס איך ניט פרעגען ביי זיך אליין: וואָס וועט זאָגען דערויף „קריטיקוס״?... פון דעמאָלט־אָן האָב איך דאָס געלט פארלאָרען, נאָר מוטה איז מיר געבליבען, און איך האלט שטארק־שטארק די פען אין האנט! צי דארף איך איהם זאָגען א דאנק, דעם דאָזיגען קריטיקוס (דובנאָוו), צי חלילה פארקערט?... דערויף בין איך נישט קיין בעל־הבית. איך בין פארקראָכען מיט מיין חולאת (שרייבעריי) אזוי ווייט, אז איך הויב שוין אָן גע־הערען נישט צו זיך און נישט צו מיין הויזגעזינד, נאָר מעהר צו אונזער ליטעראטור און צו יענעם גרויסען געזינדעל, וואָס הייסט פובליקום...

קיעוו, חול־המועד סוכות, תרס״ד.

איין איבערקעהרעניש אין מיין ארט שרייבען און אויך אינ׳ם גאנצען לעבען ביי מיר.

יענע צייט איז געווען ביי מיר א צייט פון מסחר, פון געלט, פון בערזע, פון פאפיערען, וכדומה אזעלכע זאכען, וואס זענען ניט שייך צו ליטעראטור. איך האב זיך ארייגגעחאפּט, ווי מע זאָגט, אין די פעדערען, אין די גרויסע שווערע טויזענטער, און וואלט אפשר אוועק אויף איין אנדער וועג, ווי זיי רופען עס — דעם אמת׳ען וועג... געקומען אין דער גרויסער שטאָדט אריין, אין קיעוו, וועגען פארשיידענע גרויסע עסקים, און אָנגע־מיעדט זיך פונ׳ם טאָג, האב איך מיך געלעגט שלאָפען און האב נישט געקאָנט אנשלאָפען ווערען. בין איך אויפגעשטאנען, זיך געזעצט צום שרייבטיש און אָנגעשריבען — ניט אָנגעשריבען, נאָר אויסגעגאָסען א זאך, איין עראינערונג פון מיינע חדר־יאָהרען, און האב דאס א נאָמען געגעבען „דאָס מעסערעל״, און האב דאס אוועקגעשיקט אין דער רעדאקציע — און פארגעסען.

ויהי היום, איך לייען דעם „וואָסחאָד״, טרעף איך איין איבערבליק איבער ליטעראטור פון „קריטיקוס״ (דובנאָוו) — איבער פארשיידענע שמאטעס, ובתוכם מיין „מעסערעל״. מיט א שרעקליך הארצקלאָפעניש האב איך איבערגעלייענט די עטליכע ווארעמע שורות פון דעם „קריטיקוס״, וואס לויבט דאָס „מעסערעל״ מיינס און זאָגט נביאות, אז דער יונגער מחבר פונ׳ם „מעסערעל״ ווייזט־אויס א טאלאנט צו זיין און ער וועט נאָך אמאָל געבען גוטע זאכען פאר אונזער אָרעמער אידישער זשארגאָן־ליטעראטור.

מיט טרערען פון פרייד און דאנקבארקייט האב איך איבער־געלייענט נאָך א מאָל די דאָזיגע ווערטער פונ׳ם ליעבהארציגען „קריטיקוס״ און האב מיר געגעבען דאָס וואָרט, איך זאָל שרייבען אין דער ארט נאָך און נאָך — און פון דעמאָלט־אָן ביז היינטיגען טאָג שטעהען מיר פאר מיינע אויגען די עטליכע ווארעמע גוטע

די צוואה פון שלום-עליכם

די צוואה פון שלום־עליכם

איך בעט עפענען און פערעפענטליכען אין'ם טאָג פון מיין טוידט.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

י"א תשרי התרע"ו. 19 סעפּט. 1915, ניויארק.

היינטיגען טאָג, מחרת יום־הכפּורים, עס האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבען אַ נייעס יאָהר, און אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפען מיין פאַמיליע — געשטאָרבען מיין עלטערער זוהן; מישאַ (מיכאַאיל) ראַבינאָוויץ און אַוועקגעטראָגען מיט זיך אין קבר אַ שטיק פון מיין לעבען, איז געבליבען ביי מיר, איך זאָל איבערשרייבען אויף דאָס ניי מיין צוואה, וועלכע איך האָב געהאַט געשריבען אין'ם יאָהר 1908, ביי מיין קראַנק זיין, אין נערווי (איטאַליאַ). —

זייענדיג געזונט און אין פולען פערשטאַנד שרייב איך מיין צוואה, וואָס בעשטעהט אין צעהן פּונקטען:

א) וואו איך זאָל ניט שטאַרבען, זאָל מען מיך בע־האַלטען ניט צווישען אַריסטאָקראַטען, מיוחסים, אָדער גבירים, נאָר גראָד צווישען פּראָסטע אידען אַרבייטער, מיט'ן אמת'ען פאָלק, אַזוי אַז די מצבה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלען אויף מיין קבר, זאָל בעשענען די איינפאַכע קברים אַרום מיר, און די איינפאַכע קברים זאָלען בעפּוצען מיין מצבה, אַזוי ווי דאָס פּראָסטע עהרליכע פאָלק האָט פאַר מיין לעבען בעשענט זייער פאָלקסשרייבער. —

מיינע, און אויך אויסקלויבען אַ מעשה פון מיינע מעשה׳לעך, פון די סאַמע פרייליכע, און פאָרלייענען עס אין וואָסער אַ שפּראַך ס׳וועט פאַר זיי זיין מעהר פערשטענדליך, און לאָז מיין נאָמען דערמאַנט ווערען פון זיי בעסער מיט אַ געלעכטער, איידער גאָרניט דערמאַנט ווערען. —

ה) רעליגיעזע איבערצייגונגען קאָנען מיינע קינדער און קינדס-קינדער האָבען וואָסערע זיי ווילען. נאָר זייער אידישע אָפּשטאַמונג בעט איך, זיי זאָלען היטען. די יעניגע פון מיינע קינדער, וואָס וועלען זיך אָפּוואַרפען פון זייער שטאַם און וועלען אַריבער אין איין אַנדער גלויבען, האָבען זיך שוין דערמיט אַליין אָפּגעוואָרפען פון זייער שטאַם און פון זייער פאַמיליע און אַליין אויסגעמעקט זיך פון מיין צוואה — ואין להם חלק ונחלה בתוך אחיהם. —

ו) אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, סאַי אין מזומן — אויב דאָס מין וועט זיך געפינען אין מיין בעזיץ — סאַי אין ביכער, געדרוקטע און אין מאַנוסקריפּט, סאַי אין אידיש, סאַי אין אַנדערע שפּראַכען (אויסער די, וואָס זענען איבערזעצט אין העברעאיש), געהער צו מיין פרוי האָדעל בת אלימלך, אָדער אָלגאַ ראַבינאָוויץ, און נאָך איהר טוידט געהט עס אַריבער צו מיינע קינדער גלייך אויף גלייך: צו מיין טאָכטער חיה אסתר (ערנעסטינאַ) בערקאָוויץ, צו מיין טאָכטער שרה (ליאַליאַ) קויפמאַן, צו מיין טאָכטער נעמי (עמאַ) ראַבינאָוויץ, צו מיין טאָכטער מרים (מאַרוסיאַ) ראַבינאָוויץ און צו מיין זוהן נחום (נומאַ) ראַבינאָוויץ. און וואָס אָנבעלאַנגט צו מיינע ווערק אין העברעאיש געהערען זיי צום מייסטערהאַפטען איבערזעצער, מיין שוויגערזאָהן י. ד. בערקאָוויץ, און צו זיין טאָכטער, מיין איינִיקעל תמר (תמרה) בערקאָוויץ — דאָס זאָל זיין איהר נדן. — די טאַנטיעמען, וואָס וועלען אַריינפאַלען פאַר מיינע פּיעסען, הן אין רוסלאַנד והן אין אַמעריקאַ, זאָל האַלב געהן צו מיינע

ב) קיין שום טיטלען מיט לויבענישען מיט מורי-מורינו׳ס זאָל אויף מיין מצבה ניט זיין, אויסער דער נאָמען „שלום-עליכם״ פון איין זייט און אויסער דעם אידישען אויפשריפט, וואָס בייגעלעגט, פון דער אַנדערער זייט.

ג) קיין שום דעבאַטען און דיסקוסיאָנען פון מיינע קאָללעגען וועגען פעראייביגען מיין נאָמען, וועגען אויפשטעלען מיר אַ מאָנומענט אין ניו-יאָרק א. ד. ג. זאָל ניט זיין: איכ׳ל נישט קאָנען אײנליגען רוהיג אין קבר, אַז מיינע חברים וועלען זיך נאַריש מאַכען. דער בעסטער מאָנומענט וועט זיין פאַר מיר, אַז מע וועט לייענען מיינע ווערק און אַז עס וועלען זיך געפינען אין די פערמעגליכע קלאַססען פון אונזער פאָלק מעצענאַטען, וואָס וועלען זיך נעמען אַרויסגעבען און פערשפרייטען מיינע ווערק, הן אין אידיש, הן אין אַנדערע שפראַכען, און דערמיט געבען דעם פאָלק די מעגליכקייט צו לעזען און מיין פאַמיליע — אַ בכבוד׳ע עקזיסטענץ. אויב איך האָב ניט זוכה געווען, אָדער נישט פערדיענט קיין מעצענאַטען ביי מיין לעבען, וועל איך זיי אפשר זוכה זיין נאָכ׳ן טוידט. איך געה אַוועק פון דער וועלט מיט׳ן פולען גלויבען, אַז דאָס פאָלק וועט נישט פערלאָזען מיינע יתומים. —

ד) אויף מיין קבר און דערנאָך דאָס גאַנצע יאָהר און שפּעטער אַלע מאָל צום יאָהרצייט זאָל מיין איבערגעבליבענער איינציגער זוהן, ווי אויך מיינע איידעמס, אויב זיי וועללען, זאָגען נאָך מיר קדיש. און אויב זיי וועלען קיין חשק ניט האָבען, אָדער די צייט וועט זיי ניט ערלויבען, אָדער ס׳וועט זיין קעגען זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, קאָנען זיי יוצא זיין נאָר דערמיט, וואָס זיי וועלען זיך צענויפקלויבען אַלע מיט די טעכטער מיינע און מיט די אייניקלעך און מיט גלאַט גוטע פריינד, און פאָרלייענען די דאָזיגע צוואה

פונ'ם לאַנד. סיידען עס וועט קומען אַזאַ צייט, אָדער עס וועט זיך געפינען אַזאַ שוטה, וואָס וועט אָפּצאָהלען פאַר'ן זכות אַזאַ סומע, וועלכע זאָל קענען זיין גענוג אויף אויס־צוהאַלטען אַ משפחה. דאַן זאָלען זיך אַלע יורשים צווישען זיך פערשטענדיגען, און אויב די מעהרהייט וועט צושטימען, זאָל מען זיך מיט די מזומנים צעטיילען חלק כחלק לויט פּאַראַגראַף ו' און קודם כל זאָלען די 10% אָראָפּגענומען ווערען פאַר'ן אידישען ליטעראַטור־פאָנד לויט פּאַראַגראַף ז'.

י) מיין לעצטער וואונש צו מיינע נאָכפאָלגער און מיין בקשה צו מיינע קינדער: אָפּהיטען די מאַמע, בעשענען איהר עלטער, פערזיסען איהר ביטער לעבען, היילען איהר געבראָכען האַרץ, נאָך מיר ניט וויינען, נאָר אַדרבה דער־מאַנען מיך מיט פרייד, און דער עיקר — צווישען זיך לעבען אין פריעדען, ניט טראָגען קיין שנאה איינס אויף דאָס אַנדערע, אויסהעלפען זיך איינער דעם צווייטען אין אַ שלעכטער צייט, דערמאַנען זיך אַמאָל אין דער משפחה, רחמנות האָבען גלאַט אויף איין אָרעמאַן, און ביי גוטע אומשטענדען צאָהלען מיינע חובות, אויב אַזעלכע וועלען זיין. קינדער! טראָגט מיט עהרע מיין פערהאָרעוועטען אידישען נאָמען, און דער גאָט וואָס אין הימעל זאָל אייך זיין צו הילף. אָמן.

שלום בן מנחם נחום ראַבינאָוויץ

שלום־עליכם.

יורשים און האַלב זאָל אָפּגעלעגט ווערען אויפ'ן נאָמען פון מיין אייניקעל בעללאַ, די טאָכטער פון מיכאַאיל און שרה קויפמאַן — דאָס זאָל זיין איהר נדן. —

ז) פון אַלע הכנסות, וואָס זענען אויסגערעכענט אין פריהעריגען פּאַראַגראַף, זאָל אַרונטערגענומען ווערען פאַר'ן פאָנד פאַר אידישע שרייבערס (אין אידיש און אין העבּ־רעאיש) ביז פינף טויזענד רובעל אַ יאָהר — פינף פּראָצענט, און אויב די הכנסה וועט זיין מעהר פון 5,000 רובעל אַ יאָהר, איז צעהן פּראָצענט (צום ב"ש: פון 6,000 רוב. 600, פון 7,000 700, פון 8,000 רוב. 800 רובעל א. ז. וו.). אויב אין יענער צייט וועט זיין אַזאַ פאָנד, דאָ אין אַמעריקאַ, אָדער דאָרט אין יוראָפּ, זאָלען די פּראָצענטען אַלע יאָהר איינ־געצאָהלט ווערען אין פאָנד אַריין, און דער פאָנד וועט טהון לויט זיינע סטאַטוטען. באַם אָבער עס וועט ביז דאַן קיין אָפיציעלער פאָנד ניט זיין, אָדער עס וועט זיין אַזאַ פאָנד, וואָס ענטשפּרעכט ניט מיין ווילען, וואָס איז אויסגערעדט אין אָנהויב פונ'ם דאָזיגען פּאַראַגראַף, זאָלען די פּראָצענטען צעטיילט ווערען נויטבעדערפטיגע שריפטשטעלער פון מיינע יורשים דירעקט, לויט פעראייניגונג צווישען זיך.

ח) אויב איך וועל ניט בעוויזען פאַר מיין לעבען אַליין אַוועקצושטעלען אַ מצבה אויפ'ן קבר פון מיין נאַר־וואָס פערשטאָרבענעם זוהן מיכאַאיל (מישאַ) ראַבינאָוויץ אין קאָפּענהאַגען, זאָלען דאָס טהון מיינע יורשים ביד רחבה, און אינ'ם טאָג פון זיין יאָהרצייט זאָל אַלע יאָהר געזאָגט ווערען קדיש און צעטיילט ווערען ח"י קרוין צדקה לעניים.

ט) מיין וואונש איז, אַז מיינע יורשים זאָלען זיך איינ־אָרדנען אַזוי, אַז מיינע ווערק און מיינע פּיעסען זאָלען לצמיתות ניט פערקויפט ווערען, ניט דאָ אין אַמעריקאַ, ניט אין יוראָפּ, נאָר זיי זאָלען בעוויזען צו לעבען פון זייער איינקונפט אַלע יאָהרען, וואָס עס געהער צו זיי לויט געזעץ

די עפּיטאַפיע פון שלום-עליכם

(געשריבען פון איהם אליין און אויסגעקריצט אויף זיין מצבה).

דאַ ליגט א ייד א פשוטער

געשריבן אידיש-טייטש פאר ווייבער,

און פאר'ן פראָסטן פאָלק האט ער –

געווען א הומאריסט א שרייבער.

דאס גאנצע לעבן אויסגעלאכט,

געשלאגן מיט דער וועלט כפרות.

די גאנצע חבֿרה האט גוט געמאכט,

און ער – אוי, וויי – געווען אין צרות!

און דווקא דעמאלט ווען דער עולם האט

געלאכט, געקוויקט, און פלעגן זיך פֿרייען,

האט ער געקרענקט – דאס ווייסט נאר גאט –

בסוד, אז קיינער זאל ניט זעהן.

שלום-עליכם.